STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00231

KULTUR-HISTORISHE SHTUDIES

Israel Zinberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Orrie & Laurel Friedman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר י. צינבערג

קולטור-היסטארישע שטודיעס

משה-שמואל-שקלארסקי

ניו-יאָרק, נ. י., 1949.

DR. ISRAEL ZINBERG

Kultur-Historishe Shtudies

(Studies in Culture and History)

MORRIS S. SKLARSKY
10 Monroe St., G. D. 4,
New York 2, N. Y.

Printed in U.S.A.

Grenich Printing Corp.
New York 1, N. Y.
166

אינהאַלט

זייט

דערקלערונגען פון אַרויסגעבער — — — — — — — — — — — — — — 5

צוויי שיטות אין יידישן לעבן — — — — — — — — — — — — 7

די געשיכטע פון דער רוסיש־יידישער פרעסע (1860—1880) — 87

דער „קול מבשר" און זיין צייט — — — — — — — — — — — — 159

די מחלוקות צווישן די ראשי־הקהל און דעם רב אין ווילנע אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י"ה — — — — — — — — — — 190

טעאַטער ביי יידן אין דער תקופה פון רענעסאַנס — — — — — — 227

צו דער געשיכטע פון דער יידישער פאָלקס־דראַמאַטיק — — 252

„פורים שפיל" אין פאַרשיידענע צייטן — — — — — — — — — — 277

צו דער „קעניג ליר" פאָרשטעלונג אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 292

וועגן וואַנדערנדיקע מאָטיוון אין יידישן פאָלקלאָר — — — — — 297

וועגן די מקורים פונם „מעשה־בוך" — — — — — — — — — — — 306

מאַקס עריקס געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור — 314

דר. מאַקס ווײַנרייך: בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 329

אלעזר שולמאַנס ווערק און זיין רעדאַקטאָר — — — — — — — — 333

איין יובל — צוויי דורות — — — — — — — — — — — — — — — 339

אַבראַמאָוויטש — מענדעלע (צום צענטן יאָרצייט) — — — — — — 344

מיטן פנים צום טאַלענט — — — — — — — — — — — — — — — — 361

דערקלערונג פון אַרויסגעבער

דאָס דאָזיקע בוך, האָט נאָך אין 1946, געזאָלט אַרויס אין פאַרלאַג אליהו שולמאַן, רעדאַקטירט, מיט אַן אַריינפיר און קריטישע באַמער־קונגען און הוספות פון דר. יעקב שאַצקי. אין דעצעמבער 1948 האָט דער פאַרלעגער איבערגעלאָזט דעם פאַרטיקן מאַטעריאַל ביים דרוקער, וועלכער האָט געזאָלט צעוואַרפן דעם זאַץ. האָב איך אָפּגעקויפט פון דער „גרעניטש פרינטינג קאָרפּ.״ דעם זאַץ, און פאַרענדיקט דאָס בוך לויט דער ערשטער געלע־פּרואוו.

איך האָב צוגעגעבן די פאָלגנדע צוויי אַרטיקלען: „צו דער „קעניג ליר״ פאָרשטעלונג אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער״, און „מיטן פנים צום טאַלענט״.

דעם מחברס האָנאָראַר האָב איך איבערגעגעבן צום „אידישער אַרבעטער קאָמיטעט״, 175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ. י.

איך בין זייער צופרידן וואָס עס האָט זיך מיר איינגעגעבן אָפּצור־ראַטעווען דעם וויכטיקן מאַטעריאַל, פון דרוקערס שמעלץ־טאָפּ.

ניו־יאָרק, 15טן מערץ, 1949. משה שמואל שקלאַרסקי

צוויי שיטות אין יידישן לעבן

א קולטור־היסטארישע שטודיע

הקדמה

אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך דער מחבר געשטעלט פאַר א ציל צו אַנאַליזירן אין אַלגעמיינע שטריכן די זיגזאַגן, וואָס דער יידישער פאָלקס־געדאַנק האָט דורכגעמאַכט אין דעם סאַמע פינצטערן פעריאָד פון דער יידישער געשיכטע. די אויפגאַבע פון דעם מחבר איז אויסצופאָרשן, ווי אַזוי האָט דער קאַמף פון דער יידישער פערזענלעכקייט פאַר איר אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, זיך אָפגעשפיגלט אויף דער „אידעאָלאָגיע" פון דער דאָזיקער פערזענלעכקייט און אויך, ווי אַזוי האָט די דאָזיקע „אידעאָלאָגיע" משפיע געווען אויף דעם יחידס „זיין".

אָנהייבנדיק מיט די קרייצצוגן, איז דאָס לעבן פון יידן אין אייראָפּע, וואָס איז אַזוי אויך געווען זייער טרויעריק, געוואָרן ממש אומדערטרעגלעך. דאָס דאָזיקע לעבן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א פערמאַנענטן קידוש־השם, אין אַן ענדלאָזן דערנער־וועג.

די יידישע פערזענלעכקייט האָט זיך צונויפגעשטויסן פנים אל פנים מיט א סטיכישן שטראָם פון דרויסנדיקע, פיינטלעכע כוחות, וואָס האָבן געשפּאַרט אויף איר פון אַלע זייטן. די דאָזיקע פערזענלעכקייט האָט פאַרמאָגט מער קולטור, ווי די סביבה אַרום. אָבער די דאָזיקע סביבה האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט א סך א גרעסערן כוח צוליב איר סטיכישער מאַסע. די יידישע פערזענלעכקייט האָט געמוזט אָנווענדן ממש העראָאישע כוחות כדי אויסצוהאַלטן אין דעם דאָזיקן שווערן און ניט־גלייכן קאַמף פאַר זיין אינדיווידואַליטעט, פאַר רעכט אויף פרייע אַליינבאַשטימונג.

דאָס איז געווען א קאַמף, וואָס האָט ניט קיין אַנאַלאָגיע אין

דער וועלט־געשיכטע, דער איינציקער קאַמף פון דעם מין. אויף קיין פאָלק אין דער וועלט איז ניט אויסגעפאַלן אַזאַ ביטערער גורל זיך צו פאַרטיידיקן קעגן אַזעלכע פאַרביטערטע אַטאַקעס — און אַרויס אַ זיגער. די יידישע פערזענלעכקייט האָט אויסגעהאַלטן דעם אָנגריף פון די גרויסע, פיינטלעכע כוחות. זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן און דערפאַר ניט אומגעקומען. דער דאָזיקער ניט־גלייכער קאַמף פאַרמאָגט אַ סך טיפן טראַגיזם און שפּאַנענדיקע דראַמאַטישקייט. עס איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן קאַמף אַ סך אויסערגעוויינטלעכע, אייגנאַרטיקע און מערקווירדיקע מאָמענטן.

דער אינסטינקט פון אַליינדערהאַלטונג האָט דיקטירט דער יידישער פערזענלעכקייט דעם געדאַנק, אַז מחוץ די גרעניצן פון אַ שאַרף־אויסגעשיילטער נאַציאָנאַליטעט און דער ריין־נאַציאָנאַלער רעליגיע, מוז זי אומפאַרמיידלעך אונטערגיין און פאַרשלונגען ווערן פון די פיינטלעכע כוואַליעס. דערפאַר האָט דער יידישער יחיד פאַרטיידיקט מיט אַזאַ מערקווירדיקער עקשנות און מסירת־נפש די גאַנצקייט און די פעסטקייט פון די עיקר־יסודות פון דער יידישער אמונה קעגן די אַטאַקעס פון אַלע זייטן.

אַזוי שנעל, ווי דער יידישער יחיד האָט דערפילט, אַז דער יידישער אַבסטראַקטער און גאַוןהדיקער פילאָסאָפישער געדאַנק שטעלט אין אַ סכנה די דאָזיקע עיקר־יסודות האָט ער זיך ניט געוואַקלט און זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דאָזיקן פילאָסאָפישן געדאַנק, הגם ווי אַ הויךקולטורעלע פערזענלעכקייט איז דער ייד געווען דורכגעדרונגען מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז וויסן מיינט מאַכט. געבראַכט האָט ער דעם דאָזיקן קרבן דערפאַר, ווייל דער אינסטינקט פון אַליינדערהאַלטונג האָט אים דיקטירט, אַז עס איז בעסער פאָלגן דעם דיקטאַט פון געפיל, איידער דער העגעמאָניע פון שכל, אויב דאָס שטעלט אין אַ סכנה דעם קיום האומה. די יידישע פערזענלעכקייט וואָס פאַר איר איז די וועלט פון רדיפות, נגישות און פּיין געווען אַ רעאַלע וועלט, שאַפט איר אייגענע מיסטישע וועלט פול מיט דמיונות און הלומות. מיט אַלע סטרונעס פון איר אויסגעפּייניקטער נשמה הויבט זי אָן צו גלויבן. דער יידישער יחיד האָט אַזוי געגלויבט, ווייל ער האָט ג ע מ ו ז ט גלויבן. אַנדערש וואָלט ער ניט געקענט עקזיסטירן און ממילא געמוזט אונטערגיין. יעמאָלט דערגרייכט דער דאָזיקער גלויבן ביז אַ „מאַסן־פּסיכאָז", ממש צו אַ „פּאַטאָלאָגישער מאַגיק". לגבי די דאָזיקע פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען אָבער מוז מען אָנווענדן גאָר אַן אַנדער מאָס פון שאַצן.

דערשיינונגען פון דער ספערע פון פּאַטאָלאָגישער מאַגיק ווערן געוויינטלעך אויפגעקלערט, ווי אַ פּראָצעס פון דעצענטראַליזאַציע פון דעם פּערזענלעכן „איך“, ווי אַ ירידה פון דער פּערזענלעכקייט, ווי אַ געפאַלנקייט פון דעם יחיד. דער „המון“, וואָס פאַלט אַריין אין אַ „מאַסן־פּסיכאָז“ ווערט באַטראַכט בדרך־כלל ווי מענטשן, וואָס די לעבנס־תנאים האָבן זיי אַראָפּגענידערט צום מעמד פון אויטאָמאַטן, ווי מענטשן מיט צעשטערטן באַוואוסטזיין און מיט אַ פּאַראַליזירטן ווילן. דאָ אָבער שטויסט מען זיך אָן אויף אַ גאָר פאַרקערטער דערשיינונג. ניט דער פּאַראַליזירטער ווילן, ניט דאָס דעצענטראַליזירטע „איך“־באַוואוסטזיין — זיינען אין תוך גענומען די סיבות פאַר דעם מאַסן־פּסיכאָז. פאַרקערט, מען שטויסט זיך דאָ אָן אויף אַ מאַניפעסטאַציע פון אַ שטאַרקן ווילן וואָס צילט צו דערגרייכן אַ באַשטימטע אידעע, וואָס ווערט אָנערקענט ווי דער עיקר און דער תמצית פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ. דער יחיד אין זיין קאַמף פאַר דער מאַניפעסטאַציע פון זיין „איך“, ווענדט אָן די סאַמע שוואַכע מיטלען, די איינציקע, וואָס זיינען נאָך געבליבן פאַר אים כדי צו קענען אָנגיין מיטן קאַמף.

דער מחבר פּרעטענדירט ניט צו געבן קיין פול בילד פון דעם דאָזיקן, היסטאָרישן קאַמף. די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער אַרבעט איז אַ באַשיידענע. דער מחבר וויל אָנווייזן, ווי אַזוי האָבן די דאָזיקע צוויי שיטות ריוואַליזירט איינע מיט דער אַנדערער אין דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין יידישן לעבן און געדאַנק. ביידע שיטות האָבן פּרעטענדירט אויף אַן העגעמאָניע. פון איין זייט — די דעמאָקראַטישע „רעליגיע פון געפיל“, פון דער צווייטער זייט — דער „גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם„ און זיין שאָטן — דער טרוקענער, איינזייטיקער ראַציאָנאַליזם.

נאָכפאָלגן, אַפילו אין די סאַמע אַלגעמיינע שטריכן די דאָזיקע צוויי ריכטונגען, וואָס האָבן זיך שטאַרק באַקעמפט און צייטנווייז זיך אַפילו געקרייציקט און זיך אַריינגעפלאָכטן איינע אין דער אַנדערער — מיינט, באַקומען אַ באַלערנדיק בילד וועגן אונדזער עבר. אויך לגבי אונדזער איצטיקער ווירקלעכקייט איז דאָס אַ וויכטיקער ענין. אויך די „אידעאָלאָגיע פון דער צוקונפט“, וואָס באַאומרואיקט אונדז אַזוי שטאַרק קען אין ליכט פון דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט באַלויכטן ווערן אַזוי, אַז מען קען פון דעם זיך עפּעס אָפּלערנען.

1.

עס איז פֿאַראַן אַ טיפֿע סיבה אין דעם, פֿאַרוואָס ווערט די אַריסטאָטעלישע תקופה פֿון דער יידישער רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע באַטראַכט פֿאַר די סאַמע וויכטיקסטע אין דער געשיכטע פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דעם יידישן קולטור־געדאַנק.

„פֿאַר אונדז האָט דער דאָזיקער פּעריאָד אַ גרויסן באַטייט ניט נאָר צוליב דעם, וואָס ער רעפּרעזענטירט די תקופֿה פֿון דער אינטענסיווסטער פֿילאָסאָפֿישער שעפֿערישקייט פֿון אונדזער פֿאָלק, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס אין אים האָבן זיך צונויפֿגעפֿלאָכטן אַלע נערוון, וואָס האָבן באַוועגט די יידישע גלות געשיכטע. אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָבן זיך געקרייציקט אַלע זיך סותרדיקע טענדענצן, וואָס האָבן געהערשט און הערשן עד־היום אין דעם היסטאָרישן לעבן פֿון דעם יידישן פֿאָלק. די צענטראַלע פֿראַגע, וואָס האָט אינטערעסירט די דענקער פֿון יענעם פּעריאָד, איז נאָך אַלץ אַקטועל. מען קען אַפֿילו זאָגן, אַז ערשט איצט ווערט זי געשטעלט אויפֿן סדר־היום.“*)

ניט ווייניקער חשוב איז דער דענקער גופֿא, מיט וועמעס נאָמען עס איז פֿאַרבונדן די דאָזיקע מערקווירדיקע אידעאישע דיכטונג.

דאָס איז געווען ר׳ משה בן מיימון, דער רמב״ם (1135—1204).

דער גורל פֿון דעם דאָזיקן דענקער איז זייער אַ מערקווירדיקער.

בעת ער האָט געלעבט, האָט מען אים ממש פֿאַרגעטערט און געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז „פֿון משה (רבינו) ביז משה (רמב״ם) איז ניט געווען צו אים קיין גלייכן“. אויף זיין מצבה האָט מען אויסגעקריצט דעם דאָזיקן שיר:

אדם ולא אדם, ואם אדם היית ממלאכי רום אמך חרתה או אומרה: לאל בלא אשה ואיש, מלאך בלא אשה ואיש נבראת.

[אַ מענטש און ניט קיין מענטש און אויב דו ביסט אַפֿילו געווען אַ מענטש — איז דיין מאַמע פֿאַרשווענגערט געוואָרן פֿון אַ מלאך.]

אַ צייט שפּעטער איז דער שיר אויסגעמעקט געוואָרן און פֿאַרביטן געוואָרן מיט אַ גאָר לאָקאָנישן אויפֿשריפֿט: מחרם ומין. זיינע בעסטע ווערק האָט מען געברענט. אַרום זיין נאָמען איז אָנגעגאַנגען אַ פֿאַרביסענער און בלוטיקער קאַמף.

ווער זיינען דאָס געווען אָט־די מענטשן, וואָס האָבן אַזוי ביטער באַקעמפֿט דעם רמבמ׳ס גייסטיקע ירושה? וואָס זיינען געווען זייערע כוונות? האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט פּשוטע פֿינצטערלינגען, שונאים

*) גאַיידאַראָוו (זשיטלאָווסקי). וואָסכאָד, 1904, 1.

פון דעם ליכטיקן וויסן און פון שעפערישן, פראָגרעסיוון געדאַנק? כידוע, האָט מען ניט איין מאָל אַזוי אויסגעטייטשט די דאָזיקע רעאַקציע. ווען מען פאַרטיפט זיך אָבער אין די פּרטים פון דעם דאָזיקן קאַמף און מען גיט זיך אַפּ אַ דין־וחשבון — אין וואָס ער איז אייגנט־לעך באַשטאַנען, דאַן הייבט מען ערשט אָן צו פאַרשטיין, אַז דער ענין איז ניט אַזוי פּשוט. גאָר טיפערע סיבות האָבן גורם געווען דעם דאָזיקן קאַמף. ניט פינצטערניש האָט געקעמפט קעגן וויסן און קולטור, נאָר דער דעמאָקראַטישער פאָלקס־געפיל, דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט האָט דערקלערט אַ מלחמה דעם שטאָלצן, אַריסטאָקראַטישן שכל, וואָס האָט פּרעטענדירט אויף אַליינהערשאַפט און געבראַכט אין אַ סכנה די עצם־עקזיסטענץ פון דער נאַציע.

2.

דער „מורה נבוכים״ איז דער סאַמע וויכטיקסטער ספר, וואָס רמב״ם האָט אָנגעשריבן, ממילא דער סאַמע וואָגיקסטער מקור אויף צו פאַרשטיין זיין אינדיווידואַליטעט. שוין דער „מבוא״ צו דעם דאָזיקן ספר איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן מחבר. רמב״ם דער־קלערט, אַז דער דאָזיקער ספר איז געשריבן נאָר פאַר יחידי־סגולה און בשום אופן ניט פאַרן „המון״. ער איז באַשטימט נאָר פאַר די, וואָס פאַרטיפן זיך אין ענינים פון אמונה און פילאָסאָפיע, און שטויסן זיך אָן אויף סתירות. פאַר די דאָזיקע „בלאָנדזשענדיקע״ איז דער ספר באַשטימט מיט דער כוונה אַז זיי זאָלן „אויסמיידן און ראַטעווען זיך פון בלאָנזשעניש.״ (ונשאר במבוכה גדולה.)

רמב״ם האָט אַפילו מיט אַ כיוון אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען ניט אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן, כדי די אמתן זיינע זאָלן בלייבן אַ סוד פאַרן פּשוטן פאָלק.

דאָ זעט מען בפועל ממש דעם רמב״מס גייסטיקן אַריסטאָקראַ־טיזם. דער רמב״ם איז בלי ספק געווען אַ וואָגיקער דענקער, אָבער ניט מער. זיינע כשרונות זיינען געווען מער פון אַ סיסטעמאַטיקער, ווי פון אַ שעפערישן פילאָסאָף. אים איז לחלוטין געווען פרעמד אמתע שעפערישקייט, אינספּיראַציע, אַ מאַכטיקער פלי פון דער פאַנטאַזיע. ער איז געווען דורך און דורך אַ ראַציאָנאַליסט. אַריסטאָטלס טרוקענע נאַטורוויסנשאַפט וואָס האָט יעמאָלט באַהערשט די מוחות פון די אויפגעקלערטע אַראַבער — האָט ביי אים שטאַרק נושא חן געווען. פאַר אים האָט געהאַט אַ ווערט נאָר דאָס, וואָס מען קען משיג זיין מיטן שכל. דער זין פון לעבן, דעם מענטשנס ציל איז געווען, לויט

אים, משיג זיין דעם בריאת העולם און זיין שעפער. דער רמב״ם איז אויסגעוואַקסן אונטער דער השפעה פון צוויי לחלוטין פאַרשיידענע אידייאישע שטרעמונגען: דער אַריסטאָטעליזם פון דער אַראַבישער פילאָסאָפיע און דער תנ״ך. ער האָט ניט באַמערקט, אַז די דאָזיקע צוויי ריכטונגען קערן זיך אָן צו צוויי זעלבסטשטענדיקע און אין תוך געגומען גאָר אַנדערע אויסדרוקן פון דעם מענטשלעכן גייסט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין אמת, דאָס איז דער שכלדיקער, פילאָסאָפישער אמת, דאָס קינד פון דעם קאַלטן, אָביעקטיוון שכל. אויך אין יהדות האָט ער געזען פילאָסאָפיע און נאָר פילאָסאָפיע. אויב יהדות איז די וואָר, וואָס מען קען ניט פאַרלייקענען, דאַן מוז עס האַרמאָניזירן מיטן פילאָסאָפישן אמת, מיט דער איינציקער אמתער פילאָסאָפיע, ד״ה מיטן אַריסטאָטעליזם. דער רמב״ם האָט אַזוי אַרום געזען אין יהדות, אין תנ״ך — נאָר אַ ראַציאָנאַליסטישן פירוש פון אַריסטאָטעלס פילאָסאָפיע. ער האָט פאַרלייקנט די ראָל פון עמאָציאָנעלע פאַקטאָרן און ניט האָבנדיק בכלל קיין דיכטערישן חוש, האָט דער דאָזיקער שטאַרקער און קלאָרער דענקער קיין אַנדערע זאַכן אין תנ״ך ניט געזען. ער האָט אַפילו ניט געקענט זיך דערטראַכטן צו דעם, אַז אַריסטאָטעליזם און דער תנ״ך זיינען צוויי היפּוכדיקע, ממילא זיך סותרדיקע עולמות.

דער רמב״ם גייט אַרויס פון דער הנחה אַז דעם מענטשנס באַגריף וועגן גאָט דאַרף זיך באַגרעניצן אויף בלויז נעגאַטיווע אַטריבוטן, דאָס מיינט, אַז אַ מענטש קען נאָר וויסן, אַז גאָט איז ניט פּילצאַליק, ניט באַגרענעצט אין זיין מאַכט און אַזוי. גאָט דאַרף מען דינען ניט מיט תפילות און אַפילו ניט מיט אַ הויכעטישן לעבן, נאָר הויפּטזעכלעך דורך אַ קלאָרע, פילאָסאָפישע דערקענטעניש פון זיין עקזיסטענץ. דאָס קען מען דערגרייכן נאָר דורך שטודירן די וויסנשאַפטן, ווי פיזיק, מאַטעמאַטיק, לאָגיק און מעטאַפיזיק. באַזונדער שאַרף אַטאַקירט דער רמב״ם די פּאָעטן (המשוררים והמליצים), וואָס שטעלן צוזאַמען תפילות, אין וועלכע זיי לויבן גאָט און באַשענקען אים מיט כלערליי עפּיטעטן. די פּיטנים גופא רופט ער אָן „נאַראַנים״ (פתיים) און זייערע תפילות און פּאָעטישע אויסגוסן „חילול השם.״

אויף אַזאַ אופן ווערן אין זיינע אויגן די וואונדערלעכע פּאָעטישע אויסגוסן פון אַ יהודה הלוי אָדער פון אַ אבן גבירול, ניט מער און ניט ווינציקער, ווי „חילול־השם״, געבוירן אין אַ מוח פון אַ „נאַר״.

די גרויסע, רייכע וועלט פון מענטשלעכע געפילן און עמאָציעס,

פאָעזיע, די גרויסע נחמה־ברענגערקע פון דער מענטשהייט, מיט אירע פאַרכישופדיקע, פרעכטיקע קאָלירן, מיט אירע חלומות און אילוזיעס — מיט איין וואָרט, דאָס אַלץ וואָס גיט שיינקייט און חשיבות דעם מענטשלעכן לעבן — האָט לגמרי ניט עקזיסטירט פאַר רמב״מס טרוקענעם און קאַלטבלוטיקן שכל. ער האָט ניט געקענט משיג זיין, אַז דער מענטש האָט אַ באַגער זיך שאַפן אַן אייגענע, אידעאַלע וועלט און אַז אין דעם דאָזיקן שאַפן באַטייליקט זיך דאָס בעסטע און דאָס העכסטע פון דעם מענטשלעכן גייסט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַז די שירים פון גבירול און הלוי זיינען אַ קוואַל פון אַ טיפער רעליגיעזער נשמה, וואָס שטרעבט צו דעם קרישטאָלענעם מקור, וואָס מאַכט פון דעם מענטשן אַ געטלעך באַשעפעניש.

די הויפט־טענדענץ פון רמב״מס ספר האָט ניט געשטימט מיטן גייסט פון יידישקייט, מיט דער פאָלקס־מסורה און מיט דער בענק־שאַפט פון דעם פאָלק. לאָמיר דאָס קודם כל אילוסטרירן מיט רמב״מס קוק אויף השארת הנפש און עולם הבא.

די גמרא זאָגט: כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא. דער רמב״ם האָט אָבער אָפּגעלייקנט אינדיווידועלע אומשטערבלעכקייט, ממילא, האָט ער געהאַלטן אַז ניט ביי אַלע מענטשן איז די נשמה אומשטערבלעך. ביי אַלע מענטשן, — האָט ער געלערנט, — איז פאַראַן אַ נאַטירלעכע נטיעה צו שלימות, לגבי חיות, וואָס האָבן דאָס ניט. נאָר דורך גייסטיקן פאַרפולקאָמען זיך, אין אויספיינערן דעם מוח אין פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, ווערט דער פּאָטענציעלער כוח פון מענטשן אַקטיוו. נאָר דעמאָלט באַהעפט זיך די מענטשלעכע נשמה מיטן אַלגעמיינעם „אַקטיווע אינטעלעקט״ (השכל הפועל), וואָס איז —אומשטערבלעך. דערקעגן ביי אַ מענטשן, וואָס איז ניט צוגעקומען צו קיין פילאָסאָפישע אמתן, איז די נשמה ניט אומשטערבלעך. אַזאַ מענטש שטאַרבט צוגלייך מיט יעדער ניט־שכלדיקער באַ־שעפעניש.

ניט אַלע מענטשן געפינען זיך אפילו אונטער דער געטלעכער השגחה, — לערנט דער רמב״ם. היות ווי דער באַגריף השגחה איז אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכן שכל, איז ממילא די השפעה פון דער השגחה אויף דעם גורל פון מענטשן אַדעקוואַט צו זייער גייסטיקן שלימות (מה שישיגהו מן השכל ישיגהו מן ההשגחה). דעריבער זיינען נאָר מענטשן מיט אַ שלימותדיקן שכל באַשיצט פון דער געטלעכער השגחה. די מדרגה פון דער געטלעכער השפעה אויף דעם מענטשלעכן לעבן ווערט אויף אַזוי פיל שטאַרקער, אויף וויפל דער

שכל פון דעם מענטשן ווערט שלימותדיקער. אָבער „די ווידערשפּע־ניקסטע נאַראָנים", ניט אויפגעקלערט פון שכל, געפינען זיך אויף דער זעלבער מדרגה, וואָס חיות. מען וואָלט זיי געקענט קוילענען, פונקט ווי מען טוט דאָס מיט חיות, אָבער גאָט האָט דאָס פאַרווערט, צוליב אונדזער טובה וועגן. אַזאַ פאַראַכטונג־באַציאונג צום „המון", צו מענטשן וואָס גיבן זיך ניט אָפּ מיט לערנען, איז אין דער דעמאָלט־דיקער יידישער ליטעראַטור אַן אומדערהערטע, אַן אויסערגעוויינט־לעכע דערשיינונג.

די דאָזיקע גדלותדיקע באַציאונג צום „המון" איז דער לייט־מאָטיוו פון רמב"מס ספר. דאָס איז זייער בולט אַפילו אין יענע ערטער פון זיין ספר, וואו עס רעדט זיך וועגן די נביאים. די דאָזיקע הויכע אידעאַליסטן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע גרויסע, גייסטיקע כוחות פאַרן קאַמף קעגן אונטערדריקונג און אונטערדריקער און באַ־שיצט די שוואַכע, די הילפלאָזע און אָרימע; אָט די דאָזיקע מענטשן, וועמענס לעבן עס שטעלט פאַר מיט זיך אַ בילד פון מסירת נפש, פון אַ שטענדיקן קאַמף קעגן סאָציאַלן אומיושר — זעען אויס ביי רמב"מען ווי אָלימפּישע חכמים, וואָס פאַרטראַגן ניט דעם המון און וואָס שווימען אייביק אין די וואָלקנס פון „אַקטיוון אינטעלעקט". לויט רמב"מן איז אַ נביא, אַ מאַן, וואָס האַלט זיך וואָס ווייטער פון המון, זוכט ביי אים ניט קיין כבוד און ניט קיין שבח. ער באַ־טראַכט קאַלטבלוטיק און פאַרשט אויס פאַרזיכטיק די מעשים און די באַגערן פון אָט די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיינען דאָך אין געוויסע פּרטים גלייך צו בהמות און חיות.

„אָט דער מאַן פון תכלית השלימות האַלט זיך וואָס ווייטער פונעם המון, — שרייבט דער רמב"ם, — און טראַכט נאָר וועגן דעם, ווי אויסצומיידן דעם שאָדן, וואָס דער המון קאָן אים ברענגען בעת ער קומט מיט אים אין באַרירונג, אָדער אויף וואָס פאַר אַן אופן קאָן מען זיך מיט דעם המון באַנוצן, ווען דאָס איז אים, דעם מושלם, נייטיק."

דער וויכטיקסטער און העכסטער ציל פון דעם מענטשן אויף דער ערד, — לערנט דער רמב"ם, — איז ניט דאָס מאָראַליש־עטישע שלימות, נאָר וויסן און פאַרשן, דערגרונטעווען דעם תמצית פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט (מכל הנמצאות).

דעריבער ווערט נאָר אַ נשמה פון אַ דענקער אומשטערבלעך, פון איינעם וואָס פאַרטיפט זיך אין די הויכע וועלטן, און ניט די הויך־מאָראַלישע פערזענלעכקייט, וואָס לעבט מיט מעשים טובים.

דער צונויפגוס פון מענטשן מיט גאָט איז נאָר מעגלעך בעת דער מענטש פאַרטיפט זיך אין גאָטס וועזן. דינען גאָט קען מען נאָר מיטן אינטעלעקט. נאָר מיטן שכל זיינעם קען דער מענטש שאַפן אַ פאַרבינדונג צווישן זיך און דעם געטלעכן שכל. ווער עס פאַרטיפט זיך ניט אין פילאָסאָפישע חקירות, וועט אים דער שטראַל פון דער געטלעכער השגחה קיינמאָל ניט באַרירן, מעג זיין לעבן זיין הויך־מאָראַליש און פול מיט מעשים טובים, מעג זיין לעבן זיין אַ שיינער קראַנץ פון אַליינאָפּפערונג און מענטשן־ליבע.

אין דעם פּרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער שלוס פּרק פונם „מורה נבוכים”, וואו דער רמב״ם רעדט וועגן די פיר מדרגות פון „שלימות”.

די ערשטע, די נידעריקסטע מדרגה — דאָס זיינען מאַטעריעלע רייכטימער; די צווייטע — פיזישע שלימות; די דריטע — מאָראַלישע.

„אָבער, — איז דער רמב״ם מוסיף, — אויך די דריטע מדרגה דאַרף מען באַטראַכטן נאָר ווי אַ מיטל, בשום אופן אָבער ניט ווי אַ צוועק אין זיך גופא. מאָראַל און יושר, — זאָגט ער, — שפּילט אַ ראָל נאָר אין געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. דענקט מען אָבער וועגן דעם מענטשן ווי אַ יחיד, מחוץ דעם קיבוץ — פאַרלירט דאַן זייער יושר און מאָראַל דעם גאַנצן ווערט.”

די העכסטע מדרגה פון שלימות איז אָבער די פערטע — די שלימות פון שכל, בעת דער מענטש דרינגט אַריין אין די טיפן פון דער אידייען־וועלט און באַקומט אַ ריכטיקן באַגריף וועגן גאָטהייט.

„אָט דאָס, — דערקלערט דער רמב״ם, — און נאָר דאָס הייסט אמתע שלימות! נאָר מיט דעם קויפט זיך דער מענטש אומשטערבלעכקייט און פאַרדינט צו טראָגן דעם נאָמען מענטש!”

אַזוי אַרום, איז דער רמב״ם, וואָס איז שייך די מאָראַליש־עטישע אויפגאַבן פונם מענטשן און די צילן זיינע — אַ געטרייער תלמיד פון אַריסטאָטל.

רמב״ם, פונקט ווי אַריסטאָטל, האָט געזען דאָס העכסטע גליק פון מענטשן אין אַקטיוון אינטעלעקט, אין משיג זיין געטלעכקייט. מאָראַל איז ניט מער ווי דער פועל־יוצא פון פּראַקטישן פאַרשטאַנד, וואָס רעגולירט אונדזער ווילן אין דעם זין, אַז ער זאָל ניט אַרויס פון דער „מדה בינונית”, ד״ה אַז דער שכל זאָל זיך ניט דערלויבן אויף קיין שום עקסטרעמען (שביל הזהב — דער גאָלדענער מיטן).

3.

די אידייען, וואָס דער רמב״ם אַנטוויקלט אין זיין באַרימטן ספר „מורה נבוכים״ זיינען אין אַ בולטער סתירה מיט די הויפּט־עיקרים פון יהדות. לויט דער יידישער אויפפאַסונג איז דער געט־לעכער מהות דער עיקר און דער יסוד פון מאָראַלישקייט, זיין אָפּיר און זיין ערשטער מקור. היות ווי מאָראַליש מיינט געטלעך און דאָס געטלעכע איז דער סימבאָל פון מאָראַלישקייט, דאַרף דער מענטש תמיד שטרעבן זיך דערנעענטערן צום מאָראַלישן אידעאַל, ווערן ע נ ל ע ך צ ו ג אָ ט. נאָר דורך דער אידייע פון מאָראַלישקייט, דורך „דער קדושה פון לעבן״ (קדושים תהיו) דערנעענטערט זיך מענטש צו גאָט. ניט דערקענען דעם אמת, ניט חקירן זיך איבער דער סיבה הראשונה, נאָר ווערן ענלעך צו גאָט, זיין מראַליש — דאָס איז דער ציל פון מענטשלעכן לעבן לויט דער יידישער תורה. דער לעצטער, אמתער ציל, דער העכסטער געזעץ פון מאָראַלישקייט, לערנט דאָס יידנטום — איז די אידייע פון גוטס. מאָראַל, ווי דער העכסטער ציל, גיט אַ ווערט די אַלע אַנדערע צילן, צו וועלכע דער מענטש שטרעבט, זי באַשטימט אויך די גרענעצן פון די דאָזיקע צילן. פון אַלע מינים שאַפן — איז דאָס שאַפן און צוזאַמענלעבן צווישן מענטשן באַזירט אויף מאָראַלישע יסודות, דאָס שאַפן פון אַ יושרדיקער סאָציאַלער אָרדענונג, איז די סאַמע גרעסטע. מאָראַליש שאַפן — איז די קרוין פון דער גאַנצער מענטשלעכער גייסטיקער טעטיקייט. היות, ווי מיר האָבן געזען, אַז אויך רמב״ם האַלט, אַז דער מענטש קען טאָן מעשים טובים נאָר בעת ער געפינט זיך אין אַ געזעלשאַפט פון מענטשן, ממילא קען אַ מענטש ניט ווערן מאָראַליש שלימותדיק דורך דער־וויטערן זיך פון „המון״, אַ פּשיטא דורך פאַרראַכטן אים. דעריבער איז דעם יידנטום לחלוטין פרעמד דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם אין דעם גדר פון דעם יידישן פאָלק. יעדער ייד, פון דעם עלטסטן ביזן לעצטן „האָלצהעקער און וואַסערטרעגער״, דאַרף און קען שטרעבן ווערן ענלעך צו גאָט.

„און איר וועט זיין אַ מלכות פון כהנים, אַ הייליק פאָלק״.

משה, דער גרעסטער יידישער נביא איז געווען גאָר ווייניק ענלעך צו דעם טיפּ נביא, ווי דער רמב״ם האָט אים אויסגעמאָלן. זיין חלום, זיין אידעאַל איז אַז „דאָס גאַנצע פאָלק זאָל ווערן נביאים״.

4.

רמב״מס לערע האָט ניט נאָר ניט געשטימט מיטן גייסט פון יהדות, נאָר האָט אויך אונטערגעגראָבן אירע הויפּט־יסודות און גלייכצייטיק געוואָרן אַ געפאַר פאַר דער עצם־עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק. מען טאָר ניט פאַרגעסן, וואָס איז געווען די לאַגע פון יידן אין אייראָפּע אין יענער צייט. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס יענער יאָרהונדערט ווערט באַטראַכט, ווי דער גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ אַ פּעריאָד ווען די לאַגע פון יידן אין אייראָפּע איז געווען צו דער־ליידן, פון אַ נייעם פּעריאָד פול מיט שרעקלעכע רדיפות און ענויים מצד די אייראָפּעאישע פעלקער אויף די שוצלאָזע יידן.

נאָך אויפן שוועל פון 12־טן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען דער ערשטער קרייצצוג, וואָס עפנט אַ בלאַט פאַרשריבן מיט בלוט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. די געשיכטע דערציילט ניט נאָר פון ראַפינירטע אַכזריותן פון דעם המון קרייציגלער, די דאָזיקע „וועלף פון דעם מדבר״, וואָס האָבן געלעכצט נאָך יידיש בלוט און פאַרמעגן — נאָר די געשיכטע דערציילט וועגן אַ מאַסאָוון, הערא־אישן קידוש־השם פון יידן אין נאָמען פון זייער הייליקייט, זייער אמונה. יידן האָבן געוואָלט בעסער שטאַרבן פון די הענט פון די נאָענטסטע, איידער פאַלן פון שווערד פון די בלוטדאָרשטיקע מערדער. יידן האָבן געהרגעט איינער דעם צווייטן אָדער זיך פאַרברענט אין די אייגענע היימען. אין וואָרמס זיינען אומגעקומען מיט אַזאַ העלדישן טויט — 800 נפשות, אין מאַינץ — 1300. אַזעלכע וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן שרעק פון טויט אָפּגעזאָגט פון דער אמונה פון זייערע אָבות — איז געווען זייער ווינציק. דער יידישער יחיד איז געווען דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין, אַז ער איז, ווי די גמרא זאָגט, „אַ קליינע וועלט״ פאַר זיך גופא. דער יחיד האָט געגלויבט אין דעם אמת, וואָס ער האָט געירשנט על פי המסורה און ער האָט אים פאַר־טיידיקט מיט יענער אינטענסיווקייט און מסירת־נפש, אויף וועלכן עס איז פעאיק נאָר אַזאַ מענטש, וואָס איז טיף רעליגיעז, אַ מענטש ביי וועלכן די אמונה איז געוואָרן זיין טאָטאַלע רעליגיע, וואָס פאָ־דערט דעם גאַנצן מענטשן פאַר זיך, וואָס אָנערקענט ניט קיין שום קאָמפּראָמיסן, קיין שום הנחות.

דער אָנהייב פון 12טן יאָרהונדערט איז געווען ניט מער ווי אַ פּראָלאָג צו אַ שרעקלעכער דראַמע. אמת, בעת דעם צווייטן קרייצ־צוג זיינען געפאַלן אַ סך ווייניקער יידישע קרבנות, ווי בעת דעם

ערשטן. דאָס האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען די שתדלנות פון גער־מאַנישן אימפּעראַטאָר און דעם פראַנצויזישן מלך. אָבער די דאָזיקע שתדלנות איז געקויפט געוואָרן פאַר אַ שווערן פרייז. די יידן האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט זייער פרייהייט. פאַר דעם חסד פון דעם גערמאַנישן אימפּעראַטאָר, וואָס האָט גענומען די יידן אונטער זיין שוץ, זיינען זיי געוואָרן קאַמער־קנעכט. אויב דאָס פאַרשקלאַפן פון יידן איז אין דייטשלאַנד געגאַנגען בהדרגהדיק, איז דאָס אָבער אין פראַנקרייך פאָרגעקומען מיט אַ זייער שנעלער טעמפּאָ. דער פראַנ־צויזישער מלך פיליפּ אויגוסט האָט געהאַלטן אַז „דער פאַרמעגן פון יידן געהערט דעם הערשער.“

סוף 12־טן יאָרהונדערט האָט זיך פאַרערגערט אויך די יידישע לאַגע אין אַנדערע לענדער, ווי, למשל, אין ענגלאַנד. אין לאַנדאָן און אין אַנדערע שטעט זיינען פאָרגעקומען בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן. אין 13טן יאָרהונדערט איז די לאַגע פון יידן אין ענגלאַנד געוואָרן אַ סך ערגער, ווי אין דייטשלאַנד.

אין דער זעלבער צייט שווימט אויף צום ערשטן מאָל דער עלילת דם בלבול. אין 13־טן י״ה, ווען אינאָסענט דער דריטער ווערט פּויפּסט, ווערט די לאַגע פון יידן נאָך ערגער. דעמאָלט ווערן געגרינ־דעט די אָרדנס פון דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער, וואָס האָבן געשפּילט אַ טרויעריקע ראָל אין דער יידישער געשיכטע בעתן מיטל־אַלטער.

אין 1215 ווערט אויפן פערטן רוימישן סאָבאָר אָנגענומען אַ באַ־שלוס, אַז יידן דאַרפן טראָגן ספּעציעלע סימנים אויף זייערע בגדים. צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט מען שוין געברענט דעם תלמוד.

מיר האָבן געזען מיט וויפל העלדישקייט און מסירת־נפש יידן האָבן באַשיצט זייער אייגנאַרטיקייט, זייערע נאַציאָנאַלע, גייסטיקע עשירות. י ע ד ע ר ייד האָט זיך באַטראַכט פאַר דעם טרעגער פון דעם גרויסן אמת, צוליב וועלכן ער איז געווען תמיד גרייט צו גיין אויף קידוש־השם.

איז דען אַ וואונדער, אַז אין יענע תנאים פון יידישן לעבן, האָבן אַ סך געזען אין רמב״מס תורה, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק דורכ־געכאַפּט מיט גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם, אַ גרויסע סכנה פאַרן יידנטום ? קען מען זיך בכלל וואונדערן אַז אין יענער שרעקלעכער, בלוטיקער תקופה, ווען יעדער יידישער בשר ודם, דיקטירט פון זיין אינסטינקטיוון רעליגיעזן געפיל, האָט אַרויסגעוויזן אַ גוואַלדיקן

מאָראַלישן כוח — אַז אַזאַ יידן האָט געמוזט טיף באַליידיקן די גאווה־דיקע, אַנטי־דעמאָקראַטישע תורה פון רמב״מ׳ן ?

דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט פון אַליינדערהאַלטונג האָט אונ־טערגעזאָגט דעם יידישן פאָלק, אַז דער קאַמף קעגן דעם טרוקענעם ראַציאָנאַליזם איז פאַר אים אַ לעבנס־פראַגע און אַז מען דאַרף קעגן דער אַריסטאָקראַטישער „רעליגיע פון פאַרשטאַנד״ פון רמב״ם אַרויס־שטעלן די דעמאָקראַטישע „רעליגיע פון האַרצן״, די רעליגיע פון געפיל.

עס איז דאָך זייער סימפּטאָמאַטיש, אַז שוין ביים אָנהייב פון דער אַריסטאָטלשער תקופה אין דער געשיכטע פון דעם יידישן געדאַנק, אַ האַלב יאָרהונדערט איידער רמב״מס ספר איז דערשינען — האָט יהודה הלוי, איינער פון די סאַמע שענסטע געשטאַלטן פון מיטלאַלטער, מיט אַ מערקווירדיקער טיפקייט פאַרויסגעזען די גרויסע געפאַר וואָס לויערט פאַר דעם יידישן פאָלק אין דעם איינזייטיקן ראַציאָנאַליזם.

און בכדי פּאַראַליזירן די, לויט זיין מיינונג, שעדלעכע ווירקונג פון אַריסטאָטעליזם אויפן יידנטום, האָט יהודה הלוי געשאַפן זיין באַרימט ספר „כוזרי״, וואָס איז דער סאַמע בולטסטער און דער־הויבענער אויסדרוק פון אָט דעם צווייטן שטראָם אין יידישן לעבן, יענעם שטראָם וואָס האָט מיט גרויס עקשנות און ניט קיין קלענערן דערפאָלג געקעמפט קעגן דער אַגרעסיווער העגעמאָניע פון דעם ראַציאָנאַליזם.

דער „כוזרי״ איז דער פולשטענדיקער קעגנזאַץ פון דעם „מורה נבוכים״. בעת מען לייענט יהודה הלויס ספר, ווילט זיך ממש ניט גלויבן, אַז ער איז אָנגעשריבן געוואָרן פופציק יאָר פאַר רמב״מס ספר. דער דאָזיקער ספר מאַכט אַן איינדרוק ווי ער וואָלט אויפגעקומען אין דער תקופה פון די ליידנשאַפטלעכע ויכוחים, באַלד נאָך רמב״מס פטירה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן די אָנהענגער און די קעגנער פון דעם דאָזיקן גרויסן געלערנטן.

5.

וואָס איז דער תמצית פון דעם „ספר כוזרי״ ?

עס וועט ניט זיין קיין שום גוזמא ווען מען זאָגט, אַז דער דאָזיקער ספר געהערט צו די סאַמע וויכטיקסטע דענקמאָלער פון דער יידישער פילאָסאָפיע אין מיטלאַלטער. ווען מען לייענט דעם ספר זייער אויפמערקזאַם, ווערט מען ממש דערשטוינט, וויפל טיפקייט

און אינטואיציע איז פאַראַן אין הלויס ווערק. ער האָט אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, וואָס זיינען מיט דער צייט געוואָרן דאָס אייגנס פון ווּיסנשאַפט און לעבן אויף אַ סך דורות. וואָס באַצוויבערט אַמשטאַרקסטן אין דעם מחבר פון „כוזרי" — איז די וואונדערלעכע גאַנצקייט און האַרמאָנישקייט פון זיין נאַטור. די הויך־פּאָעטישע, טיף־רעליגיעזע נשמה זיינע גיסט זיך צונויף האַרמאָניש אין אים מיט אַ ליכטיקן, אָריגינעלן קאָפּ. ער איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער משורר, נאָר אויך אַ דענקער, באַוואָפנט מיט וויסן פון זיין תקופה.

עס וועט קלינגען אַביסל פּאַראַדאָקסאַל, ווען מען זאָגט אַז דער פּאָעט הלוי איז אין אַ סך וויסנשאַפטלעכע פּרטים מער למדן פון דעם גרויסן גאון רמב"ם.

לאָמיר דאָס אילוסטרירן מיט איין ביישפּיל. דער רמב"ם רעדט מיט אַ סך ביטול וועגן דעם, וואָס עס ווערט געבראַכט אין דער גמרא, אַז ר' אבויא האָט געזאָגט, אַז אונדזער וועלט איז ניט די ערשטע יצירה פון גאָט, נאָר אַ פּועל יוצא פון אַ גאַנצער קייט „יצירות", ווייל גאָט האָט „געשאַפן וועלטן און זיי חרוב געמאַכט, געשאַפן און ווייטער חרוב געמאַכט." דער רמב"ם באַצייכנט די דאָזיקע קאָסמאָ־לאָגישע השערה, ווי „נידערטרעכטיג" (מגונה).

יהודה הלוי האַלט אַז די דאָזיקע השערה איז זיך ניט סותר מיט די הייליקע כתבים, ווייל די כתבי קודש, — זאָגט ער, — הייבן זיך אָן פון יענעם מאָמענט, ווען די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, די וועלט, אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן מ ע נ ט ש ל ע ך ל ע ב ן.

אין דעם „כוזרי" געפינט מען וויסנשאַפטלעכע געדאַנקען, וואָס איבערראַשן, בפרט אַז מען ווייסט אַז דאָס איז געשריבן אין 12־טן יאָרהונדערט. אַזוי, למשל, ברענגט הלוי אַרויס דעם ריכטיקן גע־דאַנק, אַז מיר נעמען ניט אויף מיט אונדזערע חושים די געגנשטאַנדן גופא, נאָר זייערע דערשיינונגען.

הלוי איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער מיטצייטלערישער מעטאַפיזיק און פילאָסאָפיע. ער האָט געהאַט אַ טיפן אפשיי פאַר די גריכישע פילאָסאָפן בכלל און פאַר סאָקראַטעסן בפרט, דאָך האָט ער באַקעמפט אין זיין ספר די גריכישע פילאָסאָפיע, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע שליטה אויף די מוחות פון זיין דור. ער איז געווען קעגן דער דאָזיקער פילאָסאָפיע, ווייל זי שפּייזט נאָר דעם פאַרשטאַנד און ניט דאָס האַרץ און האָט קיין שום מאָראַליש־דערציערישע השפעה ניט אויף מענטשן און וויל האָבן, אַז נאָר אין אינטעלעקט שטעקט דער שליסל צום מענטשלעכן שלימות. הלוי, וואָס האָט געהאַלטן אַז די

וועלט פון עטיק איז ענג פאַרבונדן מיטן רעליגיעזן געפיל — האָט בשום אופן ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון שלטון השכל. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין, אַז דער שכל איז נאָך ניט אַ ל ץ, אַז ער איז ניט דער גאַנצער מענטש, אַז ער איז ניט דער איינציקער און אַפילו ניט דער וויכטיקסטער מקור פון וויסן. אין די ערשטע פּרקים פון זיין ספר טרעט יהודה הלוי אַרויס קעגן די פילאָסאָפן, וואָס האַלטן אַז דער מענטשלעכער שלימות קען דער־גרייכט ווערן נאָר דורך וויסן און אַז נאָר „דורך אויספאָרשן און באַקענען זיך מיט די פאַרשיידענע וויסנשאַפטן באַהעפט זיך דער מענטש מיטן וועלט־גייסט" (שכל הפועל).

„ביים פילאָסאָף, — זאָגט הלוי, — איז דאָס וויכטיקסטע די חקירה גופא, דאָס טעאָרעטישע פאָרשן און דענקען וועגן גאָט. גאָר אַנדערש פאַרהאַלט זיך דער מענטש, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן פּאַטאָס פונם טיפן רעליגיעזן געפיל. אַזאַ מענטש שטרעבט נאָר משיג זיין דעם מהות פון גאָט, נאָר זיין באַגער אַז גאָט זאָל זיין זיין מדריך, די מאָס און די וואָג פון אַלע זיינע מעשים, זיין עטישער באַוואוסטזיין און אויף אַזאַ אופן דערפירן אים צו שלימות."

דער רעליגיעזער מענטש, — זאָגט ווייטער יהודה הלוי, — קאָן זיך בכלל ניט באַגנוגן דערמיט, וואָס ער וועט אָנזאַמלען וויסן. ער שטרעבט איבערשאַפן דעם אמת צו וועלכן ער איז דערגאַנגען, אין מעשים, אין אַ לעבעדיקן יש. דער פילאָסאָף טראַכט אָבער נאָך וועגן איין ענין: ווי אַזוי צו פאַרשאַרפן דעם אינטעלעקט. נאָר אין דעם זעט ער דאָס איינציקע גליק פון מענטשן. דער פילאָסאָף, ווייל ער זעט נאָר אין פאָרשן און וויסן דעם איינציקן דרך, וואָס פירט צו שלימות — דערווייטערט זיך און טיילט זיך אָפּ פון מענטשן, פון זייערע טאָג־טעגלעכע ענינים און אינטערעסן. דערקעגן, דער רעליגיעזער מענטש איז דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין, אַז נאָר אין לעבן, אין אַקטיווע מעשים, אין זיינע באַציאונגען לגבי זיינע מיטמענטשן — ליגט דער וועג, וואָס פירט צו שלימות און התקרבות מיטן באַשעפער.

הלוי שטרייכט אונטער, אַז אין דער עטישער דערציאונג און דעם פאַרשלימותן פון מענטשלעכן מין, שפּילן ה י ס ט אָ ר י ש־פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע פאַקטאָרן אַ גוואַלדיקע ראָל. די עטישע פּרינציפּן, אָפּגעהיט און עוואָלוציאָניזירט פון דור צו דור און סאַנק־ציאָנירט פון דער מסורה, האָבן אַ גרויסן היסטאָריש־קולטורעלן באַ־טייט. די ראָל וואָס ביי קאַנטן שפּילט דער „קאַטעגאָרישער אימפּע־

ראַטיוו״, דערפילט ביי הלוין די סאַנקציאָנירטע מסורה — די רעליגיע. ביי קאַנטן איז דער מהות פון מאָראַלישקייט איינגעפונדעוועט אין דעם אינערלעכן טעמפל פון דענקען און דערפאַר איז קיינמאָל ניט מעגלעך דערוויזן על פּי עקספּערימענט איר אמתן פּרצוף. אין אונדז געפינען מיר אַ געזעץ, וואָס דיקטירט אונדז אין אַן אַבסאָלוטער פאָרמע, ווי אַזוי מיר זאָלן האַנדלען.

ביי יהודה הלוין ווערן די רעליגיעזע יסודות, וואָס גייען דורך על פּי המסורה אין משך פון דורות די העכסטע סאַנקציע, דער אינער־לעכער באַוואוסטזיין, וואָס באַפרייט דעם מענטשן פון ספקות און גיט אים די זיכערקייט, אַז ער קען אַנדערש ניט האַנדלען, ווי ער האַנדלט.

לויט דער טיפער איבערצייגונג פון הלוין, איז רעליגיע דער הויפּט־גורם פון מאָראַלישן שלימות פון דעם מענטשן, ווייל זי פאַר־מאָגט אָט דעם עלעמענט פון אַבסאָלוטקייט. די פילאָסאָפיע פאַרמאָגט אָבער ניט דעם עלעמענט, ווייל איין פילאָסאָפישע שיטה איז סותר די אַנדערע.

די גריכישע חכמים, — זאָגט הלוי, — האָבן געמוזט זיך טועה זיין אין אַ סך ענינים, ניט פאַרשטיין אָדער אָפּלייקענען דערשיינונגען, וואָס ווערן באַשטעטיקט על פּי דער יידישער מסורה און יידישע נביאים. דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס די פילאָסאָפן האָבן זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו „אַלע זאַכן״ וואָס מען קען על פּי שכל ניט משיג זיין. דערקעגן, די נביאים האָבן „באַשטעטיקט די דאָזיקע זאַכן״, ווייל זיי האָבן ניט געקענט פאַרלייקענען דאָס, וואָס זייער גייסטיק אויג האָט דערזען און וואָס זייער אינערלעכער באַוואוסטזיין האָט זיי אונטערגעזאָגט.

כדי קלאָרער פאַרשטיין יהודה הלוין, איז זייער וויכטיק צו באַמערקן, אַז ביי אים איז רעליגיע, און דווקא די יידישע רעליגיע, ניט עפּעס אַנדערש, ווי נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין און אַליינבאַ־שטימונג. ווי אַ רויטער פאָדים גייט דורך איבערן גאַנצן ספר פון הלוי דער געדאַנק, אַז יידן זיינען ניט נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע, נאָר אַ פאָלקיש־פּסיכאָלאָגישע אינדיווידואַליטעט, וואָס באַזיצט אַ גוואַל־דיקן נאַציאָנאַל־היסטאָרישן גייסטיקן און קולטורעלן קאַפּיטאַל. הלוי שטרייכט אונטער ניט נאָר דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער יידי־שער רעליגיע, נאָר ער פּירט דורך דעם געדאַנק, אַז די יידישע רעליגיע קען האָבן איר מאָראַלישע השפּעה הויפּטזעכלעך אויף יידן, ווייל זיי האָבן געירשנט פון דור צו דור די עטישע עיקרים פון דער

דאָזיקער רעליגיע. טאָקע אין זכות פון אייגענע הויך־עטישע מסורות, זיינען יידן געוואָרן אַן „אויסדערוויילט פאָלק".

דעריבער שטרייכט הלוי אונטער, אַז די יידישע אמונה איז מתחייב נאָר יידן. אויב אַן אַנדערע אומה נעמט זי אָן, וועט זי פאָרט ניט זיין נאָך „אַ גלייכע מיט אונדז".

הלוי דריקט אויס דעם מערקווירדיקן געדאַנק פאַר זיין צייט, אַז דער קולטור־מענטש איז אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער, היסטאָרישער עוואָלוציע, און אַז קולטור און מאָראַל פון אַ מענטשן זיינען אַ פּועל יוצא פון אַ קאָנסעקווענטער און ריטמישער אַנטוויקלונג פון איין עיקרדיקן פּראָצעס.

אין מיטלאַלטער, בעת אין אייראָפּע געפינט מען פון איין זייט אַ באַשרענקטן פּאַרטיקולאַריזם פון קליינע שטעט און פון דער אַנדערער זייט — אַ קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס נעמט אַרום די גאַנצע קריסטלעכע וועלט פון מערב — שטרייכט הלוי אומאויפהערלעך אונטער, אַז די יידישע רעליגיע איז, ניט געקוקט אויף די אַלגעמיין מענטשלעכע יסודות פון אירע עטישע עיקרים, אַן אַבסאָלוטער פּראָ־דוקט פון דעם יידישן פאָלק, ווייל אין פּסיכאָלאָגישן און קולטור־היסטאָרישן זין, שטעלט זי מיט זיך פאָר אַן אינטעגראַלע טייל פון דעם יידישן פאָלק.

זייער שאַרפזיניק ווייזט הלוי אָן, אַז אַפילו דער שכר פאַר אַ לעבן פול מיט מעשים־טובים, וואָס די תורה ברענגט, טראָגט אַ ריין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. אָבער כדי אויפצוקלערן הלויס וועלטקוק איז זייער כדאַי אָנצואווייזן, אַז ביי אים ווערט דער יחיד בשום אופן ניט פאַרשלונגען פון דער נאַציע. דער יחיד פאַרלירט ניט זיין וויכ־טיקייט און ווערט ניט פאַרוואַנדלט אין אַ קליין טייל פון אַ גרויסער גאַנצקייט. אין אַ נאַציע זעט הלוי נאָר אַ גייסטיקע סביבה, וואָס מחוץ איר קען דער יחיד בשום אופן זיך ניט אַנטוויקלען אין דער פולער גייסטיקער מאָס. ביי אים איז דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ — דער מקור פון היסטאָרישן פּראָגרעס, פון דער אייגנאַרטיקער עשירות פון לעבן און פון דער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענ־לעכקייט. אין דער נאַציאָנאַלער אידייע זעט ער דעריבער ניט די דערדריקונג פון דער פּערזענלעכקייט, נאָר אַ נייטיקן תנאי פאַר איר פולער און פרייער אַנטוויקלונג. נאַציאָנאַלע רעליגיע, וואָס איר נייטיקייט און אַבסאָלוטקייט איז לויט הלוין באַשטעטיקט על פּי מסורה, דערשטיקט ניט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט, נאָר פאַר־

קערט, גיט איר אַ באַזונדער ווערט, פאַרגרעסערט איר גייסטיקע עשירות און גיט איר אומשטערבלעכקייט.

קיין זאַך רעגט הלוין ניט אויף, ווי די מיינונגען פון אַנדערע פילאָסאָפן, וואָס האַלטן אַז דער פשוטער בשר ודם וואָס האָט ניט באַרייכערט זיין פאַרשטאַנד מיט וויסן, איז דומה צו אַ בהמה און זיין נשמה שטאַרבט צוזאַמען מיטן גוף און אַז אומשטערבלעכקייט איז נאָר די זכיה פון פילאָסאָפן.

„מיר, — דערקלערט הלוי, — לייקענען ביי קיינעם ניט אָפּ זיין שכר פאַר זיינע מעשים טובים, מעג ער געהערן צו וואָסער אומה ס'איז."

מאָראַליש לעבן פירט יעדן איינעם צו אומשטערבלעכקייט. דעם יידישן יחיד אָבער איז דער וועג צו אומשטערבלעכקייט שטאַרק פאַר־גרינגערט אַדאַנק די פסיכאָלאָגיש־היסטאָרישע פאַקטאָרן, די נאַציאָ־נאַל־עטישע יסודות, געהייליגט פון דער מסורה.

די דאָזיקע היסטאָריש־פסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן האָבן, לויט הלוין, גורם געווען די מערקווירדיקע שטאַרקייט פון יידן, ווי אַ נאַ־ציאָנאַל־פסיכאָלאָגישע אינדיווידואַליטעט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען צעשפרייט איבער דער גאָרער וועלט און זיינען „ענלעך צו אַ טויטער זאַך" (כמו הדבר המת).

בעת דער „כוזרי" זאָגט צום יידישן חכם:

„איר (יידן) זייט געגליכן צו אַ גוף אָן אַ קאָפּ און אָן אַ האַרץ", ענטפערט יענער, אַז הגם מיר שטעלן פאַר מיט זיך ניט נאָר אַ גוף אָן אַ קאָפּ, נאָר צעזייטע ביינער, דערפאַר איז אין אונדז דער גייסט געבליבן לעבעדיק. מיר זיינען ניט געגליכן צו אַ מת, נאָר צו אַ חולה מסוכן, וואָס גלויבט באמונה שלימה אַז עס וועט געשען אַ נס און די „פאַרטריקנטע ביינער" וועלן אויפשטיין תחית המתים.

„מיר, — איז דער חכם ממשיך, — ליידען מער פון אַנדערע, ווייל ישראל איז צווישן די אומות דאָס וואָס דאָס האַרץ איז צווישן אַלע איבעריקע אברים: דאָס האַרץ פילט מער, ווי אַנדערע אברים, דער פאַר ליידט עס אויך מער. אָבער ליידן מאַכן איידל, זיי רייניקן דאָס פאָלק פון פסולת."

הלוי חזרט איבער דעם דאָזיקן געדאַנק אָפטמאָל.

„גאָטס ליכט באַשטראַלט נאָר ליידנדיקע נשמות" — דער־קלערט ער.

הלוי איז אָבער ביי דעם אַלעמען נאָך זייער ווייט פון פרעדיקן פרישות. להיפוך צו רמב"מן, וואָס האָט געלערנט אַז גשמיות איז

אַ שאַנד פאַרן מענטשן, ווייל דער מענטש איז געשאַפן נאָר פאַר רוחניות, האָט הלוי געהאַלטן אַז מען „דאַרף זיך באַמיען צו אַנט־וויקלען אַלע גייסטיקע און פיזישע כוחות", ווייל דער מענטש קען דאָך ניט מאַכן קיין מחיצה צווישן דער נשמה פון דעם גוף. דער מענטש דאַרף זיין אַ גאַנצער מענטש.

פון דעם דאָזיקן אַנאַליז איז קלאָר, אַז בעת רמב"מס ספר האָט אונטערגעגראָבן די יסודות פון יידישקייט, האָט הלויס ווערק באַ־טראַכט יידן ווי אַ נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע אינדיווידואַליטעט און די יידישע רעליגיע — ווי אַ נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אַליינבאַ־שטימונג. הלויס ספר איז אַ הייסער פּראָטעסט קעגן דעם איינזייטיקן ראַציאָנאַליזם און איז דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק, אַז דער יחיד דריקט זיך ניט אויס נאָר דורכן אינטעלעקט און אַז דער זין און ציל פון מענטשן איז ניט מחוץ לעבן, נאָר דווקא אויף דער ערד, דאָרטן וואו עס שפּילן זיך אָפּ מענטשלעכע באַגערן און שטרעבונגען.

6.

אויפן ערשטן קוק זעט עס אויס זייער מאָדנע, וואָס בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף קעגן רמב"ם (אין דעם ערשטן דריטל פון 13־טן י"ה), האָבן די קעגנער זיך ווינציק באַנוצט מיט אַזאַ האַרמאָניש און פאַרענדיקט ווערק, ווי הלויס „ספר הכוזרי". דעם „מורה נבוכים" וואָס האָט, ווי די קעגנער זיינע האָבן געטענהט, העלעניזירט דעם יהדות און פאַרשקלאַפט די רעליגיע צו דער פילאָ־סאָפיע — האָט מען אָנגעהויבן באַקעמפן ניט מיט דער הילף פון הלויס ספר, נאָר מיט דער קבלה, מיט דער „רעליגיע פון האַרצן". די גוואַלדיקע ליידן פון יידישן פאָלק האָבן אַרויסגערופן אַ טיפע בענקשאַפט נאָך אַ משיחן, אַ גלויבן, אַז די גאולה, איז נאָענט. דער געפיל פון אַליינדערהאַלטן, דער באַגער און חשק צו לעבן, וואָס איז אַזוי נאַטירלעך פאַר יעדן יחיד און פאַר יעדער אומה — האָט געפונען זיין אויסדרוק אין דעם גוואַלדיקן שטראָם פון דער האַרץ־פילאָסאָפיע, וואָס מען רופט אָן קבלה.

שוין אין די ערשטע קאַבאַליסטישע ווערק, ווי אין דעם טראַק־טאַט וועגן עמאַנאַציעס (מסכת אצילות), אָנגעשריבן פון ר' יוסף נזיר (12־טער י"ה) אין דעם ספר „עזרת ד'" פון זיין רבין ר' נחמן עזריאל (ערשטע העלפט פון 13־טן י"ה) און אין „שער השמים" פון יוסף בן ששת — געפינט מען די פאַנטעאיסטישע לערע וועגן אצילות, וועגן ווילן (רצון) אאַז"וו. דער אין־סוף פאַרוואַנדלט מיט דער הילף

פון רצון אַלץ וואָס עקזיסטירט פּאָטענציעל אין אַווירקלעכקייט. די יצירה איז, לויט דער קבלה, אַבסאָלוט, אין סופדיק, איינצל און אומטיילבאַר. דער מענטשלעכער מוח קען ניט משיג זיין דעם מהות פון גאָט, וואָס איז אַן אַבסאָלוטער נעגאַטיוו (אין). דער „זוהר" לערנט, אַז מיר קענען ניט וויסן וואָס איז באַהאַלטן אין דער אור־סיבה פון דער וועלט.

צווישן דעם ניט־באַגרייפלעכן אַבסאָלוט און דעם ענדלעכן זיינען די צען ספירות אָדער די צען אַטריבוטן, די ערשטע מאַני־פעסטאַציע פון גאָט — דער רינג, וואָס פאַרבינדט. אָבער די דאָזיקע צען ספירות זיינען ניט די פולע אָפּשפּיגלונג פון בורא, נאָר גיכער זיין אַליינבאַשרענקען זיך, ווייל נאָר אין אַזאַ פאָרמע קען זיך דער אין־סוף מאַניפעסטירן.

די קבלה, פּונקט ווי יהודה הלוי, נעמט אָן די מעגלעכקייט פון עקזיסטענץ פון וועלטן נאָך איידער אונדזער וועלט איז אויפגעקומען. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז קיין זאַך גייט ניט אין דער וועלט לאיבוד, און אַז אַלץ איז „פאַראייניקט אין גאָט" — לייקנט די קבלה, אַז די וועלט איז באַשאַפן פון „גאַרניט". על פּי הקבלה איז דאָס „גאַר־ניט" די סיבה הראשונה, ד"ה דער אַבסאָלוטער נעגאַטיוו (אין). אָבער די וועלט, — לערנט די קבלה, — איז ניט די ערשטע יצירה, ווייל נאָך פאַר איר האָבן שוין עקזיסטירט וועלטן.

„אָבער פאַרוואָס, — פרעגט דער זוהר, — זיינען די אַלע פריער־דיקע וועלטן חרוב געוואָרן? ווייל דער מענטש איז יעמאָלט נאָך ניט באַשאַפן געוואָרן. כל זמן עס איז נאָך ניט געווען דער צלם אדם, האָבן די וועלטן וואָס פאַר אים ניט געקענט האָבן קיין קיום; זיינען אַלע חרוב געוואָרן, ביז דער מענטש האָט זיך באַוויזן."

„דער מענטש, — ווערט געזאָגט אין אַן אַנדער שטעל, — איז אין דער זעלבער צייט די העכסטע מדרגה און אויך דער עצם און תוך פון אַלע באַשעפענישן. אַזוי שנעל ווי דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן — איז שוין אַלץ געווען פאַרענדיקט, דער עולם של מטה און דער עולם של מעלה, ווייל דאָס אַלץ געפינט זיך אין מענטשן; ער נעמט אין זיך אַריין אַט די אַלע פורעמס."

ביי דער אויסערגעוויינטלעכער ראָל, וואָס די קבלה שרייבט צו דעם מענטשן, איז קיין וואונדער ניט, וואָס די קבלה דריקט אויס דעם טיפן און עטישן געדאַנק, אַז אַן דער השפעה און אַקטיווער האַנדלונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט — איז גאָטס חסד אומ־מעגלעך.

„די שפע דערנידעריקט זיך קיינמאָל ניט פון אויבן, אויב עס קומט ניט אָפּריער דער סטימול פון אונטן" (אין שפע יורד מלמעלה אלא אם קודמת לו התעוררת מלמטה).

אַ ליכט פון אונטן הייבט זיך תמיד אַנטקעגן דער אויסשטראַ־לונג (עמאַנאַציע) פון געטלעכן ליכט, וואָס פאַלט אַראָפּ אויף אַלץ וואָס עקזיסטירט. די מענטשלעכע פערזענלעכקייט נעמט אויף גאָטס חסד אַקטיוו; זי גופא איז משפיע אויף די העכערע ספערן, ווייל אָן איר וואָלט דאָס ניט געקענט פאַרקומען.

„מעולם לא התעוררה מדת הרחמים מלמעלה בלי התעוררת שבלב מלמטה (די מידה פון רחמנות דערוואַרט קיינמאָל ניט פון אויבן, אויב זי ווערט ניט מקדים פון אַ האַרץ דערוואַרטונג פון דער נידער). אַזוי ווערט געזאָגט אין זוהר.

דער העכסטער כוח אין דער וועלט איז דער געפיל פון ליבע.

„דער גאַנצער סוד פון גאָטס איינציקייט, — לערנט דער זוהר, — איז אין ליבע. זי איז דער רינג וואָס פאַרבינדט די העכסטע מדרגות מיט די נידעריקע; זי דערהויבט אַלץ וואָס לעבט אויף די הימל־הויכן, וואו אַלץ גיסט זיך צונויף אין איין גאַנצקייט."

די קבלה אַנערקענט ניט דעם שאַרפן דואַליזם צווישן מאַטעריע און גייסט. לויט איר איז די מאַטעריע (גשמיות) ניט עפּעס זעלבסט־שטענדיקס, נאָר איז דער זעלבער גייסט, אָבער אין אַ מער פאַר־גרעסערטער פאָרמע, ווייניקער דורכגעדרונגען פון די ליכטיקע שטראַלן, וואָס שטראָמען אַרויס פון דעם לעבנס מקור, פון ליכט און ענערגיע. זי איז די ערשטע סיבה.

לויט דער קבלה זיינען אויך די מאַטעריעלע עלעמענטן, די „קליפות", ניט קיין טויטע מאַסע. זיי זיינען אינספּירירט פון גאָטס ליכט, הגם אין אַ קלענער מדרגה.

„גאָט, — לערנט דער זוהר, — איז דער אָנהייב און דער סוף פון אַלע מדרגות אין „מעשה בראשית", אַלע מדרגות טראָגן זיין חותם."

אויך די „קליפות" טראָגן דעם געטלעכן „חותם". אויך זיי טראָגן אין זיך די שטראַלן פון געטלעכקייט, פון דער געטלעכער ענערגיע.

אַלץ איז איינציקייט, אַלץ איז אינספּירירט, אַלע מדרגות פון דער יצירה שטרעבן איינער צום צווייטן, כדי זיך צונויפגיין מיט דעם וואָס איז אַ סך העכער, אַ סך שלימותדיקער. דאָס לעבנלאָזע שטרעבט צום לעבעדיקן, דאָס לעבעדיקע — צום מענטשן, וועמענס

נשמה עס איז אומשטערבלעך. אַלץ, וואָס איז דאָ אין דער וועלט איז דורכגעדרונגען מיט גאָטס ליכט און אַלץ שטרעבט צו דעם דאָזיקן ליכט. די מעשים פון אַ מענטשן מאַכן קלענער דאָס דאָזיקע ליכט, טוט אָן היזוק דער געטלעכקייט. מקיים זיין אַ מצוה איז געוואונטשן ניט נאָר צוליב דעם, וואָס אַזוי איז באַפוילן געוואָרן פון אויבן, אָדער אַז עס איז נוצלעך פאַר דעם מענטשן, נאָר דערפאַר, וואָס דער מענטש איז מיט דעם משפיע אויף גאָטס חסד, ער פאַרגרעסערט די קדושה, די גייסטיקייט אויף דער ערד און רעאַגירט אויף די העכסטע ספערן. אין אַלע מעשים פון דעם בן־אָדם איז אויסגעקריצט אַ הויך־עטישער זין. דערפאַר שטעלט די קבלה דעם פרומען און הערלעכן מענטשן אויף זייער אַ הויכער מדרגה. לויט דער קבלה איז דער צדיק דער יסוד פון דער וועלט. ער איז מער ווי אַ מלאך, ער איז דער קרבן און די גאולה פון דער וועלט.

אָבער יעדער פשוטער בשר־ודם קען דורך מקיים זיין די מצוות, דורך אַ לעבן פול מיט צדקות — אויספילן דאָס גרויסע שליחות, ווייל די נשמה פון יעדן מענטשן איז באַרופן צו שפילן אַן אַקטיווע ראָל אין דער וועלט.

די תפילה שפּילט, על פּי קבלה, אַ גרויסע ראָל אין דעם מענטשנס לעבן.

דער רמב״ם האָט געהאַלטן, אַז דינען גאָט קען מען נאָר דורך פאַרטיפן זיך מיטן אינטעלעקט אין זיין מהות. אויף דעם זיינען פעאיק נאָר יחידי סגולה. די מאַסע האָט דעריבער ניט קיין גייסטיקע התקרבות מיט גאָט און אַ תפילה איז כמעט ווי אַ חילול־השם.

די קבלה, ווי די רעליגיע פון געפיל, וואָס גיט זיך אָפּ מיט די עמאָציאָנעלע שטריכן פון דער מענטשלעכער נאַטור, שטרייכט קודם כל אונטער די גרויסע פסיכאָלאָגישע באַדייטונג פון דאַוונען בציבור, וואָס גיט דער מענטשלעכער נשמה אַ גוואַלדיקע, מאָראַלישע עליה.

תפילה, — לערנט די קבלה, — שטעלט אָן די נשמה פון גלויביקן אויף אַ געהויבענעם טאָן, ברענגט אים, דעם מענטשן, נענטער צו גאָט און דער געטלעכער חסד פאַרוואַנדלט זיך פון אַ פּאָטענץ אין אַווירקלעכקייט. די קבלה האָט ניט געקוקט אויף די ווערטער פון דער תפילה ווי אויף טויטע אותיות, וואָס מען האָט איינגעחזרט. אין יעדן וואָרט, אין יעדן אות האָבן די בעלי־הקבלה געזען אַ טיפן, געטלעכן זין, וואָס רייניקט די נשמה פון גלויביקן און ברענגט אים נאָענט צום מקור פון ליכט. און ניט נאָר יחידי סגולה, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק ישראל קענען דורך דער תפילה ווערן

הייליק, דערפילן די התקרבות צו געטלעכקייט. ניט נאָר חכמים, וואָס קענען משיג זיין אַלע סתרי תורה, נאָר אַלע יידן, וואָס זיינען מקיים די מצוות, וואָס די תורה האָט געבאָטן און אַלע צדיקים פון אַנדערע אומות, וואָס זיינען מקיים נחס מצוות, האָבן, על פי הקבלה, אַן אומ־שטערבלעכע נשמה.

פון דעם ווערט קלאָר אַז די קבלה, ווירקנדיק אויף די נשמה, אויף די פאַנטאַזיע — איז געווען ביכולות באַהערשן ברייטע פאָלקס־מאַסן. זי האָט באַפרידיקט די נויטן ניט פון אַ קליינעם מיעוט, נאָר פון גאַנץ ישראל. דער יידישער יחיד, וואָס האָט זיך אַזוי אַנגעליטן, איז געווען מיסטיש געשטימט — האָט געזוכט אַ גייסטיקע וועלט, וואו מען קען געפינען אַ שטיקל נחמה אין די גרויסע ליידן. דאָס האָט בשום אופן ניט געקענט געבן די טרוקענע פילאָסאָפיע פון מיטלעלטער, ניט דער טרוקענער, קאַלטער תלמודישער פלפול. דאָס האָט געקענט געבן נאָר די סודותפולע, די מיסטישע פּאָעזיע פון קבלה. אין דער סאַמער שרעקלעכער תקופה פון דער יידישער געשיכטע, האָט די קבלה געראַטעוועט דאָס יידישע האַרץ פון פאַרגליווערט ווערן, זי האָט געוואָרעמט די געפילן פון פאָלק, געווען פאַר אים אַ נחמה און לייכטער געמאַכט זיינע וואונדן.

7.

נאָך דעם ווי עס איז אויפגעקלערט געוואָרן די ראָל וואָס די קבלה האָט געשפּילט אין יידישן לעבן, ווערט שוין פאַרשטענדלעך, אַז זי האָט געמוזט אומפאַרמיידלעך זיך ווערן ניט נאָר קעגן רמב״מס פילאָסאָפיע אַליין. די טרוקענע סכאָלאַסטיק פון תלמוד און די פאַר־גליווערטע פרומקייט פון רבנים האָבן זי שוין בשום אופן ניט געקענט צופרידנשטעלן. אין אָנהייב איז די קבלה אַרויס נאָר קעגן דער פילאָסאָפיע. מיט דער צייט האָט זי זיך אינגאַנצן אָפּגעקילט צו דעם ענין, כדי איבערגיין צו אַ בולטער און שאַרפער קעגנערשאַפט צום טרוקענעם תלמודיזם און טויטער פרומקייט. דער דאָזיקער שטראָם אָבער ווערט קענטיק ערשט סוף 13־טן י״ה. אין אָנהייב פון דעם קאַמף קעגן די פילאָסאָפישע געדאַנקען פון רמב״ם איז די קבלה געגאַנגען יד־אחת קעגן דעם געפערלעכן שונא — די פרומע רבנים. די ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן האָט גאָר שנעל באַוויזן, אַז די באַוואָרענישן פון אַזעלכע חשובע קעגנער פון רמב״ם, ווי מ א י ר א ב ו ל פ י ה, י ה ו ד ה א ל פ א ַ כ א ַ ר און ש ל מ ה פ ו ן מ א ָ נ פ ע ל י ע זיינען געווען גוט באַגרינדעט. די אַלעגאָרישע, זייער

טרוקענע און אַן שום פּאָעטישן טעם, פּירושים פון רמב״מן אויף מעשהלעך אין תנ״ך — זיינען פון זיינע אָנהענגער דערפירט געוואָרן צו אַ פּשוטן אומזין. די תורה איז ביי זיי פּאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלעגאָרישן פּירוש צו אַריסטאָטלס לערע.

באַזונדער שעדלעך האָט זיך אַרויסגעוויזן רמב״מס טרוקענער ראַציאָנאַליזם. דער פּרואוו פון רמב״מן צו געבן די החלטות און די מצוות אין דער תורה אַ ראַציאָנאַליסטישע אויסטייטשונג און אונטערשטרייכן הויפּטזעכלעך די נוצלעכקייט פון די דאָזיקע החלטות און די אוטיליטאַרע יסודות פון איר עטיק — האָט גורם געווען, אַז די אויבערפלעכלעכע חסידים פון רמב״מן זיינען געוואָרן פולע אפּיקורסים. אויב אַלע החלטות האָבן נאָר אַ ראַציאָנאַליסטישן אונטערשלאַג, איז גענוג אַז מען פאַרשטייט זיי — מקיים זיי האָט מען געהאַלטן פאַר לחלוטין אומנייטיק.

אַ טשיקאַווע אילוסטראַציע פון דער באַציאונג פון די דאָזיקע „ראַציאָנאַליסטן" צו די חוקי התורה ווערט געבראַכט אין דער מעשה, וואו מען האָט געפרעגט אין שול איינעם פון די דאָזיקע „פילאָ־סאָפן": פאַרוואָס האָט משה פאַרבאָטן עסן חזיר? איז דאָס צוליב דער שעדלעכקייט פון חזיר? אָבער די דאָקטוירים האַלטן ניט, אַז חזיר איז שעדלעך."

דער דאָזיקער אינדיפערענטיזם צו רעליגיע, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין געוויסע, אַזוי גערופענע אויפגעקלערטע קרייזן, האָט גאָר שנעל געבראַכט זייער טרויעריקע רעזולטאַטן. דאָס שמדן זיך איז געוואָרן וואָס מער אַלץ אַן אָפטערע דערשיינונג. דאָס איז געווען זייער פאַרשטענדלעך. צו וואָס דאַרף מען ליידן, אויסטראָגן צרות און דערנידערונגען? צוליב אַ רעליגיע, וואָס האָט אין תוך גענומען קיין שום זעלבסטשטענדיקן חשיבות ניט?

אַ סך פון די דאָזיקע משומדים, ווי, למשל, אבנער פון בורגאָס אָדער אַלפאָנסאָ דע וואַלאַדאָליד, ווי ער האָט שפּעטער געהייסן (1270—1346) זיינען געוואָרן די גרעסטע שונאים און פייניקער פון יידישן פאָלק.

דעם אמתן אונטערשלאַק פון די דאָזיקע אָפּטע שמדן האָט אויפגעדעקט אַ מיטצייטלער פון יענע טרויעריקע געשעענישן, יהושע אלורקי אין אַ בריוו צו איינעם פון די נייע קריסטן, דאָן שלמה הלוי:

„אפשר האָט דיך די באַקאַנטשאַפט מיט דער פילאָסאָפיע איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און געמאַכט קוקן אויף גלויבונגען, ווי אויף אַ שטות און שווינדל. דערפאַר האָסטו זיך אויסגעקליבן

אַ מער זיכערן וועג פאַר דיין נשמה און גוף און דו ווילסט לעבן אָן שרעק און אָן פּחד.״

ענלעכע טרויעריקע געשעענישן האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם באַגער ביי די גלויביקע, וואָס האָבן ליב געהאַט זייער פאָלק, צו באַקעמפן די פילאָסאָפיע און אירע אָנהענגער.

„ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן צוקוקן צו די „מתפלספים״, — שרייבט מיט אַ ירגזון שם־טוב בן שם־טוב, אַ תלמיד חכם (געלעבט אין 14־טן י״ה), — האָט זיך אַ פייער אָנגעצונדן אין מיין נשמה. איך האָב געזען ווי אַ צרעת האָט זיך אַריינגעריסן אין פאָלק ישראל. זיי האָבן אַלע געפעלשט די תורה, כופר בעיקר געווען מיט דער הילף פון פילאָסאָפישע דריידלעך, און ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רדיפות און גזירות, זיינען אונדזערע קהילות חרוב געוואָרן, ווייל די „פילאָסאָפן״ האָבן פאַרלאָזט די תורה, האָבן פורץ גדר געווען און נאָכגעשלעפט נאָך זיך אַ סך אַנדערע.״

אַ טשיקאַווע בילד פון די באַציאונגען צווישן די מאמינים און די פילאָסאָפירנדיקע גיט אונדז דער באַקאַנטער קאָמענטאַטאָר און באַגייסטערטער אָנהענגער פון רמב״ם, אבן־כספי (1280—1340):

„אין דער איצטיקער צייט, — האָט ער געשריבן, — זיינען פאַראַן אין יידנטום צוויי מחנות. איינע באַשטייט פון תלמידים פון דער פילאָסאָפיע, וואָס לאַכן אויס דעם תלמוד, האַלטן ניט פון יידישע דינים, טייטשן אויס די הייליקע ספרים על פּי משל און וואָס האָבן בכלל ניט קיין יראת הכבוד פאַר דער אמונה און אירע חוקים. די צווייטע מחנה האָט אַ ביטול פאַר וויסן און שילט אַריסטאָטלען און זיינע מפרשים.״

פּאַראַלעל מיטן וואוקס פון אַפּיקורסות אין די העכערע יידישע קרייזן איז געגאַנגען אַ מאָראַלישע פאַרווילדעווען פון די שפּאַניש־יידישע קהילות אין 13־טן און 14־טן י״ה. אין יענער צייט האָבן אין גאַנץ מעריב־אייראָפּע נאָר די יידן אויף דעם פירענעאישן האַלב־אינדזל געלעבט מער אָדער וויניקער צו דערליידן. די דאָרטיקע עשירים און שררות האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אויף די הויפן פון די מושלים און זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע הויפישע אינטריגעס און קאָנספּיראַציעס. די יידישע אַריסטאָקראַטיע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זשעדנעקייט, גאווה און קליינער קנאה. פירנדיק אינטריגעס איינער קעגן צווייטן, האָבן די דאָזיקע גבירים אַריינגעטראָגן אין די קהילות קריגערייען און רייסערייען.

„די יידישע הויף־לייט, די אַריסטאָקראַטן און די גבירים, —

שרייבט דער מיטצייטלער יצחק בן ששת, — האָבן בייגעשטייערט צו דער מאָראַלישער פאַרווילדקייט פון די יידן. זיי ליגט אין זינען נאָר זייער גרויסקייט און עשירות, אָבער וועגן גאָט טראַכטן זיי אינגאַנצן ניט.״

נאָך אַ טרויעריק בילד מאָלט שלמה אלעמי אין זיין „אגרת מוסר״, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יאָר 1315.

„דאָס רוב יידישע שררות, — קלאָגט זיך אַלעמי, — וואָס זיינען געוואָרן מקורבים אויף די קיניגלעכע הויפן און מען האָט זיי אָנפאַרטרויט די שליסלען פון דעם מלוכה־אוצר, שטאָלצירן רק מיט זייער גרויסקייט און מיט זייער עשירות. וועגן די אָרימע האָבן זיי אינגאַנצן פאַרגעסן. זיי האָבן זיך אויסגעבויט פּאַלאַצן, פאָרן אַרום אין רייכע קאַרעטעס אָדער אויף מוילאייזלען, באַפּוצטע מיט טייערע שטיינער. זיי טוען זיך אָן אין פּראַכטיקע בגדים. זייערע פרויען און טעכטער זיינע ווי פּרינצעסינס באַהאָנגען מיט גאָלד, פּערל און טייערע שטיינער. זיי זיינען גלייכגילטיק צו דער רעליגיע, פאַראַכטן די עניותדיקע מענטשן, האָבן פיינט די יעניקע וואָס לעבן פון זייער אייגענער פּראַצע און האָבן ליב פּוסט און פּאַסטעווען. זיי טראַכטן נאָר וועגן דעם, ווי מען באַפרייט זיך פון צאָלן שטייערן און ווילן אַרויפוואַרפן דעם גאַנצן עול פון שטייערן אויף די אָרימעלייט. אין יעדער שטאָט פירן זיי מחלוקות און צוליב נאַרישקייט הייבן זיי אָן זיך צו קריגן. צוליב קנאה ושנאה מסרט איינער אויפן צווייטן פאַר די קיניגן און פירשטן.״

פאַרראַט, מסירות און רדיפות זיינען געוואָרן אַ גאַנץ געוויינטלעכע דערשיינונג אין די יידישע קהילות. מען דאַרף געדענקען, אַז יידן האָבן אין יענער צייט געהאַט זייער אייגענעם בית־דין, אין וועלכן עס זיינען געזעסן חשובע רבנים און דיינים. די דאָזיקע געריכטן האָבן אַפילו געהאַט דאָס רעכט פאַרמשפּטן אַ יידן צום טויט. עס איז אמת, אַז אָן אַן הסכמה פון קיניג האָט מען אַ טויט־פּסק־דין ניט געקענט דורכפירן. אָבער אַ הויף־ייד האָט געקענט לייכט אויספּועלן ביים קיניג ער זאָל באַשטעטיקן אַזאַ טויט־אורטייל.

דער יידישער געריכט מיט זיינע רבנים און דיינים זיינען אָפטמאָל געווען ניט מער ווי אַ שפּילצייג אין די הענט פון די יידישע שררות, וואָס האָבן אויסגענוצט דעם בית־דין פאַר זייערע אייגענע, קליינע אינטערעסן. עס איז ניט געווען קיין סוף צו מיסברויכן. די רבנים זיינען ניט געווען שטאַרק גענוג כדי זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם דאָזיקן הפקרות. אייניקע רבנים האָבן אַפילו אַרויסגערופן קעגן

זיך דעם צאָרן פון קהל צוליב זייער טרוקענער פעדאַנטישקייט און אומנייטיקער שטרענגקייט.

פאַר יעדער נאַרישקייט האָט מען מחרים געווען.

דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די מחלוקות און פאַרגרעסערט מסירות און פאַרראַט.

„איך האָב געזען, — קלאָגט זיך אלדבי, דער מחבר פון „שבילי אמונה", — ווי דאָס פאָלק בלאָנדזשעט אין דער פינצטער, די געבילדעטע ווערן וואָס ווייניקער, די חכמים ווערן פאַרשוואונדן און די אונטערדריקער און זשעדנע מענטשן טוען זייערע שענדלעכע מעשים."

דאָס, וואָס די גייסטיקע פירער האָבן זיך ווינציק געזאָרגט פאַר זייערע קהילות, וואָס זיינען שטאַרק פאַרגרעבט געוואָרן און געדינט די רייכע יידישע שררות קעגן די אינטערעסן פון דעם אָרימען קלאַס, האָט אַ סך ניט צופרידנגעשטעלט.

אברהם אבולפיא, איינער פון די שאַפער פון „זוהר", אַן אָרימער נע־ונדניק, האָט פיינט געהאַט די „גראָבע לומדים", די פאַרטרעטער פון ראַביניזם, ווייל זיי אינטערעסירן זיך, ווי ער דריקט זיך אויס, „מיט קאַסע ביכער און געלט חשבונות". ער פאַלט אָן זייער שאַרף אויף יענע רבנים, וואָס ביי זיי איז תורה אַן ענין פאַר זיך גופא און דער תלמודישער פלפול — דער א' און ת' פון אַלע חכמות.

פון אבולפיאס צייטן דאַטירט זיך די פיינטלעכע באַציאונג פון דער קבלה צום טרוקענעם ראַביניזם. ווענדיק אָריינברענגען לעבן און פרישקייט וואָס שטראָמט פון האַרצן, טרעט די קבלה אַרויס קעגן דער פאַרגליווערונג פון ראַביניזם. די דאָזיקע טענדענץ איז שוין זייער בולט אין דעם „זוהר" גופא.

די הלכה ווערט אין דער קבלה פאַרגליכן מיט אַ טרוקענעם, האַרטן שטיין פון וועלכן עס איז שווער אַרויסשלאָגן טראָפּן פון לעבעדיקן טוי. די קבלה ווערט, דערקעגן, פאַרגליכן מיט אַ קוואַל, וואָס שלאָגט ווייט איבער זיינע ברעגן. די משנה איז אין פאַרגלייך מיט דער קבלה ווי אַ דינסטמיידל לגבי אַ בעל־הביתטע (ושפחה כי תירש גבירתה דא משנה).

די שאַפער פון זוהר פאַלן אָן אויף די פאַרטרעטער פון ראַביניזם, וואָס ווייסן נאָר ווי „מחרים זיין און אסרן, פאַרווערן און ניט דער־לאָזן" (חרוב והתרם, הטרף ואסור).

אַזוי אַרום איז די קבלה געוואָרן דער הייליקער כלי־זיין פאַר דער עליה פון דער נשמה, פאַר דער אינעווייניקסטער רעליגיעזער

עמאָציע. די געטין פון דער פּאָעזיע, פאַרטריבן פון בית ישראל אין 13־טן י״ה, האָט געפונען אַ מקום מקלט נאָר אין דער קבלה, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע רעליגיעזע און מאָראַלישע לעבן פון דעם יידן.

8.

דער קאַמף פון דער „רעליגיע פון האַרצן" מיט דער סכאָלאַס־טישער פילאָסאָפיע האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער מפלה פון דער פילאָסאָסיע. אין יענער שרעקלעכער תקופה פון בלוט און נגישות, האָט דאָס יידישע פאָלק ניט געקענט געפינען קיין נחמה און דערלייכטערונג אין דער קאַלטער תורה פון די יידישע תלמידים פון אַריסטאָטל. געפירט פון דעם אינסטינקט פון אַליינ־דערהאַלטונג, האָט דאָס יידישע פאָלק פאַרקירעוועט זיינע גייסטיקע כוחות אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג. די רעליגיעזע פילאָסאָפיע האָט יעמאָלט געמוזט פאַרוויאַנעט ווערן און ממילא שטאַרבן אַ נאַטירלעכן טויט. זי האָט זיך אומזיסט געאַמפּערט קעגן דעם גרויזאַמען פסק־דין פון דער געשיכטע. אמת, אין דער ערשטער העלפט פון 14־טן י״ה באַווייזט זיך אין דרום־פראַנקרייך אַ גוואַלדיקער דענקער, דער רלב״ג (ר׳ לוי בן גרשון), אַ מער שאַרפער און קאַלטער מח, ווי רמב״ם. ער האָט מיט מער דרייסטקייט, ווי רמב״ם, אַראָפּגעווישט פון וועג אַלץ, וואָס האָט לויט זיין מיינונג געשטערט אַנטדעקן דעם שכלדיקן אמת. קיין אַנדערן אמת האָט דער רלב״ג ניט אָנער־קענט. דער שכל, דער טרוקענער, אומרחמנותדיקער שכל איז דער איינציקער, אַליינהערשנדיקער גאָט פון דעם דאָזיקן שטאַרקן דענקער. אָבער ער איז געווען אַן אויסנאַם. זיין פילאָסאָפישער ספר „מלחמת ה׳" האָט שוין ניט אָנגעצונדן די ליידנשאַפטן און ניט געהאַט קיין השפעה אויף יענעם דור, וואָס האָט איבערגעלעבט די שרעקלעכע צייטן פון שוואַרצן טויט, פון די קרייצונגען, פון די פּאַסטוכער־באַוועגונגען און פון די מצורעים.

נאָך רלב״גן האָט די אַריסטאָטעלישע פילאָסאָפיע אין יידנטום שוין ניט געהאַט מער קיין וואָגיקע רעפּרעזענטאַנטן.

חסדאי קרשקש, וואָס האָט געלעבט אין 15טן י״ה, טרעט שוין אַרויס אין זיין ספר „אור אדוני" קעגן דער פילאָסאָפיע און אויך קעגן די אַלע וואָס ווילן די גריכישע פילאָסאָפיע אַנטקעגנשטעלן דער יידישער תורה. מיט דעם האָבן זיי, לויט זיין אויסדרוק, „פאַר־וואַנדלט אין אַפּיקורסות גאָטס לעבעדיק וואָרט און אַראָפּגעפירט אַ סך פון דרך הישר".

דער יידישער הימל איז געוואָרן אַלץ פינצטערער און פינצטערער. די גרויזאַמע אינקוויזיציע האָט אָנגעצונדן הונדערטער שייטער־אויוונס, אויף וועלכע צענדליגער טויזנטער יידן האָבן געפונען אַ מאַר־טירער־טויט נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען געטריי דעם גלויבן פון זייערע אָבות. דעם זעלבן יאָר, ווען אַ געוואַגטער ים־שווימער האָט זיך געלאָזט פון שפּאַניע אַנטדעקן אַ נייע, אומבאַקאַנטע וועלט — זיינען הונדערטער טויזנטער יידן געווען געצוואונגען פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט זייער בלוט און וואָס איז אין משך פון יאָרהונדערטער געווען דער סאַמע וויכטיקסטער יידישער צענטער. דאָס פאַרבלוטיקטע פאָלק, דער נע־ונד, געיאָגט פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, ווי אַ ווילדע חיה, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון די קלעפּ פון דעם אומברחמנותדיקן גורל. אָבער דער אַזוי ליידנשאַפט־לעך געגאַרטער גואל האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַוויזן. די שרעקלעכע רדיפות האָבן אַלץ מער אונטערגעגראָבן די גייסטיקע כוחות פון פאָלק. דער ראַביניזם האָט עקשנותדיק ממשיך געווען זיין אַרבעט, געבויט „אַ צוים נאָך אַ צוים", געשאַפן וואָס מער איסורים און פאַר־באָטן, וואָס זייער צאָל איז געוואַקסן אָן אַ סוף. ובכדי אַ ייד, אַ יראה שמים, זאָל זיך קענען אָריענטירן אין דעם מערקווירדיקן לאַבירינט פון כל אַלערליי דינים וחוקים, וואָס האָבן געפּענטעט זיין יעדן טראָט — האָבן די סאַמע חשובסטע רבנים פון 16־טן י"ה זיך אָפּגעגעבן מיט שאַפן אַ האַנדבוך פון רעליגיעזע דינים. מיט אַזעלכע רעליגיעזע קאָדעקסן, ווי דער „שולחן ערוך" שעפּט זיך אויס די שעפע־רישקייט פון ראַביניזם אין דעם גאַנצן 16־טן יאָרהונדערט. יענעם יאָר־הונדערט האָט די קבלה, וואָס אַדאַנק איר איז, לויט דער מיינונג פון אַ מיטצייטלער, דאָס „מקיים זיין פון די רבנישע תקנות ניט געוואָרן אַזוי מעכאַניש און לעבלאָז" — האָט אין דער געשטאַלט פון דעם עקזאַלטירטן יצחק לוריא (דער אר"י, 1534—1572) אָנגענומען מרה־שחורהדיקע, יאושדיק־מיסטישע פאָרמען. די משיחישע אידייע האָט מיט אַ גוואַלדיקן כוח באַהערשט די היציקע פאַנטאַזיע פון ליידנדיקן פאָלק. דער גלויבן אין משיח און אין דער אָנקומענ־דיקער גאולה איז געווען די איינציקע נחמה אין דעם ים פון פיין און ליידן.

יעמאָלט באַווייזן זיך דער סודותפולער דוד ראובני, זיין איידע־לער מיטקעמפער שלמה מולכו, דאַן קומט אשר לעמליין און אַנדערע מבשרים פון דער גאולה.

אָבער דער יידישער כוס פון פיין איז נאָך ניט געווען איבער־

געפּולט. אין מיטן פון 17־טן י״ה האָט זיך אַ שרעקלעכער שטורעם אַראָפּגעלאָזט אויף דעם היימלאָזן פאָלק. ער האָט צעשמעטערט הונ־דערטער יידישע קהילות. די בלוטיקע תקופה פון דער כמעלניטשינע, די גזירות ת״ח (1648) האָט אויפגעלעבט אַלע שרעקן פון די קרייצ־צוגן און פון „שוואַרצן טויט״.

משוגע פון שרעק, האָט דאָס פאָלק אַרומגענומען נאָר איין מחשבה: „אַזוי טאָר מען ניט לעבן״. עפּעס דאַרף געשען, און זאָל נעמען אַ סוף פון די גרויסע ליידן. דאָס פאָלק האָט געוואַרט אויף די גאולה, געוואַרט מיט אומגעדולד, געוואַרט מיט טיפער אמונה, וואָס נאָר אַן אויסגעמאַטערטע נשמה איז אויף דעם פעאיק. יענעם קריטישן מאָמענט באַווייזן זיך אויף דער אַרענע פון דער יידישער געשיכטע צוויי געשטאַלטן, צוויי אַנטיפּאָדן, פאַרטרעטער פון צוויי אַנדערע וועלטן. איינער — אַ גייסטיקער ריז, פאַר וועמען דער אינטעלעקט איז אַלץ, דאָס וויסן — דער איינציקער זין פון לעבן, דאָס העכסטע גליק און פרייד. דער צווייטער — אַ מוטיקער בעל־חלומות, מיט אַ פאַנטאַזיע, וואָס דערגייט צו אומגעצוימטער האַלוצינאַציע, ביי וועמען די רעאַלע וועלט איז געקניפּט און געבונדן מיט דער וועלט פון פאַנטאַזיע. דער ערשטער—אַ קאַלטער אומברחמנותדיקער און קאַלט־בלוטיקער דענקער, דער צווייטער — אַן עקזאַלטירטער מיסטיקער, וואָס איז אויף דער גרענעץ פון נאַרמאַלקייט און פּסיכאָפּאַטישקייט. דאָס זיינען געווען — ב ר ו ך ס פּ י נ אָ ז אַ און ש ב ת י צ ב י.

9.

ספּינאָזאָס השפעה אויפן יידנטום איז געווען זייער אַ קליינע. דאָס ווערט בדרך כלל דערקלערט מיט דעם, וואָס דאָס יידנטום האָט זיך אין יענער צייט געפונען אויף אַ צו נידעריקער קולטור־מדרגה און ממילא ניט געקענט פאַרדייען די געדאַנקען פון דעם גרויסן פילאָסאָף. עס איז אָבער אויך כדאי זיך שטעלן אַ פראַגע: וואָס האָט אייגנטלעך ספּינאָזאָס האַרמאָנישע און טיפע לערע געקענט געבן דעם ליידנדיקן יידישן פאָלק, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געבלוטיקט? האָט זי געקענט לינדערן זיינע ליידן, היילן זיינע וואונדן? כדי צו געבן אַ תשובה אויף די דאָזיגע פראַגע, איז כדאַי נאָר אָנמערקן אויף דער שטעלונג פון ספּינאָזאָן צום יידנטום און צו זיין טרעגער — דעם יידישן פאָלק:

„ווער עס לעבט לויט דער הדרכה פון אינטעלעקט, — לערנט ספּינאָזאַ, — דער באַמיט זיך, אויף ווי ווייט עס קען ענטפערן

אויף שנאה צו אים, אויף כעס און פאַראַכטונג פון אַנדערע — מיט ליבע און איידלמוט".

„ווער עס באַמיט זיך אָפּצאָלן פאַר באַליידיקונגען מיט שנאה, דעם איז באמת צו באַדויערן". — זאָגט ווייטער דער גרויסער פילאָסאָף.

און אין אַן אַנדער אָרט שרייבט ער:

„דער מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער פילט צו קיינעם ניט קיין שנאה, איז אויף קיינעם ניט אין כעס, איז קיינעם ניט מקנא, ווערט ניט אויפגעבראַכט, באַציט זיך צו קיינעם ניט מיט פאַראַכטונג און איז ניט גאווהדיק."

ליידער, האָט אָבער ספינאָזאַ גופא, אָט דער דאָזיקער איידעלער, אידעאַליסטיש ריינער מענטש, ניט תמיד געהאַנדלט אַזוי, ווי עס פּאַסט לויט זיין מיינונג פאַר אַ מענטשן, וואָס הערט זיך צו נאָר „צום דיקטאַט פון אינטעלעקט".

ספּינאָזאַ האָט ניט געקענט מוחל זיין זיינע אמונה־ברידער, וואָס האָבן אים אָפּגעשטויסן פון זיך; ער האָט ניט געקענט דער־שטיקן אין זיך דעם געפיל פון שנאה און צאָרן צו די רבנים, דערפאַר, וואָס דער אַמסטערדאַמער בית־דין האָט אים מחרים געווען. זיין האַס האָט ער איבערגעטראָגן אויף דעם יידנטום גופא. די רבנים רופט ער אָן ניט אַנדערש, ווי „די פאַריסעיער" (פרושים). מיט אַ סך ביטול רעדט ספינאָזאַ וועגן דעם „אתה־בחרתנודיקייט" פון יידישן פאָלק. ער באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז דאָס יידישע פאָלק שטייט מיט קיין זאַך ניט העכער פון אַלע אַנדערע פעלקער. ער פאַרזיכערט אַפילו, אַז אַנדערע פעלקער האָבן אויך געהאַט נביאים און ניט נאָר די יידן, און אַז די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן זיינען געשטאַנען אַ סך העכער ווי די יידישע נביאים. עס איז אמת, אַז נאָר דאָס יידישע פאָלק האָט באַקומען די תורה. אָבער מיט דעם — פאַרזיכערט ספינאָזאַ, איז ניטאָ וואָס זיך איבערנעמען. די געזעצן פון דער תורה — דאָס זיינען געזעצן פאַרן טאָגטעגלעכן, גשמיותדיקן לעבן. די דאָזיקע געזעצן זיינען געווען נויטווענדיק פאַר די יידן פאַר זייער פּאָליטישן לעבן אין ארץ־ישראל. איצט דאַרף מען זיי אָבער מער לחלוטין ניט האָבן. די געזעצן פון דער תורה האָבן לויט ספינאָזאַן פּונקט אַזאַ באַטייט, ווי די געזעצן פון וועלכן עס איז אַנדערן פאָלק. דער מענטש דאַרף זיי האָבן ניט ווייל זיי זיינען אמתדיק, נאָר ווייל זיי זיינען נוצלעך. דער אמתער זין פון לעבן, די אמתע מאָראַלישקייט שטעקט אין משיג זיין גאָט. דאָס ווערט אָבער דערגרייכט ניט דורך מקיים זיין מצוות,

נאָר דורך שטודירן די אַלגעמיינע געזעצן פון דער נאַטור. ספּינאָזאַ גייט אָבער אין זיינע אורטיילן וועגן יידנטום אַ סך ווייטער. ער שטעלט די פראַגע: וואָס איז די סיבה וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַזוי אָפּט אָפּגעטראָטן פון די געזעצן, וואָס זייער ציל און כוונה איז דאָך געווען אויפצוהיטן אין אים דעם מלוכהשן כאַראַקטער, און פאַר וואָס איז די דאָזיקע יידישע מלוכה סוף כל סוף געפאַלן? אויף דעם גיט ספּינאָזאַ אַזאַ, באמת מערקווירדיקע, תשובה: גאָט האָט ניט געגעבן דעם פאָלק ישראל אַזעלכע גוטע און יושרדיקע געזעצן, כדי יידן זאָלן ניט קענען זיך דערהאַלטן ווי אַ נאַציע, נאָר פאַרקערט: די געזעצן זיינען זיי געגעבן געוואָרן, כדי זיי וואָס גיכער אומברענגען.

„וואָס מער, — שרייבט ספּינאָזאַ, — איך פאַרטיף זיך אין דער דאָזיקער פראַגע, אַלץ מער קום איך צו דער איבערצייגונג, אַז גאָט האָט אין יענער צייט בכלל ניט געהאַט אין זינען דאָס גליק און די זיכערקייט פון די יידן, נאָר געשטרעבט זיך נוקם זיין פאַר זייערע שלעכטע מידות, ווי דאָס האָט שוין בשעתו אַנגעוויזן טאַציט. עס איז מער צו שטוינען, ווי גרויס עס איז געווען גאָטס צאָרן אויפן יידישן פאָלק, וואָס ער האָט אים מזכה געווען מיט אַזעלכע געזעצן, ניט כדי זיי זאָלן לעבן לויט זיי, נאָר ווי אַ שטראָף פאַר זייערע זינד.“

דאָס איז געווען די באַציאונג פון ספּינאָזאַן צום יידנטום. מיט אַזאַ גרויזאַמער קאַלטקייט און, לאָמיר דאָס זאָגן אָפן, מיט אַזאַ האַרצלאָזיקייט האָט זיך דער גרויסער פילאָסאָף באַצויגן צו די גרויסע ליידן פון זיין פאָלק.

עס ווערט אָפּט אַנגעוויזן, אַז די קבלה האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף ספּינאָזאַס פילאָסאָפישן סיסטעם. עס איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז אַזאַ השפּעה איז געווען, הגם ניט אין אַזאַ פאָרם, ווי מען איז נוהג צו דענקען. מען דאַרף קודם־כל ניט פאַרגעסן, אַז ענלעכקייט אָדער השפּעה פון דער קבלה לאָזט זיך פעסטשטעלן נאָר אין דעם מעטאַפיזיש־ספּעקולאַטיוון טייל פון ספּינאָזאַס פילאָסאָפישן סיסטעם.

פּונקט ווי די קבלה, לערנט אויך ספּינאָזאַ, אַז גאָט איז די אַבסאָלוט איינציקע אור־סובסטאַנץ, פון וועלכן עס שטאַמט אָפּ אַלץ וואָס האָט אַ קאָנקרעט אינדיווידועלע עקזיסטענץ.

„אַלץ וואָס איז, איז גאָט, און אויסער גאָט קאָן גאָרניט ניט עקזיסטירן און קען אַפילו ניט געדאַכט ווערן.“

אין הסכם מיט דער קבלה און להיפך צו זיין לערער, ד ע ק אַ ר ט, פירט ספּינאָזאַ אַדורך אין זיין סיסטעם אַ שטרענג אויסגעהאַלטענעם מאָניזם. ער האָט ניט געקוקט אויף מאַטעריע און גייסט, ווי אויף צוויי

באַזונדערע, זעלבסטשטענדיקע סובסטאַנצן, פאַרשיידן אין זייער מהות, וואָס פאַראייניקן זיך נאָר אין גאָט. לויט אים זיינען מאַטעריע (אויסשפּרייטונג) און גייסט (אינטעלעקט) בלויז צוויי אומענדלעכע אַטריבוטן פון דער אור־סיבה. די אויסשפּרייטונג איז, לויט ספּינאָזאַן, דער פאַרקערפּערטער געדאַנק (אינטעלעקט) און דער געדאַנק איז די אויסשפּרייטונג וואָס מען קען ניט זען. דאָס איז די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע זייט — וואָס זייער אידענטישקייט איז גאָט.

ספּינאָזאַ שטימט איין מיטן „זוהר" אין דעם הויפּט־געדאַנק, אַז גאָט איז איינציק אין אַלץ און אַז אַלץ איז אין גאָט. ער צעגייט זיך אָבער מיט אים אין דעם סאַמע עיקרדיקן פּונקט און דווקא אין דעם, וואָס אַנטהאַלט אין זיך דעם קערן און דעם צענטער פון דער קבלה, דאָס איז איר עטישע תורה.

דער גרונד־געדאַנק פון דער קאַבאַליסטישער תורה איז, אַז אין דער וועלט איז פאַראַן אַ שטאַרקער עטישער יסוד און אַז אין דער אַנטוויקלונג און ענדגילטיקן נצחון פון אָט דעם דאָזיקן יסוד שפּילט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט אַ גוואַלדיקע ראָל. און גראָד אין ספּינאָזאָס פילאָסאָפישער שיטה איז בכלל ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

מיט גרויס חריפות אַנטוויקלט ספּינאָזאַ דעם געדאַנק, אַז אין דער נאַטור איז ניטאָ קיין צופאַלן. אַלץ איז דעטערמינירט. דערפאַר איז פאַראַן תמיד אַ נויטווענדיקע פאַרבינדונג צווישן סיבות און פּועל־יוצאס. גוט און שלעכטס, דאָס פולקומע און ניט־פולקומע זיינען דע־ריבער באַגריפן, וואָס האָבן אָביעקטיוו גענומען קיין שום זין ניט, ווייל זיי דריקן ניט אויס דעם תמצית פון די זאַכן — נאָר זיינען בלויז שטימונגען און איינדרוקן פון אונדזער אופן דענקען. יעדע אָביעקטיווע דערקענטעניש האָט צו טאָן נאָר מיט שטענדיקע שייכותן פון די זאַכן צווישן זיך, בעת אַזעלכע באַגריפן, ווי מיאוס — שיין, נוצלעך — שעדלעך, גוט — שלעכט אאַז"וו זיינען ניט מער ווי סוביעקטיווע באַגריפן. די אַלע אורטיילן און אָפּשאַצונגען וואָס דענקענדיקע און פילנדיקע מענטשן ברענגען אַרויס — זיינען, לויט ספּינאָזאַן, סוב־יעקטיוו און רעלאַטיוו, בשום אופן אָבער ניט אַבסאָלוט און אָביעקטיוו. דאָס איז אויך חל אויף מאָראַל. אין דער אומענדלעכער קייט פון זיין און ווערן, פאַרנעמט דאָס מאָראַלישע פּונקט אַזאַ אָרט, ווי דאָס אומ־מאָראַלישע. פון דעם אָביעקטיוון קוק־ווינקל שטעלן ביידע פאָר מיט זיך ניט מער ווי דעם צוזאַמענשייכות צווישן פאַרשיידענע סטי־

מולן און דערקענטענישן.ביידע זיינען איינגעשלאָסן אין דער גרויסער קייט, וואָס פאַרבינדט אַלע פאָרמען פון זיין מיט זייער אייביקן יסוד.

אין דעם אַלגעמיינעם שייכות פון אַלע פאָרמען פון זיין מיט זייער אייביקן יסוד, פּאַסט ספּינאָזאַ אַריין זיין לערע וועגן מאָראַל, וועגן אַ ריין שכלדיקער מאָראַל, וואָס אַנערקענט ניט קיין אונטערשייד צווישן גוטס און שלעכטס. מיר דאַרפן, — לערנט ספּינאָזאַ, — באַטראַכטן זאַכן ווי נויטווענדיקייטן, און ניט ווי צופעליקייטן. די דאָזיקע נויטווענדיקייט פון זאַכן איז דאָך די נויטווענדיקייט פון גאָטס אייביקער נאַטור גופא.

דאָס קאַלטבלוטיקע דערקענען פון דעם אַלגעמיינעם שייכות פון זאַכן — דאָס איז טאָקע די העכסטע עמאַנאַציע, דער עצם מאָ־ראַלישקייט. דאָס שכלדיקע באַנעמען אָדער ריכטיקע דערקענטעניש, דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס דרינגט אַרויס פון תמצית פון גייסט מיט אַן אמתער, אינערלעכער נויטווענדיקייט. זיך אָפּגעבן מיט דער דאָזיקער דערקענטעניש, מיט דעם ריכטיקן פאַרשטיין פון זאַכן — אין דעם שטעקט די איינציקע פרייד, דאָס גליק פון מענטשן. אין דעם ריינעם באַטראַכטן, ד״ה אין דער אַבסאָלוטער קאַלטבלוטיקייט און פּאַסיוויטעט זעט ער דעם העכסטן אויפבלי פון מענטשלעכע כוחות און זייער ענדציל.

ספּינאָזאַ האָט אַרויסגעזאָגט דעם ריכטיקן געדאַנק, אַז גוטס און שלעכטס האָט ניט קיין אויספיר, אַז דער ווערט פון די דאָזיקע באַגריפן ווערט פאַרן מענטשן אויף אַ האָר ניט קלענער, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ די מענטשלעכע און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. דורך דעם וואָס ער שטעלט פאָר דעם מענטשן, ווי אַן אַבסטראַקטן מאָדוס פון געטלעכקייט און ניט ווי אַ טייל פון אַ סאָציאַלן אָרגאַניזם, זעט ער גליק, מאָראַל און טוגנט פון אַ מענטשן נאָר אין דערקענען זיי.

ספּינאָזאַ האָט אַליין געמוזט מודה זיין, אַז דאָס דערגרייכן פון דער העכסטער פאָרם פון עטישקייט דורך ריינער קאָנטעמפּלאַציע, איז אַן ענין, וואָס נאָר יחידי סגולה קענען זוכה זיין. דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם, שטעלט ספּינאָזאָס לערע דער מענטשהייט קיין שום צילן, צו וועלכע זי זאָל קענען אַקטיוו שטרעבן. זיין לערע בלייבט בכן פּרוכטלאָז, ניט געקוקט אויף דעם גאַנצן ברייטן פאַרנעם און מערקווירדיקער קאָנסטרוקציע. לויט ספּי־נאָזאַן קען מען שטרעבן צו דערקענטעניש נאָר יעמאָלט, ווען דאָס דרינגט אַרויס מיט אַ נויטווענדיקייט פון אונדזער טבע אין דער פאָרם, אין וועלכער זי איז גופא באַשאַפן געוואָרן. מיט איין וואָרט, דער

מענטש האָט קיין שום צילן ניט, פונקט ווי די נאַטור ווייסט פון זיי ניט.

עס איז אומנייטיק מוסיף צו זיין, אַז ספינאָזאָס לערע איז געווען מער פרעמד און פיינלעך דעם יידנטום, ווי רמב״מס תורה. די אָביעקטיווע געשיכטע וועט ניט אַרויסטראָגן קיין שאַרפן פסק־דין קעגן די אַמסטערדאַמער פאַרטרעטער פון דער קהילה, וואָס האָבן אויס־געשלאָסן פון זייער סביבה דעם גרויסן אַפיקורס, ווייל זיי האָבן מיט רעכט אין אים געזען אַ גרויסע סכנה פאַר זייערע נאַציאָנאַלע אוצרות, פאַר די אוצרות, צוליב וועלכע יידן האָבן אַזוי פיל געליטן.

דער גרויסער אַמסטערדאַמער דענקער, פאַרטיפט אין זיין פילאָסאָפישער אידייען־וועלט, האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זייט פון דעם אומגליקלעכן יידישן פאָלק. ער האָט געלעבט און איז געשטאָרבן אָפּגעפרעמדט פון זיין פאָלק.

עס האָט זיך אָבער באַוויזן אַן אַנדער מענטש, וואָס איז געווען דורך און דורך איינגעווייקט אין די בענקשאַפטן פון ליידנדיגן יידנטום. דער דאָזיקער מענטש האָט געגעבן אַ קלאָרן, קאַטעגאָרישן ענטפער אויף די פראַגע וואָס עס האָט געפייניקט די יידישע נשמה — און דאָס פאָלק איז אַוועק מיט אים בלינד און הכנעהדיק.

דאָס איז געווען: **שבתי צבי** (1626—1676).

דער דאָזיקער מערקווירדיקער, עקזאַלטירטער מענטש, וואָס איז געווען אויף דער גרענעץ פון נאָרמאַל און פּאַטאָלאָגיש, האָט פעסט און זיכער מבשר געווען דעם ליידנדיקן יידנטום, אַז דער כוס פון ליידן איז שוין איבערגעפולט און דער טאָג פון גאולה איז נאָענט. דער לאַנג־דערוואַרטעטער משיח האָט זיך שוין באַוויזן און ער וועט ברענגען דעם אויסגעמאַטערטן אויסגעליטענעם פאָלק צוריק אין לאַנד פון זיינע אָבות, וואו ער וועט אָנהייבן לעבן אַ ניי, ליכטיק, פריילעך לעבן.

„איך, שבתי צבי, בין אייער משיח!”

די דאָזיקע יובלדיקע דעקלאַראַציע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט בכל תפוצות ישראל און מען האָט אים מקבל געווען מיט אַן אמת ווילדער, עקזאַלטירטער פרייד. עס איז פאַראַן עפעס טיף טראַגישעס, עפעס וואָס כאַפּט ממש ביים האַרצן, בעת מען לייענט אַפילו די פּראָטאָקאָל־מעסיקע באַשרייבונגען פון היסטאָריקער, וואָס רופן דאָס אָן „מאַסן־פסיכאָז”.

ענדלעך האָט ער זיך באַוויזן, אָט דער, אַזוי לאַנג דערוואַר־טעטער שליח פון גאָט. ענדלעך האָט דער רבונו של עולם זיך

צוגעהערט צו די תפילות פון זיין פאָלק און פאַר די אַלע עינויים קשים, האָט ער צוגעגרייט פאַר אים אַ גרויסע פרייד.

אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע פאָלק; אַ פרייד, וואָס דערגייט ממש ביז עקסטאַז, ביז אַ שיגעון. יאָ, דאָס איז געווען אַ „מאַסן פסיכאָז", אַ מאַסן שיגעון. אָבער אין דעם דאָזיקן שיגעון האָט זיך מיט אַ גוואַלדיקן כוח מאַניפעסטירט און זיך דורכגעשלאָגן כלפּי חוץ דער גאַנצער ליידנשאַפטלעכער חשק צו לעבן, וואָס האָט געטליעט אין דער אויסגעמאַטערטער יידישער פאָלקס־נשמה. די גרעסטע צרות זיינען ניט געווען בכוח צעשמעטערן אין דעם יידישן פאָלק דעם גלויבן אין אַ בעסערן עתיד, אין בעסערע תנאים פון לעבן. נאָר אַ נס האָט געקענט ראַטעווען דאָס אומגליקלעך פאָלק פון זיינע הענקערס. דאָס דאָזיקע פאָלק, פאַרטיידיקנדיק זיין אינדיווידועלן פרצוף, האָט זיך זשעדנע געצאַפּלט צו לעבן און דערפאַר האָט ער געגלויבט אין דעם נס. ער האָט געגלויבט, אַז גאָטס שליח וועט קומען און מאַכן אַ סוף צו די ליידן. ער וועט טרויער פאַרוואַנדלען אין פרייד, טרערן אין יובל. דער דאָזיקער גואל — משיח מוז קומען און דערפאַר איז ער געקומען.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז שבתי צבי און זיינע אָנהענגער, ווי אמתע תלמידים פון דער קבלה, האָבן קודם כל באַשלאָסן, אַז די צייט איז געקומען צו באַפרייען דאָס יידנטום פון דער לאַסט פון אומגייטיקע דינים, מיט וועלכע די רבנים אין מיטלעלטער האָבן געפּענטעט יעדן טראָט פון דעם יידן. שבתי צבי האָט אַפילו אָפּגעשאַפט תעניתים. ער האָט דאָס אויסגעדריקט אין אַזעלכע מערקוויר־דיקע אויסדרוקן:

„איך בין אייך אַלע מודיע, אַז אַזוי ווי איר האָט זוכה געווען צו זען גאָטס גרויסן טאָג ווען זיין וואָרט איז מקויים געוואָרן, דאַרף אייער טרויער און קלאָגן פאַרוואַנדלט ווערן אין פרייד און אייערע תעניתים זאָלן ווערן טעג פון פרייד, ווייל מער וועט איר שוין ניט וויינען. פרייט זיך דעריבער מיט געזאַנג און שמחותדיקע אויסגעשרייען. די טעג, וואָס איר האָט פאַרבראַכט אין טרויער, וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין טעג פון שמחה, ווייל איך האָב זיך פאַר אייך נתגלה געווען."

אָבער דער פאַנטאַסטישער חלום פון שבתי צבי איז ניט מקויים געוואָרן. ער האָט זיך גופא שטאַרק אַנטוישט. ער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז ער איז דער מלך המשיח. ער איז געווען זיכער,

אַז אַ נס וועט געשען. נאָר עס איז ניט געשען. און דער כלומרשטער משיח איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געפאַנגענעם פון סולטאַן.

נאָכן גוואַלדיקן גייסטיקן עקסטאַז, וואָס שבתי צבי׳ס משיחיזם האָט אַרויסגערופן, איז דאָס אידישע פאָלק אַנטוישט געוואָרן און פאַרגליווערט אין זיין יאוש. די חסידים זיינע, וואָס האָבן ממשיך געווען זיין שליחות — האָבן שוין ביים פאָלק ניט געקענט אַרויסרופן קיין התלהבות. דאָס יידישע פאָלק האָט נאָך מער אַראָפּגענידערט דעם קאָפּ, צוזאַמענגעבראָכן פון די גרויזאַמע קלעפּ פון דעם אומ־רחמנותדיקן גורל. דער גלויבן אין אַ גאולה האָט זיך באַהאַלטן ערגעץ אין די טיפענישן פון דער געפּלאָגטער נשמה און האָט זיך אַ צייט ניט מאַניפעסטירט כלפּי חוץ.

די רבנישע יידישקייט איז אין יענער צייט פאַרגליווערט גע־וואָרן און פאַרוואַנדלט אין אַ זייער שמאָלן, טויטן פאָרמאַליזם. זי האָט געגעבן דעם פאָלק דעם „שולחן ערוך" מיט זיינע צאָלרייכע פירושים. דאָס איז געווען אין דער פּראַקטיק. אין דער טעאָריע האָט זי זיך דערטראַכט צום פּלפּול. דאָס קלאָרע, לאָגישע דענקען איז פאַר־ביטן געוואָרן מיט פּשטלעך און ווילדע המצאות. די טרוקענע, פּרוכט־לאָזע סכאָלאַסטיק איז געוואָרן אַן ענין פאַר זיך גופא, אַ מין „קונסט לשם קונסט". אַלץ, וואָס האָט זיך ניט פאַרוואַנדלט אין אַ מומיע; אַלץ, וואָס האָט נאָך געטראָגן אין זיך סימנים פון לעבן, איז אָפּגע־וואָרפן געוואָרן און אָנערקענט ווי אַפּיקורסות. אַפילו דער תנ"ך איז געוואָרן טריף. צו ווינציק ווערט האָט דער תנ"ך געהאַט פאַר קאָפּברעכערישע פּשטלער.

דעם גרויסן רב פון 17־טן י"ה, ר׳ יהונתן אייבעשיץ (1690—1764), אַ גרויסער חריף, איז געוואָרן ענג אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון טרוקענער קאַזואיסטיק. ער האָט ניט געפונען אַרום זיך קיין לעבעדיקע, גייסטיקע סביבה. אויך ער האָט זיין ווייט ניט קיין דורכשניטלעכן אינטעלעקט אָפּגעגעבן אויף דעם סאַמע נישטיקן טייל פון דער קבלה, אויף קבלה מעשיות מיט כישוף, סגולות און גמטריות.

קעגן די קאַבאַליסטישע קונצן איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ גרויסן רעש, דער ערלעכער, אָבער קריגערישער און בייסיקער רב, ר׳ יעקב עמדן אשכנזי (יעבץ, 1696—1776). צווישן די דאָזיקע צוויי זיילן פון רבנות האָבן זיך אָנגעהויבן מחלוקות, וואָס האָבן דעם ראַבי־ניזם קיין כבוד ניט פאַרשאַפט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די גייס־טיקע כוחות פון יידנטום זיינען שוין איינגאַנצן געבראָכן און דאָס

אַלטע, גרויסע פאָלק, אָפּגעשאָווכט פון דער ניט־גלייכער מלחמה, שטייט פאַר שווערער, פיינלעכער גסיסה.

איז אָבער אויפגעקומען די גרויסע תקופה פון אויפקלערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ מעריב־אייראָפּע.

דאָס יידישע פאָלק האָט באַוויזן, אַז עס לעבט און קיין שום ליידן זיינען ניט בכוח אויסלעשן אין אים דעם לעבעדיקן גייסט. אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן י״ה האָבן זיך אין יידישן פאָלקס־לעבן באַוויזן מיט אַ נייעם כוח צוויי פאַרשיידענע שיטות — איינע פיינט־לעך צו דער צווייטער. עס האָט זיך אויפסנייַ אָנגעהויבן „דער קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט״, פאַר דער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט.

10.

די גוואַלדיקע גייסטיקע רעוואָלוציע וואָס האָט אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה אויפגעטרייסלט די אַלטע אייראָפּע, האָט געהאַט זייער אַ שטאַרקע השפּעה אויך אויף די יידן אין מעריב־אייראָפּע. קודם כל האָט זיך געלאָזט פעסטשטעלן די בולטע השפּעה פון די פראַנ־צויזישע אויפקלערערס אויף די בערלינער אינטעליגענטע און אַריסטאָ־קראַטישע קרייזן. פריידענקעריי און אויבערפלעכלעכער ראַציאָנאַליזם זיינען אין פרייסן סאַנקציאָנירט געוואָרן פון דעם טראָן, אויף וועלכן עס איז געזעסן פרידריך דער גרויסער, וואָלטערס אַ פריינד. די דאָזיקע השפּעה האָט זיך תיכף געלאָזט פילן ביי די שפּיצן פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס איז געווען צאָלרייך אין בערלין, צוליב דעם, וואָס ניט קיין פאַרמעגלעכע יידן איז ניט געווען אַזוי גרינג זיך צו באַזעצן אין דער פרייסישער הויפּטשטאָט.

עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, ווי אַזוי דער טרוקענער, פלאַכער ראַציאָנאַליזם האָט אַרומגעכאַפּט געוויסע קרייזן פון שפּאַ־נישן יידנטום אין דער נאָך־רמב״ם־תקופה. אַן ענלעכע דערשיינונג, אָבער אין אַ סך אַ גרעסערן פאַרנעם, האָט זיך איבערגעחזרט אין לעצטן פערטל פון 18־טן י״ה אין די קרייזן פון פרייסישן שפּיץ־יידנטום. די אידייען פון די פראַנצויזישע אויפקלערערס, די גאַליקע סאַרקאַזמען פון וואָלטערן — האָבן אין געוויסע דייטשע קרייזן גורם געווען אַ רעליגיעזע אינדיפערענץ. אין ליכט פון דעם אַליינ־הערשנדיקן אינטעלעקט, האָט מען אָנגעהויבן קוקן אויף רעליגיע, ווי אויף אַן אָבערגלויבן, ווי אויף אַ שעדלעך איבערבלייבעכץ פון די אַלטע צייטן. אָבער דער דייטש־ראַציאָנאַליסט, וואָס האָט זיך אומ־געדרייט מיט דער פּלייצע צו דער רעליגיע, האָט דאָך דורך דעם ניט

אויפגעהערט צו זיין אַ דייטש. גאָר אַנדערש איז אָבער געווען מיט יידן. דער סימן מובהק פון אַ יידן, דאָס, וואָס שיילט אים אויס פון דער אַרומיקער וועלט, איז דווקא זיין רעליגיע. אָבער די דעמאָלטדיקע „אויפקלערערס״ האָבן געהאַלטן רעליגיע ווי אַן איבערבלייבעכץ פון אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער וועלט. אין דער תקופה פון גראַדליניקן ראַציאָנאַליזם האָט די רעליגיע ניט געקענט באַווייזן איר „שכלדיקייט״.

די לערע פון די פראַנצויזישע דענקער פון 18־טן י״ה האָט גע־בוירן די דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטש און דעם שטאָלץ־קלינגענ־דיקן פּרינציפּ פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט״, אַ דעוויז, וואָס אַנטהאַלט אין זיך, ווי אַ לאָגישער פּועל־יוצא, דעם פּרינ־ציפּ פון גלייכע רעכט פאַר יידן, ווי מענטשן, קינדער פון דער אַל־מענטשלעכער משפּחה, אָבער ניט ווי אַ באַזונדער גרופּע, וואָס האָט אַ רעליגיע „פול מיט אבערגלויבנס״. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז אויב אַ ייד וויל געהערן צו דער דאָזיקער נייער וועלט, ווערן אַ גלייכבאַרעכטיקטער גליד פון דער משפּחה פון מענטשן דאַן דאַרף ער אָפּשאָקלען פון זיך אַלץ, וואָס איז אַלט און ניט־שכלדיק, ד״ה ער דאַרף זיך אָפּזאָגן פון זיין רעליגיע און זיך שטעלן אונטער דער שוץ פון דעם שכל.

אין יענער אַנטי־היסטאָרישער תקופה האָט ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן וועלכער עס איז קריטישער באַציאונג צו דער היסטאָרישער עוואָלוציע פון דער יידישער רעליגיע און וועגן איר ראָל אין דער אַנט־וויקלונג פון דער יידישער נאַציע.

דער גייסט פון נעגאַציע, פון פּראָטעסט קעגן גייסטיקע קייטן, וואָס אייראָפּע האָט געירשנט פון מיטלעלטער, האָט אויך משפּיע געווען דאָס יידישע געטאָ און האָט דאָ אָנגענומען אייגנאַרטיקע, זייער כאַראַקטעריסטישע פאָרמען.

דער עצם־קאַמף פון די דייטשע יידן קעגן די אַלטע פאָרמען פון לעבן איז געווען אויסגעדריקט אין דעם שטרעבן זיך מתייחד זיין מיט דער דייטשישער קולטור.

די הומאַניטאַרע געדאַנקען, וואָס מען האָט אימפּאָרטירט קיין בערלין פון פּאַריז, האָבן געוועקט אין די שפּיצן פון מער סענסיטיווע שיכטן פון דער דייטשישער געזעלשאַפט אַ געפיל פון זעלבסט־באַוואוסטזיין, אַ דראַנג צו בילדונג. אָבער דאָס „מתייחד זיין זיך מיט דער אַלגעמיינער קולטור״, האָט נאָך ניט געמיינט, אַז דער דייטש וועט צוליב דעם ווערן אַ פראַנצויז, ד״ה צו דער נעגאַציע פון אייגענער אינדיווידואַליטעט, פון דעם אייגענעם, נאַציאָנאַלן עבר, פאַרקערט.

די דערוואַכונג פון זעלבסטבאַוואוסטזיין און דאָס מיטגעריסן ווערן פון די אויפקלערערישע אידייען האָט אַ סך מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלע כוחות און האָט גורם געווען דעם אויפבלי פון דער אייגענער ליטעראַטור. ביי די שפּיץ־שיכטן פון יידנטום, האָט אָבער קולטור־דערוואַכונג געמיינט: אַסימילירן זיך מיט דער דייטשער קולטור און דאָס באַפרייען זיך פון די אבערגלויבנס פון מיטלעלטער. דאָס האָט אומפאַרמיידלעך געפירט צו דער נעגאַציע פון אייגענעם נאַציאָנאַלן עבר. מיט איין וואָרט — אַ קולטור־מענטש האָט ביי דעם יידן געהייסן ווערן אַ דייטש. ביי די שפּיץ־שיכטן פון דייטשישן יידנטום האָט דער גייסט פון נעגאַציע אָנגענומען אַן אויסטערלישע פאָרמע: זיי האָבן נעגירט זיך גופא.

בראש פון די אויפקלערערישע שיכטן אין דייטשישן יידנטום איז געשטאַנען משה מענדעלסאָן. מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף דער גרעסטער היסטאָרישער פּערזענלעכקייט פון זיין צייט. אַזוי האָבן געקוקט אויף אים ניט נאָר דייטשע יידן, נאָר אויך אייניקע רוסישע יידן. אַפילו די, וואָס באַציען זיך נעגאַטיוו צו דער „בערלינער שקר־השכלה", פאַלן אָן אויף מענדעלסאָנען הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס זיי מאַכן אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ריכטונג, וואָס דאָס מעריב־אייראָפּעאישע יידנטום האָט אָנגענומען אין דעם לעצטן יאָרהונדערט. אָבער סיי די אָנהענגער און סיי די קעגנער פון מענדעלסאָנען זיינען שטאַרק ניט גערעכט אין זייער אָפּשאַץ פון דער ראָל און באַטייט פון דעם בערלינער פילאָסאָף אין דער געשיכטע פון דער השכלה ביי יידן. קודם כל איז מענדעלסאָן געווען ווייט פון אַ נאָוואַטאָר, פון אַ מענטש מיט איניציאַטיוו. אַ סך פון דעם, וואָס עס ווערט אים צוגעשריבן, איז געשען ניט מיט זיין ווילן, נאָר קעגן דעם.

אין דער שטורמישער עפּאָכע פון נעגאַציע און פון נצחון פון אַליינהערשנדיקן שכל, איז מענדעלסאָן געבליבן דער זעלבער רוהיקער, טיף־רעליגיעזער מענטש. דאָס וואָרט „פריי־גייסט" — איז ער זיך מודה אין אַ בריוו צו לעסינגן, — האָט אים תמיד אויפגעשוידערט. דער געדאַנק, אַז זיין פריינד לעסינג האַלט פון ספּינאָזאָן, וואָס אָנער־קענט ניט קיין מעטאַפיזישן גאָט, האָט אים שטאַרק געשראָקן. ער איז געווען אויפריכטיק צוגעבונדן צו דער יידישער אמונה, צו אירע מנהגים און דינים. צאַלנדיק צינזן דעם גייסט פון זיין צייט, האָט ער זיך באַמיט ראַציאָנאַליסטיש מאָטיווירן זייער נויטווענדיקייט, זייער „שכלדיקייט". ער האָט געפילט אַ טיפע צוגעבונדנקייט צום יידנטום. ער איז אָבער ניט געווען בכוח באַלייכטן דאָס יידנטום וויסנשאַפטלעך.

פאַר דעם האָט אים געפעלט אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיווע, אַ היסטאָ־רישע אויפפאַסונג. אין ײדנטום האָט ער געזען נאָר אַ דאָגמאַטישע רעליגיע. ער האָט ניט געזען אין דער ײדישער רעליגיע אַן היסטאָרישן פּראָדוקט, אַ לעבעדיקן קערפּער, וואָס האָט זיך תמיד אַנטוויקלט און וואָס האָט אויך משנה געווען דעם נאַציאָנאַלן וועלט־באַנעם פון ײדן. ער האָט געקוקט אויף דער ײדישער רעליגיע ווי אויף אַ פאַרגליווערטע רעליגיע, וואָס איז איינמאָל געגעבן געוואָרן די ײדן און האָט זיך מער ניט געענדערט. מענדעלסאָן איז געווען אַן אמתער זון פון אַ ניט־היסטאָרישער תקופה. ער פלעגט וועגן זיך זאָגן: „וואָס ווייס איך פון געשיכטע, אַלץ וואָס טראָגט דעם נאָמען געשיכטע, ווי געשיכטע פון מלוכות, געשיכטע פון געלערנטע — איז מיר קיינמאָל אַפילו אין קאָפּ ניט געקראָכן.“

מענדעלסאָן איז ניט געווען קיין קעמפער. אַלץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן לטובת די ײדן און אין זייער פאַרטיידיקונג — איז געווען אַ פּועל יוצא פון אַ דרויסנדיקן דרוק. זיין בעסט שאַפן, וואָס האָט באמת געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם קולטור אויפוואַכן פון ײדנטום, די חומש־איבערזעצונג, האָט ער פּאַקטיש געמאַכט אויס־שליסלעך פאַר זיינע קינדער. ערשט אויף די פאָדערונגען פון די פריינד, איז ער איינגעגאַנגען אַז מען זאָל דאָס אָפּדרוקן.

די הויפּט־סיבה פון דעם קולט פאַר מענדעלסאָנען באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געווען דער ע ר ש ט ע ר ײד אין דייטשלאַנד, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייראָפּעאישע בילדונג און איז געווען פול מיט מידות טובות. ווי אַ דענקער איז ער געווען ניט מער ווי אַ מיטל־מעסיקייט. זיין גרויס פאַרדינסט באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז געווען דער ערשטער דייטשישער שרייבער, וואָס האָט אין אַ קלאָרער שפּראַך געשריבן וועגן פילאָסאָפישע פּראָגעס.

מענדעלסאָנען האָט געפעלט מוט צו קעמפן קעגן די, מיט וועמען ער האָט ניט איינגעשטימט. לעסינג האָט וועגן אים ריכטיק געזאָגט, אַז „ער האָט אין אַלצדינג געפונען אויך די גוטע זייט.“

אַדאַנק טאַקע אָט דער דאָזיקער פשרהדיקייט, האָט מען אין דעם קרייז פון זיינע פריינד און געסט געקענט באַגעגענען מענטשן פון פאַרשיידענע מיינונגען און סימפּאַטיעס. זיי אַלע האָבן זיך גע־האַלטן פאַר זיינע „תלמידים“ און נאָך זיין טויט אַפילו געשאַפן זיינע אַ „שולע“.

מענדעלסאָן האָט כל־ימיו געהאַט אַ טיפע ליבע און אַרויס־געוויזן אַ צוגעבונדנקייט צום אייגענעם פאָלק און צו זיינע מנהגים.

הגם די דאָזיקע צוגעבונדנקייט האָט ער ניט דערקלערט אויף אַ „ראַציאָנאַליסטישן״ אופן, האָט עס אָבער די אינטענסיווקייט פון זיין צוגעבונדנקייט ניט געמינערט. בעת יוסף דער צווייטער האָט אַרויסגעגעבן דעם פאַרנאַנטן „טאָלעראַנץ־עדיקט״ און האָט באַפוילן עפענען שולן פאַר יידישע קינדער, האָט מענדעלסאָן אַרויסגעוויזן געגנוג שכל הישר און איז ניט פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם צוויידייטיקן שפּיל מיט הומאַניזם. אין יוספס עדיקט האָט ער געזען ניט קיין אַקט פון טאָלעראַנץ, נאָר אַ נייעם, מער ראַפינירטן מיטל פאַר צוואַנג־אַסימילאַציע.

„אַ שיינעם דאַנק פאַר דאָס גאַנצע טאָלעראַנץ, — האָט ער געשריבן צום עסטרייכישן משכיל הערץ האָמבערג, וואָס האָט באַקומען די אויפגאַבע עפענען די דאָזיקע שולן, — בפרט נאָך, אַז מען האָט דערביי אין זינען דאָס אויסגלייכן פון רעליגיעס.״

מענדעלסאָן באַרירט די זעלבע פראַגע אין אַ צווייטן בריוו צו דעם זעלבן האָמבערג.

„וועגן טאָלעראַנץ, — שרייבט ער, — וואָס וועגן דעם הערט מען ניט אויף צו שרייבן אין די בלעטער, האָב איך ניט אַזאַ הויכע מיינונג, ווי איר. כל זמן פון אונטער די קוליסן קוקן אַרויס פאַרמאַסקירטע אַסימילאַציע צילן, האַלט איך אַזאַ צביעותדיקע שפּיל אין טאָלעראַנץ פאַר אַ סך אַ געפערלעכערן ענין, ווי אָפענע רדיפות. דערפאַר איז זייער וויכטיק, אַז די דאָזיקע קליינע גרופּע, וואָס וויל ניט באַקערן אַנדערע, און וויל ניט אַליין באַקערט ווערן, זאָל זיך ענגער פאַרבינדן און אָרגאַניזירן.״

אָבער די דאָזיקע פראַגע האָט ניט באַאומרואיקט נאָר דעם איינעם „תלמיד״ פון מענדעלסאָנען. ניט נאָר דער טעמפּער האָמבערג, וואָס האָט פיינט געהאַט דאָס יידנטום, נאָר אַפילו דער „גאָטספאַרכטיקער״, דער מעסיקער פון זיינע „תלמידים״, דער נאַאיוו־גוטמוטיקער מליצה־שרייבער נפתלי הערץ וויזל — ביידע זיינען אַנטציקט געוואָרן פון יוסף דעם צווייטנס טאָלעראַנץ־עדיקט.

ווייזל האָט באַזונגען דעם „אויפגעקלערטן״ און „הומאַניטאַרן״ מאָנאַרך אין באָמבאַסטישע שירים. כדי די גאַליצישע יידן וואָס מען האָט מזכה געווען מיט אַ קיניגלעכן עדיקט זאָלן זיין בכוח אָפּשאַצן דעם מאָנאַרכס חסד, האָט ער זיך צו זיי געווענדט (אין יאָר 1872) מיט אַ פלוגשריפט — „דברי שלום ואמת״

מיט גרויס התפעלות שרייבט ער וועגן דעם קייזערס הומאַניזם

און אויפגעקלערטקייט און באַמיט זיך איבערצייגן זיינע אמונה־ברידער, אַז מען דאַרף זיך ניט אַנטקעגנשטעלן די לייטזעליקע רע־פאָרמען זיינע, נאָר זען ווירקן, אַז דער יונגער דור זאָל ווערן רע־פאָרמירט און די בילדונג זיינע זאָל האָבן אַ סדר. פאַר דעם צוועק, — שרייבט ווייזל, — איז נייטיק קודם כל צוזאַמענשטעלן לערנביכער „באַזירט אויף פילאָסאָפיע" און וואָס זאָלן זיין „פולשטענדיק אין הסכם מיטן שכל". לויט די דאָזיקע לערנביכער וועלן זיך יידישע קינדער לערנען די יידישע עטיק און די עיקרים פון דער יידישער אמונה.

דער דאָזיקער קול־קורא האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורעם. באַזונדער שטאַרק האָט אויפגעבראַכט זיין באַהויפּטונג, אַז אַ תלמיד חכם, וואָס קען נאָר לערנען און איז ניט באַקאַנט מיט וועלטלעכע לימודים, איז „ערגער פון אַ נבלה".

ווייזל איז געווען דער סאַמע מעסיקער פון מענדעלסאָנס „תלמידים". ווען מען באַציט זיך אינגאַנצן אָביעקטיוו און אָן ליידנ־שאַפטן צו די דעמאָלטדיקע „משכילים" און מען מאַכט זיי ניט פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר די טעותים, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען, ווייל דאָס זיינען געווען טעותים פון דעם גאַנצן דור — קען מען אָבער פאָרט ניט פאַרלייקענען דעם עצם פאַקט, אַז די דאָזיקע באַוועגונג איז געווען זייער אַ פלאַכע, באַדנלאָזע און ניט קיין אָריגינעלע. פון דער גאַנצער פלעיאַדע טרעגערס פון „מענדעלסאָנס השכלה", האָט זיך ניט אַרויסגערוקט קיין איין וואָגיקער און אָריגינעלער דענקער, קיין איין שעפערישער טאַלאַנט, וואָס זאָל דערפילן אַ בלוט־נאָענטקייט צום אייגענעם פאָלק און צו זיין עבר, קיין איין פערזענלעכקייט, קיין איין פאַרביקע אינדיווידואַליטעט. דאָס זיינען געווען טיפּישע מענטשן פון אַ רעכטלאָזן געטאָ, גייסטיקע קנעכט וואָס זיינען ניט געווען פעאיק אויף קיין שום זעלבשטענדיקן, קריטישן אַנאַליז.

אַלץ וואָס איז יידיש האָבן זיי געהאַלטן פאַר רעאַקציאָנער און אַלטפרענקיש. נאָר דאַרטן, אויף „יענעם ברעג", האָט פאַר זיי גע־שיינט מיט אַ פאַנטאַסטישער שיינקייט די סודותפולע געטין פון דער השכלה. עפּעס אַ ווילדער געמיש פון נאַאיוון התלהבות און קנעכטי־שער הכנעה, פון לייכטזין און פיליסטערישקייט, פון דאַרשט נאָך וויסן און דראַנג נאָך פאַרגעניגנס — האָט זיך מאַניפעסטירט אין דער דאָזיקער אויסטערלישער באַוועגונג. די יידישע „משכילים" האָבן זיך קנעכטיש געבוקט פאַר דער מיינונג פון די קריסטן און אָנגענומען ווי תורת אמת די אַלע מיינונגען, וואָס האָבן ביי זיי געהערשט בנוגע

יידנטום און יידישקייט. געפעלן ווערן דער דייטשישער קריסטלעכער געזעלשאַפט — דאָס איז געווען דער העכסטער געבאָט פון די „אויפ־געקלערטע". מה יאמרו הגויים, למה יאמרו הגויים — איז געוואָרן דער הויפט־ניגון פון אַלע יידישע משכילישע געזאַנגען. כדי נושא חן זיין ביי די „אַנדערע", כדי צוגעלאָזט ווערן אין זייער סביבה, האָבן די יידן זיך באַמיט אין אַלע פרטים צופּאַסן זיך „צו זיי". זיי האָבן טועם געווען אַ ביסל פון דער אויבערפלאַך פון בילדונג, געכאַפּט פון דעם אַ לעק און געמיינט, אַז זיי ווערן תיכף גאַנצע אינטעליגענטן. די דאָזיקע פּריש־געבאַקטע „משכילים" האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב קודם כל באַציען זיך מיט פאַראַכטונג צום אייגענעם עבר און צו די מנהגים פון אייגענעם פאָלק.

דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, איז געמאַכט געוואָרן אין נאָמען פון און לכבוד דער „השכלה". וואָס זיי האָבן פאַרשטאַנען מיטן וואָרט „השכלה", „בילדונג" איז אין דער אמתן געווען זייער ניט קלאָר און צעשוואומען. פון די „משכילים", וואָס האָבן נאָך געפילט אַ צוגע־בונדקייט צו דער העברעאישער שפּראַך און געוואָלט באַווייזן, אַז אויף העברעאיש קען עקזיסטירן פונקט אַזאַ ליטעראַטור, ווי ביי „זיי", האָבן הארבסט 1783 אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם העברעאישן אָרגאַן פון דער השכלה — דעם „מאסף".

אָבער די דאָזיקע גאַנצע „השכלה"־ליטעראַטור האָט מיט זייער קליינע אויסנאַמען, פאַרגעשטעלט מיט זיך, אַפילו פאַר יענער צייט, עפּעס וואָס האָט קיין פאַרב ניט און ממילא ניט געהאַט קיין שום ליטעראַרישן ווערט.

דער רעזולטאַט האָט לאַנג ניט געלאָזט אויף זיך וואַרטן: דער פלאַכער ראַציאָנאַליזם און די קנעכטישע נטיעה געפעלן די „אַנדערע" — האָט גאָר גיך געבראַכט די שפּיצן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין פרייסן צו אַ פולער נעגאַציע פון זייער נאַציאָנאַליטעט, צו אַ בגידה לגבי דעם רוב בנין ורוב מנין פון דעם יידישן פאָלק.

נאָך מענדעלסאָנס טויט האָט זיך בראש פון דער בערלינער „השכלה" געשטעלט ד ו ד פ ר י ד ל ע נ ד ע ר. דאָס איז געווען אַ מיטלמעסיקייט, אַ גרויסער בעל־גאווה, אַ „פלאַכקאָפּ" — לויט גרעצעס ריכטיקער כאַראַקטעריסטיק. דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער גביר און געהאַט ברייטע פאַרבינדונגען. ווען פרידריך דער צווייטער, דער שונא־ישראל, איז אַוועק פון דער וועלט (אין יאָר 1787) און פרידיך ווילהעלם דער צווייטער איז גע־וואָרן פרייסישער קיניג, האָבן זיך די פרייסישע יידן געווענדט צו

אים מיט דער בקשה גרינגער מאַכן זייער גורל. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף די גרויסע שטייערן, וואָס דער אַלטער פרידריך האָט זיי גע־צוואונגען צו צאָלן. די יידישע דעפּוטאַטן דוד פרידלענדער און זיין רייכער שוועד דניאל איציק האָבן דאָס געוואָלט דורכפירן די דאָזיקע שליחות. אָבער דער „משכיל" דוד פרידלענדער האָט זיך געשעמט צו ריידן אין זיין פּעטיציע וועגן יידן און וועגן אַ יידישער נאַציע. ער האָט גערעדט נאָר וועגן „דער יידישער קאָלאָניע אין די פּרייסישע פּראָווינצן". די דאָזיקע פּעטיציע האָט אָבער סיי ווי סיי קיין פּעולות ניט געבראַכט. די פּרייסישע רעגירונג האָט צוגעוואָרפן די יידן שיריים פון חסד. די דעפּוטאַטן האָבן זיך דערפון אינגאַנצן אָפּגעזאָגט. איבער־לאָזנדיק די יידן אין דעם פריערדיקן קלאָגעדיקן צושטאַנד, האָט די פּרייסישע רעגירונג דערפאַר געגעבן פולע רעכט איינצלנע רייכע יידן. אָבער אַ גרויסע צאָל וויינעקער חשובע און ווייניקער רייכע „אויפגעקלערטע" יידן אין בערלין, ברעסלוי, קעניגסבערג און אַנדערע פּרייסישע שטעט האָבן געפונען אַן אַנדער אופן אויף צו באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג. האָט דען געלוינט, די „אויפגעקלערטע" מענטשן זיך רעכענען מיט די „פאַראורטיילן" פון זייערע אבות און ליידן צוליב די פאַראורטיילן פון דעם פינצטערן און פאַרגליווערטן עבר? עס האָט זיך תיכף אָנגעהויבן אַ שמד־מגפה. די נייע „אויפגעקלערטע" קריסטן האָבן אָנגעהויבן קוקן מיט פאַראַכטונג אויף די תושבים פון דער געטאָ און אויסגעלאַכט זייערע פאַראורטיילן און פאַרגליווערט־קייט. די דאָזיקע קנעכט, וואָס זיינען דורך זייטיקע וועגן אַרויף אויפן דרך וואָס פירט צו מענטשלעכקייט, האָבן געקוקט אויף זייערע נעכ־טיקע אחים בצרה, ווי אויף פּראָסטאַקעס, וואָס זיינען ניט פלינק גענוג צו פאַרבעסערן זייער אייגענעם מעמד.

איז דען דאָ אַ סיבה זיין אויפגעבראַכט אויפן „אָבסקוראַנטיזם" און „פאַרגליווערטקייט" פון די פרומע יידן, וואָס האָבן באַקעמפט די „השכלה"? זיי, די דאָזיקע אומוויסנדיקע, אַלטפרענקישע מענטשן האָבן געהאַט אַ רעכט צו זען אין דער השכלה אַ געפערלעכע זאַך, וואָס רייסט אונטער די יסודות פון יידנטום. זיי האָבן זיך איבער־געצייגט, אַז די תלמידים פון דער השכלה האָבן מיט אַ ביטול זיך אָפּגערוקט פון אייגענעם פאָלק, אָפּגעזאָגט זיך פון אייגענעם עבר און דורך בגידה און אַליינפאַרלייקענונג געוואָלט זיך דערווערבן בירגערלעכע רעכט.

11.

אין יענער צייט, ווען אין פרייסן האָט אויפגעלויכטן די זון פון דער יידישער השכלה, איז אויפן צווייטן ברעג, דאָרטן וואו עס האָט געלעבט אַ ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסע — האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוואַלדיקע באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע יידנטום און געלייגט אַן אייגנאַרטיקן חותם אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלק. דאָס איז געווען די חסידישע באַוועגונג.

די דאָזיקע באַוועגונג איז ניט קיין נייע, ניט קיין אומבאַקאַנטע אין יידישן לעבן. פאַרקערט, זי איז פאַרבונדן מיט בלוטיקע פעדים מיט דער זעלבער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, מיט דער אייגנאַרטיקער „רעליגיע פון האַרצן״, וועגן וועלכער עס איז שוין געווען די רייד.

עס איז שוין פריער אָנגעוויזן געוואָרן אויף דעם מעמד פון ראַביניזם אין פוילן אין 17־טן און 18־טן י״ה. קיינמאָל האָט דער פרוכטלאָזער פלפול ניט אָנגענומען אַזעלכע ווילדע פאָרמען, ווי דווקא אין פוילן פון יענער תקופה.

די טרוקענע, לעבלאָזע רבנישע תורה איז געווען אָפּגעריסן פון לעבן און פרעמד דעם לעבן. די מוח־אַקראָבאַטיק איז אָנערקענט געוואָרן פאַר דאָס העכסטע, פאַר אַ ציל אין זיך גופא. דער ראַביניזם מיט זיין יסוד־פרינציפּ, אַז דער עיקר פון רעליגיע איז „לערנען די דינים״ — האָט געשטרעבט איבערטראָגן די גאַנצע מאָראַל פון דעם אינערלעכן לעבן אויסשליסלעך אין די וועלט פון דרויסנדיקער הדרכה, ד״ה פאַר־וואַנדלען עטישקייט אין אַ רעליגיעזער פאָרמאַליטעט.

דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ שרייענדיקער גדלות און גרויסער גאווה. מען האָט געהאַלטן, אַז נאָר יענער איז חשוב, וועלכער האָט אַ פאַרשפּיצטן שכל און איז אַ בריה אויף פאַרשיידענע לומדישע דריידלעך. אַזאַ איינער האָט געקוקט מיט ביטול אויפן „עם־הארץ״, וואָס האָט ניט געהאַט קיין צייט און קיין חשק זיך פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, על פי רוב ווערבירט צווישן ישיבה־בחורים. זיי האָבן געקוקט מיט גדלות אויף דעם פשוטן יידישן פאָלקס־מענטש, אויף די דאָרפס־יידן, קליינע אַרענדאַרס, שענקערס, קליינע סוחרים און אָרימע בעל־מלאָכות. וואָס מער עס האָט אין פוילן געבליט דער פלפול, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער תהום צווישן „למדן״ און „עם־הארץ״.

ש ל מ ה מ י י מ אָ ן, אַ פילאָסאָף, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט, דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז דאָס פוילישע יידנטום

האָט זיך געטיילט אין דריי קלאַסן: אויף האַרעפּאַשנע פּשוטע יידן, אויף לומדים, וואָס האָבן געלעבט פון לומדות און אויף לומדים, וואָס האָבן זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט לערנען תורה, ניט געהאַט קיין שום פּרנסה און געלעבט אויפן חשבון פון דעם בעל־הביתשן קלאַס.

וואָס מער דער „קלאַס פון לומדים" האָט זיך דערווייטערט פון פאָלק און פון לעבן, אַלץ גרעסער איז געווען די ירידה פון זיין השפּעה אויפן פאָלק גופא.

צו אַזאַ לאַגע האָט אין אַ גאַר גרויסער מאָס אויך גורם געווען דער פאַקט, וואָס דער פּרעסטיזש פון די רבנים איז שטאַרק געפאַלן. רבנים פלעגן קויפן זייערע אַמטן און דאָס פאָלק האָט וועגן דעם זייער גוט געוואוסט.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידן אין פּוילן סוף 18־טן י"ה איז געווען זייער אַ געדריקטע. דער „ניט־לומדישער קלאַס" האָט געליטן פון דער שטייער־משא, וואָס די אייגענע אַריסטאָקראַטיע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. די קהילה, וועמענס איינציקע פאַרטרעטער עס זיינען געווען מענטשן פון דער גייסטיקער און געלט־אַריסטאָקראַטיע, האָט שטאַרק געדריקט דעם פּשוטן יידן מיט שטייערן, פון וועלכע יענע זיינען געווען פריי. דער חרם הישוב, די חזקה און אַנדערע באַגרעני־צונגען האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן פון דעם אָרימען יידן. אין דריקן די יידישע פאָלקס־מאַסע זיינען די רבנים געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די גבירים. אָפטמאָל פלעגט פאָרקומען אַ הייסער קאַמף צווישן די צוויי פּריווילעגירטע קלאַסן גופא, ווייל יעדער איינער האָט גע־קעמפט פאַר רעכט צו שטיין ביים מזרח־וואַנט פון יידישן ציבור־לעבן. די פּשוטע יידן, דער „עם־האַרצישער קלאַס" האָט אומזיסט באַמיט זיך צו באַפרייען פון דער אומדערטרעגלעכער אונטערדריקונג פון דער קהלשער אָליגאַרכיע. אין משך פון דעם גאַנצן 18־טן י"ה איז אָנגעגאַנגען דער עקשנותדיקער קאַמף פון די פאָלקס־יידן קעגן קהל. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו באַפרייען דעם ייד־יחיד פון דער יורידישער קאָמפּעטענץ פון דער קהלה, אָפּשאַפן דעם חרם הישוב, די חזקה אאַז"וו. די פאָלקס־יידן האָבן דעם דאָזיקן קאַמף ניט געקענט געווינען, מחמת דעם, וואָס די פּוילישע מלוכה האָט געשטיצט די קהל־אָליגאַרכיע. די יידישע פאָלקס־מאַסע, ניט האָבנדיק קיין מזל אין איר קאַמף קעגן דער עקאָנאָמישער אונטער־דריקונג, האָט זיך מיט אַ גרויסן ברען אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַמף קעגן דער גייסטיקער אונטערדריקונג, קעגן דעם קאַלטן, טויטן, און

שכלדיקן ראַביניזם און זיין דיקדוקי־עניותדיקער פרומקייט, וואָס האָט אַזוי ווינציק אַפּעלירט צו דער נשמה פון דעם פאָלקס־מענטש.

דאָס פאָלק האָט געוואָלט הערן אַ לעבעדיק וואָרט, האָט געגאַרט נאָך לעבעדיקע, נאָענטע מענטשן, וואָס זאָלן ווייטיקן מיט זיינע ליידן, היילן די גייסטיקע וואונדן און אין שווערע מינוטן זיין אַ זיבערע, גייסטיקע שטיצע.

אויף דעם באָדן איז אויסגעוואַקסן חסידות, וואָס האָט זיך געשטעלט אַן אויפגאַבע צושטערן דעם קליינלעכן פּעדאַנטיזם און די טויטע רוטין פון דער רבנישער תורה און אַריינברענגען אין דער רעליגיע אַ רוח החיים פון אמתער אמונה און רעליגיעזן געפיל.

חסידות האָט אַרויסגעשטעלט אַ לאָזונג: „דער אות איז טויט, דער גייסט ברענגט לעבן". חסידות האָט אַוועקגעשטעלט אינעווייניקסטע רעליגיעזע התלהבות אַ סך העכער, ווי סתם דרויסנדיקע פאָרמאַליסטישע און פּעדאַנטישע פרומקייט.

אויפן אָרט פון דער גייסטלאָזער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע — אָנשטאָט דער טרוקענער תלמודישער קאַזואיסטיק, וואָס האָט פאַרטריבן מענטשן — איז אויפגעטראָטן אַ נייע, אַ דעמאָקראַטישע "רעליגיע פון געפיל", וואָס האָט געוואָלט אַרויספירן די יידן פון דעם „מדבר פון טויטע דינים" אין אַ לעבעדיקע וועלט, וואָס באַגייסטערט דעם יידן און פאַראייניקט אין איין האַרמאָנישע גאַנצקייט, מענטש און נאַטור.

דער גייסטיקער פאָטער פון אָט דער דאָזיקער באַוועגונג איז געוועזן אַ מערקווירדיקע, אייגנאַרטיקע געשטאַלט. דאָס איז געוועזן ר' ישראל בעל שם טוב (1698—1760).

12.

דער בעל שם טוב איז געוועזן אַ יידישער פאָלקס־מענטש אין פולן זין פון דעם וואָרט. ער איז געוועזן אַ פּשוטער ייד, וואָס האָט אויפן ערשטן בליק, זיך מיט קיין זאַך ניט אונטערשיידט פון דעם „קלאַס עם־הארצים". ער איז געבליבן אַ היימלאָזער יתום און פון קינדווייז אָן געלעבט אין גרויס דחקות. כדי מפרנס זיין זיין משפחה, האָט ער געמוזט טאָן אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט. ער איז געוועזן אַ ליים גרעבער, שפּעטער אַ מלמד, אַ געוויסע צייט אַפילו אַ שענקער. קיין גרויסער למדן איז ער ניט געוועזן און מיט קיין איבערגעשפּיצטן פּלפּול זיך ניט אויסגעצייכנט. דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט מעלות, מיט וועלכע די דעמאָלטדיקע רבנים האָבן זיך ניט אויסגעצייכנט.

ער איז געווען זייער אַ סענסיטיווער מענטש, פאַרמאָגט אַ פּאָעטישע נשמה און אַ הייס, ליבנדיק האַרץ. זיין גאַנץ וועזן איז געווען דורכ־גענומען מיט אַ פלאַמענדיקן הייסן גלויבן. דער דאָזיקער גלויבן איז געווען דער יסוד און זין פון זיין לעבן און האָט באַהערשט זיינע געפילן, געדאַנקען און זיין ווילן. ער האָט געברענט מיט אַ רעליגיעזן עקסטאַז, געווען אינגאַנצן פול מיט ליבע און יראת־הכבוד פאַר אַלץ, וואָס איז לעבעדיק און גוט. די ברייטע גאַמע פון זיינע געפילן און שטימונגען, וואָס האָט געהאַט איר מקור אין זיין סענסיטיווער, עקזאַלטירטער נשמה ווערט אויסגעדריקט אַם בולטסטן אין איינעם פון זיינע זאָגעכצן.

„דאָס אַלץ, וואָס איך האָב מחדש געווען, — זאָגט דער בעל שם טוב, — אין דער וועלט פון אמונה, אָדער דאָס, וואָס איך האָב אַנט־נומען פון אַנדערע — דאָס איז אַלץ טיף פאַרבאָרגן אין מיין האַרצן און נאָר גאָט ווייסט וועגן דעם. דאָס אַלץ, אָבער, וואָס איך פריידיק פון צייט צו צייט פאַר אַנדערע וועגן ענינים פון אמונה, איז ניט מער, ווי דער עודף, וואָס גיסט זיך אַרויס קעגן מיין ווילן פון מיין נשמה, אַזוי ווי עס גיסט זיך אַרויס אַ טייל וואַסער פון אַ כלי, וואָס איז אָנגעפילט איבער די ברעגן.“

די הויפּט־ראָל אין בעש״טס וועלטאַנשויאונג האָט געשפּילט די קבלה. די קבלה האָט זיך אידעאַל אַריינגעפּאַסט אין זיין טיף־רעלי־גיעזע, עקזאַלטירטע און מיסטיש־געשטימטע נאַטור. די גאַנצע מערקווירדיקע קאָמבינאַציע פון עטיק, מופתים און מעטאַפיזישער פילאָסאָפיע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קבלה — געפינט זיך אין זיין סיסטעם. דער אופן אָבער ווי דאָס ווערט אויס־געטייטשט, איז גאָר אַן אַנדערער. ביי אים איז פאַראַן מער פשטות און קלאָרקייט. די פאָרמע איז מער צוטריטלעך דעם פשוטן המון. דער לשון פון דער קבלה, וואָס איז פול מיט רמזים, ניט־דערענדיקייטן און וואָס וויל אויף איר שטייגער לייזן אַלע וועלט־פּראָבלעמען און אַלע סודות פון מענטשלעכן לעבן — די דאָזיקע ענינים ווערן ביי בעש״טן זייער פּלאַסטיש אויסגעדריקט, ווייל ער באַנוצט זיך מיט אמתע פאָלקס־פאָרמען פון אויסדרוק. די באַליבטע פאָרמע זיינע איז אַ משל, אַמאָל הויך־פּאָעטישער, אַמאָל פון טאָג־טעגלעכן לעבן, תמיד, אָבער, שאַרף, בילדלעך, צוטריטלעך דעם מוח פון דעם פשוטן מענטשן.

דער גאַנצער בעש״טישער סיסטעם איז דורכגענומען מיט דעם זעלבן רעליגיעזן פאַנטעאיזם, וואָס די קבלה. דער אויפקום פון דער

וועלט ווערט דערקלערט מיט דער עמאַנאַציע פון דער גאָטהייט. אַלץ וואָס עקזיסטירט אין דער וועלט איז אַ פאַרקערפּערונג פון דער איינ־איינציקער גאָטהייט אין „פאַרשיידענע לבושים". אַלץ איז איינס. די גאַנצע וועלט אין איר פילגעשטאַלטיקייט איז געשאַפן געוואָרן פון איין און איינציקן געטלעכן מהות. די וועלט איז פון גאָט און אין גאָט. גאָט איז איין און איינציקער, ניט געקוקט אויף די אומ־צאָליקע פאָרמען און געשטאַלטונגען, אין וועלכע ער איז זיך נתגלה.

דער בעש"ט, הגם אַ געטרייער מקובל, דאָך האַלט ער ניט, אַז עס איז פאַראַן אַ שאַרפע מחיצה צווישן מאַטעריע און גייסט. אין יעדער קלייניקייט, וואָס עס איז דאָ אין דער וועלט געפינען זיך געטלעכע פונקען, אַפילו איןביימער און שטיינער. זאָל דער מענטש וויסן, אַז בעת ער קוקט אויף מאַטעריעלע זאַכן, קוקט ער אין דער אמתן אין גאָטס ליכטיקייט, וואָס איז פאַרבאָרגן אין די דאָזיקע זאַכן. די דאָזיקע אידייע פון פאַנטעאיזם דריקט דער בעש"ט אויס אין אַ וואונדערלעכן משל.

ס'איז אַמאָל געווען אַ מעכטיקער מלך, וואָס האָט אויסגעבויט אַ זייער גרויסן פּאַלאַץ מיט זייער אַ סך צימערן, אַזוי צונויפגע־שטעלט, אַז איין צימער האָט זיך געפונען אין צווייטן. פון איין צימער אין צווייטן האָט מען געקענט גיין דורך טירן, וואָס האָבן זיך געפונען אין איין לאַנגער ריכטונג, איינע קעגן דער אַנדערער. ווען אַלע טירן זיינען געווען אָפן, האָט מען דורך זיי געקענט זען די פּראַכטיקע באַפּוצטקייט פון די צימערן אינעווייניק. דער מלך האָט זיך תמיד געפונען אין דעם סאַמע ווייטסטן צימער, זייער ווייט פון די צוקוקערס. ווען דער פּאַלאַץ איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט מען צונויפגערופן אַלע שרים און מלוכה־לייט — כדי זיי זאָלן באַקוקן אין דעם מלכס בייזיין דעם וואונדערלעכן בנין. אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך צונויפגעזאַמלט און זיך אָפּגעשטעלט ביי די ערשטע דרויסנדיקע טירן, האָבן זיך אַלע טירן פּלוצים פאַרמאַכט און די געסט האָבן פאַר זיך דערזען נאָר אַ ריי ווענט. מער האָבן זיי ניט געקענט זען. לאַנג זיינען זיי געשטאַנען נשתומם און ניט פאַרשטאַנען וואָס האָט דאָ פּאַסירט. דעמאָלט איז צו זיי אַרויס דער בן־מלך און האָט זיי אַזוי געזאָגט: ווייסט איר דען ניט, אַז מיין פאָטער איז דער גרעסטער פון אַלע חכמים און אויך אַ מכשף. זאָלט איר טאַקע וויסן, אַז אין דער אמתן איז קיין פּאַלאַץ דאָ ניטאָ — און דאָס אַלץ — דער פּאַלאַץ מיט אַלע זיינע שיינקייטן איז ניט מער ווי אַ דמיון, אַ פשוטע פאַרבלענדעניש. פאַר אייערע אויגן איז פאַראַן נאָר אַ חלל, אָפן פון אַלע זייטן, ניט באַבויט און

ניט פאַרצוימט, פאַר אייערע אויגן איז מיין טאַטע, דער גרויסער מלך, ווען איר זעט ניט נאָר דערפאַר, ווייל איר זייט פאַרבלענדט פון זיין כישוף און ווייל אייערע אויגן זיינען פאַרדעקט ווי מיט אַ פאַרהאַנג. אַזוי איז אויך די וועלט, וואָס מיר זעען. אַלץ, וואָס מיר זעען און באַנעמען ווי עפּעס האַזונדערס, זעלבשטענדיקס — דאָס איז ניט מער, ווי אַ פאַרבלענדעניש. מחוץ גאָט און חוץ גאָט איז גאָרנישט נישטאָ. אַלץ איז צונויפגעגאָסן מיט גאָט, דאָס איז זיין כישוף־לבוש, דורך וועלכן מיר קענען אים באַגרייפן, נאָר וואָס אין דער אמתן, איז ניט בנמצא.

מיט איין וואָרט, אַלצדינג איז די פאַרקערפּערונג פון גאָטהייט, אַלץ איז גאָט, אַלץ וואָס עקזיסטירט איז זיין לבוש. עס איז ניטאָ אַזאַ אָרט אין דער וועלט וואו גאָט זאָל ניט זיין.

דורכגענומען מיט דער אידייע פון דער אַבסאָלוטער איינהייט, האָט דער בעש״ט ניט געזען קיין שאַרפע מחיצה צווישן מאַטעריע און גייסט און אויך ניט צווישן גוטס און שלעכטס.

„די שכינה, — האָט ער געלערנט — באַהאַלט אין זיך אַלצדינג וואָס איז באַשאַפן געוואָרן, אויך גוטס און שלעכטס. די דאָזיקע צוויי כוחות זיינען אָבער ניט קיין צוויי היפוכים, ווייל עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטע שלעכטס. דאָס שלעכטע איז אַ פוס־בענקעלע פאַרן גוטן (אין רע בהחלט, כי הרע הוא כסא אל הטוב).“

בעש״ט, דער זון פון אַ גערודפטן פאָלק לערנט זיינע ברידער צו זיין פול מיט בטחון. ער איז אַן אָפּטימיסט.

„דאָס שלעכטס אין דער וועלט איז אַ נידעריקע מדרגה פון אַבסאָלוטער גוטסקייט“ (הרע בעולם הוא המדרגה התחתונה מהטוב הגמור).

„בעת דאָס שלעכטע איז גורם דאָס גוטע, ווערט עס זיין יסוד“.

מיט גרויס ליבע קערט זיך דער בעש״ט צוריק צו דער קבלה מיט אירע מסקנות, אַז אַלץ איז איינס און אַלע „מדרגות פון דער יצירה“, שטרעבן און טוליען זיך איינער צו דער אַנדערער, כדי זיך צונויפגיסן מיט העכערע, מער שלימותדיקע וועזנס. דאָס לעבלאָזע ציט צום לעבעדיקן, דאָס לעבעדיקע — צום מענטשן, וואָס זיין נשמה איז אומשטערבלעך. אויף אַזאַ אופן אַנטוויקלט דער בעש״ט דעם געדאַנק, אַז די ראָלע פון דער נאַטור אין דער וועלט איז גאָר אַנ־דערש, ווי מען געפינט עס אין היסטאָרישן יידנטום, וואָס קוקט אויף דער נאַטור, ווי אויף אַ לעבלאָזע מאַסע, אַן ווילן און אַן פאָרמע.

אַ גרויסע ראָלע שפּילט אין בעש״טס סיסטעם די תפילה. זי

פאַרנעמט דעם צענטראַלן אָרט, פּונקט ווי אין דער קבלה. דער בעש״ט זעט אין דער תפילה די העכסטע געטלעכע מיסטעריע. דאָס איז דער זיווג צווישן מענטש און דער שכינה. דער עיקר און דער תמצית פון אַ תפילה איז, וואָס עס גייט פון די טיפענישן פון דעם האַרצן און באַהערשט דעם מענטשן מיטן ליכט פונם אין־סוף.

אַ דעמאָקראַט דורך און דורך, טרעט דער בעש״ט אַרויס אַ סך שאַרפער, ווי די בעלי־הזוהר, קעגן די גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, קעגן לומדים, וואָס קוקן מיט ביטול אויף דעם עם־הארץ. אַליין אַ פאָלקס־מענטש, האָט ער געפילט אַ ווידערווילן צו די רבנישע לומדים. עס האָט אים, אַ מענטשן מיט אַ פלאַמענדיקער אמונה, אויפגעבראַכט די מיינונג פון די „לומדים״, אַז לערנען איז דער עיקר און ניט דער לעבעדיקער, רעליגיעזער געפיל, די התפעלות, די מאַראַל. לויט בעש״טן קומט די בכורה אין רעליגיע דווקא דעם געפיל, און ניט דעם שכל. ניט דאָס קענען פון די דינים איז וויכטיק, נאָר דאָס מקיים זיין. די טיפסטע וואָרצלען פון רעליגיע שטעקן ניט אין דענקען, נאָר אין געפיל און אין דעם ווילן איידל מאַכן דעם מענטשן. דאָס אינעווייניקסטע דערקענטעניש איז העכער פון דעם דרויסנדיקן קענען; ניט דער גייסטיקער, נאָר דער עטישער עלעמענט איז דער יסוד פון רעליגיע; ניט דער קאָפּ, נאָר דאָס האַרץ איז דער מקום קדוש פון אמתער אמונה. לערנען איז ניט מער ווי אַ מיטל סטימולירן די רע־ליגיעזע געפילן און ניט קיין ציל אין זיך גופא.

„פאַראַן צוויי סאָרטן מענטש, — זאָגט דער בעש״ט, — עס זיינען פאַראַן רשעים גמורים, וואָס זיינען עובר באַוואוסטזיניק גאָטס געבאָטן. עס זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס דער יצר הרע האָט זיי פאַרשטעלט די אויגן און דעריבער האַלטן זיי זיך און ווערן אויך פאַררעכנט פון אַנדערע, פאַר צדיקים גמורים. דאָס איז דערפאַר, וואָס זיי זיינען זיך תמיד מתעסק מיט לערנען תורה, פּראַווען תעניתים און דאַווענען. אין דער אמתן איז דאָס אַ ברכה לבטלה, ווייל עס פעלט זיי די אמונה שלימה, אַ שטענדיקן באַהעפטן זיך מיט גאָט. זיי פעלט דער סאַמע עיקר פון דער אַמונה. דער חילוק צווישן אָט די צוויי סאָרטן מענטשן און אָפענע זינדיקע איז אין דעם, וואָס די לעצטע קענען נאָך געפינען דעם ריכטיקן וועג צו גאָט דורך תשובה, בעת די ערשטע זיינען שוין פאַרפאַלענע, זיי זיינען צופיל פאַרבלענדט, כדי קענען זען דעם אמת, האַלטן זיך פאַר צדיקים און ממילא טראַכטן זיי אַפילו ניט וועגן תשובה טאָן.

דער בעש״ט האָט געהאַלטן פאַר גרויס שפלות דאָס אַרויס־

ווייזן דרך־ארץ צו אַ מענטשן, וואָס האָט סתם וויסן, איז באַהאַוונט אין דער רבנישער ליטעראַטור און צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין עטישע און מאָראַלישע מעשים. אַ מענטש מיט אַ הייסן גלויבן און טיפע געפילן, האָט ער געצאָרנט קעגן סכאָלאַסטישע נחמות און טויטער פרומקייט.

„זאָל דער בעל־אמונה, — האָט ער געלערנט, — ניט אָפּגעבן זיך מיט קיין נאַרישקייטן בעת ער איז מקיים מצוות, ווייל דאָס איז די כוונה פון דעם יצר הרע שרעקן דעם מענטשן מיט די שווערקייטן פון די דינים, כדי טרויעריק מאַכן זיין האַרץ און אויף אַזאַ אופן שטערן אים מיט גוטן דינען דעם בורא. ווען אַ מענטש האָט אפילו געזינדיקט, דאַרף ער זיך דאָס ניט נעמען שטאַרק צום האַרצן. עס איז בעסער, אויפריכטיק תשובה צו טאָן אין האַרצן און פאַרלאָזן זיך אויף גאָט."

דער בעש"ט האָט געהאַלטן, אַז עטיק איז אין גלויבן אַ סך העכער, ווי מקיים זיין סתם מצוות. ממילא איז ער געווען קעגן אַן מיסטישן צוגאַנג צום לעבן. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן פייניקן דעם גוף, קעגן צופיל תעניתים, וואָס פירן צו עצבות, וואָס איז געפערלעך פאַרן מענטשן. כדי דינען גאָט, איז נייטיק זיין געזונט און טראָגן אין זיך פריידיקייט. ווען דער גוף איז אָפּגעשוואַכט, — האָט ער געלערנט, — ווערט דורך דעם אויך אָפּגעשוואַכט די נשמה.

אין צענטער פון בעש"טס סיסטעם שטייט דער יחיד, דער מענטש. דרך ארץ פאַרן יחיד און הייסע ליבע צום פאָלק — דאָס זיינען די געדאַנקען, וואָס מען געפינט אין אַ סך זיינע משלים און גלייכווערטלעך.

„דער, וואָס האָט חרוב געמאַכט איין יידישע נשמה, — זאָגט דער בעש"ט, — איז אַזוי, ווי ער וואָלט חרוב געמאַכט די גאַנצע וועלט און דער, וואָס האָט מציל געווען איין יידישע נשמה, איז אַזוי ווי ער וואָלט מציל געווען די גאַנצע וועלט."

דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס די תורה פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן מאַן איז געוואָרן אַ ליכטיקער וועגווייזער פאַר דער גרויסער יידישער פאָלקס־מאַסע, און וואָס דער פאָלק־חלום, די פאָלק־פאַנטאַזיע האָט אַרומגערינגלט בעש"טן מיט אַן אָרעאָל פון אומשטאַרביקייט.

13.

ניט נאָר די יידישע פאָלקס־מאַסע, וואָס האָט געזוכט טרייסטער און לערער, איז געוואָרן באַצויבערט פון בעש״טן, נאָר אויך אַ סך סענסיטיווע און איידעלע יחידים פון דעם יידישן פאָלק, וואָס זיינען געווען פעאיק צו דענקען זעלבשטענדיק — זיינען געוואָרן זיינע חסידים. עס איז ניט קיין וואונדער. אויסגעמאַטערט פון דעם פרוכטלאָזן, טרוקענעם און טויטן לומדות, וואָס האָט שוין ניט גע־קענט באַפרידיקן אַפילו דעם אינטעליגענט, אַ פשיטא די פאַנטאַזיע — האָבן זיי געזוכט מער פּאָזיטיוון שפּייז פאַר דער נשמה. צו חסידות האָט געצויגן יענע וואָס זיינען שוין געווען ניט־צופרידן מיט דעם אסקעטישן כאַראַקטער פון דער רבנישער תורה און פון איר טויטער פאָרמאַליטעט. זיי האָט געמוזט ציען צו דער זאָרגלאָזער פרייד און בטחון פון חסידות, צום טאַנץ און ניגון און דער תורה וואָס האָט געהאַלטן אַז עצבות איז אַן עבירה.

די רבנים האָט חסידות, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט געפעלן ווערן. די רבנים האָבן פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ סכנה עס שטעקט אין חסידות פאַר זיי. האָבן זיי באַשלאָסן אים אויסצוראָטן מיט די וואָרצלען. דער ווילנער גאון האָט אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער „שעדלעכער״ און „געפערלעכער״ „אַפּיקורסישער״ סעקטע. עס האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע דרייסיק־יאָריקע מלחמה, באַגלייט פון כל אַלערליי נגישות, רדיפות און מסירות. אָבער דער ציל פון דער מלחמה איז ניט דערגרייכט געוואָרן. דער רביניזם האָט בשום אופן ניט געקענט איינהאַלטן דעם טריאומפירנדיקן מאַרש פון דער יונגער חסידישער באַוועגונג.

אָבער חסידות גופא האָט אין דער תקופה פון קאַמף און שנעלן וואוקס שטאַרק זיך געביטן, ממילא אויך די בעש״ט תורה.

בעש״טס תורה, אַז דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט — האָט געהאַט אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון חסידות. עס איז געבוירן געוואָרן דער קולט פון צדיקים, וואָס איז דערגאַנגען ממש צו געצנדינעריי. אויפן אָרט פון דער רבנישער אַריס־טאָקראַטיע האָט זיך אַרויסגערוקט אַ נייע אַריסטאָקראַטיע פון צדיקים, וואָס האָבן פּרעטענדירט צו פאַרכאַפּן די אַבסאָלוטע מאַכט איבער ביידע וועלטן. דער פשוטער בשר ודם איז געפאַלן אונטער דער משא פון דער נייער, שטאַרקער מאַכט, צווישן דעם יחיד און גאָט האָט זיך

אַוועקגעשטעלט דער צדיק, דער „אדם בפועל", דער פאַרמיטלער צווישן גאָט און מענטש.

פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער שיטה אין חסידות, האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט נאָך אַן אַנדערע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן דווקא מיט די מעטאַפיזישע חקירישע עלעמענטן פון דער חסידישער תורה. די אָנהענגער פון דער דאָזיקער שיטה האָבן גע־האַלטן שטאַרק פון דער פילאָסאָפיע און געוואָלט פאַרוואַנדלען חסידות אין אַן אַבסטראַקטער תורה, באַשטימט נאָר פאַר יחידי סגולה.

אמת, די דעמאָקראַטישע תורה פון בעש"ט האָט געפונען אַ סך חסידים צווישן דער נייער, פילאָסאָפישער שיטה. אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז די אמתע חסידים ווערן ביסלעכווייז אָפּגעשטופּט אויף אַ ווייטערדיקן פּלאַן מצד די צדיקים גופא. די אומוויסנדיקע מאַסע, פאַריאָגט און דערנידעריקט, האָט געגאַרט נאָך נסים און געזוכט אַ שליח־ציבור, וואָס זאָל זי נעמען אונטער זיינע פליגלען און באַ־שיצן. די דאָזיקע מאַסע איז דעריבער געגאַנגען צו די בעל־מופסים־צדיקים, וואָס אַלע וועלטן זיינען זיי געווען אונטערטעניק און די מלאכים גופא האָבן אויסגעפילט זייערע באַפעלן.

פון די צדיקים, וואָס זיינען געבליבן געטריי דעם דעמאָקראַטישן גייסט פון בעש"טס תורה איז כדאי צו דערמאָנען צוויי: ר' משה ליב דער סאַסאָווער (נפטר געוואָרן אין 1807) און נחמן דעם בראַצ־לאַווער (1772—1810).

דער סאַסאָווער איז געווען אַ קרישטאָל־ריינע נשמה, וואָס האָט מיט זיין ליבע צום פאָלקסמענטש זיך דערוואָרבן גוואַלדיקע באַ־גייסטערונג ביי די חסידים.

„אהבת ישראל, — האָט ער געלערנט, — מיינט, פילן זיין נויט, ווייטיקן מיט זיינעליידן, טרויערן מיט זיינע צרות. דער, וואָס קען ביי זיך ניט פועלן אויסזייגן מיט זיין מויל דעם שמוץ און דאָס בלוט פון די וואונדן פון אַ יידיש קינד, אַ מצורע, דער האָט ניט דערגרייכט אַפילו אַ העלפט פון דער ליבע צום אייגענעם, וואָס איז מתחייב יעדן יידן."

ר' נחמן בראַצלאַווער, אַן אוראייניקל פון בעל שם טוב — שטעלט אויך זייער הויך די ראָלע פון צדיק. אויך ער האָט דערקלערט, אַז דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט. ער האָט אָבער ניט איינגעשטימט מיט יענע, וואָס האָבן געהאַלטן אַז די גרויסקייט פון צדיק באַשטייט אין דעם, וואָס אין אים איז פאַרקערפּערט די „גרויסע נשמה" וואָס קומט פון עולמות עליונות.

„ניין! — האָט ער געזאָגט, — דער מענטש גופא איז דער באַשאַפער פון זיין נשמה. יעדער איינער קען דורך זיין אייגענעם ווילן דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון שלימות. יעדער ייד איז בבחינותו אַ צדיק, ווייל יעדער ייד איז אַ טייל פון כביכל.״ (כל אחד מישראל הוא חלק אלוה ממעל).

ר׳ נחמנס תורה איז דורכגענומען מיטן גייסט פון דעמאָקראַטיזם און אָטעמט מיט אַ פּראָטעסט קעגן דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט אויף דעם המון. ניט אין פּלפּול, — האָט ער געלערנט, — נאָר אין ריינער, האַרציקער אמונה, אין פּשוטע, מענטשלעכע באַציאונגען — ליגט דער מהות פון מענטשן.

צו זיינע חסידים פלעגט ער אַזוי זאָגן:

„ווען איין זאַך בעט איך אייך: זייט ערלעכע, אָפנהאַרציקע יידן. מיין איינציקע כוונה איז צו זיין אַזאַ ייד, און פאַר דעם צוועק בין איך גרייט מקריב זיין אַלצדינג און אַלע מיינע כחות זיינען פאַר דעם אָפּגעגעבן.״

וואָס פּשוטער אַ מענטש איז, — האָט ר׳ נחמן געטענהט, — אַלץ נענטער איז ער צו גאָט. נאָר דער אָרימאַן קען זיין ערלעך און יושרדיק.

„אַ גביר איז זייער שווער צו ווערן אַן אמת ערלעכער מענטש״ — האָט ער געזאָגט.

אַפילו צדיקים שטערט עשירות, ווייל אַלע „אוממאָראַלישע מעשים קומען פאַר נאָר צוליב געלט.״

„ווען אַן אביון אין שמאָטעס טוט אַ גרויסע מצווה — איז ער מיר זייער טייער.״

„דער, וואָס פאַרדינט זיין שטיקל ברויט מיט דעם שווייס פון זיינע הענט, דער ווייסט ווען גאָטס גרויסקייט, אַ סך מער, ווי מלאכים.״

ר׳ נחמן האַלט צוגלייך מיטן בעש״ט, אַז דער עיקר איז די תפילה. די דאָזיקע תפילה דאַרף אָבער ניט זיין קיין מעכאַנישע, נאָר מוז דורכגענומען ווערן מיט אַן אויפריכטיקן געפיל. דעריבער האָט ער געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף דאַווענען אויף אַ לשון, וואָס דאָס פאָלק פאַרשטייט, ד. ה. אויף יידיש. ער האָט אַפילו אַליין געשריבן תפילות אויף יידיש.

ר׳ נחמנס סיסטעם. איז דורכגענומען מיטן גייסט פון רעליגיעזן פאַנטעאיזם, פּונקט ווי דעם בעש״ט. ער האָט ליב געהאָט צו דאַווענען

אין וואַלד, אין אַן אָפענעם פעלד, ווייל דעמאָלט „אַקאָמפּאַנירן אים אַלע גראָזן און האַלטן אים אונטער אין דער תפילה."

ער האָט פאַרמאָגט אַ פּאָעטישע נשמה און האָט ליב געהאַט די נאַטור.

14.

די צוויי שטרעמונגען: דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם און דער וואולגאַרער צדיקיזם האָבן זיך באַוויזן באַלד נאָכן טויט פון בעל שם טוב. די דאָזיקע צוויי ריכטונגען האָט באַשאַפן דער מגיד פון מעזריטש, ר׳ דוב בער, דער גייסטיקער נאָכפאָלגער פון בעש"ט, וואָס איז געוואָרן דער ראש פון דער חסידישער כיתה.

דער מגיד פון מעזריטש איז ניט געווען קיין דעמאָקראַטישער טרוימער, קיין פאָלקס־דרשן פון דער נייער תורה און אויך ניט קיין נחמה־ברענגער פאַר די פאַריתומטע און אָרימע. אַ מענטש מיט אַ גוואַלדיקן ווילן און אַ שטאַרקן שכל פון אַ יעזואיט, איז ער געווען טיף איבערצייגט, אַז נאָר דורך מאַכט קען מען משפּיע זיין אויף דעם המון. כדי אָבער האָבן די־דאָזיקע מאַכט איבער דעם המון, מוז מען זיך חנפנען צו אים, טאָלערירן זיינע אבערגלויבנס און האַנדלען דורך צוזאָגן אים עפּעס. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער אַנטוויקלט אין אַ גאַנצן סיסטעם אין וועלכן דער קולט פון צדיקיזם פאַרנעמט דעם אויבן אָן.

דוב־בער, פּונקט ווי דער בעש"ט, האַלט אַז די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט שפּילט אַ גרויסע ראָלע און אַז די מעשים פון יחיד האָבן אַ גרויסע השפעה אין די עולמות עליונות. דער מענטש איז די קרוין און דער הויפּט־ציל פון דער יצירה. אָבער ביים מעזריטשער זיינען „מעשים פון מענטשן" אידענטיש מיט „מעשים פון צדיק". פּשוטע מענטשן האָבן קיין שליטה ניט. דער המון איז סתם אַ סטאַדע, וואָס דאַרף אין אַלע ענינים זיין אונטערגעוואָרפן מענטשן פון אַ העכערער מדרגה, מענטשן אויסדערווײלטע — צדיקים, וואָס זיינען דאָס „זאַלץ פון דער ערד".

גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, כדי די צדיקי הדור זאָלן האָבן הנאה פון הערשן איבער איר.

דער מגיד האַלט, פּונקט ווי זיין רבי דער בעש"ט, אַז די תפילה איז דער עיקר פון אמונה, אָבער דאָס איז דעם צדיקס תפילה.

„די תפילה פון צדיק, — לערנט ער, — באַוועגט גאָט פאַרוואַנדלען צאָרן אין חסד."

די השפעה פון די העכערע וועלטן אויף די נידעריקע קומט אַדאַנק דער תפילה פון דעם צדיק. דער צדיק איז דער בעל־סוד פון דער נאַטור און איז פעאיק צו ווייזן מופתים. דער פשוטער בשר־ודם קען זיך דערהויבן צו גאָט נאָר אין זכות פון דעם צדיק.

אויף אַזאַ אופן האָט דוב־בער געוואָלט פאַרבייטן דעם גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם פון די רבנים אויף אַ נייעם, אַ סך ערגערן אַריסטאָ־קראַטיזם פון צדיקים. דערפאַר געפינט מען שוין ניט אין זיינע ווערטלעך קיין קריטיק אויף דעם פאַרגליווערטן ראַביניזם.

די דאָזיקע צוויי שיטות וואָס דער מעזריטשער מגיד האָט איינ־געפירט: די שיטה פון צדיקיזם און פון דעם אַבסטראַקטן גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם האָבן געפונען זייערע פאַרטרעטער אין די צוויי תלמידים פון ר׳ דוב־בער: ר׳ אלימלך פון ליזשענסק און ר׳ זלמן שניאור פון ליאַדי.

דער ספר פון ר׳ אלימלך, דער „נועם אלימלך״, איז דערשינען צוויי יאָר נאָכן מחברס טויט (אין 1788). מען קען דעם דאָזיקן ספר באַצייכענען ווי אַ „מאַניפעסט פון פראַקטישן צדיקיזם״. דאָס איז אַ גרויסער לויב־געזאַנג לכבוד דעם צדיק. לויט אים, האַלט דער צדיק די שליסלען פון גן־עדן. אַ צדיק קען אַלצדינג פועלן, ווייל זיין מדרגה איז די העכסטע. גאָט קוקט אויף דער וועלט דורך די אויגן פונם צדיק. אַלץ וואָס דער מענטש דאַרף באַקומט ער אין זכות פונם צדיק: ווי קינדער, לעבן, חיונה, אַלע גנאָדן, וואָס גאָט טוט אויף דער וועלט, ווערט געטאָן דורך דעם צדיקס הענט. דער צדיק איז דער פאַרמיטלער, וואָס באַקומט די השפעה פון אויבן און פאַרטיילט זיי אַלעמען אין דער נידער.

צוליב דעם, וואָס אָן דער אינטערווענץ פונם צדיק איז בכלל ניטאָ קיין ישועה, ווערט ער פאַרוואַנדלט אין די מאַכט, וואָס פאַרטרעט גאָט אויף דער וועלט.

אַזוי אַרום האָט זיך ביי אלימלכן די גאַנצע עטיש־דעמאָ־קראַטישע תורה פאַרוואַנדלט אין אַ וואולגאַרן קולט פון צדיקיזם. דער יסוד פאַר דער עטישער הנהגה פון מענטשן איז די בלינדע אמונה אין צדיקיזם. דער פרומער מענטש טאָר אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן, אַז זיין גורל, לעבן און פאַרמעגן געפינט זיך אין רשות פון דעם צדיקס ווילן. דעריבער דאַרף זיך דער מענטש זאָרגן, אַז דער צדיק זאָל קענען געניסן פון דער וועלט. די פדיונים וואָס דער צדיק באַקומט זיינען געגליכן צו די קרבנות פאַרן מזבח.

„דורך פדיונים פאַרן צדיק, — זאָגט אלימלך, — ווערט דער

מענטש שטאַרק פאַרבונדן מיטן צדיק. ער איז דעמאָלט ניט נאָר פאַרזיכערט פון גרויסע זינד, נאָר ער ווערט אַפילו געהייליקט אין זכות פונם צדיק.״

די דאָזיקע תורה פון „גיב אַליין, אויב דו ווילסט אַז מען זאָל דיר געבן״, האָט דערהויבן דעם צדיק צו אַ מדרגה פון אַ פּראַקטישן בעל־טובהניק. די צדיקים זיינען געוואָרן די ליבלינג־העלדן פון דער פאָלק־פאַנטאַזיע, פון פאָלק־חלומות. דער המון האָט ממש פאַרגעטערט זיינע צדיקים־העלדן, וואָס האָבן מיט זייער ליכט פון נחמה גרינגער געמאַכט זייער גרוי, האָפנונגסלאָז לעבן.

גאָר אַנדערש איז געווען דער צווייטער תלמיד פון מעזריטשער מגיד, דער באַרימטער ר׳ שניאור־זלמן מליאַדי, דער באַגרינדער פון ווייסרוסישן חסידות. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן אַנאַליטישן מח. אים האָבן אינטערעסירט קודם־כל אַבסטראַקטע, מעטאַפיזיש־טעאָסאָפישע אידייען. דעם דאָזיקן חריף האָט שוין דער גרויער, טויטער ראַביניזם ניט געקענט מער צופרידנשטעלן. דער ראַביניזם האָט ניט געקענט פאַרענטפערן די אַלע שאלות, וואָס האָבן אים געמאַטערט. עס איז אים שוין געווען מער צום האַרצן די מעטאַפיזיש־פאַנטעאַיסטישע שיטה, די שיטה פון דער קבלה און פון חסידות. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אַרויפבויען אויף דעם רבנישן בנין אַ חסידישן „אויבערשטאָק״, וועלנדיק אויף אַזאַ אופן געבן דעם רביניזם אַ פילאָסאָפישן, „וויסנשאַפטלעכן״ יסוד. דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעכער מענטש, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ זייער איידעלן כאַראַקטער, פאַר וועמען לומדות איז געווען דער עיקר־זין פון לעבן — איז מערקווירדיק, געוואָרן איינער פון די זיילן פון חסידות, פון דער דעמאָקראַטישער „רעליגיע פון געפיל״. ווען מען לייענט זיין ספר „לקוטי אמורים״ (מער באַקאַנט א״נ תניא), זעט מען, אַז דער מהות פון חסידות, זיינע עטישע פּרינציפּן, זיין פּראָטעסט קעגן דער פאַרגליווערטקייט פון לעבן און דעם אַריסטאָקראַטיזם פון דעם ראַביניזם — האָבן אין תוך גענומען ווינציק אינטערעסירט די פאַרשטייער פון ווייסרוסישן חסידות. ער האָט אַפילו ניט געזען דעם תהום וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן ראַביניזם און חסידות.

דער צדיק איז ניט קיין בעל־מופת, — האָט געלערנט דער בעל־„התניא״, — און אויך ניט קיין הייליקער, וואָס פירט אַ מאָראַליש לעבן, נאָר אַ מענטש, וואָס לערנט תורה, מאַכט רייך זיין מוח „מיט דעת און בינה״ און דערפאַר שטייט ער נאָענט צו גאָט, ווייל דער אינטעלעקט איז דער עיקר און ניט דאָס געפיל. דער מקור פון אַלע

מענטשלעכע געפילן — דער „נפש החיונית", וואָס געפינט זיך אין צענטער פון דער בלוט־צירקולאַציע, ד. ה. אין האַרצן, שפּילט אַ קלע־נערע ראָלע לגבי דער „געטלעכער נשמה" מיט אירע דריי אייגנ־שאַפטן: חכמה, בינה ודעת. די דאָזיקע נשמה געפינט זיך אין דעם מענטשנס קאָפּ, און איז באַהויכט מיט אַ געטלעכן ניצוץ. די גייסטיקע שלימות פון מענטשן איז אָפּהענגיק נאָר פון דער דאָזיקער „געט־לעכער נשמה" און דעריבער דאַרף זי גובר זיין די „אַנדערע ספערע אין מענטשן, די זינדיקע, גשמיותדיקע נשמה". דער ריינער שכל דאַרף הערשן איבערן געפיל, דער אינטעלעקט דאַרף דיקטירן דאָס האַרץ, ווייל דער „שכל איז דער מקור פון מאָראַלישקייט". נאָר דורך שכל קען מען זיך דערנענטערן צום מקור פון חכמה, ד. ה. צו גאָט. דורך לימוד התורה, דורך פאַרטיפן זיך אין מהות פון גאָטהייט, דער־נענטערט זיך דער מענטש צו גאָטהייט, ווייל ער „לעבט אין גאָט".

דאָס איז אַ בולטער ווידערקול פון רמבמ"ס פילאָסאָפיע. אַזאַ ווידערקול איז ניט קיין צופאַל. דער בעל־„התניא" איז זיך אָפּט סומך אויפן רמב"ם. עס איז אָבער פאַראַן אַ חילוק צווישן די צוויי דענקער. דער רמב"ם, למשל, האַלט, אַז אַ מענטש וואָס וויל זיך דערנענטערן צו גאָט, מוז שאַרפן זיין מוח דורך וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, בעת דער בעל־"התניא" איז געשטימט נעגאַטיוו לגבי וועלטלעכע לימודים און זעט דעם מקור פון אַלע חכמות אין דער הלכה, אין לימוד התורה. דאָס גרעסטע גליק פון אַ מענטשן באַשטייט, לויט אים, אין דעם באַ־וואוסטזיניקן דערטרינקען פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט אין דעם גרויסן ים פון חכמה.

ר' שניאור־זלמן האָט דורך אַוועקשטעלן די פּרינציפּן פון „חכמה, בינה ודעת, ווי דעם יסוד פון זיין סיסטעם, דערהויבן דעם לימוד התורה צו דער העכסטער פאָרמע פון זיך מתייחד זיין מיט גאָט, אַ סך אַ העכערע, ווי סתם מקיים זיין מצוות. (תלמוד תורה שקול כנגד כל המצוות.)

„דער מענטש, — האָט ער געלערנט, — וואָס איז משיג על פי השכל אַ דין אָדער אַ תורה, האָט שוין ממילא משיג געווען גאָטס כוונה און חכמה. דערפאַר איז לימוד התורה און דאָס קענען פון דער תורה העכער פון מקיים זיין אַלע מצוות, ווייל מצוות זיינען נאָר דער לבוש פון גאָטס ליכט, דערקעגן דורך לימוד התורה קען דער מענטש פאַרוואַנדלען דעם לבוש אין זיין גייסט. דער לימוד התורה ווערט דער עיקר־שפּייז פון דער נשמה, אַזוי ווי ברויט, וואָס שפּייזט דעם גוף, פאַרוואַנדלט זיך אין פלייש און בלוט. דאָס איז אויך מיט דער תורה.

זי איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון דעם אין־סוף, פֿון דעם אומענדלעכן שכל. אויב דער מענטש פֿאַרטיפֿט זיך טיף און מיטן גאַנצן האַרצן אין תורה, אַזוי אַז זי גיסט זיך צונויף מיט זיין שכל — דאַן ווערט די תורה די טרעגערין פֿון לעבן פֿון דער געטלעכער נשמה, וואָס איז פֿאַראַן אין מענטשן״

זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן, — זאָגט דער בעל־„התניא״, — האָט גאָט זיך אינגאַנצן פֿאַרשלאָסן אין די ד׳ אמות פֿון הלכה, וואָס איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון ווילן און חכמה פֿון גאָט. דערפֿאַר איז לימוד התורה די העכסטע שליחות פֿון מענטשן — דאָס איז אַ סך וויכטיקער ווי תפילה טאָן.

אויף אַזאַ אופֿן האָט דער בעל־„התניא״ שטאַרק אָפּגעשוואַכט די עיקר־יסודות פֿון בעל־שום־טובס תורה. די דעמאָקראַטישע „רעליגיע פֿון געפֿיל״ פֿון דעם בעש״ט פֿאַרוואַנדלט זיך ביי ר׳ זלמן־שניאורן אין אַ ראַציאָנאַליסטישע טעאָסאָפֿיע, אַן ענין, וואָס נאָר יחידי סגולה האָבן געקענט תופֿס זיין. בעת דער בעש״ט האָט גע־קרוינט דאָס געפֿיל פֿאַרן העכסטן מקור פֿון אמתער רעליגיאָזיטעט, און ניט דעם שכל, האַלט ר׳ זלמן־שניאור דווקא דעם אַבסטראַקטן שכל פֿאַר דעם הויפּט־מקור פֿון אמונה און עטיק.

דער צדיק, דער גוטער ייד — איז, לויט דעם בעל־„התניא״, אַ מענטש, וואָס פֿאַרפֿולקומט זיין אינטעלעקט דורך אַבסטראַקטע קאָנטעמפּלאַציע. דער צדיק איז אַ תלמיד חכם, וואָס האָט משיג געווען דעם מהות פֿון גאָט.

„יעדער איינער וואָס דערנענטערט זיך צום תלמיד־חכם, איז אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערנענטערט צו דער שכינה גופֿא.״

דער ליאַדיער איז געווען אַן אָנהענגער פֿון אַ תרי״ג מצוותדיקן יידנטום און האַלט, צוגלייך מיט רמב״ם, אַז גשמיות איז אַ חרפּה פֿאַר אַ מענטשן, ווייל דער מענטש איז געשאַפֿן געוואָרן רק פֿאַר רוחניות. ער רופֿט אָן דעם גוף „נבזה ונמאס״ און דער מענטש דאַרף פֿיינט האָבן דעם קערפּער.

ר׳ זלמן־שניאור האָט פֿאַרפּאַראַפֿראַזירט דעם בעש״טס תורה און זי משנה געווען אין אַ טרוקענע, אַבסטראַקטע שיטה. די ריינע, פֿאָלקסטימלעכע „רעליגיע פֿון האַרצן״ האָט זיך ביי אים פֿאַרוואַנדלט אין אַן אסקעטישע, גופֿלאָזע מוח־תורה. די פֿאַנטעזיסטישע געדאַנקען וואָס מען געפֿינט אין בעש״טס משלים און גלייכענישן, פֿאַרוואַנדלען זיך ביי אים אין אַבסטראַקטע דענקפֿאָרמען.

אין פֿלוג גענומען האָט זיך געקענט דוכטן, אַז דער ראַביניזם

וועט באַגריסן אַט די דאָזיקע פאָרמען, וואָס דער בעל־„התניא" האָט געגעבן דער חסידישער שיטה. אין דער אמתן אָבער איז געווען גאָר פאַרקערט. די רעליגיעזע מלחמה, וואָס איז יעמאָלט אויסגעבראָכן, איז ניט נאָר ניט איינגעשטילט געוואָרן, נאָר סוף 18־טן י"ה האָט זי אָנגענומען אַ סך אַ שטאַרקערע פאָרמע. די דאָזיקע מחלוקותן האָבן געבראַכט צו דעם אַפילו, אַז דער ראש פון דעם חב"ד חסידות, ר' זלמן שניאור פון ליאַדי, זאָל ווערן אַ געפאַנגענער אין דער פעטראָפּאַוולאָווסקער תפיסה.

די רדיפות אויף חסידות האָבן אָבער בשום אופן ניט געקענט אָפּשטעלן דעם מאַרש פון חסידות. דער פאַרגליווערטער ראַביניזם איז ניט געווען בכוח אָפּצושטעלן די נייע באַוועגונג. אין אָנהייב 19־טן י"ה האָט ער געמוזט קאַפּיטולירן פאַר דעם חסידישן כוח.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אויסשיילן אַ נייער כוח, אַ שונא פון חסידות, דאָס מאָל אַ סך אַ וואָגיקערער, ווי די מתנגדים זיינען געווען. דאָס איז געווען די השכלה.

דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט אויפסניי.

15.

די השכלה האָט געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין דעם רוסיש־פּוילישן געטאָ. דער פריש־געבאַקענער משכיל, דער נעכטיקער ישיבה־בחור האָט אָנגעהויבן זיך באַציען מיט ביטול און שנאה צו אַלץ, וואָס איז יידיש. אין דער יידישקייט אין וועלכער ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן האָט ער געזען נאָר פאַנאַטיזם און ווילדקייט. אַלץ, וואָס איז געקומען פון דער „פרעמד", האָט געשיינט מיט זיבן שיינען און געלויכטן מיט טויזנטער ליכטן.

אונדזערע „משכילים" פון יענער „שטורם און דראַנג" תקופה, האָבן יעדע זאַך וואָס איז געקומען פון „יענעם ברעג" נאַאיוו אויפגענומען ווי „השכלה". אין דעם אייגענעם לעבן האָבן זיי געזען רק־פאַרשימלטקייט, שעדלעכקייט און אָפּגעלעבטקייט — אין דעם פרעמדן לעבן האָבן זיי דערזען רק שיינקייט, וואָס איז ווערט געווען צו אימיטירן. די דאָזיקע „השכלה", דורכגענומען מיט אַזאַ שטאַרקן ביטול צו יידישקייט, האָט אין זיך גופא שוין געטראָגן עלעמענטן פון צעפאַלנקייט, ווייל זי איז ניט געווען בליענדיק, קאָנסטרוקטיוו און שעפעריש.

אין הסכם מיטן גייסט פון דער בערלינער „השכלה" זיינען אויך די רוסישע „משכילים" געווען ראַדיקאַלע ראַציאָנאַליסטן. יעדן מנהג

און יעדע מסורה האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ פּראָדוקט פון פאַנאַטיזם און אַבערגלויבן. ניט האָבנדיק קיין חוש פאַר היסטאָרישע פּראָצעסן, פּונקט ווי דאָס האָבן ניט געהאַט זייערע בערלינער רביים, האָבן די רוסישע אויפקלערער געהאַלטן, אַז די סיבה פון דער שרעקלעכער לאַגע פון יידישן פאָלק שטעקט אין זייערע אַבערגלויבנס. זיי האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז אַזוי שנעל ווי דאָס רוסישע יידנטום וועט זיך באַפרייען פון דעם „פאַנאַטיזם״, וועט רעפאָרמירן די רעליגיע לויטן מוסטער פון די דייטשע רעפאָרמיסטן — וועט תיכף קומען אַ סוף צו אַלע צרות. די משכילים זיינען געווען זייער הכנעהדיק לגבי דער קריסטלעכער וועלט און ניט געזען דאָרטן קיין שום פּגימות. דערקעגן קיין זאַך איז זיי ניט געפעלן געוואָרן אין יידישן לעבן און זיי זיינען געווען גרייט אַלצדינג חרוב מאַכן.

אַפילו דער פּאָליציי־ביוראָקראַטישער רעזשים פון ניקאָלאַי דעם ערשטן איז אין זייערע אויגן געווען דער סימבאָל פון קולטור און וויסן. אַזאַ גרויסער ייד, ווי ר׳ יצחק בער לעווינזאָן (ריב״ל) האָט מיט גרויס התלהבות באַגריסט די קאַזיאָנע שולן פאַר יידישע קינדער, וואָס די מלוכה האָט געשאַפן מיטן ציל באַפרייען די יידן „פון תלמודישע זאַבאָבאָנעס״, וואָס האָט זיי, די יידן, כלומרשט „דעמאָראַליזירט״ און דערנענטערן זיי „צו דער קריסטלעכער עטיק״.

די „משכילים״ האָבן נאָאיוו געטענהט, אַז אַזוי שנעל ווי די יידן וועלן זיך באַפרייען פון די אַבערגלויבנס, וועט מען זיי מזכה זיין מיט פולע בירגער־רעכט. די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך אָבער אַ סך בעסער אָריענטירט אין ניקאָלאַי דעם ערשטנס כוונות, איידער די אויפגעקלערטע משכילים. בעת ד״ר מאַקס ליליענטאַל האָט אָנגעהויבן אַגיטירן די מינסקער קהילה־לייט, אַז זיי זאָלן אַנטקעגנקומען דעם פאַרלאַנג פון דער מלוכה, און זען אַז יידישע קינדער זאָלן אָנהייבן גיין אין די ניי־געשאַפענע מלוכה שולן, האָבן די דאָזיקע יידן צו אים אַזוי געזאָגט:

„כל זמן די מלוכה וועט ניט געבן יידן בירגער־רעכט, וועט בילדונג פאַר יידן זיין נאָר אַ גרויסער אומגליק. אַ ניט־געבילדעטער ייד מיאוסט זיך ניט מיט וועלכער עס איז פּרנסה. ער וועט זיין אַ פאַרמיטלער און אַפילו אַ פּראָצענטניק. ער געפינט זיין נחמה און פרייד אין דער אמונה זיינער. ער און זיין גרויסע משפחה, פאַרלאָזנדיק זיך אויף גאָט, באַפרידיקט זיך מיט דעם, וואָס ער האָט. אָבער אַזוי שנעל ווי ער וועט ווערן געבילדעט און אויפגעקלערט על פּי נוסח הזמן און אויסגעשלאָסן פון פּאָליטישע רעכט, וועט ער, דער ייד,

פאַרביטערט און אַנטוישט זיכער אָוועקגיין פון זיין רעליגיע. קיין ערלעכער יידישער פאָטער וועט בשום אופן ניט מרוצה זיין אַז זיין זון זאָל גיין אויף אַזאַ דרך."

די „משכילים" האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ ענטפער איז דיקטירט פון אומוויסן און דעריבער האָבן זיי אָנגעהויבן שטאַרק אַגיטירן קעגן די רבנים און די חסידים פאַר זייער פאַנאַטיזם און עקשנות. בפרט זיינען זיי געווען מלא רציחה אויף די חסידים. אידענטיפיצירנדיק דעם דעגענערירטן צדיקיזם, וואָס האָט געפילט אַ שנאה צו די פאַר־שטייער פון דער השכלה און האָט זיי שטאַרק גערודפט, מיטן עצם חסידות, האָבן די רוסישע „משכילים" געזען אין חסידות דעם דירעקטן אָביעקט פאַר זייערע אַטאַקעס און דעמאַסקירנדיקע אָנגריפן.

עס איז ממש ניטאָ קיין איין שרייבער פון משכילישן לאַגער, וואָס האָט ניט געהאַלטן פאַר זיין הייליקן חוב אויסלאַכן די חסידים.

ווען צווייפל איז סוף 60־קער יאָרן אַרויס מיט זיין ווערק „שלום על ישראל", וואו ער האָט געגעבן אַן אָביעקטיווע אָפּשאַצונג פון דער חסידישער באַוועגונג, האָט זיך אין לאַגער פון די „אויפ־קלערער" אָנגעהויבן אַ שטאַרקער פּראָטעסט קעגן אים און זיין חיבור.

חיים זעליג סלאָנימסקי און יהודה ליב גאָרדאָן זיינען אַרויס־געטראָטן קעגן צווייפלען. אַברהם גאָטלאָבער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסטרעטן מיט אַ גאַנצן ספר קעגן צווייפלס ווערק. זיין „תולדות הקבלה והחסידות" איז פאַרבלאָזט און אומוויסנשאַפטלעך, פונקט ווי ער גופא איז דאָס געווען.

די משכילים האָבן בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין די גרויסע היסטאָרישע ראָלע וואָס חסידות האָט געשפּילט אין יידישן פאָלק־לעבן. איינער פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון יענע משכילים איז געווען, אַז זיי האָבן ניט געקענט אָפּטיילן זייערע סימ־פּאַטיעס און אינטערעסן פון די סימפּאַטיעס און אינטערעסן פון פאָלק. זיי זיינען נאָך ניט דערגאַנגען צו יענעם עלעמענטאַרן אמת, אַז די אינטעליגענץ איז נאָך ניט דאָס פאָלק און אַז די אויפגאַבע פון דער אינטעליגענץ איז פאַקטיש דינען דעם פאָלק און ווערן דעם פאָלקס מדריך. די משכילים זיינען געווען די קעמפער און וואָרטזאָגער פאַר זיך גופא, ד. ה. זיי האָבן פאַרטראָטן די אינטערעסן פון דער יידישער אינטעליגענץ. די משכילים זיינען געווען גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן געהאַט אין זינען נאָר זייער אייגענע, ריין־פּערזענלעכע אינטערעסן. פאָלקס־אינטערעסן, פאָלקס־נויטן, אַ פּשיטא פאָלקס־

זעלבסטשטענדיקייט, דאָס האָט זיי גאָר ווייניק וואָס אינטערעסירט.

אַז די אינטעליגענץ האָט געטראַכט נאָר וועגן זיך און ניט וועגן פאָלק, קען מען זען אַם בולטסטן פון דער באַציאונג וואָס די דאָזיקע אינטעליגענטן האָבן געהאַט צום לשון פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. אין דעם „זשאַרגאָן" האָבן זיי געזען עפּעס שענדלעכס. ריידן אויף „זשאַרגאָן", — האָט געשריבן יהודה ליב גאָרדאָן, — איז פּונקט „ווי אַרומשפּאַצירן אויף דעם נעווסקי פּראָספּעקט אין אַ לאַפּסערדאַק און אויסגעדרייטע שיך".

די משכילים האָבן געהאַלטן, אַז יידיש איז „אין מויל פון אונדזער פאָלק די סאַמע טרויעריקע דערשיינונג אין היסטאָרישן לעבן."

היות ווי דער דענקנדיקער קלאַס יידן האָט געקענט „לשון הקודש", האָבן די משכילים אָנגעהויבן פּרעדיקן „השכלה" אויף העברעאיש. ווען די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט אַ דערפאָלג, בפרט ביי דעם אינטעליגענטן טייל פון פאָלק און עס איז אויפגעקומען אַ וואַגיקער קאָנטינגענט פון אייראָפּעאיש־געבילדעטע יידן, וואָס האָבן שוין געקאָנט די לאַנד־שפּראַך — איז פאַר דער דאָזיקער יידישער אינטעליגענץ געשאַפן געוואָרן אַ רוסיש־יידישע ליטעראַטור.

אָבער די יידישע פאָלקס־מאַסע, וואָס האָט ניט געקענט ניט קיין העברעאיש און ניט קיין רוסיש — האָט די דאָזיקע אינטעליגענץ איבערגעלאָזט אויף הפקר. די דאָזיקע יידישע אינטעליגענטן האָבן זיך אינגאַנצן ניט פאַרטראַכט מכח די גייסטיקע נויטן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, וואָס איז אין די אויגן פון די דאָזיקע אויפקלערער געווען אַ פאַרקערפּערונג פון ווילדקייט און פאַנאַטיזם, און וואָס אין קאַמף מיט איר זיינען אַלע מיטלען געווען כשר.

יהודה ליב גאָרדאָן, למשל, האָט געהאַלטן, אַז כל־זמן די יידישע מאַסע אין רוסלאַנד וועט ניט באַהערשן די רוסישע שפּראַך, וועט העברעאיש בלייבן דערווייל דער איינציקער שפּראַך־מיטל פאַר בילדונג.

אָבער די יידישע מאַסע האָט פאַרט ניט געקענט קיין רוסיש אָדער העברעאיש. וועגן דעם האָט דער „יידישער נעקראַסאָוו" ניט געטראַכט.

אונדזערע „משכילים" האָבן זיך אויך ניט געוואָלט פאַרטראַכטן איבער דער פראַגע : אויב עס איז מעגלעך און אַפילו געוואונטשן אַ „פולע און שנעלע רוסיפיקאַציע" פון אַ מיליאָנענדיקער מאַסע. פאַר זיי איז געווען גענוג, אַז דאָס איז זייער ווילן און זייער באַגער.

יעדער איינער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער קולטור־געשיכטע

פון רוסלענדישן יידנטום אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן י״ה — ווייסט זייער גוט, מיט וואָס אַ גרינגקייט האָבן די קעמפער פון דער „השכלה בת השמים״ זיך געלאָזט אויף די דרכים פון רוסיפיקאַציע. אַזוי שנעל ווי זיי האָבן אַריינגעכאַפּט אַן אוניווערסיטעט דיפּלאָם, האָבן זיי זיך אינגאַנצן אָפּגערוקט מיט די רוקנס צום יידנטום און ניט איינער פון זיי האָט זיך אַפילו געשמדט.

אין די זיבעציקער יאָרן, באַלד נאָכן אָדעסער פּאָגראָם, האָבן די מער ערנסטע פאַרטרעטער פון דער השכלה אָנגעהויבן זיך פאַר־טראַכטן וועגן דער לאַגע. עס האָט זיך באַוויזן פּרץ סמאָלענסקי מיט זיין נאַציאָנאַלער שיטה און שאַרפער קריטיק פון דער „בערלינער השכלה״. זיין דרייסטע, איבערצייגנדיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָבער אַרויסגערופן מער קעגנער, איידער אָנהענגער. אָבער דאָס, וואָס דער דאָזיקער פּעאיקער פּובליציסט סמאָלענסקי האָט ניט געקענט אויפ־טאָן, דאָס האָבן אויפגעטאָן די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן.

16.

די דאָזיקע פּאָגראָמען זיינען געווען אַ מילשטיין־דאַטע אין דער געשיכטע פון רוסלענדישן יידנטום. דער יידישער אינטעליגענט האָט זיך דערפילט גייסטיק אינגאַנצן אויסגעליידיקט. זיין עבר איז געווען טויט; זיינע אידעאַלן, זיין אמונה — צערונען אָן רחמנות; זיינע אָפּגעטער — אַראָפּגעוואָרפן פון די פּיעדעסטאַלן. עס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסער חלל, וואָס עס איז ניט געווען מיט וואָס אָנצופילן.

דער זעלבער יהודה ליב גאָרדאָן, וואָס האָט געחלומט פון אַ „פולשטענדיקער און שנעלער רוסיפיקאַציע״, האָט מיט אַ סך ביטער־קייט דעקלאַרירט וועגן דעם באַנקראָט פון אַלע זיינע אידעאַלן.

מכל חלומותי לא נשאר מאומה
ומגדל הכאב מרוב הקרץ
נפלתי רגע משמים ארץ (1882)

(פון אַלע מיינע חלומות איז גאָרניט ניט געבליבן. און נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע און גרויסעליידן בין איך פון די הימלישע הויכן באַלד געפאַלן אויף דער ערד.)

עס האָט זיך דערהערט דער רוף: השיבנו נאָזאַד! צוריק אין שול אַריין!

אַ סך האָבן אָפּגעשטויבט פון זיך דעם שטויב פון דעם שטיף־פאָטערישן פאָטערלאַנד און זיך אַ לאָז געטאָן אין דעם „לאַנד פון

די אָבות״. אַנדערע זיינען אַוועק אין דעם „לאַנד פון פרייהייט״ — קיין אַמעריקע.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע, שטורמישע תקופה. דער יידישער אינטעליגענט איז קראַנק געוואָרן אויף דער „האַרץ־קראַנקייט״, „אינטעלעקט־קראַנקייט״ און „געוויסן־קראַנקייט״. זיין גאַנצע פּערזענלעכקייט איז „קראַנק״ געוואָרן. דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פון הילפלאָזיקייט, פון ניט קענען זיך באַגעגענען און ספּראַווען זיך מיטן שטראָם פון די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון צאַפּלדיקן לעבן.

אַן ענלעכע קראַנקייט האָט יעמאָלט איבערגעלעבט די רוסישע אינטעליגענץ. אָבער די רוסישע ליטעראַטור האָט געפונען אַ „גרויסן קינסטלער מיט אַ גרויס האַרץ״, וואָס האָט די דאָזיקע קראַנקייט קליניש אַנאַליזירט. דאָס איז געווען ג ל י ע ב א ו ס פּ ע נ ס ק י.

די יידישע אינטעליגענץ האָט אָבער אַזאַ וואָגיקן און קרענקלעך־סענסיטיוון קינסטלער ניט פאַרמאָגט. אמת, זי האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי שרייבער, וואָס האָבן פּונקט ווי אוספּענסקי „געטרויערט איבער די ליידנדיקע נשמות״.

די דאָזיקע שרייבער האָבן געזען, ווי יידיש לעבן איז פול מיט טראַגישע קאָנפליקטן און סתירות און שטעלט דער יידישער אינטעליגענטער און דענקענדיקער פּערזענלעכקייט באמת קאָלאָסאַלע פאָדערונגען. די יידישע פּערזענלעכקייט שטייט אָבער אַ צעטראָגענע, אַ פאַרלאָרענע און אַ געפּייניקטע.

אין יענער „איבערגאַנגס־צייט״ האָט זיך דער דורכשניטלעכער יידישער אינטעליגענט צום ערשטן מאָל דורכגענומען מיטן באַוואוסטזיין פון זיין היסטאָרישער שולד לגבי דעם פאָלק. ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דאָרטן, וואו די פּערזענלעכקייט איז דערשטיקט אין דער מאַסע, וואו דער היסטאָרישער פּראָצעס האָט געבראַכט אומברחמנותדיק דעם יחיד אַ פולע ירידה — אַז דאָרטן וואַרט אויף אים, דעם אינטעליגענט, אַ גרויסע באַפרייאונג־אַרבעט.

אָבער אין דער אינטעליגענטער פּערזענלעכקייט גופא איז ניט געווען קיין לעבעדיק מאַטעריאַל כדי צו קענען מקיים זיין די נייע געזעלשאַפטלעכע מצוות און עטישע פּרינציפּן — וואָס האָט אויף איר אַ שטראָם געגעבן.

„די רינגען פון דער צייט זיינען זיך צעפאַלן״ און דער דורכשניטלעכער יידישער אינטעליגענט האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיי אויפסניי צונויפבינדן, ווי אַזוי זאָל מען איבערוואַרפן אַ בריק פון עבר און היינט צום סודותפולן עתיד. די אַלטע וועלט פון זיינע

אָבות איז אויף אייביק אַוועק, ווייל זי האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם אָנגריף פון דער נייער צייט.

דער בנין, וואָס דער דור פון דער השכלה האָט אויפגעשטעלט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ שוואַכן בנין. די גרויזאַמע ווירקלעכקייט האָט אים צעשטערט אָן רחמנות. אויף די חורבות פון די צעבראָכענע לוחות און ברעקלעך פון אַנטוישטע האָפענונגען איז אויסגעקומען צו בויען אַ נייעם בנין, דאָסמאָל אויף גאָר אַנדערע, נייע יסודות. דאָס דאָזיקע בויען האָט מען געמוזט אָנהייבן ביי גאָר ווייט ניט קיין גינציקע תנאים. דאָ האָט מען באַדאַרפט שוין האָבן „בויערס״ מיט אַ שטאַרקן ווילן, וואָס האָבן טיף געגלויבט אין דער „שולדיקייט״ פון זייער שאַפן.

בדרך כלל, איז אַן „איבערגאַנגס־צייט״ זעלטן גינציק פאַר אַן אויפקום און דער אַנטוויקלונג פון אַזעלכע גאַנצע שעפערישע פערזענלעכקייטן. דער איבערברוך מיט די אַלטע געטער, דאָס צערונען ווערן פון אַזוי פיל האָפענונגען, אילוזיעס און דערוואַרטונגען — דאָס איז אַ טייערער קרבן. די בעסטע כחות זיינען אַוועק טאַקע פאַר דער אַרבעט פון צעשטערן און פון קריטיק. די פערזענלעכקייט פון דעם דוכשניט אינטעליגענט האָט זיך דערפילט אויסגעליידיקט, דערדריקט, דיסאָרגאַניזירט. אין דער ליטעראַטור באַווייזט זיך ניט די פולע, גאַנצע פערזענלעכקייט, נאָר די בענקשאַפט נאָך איר, דאָס זוכעניש. דער שטאַרקער ייד ווערט דער אָביעקט פון שטרעבן, ווערט אַן אידעאַל, טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט געפעלט אין דער ווירקלעכקייט.

אונדזערע שרייבערס פון דער „איבערגאַנגס־צייט״ שטודירן מיט גרויס התמדה דעם „אינטעליגענטישן אויסגליטש״, די אינערלעכע צעשפּאָלטנקייט, די „קראַנקייט פון האַרץ״ (קרע שבלב), פון דעם יידישן אינטעליגענט. זיי ווילן אים אַנטקעגנשטעלן אַן אויסגעגלייכטן, האַרמאָנישן גאַנצן מענטשן, וואָס לעבט אין אַ פולער האַרמאָניע מיט זיך גופא, זייערע בליקן פאַלן ניט אויף דעם היינט, נאָר אויף דעם נאָענטן עבר, ניט אויף די פאָרשטייער פון דער אייראָפּעאישער קולטור, נאָר אויף די פאָרטרעטער פון דער אייגנאַרטיקער חסידישער וועלט, פון דער וועלט, וואָס איז געווען אַזוי פאַראַכט פון די „משכילים״ פון דער פריערדיקער תקופה.

די דאָזיקע שרייבערס (פרץ, פייערבערג, בערדיטשעווסקי און אַנדערע) טענהען אַזוי: לאָמיר אָננעמען, אַז די חסידישע וועלט קען בשום אופן ניט באַפרידיקן דעם היינטיקן יידן. אָבער אין דער דאָ־

זיקער וועלט איז פֿאַראַן עפּעס, וואָס באַצוויבערט און אימפּאָנירט. אין דער וועלט פֿון חסידות געפֿינט דער היינטיקער ייד דווקא דאָס, וואָס ער זוכט מיט אַזוי פֿיל ליידנשאַפֿט; ער געפֿינט גלייכגעוויכט, האַרמאָנישע גאַנצקייט פֿון זיין אייגענעם „איך".

די אידייען און באַגריפֿן, בכלל דאָס אַלץ, וואָס האָט אין דער דאָזיקער וועלט פֿאַרלאָרן פֿאַרן היינטיקן מענטשן וועלכן עס איז ווערט און שטעלט מיט זיך פֿאַר נאָר מיזערנע שיריים פֿון אַן אָפּגעלעבטן, אַרכאַאישן בנין — דאָס אַלץ איז פֿאַרן מענטשן פֿון דער פֿריערדיקע תקופֿה, פֿאַרן גלויביקן חסיד, געווען פֿלייש און בלוט, דער רעגנבויגן פֿון לעבן, דער שענסטער און ליכטיקסטער אידעאַל.

דער וועלט־באַנעם פֿון חסיד איז געווען קליין און ענג; די וועלט אין וועלכער ער האָט געלעבט איז געווען ניט קיין רעאַלע, מער אַן אויסגעטראַכטע. ער האָט אָבער אין דער דאָזיקער וועלט געלעבט אַ פֿול לעבן, געווען אַ גאַנצע פּערזענלעכקייט, וואָס איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן עבר און ממילא אויך מיטן עתיד. ביי דעם דאָזיקן ניט־געלערנטן, טיף־איבערגלויבישן יידן, איז געווען זיין „קדוש קדשים", וואָס האָט פֿאַראייניקט אין איין גאַנצקייט זיינע מחשבות, געפֿילן און זיין ווילן. דאָס האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ מערקווירדיקער פּערזענלעכקייט און גורם געווען, אַז ער זאָל האָבן גייסטיקע שיינקייט.

עס איז ניט קיין צופֿאַל, אַז ביי פּרצן, דעם מחבר פֿון די קלאַסישע „חסידישע דערציילונגען" גייט דורך אין זיין גאַנץ שאַפֿן, ווי אַ רויטער פֿאָדים, די פּייניקנדיקע בענקשאַפֿט נאָך דער האַרמאָנישער, מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און אַ טויבער פּראָטעסט קעגן די אומזיניק גרויזאַמע תנאים פֿון אונדזער לעבן, וואָס בויגן אַזוי דעם מענטשן, שטיקן אים און דעפּאַרמירן אים. עס איז אויך ניט קיין צופֿאַל, וואָס בערדיטשעווסקי, דער התלהבותדיקער אָנהענגער פֿון חסידות איז אין דער זעלבער צייט אַ הייסער חסיד פֿון פֿרידריך ניטשע מיט זיין בענקשאַפֿט נאָך דער האַרמאָניע פֿון אַ שטאַרקן לעבנס־שאַפֿן און שיינער, שטאַרקער אינדיווידואַליטעט.

17.

נאָך גזירת ת"ח האָט דאָס פֿאָלק געגאַרט נאָך אַ נס, געוואַרט מיט אַ ליידנשאַפֿטלעכער בענקשאַפֿט נאָך אַ משיח, אַ גואל, וואָס זאָל אַרויסנעמען די יידן פֿון דעם „עמק הבכה" אין דעם הייליקן לאַנד אַריין.

נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט, האָט דאָס פאָלק, אַרומגענומען פון שרעק, אָפּילו אַזאַ נחמה ניט געהאַט. די צוויי יאָרהונדערטער זיינען ניט געבליבן אָן אַ שפור אין דעם יידישן איזאָלירטן געטאָ, הגם דער גלויבן אין נסים איז שוין אַ ביסל אָפּגעשוואַכט געוואָרן. יעמאָלט האָבן זיך באַוויזן משכילים „בעלי־תשובה”, וואָס האָבן געוואָלט אויף אַ ראַציאָנאַלן, נאַטירלעכן אופן פאַרווירקלעכן אַ נס און איבערפירן קיין ארץ־ישראל די ליידנדיקע יידן, אָן דער הילף פון אַ משיח. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע פשוטע בשר ודמס, ווי די משכילישע „בעלי־תשובה” זיינען געווען, זיינען ניט געווען בכח פאַרוואַנדלען אַ גרויסן נס אין אַ ווירק־לעכקייט. דערפאַר האָבן זייערע גוטע כוונות געגעבן אַזעלכע מאָגערע רעזולטאַטן. אָבער אויפן אָרט פון די „בעלי־תשובה” האָט זיך פלוצים באַוויזן אַ מאַן, דווקא מחוץ דעם געטאָ, וואָס האָט וועגן דעם לעבעדיקן יידנטום געהאַט זייער אַ מטושטשן באַגריף, אַ מאַן פון אַ גוואַלדיגן ווילנס־כח און ברייטער פאַנטאַזיע; אַ מאַן, וואָס האָט אויף אַ מערק־ווירדיקן אופן קאָמבינירט אַ מיטלאַלטערישן פאַנאַטיקער און אַן געבילדעטן אייראָפּעער, אַן עקזאַלטירטן בעל־חלומות און ערשט־קלאַסישן אַגיטאַטאָר. דאָס איז געווען טעאָדאָר הערצל (1904—1860).

דער דאָזיקער מענטש האָט געגלויבט אין נסים. ער האָט געגלויבט, אַז דער ווילן קען שאַפן נסים, אַז מען קען דעראָבערן פאַרן פאָלק אַ לאַנד, ניט האָבנדיק קיין אַרמיי, פלאָט, פינאַנסן, און איבערפירן אין דעם דאָזיקן לאַנד דאָס היימלאָזע, צעוואָרפענע פאָלק. דער דאָזיקער גרויסער טרוימער האָט געגלויבט אין דער מענטש־לעכער פערזענלעכקייט, אין די גוואַלדיקע כחות פון דער דאָזיקער פער־זענלעכקייט. ער האָט ניט געקענט דערלאָזן, אַז דער יחיד זאָל זיך אָפּזאָגן פון פירן אַ קאַמף פאַר זיין פרייער אַנטוויקלונג. ער האָט טיף געגלויבט, אַז מיליאָנען יחידים, וואָס ווערן גערודפט און באַליידיקט אין זייערע בעסטע געפילן — דאַרפן פירן אַ קאַמף, דאַרפן אַרויסווייזן אַזאַ גרויסן קאָלעקטיוון ווילן, וואָס קאָן שאַפן נסים. די דאָזיקע גרויסע און שיינע פערזענלעכקייט האָט אַ שיין געטאָן ווי אַ מעטעאָר, האָט אַ לייכט געטאָן שטאַרק און קורץ און איז פאַר־ברענט געוואָרן. אָבער ער איז ניט אַריבער אָן אַ שפור. דער חלום־ליבלינג, דער צענטראַלער פונקט אין לעבן פון דעם פאַרשטאָרבענעם אַגיטאַטאָר — ווערט בלייבן אַ ניט־רעאַליזירטער חלום. אָבער אין זיין פראָפּאַגאַנדע־טעטיקייט איז פאַראַן עפּעס זייער וואַגיקס און ווייט ניט

עפּעמעריש. דאָס קען גורם זיין די פּאַראַייניקונג און דאָס צונויפּ־זאַמלען פון דעם צעריסענעם יידנטום. דאָס קען אויפוועקן זיין באַוואוסטזיין און זיין פּאָליטישע רייפקייט.

הערצלס אַנטיפּאָד און עקשנותדיקער קעגנער איז אחד־העם. דאָס איז אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן און טיפן אינטעלעקט, אַ מענטש, וואָס איז ניט גרייט נעמען אַלצדינג אויפן וואָרט, ביז ער וועט עס אַליין ניט אַנאַליזירן מיט זיין קאַלטן, ניכטערן שכל.

אחד־העם ווייסט, אַז די געשיכטע פון יידישן פאָלק שטעלט פאַר מיט זיך אַ לאַנגע קייט פון רדיפות און פאַרפאָלגונגען, פון שרעקלעכע ליידן און שענדלעכע ענויים. און אָט באַווייזן זיך די ציוניסטן און זאָגן: מען דאַרף צונויפנעמען אַלע יידן, שאַפן אַן אייגענע מלוכה, אַזוי ווי די באַלגאַרן אָדער סערבן האָבן דאָס געטאָן.

פרעגט זיך אחד־העם:

„לאָמיר זיך פאָרשטעלן. אַז סוף כל סוף וועלן מיר דערגרייכן אונדזער ציל און עס וועט אונדז זיך איינגעבן צו שאַפן אַ יידישע מלוכה. קען דען אונדז אַזאַ דערגרייכונג צופרידנשטעלן? צוליב דעם האָבן מיר דאָס זיך אַזוי פיל אָנגעליטן אין משך פון עטלאכע טויזנט יאָר, כדי ביים סוף פון די ליידן זיין באַלוינט מיט אַ קליינער מלוכה, וואָס וועט זיין אַ שפּיל־באַל אין די הענט פון די גרויסע מלוכות?“

אחד־העם קען ניט מאַכן קיין שלום מיטן געדאַנק, אַז דער פינאַל פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס האָט קיין גלייכן ניט אין דער וועלט־געשיכטע, וועט זיין עפּעס אַ נישטיקע מלוכהלע.

אין די אין לשערדיקע ליידן פון דעם יידישן פאָלק מוז ליגן עפּעס אַן אַנדערער זין, אַ סך אַ טיפערער. אחד־העם מיינט, אַז ער האָט געפונען דעם דאָזיקן זין.

דאָס יידישע פאָלק האָט אַ שליחות. יידן זיינען די טרעגער פון אַ גרויסן „נאַציאָנאַלן אידעאַל“, וואָס וועט אויסלייזן די וועלט. דער דאָזיקער „נאַציאָנאַלער אידעאַל“ איז די „נאַציאָנאַלע אידייע“ פון אונדזערע נביאים — דער נצחון פון אַבסאָלוטן יושר אויף דער גאָרער וועלט. אָבער כדי די דאָזיקע אידייע פון יושר זאָל קענען באַזיגן די פיינטלעכע כוחות, מוז זי האָבן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק מיט זיך.

די דאָזיקע גרויסע אויפגאַבע האָבן די נביאים, לויט אחד־העמען, אַרויפגעלייגט אויף די פּלייצעס פון דעם קליינעם פאָלק. אויף אַזאַ אופן ווערט דער אידעאַל פון „אַבסאָלוטן יושר“, וואָס איז נאָך אַלץ דער צוקונפט־אידעאַל, דער „נאַציאָנאַלער אידעאַל“ פון יידישן פאָלק.

אויב אונדזערע אָבות האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ מערקווירדיקן כוח אויסצוהאַלטן פון די אַלע דרויסנדיקע קלעפּ פון ביטערן גורל, פון דער שנאה און פון די רדיפות און דערביי ניט ווערן לחלוטין דעמאָראַלי־זירט, איז דאָס געשען נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואוסט צוליב וואָס זיי ליידן. זיי האָבן טיף געגלויבט אַז די דאָזיקע דערנידע־רונגען דערהויבן זיי; זיי זיינען געווען טיף איבערצייגט, אַז דער אמתער, גרויסער, הייליקער „אמת", וואָס אַנדערע אומות ווילן נאָך ניט אָנערקענען, געפינט זיך טאַקע ביי זיי. אויב יידן האָבן דעם דאָזיקן פאַן פון אמת געטראָגן ניט ביד חזקה, זיי זיינען אָבער געפאַלן ווי העלדן אין נאָמען פון דעם אמת. אונדזערע אָבות, — זאָגט אחד־העם, —האָבן געוואוסט, אַז זיי זיינען אַן „אתה בחרתנו" פאָלק, וואָס לעבט פאַר אַ גרויסן, גייסטיקן ציל. דער דאָזיקער באַוואוסטזיין האָט די יידן אויפגעהויבן איבער זייערע ליידן, געגעבן כוח צו וואַרטן רואיק אויף דעם ביאת המשיח, וואָס וועט סוף כל סוף ברענגען דעם נצחון פאַרן אמת און אַ סוף פון די יידישע ליידן.

אָבער, — באַקלאָגט זיך אחד־העם, — מיר זיינען מענטשן פון אַ מאָדערנער צייט און נאָך לאַנגע אַנטווישונגען זיינען מיר געקומען צום אויספיר, אַז אין גלות וועלן מיר קיין מנוחה ניט האָבן און די מאָראַלישע גבורה פון אונדזערע זיידעס פאַרמאָגן מיר אויך שוין מער ניט. מיר האָבן ניט די האַרטע, פעסטע אמונה זייערע, אַז נאָר מיר פאַרמאָגן דעם „אמת". עס איז נאָר אין אונדז געבליבן דער נעַ־גאַטיווער באַוואוסטזיין, דער באַוואוסטזיין, אַז מיר עקזיסטירן, ווייל מיר קענען אַנדערש ניט, ווייל דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט איז אין אונדז נאָך ניט אָפּגעשטאָרבן. אָבער מען קען ניט לעבן נאָר מיט אַ נעגאַטיוון באַוואוסטזיין. דער נאַציאָנאַלער אינסטינקט איז נאָר די סיבה פון אונדזער דערהאַלטן זיך, בעת אונדזער פאַרפייניקט האַרץ בענקט ליידנשאַפטלעך נאָך אַ ציל, נאָך אַ תכלית אין אונדזער שרעקלעכער עקזיסטענץ. לעבן אַ לעבן פול מיט ליידן און פיין און עס ניט פיינט האָבן — איז מעגלעך נאָר בעת דער ליידנדיקער ווייסט, אַז ער לעבט און ליידט ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער קען ניט שטאַרבן, נאָר דערפאַר, ווייל ער דאַרף לעבן.

דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס דער גלות דריקט אויף אונדז אַ סך שטאַרקער, ווי אויף אונדזערע זיידעס. מיר האָבן ניט קיין נאַציאָנאַלן אידעאַל, וואָס צוליב אים זיינען מיר גרייט און פעאיק אויסהאַלטן צרות און ליידן. דערפאַר איז פאַר אונדז דער רענעסאַנס פון דעם נאַ־ציאָנאַלן, גייסטיקן אידעאַל, אַ פראַגע פון לעבן און טויט. אָבער יעדע לעבעדיקע אידייע, יעדער גרויסער נאַציאָנאַלער אידעאַל, קען

ניט אויפגעלעבט ווערן אין גלות. אין דער פרעמד דאַרן איין די פאָלקס־כוחות, ווייל זיי זיינען אָפּגעריסן פון דעם מקור פון זייער נאַרמאַלן וואוקס, קענען זיך ניט דערשלאָגן אין דרויסן און פריי זיך אַנט־וויקלען.

„דער גייסט פון אונדזער פאָלק נייטיקט זיך אין פרייהייט, — האָט אחד־העם געשריבן אין דער הקדמה צו זיין „על פרשת הדרכים״, — די פרייע אַנטוויקלונג קען נאָר פאָרקומען אויף דעם היסטאָרישן באָדן אין דעם לאַנד פון די אָבות. דאָרטן קען דער גייסט זיך אויפ־וועקן פון זיין לאַנגן שלאָף און קריגן כוח אויפצולעבן דעם נאַציאָ־נאַלן אידעאַל און געבן אים יענע פאָרמע, וואָס איז אין הסכם מיט אונדזערע נויטן. דער דאָזיקער אידעאַל דאַרף ווערן דער יסוד פאַר דעם צוזייטן פאָלק. ער דאַרף אים אויסהיטן פון אַ מאָראַלישער ירידה. ער דאַרף אים קרעפטיקן, כדי דאָס פאָלק זאָל קענען רואיק און באַ־וואוסטזיניק ליידן ביזן סוף און וויסן קלאָר, צוליב וואָס עס ליידט.״

אחד־העם האָט געהאַלטן, אַז ארץ־ישראל מוז ווערן דער גייס־טיקער צענטער פון יידישן פאָלק. פאַר דעם צוועק וועט זיין געַנוג, אַז אין ארץ־ישראל זאָל זיך באַזעצן נאָר איין פראָצענט פון גאַנצן יידישן פאָלק. דאָס וועט זיין גענוג כדי דאָס לאַנד זאָל ווערן דער גייסטיקער צענטער פאַר דעם צעזייטן פאָלק. דער איין פראָצענט, דאָס איז דער קוואַליטאַטיווער כוח, וואָס באַשטימט דעם גורל פון דעם גאַנצן פאָלק, בעת די 99 פראָצענט איז ניט מער ווי דער קוואַנטיטעט, וואָס בלייבט אין גלות. די פעריפעריע פון אַ קרייז באַשטייט פון אַ סך פונקטן, נאָר דער איין און איינציקער פונקט וואָס געפינט זיך אין מיטן קרייז איז די „נשמה״, וואָס באַלעבט דעם גאַנצן קרייז.

אין וואָס באַשטייט דער דאָזיקער „אבסאָלוטער יושר״, וואָס געפינט זיך מחוץ צייט און שטח, אין וועמענס נאָמען זאָל אַ גאַנץ פאָלק זיך מקריב זיין און ווייטער ליידן? אין וואָס באַשטייט דער גרויסער ווערט פון דעם איינעם, לגבי די אַנדערע ניין און ניינציק?

די שליחות פון יידישן פאָלק, — זאָגט אחד־העם, — באַשטייט אין ווערן אַן „איבער־פאָלק״, אַ „פאָלק פון נביאים״, וואָס פאַרקער־פערט דעם העכסטן טיפ פון עטיק און ווערט דער געטרייער טרעגער פון הויכע מאָראַלישע פליכטן. „ד אָ ס פ אָ ל ק ט ר אָ כ ט נ י ט וועגן דעם אויב דאָס איז שעדלעך אָדער נוצלעך פאַר מענטשן. דאָס ווערט געטאָן נאָר לשם דער עקזיסטענץ פון אַזאַ העכערן טיפּ.״

נאָך בולטער ברענגט אַרויס אחד־העם דעם דאָזיקן געדאַנק אין אַן אַנדער אָרט:

„אַבסאָלוטע גערעכטיקייט, ווי אַ ציל אין זיך גופא און ווי די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכן שלימות איז לחלוטין ניט דעטער־מינירט פון דעם גליק פון דער מערהייט. גערעכטיקייט, דאָס איז אמת פאַרוואַנדלט אין טאַט (האמת במעשה), דאָס מיינט: דאָס דערהויבן ווערן פון דעם יחיד איבער זיינע האַרץ־וואונטשן און כל אַלערליי אוטיליטאַרע כוונות, הן לגבי זיך גופא, והן לגבי אַנדערע. אַזאַ איינ־שטעלונג גיט דעם מענטשן אַ מעגלעכקייט אורטיילן אָביעקטיוו און ניט עמאָציאָנעל וועגן יעדן ענין און זיך פאַרטיפן אין זיין תוך. אַבסאָלוטער אמת איז מאָראַלישע שלימות פון דער העכסטער מדרגה, אַפילו אין אַזעלכע פאַלן, ווען דאָס ברענגט שאָדן דער פאָלקס־מאַסע. אַבסאָלוטע גערעכטיקייט איז די גייסטיקע אייגנשאַפט פון דעם איבער־מענטש, וואָס טאָלערירט ניט קיין שום באַגרעניצונגען אַפילו ווען דאָס גייט אויפן חשבון פון דעם גליק פון דער מערהייט. די העכערע גערעכטיקייט רייסט זיך דורך אין דרויסן, מאַכט זיך אַ וועג ניט רעכנדיק זיך מיט די קאָנסעקווענצן, ניט אינטערעסירנדיק זיך אויב דאָס איז גוט אָדער שלעכט לגבי דער דרויסנדיקער וועלט. דער מאָראַלישער איבער־מענטש קעמפט אין נאָמען פון דער גערעכטיקייט גופא, אַפילו ווען דאָס איז שעדלעך פאַר דער מערהייט אָדער אַפילו דעם מענטשן, וואָס איז אין דעם דאָזיקן מאָמענט די פאַרקערפּערונג פון דער גערעכטיקייט."

אחד־העם זעט אין די נביאים די אמתע קעמפער פאַר אַזאַ „אַבסאָלוטער גערעכטיקייט" און אין דעם נביא זעט ער דעם „איבער־מענטש". זיין נביא איז ווייט פון דעם טיפּ נביא, וואָס דער רמב"ם האָט געזען. דער אָלימפּישער „איבער־מענטש", וואָס שטעלט זיך פאַר אַ דעוויז אין לעבן אַז „די וועלט מעג אונטערגיין, נאָר יושר זאָל זיגן" — איז ווייט פון דעם אידעאַל פון אַ יידישן נביא. די נביאים האָבן קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטיין, ווי קען מען דאָס קעמפן פאַר יושר, ניט אין נאָמען פון מענטשן, נאָר לשם יושר, ווי אַן אַבסטראַקט גופא. אַזאַ איינעם, וואָלטן זיי געהאַלטן פאַר אַן אוממאָראַלישן, אומיושר־דיקן און שעדלעכן מענטשן. אַזאַ איינער, וואָס ברענגט ליידן און שלעכטס דער „מערהייט" נאָר צוליב דעם פּרינציפּ פון אַ יחיד, איז ניט קיין יידישער נביא. די נביאים האָבן געקעמפט קעגן אונטערדרי־

קונג און קעגן אונטערדריקער. זײ האָבן באַשיצט די שוואַכע, די אָרימע, די הילפלאָזע.

אחד־העם איז אַן אַבסטראַקטער דענקער, וואָס האָט געמאַכט אַ פעטיש פון פילאָסאָפישע באַגריפן. ער באַרעכטיקט אַן אויטאָנאָמע עקזיסטענץ פאַר די באַגריפן גופא, פאַר די אַבסטראַקציעס לשם אַבסטראַקציע.

שײנקײט, גוטסקײט, יושר האָבן אַן אימאַנענטע עקזיסטענץ, עקזיסטירן פאַר זיך גופא, האָבן אַ זעלבסטשטענדיקן ווערט. דעם מהות פון דער דאָזיקער אַבסטראַקציע וואָס דער מענטשלעכער מוח האָט זי געשאַפן און וואָס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון געזעלשאַפטלעכע שײכותן צווישן מענטשן — ווערט צוגעגעבן אַזאַ סודות־פולער זין, אַזעלכע צילן און אינטערעסן, וואָס זײנען אין תוך גענומען אין אַ שאַרפער סתירה מיט די מענטשלעכע אינטערעסן. מען וויל די לעבע־דיקע פערזענלעכקײט פאַרשקלאַפן צו אַן אַבסטראַקציע, וואָס די דאָ־זיקע פערזענלעכקײט גופא האָט געשאַפן, און וואָס קען ניט עקזיס־טירן מחוץ איר.

צוליב אַן אַבסטראַקטער אידײע האָט אחד־העם אינגאַנצן פאַר־געסן די לעבעדיקע, רעאַלע פערזענלעכקײט. ער האָט פאַרגעסן, אַז עטישע אמתן באַקומען ערשט דאַן אַ זין און אַן אינהאַלט, ווען זײ ווערן פאַרבונדן מיט מענטשלעכע מעשים. די אידײע פון יושר איז אַן אָפּשפּיגלונג פון מענטשלעכע באַציאונגען, פון אַ סאָציאַלן לעבן. דער מענטש, און ניט די אַבסטראַקציע, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דעם מענטשן — איז די מאָס פון עטישע אמתן. ניט יענער וועט זײן דער טרעגער פון העכערער גערעכטיקײט, וואָס פאַרטויבט אין זיך דאָס מענטשלעכע, נאָר דווקא דער, וואָס וועט תמיד האָבן אין זינען דעם מענטשן און וועט זײן פּעאיק זיך דורכנעמען מיט מענטשלעכע לײדן און פּײן.

אחד־העם נעמט זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן אונדזער נאַציאָ־נאַלן אומגליק, אונדזער „פאַרגליווערונג". ער באַקלאָגט אַזוי שטאַרק דעם פאַקט, אַז מיר זײנען געוואָרן נאָר אַן „עם הספר", קנעכט פון ספר, פון טויטן אות, אַז ער איז גרײט דערשטיקן אין דעם פאָלק אַלע זײנע לעבעדיקע געפילן און דערהרגענען אַלע פאַרלאַנגען און באַגערן.

לײדער, „ניט אַלע וואָס לאַכן אויס קײטן, זײנען אין דער אמתן פרײ".

אויך זײן שטאַרקער אינטעלעקט איז אַרײנגעפאַלן אין אַ

שפינוועבס פון סכאָלאַסטיק. ער גופא קען זיך בשום אופן ניט באַ־פרייען פון דער שקלאַפעריי פון „טויטן אות“. זיין אידעאַל איז ניט גענומען פון לעבן, נאָר דווקא פון אַ בוך; זיין „יושר“ איז ניט דער יושר, וואָס אַ מענטש זוכט, נאָר אַן אַבסטראַקציע. אין זיין אינטע־לעקטועלן סאָציאַל־עטישן סיסטעם איז ניט דער מענטש דער צענטער, נאָר דער אויטאָנאָמער, מאָראַלישער פּרינציפּ. די וואָלקנס פון אַב־סטראַקציעס קענען קיין ערדישן הימל דעם מענטשן ניט געבן.

18.

אין די 60־ער און 70־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן די אַנטיסעמיטן אין רוסלאַנד געהאַלטן אין איין טענהן, אַז יידן זיינען ניט קיין פּראָדוקטיווער עלעמענט. זיי פאַרנעמען זיך רק מיט מסחר. דאָס זעלבע האָבן אָנגעהויבן טענהן אַלע רוסישע ליבעראַלן און אַפילו יידישע פּובליציסטן, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר בירגער־רעכט פאַר יידן.

די יידישע פּובליציסטן פון יענער צייט האָבן געהאַלטן, אַז יידן זיינען אַ מסחר־פאָלק און דערפאַר וועט די לייזונג פון דער יידנפראַגע זיין ניט נאָר אַן אַקט פון יושר, נאָר אויך פון מלוכה־חכמה. יידן, ווי דאָס איינציקע „פּראַקטישע, אַקטיווע און פעאיקע פאָלק, — האָבן זיי געשריבן, — וועלן „קענען באַלעבן דעם מסחר און אינטענסיפיצירן דאָס שטאָטישע לעבן“ אין רוסלאַנד.

צוליב דעם דאָזיקן קוק אויף יידן, ווי אויף סוחרים, איז דער ראַדיקאַלער טייל פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וואָס האָט פאַר־טיידיקט די אינטערעסן פון דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, געווען אינ־גאַנצן גלייכגילטיק צו דער יידנטפראַגע און צו די דאָזיקע יידישע פּובליציסטן, וואָס האָבן געהאַלטן אַז מען דאַרף אָפּשאַפן דעם תחום המושב, כדי יידן זאָלן קענען אַרויסווייזן זייערע האַנדלס־פעאיקייטן אין גאַנץ רוסלאַנד. אַפילו דער טייל פון דער סאַמע סענסיטיווער יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז געווען תמיד גרייט צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, האָט זיך אינגאַנצן אָפּגערוקט פון זיין פאָלק. די דאָזיקע אינטעליגענץ האָט געהאַלטן, אַז עס איז איר חוב זיך מקריב זיין לטובת פון די פּראָלעטאַרישע שיכטן. מחמת דעם וואָס זיי האָבן געקוקט אויף זייער פאָלק, ווי אויף „אַ פאָלק פון סוחרים און מעקלערס“, האָט פאַר זיי דער דעוויז „גיין אין פאָלק“ געמיינט גיין צום רוסישן פאָלק און איבערלאָזן דעם איי־גענעם פאָלק אויף הפקר.

ערשט אין די אַכציקער יאָרן איז די מיינונג, אַז יידן זיינען נאָר סוחרים, שטאַרק געביטן געוואָרן. מען האָט זיך איבערצייגט, אַז דער רוב בנין ורוב בנין פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד באַשטייט פון האָרעפּאַשנע מענטשן. מען האָט אַנטדעקט אַ יידישן פּראָלעטאַריאַט, אַן אָרימען, אַ פאַרדלותטן, אָבער פאָרט אַ פּראָלעטאַריאַט.

דאָס האָט גורם געווען, אַז פּאַראַלעל מיט אַנדערע פאַקטאָרן פון יענער ניכטערער „איבערגאַנגס־צייט" אין יידישן לעבן, זאָל אויך די דאָזיקע אַנטדעקונג משפיע זיין אויף אַ טייל פון דער יידישער אינ־טעליגענץ, אַז זי זאָל גיין אין פאָלק, דאָסמאָל צו זיין אייגענעם.

אויף דער אָרענע פון יידישן לעבן טרעט אַרויס אַ נייע דעמאָ־קראַטישע שיטה, דאָס מאָל ניט קיין עקזאַלטירטע און מיסטישע, ווי חסידות, נאָר אַ רעאַלע און ראַציאָנעלע, באַזירט אויף דעם מאָדער־נעם וויסן. די ראָלע פון דער דאָזיקער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ אין דעם יידישן פאָלקס־לעבן איז באמת זייער אַ ריזיקע. זי וועקט דעם באַוואוסטזיין, זי שטאַרקט דעם געפיל פון פּראָטעסט, זי לערנט די דערשלאָגענע פאָלקס־מאַסן קעמפן פאַר מענטשלעכע תנאים פון לעבן און לערנט זי קעמפן קעגן גוואַלד און עקספּלואַטאַציע. די דאָזיקע אינטעליגענץ היילט ניט די וואונדן פון פאָלק מיט מיס־טישע טרוימען און חלומות, ווי חסידות האָט דאָס געטאָן. זי לערנט קעמפן פאַר רעאַלע זאַכן אין אַ רעאַלער וועלט, זי לערנט דעם פאָלק צו ווערן דער שמיד פון דעם אייגענעם גליק. די פּראַקטישע טע־טיקייט פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ באַשטייט אין קאַמף פאַר אַן עמאַנציפּאַציע פון יחיד פון די קייטן פון קאַפּיטאַליזם, קעגן דער עקאָנאָמישער קנעכטשאַפט און קעגן די רעכטלאָזע, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם.

אָבער די דאָזיקע אינטעליגענץ העלפט פון איין זייט באַפרייען און נאָרמאַל אַנטוויקלען זיך דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, פון דער צווייטער זייט אָבער לייגט זי אַרויף נייע קייטן אויף דערזעלבער פּערזענלעכקייט. דער לינקער פליגל פון דער אַקטיווער יידישער אינטעליגענץ צעברעכט און באַזייטיקט דאָס אַלטע, באַפרייט דעם יידישן פאָלקס־מענטש פון זיינע אַלטע טראַדיציעס, ווישט אָפּ זיינע גלויבונגען און מסורות און צערייסט די פעדים מיטן עבר. זי פילט אָבער ניט אָן זיין נשמה מיט אַ נייעם גייסטיקן אינהאַלט. אויפן אָרט פון אַלטן שולחן ערוך גיט זי דעם פאָלק אַ נייעם, אַן אייגענעם, מער אַ מאָדערנעם, מער אַ ראַציאָנאַליסטישן, דאָך ניט ווייניקער טרוד־

קענעם און איינזייטיקן. אויפן אָרט פון דער דעמאָקראַטישער „רעליגיע פון האַרצן“ פון מיטלאַלטער, איז געשאַפן געוואָרן אויך אַ דעמאָקראַ־טישע, אָבער פון מוח אויסגעפּשטלטע „רעליגיע“. מען וויל דעם פאָלקס־מענטש געבן ווי דעם איינציקן אמתן „אני מאמין“ דעם דאָג־מאַטישן געדאַנק, אַז „יעדע אידעאָלאָגיע איז דעטערמינירט פון דעם כאַראַקטער פון די פּראָדוציר־כוחות“.

אַלץ וואָס שטימט ניט מיט דעם דאָזיקן „אני־מאמין“, ווערט געהאַלטן פאַר אַפּיקורסות, פאַר ניט „פּאַרגונפטיק“.

דער עקאָנאָמישער פאַקטאָר, וואָס האָט אין די פּרימיטיווע תנאים פון דער מענטשלעכער געשיכטע געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע, האָט אין דער אמתן אָפּגעשפּיגלט די אידעאָלאָגיע און די פּסיכאָלאָגיע פון דעם פּרימיטיוון מענטשן. מיטן פּראָצעס פון קאָמפּליצירט ווערן פון מענטשלעכן לעבן, מיטן וואוקס פון מענטשלעכן באַוואוסטזיין און מיט דער אַנטוויקלונג פון קולטור — איז אויפן אָרט פון איין אוניווערסאַלן פאַקטאָר אין דעם היסטאָרישן לעבן — געקומען אַ פיל־געשטאַלטיקייט און קעגנזייטיקע השפּעה פון פאַקטאָרן, וואָס זיינען געקניפּט און געבונדן און וואָס די פאַקטאָרן פון דעם היסטאָרישן גורל פון דער מענטשהייט.

דעם יידישן האָרעפּאַשניק האלט מען אָבער אין איין אונטער־טראָגן ווי אַ דאָגמע, אַז דער לאַנג און מאַרטירערישער היסטאָרישער פּראָצעס איז ענג פאַרבונדן מיט די עקאָנאָמישע סיבות, ווי די איינ־ציקע, וואָס באַשטימען דעם גאַנג פון דער געשיכטע. די העכסטע מאָס אין אָפּשאַצן געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען זיינען ניט די אינ־טערעסן פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, נאָר די אינטערעסן פון אַ באַשטימטער גרופּע, פון אַ געוויסן קלאַס מיט זיין „קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע“, „קלאַסן־אידעאָלאָגיע“ און „קלאַסן באַוואוסטזיין“. די גאַנצע גייסטיקע עשירות פון דער מענטשהייט, דאָס אַלץ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך געניאַליטעט און אַרבעט, די שיינקייט און די פּאָעזיע פון לעבן — ווערט באַטראַכט ניט אַזוי פון די אינטע־רעסן פון אַ יחיד, נאָר פון די אינטערעסן פון אַ קלאַס. די פאַר־שיידענע דערשיינונגען אין לעבן, די גאַנצע אינעווייניקסטע, רייכע, גייסטיקע וועלט פון דעם מענטשן מיט איר קאָמפּליצירטער גאַמע פון עמאָציעס און געפילן — דאָס אַלץ וויל מען אַריינלייגן אין סדום־בעטל פון „קלאַסן באַוואוטזיין“.

די פּראָלעטאַרישע פּערזענלעכקייט ווערט פּראָקלאָמירט ווי די איינציקע פּעאיק אינגאַנצן זיך דורכנעמען מיט „דער אידעאָלאָגיע

פון דער צוקונפט״. אין דער אמתן ווייזט זי זיך אַרויס צו זיין מער ענג און איינזייטיק, איינפאַרמיק און טרוקן.

די דאָזיקע דאָגמען, וואָס ווערן געפּרעדיקט זיינען צו שכלדיק און סכעמאַטיש, אַז דער מענטש זאָל קענען אין זיי גלויבן.

עס איז ווייט ניט קיין צופאַל, אַז די יידישע שרייבער, אַפילו יענע, וואָס קענען זייער גוט דאָס לעבן פון די יידישע האַרעפּאַשנע מאַסן, בעת זיי ווילן מאָלן אַ האַרמאָנישע געשטאַלט — זוכן זיי דאָס ניט אין דעם היינטיקן לעבן, ניט אין דער היינטיקער דעמאָקראַטיע, נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין דעם אייגנאַרטיקן חסידישן לעבן. די סיבה דערפון איז ניט, וואָס אונדזערע שרייבער האָבן דווקא ליב די וועלט פון ראָמאַנטיק, אָדער ווייל זיי זיינען „קאָנסערוואַטיוו און רעאַקציאָנער״, ווי יענער צד וויל זיי באַצייכענען. די אמתע סיבה ליגט אַ סך טיפער. די האַרמאָנישקייט פון דער חסידישער וועלט ציט צו אונדזער שרייבער, אַזוי ווי גליעב אוספּענסקין האָט געצויגן די וועלט פון רוסישע פּויערים. דאָרטן קומט פאַר אַ קאַמף פאַר ברויט און גייסטיקע פּערזענלעכקייט. צוליב דעם טאָקע ציט דעם יידישן שרייבער צו דער חסידישער וועלט.

די יידישע שרייבער ווייסן, פּונקט ווי אוספּענסקי האָט געוואוסט, אַז די האַרמאָנישקייט און גלייכגעוויכט פון דער וועלט, וואָס זיי באַשרייבן, איז ניט קיין פּערמאַנענטע. זיי ווייסן אויך וויפל נאַאיוועער עם־הארצות איז דאָ אין דער דאָזיקער וועלט, וויפל „אומבאַוואוסט־זיין״ שטעקט אין איר. זיי באַגרייפן זייער וואויל, אַז די האַרמאָניש־קייט פון דער היינטיקער, באַוואוסטזיניקער פּערזענלעכקייט קען ניט הויזן אין דעם אַלטן, טעאָלאָגישן בנין, געבויט אויף מיסטיציזם און זאַבאַבאָנעס. זיי פאַרשטייען, אַז אַ נייער בנין מוז אויסגעבויט ווערן, אַ בנין, געבויט אויף וויסן. אין דעם נייעם בנין דאַרפן זיך צונויפ־גיסן די „צוויי שיטות פון יידישן לעבן״, די דעמאָקראַטישע „רעליגיע פון האַרצן״ מיט איר קולט פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און מיט דעם ליכטיקן שיין פון אינטעלעקט, אמת, און מענטשלעכער, עולם־הזה־יושר.

דער דאָזיקער בנין, פּונקט ווי דער אַלטער בנין, מוז אומבאַדינגט טראָגן אַ נאַציאָנאַלן חותם. אין דער דערוואַכונג פון דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין, אין קאַמף פאַרן אינדיווידואַליזם און פרייער מאַני־פעסטאַציע פון מענטשלעכער כשרונות, שפּילט די אידייע פון נאַציאָ־נאַלן באַוואוסטזיין אַ זייער גרויסע ראָלע. אָבער דער דאָזיקער נאַ־ציאָנאַלער פּרינציפּ וועט שוין מער ניט פאָדערן, אַז דער מענטש

זאָל זיך אָפּזאָגן פון פרייהייט און וויסן. זיין אויפגאַבע איז — שטיין אין נאָמען פון רעכט פון יחיד אויף דער וואַך פון דעם שטאָלץ פּראָקלאַמירטן דעוויז:

יעדע נאַציאָנאַליטעט האָט דאָס רעכט צו לעבן און אַנטוויקלען פריי אירע כוחות, ניט אָנרירנדיג דערביי די רעכט פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אַזאַ בנין וועט קענען אויפשטעלן נאָר אַ מחוץ קלאַסן אינטעליגענץ. כדי אויסצומיידן אַ שלעכטע אויס־טייטשונג זאָל דאָס טאַקע געזאָגט ווערן, אַז די דאָזיקע אינטעליגענץ קען זיך ניט רעכענען מיט די קלאַסן־היפּוכים און קלאַסן־אינטערעסן, וואָס לייגן אַרויף זייער טיפע חתימה אויף דער סאָציאַלער אַנט־וויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

עס איז אָבער ניט איר אויפגאַבע זיך פאַרנעמען מיטן אוטאָ־פּישן פּלאַן — פאַרגלעטן די דאָזיקע קעגנזאַצן. איר פונקציע איז: שטיין אויף דער וואַך פון די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, דאָרטן, וואו עס ווערט אומברחמנותדיק דעפּאָרמירט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט; דאָרטן, וואו רייכע מענטשלעכע כוחות ווערן פאַרשלונגען פון דעם אומזעטיקן אָפּגאָט פון פּראָפיטן.

די אינטעליגענץ דאַרף די דאָזיקע שליחות דורכפירן ניט אין נאָמען פון קלאַסן־אינטערעסן, אָדער אין נאָמען פון „אַבסאָלוטן יושר”, נאָר אין נאָמען פון דעם צעקאָלעטשעטן, פאַרבלוטיקטן, באַ־שמוצטן און געפּייניקטן לעבעדיקן, ליידנדיקן מענטשן.

ווייל דער מענטש שטייט איבער אַלע קלאַסן, ווייל דער־מענטש —איז דער העכסטער אמת אויף דער וועלט, ער איז די העכסטע מאָס פאַר אַלע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און קולטורעלע פּראָ־בלעמען.

די אַקטיווע יידישע אינטעליגענץ דאַרף זיך רעכענען מיט די עלעמענטן פון דער מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע און אידעאָלאָגיע, וואָס זיינען אַ פועל־יוצא פון קלאַסן־ און נאַציאָנאַלע־אינטערעסן. זי קען ניט פאַרלייקענען זייער עקזיסטענץ און זי דאַרף זיך רעכענען מיט די אַנטאַגאָניזמען און היפּוכים פון די דאָזיקע אינטערעסן. אָבער די „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע” און די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער צוקונפט — דאָס אַלץ טאָר בשום אופן ניט באַטראַכט ווערן, ווי אַ ציל פאַר זיך גופא, נאָר ווי אַ מיטל, וואָס העלפט באַפרייען דעם יחיד פון נאַציאָנאַלן און עקאָנאָמישן יאָך, פון שווערע קייטן, וואָס טאָרמאָזירן דעם וואוקס און דעם אויפבלי פון דער אַלזייטיקער, האַרמאָניש־אַנטוויקלטער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

די געשיכטע פון דער רוסיש־יידישער פרעסע

(1880—1860)

די באַציאונג פון די מלוכה־באַאַמטע צו יידישער בילדונג. דער אויפשוואונג פון דער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט און די באַציאונג פון דער פּראָגרעסיווער פרעסע צו דער יידנפראַגע. אָדעס, ווי אַ קולטור־צענטער. אַ פּרוואו צו שאַפן אַ יידישן אָרגאַן אויף רוסיש. דער פּראָגראַם פון „ראַזסוויעט". די מעמאָראַנדומס פון טאַרנאָפּאָל און ראַבינאָוויטש. זייער באַציאונג צו דער רוסישער שפּראַך און צו יידיש. זייער בליק אויף די אויפגאַבן פון אַ יידישן אָרגאַן. די ראָלע פון פּיראָגאָוו אין גרינדן דעם „ראַזסוויעט".

1

די משכילים פון די 40ער יאָרן פון 19טן י"ה, זיינען געווען געטרייע תלמידים פון דער „בערלינער השכלה" און האָבן שטאַרק געהאַלטן פון דעם „אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם", זיי האָבן ניט געגלויבט אין אַ רעגענעראַציע פון רוסלענדישן יידנטום אָן דער אַקטיווער און גיבּציקער הילף פון דער מאַכט. זיי זיינען געווען טיף איבערצייגט, אַז אַלע טעותים און בלאָנדזשענישן זיינען אַ פּועל־יוצא פון ניט־וויסן. עס וועט זיין גענוג נאָר אויפצוקלערן, עפענען די אויגן און דער תיכּפדיקער נצחון פון אמת איז ממש אַ פאַרזיכערטער. די סאַמע וויכטיקסטע און פּראַקטישע משכילים, ווי ר' יצחק בער לעווינזאָן (ריב"ל) האָבן זיך געשטעלט אַ דאָפּלטע אויפגאַבע: ראשית, ווירקן מיטן כּוח פון איבערצייגונג אויף די יידן, וואָס זיינען לויט זיין מיינונג, אומוויסנדיק, והשנית, באַקענען די רעגירונג מיטן אינעווייניקסטן לעבן פון יידישן פאָלק און מיט זיינע דרינגנדיקע נויטן. די משכילים האָבן ניט געהאַט קיין שום ספקות, אַז די רעגירונג פון ניקאָליי דעם ערשטן איז פול מיט גוטע, הומאַנע כּוונות לגבי יידן און איז גרייט זיך אַריינטראַכטן אין די סיבות פון יידישע צרות. אַזאַ צוגאַנג האָט זיך גענומען

דערפון, וואָס די משכילים האָבן געקוקט אויף די דעמאָלטיקע רעגירונג ווי אויף אַ פֿאַרקערפּערונג פֿון פּראָגרעס און קולטור.

כדי קענען ריכטיק אָפּשאַצן און אָביעקטיוו אַנאַליזירן דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער דעמאָלטיקער יידישער אינטעליגענץ, איז נויטיק, צו פֿאַרשטיין די אויסטערלישע באַציאונג פֿון די באַאַמטע פֿון יענער תקופה צו דער פֿראַגע פֿון בילדונג פֿאַר יידן. דער זעלבער אוואַראָוו, דער דעמאָלטיקער בילדונגס־מיניסטער, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אויב עס וועט אים געלינגען צוריקרוקן רוסלאַנד אויף 50 יאָר, וועט ער מיט דעם דערפילן זיין חוב לגבי דעם לאַנד, האָט זיך אונזערע משכילים און אויך אַנדערע אויסגעדוכט צו זיין אַן אמתער פריינט פֿון יידישער בילדונג. ער איז דאָס טאַקע געווען. בטבע אַ רעאַקציאָנער, האָט ער געזען אין בילדונג און קולטור אַ גרויסע, דעמאָראַליזירנדיקע געפֿאַר פֿאַרן רוסישן פֿאָלק. אין דער זעלבער צייט אָבער איז ער געווען טיף איבערצייגט, אַז נאָר דורך אַלגעמיינע מענטשלעכע בילדונג קען מען פֿאַרניכטן אין יידן „דעם פֿאַנאַטיזם און דערנענטערן זיי צום אַלגעמיינעם פּרינציפּ פֿון בירגערלעכקייט."

די אייגנאַרטיקע קעגנזייטיקע באַציאונג צווישן דער רוסישער רעגירונג און די פֿאַרשטייער פֿון דער יידישער ליטעראַטור פֿון די 40ער יאָרן פֿון 19טן י"ה, דערמאָנט אין אַ סך פּרטים די באַציאונגען פֿון דער רעגירונג נאָך פּיאָטר דעם גרויסן צו דער דעמאָלטיקער רוסישער ליטעראַטור, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן אויפֿגיין. די דערוואַכונג פֿון די העכערע שיכטן פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט, וואָס איז געקומען ווי אַ פּועל־יוצא פֿון די דאָזיקע רעפֿאָרמען, האָט גורם געווען אַ שטיצע, מצד דער מלוכה. דאָס איז געווען דערפֿאַר, וואָס די רעגירונג האָט געקוקט אויף ליטעראַטור ווי אויף אַ געזעלשאַפֿטלעכע פֿונקציע. לגבי דער ליטעראַטור פֿון יענער תקופה, האָט די רעגירונג רעפּרעזענטירט מיט זיך די „ציוויליזאַציע".

אויף דעם האָט שוין בשעתו ריכטיק אָנגעוויזן אַלעקסאַנדער גערצען. די דעמאָלטיקע מליצהדיקע פּאָעזיע פֿון אָדעס און לויב געזאַנגען האָט זיך געשפּייזט נאָר מיט געפֿילן פֿון הכנעה לגבי דער „אויפֿגעקלערטער" רעגירונג. אַן אַנאַלאָגישע דערשיינונג קומט אויך פֿאָר אין יענער תקופה אויפֿן סעקטאָר פֿון דער יידישער בילדונג. דעריבער איז ניטאָ זיך וואָס צו וואונדערן, אַז הומאַניזם און בילדונגס־פּאָליטיק פֿון דער דעמאָלטיקער רעאַקציאָנערער רעגירונג האָבן באַזונגען אין ענטוזיאַסטישע שירים ניט נאָר סתם משכילים־אויטאָדי־

דאַקט. אַפילו אַזאַ געבילדעטער און טאַלאַנטירטער פּאָעט ווי וויל־העלם וואָלפזאָן (1820 — 1865) האָט זיין ווערק וועגן דער ליטעראַטור אין רוסלאַנד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף דייטש, געווידמעט דעם בילדונגס־מיניסטער אואוואַראָוו.

די משכילים, צעברעקלט און אָן אַ סאָציאַלער באַזע אין פאָלק, האָבן מיט גרויס פרייד זיך איבערצייגט אַז זיי האָבן אין דער רעגירונג אַ שטאַרקן שותף, וואָס איז גרייט צו „פאַרבעסערן" און „אומשעדלעך מאַכן" די יידן דורך שקאָלעס און אייראָפּעאישער בילדונג. פּונקט ווי די ניקאָלאַי־רעגירונג זיינען די משכילים געווען איבערצייגט, אַז די הויפּט־שולדיקע אין דעם פינצטערן רעכטלעכן מצב פון יידן זיינען ניט קיין אַנדערע נאָר זייער אייגענער פאַנאַטיזם און אומוויסנקייט. דעריבער דאַרף מען זיך קודם־כל נעמען פאַרבעסערן זיי מאָראַליש דורך שולן און דערציאונג. די משכילים האָבן ניט אויפגעהערט צו אַפּעלירן צום הומאַניזם און גוטהאַרציקייט פון דער רעגירונג, וועמען זי האָט געהאַלטן פאַרן איינציקן כוח אין לאַנד. מיט דער רוסישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, מיט די פּראָגרעסיווע אידעאישע ריכ־טונגען, האָבן די משכילים בכלל זיך ניט גערעכנט. דאָס איז געווען ניט נאָר דערפאַר, וואָס די דאָזיקע ריכטונגען זיינען אין ניקאָלאַיס צייטן געווען שוואַך און דערשטיקט. בכלל, האָבן די משכילים אַפילו ניט געוואוסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַזעלכע כוחות. אויסגעוואַקסן אויף די יסודות פון דער דייטשער קולטור, זיינען די רוסישע משכילים געבליבן לגמרי פרעמד דער רוסישער ליטעראַטור און קולטור. אַזאַ לאַגע האָט אויך גורם געווען דער פאַקט, וואָס די אייראָפּעאישע קול־טור אין רוסלאַנד איז אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון 19טן י״ה געווען צוגענגלעך נאָר דעם אַדל־קלאַס, מיט וועלכן דאָס רוסלענדי־שע יידנטום האָט קיין נאָענטע באַציאונגען בכלל ניט געהאַט.

די שפּראַכן פון די פעלקער פון יענע טעריטאָריעס פון רוסלאַנד, וואו יידן האָבן געמעגט וואוינען איז געווען אַלץ וואָס מען וויל, אָבער ניט קיין רוסיש. אין קורלאַנד איז דאָס געווען דייטש און לעטיש, אין ליטע און ווייסרוסלאַנד — פויליש, ליטוויש, זשמודיש און ווייס־רוסיש, אין די דרום־מערבדיקע געגנטן — פויליש און אוקראַיניש. רוסיש איז נאָך צו יידן ניט דערגאַנגען.

אָבער אין די 50ער יאָרן האָט זיך די כמעט מאָנאָליטישע מאַסע משכילים אָנגעהויבן זיך שטאַרק דיפערענצירן. לעבן אויטאָדידאַקטן, אויפגעצויגן אין גייסט פון דער „בערלינער השכלה", האָבן זיך שוין באַוויזן גראַדואירטע פון די ראַבינער שולן און אוניווערזיטעטן. זיי

האָבן שוין געקענט רוסיש און די רוסישע ליטעראַטור. דאָס אויפֿוואַכן פון דער רוסישער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער סעוואַסטאָפּאָלער מפּלה, האָט געמוזט משפּיע זיין די יידישע אינטעליגענטן, וואָס זיינען אַדורכגעגאַנגען אַ רוסישע שול.

„מיר האָבן דערוואַכט די ערשטע — שרייבט לעוואַנדאַ, איינער פון די דאָזיקע יידישע אינטעליגענטן — בעת מיר האָבן דערהערט אַרום זיך מענטשלעכע שטימען, די שטים פון דער רוסישער געזעלשאַפט, וואָס האָט גערעדט דורך דער רוסישער פּרעסע". (1)

די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג וואָס האָט אַרומגענומען די גאַנצע רוסלענדישע אינטעליגענץ, האָט ראַדיקאַל געביטן די שטעלונג פון דער רוסישער געזעלשאַפט און פּרעסע צום יידישן פּראָבלעם. דער שטאַרקער שטראָם געווענדט אין דער ריכטונג פון אָפּשאַפן די אַלטע און פאַרשימלטע פּרינציפּן, דאָס אַלץ, וואָס שטערט לעבן פריי — האָט דורכגעבראָכן דעם אייז פון דער ביטולדיקער און גלייכגילטיקער באַציאונג לגבי יידן. די רוסישע פּרעסע האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן אינטערעס צו דער יידישער פראַגע. אין די סאַמע חשובסטע זשורנאַלן, ווי דער „סאָווערעמעניק" (דער מיטצייטלער) ביזן האַלב־אָפיציעלן „רוסישן אינוואַליד" — האָט מען אָנגעהויבן פאָדערן אין נאָמען פון הומאַניזם און רעספּעקט פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען, וואָס דריקן אַזוי שטאַרק אויף דער יידישער באַפעלקערונג.

„די דעקלאַראַציעס פון דער רוסישער ליטעראַטור אין שייכות צו דער יידנפראַגע — האָט שפּעטער (אין 1866) געשריבן לעוואַנדאַ, שטעלן פאַר מיט זיך אַ ליכטיק בלאַט אין דער געשיכטע פון רוסלענדישע יידן. מען וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן אָט יענע וואַרעמע, הויך הומאַניטאַרע ווערטער, וואָס די רוסישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעזאָגט לטובת פאַרבעסערן די יידישע לאַגע אויף מער ליבעראַלע יסודות. מיט זייער קליינע אויסנאַמען, זיינען אַלע געזעלשאַפטלעכע פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון די לעצטע צען יאָר געווען איינשטימיק לטובת יידן, ווי מענטשן, וואָס ביי בעסערע תנאים וועלן זיי קענען זיין און וועלן זיין נוצלעכע בירגער פון לאַנד, קיין בעסערע מליץ יושרס פון זייער

1) וואָסכאָד, 1881, VI, 134 ; אויך מנשה מאַרגולים אין דעם זעלבן זשורנאַל, 1895, II, 108—109.

גורל האָבן די יידן ניט געהאַט אַפילו אין די פּערזאָנען פון מאַקאַלי דזשאָן ראָסל און ד׳ איזראָעלי״ (2).

די יידישע אינטעליגענץ־קרייזן זיינען געוואָרן שטאַרק אָפּטימיס־טיש. פאַר זייערע איבעראַשנדיקע אויגן האָבן זיך פּלוצים געעפנט פּריידיקע, ברייטע האָריזאָנטן. אין זייערע הערצער האָט זיך וואָרעם אַנגעצונדן אַ ליכטיקע האָפענונג אויף אַ שנעלער גאולה פון אַ לאַנגן גלות. די רוסיש־יידישע אינטעליגענץ האָט צום ערשטן מאָל דער־שפּירט אַ נייעם כוח. דאָס איז געווען דער כוח פון דער געזעלשאַפט־לעכער מיינונג. אין דער פריערדיקער תקופה פלעגן די משכילים ווען זיי האָבן געוואָלט באַקענען די מלוכה מיט די נויטן פון דעם יידישן לעבן געשיקט אויספירלעכע מעמאָראַנדומס. די צייטן האָבן זיך געביטן. מען האָט באַדאַרפט באַאיינפלוסן די וואַקסנדיקע אין חשיבות געזעלשאַפטלעכע מיינונג פאַר אַזאַ אַרבעט. ס׳איז שוין געווען נייטיק אַ ספּעציעלער אָרגאַן, און דווקא אין דעם לשון פון דעם לאַנד אַ זשורנאַל, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַלע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן.

אַזאַ אָרגאַן האָט באַדאַרפט געבן אַ תשובה אויף די אַלע שאלות וואָס האָבן געפּאָדערט אַ תיכפדיקע לייזונג און וואָס די נייע צייטן האָבן אַרויסגעבראַכט. אַזאַ שריפט האָט קודם־כל באַדאַרפט זיין דער צענטער פון דער פאַראייניקונג פון דער יידישער אינטעליגענץ אין איר קאַמף מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דעם אינעווייניקסטן יידישן לעבן.

דער סאַמע פּאַסיקסטער פּלאַץ פאַר אַזאַ פּעריאָדישער שריפט איז געווען אָדעס, דאָן דער גרעסטער יידישער צענטער אין דרום־רוסלאַנד. צוליב אַ ריי קולטור־סאָציאַלע סיבות, האָט די אָדעסער קהילה שוין אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה אָנגענומען איי־ראָפּעאישע פאָרמען און די דאָרטיקע יידן האָבן געהאַט דעם גרעסטן קאָנטינגענט פון רוסיש קענעוודיקע. אַלעקסאַנדער צעדערבוים האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז געווען דער ערשטער איניציאַטאָר אַרויסצו־געבן אַ יידיש־רוסישן זשורנאַל. בעת ער איז אין יאָר 1857 געווען אין וואַרשע, האָט מען אים פאָרגעשלאָגן זיך צו באַזעצן און אַרויס־געבן אַ יידישע צייטונג. יעקב טוגענדהאלד, דער דירעקטאָר פון דער אָרטיקער ראַבינער־שול, האָט צוגעזאָגט זיך משתדל זיין מכוח אַ דער־לויבעניש. צעדערבוים האָט זיך אָבער פון דעם אָפּגעזאָגט, ווייל ער

---

2) לעוואַנדאַ: צו דער פראַגע פון יידן אין מעריב קאַנט. (רוסיש), ווילנע, 1866, 12—13.

האָט ניט געוואָלט זיך שיידן מיט דער משפחה, וואָס האָט דעמאָלט געוואוינט אין אָדעס (3). ווען ער איז געקומען קיין אָדעס, האָט ער אין אַ שמועס מיט יוסף ראַבינאָוויטש געגעבן אים אַן עצה זיך משתדל זיין מכוח אַ דערלויבעניש אויף אַ זשורנאַל אין דער רוסישער שפּראַך, געווידמעט די אינטערעסן פון יידנטום. פאַקטיש אָבער האָט דער דאָזיקער ראַבינאָוויטש בשותפות מיט יאָאַכים טאַרנאָפּאָל, אַ צייט פאַר דעם שמועס מיט צעדערבוימען, דערלאַנגט אַזאַ בקשה צו דעם באַוואוסטן געלערנטן פּיראָגאָוו, וואָס איז דאַן געווען דער קוראַטאָר פון אָדעסער שול־ראַיאָן. צו דעם מעמאָראַנדום האָבן בײדע מוסיף געווען אַ פּראָגראַם פאַרן געפּלאַנטן זשורנאַל פאַר יידן וואָס האָט געזאָלט הייסן „ראַזסוויעט" (פרימאָרגן).

לויט דער דערקלערונג פון ביידע רעדאַקטאָרן האָט דער זשורנאַל געוואָלט דינען ווי אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן „נוצלעך וויסן, אמתע רעליגיעזיטעט און די דינים פון צוזאַמענלעבן אין מאָראַלישקייט." פון די זיבן פונקטן, וואָס זייער פּראָגראַם האָט געהאַט זיינען די ערשטע פינף די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פאַר די שטימונגען פון יענער צייט.

1. פאַרעפנטלעכן אַלע אוקאַזן און באַפעלן פון דער רעגירונג, וואָס איז שייך יידן; טייטשן די דאָזיקע באַפעלן, אויב דאָס וועט זיין נויטיק בנוגע זייערע צילן און געדאַנקען און אויפפאָדערן אַז מען זאָל זיי אומבאַדינגט דורכפירן, ווייל, עס איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז זייער כוונה איז ברענגען וואוילטאָג און נוצן אונזער פאָלק.

2. פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק אמתע רעליגיאָזיטעט און מאָראַלישקייט וואָס זאָל באַפעסטיקט ווערן מיט פסוקים פון כתבי הקודש און משלים פון יידישע פאָלקס־מסורות און אַלטע ספרים, וואָס זיינען הייליק ביי יידן.

3. פאַרשפּרייטן ליבע צום פאָטערלאַנד, געפילן פון געטריישאַפט, חשק צו אַרבעט און טעטיקייט, צוגעבן מוט יידן זיך לערנען די שפּראַך פון פאָטערלאַנד, זיך מתיהד זיין מיט דער פאָטערלענדישער בילדונג, פלייסיק באַזוכן אַגריקולטור־שולן און בפרט די ראַבינער און מלוכה־שולן, וואָס די רעגירונג האָט געשאַפן פאַר יידן.

4. דורך ערנסטע טראַקטאַטן אָדער הומאַניסטישע מעשיות און דערציילונגען אויסראָטן די פאַרעלטערטע אַבערגלויבנס אָדער די פאַרשימלטע, הגם ווייט ניט קיין שעדלעכע מנהגים.

5. אַרויסרופן צווישן פאַרמעגלעכע מענטשן אַ שטאַרקן חשק

---

3) המליץ, 1868, 110 ; דער יוד, 1900, 18.

טאָן מעשים טובים און העלפן דער רעגירונג אין אירע גוטע כוונות לגבי יידן.

„מיר זיינען בטוח — פאַרענדיקט זיך דער מעמאָראַנדום — אַז דער דאָזיקער זשורנאַל, חוץ דעם וואָס ער וועט זיין אין די שבתים און יום־טובים אַ גוטער לייענשטאָף פאַר יידן, וועט אויך ברענגען אַ סך נוצן דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד און וועט העלפן אונדזער רעגירונג, וואָס באַמיט זיך תמיד און אויפריכטיק צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון אונזער פאָלק און דערהויבן אים מאָראַליש און אינטעלעקטועל. דורכגענומען מיט ליבע פאַר אונדזער פאָטערלאַנד און מיט געפילן פון אונטערטעניקער געטריישאַפט, שטעלן מיר זיך די אויפגאַבע צו האַנדלען לאָיאַל און דערפאַר דערלויבן מיר זיך צו האָפן, אַז די רעגירונג וועט אונז מזכה זיין מיט איר צוטרוי לגבי אונז" (4).

די מחברים פון דער דאָזיקער „זאַפּיסקע" האָבן זיך באַזונדער שטאַרק באַמיט אונטערצושטרייכן, אַז איינע פון די הויפט־מניעות פאַר דער בילדונג פון רוסלענדישן יידנטום איז דער „צעקאַלעטשעטער זשאַרגאָן, וואָס עס ריידן אויף אים די יידן אין רוסלאַנד".

„דער דאָזיקער לשון איז אַזוי צעקאַלעטשעט — שרייבן זיי — אַז ער פאַרדינט אַפילו ניט דעם נאָמען פון אַ שפּראַך. אויף דעם דאָזיקן לשון איז אוממעגלעך צו שרייבן וועלכע עס איז ערנסטע חיבורים, ווייל ער פאַרמאָגט ניט קיין גראַמאַטישע כללים און מען קען אויף אים ניט אויסדריקן אַ סך אַבסטראַקטע באַגריפן און געדאַנקען".

אַ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין לעבעדיקן לשון, קען אויך ניט האָבן קיין „אייגענע בילדונג, וואָס זאָל אַרויסוואַקסן פון די טיפעניש פון דעם פאָלק גופא, וואָס זאָל זיך שפּייזן מיט אייגענע כוחות און פאַנאַנדערטראָגן וואַרעמקייט און חיות אין אַלע זיינע אברים". נאָר די רוסישע שפּראַך קען זיין דער דאָזיקער פאַראייניקנדיקער רינג, ווייל יעדער איינער פאַרשטייט מער אָדער ווייניקער די רוסישע שפּראַך.

„רוסיש קענען איז גענוג שטאַרק פאַרשפּרייט אַפילו אין די נידעריקע שיכטן פון יידישן פאָלק" — האָבן די צוויי קאַנדידאַטן אויף רעדאַקטאָרן שטאַרק פאַרזיכערט.

אין אַ פּריוואַטן בריוו צו לעוואַנדען, האָט דער זעלבער ראַבינאָ־וויטש זיך אויסגעדריקט אַז „די רוסישע שפּראַך און בכלל דאָס קע־נען לייענען רוסיש איז גענוג שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן יידן אין

---

4) י. געסען: פערעזשיטאָיע, III, 40-41.

רוסלאַנד". טאַרנאָפּאָל האָט אַפילו געמיינט, אַז אַ יידישע צייטונג אויף רוסיש וועט זיין „אינטערעסאַנט און נויטיק פאַר אַלע קלאַסן פון אונזערע אמונה ברידער". אַזאַ צייטונג וועט ווערן דעם יידנס מדריך אין האַנדל, אינדוסטריע און וויסנשאַפטן, ווי אויך אין רעליגיע, מאָראַל און סאָציאַלע ענינים. אַפילו „דער ניט געלערנטער, אָבער וויסנדור־שטיקער יידישער פאָלקס־מענטש" — וועט אויך געפינען אין דעם דאָזיקן זשורנאַל „פּראַקטישע אָנווייזונגען וועגן פאַרשיידענע מלאכות און ערד־אַרבעט".

אַזעלכע קאַטעגאָרישע דעקלאַראַציעס, אין אַ צייט ווען אין דער אמתן האָבן זייער ווינציק יידן אין רוסלאַנד געקענט די רוסישע שפּראַך, מוזן אַרויסרופן אַ פאַרוואונדערונג. אין זיי לאָזן זיך הערן די ווידערקולן פון דער אייגנאַרטיקער דאָקטרינערישקייט, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סך חסידים פון דער השכלה.

אין יענער צייט איז געווען אַ קליין הייפעלע אינטעליגענץ, וואָס האָט פאַרהעלטניסמעסיק לייכט זיך אויסגעלערנט רוסיש. דאָס האָט ביי די „פּראָגרעסיסטן" געשאַפן די אילוזיע אַז די מאַסע וועט מיט דער זעלבער לייכטקייט אויפגעבן דעם „צעקאַלעטשעטן זשאַרגאָן" און אויך פאַר איר וועט רוסיש ווערן דער „פאַראייניקנדיקער רינג".

פאַר זייערע אויגן איז געשטאַנען אַ פּאַרטיקערביישפּיל: דאָס איז געווען דאָס מעריב אייראָפּעאישע יידנטום, וואָס האָט גאָר שנעל אָנגענומען דעם לשון פון דער סביבה. דערביי האָט מען זיך ניט גע־רעכנט מיט די קולטור־סאָציאַלע אונטערשיידן אין מעריב און אין מזרח; מען האָט זיך אויך ניט גערעכנט מיטן פאַקט, אַז אין מעריב־אייראָפּע איז דאָס יידנטום געווען ניט מער ווי אַ דינער שיכט אין אַ פרעמדער באַפעלקערונג, בעת אין רוסלאַנד האָבן יידן געלעבט ווי אַ קאָמפּאַקטע מאַסע.

דער שול־קוראַטאָר פּיראָגאָוו האָט זיך באַצויגן זייער סימפּאַטיש צו דער פּעטיציע פון ראַבינאָוויטש און טאַרנאָפּאָל און זי געשטיצט גינציק ביים בילדונגס־מיניסטער. דערביי האָט ער דעם ענין אַזוי אויפ־געקלערט, אַז פּאַקטיש איז ער דער איניציאַטאָר פון דער אויסגאַבע, וואָס ווערט באַשטימט נאָר פאַר יידן. זיין הויפּט־מאָטיוו איז געווען די איבערצייגונג, אַז פאַרשפּרייטן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אַלגעמיינע ידיעות, איז איינע פון „די וויכטיקסטע מיטלען אויסצו־וואָרצלען די פאַרגרעבטע אָבערגלויבנס און דערנענטערן (די יידן) צו די קריסטלעכע תושבים פון לאַנד".

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער בילדונגס־מיניסטער נאָראָוו

און דער מיניסטער פאַר אינעווייניקסטע ענינים לאַנדסקאָוו און דער נײַ־רוסישער גובערנאַטאָר גראַף סטראָגאַנאָוו זײַנען געווען גינציק געשטימט פאַר דער אונטערנעמונג — האָט מען זייער בקשה צוריק־געוויזן. דעם גאַנצן ענין האָט מען (12טן נאָוועמבער 1857) איבערגע־געבן דעם יידן־קאָמיטעט. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט געהאַלטן אַז, מען קען ניט פאַרלייקענען אַז אַ ספּעציעלער זשורנאַל פאַר יידן איז נוצלעך, ווייל ער שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע אָפּשוואַכן דעם רע־ליגיעזן פאַנאַטיזם".

„אָבער, היות ווי אַן אויסגאַבע פון אַ יידישן זשורנאַל אויף רו־סיש מיט אַ רעליגיעזן אינהאַלט וועט אין אַ סך פּרטים זיין אומבאַקוועם, איז די מיינונג פון קאָמיטעט, אַז אויב ראַבינאָוויטש און טאַרנאָפּאָל האָבן בדעה אַרויסגעבן זייער זשורנאַל אויף העברעאיש אָדער אויף יידיש־דייטש — וואָס ווערט באַנוצט פון יידן אין רוסלאַנד — קען מען זיי אַזאַ דערלויבעניש געבן. דער דאָזיקער באַשלוס האָט ניט נאָר אַרויסגערופן גרויס צער צווישן די משכילים נאָר האָט געשטעלט זייער גאַנצע אַרבעט אין אַ פאַרלעגנהייט. אַזאַ רעזאָלוציע איז בפירוש געווען אין אַ סתירה מיט דער עיקר טענדענץ פון דער רעגירונג לגבי יידן, וועגן וועמעס דערנעענטערונג מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג זי האָט זיך אַזוי שטאַרק געזאָרגט.

„רוסיש ווערט פאַרווערט און דער דייטש־יידישער זשאַרגאָן ווערט פּראָטעזשירט — האָבן די משכילים געפרעגט מיט פאַרוואונ־דערונג — ווי אַזוי זאָל מען פאַרשטיין דעם דאָזיקן אומזין? וואָס איז דאָס — אַ רעאַקציע אין סיסטעם פון בילדן יידן אָדער אַן אומגליק־לעכע מיספאַרשטענדעניש?"

די איניציאַטאָרן פון דער אונטערנעמונג האָבן זיך אָבער ניט פאַרלאָרן. היות ווי אין באַשלוס פון קאָמיטעט איז דער הויפּט־מאָטיוו פאַרן אָפּזאָג געווען, אַז עס איז „ניט פּאַסיק דערלאָזן רוסישע טראַק־טאַטן וועגן יידישע רעליגיעזע ענינים" — האָבן זיי דערלאַנגט פּי־ראָגאָוון אַ נייע בקשה אין וועלכער עס ווערט דערקלערט, אַז מען האָט באַשלאָסן ענדערן דעם פּראָגראַם, אין הסכם מיט די אַרויסגע־זאָגטע באַוואָרעניש. טאַרנאָפּאָל און ראַבינאָוויטש האָבן אויפסניי אונ־טערגעשטראָכן, אַז זייער כוונה אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל אויף רוסיש איז געווען דיקטירט פון דער הנחה, אַז נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען האָפן אויף אַ שנעלע און אמתע דערנענטערונג פון יידן און רוסן, ווייל קיין זאַך דערנענטערט ניט און בינדט ניט אַזוי מענטשן, ווי אַ שפּראַך".

„מיר האָבן האַלט די רוסישע שפּראַך — האָבן די רעדאַקטאָרן געשריבן — אַזוי ווי מיר האָבן ליב אונזער רוסיש פאָטערלאַנד. ביידע ווילן מיר דינען. מיר דענקען אַז מיר זיינען דאָס בכוח צו טאָן, דאָס פאָטערלאַנד וועט זיך באַרייכערן מיט אַ מיליאָן און אַ האַלב (נייע) זין״.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז נאָר איראָפּעאישע שפּראַכן זיינען בכוח דורכפירן אין דער ייִדישער סביבה דעם געדאַנק פון בירגערלעכקייט און בילדונג — האָבן די מחברים פון דער פּעטיציע אונטערגעשטראָכן, אַז פאַר דער געפּלאַנטער אויסגאַבע „ראַזסוויעט״ איז די רוסישע שפּראַך דער ערשטער און עיקר תנאי. אַן רוסיש האָט דער זשורנאַל און אַ פּשיטאַ זיין נאָמען קיין זין ניט, ווייל ניט דער טויטער העברעאישער לשון און ניט דער „האַלב-ווילדער ייִדיש-דייטשער זשאַרגאָן זיינען בכוח ברענגען דעם זונען־אויפגאַנג אויף דעם פינצטערן האָריזאָנט פון עם-הארצות״.

זומער 1859 האָבן טאַרנאָפּאָל און ראַבינאָוויטש דערלאַנגט אין מיניסטעריום אַ נייעם „מעמאָראַנדום מכוח דער וויכטיקייט, ריכטונג און נוצן פון אַ ייִדישער פּעריאָדישער אויסגאַבע אין רוסלאַנד אין דער רוסישער שפּראַך״. דער פּאַקטישער מחבר פון דעם דאָזיקן מע־מאָראַנדום איז געווען יאָאַכים טאַרנאָפּאָל:

„פּאַר אַ דערפאָלגרייכער ענדערונג פון קהילה־ענינים פון די רוסישע ייִדן — ווערט דאָרטן געזאָגט — פּאַר פאַרשפּרייטן צווישן זיי פּראַקטישע, פּאָזיטיווע און מאָדערנע אידעען און אויך פאַר דער אויפריכטיקער התקרבות מיט די תושבים פון אונזער פאָטערלאַנד, איז ניטאָ קיין מער עצמדיקע און נוצלעכע אויסגאַבע ווי אַ רוסיש בלאַט מיט אַ ייִדישן אינהאַלט״.

„דער דאָזיקער עפנטלעכער אָרגאַן פון ייִדן — דאַרף האָבן אַ דאָפּלטע כוונה. ערשטנס, אַן אינעווייניקסטע: ער דאַרף זיך שטעלן פאַר אַ ציל אַרויסברענגען בהדרגהדיק די בעסטע און די סאַמע פּאָ־סיקסטע פאָרמען פאַר אונזערע כלי־קודש און אויך געזעלשאַפטלעכע ענינים, וואָס אונזער לעבן נויטיקט זיך אין דעם. ער דאַרף אויך ווי ווייט מעגלעך ברענגען נענטער די געזעלשאַפטלעכע ענינים לויט די גרויסע מוסטערן, וואָס ווערן שטאַרק געאַכט פון אַנדערע פּראָגרעסיווע מלוכות און וואָס פאָדערן דעם דאָזיקן דרך־ארץ. ער דאַרף זיך באַמיען באַפרייען די ייִדישע מאַסע פון אייניקע ניט־געזונטע אָבער־גלויבנס, וואָס שטאַמען פון פינצטערן מיטלאַלטער, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל צעברעכן די צוימען, וואָס האַלטן אָפּ אַ סך ייִדן אויפריכ־טיק זיך צונויפגיסן מיט אַנדערע אומות. אָבער אַזאַ פּעריאָדישע

אויסגאַבע דאַרף אויך האָבן אַן אַנדערע, אַ דרויסנדיקע אויפגאַבע. זי דאַרף וואַרפן אַ העל ליכט אויף די תקנות און היסטאָרישע אַנטוויק־לונג פון יידן; זי דאַרף מיט אמת און יושר באַקעמפן די אַלע ניט ריכטיקע באַשולדיקונגען, וואָס הענגען איבער אונזער נאַציע, און באַ־ווייזן די ריינקייט פון דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון פאָלק ישראל״.

מיט טאַרנאָפּאָלס פּראָגראַם האָבן זיך סאָלידאַריזירט ראַבינאָ־וויטש און לעאָן לעוואַנדאַ, וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם גורל פון „ראַזסוויעט״.

„עס איז באַשלאָסן געוואָרן — שרייבט לעוואַנדאַ אין זיינע זכרונות — האַנדלען דעפּענסיוו און אָפענסיוו — דעפענסיוו — קעגן די אָנפאַלן כלפי חוץ, בעת עס האַנדלט זיך מכוח פּאַרטיידיקן אונזערע מענטשלעכע און רעליגיעזע אינטערעסן; אָפענסיוו קעגן אונזער אי־נעווייניקסטן שונא: דער פינצטערניש, די קהילה פּאַראַנדקעס, אונזערע חסרונות, שוואַכקייטן אאַז״וו״ (5).

אַ דאַנק דער ענערגישער שתדלנות פון פּיראָגאָוון איז סוף־כל־סוף געלונגען באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסגעבן דעם „ראַזסוויעט״.

יאַנואַר 1860 האָבן ראַבינאָוויטש און טאַרנאָפּאָל באַקומען וועגן דעם אַן אָפיציעלע מעלדונג.

„צו דער אַרבעט, צו דער אַרבעט יונג און אַלט! — האָט ראַ־בינאָוויטש געשריבן לעוואַנדאַן. — דאָס אייגענע פעלד וואַרט אויף זיינע אַקערער! דאָס דאָזיקע פעלד איז ביז איצט געווען באַנעצט מיט אונזערע טרערן; איצט וועלן מיר זי פייכט מאַכן מיט אונזער שוויים. גאָט וועט בענטשן אונזערע מעשים. די פירות וועלן זיין געזונטע. איך פיל דאָס, איך בין אין דעם איבערצייגט״.

2

דאָס דערשיינען פון „ראַזסוויעט״. די צענזור־מניעות. די אַטאַקעס פון טאַרנאָפּאָל. עמאַנציפּאַציע און רעגענעראַציע. רוף צו לערנען זיך רוסיש. די פּאָזיטיווע שטעלונג פון „ראַז־סוויעט״ צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע. האַלבערשטאַמס אַר־טיקלען. דאָס פאַרמאַכן זיך פון „ראַזסוויעט״. דער אויפקום פון זשורנאַל „סיאָן״.

דעם 15טן פעברואַר (רוסישן סטיל) 1860 איז דערשינען אַ מודעה מכוח דער אויסגאַבע „ראַזסוויעט״, דעם אָרגאַן פון די רוסישע יידן. „דער דאָזיקער זשורנאַל — ווערט געזאָגט אין דער מודעה —

5) וואָסכאָד, 1881, VI, 142.

דאַרף אויפדעקן אַלע אייגנשאַפטן און אַלע וויכטיקע דערשיינונגען אין יידישן לעבן, אין מאַטעריאַלן, גײַסטיקן און מאָראַלישן זין. ער דאַרף זיך אַנטקעגנשטעלן דעם פאַרעקשנטן אָבסקוראַנטיזם און פאַרשפרייטן געזונטע, מאָדערנע געדאַנקען. דעם „ראַזסוויעט" שטייט אפשר פאַר די אויפגאַבע פאַרטרייבן די פינצטערניש, אַ רעזולטאַט פון אומגינציקע תנאים נאָך פון די צייטן פון ווייטן עבר און גלייכצייטיק מיט דעם אָפּשאַפן די מניעות, דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע, וואָס האָבן עד־היום טאַרמאָזירט דעם וועג צו פּראָגרעס פאַר אונזערע אמונה־ברידער. מיר וועלן אָנווענדן אַלע אונזערע כוחות, אַז דער זשורנאַל זאָל ווערן פאַר יידן דער אָרגאַן פאַר אַליין דערקענען זיך און פאַרפולקאָמען זיך, אַן אָרגאַן אין וועלכן יעדער אינטעליגענטער און גוט־מיינענדיקער ייד זאָל קענען בקול רם ריידן וועגן די פאַרשיידענע נויטן און שטרעבונגען פון זיין קהילה און יעדער אָביעקטיווער און ערלעכער קריסט זאָל קענען איבערגעבן זיינע באָאָבאַכטונגען מכוח דעם שטייגער, מנהגים און זיטן פון יידן.

„דעם דעוויז פאַר אונדזער זשורנאַל נעמען מיר פון דער תורה: „יהי אור". מיר קענען זיך ניט פאָרשטעלן קיין מאָראַליש ליכט אָן שטרענגן אמת און אָביעקטיווקייט, דערפאַר וועט אונזער זשורנאַל קודם־כל דינען נאָר דעם אמת, דער געזונטער לאָגיק און דעם געדאַנק פון מענטשן־ליבע. אַלע ריכטיקע שטרעמונגען פון אונזער צייט זיינען דעם „ראַזסוויעט" נאָענט צום האַרצן; ממילא וועט ער ניט פאַרשוויגן אונזערע נויטן און אונזערע חסרונות. מיר האָבן קיין שום סיבות ניט, ניט וויניקער פון אַנדערע, מורא האָבן פאַר דעם העלן ליכט און עס איז ניטאָ קיין שום נויטווענדיקייט פאַר אונז זיך באַהאַלטן אין אַ טונקעלן ווינקל".

אין דעם דאָזיקן פּראָגראַם זיינען אין דער אמתן אָנגעצייכנט געוואָרן יענע דאָפּלטע צילן, וועגן וועלכע לעוואַנדע רעדט אין זיינע זכרונות; קאַמף פאַר בילדונג אין יידנטום און כלפּי חוץ אַן אַגיטאַציע פאַר בירגער־רעכט פאַר יידן. אָבער אין דער זעלבער צייט בעת וועגן דער ערשטער אויפגאַבע רעדט די רעדאַקציע זייער קלאָר און קאָנקרעט, ווערט אָבער דער צווייטער ענין, דער קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע, באַרירט זייער וויניק. דאָס איז געווען צוליב די דעמאָלטיקע צענזור שוועריקייטן. די צייטונג זאָגט צו „באַהילפיק זיין אין אָפּשאַפן די מניעות, די דרויסנדיקע און די אינעווייניקסטע, וואָס האָבן ביז איצט געהאַלטן אונזערע אמונה־ברידער צוגעשמידט און ניט דערלאָזט זיי אויפן וועג פון פּראָגרעס".

די דאָזיקע טענדענץ לאָזט זיך פילן אין דעם „ראַזסוויעט" גופא. גאָר גיך האָט זיך די רעדאַקציע געמוזט איבערצייגן, מיט וואָס פאַר אַ שוועריקייטן עס איז פאַרבונדן די רעאַליזאַציע פון דער „אַגרעסיווער" אויפגאַבע, ד"ה משפיע זיין די רוסישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג און אויפקלערן וועגן דער נויטווענדיקייט פון עמאַנציפּירן די יידן. די יונגע רעדאַקציע האָט באַלד פון אָנהויב געמוזט זיך רעכענען מיט די תנאים, וואָס האָבן, ווי זי האָט אַליין געמוזט זיך מודה זיין, געצוואונגען איר אָננעמען פאַרשיידענע זייטיקע וועגן פון אויסדרוק... אָפּעריִרן מיט מעטאַפאָרישע פאָרמעס און טאָן דאָס אַ סך אָפטער, ווי דאָס האָט זיך געוואָלט טאָן.

די הויפּט־צענזור האָט אפילו אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן ציר־קולאַר, וואָס פאַרווערט, אַז אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פאַרהאַנדלען די פראַגע פון גלייכע רעכט פאַר יידן. די לאָקאַלע צענזור האָט די דאָזיקע תקנות פון דעם צירקולאַר דורכגעפירט מיט אַ באַזונדערער שטרענגקייט.

בעת ראַבינאָוויטש האָט פאַרן נומער 20 פון „ראַזסוויעט" צו־געגרייט אַן אַרטיקל וואו עס זיינען נאָר אין רמזים אַנגערירט געוואָרן די באַגרענעצונגען פאַר יידן און וואוין־רעכט — האָט די צענזור ניט דורכגעלאָזט דעם דאָזיקן אַרטיקל. דער נומער איז אַרויס אָן אַ לייט־אַרטיקל.

מען האָט געמוזט רעדן מיט רמזים, בפרט אין דעם אָפּטייל פאַר אויסלענדישע נייעס, וואו עס איז אָפט אויסגעקומען צו באַרירן די עמאַנציפּאַציע פון יידן אין די אייראָפּעאישע מלוכות. דאָס האָט גע־געבן אַ מעגלעכקייט צו מאַכן פאַרשיידענע דעקלאַראַציעס.

„אויף אַ נאַטירלעכן אופן — ווערט דערקלערט (אין נומער 15) איז געקומען די ריי פאַר אונזער פאָטערלאַנד (געבן יידן רעכט). אַנער־קענענדיק, אַז עס איז געקומען די צייט פאַר אַ סך שינויים, בפרט אין דער לאַגע פון יידן, גייט די מלוכה צו איר ציל מיט געמאָסטענע און פעסטע טריט. וועגן דעם קען קיינער ניט האָבן קיין שום ספקות."

ריידנדיק וועגן די מלוכות אין מערב־אייראָפּע, וואו יידן ליידן נאָך פון רעכטלעכע באַגרענעצונגען, נוצט אויס דער „ראַזסוויעט" די גע־לעגנהייט און באַמערקט, אַז „די שולד פאַלט ניט אויף די יידן, און ניט אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, נאָר אויף דער שלעכטער רעגירונג" (נומער 4).

דערפאַר אָבער איז די צווייטע אויפגאַבע, וואָס דער זשורנאַל האָט זיך געשטעלט ד"ה „זיין אַגרעסיוו לגבי דעם אינעווייניקסטן

שונא" האָט דער „ראַזסוויעט" דורכגעפירט מיט אַ סך ענערגיע. אָבער אויך דער ענין איז ניט אַדורך אינגאַנצן גלאַטיק. הגם אין פּראָספּעקט איז געווען אונטערגעשטראָכן, אַז דער „ראַזסוויעט" וועט ניט „פּאַר־שווייגן אונזערע נויטן און אונזערע חסרונות", האָט דער אַרטיקל פון לעוואַנדען, געדרוקט אין ערשטן נומער א"ג „עטלעכע ווערטער וועגן די יידן אין מערב־קאַנט"—אַרויסגערופן אין די יידישע קרייזן אַ גרויסע אומצופרידנקייט. לעוואַנדא האָט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל אַנגערירט אייניקע שאָטנזייטן פון יידישן לעבן. די מערהייט איז געווען מיט דער מיינונג, אַז אַ יידישער זשורנאַל אויף דעם „פּאַטערלענדישן לשון" דאַרף טראָגן אַ בפירושדיקן אַפּאָלאָגעטישן כאַראַקטער, פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון יידן פאַר דער רוסישער געזעלשאַפט און רעגירונג. דאָס אַרויסברענגען די שאָטנזייטן פון יידישן לעבן אין אַזאַ בלאַט האָט מען געהאַלטן פאַר שפּייען אויף זיך גופא, פאַר די אויגן פון „אַנדערע" און דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בגידה לגבי דער פאָלק־זאַך.

לעוואַנדא דערציילט אַז די צייטונג האָט באַקומען בריוו און טע־לעגראַמעס מיט פאַרוואורפן, עצות און אַפילו סטראַשונקעס. אייניקע סענסיטיווע לייענער האָבן אַפילו צוריקגעשיקט די נומערן און גע־בעטן אַז מען זאָל זיי מער ניט שיקן דעם זשורנאַל.

אַ גרופּע אָבאָנענטן פון מינסק האָט אַריינגעשיקט אין דער רע־דאַקציע אַ לאַנגן פּראָטעסט קעגן דעם „שענדלעכן אַרטיקל".

אויך טאַרנאָפּאָל, דער מיטרעדאַקטאָר פון זשורנאַל איז געווען קעגן אַזעלכע אַרטיקלען. ער איז דעריבער אַרויסגעטראָטן פון דער רעדאַקציע און האָט אָנגעהויבן פירן אויף די שפּאַלטן פון דער העברעאישער פּרעסע אַ שאַרפע אַטאַקע קעגן דעם „ראַזסוויעט".

די דאָזיקע אַטאַקעס האָבן גורם געווען אַן אויספירלעכע דער־קלערונג פון דער רעדאַקציע בנוגע די אויפגאַבעס פון אַ יידישן אָרגאַן אין דער רוסישער שפּראַך, ווי דער זשורנאַל האָט עס פאַרשטאַנען.

„אונדזער זשורנאַל — דערקלערט ראַבינאָוויטש (אין נומער 3) — איז ניט קיין פּאַרטייאישער אָרגאַן און וועט דאָס קיינמאָל ניט ווערן. ער ווערט אַרויסגעגעבן ניט פאַר יחידים, וואָס האָבן סוף־כל־סוף דאָס פולע רעכט איינשטימען אָדער ניט איינשטימען מיט אונזער ריכטונג. זיין געביט איז אַ סך אַ ברייטערער: דאָס איז די גאַנצע יידישע נאַציע אין אונזער פאָטערלאַנד. זיין ציל איז אַ סך אַ הייליקערער, ווי צייטווייליק אימיצן צופרידן שטעלן. זיין ציל איז דער אמת, און דאָס קען מען ניט קויפן. דער זשורנאַל האָט זיך געשטעלט

פאַר אַן אויפגאַבע צו באַלייכטן ווי ווייט מעגלעך און מיט דער גע־העריקער אָנשטענדיקייט אַלץ, וואָס עס איז ביז איצט געווען באַ־דעקט מיט טונקלקייט. דער זשורנאַל זעט פאָראויס אין דעם אַ נוצן לעתיד און זאָרגט זיך זייער ווייניק מכוח דעם אויב דער דאָזיקער לאַנג באַגראָבענער מאַטעריאַל וואָס ווערט איצט אויפגעדעקט וועט מאַכן אַ גוטן אָדער אַ שלעכטן איינדרוק. גאָר אַן אַנדער פראַגע איז אָבער אויב אונזער זשורנאַל וועט זיך איינגעבן דורכפירן די דאָזיקע אויפגאַבע. די רעדאַקציע איז אָבער טיף איבערצייגט אַז תמיד לויבן אונזער נאַציע און שיטן איר ווײַרויך — איז זיכער ניט דער ריכטיקער דרך. לויבגעזאַנגען און שירים געהערן ניט צו דעם געביט פון אַזאַ עפנטלעכער מיינונג, וואָס קען אויף וועלכן עס איז אופן ברענגען נוצן אונזער זאַך. אויב מיר האָבן בדעה זיין נוצלעך, דאַרפן מיר עפענען די קראַנקע וואונדן און ניט קוקן אויף דעם וויפיל ווייטאַק עס פאַרשאַפט דאָס אָראָפּרייסן פון די באַנדאַזשן, וואָס האָבן זיך שוין צוגעקלעפּט צו זיי. אונזער לאָזונג איז ליכט; אונזער ציל — גיין פאָראויס; אונזער שכר — דער באַוואוסטזיין פון אַ דערפילטן חוב. מיר האָפן צו געפינען אַן אָנשפּאַר אין דער אַרבעט גופא און מיר וועלן בעסער אונטערגיין איידער אָפּטרעטן פון אונזערע פרינציפן״.

נאָך בולטער האָט דער „ראַזסוויעט״ זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם רעדאַקטאָרס אַרטיקל וואָס איז געווען געדרוקט אין זעקסטן נומער.

„מיר גופא קוקן און בעטן אויך אַנדערע קוקן אויף אונזער זשורנאַל, ניט ווי אויף אַ קאַפּריז פון אַ יחיד און אויך ניט ווי אויף אַ ליטעראַרישע אונטערנעמונג, וואָס באַצוועקט פאַרווײַלן פוסטע מוחות, נאָר ווי אויף אַ געשעעניש, וואָס באַצייכנט דעם אַרייַנטריט פון רוס־לענדישע יידן אין אַ נייער פאַזע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אויף אַ ווענדפּונקט, וואָס שאַפט אָפּ די מחיצה צווישן אַמאָל און היינט״.

מיט אַ געפיל פון פערזענלעכן חשיבות טרעט ראַבינאָוויטש אַרויס קעגן יענע, וואָס האַלטן פאַר ניט געוואונטשן, אַז מען זאָלריידן הזיך וועגן „שלעכטע געוואוינהייטן״ און וואָס וואָלטן געוואָלט „באַ־האַלטן פון דער וועלט אַלץ, וואָס זיי גופא געפעלט ניט און וואָס קען אויסגענוצט ווערן ווי אַ כלי־זיין פאַר בילבולים״.

„אונדזער פאָלק האָט קיין שום סיבה ניט מורא האָבן פאַר ליכט, ניט ווייניקער פון אַנדערע אומות — רופט ער אויס — מיר וועלן זיך אויסקעמפן באַ דער וועלט דרך־ארץ נאָר דורך זעלבסט־באַוואוסט־זיין. נאָר אויף דעם וועג וועלן מיר קומען צו אַ דערנענטערונג מיט די הערשנדיקע פעלקער. מיר שטימען ניט איין מיט יענע, וואָס פאַר־בינדן די פראַגע פון אונדזער מאָראַלישן רענעסאַנס מיט דער פראַגע

פון אונדזער עמאַנציפּאַציע. די געשיכטע באַווייזט, אַז אונדזער גלייכבאַ־רעכטיקונג איז קיינמאָל ניט געווען אָפּהענגיק פון דער מדרגה פון אונזער בילדונג, נאָר גיכער פון דער אַנטוויקלונג פון פּאָליטישן לעבן פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר לעבן. ווערן שלימותדיק און עמאַנציפּירן זיך גופא פון אַלץ וואָס איז שלעכט דאַרפן מיר ניט כדי באַקומען בירגעררעכט — אויף דעם קענען מיר רעכענען, ניט געקוקט אויף אַלע אונזערע שוואַכקייטן און חסרונות. דאָס וועט קומען אין זכות פון אונזערע רעכט צו זיין אין דער אַלגעמיינער מענטשלעכער משפחה. אָבער וואָס איז שייך שלימותדיקייט איז דאָס אונדזערער אַן אייגענער ענין. דאָס איז דער וועג צו דערגרייכן גאָט און זוכה זיין זיין ליבע".

ניט צונויפמישן דעם ענין פון דער מאָראַלישער רעגענעראַציע מיט דעם פּראָבלעם פון עמאַנציפּאַציע — דאָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון דעם „ראַזסוויעט". דער דאָזיקער געדאַנק איז פאַר יענער צייט געווען ניי און דרייסט. דער עלטערער דור משכילים איז געווען איבערצייגט, אַז קודם־כל דאַרפן יידן פאַרדינען אויף גלייכע רעכט, ווי אַ חסד, וואָס מען באַקומט פאַר אויסערגעוויינלעכע מידות־טובות.

„מיטן אויסנאַם פון אַ געזעץ וואָס פּיאַטר דער גרויסער האָט אַרויסגעגעבן — שרייבט א. גאָרגעווסקי, אַ חשובער ניט־יידישער מיט אַרבעטער פון דעם „ראַזסוויעט" — מיטן צוועק אַ רוק טאָן פאַראויס די בילדונג פון זיינע אונטערטאַנער בפרט פון די העכערע קלאַסן, און דערפאַר ניט דערלויבט זיי חתונה האָבן, כל־זמן זיי וועלן ניט קענען לייענען און שרייבן — איז ניט באַקאַנט קיין צווייטער פאַל, וואו בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט זאָלן צונויפגעבונדן ווערן מיט דער מדרגה פון בילדונג. אַזאַ פּרינציפּ קען קוים באַרעכטיקט ווערן פון טעאָרעטישן אָדער אַפילו פּראַקטישן שטאַנדפּונקט".

דער „ראַזסוויעט" האָט אַזוי אַרום ניט געוואָלט צונויפמישן די פראַגע פון שלימות מיט דעם ענין פון גלייכע רעכט: אין דער זעלבער צייט איז ער, אָבער, געווען איבערצייגט, אַז דער וואוקס פון בילדונג און דאָס „דערנענטערן זיך פון די צוויי שיכטן, ד"ה פון יידן און רוסן, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געקוקט איינער אויפן אַנדערן מיט שנאה און אומצוטרוי וועט אומפאַרמיידלעך מוזן ברענגען צו אַן אויסגלייך אין רעכט. עס איז כדאי אַנצואווייזן, אַז קעמפנדיק פאַר אַ „דערנענטערונג" האָט דער „ראַזסוויעט" ניט איינמאָל אָפּעריִרט מיט דער אויסטערלישער טערמינאָלאָגיע וואָס עס האָבן באַנוצט די כלל־טוער פון דער פריער־דיקער תקופה. כדי פאַרשנעלערן דעם פּראָצעס פון דערנענטערונג דאַרף לויט זיין מיינונג, איין צד זיין פול מיט חסד און דער צוויי־

טער צד אויפגעבן זיין עבר. דער רוף פון „ראַזסוויעט״ צו קעמפן מיט פאַנאַטיזם און צדיקים, זיינע בקשות אַז די „גנעדיקע שטראַלן פון השכלה זאָלן באַלויכטן די מוחות״ — טראָגן נאָך אַלץ אַ בולטן חותם פון נאַאיווער דאָקטרינערישקייט און פלאַכן ראַציאָנאַליזם פון „מאספים״. מיט אַן אמתן גייסט פון דעם אַלטן חדר פון דער השכלה ווייעט למשל פון אַזאַ רוף צו די רבנים:

„די רבנים דאַרפן דערמאָנען אונדזערע יידן אַז דער עקלהאַפטער מלבוש וואָס זיי טראָגן איז שוין לאַנג פון מלכות פאַרווערט געוואָרן. מען דאַרף זיי אויך דערמאָנען דעם טייטש פון דינא דמלכותא דינא, וואָס די תורה ברענגט״.

פאַר די אויגן פון דעם „ראַזסוויעט״ איז געשטאַנען נאָר אַ מוסטער פון אַן אידעאַל. דאָס זיינען געווען די מערב־אייראָפּעאישע יידן. ער איז געווען זיכער, אַז וואָלטן די יידן אין רוסלאַנד פאַרביטן זייער שפּראַך אויף דעם לשון פון לאַנד, וואָלט דער וועג צום פּראָגרעס געשטאַנען אָפן פאַר זיי.

„בעת אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער — באַקלאָגט זיך דער „ראַזסוויעט״ — ריידן יידן די זעלבע שפּראַך וואָס זייערע קריסטלעכע שכנים און וואָס דאָס איז פאַר זיי קיין שום מניעה ניט צו זיין גוטע יידן, זיינען מיר אין רוסלאַנד געבליבן ביי אונזער צעקאַליעטשעטן, מיאוס קלינגענדיקן, ניט גראַמאַטישן, אָרעמען זשאַרגאָן, וואָס מען קען אויף אים קיין היוכן געדאַנק ניט אַרויסברענגען און מיר באַמיִען זיך ניט צו קענען די הערלעכע רוסישע שפּראַך״.

דעריבער פאָדערט דער „ראַזסוויעט״ אַז מען זאָל „אַראָפּוואַרפן פון זיך די שמאַטעס, ווייל זיי זיינען אונז געבליבן ווי אַ ירושה פון מיטל־עלטער״.

„אונדז דאַכט זיך, אַז ס׳איז שוין געקומען די צייט פאַר די רוסי־שע יידן אַז רוסיש זאָל ווערן דער אמתער מדריך זייערער אויפן וועג פון בילדונג און פאַרברייטערן זייער מאָראַלישע און פיזישע טעטיקייט. רוסיש דאַרף ווערן דער ערשטער קולטור־שטויס־קראַפט פאַר אונזער פאָלק. גאָט האָט שוין אַזוי געמאַכט אַז שפּראַך איז דער ערשטער סימן ביי מענטשן. אונזער פאָטערלאַנד איז רוסלאַנד, ממילא דאַרף איר שפּראַך ווערן אונזער שפּראַך, פונקט אַזוי ווי די רוסישע לופט איז אויך אונזער לופט״.

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות כאַראַקטעריזירן דעם „ראַזסוויעט״ ווי די טריבונע פון דעם אַסימילאַטאָרישן לאַגער פון דעם הייפל יידי־שע אינטעליגענץ פון יענער צייט. אידעאָלאָגיש איז דער „ראַזסוויעט״

געווען נענטער צו דער „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודנטום", וואָס איר רעדאַקטאָר דער ראַבינער לודוויג פיליפּזאָן האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ „היסטאָרישן ייד".

די דאָזיקע מעסיקע ריכטונג געפינט מען אויך אין דעם „ראַז־סוויעט", וואו די אידעאָלאָגישע פּלאַטפאָרמע ווערט פאָרמולירט אויף אַזאַ אופן:

„מיר געהערן ניט צו די אָפּגעשטאַנענע, אָדער צו די ראַדיקאַלע ראַציאָנאַליסטן און אויך ניט צו די רעאַקציאָנערן. מיר האָבן דרך־ארץ פאַר יעדער זעלבסטשטענדיקער מיינונג. מיר נעמען זיך אָבער דאָס רעכט צו גלויבן אַז פון די דריי טיפּן וועט זיך מיט דער צייט אויספורעמען אַ פערטער, וואָס וועט אין דעם גאַנצע סיכסוך אפשר האָבן דאָס לעצטע וואָרט. דער נייער פּראָגראַם וואָס וועט פון דעם געבוירן ווערן דאַרף דווקא ניט צעשטערן דאָס וואָס איז אַלט, פּונקט ווי ער דאַרף ניט זיך שטאַרק איבערנעמען מיט דעם אַלטן בפרט נאָך שטיצן דאָס על־פּי־דיאַלעקטיק און סאָפיסטיק. דער פּראָגראַם פון דער צוקונפט וועט זיין אַ פּראָגראַם פון אַ גאָלדענעם מיטן, וואָס וועט איין האַנט אויסציען צום שכלדיקן עבר און די צווייטע האַנט וועט זיך אויסציען צו דער צוקונפט, וואָס איז אומפאַרמיידלעך".

אין איין פּרט איז אָבער געווען אַ קאַרדינאַלער חילוק צווישן דער מעסיקער ריכטונג פון „ראַזסוויעט" און פיליפּזאָנס שטאַנדפּונקט. דאָס דייטשישע יידנטום האָט פון אָנהייב פון זיין קאַמף פאַר עמאַנצי־פּאַציע געמוזט תמיד אָפּלייקענען די באַשולדיקונג, אַז יידן שטעלן מיט זיך פאַר אַ נאַציע אין אַ נאַציע. ווען פיכטע איז אַרויס מיט זיין טעאָ־ריע וועגן אַ „נאַציאָנאַלער מלוכה" און די באַפרייאונג מלחמות צוזאַמען מיטן פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין האָבן פאַרשטאַרקט ביי די דייטשן דעם טעוטאָניזם און שאָוויניזם — האָט זיך דאָס דייטשע יידנטום באַמיט עקשנותדיק צו באַווייזן, אַז יידן זיינען ניט קיין נאַציע, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע. דער יידישער קאַמף פאַר גלייכע רעכט איז אין דייטשלאַנד געגאַנגען יד־אחת מיטן קאַמף פון דער דייטשישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ פאַר אַ נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע איינ־הייט פון דייטשלאַנד. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס גורם געווען, אַז אין די באַגריפן פון דער יידישער אינטעליגענץ זיינען נאַציע און מלוכה געוואָרן סינאָנימען. די יידישע אינטעליגענטן האָבן זיך געפילט ווי זין פון זייער לאַנד, ד"ה ווי דייטשן, וואָס אונטערשיידן זיך פון אַנדערע תושבים נאָר אין איין פּרט פון אמונה פּונקט „אַזוי ווי קאַ־טוילן אונטערשיידן זיך פון די פּראָטעסטאַנטן".

עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, אַז אַזעלכע „געשיכטלעכע יידן״, ווי פילּיפּסאָן, בעת זיי ריידן וועגן דער מיסיע פון יידנטום צווישן אומות, באַטראַכטן זיי תמיד דאָס יידנטום ווי אַ בפירושדיקע רעליגיע־זע מיט־גרופּע: נאָר אין זין פון רעליגיע האָבן זיי זיך באַטראַכט ווי „היסטאָרישע יידן״; אין דעם רעאַלן און קולטורעלן לעבן האָבן זיי זיך אָבער געהאַלטן פאַר „פולשטענדיקע פרייסן פון משהס תורה״.

אַנדערש איז אָבער געווען די שטעלונג פון די פובליציסטן פון „ראַזסוויעט״. דער דראַנג צו אַ באַנייטן לעבן, וואָס האָט אַרומגענומען די פּראָגרעסיווע רוסישע געזעלשאַפט פון די 50ער יאָרן אין דער צווייטער העלפט איז געווען פריי פון נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן. ערב דער „תקופה פון די גרויסע רעפאָרמען״״ האָט די רוסישע פּראָ־גרעסיווע פובליציסטן לגמרי ניט אינטערעסירט די פראַגע: זיינען יידן אַ נאַציע אָדער ניט. פאַר זיי, ווי עס דריקט זיך אויס אַ מיטצייטלער פון יענער עפּאָכע, איז געווען „גענוג צו וויסן אַז דער ייד איז אויך באַשאַפן געוואָרן בצלם אלהים, אַז ער איז אַ נרדף. דאָס איז געווען גענוג — כדי אים פּראָקלאַמירן פאַר אַ פול באַרעכטיקטן מענטשן און ווינטשן אים אַ בעסערן גורל״.

די פובליציסטן פון „ראַזסוויעט״ האָבן דעריבער ניט געזען אין די נאַציאָנאַלע שטריכן פון די יידן עפּעס אַזוינס, וואָס קענען שטעלן אין ספק זייער פּאַטריאָטיזם און איבערגעבנקייט לגבי דעם פאָטער־לאַנד. דער „ראַזסוויעט״ האָט דעריבער זייער אָפט און זייער פריי אַרויסגערוקט דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט פון יידנטום. קעמפנדיק פאַר אַן איבערבוי פון דעם יידישן לעבן, פאַר צופּאַסן די יידן צו די פאָדע־רונגען פון דער נייער צייט, האָט דער „ראַזסוויעט״ גלייכצייטיק גע־האַלטן, אַז די דאָזיקע נויטיקע שינויים דאַרפן בשום אופן ניט זיין קיין אַטענטאַט אויף די יסודות פון דער נאַצינאַליטעט גופא.

„ די אמונה — האָט דער „ראַזסוויעט״ געשריבן — דער הייליקער לשון, דער גרויסער עבר, די כאַראַקטער שטריכן פון דעם יידישן פּרצוף, די מנהגים, אויף וויפיל זיי זיינען אַ רעזולטאַט פון די עיקר דינים פון דער רעליגיע גופא, די אַקטיווע קעגנזייטיקע סימ־פּאַטיע פון איין יידן צום צווייטן — דאָס אַלץ איז, אָן ספק, אַפילו ביי דער איצטיקער צעשפּרייטונג פון יידן געשאַפן די דאָזיקע באַזונדערע, איינהייטלעכע נאַציאָנאַליטעט וואָס די השגחה פרטית האָט באַשטימט כדי דורכפירן די ספּעציעלע שליחות, דערצו נאָך ביי גאָר אַנדערע תנאים, ווי דאָס איז באַשערט געווען אַנדערע אומות״.

„יידן — ווערט ווייטער געזאָגט אין דעם זעלבן אַרטיקל — זיי־נען גאָר פריי געקומען אין אַ נאָענטע באַרירונג מיט אַנדערע אומות,

און צום גליק, הערן זיי ניט אויף צו זיין יידן און היטן אָפּ אַלע עיקר־דיקע סימנים פון יידישקייט. נאָר אין אַזעלכע תנאים קענען זיי זיין זעלבסטשטענדיקע און אייגנאַרטיקע מיטבויער פאַר דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע. אויף אַזאַ אופן איז די איצטיקע אויפגאַבע פון יידן, ווייזט אויס, אַ צווייפאַכיקע: לעבן אַן אַלגעמיינעם לעבן מיט אַלע פעלקער, גלייך זיך באַטייליקן אין זייער בילדונג און גלייכצייטיק פאַרפולקאָמען זייער אייגענע נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט״. (נו־מער 52).

אמת, די דאָזיקע ציטאַטן ווערן געבראַכט פון אַן אַרטיקל, וואָס זיין מחבר איז דווקא ניט קיין ייד נאָר דער קריסט א. געאָרגעווסקי. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז דער דאָזיקער מחבר, איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון „ראַזסוויעט״ דריקט אויס אויך דעם שטאַנדפּונקט פון דער רעדאַקציע.

כדי זיך איבערצייגן ווי ווייט ניט ריכטיק עס איז די מיינונג, אַז די געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישע ריכטונג אין רוסלענדישן יידנטום איז אין די 60ער יאָרן געווען כלומרשט אַסימילאַטאָריש, איז גענוג צו ציטירן אַ פּאָר אויסצוגן פון די אַרטיקלען פון איינעם י. האַלבערשטאַט, (נומערן 9, 10 און 32).

„עס טרעפט זייער אָפט — שרייבט דער דאָזיקער האַלבערשטאַט — אַז מיר פאַרדעקן אונדזער עם הארצות מיט שפּילן זיך אין קאָס־מאָפּאָליטיזם און היפּער־אָביעקטיוויזם, אָדער מורא האָבנדיק פאַר אונדזער אייגענער גרויסקייט, בויגן מיר די רוקנס, כדי די קאַרליקעס זאָלן זיך ניט באַליידיקן. ווער פון אונדזער יוגנט, אַפילו די וואָס שטייען שוין אויף דער הזיכער מדרגה פון היינטיקער בילדונג, האָט כאָטש אַ בלאָסן באַגריף וועגן דער רייכקייט פון ציוויליזירנדיקע אידעען, וואָס אונדזער פיר טויזנטיאָריקע ליטעראַטור האָט אָפּגעהיט, אויב זיי ווייסן בכלל אַז אַזאַ ליטעראַטור עקזיסטירט? ווער פון זיי, וואָס אַנטציקט זיך אַזוי מיט פרעמדע גבורות, וואָרעמט זיך ביי פרעמדע פייערן — ווייסט וועגן אונדזערע אייגענע טיטאַנען פון געדאַנק און מעשים פון יענע, וואָס האָבן געטראָגן אַ חותם פון נעגאַציע מחוץ זיך און אַן אָרעאָל פון גרויסקייט אין זיך? די וועגן מיט וועלכע עס קומט צו אונדז די אייראָפּעאישע בילדונג זיינען ווייט ניט קיין ריכטיקע. עס איז אַ חרפה דאָס צו זאָגן, אָבער עס איז פאַרט אַ טרויעריקער אמת. מיר גופא קענען זיך פון פרעמדע ווערטער, מיר נעמען אַן לייכטזיניק און גלויבן בלינד אין אַלע באַנאַלע, פאַלשע מיינונגען וועגן אונדז, מיר פאַרלייקענען זיך גופא און ווערן ניט קיין מיט־באַטייליקער אין דער

אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, נאָר אירע קנעכט. אין אונזער טעמפּ־קייט באַרואיקן מיר זיך מיט דעם געדאַנק, אַז מיר שטייען העכער פון דעם יידנטום, וואָס איז אונדז דערגאַנגען פון פריער, מיר ריידן פון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג און פאַרשטייען אַפילו ניט, אַז דאָס אַלטע איז גוט ווען מען לייגט אַריין אין אים אַ נייעם אינהאַלט".

מיט דער זעלבער קאַטעגאָרישקייט טרעט האַלבערשטאַט אַרויס אויף קעגן די רעליגיעזע רעפאָרמען, וואָס זיינען דעמאָלט ביי די דייטשישע יידן געווען אין דער מאָדע.

„זאָלן יענע — האָט ער געשריבן — וואָס עמאַנציפּירן זיך פון יידישן לעבן ניט מיינען, אַז זיי האָבן זיך פון דעם דאָזיקן לעבן באַ־פרייט אינעווייניק און דרויסנדיק. זיי האָבן נאָר געהאַט דעם טרויע־ריקן מוט זיך אָפּזאָגן פון די דינים, ווייל זיי זיינען כלומרשט ניט פּאַ־סיק פאַר זיי. זאָלן זיי אָבער זיך אויסלערנען האָבן דרך־ארץ פאַר די יידן וואָס זיינען גרייט מקריב צו זיין אַלע באַקוועמלעכקייטן און זיי־נען גרייט לעבן לשם אַ העכערן אידעאַל".

האַלבערשטאַט באַמיט זיך אונטערשטרייכן די נאַציאָנאַל־היסטאָ־רישע באַדייטונג פון דעם יידישן רעליגיעזן שטייגער. „ניין — רופט ער אויס — די דאָזיקע תקנות זיינען ניט קיין געשווירן אויף דעם יידישן קערפּער; דאָס זיינען שיינע פּירות פון גייסט און געדאַנק פון אונדזערע אבות; זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין לעבן פון אונדזער פאָלק, זיי האָבן זיך צוזאַמענגעוואַקסן מיט אונדזערע זיטן און מנהגים. אַזוי פיל פריידיקע און טרויעריקע זכרונות איז דאָך מיט זיי פאַר־בונדן! זיי זיינען געוואָרן בלוט און פלייש פון יעדן יידן בפרט און פון דער גרויסער מאַסע בכלל! מען טאָר זיך ניט אַזוי לייכטזיניק שפּילן מיט דעם, ווי אייניקע ווילן. אויב מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון די היסטאָריש־אויפגעקומענע מנהגים, וואָס פאַראייניקן אַלע ברידער אונדזערע אין ישראל, מיט וואָס וועלן מיר דאָס פאַרבייטן? מיט אונדזערע אייגענע מנהגים? ווער וועט זיי אָנערקענען? וועמען וועלן זיי פאַר־אייניקן?"

בעת אַ ליבעראַלער זשורנאַליסט האָט געוואָלט דערקלערן די יידישע אָפּגעזונדערטקייט פון אַלגעמיינער בילדונג מיטן „יאָך, וואָס ליגט אויף דער (יידישער) מאַסע און די שטערונגען וואָס יידן האָבן אין אָנקומען צו דער אייראָפּעאישער בילדונג" — האָט האַלבערשטאַט אַזוי געענטפערט:

„אין דעם איז דאָ אַ שטיקל אמת, אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. אונזער פאָלק האָט אין משך פון זיין געשיכטע, דאַכט זיך, גע־

בראַכט אַ סך ראיות אַז ער האָט ניט מורא פאַר קיין קרבנות, רדיפות, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ הייליקער זאַך, ווי חינוך... מיט האַלטן זיך פון דער ווייטנס פון אייראָפּעאישער בילדונג ניט דער־פאַר וואָס מיר האָבן מורא פאַר שטערונגען, נאָר דערפאַר, וואָס די דאָזיקע בילדונג קומט צו אונז אין דער סאַמע אָפּשטויסנדיקער, גע־מיינער פאָרמע". אין די פוילישע שטעט איז אייראָפּעאישע בילדונג על־פּי־רוב רעפּרעזענטירט פון אַזעלכע נפשות „וואָס דינען אין די אַטקופן מיט משקאות, אָדער, די אַזוי געדופענע קאָסמאָפּאָליטן, מענטשן כאַראַקטערלאָזע, וואָס ווילן מיט אַלע כוחות אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם קלענסטן שמץ פון יידישקייט, מענטשן וואָס עס ליגט זיי אין זינען נאָר, ווי אַזוי זעט מען ניט אויס ווי אַ ייד, מענטשן וואָס דאָס וואָרט זשיד איז ביי זיי די ערגסטע פון אַלע קללות".

הגם האַלבערשטאַט איז זיכער, אַז זיינע ווערטער וועלן „געפינען אַ מיטגעפיל אין אַ סך, אַ סך הערצער", דאָך איז ניטאָ קיין שום גרונט צו מיינען, אַז די רעדאַקציע פון „ראַזסוויעט" האָט מיט אים איינגע־שטימט. גאָר גיך האָבן זיך אויף די שפּאַלטן פון „ראַזסוויעט" באַוויזן פאָלעמישע אַרטיקלען קעגן האַלבערשטאַטן. אָבער פאַר דער כאַראַק־טעריסטיק פון די דעמאָלטיקע ריכטונגען אין דעם פּראָגרעסיוון רוס־לענדישן יידנטום, זיינען האַלבערשטאַטס אַרטיקלען, וואו ער קריי־טיקירט די אַסימילאַציע פון שטאַנדפּונקט פון עוואָלוציע און געשיכ־טע — ביז גאָר אינטערעסאַנט. זיי וואָרענען אונדז פון גענעראַליזאַציעס און באַווייזן אַז אַנהויב 60ער יאָרן איז די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ נאָך ניט געווען פאַרכאַפּט פון דער אַסימילאַטאָרישער באַוועגונג. ערשט מיט יאָרן שפּעטער איז די דאָזיקע באַוועגונג געוואָרן דאָמינירנדיק, אָבער דעמאָלט איז שוין דער „ראַזסוויעט" לאַנג אָראָפּ פון דער אַרענע.

בכלל האָט דער „ראַזסוויעט" לאַנג ניט עקזיסטירט. שוין אין נומער 45 האָט די רעדאַקציע מודיע געווען אַז איר ערשטער יאָר פון עקזיסטענץ וועט מסתמא אויך זיין דער לעצטער. דערביי האָט די רע־דאַקציע אויפגעקלערט די סיבות פון אַזאַ אומדערוואַרטעטן און שנעלן סוף.

„הגם מיר האָבן קיינמאָל ניט געטראַכט צו מאַכן פון דער דאָ־זיקער אונטערנעמונג קיין געשעפט, דאָך, האָבן מיר אויך ניט דער־וואַרט, אַז דאָס זאָל זיין אַן אונטערנעמונג וואָס ברענגט היזוק. דערפאַר האָבן מיר אין אונזער פּראָספּעקט איבערגעגעבן דעם זשורנאַל אין שוץ פון די, אין וועמענס הענט עס געפינט זיך די פּראַקטישע מעגלעכ־קייט צו פאַרזיכערן זיין ווייטערדיקע עקזיסטענץ. אויסגעקומען איז

אָבער ניט אַזוי ווי מיר האָבן דערוואַרט און מיר האָבן זיך אַנטטוישט אין אונזערע דערוואַרטונגען״.

אָבער ניט נאָר אין מאַטעריעלן זין איז די רעדאַקציע געבליבן „אַנטוישט אין די דערוואַרטונגען״.

„מיר האָבן זיך אַנגעשטויסן אויף אַזעלכע מניעות — דערציילט ווייטער די רעדאַקציע — וואָס מיר זיינען ניט געווען בכוח צו באַזייטיקן. דאָס צווינגט אונז אָפּצושטעלן דעם זשורנאַל נאָך דעם ערשטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, ווייל מיר האַלטן מער פון אַ העלדישן טויט ווי פון אַ פּאַמעלעכער און פּיינלעכער צעשטערונג״.

אין אַ באַזונדערער באַמערקונג איז די רעדאַקציע מוסיף:

„אַ מער פּרטימדיקע און ברייטערע דערקלערונג וועגן דעם ענין לייגן מיר אָפּ אויף אַנדערע צייטן״.

די דאָזיקע דערקלערונג געפינט מען אין ראַבינאָוויטשעס בריוו צום משכיל לעאָן ראָזענטאַל און צו לעוואַנדאַן (6).

ראַבינאָוויטש איז געווען זיכער אַז יעדער ייד אין רוסלאַנד קען „מער אָדער ווייניקער״ די רוסישע שפּראַך. דערפאַר האָט אים אַזוי אַנטמוטיקט די נישטיקע צאָל אַבאָנענטן אויפן „ראַזסוויעט״. אמת, דער דאָזיקער זשורנאַל איז ניט געווען אויסגערעכנט אויף אַ מאַסן־לייענער. וועגן דעם האָט ראַבינאָוויטש גופא געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן. ער האָט געשריבן אַז הגם דער „ראַזסוויעט״ איז „באַשטימט פאַר אַלע יידן אין רוסלאַנד, דאָך דאַרף מען אים ניט האַלטן פאַר אַ פאָלקס־בלאַט״.

אָבער אויך די געבילדעטע יידן, אויף וועמען ראַבינאָוויטש האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען, האָבן אים ביטער אַנטוישט.

„מיר האָבן זייער ווייניק אַבאָנענטן — באַקלאָגט זיך ראַבינאָוויטש אין אַ בריוו צו ראָזענטאַלן — עס איז כאַראַקטעריסטיש אַז אין דער פּאָלטאַווער און כאַרקאָווער גובערניע האָבן מיר ניט קיין איין אַבאָנענט און איך האָב אַ סך אויסגערעכנט טאַקע אויף די צוויי גובערניעס״, אַ האַלב יאָר נאָך דעם ווי דער זשורנאַל איז דערשינען האָט די צאָל אַבאָנענטן ניט איבערגעשטיגן — 640. ראַבינאָוויטש לאָזט וויסן ראָזענטאַלן אַז „ביי אַזאַ צושטאַנד קען מען ווייטער דעם זשורנאַל ניט אַרויסגעבן״, בפרט אַז קיין שום זייטיקע פינאַנציעלע שטיצע איז ניטאָ.

הגם די געלט־שטיצע וואָס ער האָט געבעטן איז ניט אָנגעקומען,

---

6) ל. ראָזענטאַל: תולדות חברה מפיצי השכלה II; געסען אין „פּערעזשיטאָיע״ III און „יעווריייסקאַיאַ סטאַרינאַ״, 1911.

דאָך קען מען מיט דער פולסטער זיכערקייט ניט זאָגן, אַז ראַבינאָ־וויטש וואָלט אין דער אמתן אויפגעגעבן די אויסגאַבע, ווען עס וואָלט חוץ די מאַטעריעלע מניעות ניט צוגעקומען קיין מניעות פון גאָר אַן אַנדערן כאַראַקטער.

ווי שוין געזאָגט, איז איינע פון די צוויי וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון „ראַזסוויעט" געווען משפיע זיין אויף דער רוסישער געזעל־שאַפטלעכער מיינונג דורך פּראָפּאַגאַנדירן דעם געדאַנק פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער אַז צוליב צענזור־טעמים איז דער פּונקט פון פּראָגראַם געווען שווער צו רעאַליזירן. אין די בריוו צו ראָזענטאַלן באַקלאָגט זיך ראַבינאָוויטש אויף די רדיפות מצד דער צענזור.

„די היגע צענזור ווארגט מיך אויף אַן אוממענטשלעכן אופן. — שרייבט ער (דעם 21טן נאָוועמבער 1860) — מען דאַרף האָבן דעם כוח פון אַ הערקולעס, כדי צו קענען קעמפן מיט דער דאָזיקער פאַר־זעעניש".

ראַבינאָוויטש האָט זיך געווענדט צו ראָזענטאַלן און געבעטן אַז ער זאָל זיך משתדל זיין ביי דער הויפּט־צענזור־פאַרוואַלטונג, וואוהין מען האָט צוגעשיקט דורכלאָזן אַן אַרטיקל, וואָס די לאָקאַלע צענזור האָט פאַרווערט.

שרייבט ער אין יענעם בריוו אַזוי:

„אויב די הויפּט־צענזור־פאַרוואַלטונג וועט דערלויבן דרוקן דעם אַרטיקל, וועט דער „ראַזסוויעט" גיין מיט זיין דרך און וועט זיך צו עפּעס וואָס דערשלאָגן; טאָמער אָבער ניט, דאַן וועט מען דאַרפן פאַרמאַכן דאָס ביוראָ, ווייל אונזער צענזור וועט ניט דורכלאָזן קיין איין וואָרט וואָס דערמאָנט אַן אויסדרוק פון מענטשלעכע רעכט, פון אייגענע האָפענונגען, פון אייגענע וואונטשן. טיילמאָל שווינען מיר זיך גופא ניט, טאָקע צוליב דעם, כדי מען זאָל אונז דערלויבן ניט שווינען קיין אַנדערע, ווען דאָס וועט זיין נויטיק. מיט אַזאַ דיפּלאָמאַטיע האָפן מיר צו געווינען וואָס עס איז אויך פאַר אונדזער פאָלק. אויב אָבער מען וועט אונדז נאָר דריקן, איז ניט כדאי די גאַנצע טרחה. אונדזער אונטער־נעמונג וועט סיי ווי סיי קיין פּירות ניט ברענגען. איצט, פאַרשטייט איר, אַוודאי, אַז פון אייער דערלויבעניש אין הויפּט־צענזור־פאַר־וואַלטונג איז אָפּהענגיק דער „זיין אָדער ניט זיין" פון דעם „ראַזסוויעט". אויב גאָט וועט אייך העלפן אין אונדזער שתדלנות, דאַן וועט דער „ראַזסוויעט" גיין באַרג אַרויף. אונזער היימישע צענזור וועט אונז דעמאָלט אויפהערן צו ווארגן. אויב אָבער, חס־וחלילה, איר וועט ניט

זיין מזלדיק, איז, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, דער גורל פון זשורנאַל איז אַ פאַרחתמעטער. ער וועט ניט זיין בכוח זאָגן עפּעס ממשותדיקס און נוצלעכס און אַראָפּנידערן זיך צו מיזערנע פּזמונים און סתם לויב־ווערטער וועט ער זיך קיינמאָל ניט".

די צענזור און אויך די אַדמיניסטראַטיווע שטערונגען האָבן זיך אָבער ניט פאַרקלענערט, נאָר פאַרקערט — פאַרגרעסערט. אַזוי אַז „דער גורל פון דעם זשורנאַל איז געווען אַ פאַרחתמעטער".

אין אַ בריוו צו לעוואַנדע (25טער אַפּריל 1861) באַשרייבט ראַ־בינאָוויטש אויספירלעך די „אומפאַרמיידלעכע מניעות" וואָס האָבן אים געצוואונגען אויפגעבן דעם זשורנאַל:

„מיר קומט אויס אָנהויבן דעם בריוו — שרייבט ער — מיט דעם, מיט וואָס איר האָט פאַרענדיקט אייער טרויעריקן בריוו פון 11טן אַפּריל — דהיינו: מיט דעם וואָס איך שטעל אָפּ דעם „ראַזסוויעט" מאַך איך אַ סך אַ געוואָגטן טראָט, ווי דער ערשטער שריט וואָס האָט געעפנט דעם אַזוי קורץ עקזיסטירנדיקן אָרגאַן. אָבער דעם דאָזיקן שריט, ווי איר וועט ווייטער זען, מאַך איך צוליב אומפאַרמיידלעכע סיבות, אין וועלכע יענע אָנטשלאָסנקייט פאַרלירט איר באַדייטונג, בלייבנדיק אין תוך געצוואונגען נאָר אַ טרויעריקער צוואַנג".

ראַבינאָוויטש דערקלערט אַז ניט דווקא די מאַטעריעלע מניעות צווינגען אים אָפּשטעלן דעם זשורנאַל. די צאָל אַבאָנענטן וואַקסט בהדרגהדיק און ער איז איבערצייגט, אַז „אויפן דריטן און פערטן יאָר וועלן אַלע הזיקות זיך סוף־כל־סוף באַצאָלן און אפשר וואָלט מען אויך באַלוינט געוואָרן פאַר די מי, וואָס איז אין דעם זשורנאַל אַריינגעלייגט געוואָרן".

אַפילו די צענזור — קלערט אויף ווייטער ראַבינאָוויטש, איז ניט „די הויפּט־סיבה פון „ראַזסוויעטס" סוף, אָבער, איז ער מוסיף „די פּאָליציי האָט אַריינגעשטעקט איר האַנט אין דעם זשורנאַל".

גראַף סטראָגאַנאָוו, (דער פּאָליצמייסטער פון אָדעס) איז געווען אומצופרידן מיט דער ריכטונג פון דעם „ראַזסוויעט". האָט ער גערופן צו זיך ראַבינאָוויטשן און האָט אים געזאָגט קאַטעגאָריש:

„זייט וויסן, אַז אויב עפּעס אַן אַרטיקל פון אייער זשורנאַל וועט מיר ניט געפעלן, ווייל עס איז מיר לאַנגווייליק אָדער איך בין ניט גוט געשטימט אָדער פראָסט און פשוט דער בויך טוט מיר וויי — וועל איך תיכף ומיד אָפּשטעלן אייער זשידאָווסקי זשורנאַל" (7).

---

7) „„יעווריסקאַיאַ סטארינא", 1911, 87; „פּערעזשיטאָיע", III, 56—58.

אַט די דאָזיקע סיבה — דערקלערט ראַבינאָוויטש, דאָס ניט־וועלן אַז דער אָרגאַן זאָל זיין אָפּהענגיק פון אַ ליאַדע קאַפּריז פון אַ טשי־נאָווניק, האָט אים געשטויסן אָפּצושטעלן דעם זשורנאַל, ביז עס וועלן זיך באַשאַפן מער גינסטיקע באַדינגונגען.

„קיין ערלעכער מענטש וואָלט זיך ניט געוואָקלט ווען ער האָט אַזאַ ברירה. מיט אַ רואיקן געוויסן שטעל איך אָפּ מיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט און זאָלן דאָס אַלע איבערנעמען."

ראַבינאָוויטשעס קאַטעגאָרישע דערקלערונג אַז די מאַטעריעלע סיבות האָבן ניט געשפּילט קיין שום ראָל ביי דעם באַשלוס פאַרמאַכן דעם זשורנאַל רופט אַרויס אַ פאַרוואונדערונג. אַזאַ דערקלערונג איז זיך סותר מיט דעם וואָס ער גופא האָט געשריבן ראָזענטאַלן. דאָס קלערט זיך אויף טיילווייז דורך דעם, וואָס אין דעם חודש וואָס איז אַריבער זינט ראַבינאָוויטשעס דערקלערונג אין דעם בריוו צו לע־וואַנדען, האָט זיך מסתמא די מאַטעריעלע לאַגע פון זשורנאַל אַ סך פאַרבעסערט. די ידיעה אַז דער „ראַזסוויעט" ווערט אָפּגעשטעלט האָט אַרויסגערופן אין יידישע אינטעליגענטע קרייזן אַן אויפריכטיקע באַ־דויערונג. בריוו און טעלעגראַמען מיט אויסדרוקן פון באַדויערן און מיט אַ שטאַרקער בקשה ניט אָפּשטעלן די אויסגאַבע, זיינען אָנגעקומען פון אַ סך שטעט און שטעטלעך. דער „הכרמל" האָט אין אַ לייט־אַר־טיקל גערופן קהל אונטערשטיצן דעם „ראַזסוויעט" און ניט לאָזן אַז ער זאָל אונטערגיין (8).

משמעות אַז עס זיינען געמאַכט געוואָרן די נויטיקע שריט צו באַזייטיקן די מאַטעריעלע מניעות. לכל הפחות ווערט אין נומער 48 געמאָלדן די אַבאָנענטן אַז דער „ענין פון דעם אָרגאַן פון רוסישע יידן" איז נאָך ניט קיין פאַרשפּילטער, עס איז פאַראַן אַ האָפנונג אַז די אויס־גאַבע וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן. נאָר מיטן צווייטן יאָרגאַנג וועט זיך בייטן די רעדאַקציע. אויך דער נאָמען פון דעם זשורנאַל וועט מסתמא געענדערט ווערן.

אין 50טן נומער פון „ראַזסוויעט" האָט זיך באַוויזן אַ „פאַר־מודעה" געחתמעט פון עמנואל סאָלאָווייטשיק און לעאָ פינסקער, אַז זיי האָבן ביידע „באַשלאָסן ממשיך זיין די אַרבעט וואָס ראַבינאָוויטש האָט אָנגעהויבן און וואָס ער וויל לײדער, ווייטער ניט פירן", און אַז זיי האָבן בדעה אַרויסגעבן אַ זשורנאַל וואָס וועט הייסן „סיאָן".

„וועגן דער ריכטונג פון אונזער צוקונפטיקן זשורנאַל — שרייבן

---

8) הכרמל, 1860, 41, זז' 324-325 ; „יעווריעיסקאַיאַ ביבליאָ־טעקאַ, XI, 11.

זיי — קענען מיר דערווייל ניט מאריך זיין, מיר ווילן נאָר זאָגן, אַז דער איינאיינציקער ציל, וואָס מיר האָבן אין געדאַנק, איז אַרבעטן לטובת אונדזער פאָלק״.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז בעת ראַבינאָוויטש האָט געשריבן זיין בריוו צו לעוואַנדען, איז דער הויפּט־מאָטיוו פון זיין אָפּזאָגן זיך „פירן ווייטער די אַרבעט״ האָט טאַקע געקענט זיין דאָס ניט וועלן ווייטער אַרויסגעבן דעם זשורנאַל, ווייל עס איז פּשוט געווען אוממעגלעך צו שרייבן וועגן דער אינעווייניקסטער רעכטלאָזער לאַגע פון די יידן. ראַבינאָוויטש שרייבט צו לעוואַנדען אין אַ בריוו, אין וועלכן ער דער־מאָנט אַגב דעם געבורט פון „סיאָן״ אַזוי:

„וועגן דער ריכטונג קען איך דערווייל אין פאָראויס גאָרניט ניט זאָגן. איך נעם זיך די מוט צו האָפן, אַז עס וועט זיין צופרידנשטעליק לויט די מעגלעכקייטן. די הויפּט דאגה באַשטייט אין דעם, אַז דער זשורנאַל זאָל זיך ניט אָפּשטעלן, נאָר ער זאָל קענען זיך דורכשטופּן ווי עס איז ביז עס וועלן קומען בעסערע צייטן״.

אין לעצטן נומער, דערשינען דעם 19טן מאַי 1861, האָט דער „ראַזסוויעט״ איבערגעלאָזט בירושה דעם „סיאָן״ אַזאַ צוואה:

„אַלץ פאַרן אמת, גאָרניט צוליב חניפה. גיין פאָראויס און ניט קריכן, בעסער שווייגן איידער שטאַמלען אָדער ריידן אַ דאָפּלטן לשון״.

3

דער פּראָגראַם פון „סיאָן״. — די האָפענונגען אויף שנעלע גלייכע רעכט. — נעגאַטיווע שטעלונג צו אַ סטיכישער אַסימילאַציע. — דאָס יידנטום ווי אַ נאַציע. — דער ויכוח פון „סיאָן״ מיט דער אוקראַינישער „אָסנאָוואַ״. — „נאַציע״ און „מלוכה״. — דער אַקאַדעמישער כאַ־ראַקטער פון „סיאָן״. — צענזור סקאָרפּיאָנען, וואָס האָבן גורם געווען דאָס אָפּשטעלן זיך פון „סיאָן״.

דעם זעלבן יולי (רוסישן סטיל) 1861 איז אַרויס דער ערשטער נומער פון „סיאָן״, מיטן זעלבן עפּיגראַף, „יהי אור״, וואָס דער „ראַזסוויעט״ האָט געהאַט. „ויאמר ה׳: יהי אור!״ אונטן איז געווען אָנגעמערקט: „צווייטער יאָר״. אַזוי אַרום האָט מען אונטערגע־שטראָכן, אַז דער נייער אָרגאַן איז אין דער אמתן נאָר אַ המשך פון „ראַזסוויעט״.

בכדי זיך צופּאַסן צו די דרויסנדיקע תנאים האָט דער „סיאָן״ באַשלאָסן פאַרשמעלערן זיינע אויסגאַבעס אויף דעם געביט פון

פובליציסטיק און פאַרברייטערן די אָפּטיילן פאַר געשיכטע און וויסנ־שאַפט. אין דעם ערשטן פּראָגראַם־אַרטיקל האָט די רעדאַקציע אַזוי געשריבן:

„אויב דעם „ראַזסוויעט" האָט זיך איינגעגעבן אויפוועקן די מיט־ברידער אונדזערע וואָס ליגן אין אונדזער פאָטערלאַנד איינגע־דרעמלט אין אַ זיסן הינערפלעט, אויב עס איז אים געלונגען אַוועק־שטעלן אַ ריי אַקטועלע פּראָבלעמען — שטייט דעם „סיאָן" פאַר אַ סך אַ שווערערע אויפגאַבע: ער דאַרף ענטפערן אויף געשטעלטע פּראָבלעמען, אַ קערעווע טאָן די אַלגעמיינע פאָלקס־באַוועגונג צו אַ מער פּראַקטישן ציל און אָנווייזן די דרכים, וואָס פירן דירעקט אין יענער ריכטונג. פון אונדז פאָדערט מען עפּעס דעם רייכן אוצר פון אונדזער לאַנגער היסטאָרישער אייגנוויכיקסטער אַנטוויקלונג און פון אונדזער צווייטווייזנטיאָריקער ליטעראַטור. מען וויל, אַז מיר זאָלן אויפקלערן אונדזער געשיכטע בכלל און אויף דער טעריטאָריע פון דער רוסלענדישער מלוכה בפרט. מיר דאַרפן פאַרצייכענען אַלע דערשיינונגען פון אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, נאָכפאָלגן דעם גאַנג פון אונדזער סאָציאַלער אַנטוויקלונג און געבן די אַלע ענינים אונדזער אָביעקטיווע אָפּשאַצונג. ניט איינמאָל וועט אונדז אויס־קומען אַרויסטרעטן קעגן אַ סך פאַראורטיילן וואָס מען טראָגט קעגן אונדז און וואָס זיינען פאַראַן אין אונדז גופא. אין דעם ענין פון אונ־דזער בירגערלעכער באַדייטונג, וואָס אינטערעסירט אונדז אַזוי שטאַרק, איז דער גלייכער וועג ניט אַלע מאָל דער קירצסטער. קיינע ראיות, קיינע קלאָגענישן, ווי באַרעכטיקט זיי זאָלן ניט זיין, וועלן ניט זיין בכוח אַרויסרופן אַ תיכפדיקע ענדערונג לטובת אונדז אין דעם געדאַנקען־גאַנג פון די, וואָס זיינען דורות־לאַנג דערצויגן געוואָרן. טראַכטן אַנדערש. אין דעם פּרט וועט אַ נאָענטע באַקאַנטשאַפט פון דעם רוסישן לייענער מיט אונדזער ליטעראַטור, אונדזער געשיכ־טע, אונדזער אינעווייניקסטן לעבן, מיט אַלע תנאים פון אונדזער שטייגער־לעבן, מער ראוי מילדער צו מאַכן די שאַרפע מיינונג וועגן אונדז, וואָס עס האָבן אונדזערע קעגנער און באַשולדיגער."

די רעדאַקציע איז בטוח, אַז זי „האָט סיבות צו האָפן" אויך אויף אַ „חסד פון דער רעגירונג, וואָס לעצטנס האָט זי זיך אָנגע־הויבן אינטערעסירן מיט אונדז." דערביי שטרייכט די רעדאַקציע אונטער, אַז דער „ענין פון יידן ווי רוסישע אונטערטאַנער, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך אַ פּערציקסטן חלק פון דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג, איז אין תוך גענומען אַן אַלגעמיינער רוסישער ענין. דער

צושטייער, וואָס זיי (די יידן) ברענגען אויפן מזבח פון פאָטערלאַנד איז ווייט ניט קיין קליינער און וועט זיך פאַרגרעסערן מיט דער אויס־שפרייטונג פון דעם שטח פאַר טעטיקייט, ווען מען וועט עפענען דעם „תחום המושב.״

דער „סיאָן״ האָט געגלויבט באמונה שלמה אַז דער דאַזיקער מאָמענט וועט גאַר גיך אָנקומען און אַז ניט געקוקט אויף אַלע מניעות, וועט מען סוף כל סוף באַקומען גלייכע רעכט.

„דער פרימאָרגן איז געקומען — איז לעוואַנדאַ מודיע מיט טריאומף — ברידער, הערט איר דאָס? וואַכט אויף איר, וואָס שלאָפט! וועקט זיך אויף איר, וואָס דרימלט! די נאַכט־שומרים גייען שוין אַראָפּ ביסלעכווייז פון זייערע פאָסטנס — הערט איר, ווי אויף דער הויפּטוואַך שלאָגט דער קאַיאַר! אָט, אָט — און עס וועט זיך פונאַנדערגיסן דאָס פרימאָרגנדיקע גלעקל און מענטשן וועלן זיך באַווייזן אויף די גאַסן; עס וועלן זיך אפשר עפענען די טירן אויך פון אונדזער שטוב און מיר וועלן צואײַלן זיך קומען צום גרויסן יום־טוב פון אונדזער גוטער „מאַטושקע־ערד״, לעבן זאָל זי און זאָל זי פאַרשאַפן פרייד אַלע אירע זין! און איר, די נייע כהנים, איר, וואָס איר זייט אונדזערע פאָלק טריבונען אין רוסלאַנד, שלאָגט אין די גלאָקן, וועקט אונדזער פאָלק! זאָלן אויפשטיין יונג און אַלט און גיין אַנטקעגן דעם געטלעכן ליכט.״

פונקט ווי דער „ראַזסוויעט״, איז אויך דער „סיאָן״ ניט גע־שטאַנען אונטער אַ פאַן פון אַסימילאַציע און האָט אויך ניט פאַר־טיידיקט דעם געדאַנק פון אַ פולשטענדיקן צונויפגיסן זיך מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

אין איינעם פון די ערשטע נומערן האָט דער זשורנאַל געהאַט אַ געלעגנהייט קלאָר זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דעם ענין. איינער אַ גאָלדענווייזער האָט אָפּגעדרוקט אין די „מאָסקאָווסקיע וויעדאָמאָסטי״ אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „די יידישע זשורנאַ־ליסטיק אין רוסלאַנד״, וואו דער מחבר אַנטוויקלט אַ געדאַנק, אַז מען דאַרף זיך ניט באַגנוגענען נאָר מיט אַ התקרבות צווישן יידן און די קריסטלעכע לאַנדסלייט, נאָר עס איז נויטיק טאַקע אַ פולשטענדיקע צונויפגיסן זיך.

„אין רוסלאַנד, — האָט ער דערקלערט, — דאַרפן מיר אַלע ווערן רוסן.״

דער „סיאָן״ האָט אים תיכף געענטפערט. זיינער אַ מיטאַרבע־טער, גאָלדענדאַך, האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן, פלאַמענדיקן

אַרטיקל א״נ „איינע פון די היינטצייטיקע יידישע פּראָבלעמען״ (נומער 6), אין וועלכן ער שרייבט אַזוי:

„אויב די התקרבות פון יידן מיט רוסן געפינט אַ וואַרימען געפיל אין האַרץ פון יעדן גוט־מיינענדיקן מענטשן, וועט אַן אַבסאָ־לוטע צונויפגיסן זיך, וואָס מיינט אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פון דער אייגענער זעלבסטשטענדיקייט און צוזאַמען מיט דעם אויך פון דעם אַלעמען, וואָס בינדט אונדז צונויף מיט אונדזער עבר — וועט זיכער אַזאַ אָפּקלאַנג ניט געפינען. עס איז שווער צו געפינען אַזאַ איינעם, וועמענס נשמה איז אַזוי פאַרטעמפּט געוואָרן, אַז ער זאָל אַן האַרצ־ווייטיק קענען פועלן ביי זיך אָפּרייסן זיך אינגאַנצן פון זיין אייגענעם עבר, בפרט נאָך, ווען דער דאָזיקער עבר שטעלט פאָר די גאָלדענע צייט פון זיין לעבן. דאָס וואָס איז אוממעגלעך פאַר אַ יחיד, דאָס איז אוודאי אוממעגלעך פאַר אַ כלל. און איר ווילט, אַז מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אונדזער עבר, אַז מיר זאָלן צעשטויבט ווערן! קוקט זיך אום, אין וואָס פאַר אַ צייט רעדט איר דאָס? אין אַ צייט ווען אין נאָמען פון נאַציאָנאַליזם גיסט זיך בלוט, בעת נאַציאָנאַליטעט איז דער „א״ און „ת״ פון אַלע פּאָליטישע געשעענישן.״

אויף גאָלדענווייזער׳ס טענות, אַז די „עקזיסטענץ פון אַ פאָלק אָן אַ טעריטאָריע איז אַן אַנאָמאַליע״ און „האָט קיין שום פּאָליטיש־היסטאָרישן זין ניט״ — ענטפערט גאָלדנדאָך אַזוי:

„איז דען ניט בעסער לאָזן אַן אַ זייט די פּוסטע חקירות און בעסער זיך צוקוקן וואָס טוט זיך אויף גאָטס וועלטל. איר שאַפט אַ טעאָריע און ווילט גאָרנישט ניט וויסן פון פאַקטן, וואָס פאַרליי־קענען זי..״

„און פאַקטן זאָגן קלאָר, — טענהט גאָלדענדאָך, — אַז יידן עקזיסטירן דווקא ווי אַ נאַציע. דאָס יידנטום, נאָך דעם ווי עס האָט פאַרלאָרן איר טעריטאָריע, איז געגליכן צו אַ געוויקס, וואָס איז אַרי־בערגעטראָגן געוואָרן אויף אַ נייער ערד. אָבער וועט דען אַ געוויקס זיך בייטן און פאַרלירן זיין „איך״ דורך דעם, וואָס ער וועט זיך אָננעמען אויף אַ נייעם באָדן? ער וועט „אָפּהיטן זיין נאַטור, הגם אייניקע שינויים וועלן אוממײַדלעך מוזן פאָרקומען. פּונקט אַזוי ווי אַ געוויקס, וואָס פּרעזערווירט זיין נאַטור, און איז אין דער זעלבער צייט פאַרבונדן מיט געוויקסן וואָס אַרום אים, און וואָס זיי אַלע ווערן געשפּייזט פון דער זעלבער ערד, אַזוי איז אויך מיטן יידנטום, וואָס היט אָפּ זיין נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט און

איז ענג פאַרבונדן מיט די פעלקער, מיט וועמען עס וואוינט אויף דעם זעלבן לאַנד.״

די רעדאַקציע פון „סיאָן״ האָט גאָר גיך געהאַט אַ געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן איר אייגענע מיינונג וועגן דעם ענין. זי האָט פאַר־טיידיקט גאַלדענדאַכס שטאַנדפּונקט. דאָס איז פאָרגעקומען אין שייכות מיט דער אַנטי־יידישער קאַמפּאַניע פון קולישעס אוקראַינישן זשורנאַל „אָסנאָוואַ״, וואו דער „יידישער שבט״ איז געטאַדלט גע־וואָרן, אַז נאָך עד־היום „לעבט ער אָפּגעזונדערט פון דער דרום־רוסישער באַפעלקערונג״.

„עד־היום, — האָט די „אָסנאָוואַ״ געשריבן, — האָבן זיי (די יידן) גאָרניט בשותפותדיקס מיט אונדזער פאָלק און האָבן ניט גע־מאַכט קיין איין טראָט פאָרויס כדי זיך צו דערנענטערן צו אים. פאַרקערט, ניט זעלטן טוען זיי זאַכן, וואָס זיינען להיפּוך צו דעם גייסט און דעם נוצן פון אונדזער פאָלק.״

„דער גורל, דער נוצן, דער גייסט פון איין נאַציע דאַרף, לויט אייער מיינונג, פאַרשלינגען אַנדערע פעלקער, — שרייבט אין שייכות מיט דעם דער „סיאָן״ (נומער 10), — זעט איר דען ניט אין דער אמתן, פונקט אַזוי ווי די אינקוויזיציע אין מיטלעלטער האָט ניט געזען, אַז לעבן מיינט פילגעשטאַלטיקייט? נאָר דער טויט איז איינגע־שטאַלטיק.״

די רעדאַקציע פון „סיאָן״ שטרייכט אונטער ווי געפערלעך עס איז אַרויסצושטעלן אין אַ לאַנד וואָס האָט אַ געמישטע באַפעלקערונג אַ לאָזונג, ווי די „אָסנאָוואַ״ האָט אים אַרויסגעשטעלט, בעת זי האָט געשריבן:

„פאַר אַ נאַציע איז קיין זאַך ניט אַזוי שעדלעך ווי די עקזיסטענץ צווישן איר פון אַנדערע פעלקער, וואָס האַלטן זיך אָן אַ זייט און זיינען גלייכגילטיק צו זייער גורל.״

„לויט אָט־דער דאָזיקער הנחה, — ווייזט אָן דער „סיאָן״ — דאַרף אין יעדן לאַנד זיין נאָר איין נאַציע, „וואָס זאָל הערשן איבער די אַנדערע און זיי איינשלינגען״. אַזאַ אויספיר איז אָן ספק ניט קיין געוואונטשענער פאַר די מאַלאָרוסישע פּאַטריאָטן פון דער „אָסנאָוואַ״.

„וואָס איז שייך קענען פאַראייניקן אייגענע נאַציאָנאַלע אינטע־רעסן מיט די פּאַטערלענדישע, אַלגעמיין־מענטשלעכע אָדער קאָסמאָ־פּאָליטישע, קענען יידן אין דעם פּרט זיין אַ מוסטער פאַר זייער „אַ סך פעלקער״ — דערקלערט מיט שטאָלץ דער „סיאָן״.

אין דעם ווייטערדיקן ויכוח מיט דער „אָסנאָוואַ“ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער „סיאָן“ גופא האָט קלאָר ניט פאַרשטאַנען דעם אונטערשייד צווישן די באַגריפן „נאַציע“ און „מלוכה“. דערפאַר זיינען זיינע מיינונגען וועגן נאַציאָנאַלע התחייבותן פון יידן מטושטש און ניט תמיד קאָנסעקווענט.

דער „סיאָן“ דערמאָנט אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „רוסקאַיאַ ריעטש“ און וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף די אַנטי־יידישע אַטאַקעס פון דער „אָסנאָוואַ“, און שרייבט אַזוי:

„אין דעם אַרטיקל אין „רוסקאַיאַ ריעטש“ געפינען מיר די זעלבע פאַרוואורפן, וואָס עס מאַכן אונדז אייניקע פון אונדזערע געבילדעטע אמונה־ברידער, דהיינו: אַז מיר חלומען וועגן פרעזערווירן די יידישע נאַציאָנאַליטעט, און ניט נאָר די יידישע אמונה.“

אויף דעם ענטפערט דער „סיאָן“, אַז אַזאַ פאַרוואורף איז ניט קיין באַרעכטיקטער.

„מיר, — דערקלערט דער „סיאָן“, — זאָגן אין ערגעץ ניט, אַז יידן מוזן אומבאַדינגט זיך באַמיען אָפּהיטן אַנדערע אייגנשאַפטן, חוץ זייער רעליגיע. מיר זאָגן נאָר תמיד, אַז קיינער האָט ניט קיין רעכט פאָדערן פון יידן, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע אומשעדלעכע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, נאָר דערפאַר, וואָס עמיצן געפעלן ניט די דאָזיקע אייגנשאַפטן און אַז יידן האָבן ניט נאָר דאָס רעכט, נאָר אַפילו אַ פליכט זיך אַנטקעגנשטעלן אַזעלכע פאָדערונגען און טאָקע אין נאָמען פון „פרייהייט און יושר“.

דער „סיאָן“ זאָגט זיך אַרויס פּרינציפּיעל קעגן ג ע צ וו ו א ו נ ג ע נ ע ר ר ו ס י פ י ק אַ צ י ע, איז אָבער אין דער זעלבער צייט פאַר אַ ר ו ס י פ י ק אַ צ י ע.

אין דעם ויכוח מיט דער „אָסנאָוואַ“ ווייזט דער „סיאָן“ אַן אויף דער ניט־פּאַסיקייט פון באַנוצן דעם אויסדרוק: פ אַ ר ד ע ר נ אַ צ י ע, וואָס וואָלט באַדאַרפט, לויט אים, פאַרביטן ווערן מיטן וואָרט: פ אַ ר ן ל אַ נ ד.

„דער ערשטער אויסדרוק מיינט, אַז אין אַ לאַנד מיט אַ באַפעלקערונג וואָס איז נאָך ניט אַסימילירט, האָט איין נאַציע דאָס פולע רעכט אויף דעם, אַז אַלע אַנדערע נאַציעס זאָלן צושטיין צו איר און ניט וואַגן זיין גלייכגילטיק צו איר, און אַז זי איז די איינציקע, הייסט עס, וואָס האָט דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו הערשן. אַזאַ טעאָריע קען מען ניט אָננעמען, ווייל זי איז בפירוש אומיושרדיק לגבי דער מינדערהייט.“

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס דער „סיאָן" רעדט וועגן אַ באַ־פעלקערונג, וואָס איז „נאָך ניט אַסימילירט".

„אויב, — שרייבט דער „סיאָן", — די פאָדערונג פון דער „אָסנאָוואַ" צו די יידן וואָלט נאָר געמיינט, אַז יידן אין אוקראַינע דאַרפן זיך רוסיפיצירן, איז קעגן אַזאַ פאָדערונג האָבן מיר גאָרניט אויסצוזעצן, ווייל דאָס איז אויך אונדזער וואונטש, ווי אויך דער וואונטש פון אַלע אויפגעקלערטע רוסישע אמונה־ברידער אונדזערע. דערפאַר טאַקע זאָרגן זיך אונדזערע אמונה־ברידער, אַז זייערע קינדער זאָלן האָבן רוסישע אַמען און ניאַנקעס און זיינען אַפילו עובר אויף דעם געזעץ, וואָס פאַרווערט זיי דאָס. צוליב דעם עפענען זיי שבת־דיקע אָוונט־קורסן. זיי שיקן זייערע זין אין רוסישע גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן און די טעכטער — אין רוסישע פּאַנסיאָנען און פּרויען־גימנאַזיעס."

דער „סיאָן" שטרייכט אָבער אונטער, אַז די „אָסנאָוואַ" וויל ניט, אַז די יידן אין אוקראַינע זאָלן זיך רוסיפיצירן, נאָר זי פאָדערט, אַז זיי זאָלן זיך אוקראַיניזירן (אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן). אויף דעם זאָגט דער זשורנאַל, אַז אַזאַ פאָדערונג, „אויב זי וואָלט אויסגעדריקט געוואָרן מיט אַ גוטן ווילן, אָן שום באַליידיקנדיקע און אומיושרדיקע טענות, וואָלטן מיר ניט געפונען קיין שום סיבות פאַר געבן אַ שאַרפע תשובה."

„מיר האָבן גאָרניט קעגן דער אוקראַיניזאַציע. די צרה איז אָבער, — איז דער „סיאָן" מוסיף, — אַז אַ פאָלקס־מאַסע נעמט בטבע ניט קיין עצות פון מענטשן, וואָס טעאָרעטיזירן. זי האַנדלט אַזוי, ווי עס דיקטירט איר די נויטווענדיקייט, די אומשטענדן, און אויך דער אייגענער אינסטינקט."

דעם דאָזיקן געדאַנק אַנטוויקלט דער „סיאָן" אויספירלעך אין אַן אַרטיקל א"נ „וועגן דער מעגלעכקייט פון אַן אינעווייניקסטער דערנענטערונג פון יידן מיטן רוסישן פאָלק".

„די געוויינטלאַכע טענות צו יידן, אַז זיי סעפּאַרירן זיך מיט זייער שפּראַך און חינוך, האָבן קיין שום זין ניט, — ווייזט אָן דער „סיאָן", ווייל דער גרעסטער טייל יידן אין רוסלאַנד האָט נאָך ניט דערפילט די נויטווענדיקייט אָוועקצוּוואַרפן זייער זשאַרגאָן, און דאָס איז זיכער ניט זייער שולד אַפילו."

רוסישע יידן וועלן אָנהייבן שטעלן אַזעלכע פראַגעס: „אויף וואָס דאַרפן מיר קענען רוסיש, בעת מיר פירן מסחרים לחלוטין ניט מיט רוסן, נאָר מיט דייטשן. מיר קענען אויך אונדזער בילדונג

באַקומען פון פרישן און רייכן דייטשישן קוואַל, וואָס איז ניט אַן ערך באַקוועמער און לייכטער פאַר אונדז, ווי דער רוסישער מקור. חוץ דעם, קענען די יידן, כ׳לעבן אַזוי זאָגן: ווי אַזוי קענען מיר זיך לייכט אויסלערנען רוסיש, אַז אונדז איז בכלל פאַרווערט תמיד צו וואוינען אין רוסלאַנד, אַז מיר טאָרן ניט האַלטן פאַר אונדזערע קינדער קיין קריסטלעכע דינסטן און אַפילו דרוקן אונדזערע מחזורים און דעם תנ״ך אין דער רוסישער שפּראַך האָט זיך אָנגע־שטויסן אויף גרויסע מניעות. דאָס באַקענען זיך פון די רוסישע יידן מיטן רוסישן לשון, דאָס מוז דורכגעפירט ווערן און וועט זיכער דורכגעפירט ווערן. אָבער דאָס וועט מקוים ווערן ניט פריער און ניט שפּעטער, נאָר אין דער צייט, ווען די רוסישע שפּראַך וועט פאַר־נעמען אַ חשובן אָרט אין דער אייראָפּעאישער וויסנשאַפט, ווען די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות און אייזנבאַנען וועט געבן רוסלאַנד אַ גאָר חשובן אָרט אין דער וועלט פון מסחר און ווען עס וועט קומען די צייט, אַז די באַציאונג פון מענטש צו מענטש וועט ניט זיין אָפּהענגיק פון זיין אָפּשטאַם אָדער אמונה. דעמאָלט וועט די רוסישע שפּראַך, לויט אונדזער מיינונג, זיין די שפּראַך פון דעם סאַמע צאַלרייכסטן און פלינקסטן פון אַלע שבטים וואָס באַוואוינען רוסלאַנד, פאַרשלינגען אַלע אַנדערע לשונות, אונדזער פאַלקס־זשאַר־גאָן און טיילווייז אויך אונדזער לומדישן לשון הקודש, איינגעשלאָסן.״

דער „סיאָן״ טרעט אַרויס קעגן דער טעאָריע, אַז „איין נאַציע האָט כלומרשט דאָס רעכט אויף אַן העגעמאָניע איבער אַנדערע, וואָס וואוינען אויף דער זעלבער טעריטאָריע״. אין דער זעלבער צייט, אָבער, איז דער זשורנאַל איבערצייגט, אַז אַ פּראָצעס פון אַ פריי־ווייליקער און ענדגילטיקער רוסיפיקאַציע פון אַלע פעלקער אין רוס־לאַנד איז ניט אומפאַרמיידלעך, נאָר איז אַפילו זייער געוואונטשן. אָנערקענענדיק אַז יידן זיינען אַ נ אַ צ י ע, האַלט אָבער דער „סיאָן״, אַז דער „נייער דור״ וועט אין אַלץ, חוץ דער אמונה, זיין „אינגאַנצן ענלעך״ צו דער באַפעלקערונג, וואָס רינגלט זיי אַרום. עס איז אמת, אַז ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, בעת די רעדאַקציע רעדט וועגן רע־ליגיע, גיט זי צו, אַז אונטער רעליגיע פאַרשטייט זי די „נאַציאָנאַ־ליטעט״ וואָס איז אין איר איינגעשלאָסן און וואָס היט אָפּ די „זכרונות פון עבר״, אָבער דאָס איז אַלץ דערקלערט זייער מטושטש און סכעמאַטיש. אָבער פאַר אַזאַ דערקלערונג קען מען בכלל די פּובלי־ציסטן פון „סיאָן״ ניט טאַדלען. אין יענער צייט איז די פראַגע פון

די קעגנזייטיקע שייכותן צווישן נאַציע און מלוכה געווען זייער ווייניק באַארבעט.

דער „סיאָן" איז ניט מיד געוואָרן אונטערצושטרייכן (אויף וויפל די צענזור־תנאים האָבן דאָס דערלויבט), אַז אַ פולשטענדיקע דערנענטערונג פון יידן מיט אַנדערע פעלקער איז ענג פאַרבונדן מיט דער פראַגע פון גלייכבאַרעכטיקונג. ער איז אָבער קיינמאָל ניט אַריינגעפאַלן אין אַן הכנעהדיק־בעטנדיקן טאָן און תמיד גערעדט וועגן די יידישע נויטן מיט אַ געפיל פון אייגענער חשיבות. אין דעם פרט איז כאַראַקטעריסטיש אַזאַ פאַקט: די דעמאָלטיקע אויפגע־קלערטע יידן, וואָס האָבן געקעמפט פאַר מענטשלעכע רעכט פאַר זיך, האָבן זיך באַמיט מיט כלערליי אופנים צו דעמאָנסטרירן זייער ברי־דערלעכע נאָענטקייט צו די אַרומיקע פעלקער. אין יאָר 1861 האָבן אויפן אָרט פון די טאַטאַרן, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון קרים קיין טערקיי, אָנגעהויבן אָנקומען באַדייטנדיקע טראַנספּאָרטן פון קריסטן, געוועזענע טערקישע אונטערטאַנער, על פי רוב בולגאַרן. די רוסישע רעגירונג האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט לייכטער מאַכן דאָס לעבן פון די נייע אונטערטאַנער. זי האָט זיי געשאָנקען לאַנד, און אַפילו צוגעשטעלט אייגענע שיפן כדי צו דערמעגלעכן די בול־גאַרן זיך באַזעצן אין דעם נייעם פאָטערלאַנד. ניט געקוקט אויף דער הילף, איז די לאַגע פון די נייע אימיגראַנטן געווען אין אָנהייב זייער אַ שווערע. אַ גרופּע קרימער יידן האָט באַשלאָסן לייכטער מאַכן די קלאָגעדיקע לאַגע פון די קאָלאָניסטן און האָט פאַר דעם צוועק אָנגע־הויבן קלייבן ביישטייערונגען. איינער װ. קאַגאַן האָט אַריינ־געשיקט אין „סיאָן" אַ בריוו און אַפּעלירט צום יידישן כלל צו העלפן די נויטבאַדערפטיקע בולגאַרן.

די רעדאַקציע פון „סיאָן" האָט מסכים געווען מיטן מחבר פון דעם בריוו אַז „די קלאָגעדיקע לאַגע פון די בולגאַרישע קאָלאָניסטן פאַרדינט באמת דעם פולסטן און אַקטיווסטן מיטגעפיל", דערביי אָבער האָט זי געהאַלטן פאַר נויטיק שטעלן עטלעכע קשיות:

„קודם־כל, וואָס וועט קרים געווינען פון אַזעלכע קאָלאָניסטן? וואָלט דען ניט געווען בעסער, אַז דאָס דאָזיקע וואונדערבאַרע לאַנד זאָל זיין אָפן, פאַרשטייט זיך אויף די זעלבע תנאים, פאַר אונדזערע אייגענע אָרימע לייט, רוסן אַזוי גוט ווי יידן, פאַר וועמען דאָס איבערטראַנספּערירן וואָלט ניט געווען אַזוי שווער און וואָלט ניט גע־פאָדערט אַזויפיל געלט, ניט פון דער מלוכה און ניט פון קהל?

ווייטער האָט די רעדאַקציע געפרעגט: „דאַרפן דאָס דווקא יידן העלפן באַזעצן די בולגאַרן אין רוסלאַנד, בעת זיי גופא האָבן אַפילו ניט קיין רעכט קויפן לאַנד, וואָס אַנדערע מעגן יאָ?"

*

עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז צוליב דרויסנדיקע סיבות האָט דער „סיאָן" פאַרשמעלערט דעם אָפּטייל פון פובליציסטיק און אָנשטאָט לייט־אַרטיקלען מעניני דיומא, געדרוקט היסטאָרישע און היסטאָריש־ליטעראַרישע אַרבעטן. אָבער דער אַקאַדעמישער כאַראַקטער פון „סיאָן" האָט אים פאָרט ניט געראַטעוועט פון צענזור־מניעות. אַזוי שנעל ווי דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן דעמאַסקירן די ליגנס פון די אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן פון דעם „דיען", וואָס אַקסאַקאָוו האָט אַרויסגעגעבן און פון דער אוקראַינאָפילישער „אָסנאָווא", האָבן זיך געהויבן די צענזור־רדיפות.

אין נומער 43 פון „סיאָן" (27טער אַפּריל, 1861) איז פאַראַן אַ מודעה, אַז די פובליקאַציע פון זשורנאַל וועט אָפּגעשטעלט ווערן.

„די באַזונדערע שוועריקייטן אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן, — שרייבט די רעדאַקציע, — בעת מען דאַרף אָפּלייקענען ניט־באַגרינדעטע באַשולדיקונגען, וואָס אייניקע אָרגאַנען פון דער רוסישער זשורנאַליסטיק מאַכט אויף די יידישע רעליגיע, ווי אויך די שוועריקייטן ביים אָנווייזן דעם אמתן גייסט פון דער דאָזיקער רעליגיע— צווינגט די רעדאַקציע אָפּשטעלן איר אויסגאַבע ביז עס וועט קענען אויסגעפועלט ווערן אַ סך אַ ברייטערער פּראָגראַם פון טעטיקייט."

אַזאַ פּראָגראַם איז אָבער ניט אויסגעפועלט געוואָרן און די רוסיש־יידישע פרעסע איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף גאַנצע זיבן יאָר.

4

דאָס גרינדן פון דעם „דיען". — זיין פּראָגראַם. — די אידעאָלאָגיע פון סטיכישער אַסימילאַציע. — אָרשאַנסקי, דער אידיאָישער טריבון פון זיין דור. — דער אָפּטימיזם בנוגע עמאַנציפּאַציע. — דער אָדעסער פּאָגראָם. — די נייע כוואַליע פון אַנטיסעמיטיזם. — דאָס געצוואונגענע שווייגן פון דעם „דיען". — זיין סוף.

דער אָדעסער אָפּטייל פון דער „חברה מפיצי השכלה" האָט לויט זיינע תקנות געהאָט דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אויף רוסיש אַ יידישע צייטשריפט. אין מאַי 1868 האָט די פאַרוואַלטונג אָנגעהויבן זיך משתדל צו זיין מכח אַ דערלויבעניש אויף אַן אָרגאַן א"נ „זאַריאַ,

לויטן פראגראם פון דעם „ראזסוויעט" און פון דעם „סיאן". א רוסיש־יידישער זשורנאליסט, ארנשטיין, א געוועזענער מיטארבעטער פון דעם פראגרעסיוון זשורנאל „ביבליאטעקא דלא טשטעניא" האט זיך אונטערגענומען ארויסצוגעבן אויף זיינע הוצאות אזא פעריא־דישע שריפט, בתנאי אז די חברה וועט נעמען אויף זיך די אויפגאבע צו באקומען די נויטיקע דערלויבעניש. די אונטערהאנדלונגען האבן געבראכט צו אזא אפמאך: ארנשטיין וועט זיין דער פערזענלעך־פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטאר. במשך פון די ערשטע צוויי יאר אבער וועלן אלע ארטיקלען דארפן האבן א לכתחילהדיקע הסכמה פון א רעדאקציע־קאלעגיע, וואס די חברה וועט באשטימען. צוליב אומבאקאנטע סיבות האבן די איניציאטארן געביטן דעם נאמען פון זשורנאל אויף „דיען" (טאג). די דערלויבעניש איז אנגעקומען אין פעברואר 1869. איידער מען איז צוגעטראטן אפילו ארויסצוגעבן דעם זשורנאל, האט די רעדאקציע אנגעהויבן זיך משתדל זיין, אז מען זאל דערלויבן אריינפירן אייניקע שינויים אין דעם פראגראם. זי האט זיך איבערצייגט, אז דער פראגראם פון „ראזסוויעט" איז שוין פאר־עלטערט סיי אין פארם און סיי אין אינהאלט. ממילא פאסט ער זיך ניט אריין אין די געענדערטע תנאים. ערשט נאך דעם ווי ס'איז דער־שינען דער פערטער נומער פון „דיען", איז די דערלויבעניש אנגע־קומען. אין דעם פראספעקט, ארויסגעשיקט אין מערץ 1869 איז אנגע־וויזן געווארן, אז דער „דיען" איז ניט נאר א באנייאונג פון די אמא־ליקע „ראזסוויעט" און „סיאן", נאר איז אויך זייער ווייטערדיקער און דירעקטער המשך.

„נאך דעם „ראזסוויעט" און „סיאן" איז שוין לעכערלעך צו באווייזן, אז די אמונה איז בשום אופן ניט קיין שטער פאר יידן צו זיין אויסגעצייכנטע בירגער. די חסרונות וואס מען שרייבט צו די יידן וועלן פארשווינדן, אזוי שנעל ווי עס וועלן פארשווינדן יענע סיבות, וואס האבן זיי גורם געווען. דער „ראזסוויעט" און דער „סיאן" האבן די יידן־פראגע ארויפגענומען פון דעם רעליגיעזן און היסטארישן באדן און אוועקגעשטעלט אויף א סאציאלער באזע. פון אונדזער זייט וואלט עס געווען אן אנאכראניזם איבערצוחזרן די דאזיקע אלטע זאכן. מיר דארפן ממשיך זיין די ארבעט, וואס אונדזערע פארלויפערס האבן געפירט מיט אזוי פיל דערפאלג. זיי האבן אונדז אנגעוויזן די דרכים, לויט וועלכע יידן זיינען דערגאנגען ביז צו זייער איצטיקן מעמד. אויף אונדזער גורל איז אויסגעפאלן די שווערע אויפגאבע אנצואווייזן דעם וועג, ווי אזוי מען קען זיך פון אים באפרייען."

„די יידן־פראַגע, — ווערט דאָרטן ווייטער געזאָגט, — איז ניט קיין רעליגיעזע פראַגע, ווי אייניקע נאַאיווע מענטשן מיינען, און אויך ניט קיין נאַציאָנאַלע, ווי עס זאָגן אַנדערע, אָן שום גרונט—נאָר אַ געזעלשאַפטלעכע, אַן עקאָנאָמישע. ניט דער גרויסער היסטאָרישער עבר פון יידן און ניט די גרויסע נבואה מכח זייער עתיד באַאומרואיקט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. די צילן און שטרעבונגען, וואָס יידן פון היינט האָבן, דער סאָציאַלער און בירגערלעכער מעמד, וואָס יידן גרייטן זיך צו פאַרנעמען אין דעם סאַמע נאָענטסטן עתיד — דאָס איז די הויפּט־זאַך. פאַר אונדז איז קודם־כל וויכטיק אָנמערקן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין וועלכע די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקע־רונג וועט זיך אינגאַנצן צונויפטרעפן מיט די אינטערעסן פון די אַנדערע רוסלענדישע בירגער, ווען ביידנס צילן וועלן זיך האַרמאָניש צונויפגיסן און אויפהערן גיין אין באַזונדערע דרכים."

דער ערשטער נומער פון „דיען", וואָס איז דערשינען דעם 16טן מאַי 1869, איז געווען פאַרבנלאָז. אַנשטאָט אַ פּראָגראַם־אַרטיקל, איז געווען געדרוקט אַ לייט־אַרטיקל מיט טענות קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם פון אייניקע רוסישע זשורנאַלן. אין דעם זעלבן נומער איז געווען געדרוקט אַן אָפענער בריוו פון אַדאָלף לאַנדוי, וועלכער איז שפּעטער געווען באַקאַנט ווי דער אַרויסגעבער פון „וואָסכאָד". לאַנדוי האָט געפאָדערט, אַז די רעדאַקציע זאָל קלאָרער אָנווייזן, מיט וואָס וועט זיך די דאָזיקע נייע וואָכנשריפט אויסצייכענען. דערביי האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ וואונטש, אַז די דאָזיקע אויסגאַבע „זאָל באמת זיין אַ ריכטיקער און פולער שפּיגל פון יידישן לעבן אין רוס־לאַנד, פון זיינע ליכטיקע און טונקעלע זייטן, פון זיינע אמתע נויטן און באַדערפעניששן."

„מיר ווילן, — שרייבט לאַנדוי צום סוף, — אַז אין אייער אויס־גאַבע זאָלט איר דורכפירן דעם געדאַנק און אָנווייזן דעם אמת, אַז די עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין רוסלאַנד איז ניט נאָר אין די אינטע־רעסן פון די יידן, נאָר אויך אין די אינטערעסן פון דער רוסלענ־דישער מלוכה און פון דער גאַנצער רוסלענדישער געזעלשאַפט."

צו דעם דאָזיקן בריוו האָט די רעדאַקציע מוסיף געווען אַזאַ טשיקאַווע הערה:

„מיר דרוקן דעם ווייט־ניט־באַשיידענעם בריוו פון לאַנדוי'ן און מיר נוצן אויס די דאָזיקע געלעגנהייט כדי מודיע צו זיין, אַז ענלעכע דעקלאַראַציעס, בכתב און בעל פה קומען אָן צו אונדז פון אַלע זייטן

און אין אַ גרויסער צאָל. מיר האַלטן אָבער, אַז אַזעלכע מיינונגען דאַרף מען ניט מגלה זיין. עס איז ניט אונדזער אויפגאַבע צו באַפרי־דיקן די פּריוואַטע נייגעריקייט פון יחידים. דערביי איז כדאי אָנצו־ווייזן אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן, אַז מיט עצות און מוסר־ווערטער זיינען מיר, ברוך השם, באַזאָרגט."

ערשט ווען עס איז דערשינען דער פינפטער נומער און דער זשורנאַל האָט פאַרברייטערט זיין פּראָגראַם, האָט זיך אָנגעהויבן בולטער אויסשיילן די ריכטונג און די פיזיאָנאָמיע פון דער נייער פּעריאָדישער אויסגאַבע.

פון נומער 16 אָן האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אַן אויספירלעכע אַרבעט פון ע. סאָלאָווייטשיק: „וועגן דער אויפלעבונג פון דער יידן־פראַגע" (געדרוקט אין דריי נומערן).

די הויפּט־טעמע פון זיין אַרבעט איז אַזאַ:

„די יידן פילן, אַז זייער ישועה ליגט אין צונויפשמעלצן זיך מיטן רוסישן פאָלק."

סאָלאָווייטשיק ברענגט אַ טשיקאַווע ציטאַטע פון די „מאָסקאָוו־סקיע וויעדאָמאָסטי", מיט וועלכער ער שטימט איין:

„מענטשן וואָס האַלטן זיך פאַר גוטע פּראַוואָסלאַווע און רוסישע לייט, האָבן פון שרעק אָנגעהויבן שרייען, אַז אין אונדזער פּרעסע האָט מען אויפגעהויבן די פראַגע פון יידישער עמאַנציפּאַציע. אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס די דאָזיקע עמאַנציפּאַציע פון יידן? איז דען דאָס ניט קודם־כל זייער עמאַנציפּאַציע פון יידישקייט? וואָס קען זיין מער יושרדיק, הומאַנער און ליבעראַלער פון אַזאַ עמאַנציפּאַציע? וואָס שטימט מער מיטן שכל הישר און איז ווערדיק אַ מלוכה פון אַ קריסטלעך לאַנד, ווי דווקא אַזאַ מין עמאַנציפּאַציע?"

סאָלאָווייטשיק מאַכט אייניקע ניט־וויכטיקע באַוואָרענישן מכח דער עמאַנציפּאַציע, אָבער אין תוך איז ער איינשטימיק מיט דער דאָזיקער מיינונג.

„ביי אַ סך געבילדעטע יידן, — שרייבט סאָלאָווייטשיק, — וועלן די דאָזיקע שורות זיכער נושא חן זיין, ווייל זיי ווינטשן זיך, אַז זייערע אמונה־ברידער זאָלן זיין גליקלעך און ווערן אַ טייל פון דעם גרויסן רוסישן פאָלק און טיילן מיט אים מי און נחת, טרויער און פרייד."

כדי אָבער וואָס גיכער צו דערגרייכן די אַזוי־געגאַרטע, פולסטע צונויפשמעלצונג פון די יידן מיטן רוסישן פאָלק, שלאָגט פאָר סאָלאָ־ווייטשיק אַזוי:

„אָפּשאַפן די אַזוי־גערופענע אַליינפאַרוואַלטונג פון יידן אין

דער פאָרמע פון די באַזונדערע יידישע חברות. דאָס איז אַ תּנאַי, נויטיק פאַר אַ בירגערלעכן צונויפגיסן זיך מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אויך דאַרפן פון אונדזער געזעצגעבונג אויסגעשלאָסן ווערן אַלע געזעצן, וואָס האָבן דערלויבט די אַליינפאַרוואַלטונג פון די יידישע חברות. דאָס דאַרף גיין האַנט־אין־האַנט מיט באַזייטיקן אַלע באַגרענעצונגען פאַר די יידן, וואָס לויטן געזעץ זיינען זיי נאָך אַלץ חל.״

דער עיקר־לאָזונג פון דעם „דיען״ איז: פאַרלייקענען אַלצדינג, חוץ די רעליגיע, וואָס קען נאָר אָפּטיילן די יידן פון די אַרומיקע תּושבים.

אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער הנחה, האָט דער „דיען״ ניט געוואָלט אָנערקענען, ניט נאָר די עלעמענטן פון וועלכער עס איז אַליינפאַרוואַלטונג, נאָר אַפילו ניט קיין ספּעציעלע יידישע בילדונג־אינסטיטוציעס.

„די בילדונג פון יידן האָט זיך נאָך ניט צונויפגעשמאָלצן מיט דער אַלגעמיינער בילדונג, — מוסרט דער „דיען״, — ווייל עס עקזיסטירן נאָך באַזונדערע יידישע שולן. אַלגעמיינע בילדונג דאַרפן יידן באַקומען אין אַלגעמיינע שולן, צוגלייך מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דער אימפּעריע.״

„אַ פולע דערנענטערונג און צונויפגיסן זיך מיט דער הערשנדיקער באַפעלקערונג, — שרייבט דער „דיען״, — דאָס איז דער משיח, וואָס ווערט דערוואַרט מיט אַ ציטער אין האַרצן מצד דעם בעסערן, געבילדעטערן טייל פון אונדזערע יידן. דאָס איז דער אידעאַל, וואָס, ווען ער וועט ווערן רעאַליזירט, וועט עס אומפאַרמיידלעך ברענגען צו דעם, אַז די שטיינערנע וואַנט, וואָס טיילט אָפּ און האַלט דאָס יידישע פאָלק פאַרמאַכט אַזוי פיל דורות, וועט חרוב ווערן. דער דאָזיקער ענגער און בולטער אין זיין אַנדערשקייט לעבנס־שטייגער האָט געבראַכט אַ סך שאָדן די יידן און אויך די פעלקער צווישן וועלכע יידן לעבן. דאָס מוז באַזייטיקט ווערן. אַזוי טראַכטן כמעט אַלע די, וועמען עס אינטערעסירט די יידישע פראַגע.״

דער איינציקער שטער פאַר דעם משיח׳ן, וועמען אַלע דערוואַרטן מיט אַ „צווייפל אין האַרצן״ זיינען, — לויט דעם „דיען״, — די רעכטלעכע באַגרענעצונגען, וואָס שטעלן די יידן אין אַן „אויסשליסלעכער לאַגע״ און שאַפן פאַר זיי „באַזונדערע אינטערעסן״.

להיפוך צו דער העברעאישער און יידישער פרעסע, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ פאָלקס־לעבן, און איז געווען דער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן לעבן, איז דער „דיען״ געווען די טריבונע פון דער

שוין אַסימילירטער, דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ. דערפאַר האָט ער זיך מער אָפּגעגעבן מיט דרויסנדיקע פאַקטאָרן. דערקעגן, דער אינע־ווייניקסטער פאַקטאָר בכלל און דער קולטורעלער און גייסטיקער לעבן בפרט האָט אים אַ סך ווייניקער אינטערעסירט.

דער „דיען" האָט געדרוקט צענדליקער אַרטיקלען כדי צו דע־מאַסקירן דעם מחבר פון „קניגאַ קאַגאַלאַ" (בראַפמאַן) אָדער וועגן דער באַדייטונג פון דער פראַנצייזיש־פּרייסישער מלחמה פאַר דעם רעכטלעכן מצב פון די דייטשישע און פראַנצייזישע יידן. וועגן דעם, אַז אין שויס פון רוסלענדישן יידנטום איז אָנגעגאַנגען אַ ליידנשאַפט־לעכער קאַמף צווישן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמיסטן, האָט זיך אַ לייענער פון „דיען" זיך דערוואוסט אַדאַנק אַ נאָטיץ, איבערגעדרוקט פון אַ רוסישער צייטונג.

דער „דיען" האָט אָפּגעגעבן אַ סך פּלאַץ פאַר „אויסלענדישע כראָניק", דאָס מיינט, וועגן דעם לעבן פון יידן אין מעריב־אייראָפּע. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ כיוון, כדי צו ווייזן, ווי עס לעבט זיך גוט די יידן אין אויסלאַנד און אויף אַזאַ אופן אילוסטרירן מיט ביי־שפּילן די געבענטשטע פעולה פון דער עמאַנציפּאַציע.

דער „דיען" האָט מיט גרויס התמדה רעגיסטרירט יעדע אויס־צייכענונג פון אַן אויסלענדישן באַאַמטן אָדער מיליטער־מענטש פון יידישן גלויבן. אַלע פאַקטן און געשעענישן פון ניט־רוסישן און רוסישן לעבן זיינען געווען גרופּירט אַרום איין צענטראַלער אידייע — דאָס איז געווען די אידייע פון בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע פון יידן. אויך די פּובליציסטן פון „דיען" האָבן זיך באַמיט צו באַלויכטן די דאָזיקע, לויט זייער קוק, צענטראַלע פראַגע, ניט פון שטאַנדפּונקט פון הומאַניזם און סואווערענע רעכט פון דעם יחיד, נאָר פון שטאַנד־פּונקט פון אוטיליטאַרישקייט און מלוכהשער טובה. די ניקאָלייעווישע רעגירונג האָט געוואָלט דורך אייראָפּעאישע בילדונג און פּראָדוק־טיווע אַרבעט מאַכן יידן „ניט שעדלעך". די פּובליציסטן פון „דיען" האָבן סיסטעמאַטיש אונטערגעשטראָכן, אַז אויב מען וועט באַזייטיקן די באַגרענעצונגען, וועלן די יידן קענען זיין זייער נוצלעך פאַר דער מלוכה, סאָציאַל אַזוי גוט ווי פּאָליטיש.

די פּובליציסטן פון „דיען" האָבן תמיד אונטערגעשטראָכן, אַז „יידן קענען זיין פאַר רוסלאַנד נוצלעך ווי סוחרים" און אויך ווי בעלי־מלאָכות און ערד־אַרבעטער.

חוץ דעם סאָציאַלן נוצן איז אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן די

ראָל, וואָס רוסיפיצירטע יידן קענען שפּילן, פאַרשטייט זיך, נאָך דעם ווי מען וועט באַזייטיקן אַלע באַגרענעצונגען פאַר זיי, אין דער „היסטאָרישער אַרבעט", וואָס ווערט דורכגעפירט אין די מעריב־געגנטן". דאָס מיינט אין ליטע און אין ווייסרוסלאַנד.

דאָרטן ווערט דורכגעפירט די „היסטאָרישע אַרבעט", וואָס איר „אידעאַלע אויפגאַבע" איז „פולע אַסימילאַציע פון פאַרשיידענע עטנישע עלעמענטן און צונויפגיסן זיי מיט דער עכטער רוסישער נאַציע", — שרייבט דער „סיאָן".

דער דאַזיקער קוק אויף דער ראָל פון יידן אין דער אַרבעט צו רוסיפיצירן די מעריב־געגנטן האָט געפונען זיין בולטסטן טריבון אין דער געשטאַלט פון דעם בעסטן און טאַלענטירטסטן פובליציסט פון „דיען" — א י ל י א אָ ר ש אַ נ ס ק י (1846—1875). די דאַזיקע טענדענצן און געדאַנקען, וואָס זיינען רייף געוואָרן אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט פון דער אַסימילאַציע, האָבן דווקא אין די אַרטיקלען פון דעם דאַזיקן יונג־פאַרשטאָרבענעם פובליציסט געפונען די פולע און בולטע אַנט־וויקלונג.

אָרשאַנסקי האָט פאַרטיידיקט אַן „אויסשליסלעך אוטיליטאַר־עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט". דער דאַזיקער זייער־טאַלאַנטירטער פובליציסט האָט געהאַלטן, אַז דאָס „פאַרברייטערן פון דעם תחום המושב אויף גאַנץ רוסלאַנד" וועט זיין ניט נאָר אַן אַקט פון יושר, נאָר קודם־כל אַן אַקט פון מלוכהשער קלוגשאַפט, ווייל נאָר אַזאַ „פּראַקטיש, אַקטיוו און פעאיק פאָלק" ווי יידן, קענען אַ סך ביי־שטייערן צו דעם אויפלעבן פון מסחר און פון דעם שטאַטישן לעבן. מיט אַ סך ליידנשאַפט האָט ער אויף די שפּאַלטן פון „דיען" אַנט־וויקלט די מלוכהש־פּאָליטישע באַדייטונג פון יידן פאַרן פּראָבלעם פון רוסיפיצירן דעם מעריב־געגנט. אָרשאַנסקי אידענטיפיצירט מלוכה מיט נאַציע. דערפאַר איז ער געווען טיף איבערצייגט, אַז צווישן די קאַרדינאַלע אויפגאַבעס פון דער אינעווייניקסטער פּאָליטיק פון דער רוסישער מלוכה פאַרנעמט די פראַגע פון רוסיפיקאַציע פון דער אַנדערש־גלויביקער און עטניש־פרעמדער באַפעלקערונג פון „אונדזערע קרעסן" — דעם אויבן־אָן, ווייל דאָס מיינט אַ „פולשטענדיקע פאַר־אייניקונג פון דעם פרעמדן עלעמענט מיט דער הערשנדיקער נאַציע".

דערגרייכן דעם דאַזיקן „געוואונטשטן ציל פון אַ נאַציאָנאַלער אחדות פון דער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד" איז מעגלעך, לויט

אַרשאַנסקין, ניט דורך אַ „סיסטעם פון באַגרענעצונגען, אויסנאַמען און פריווילעגיעס", נאָר דורך „אַלגעמיינע פרינציפּן פון יושר, גלייכע רעכט און טובת הכלל."

מיט גרויס טריאומף ווייזט אַרשאַנסקי אָן אויף דעם, אַז פון אַלע פרעמדע גרופּעס זיינען יידן די איינציקע, וואָס האָבן די ערשטע זיך דערפילט ניט נאָר ווי מענטשן און בירגער, נאָר ווי רוסישע מענטשן און ווי בירגער פון רוסלאַנד."

די שטרעבונג צו באַהערשן די רוסישע שפּראַך, איבערנעמען די מנהגים, דעם אופן פון דענקען און בכלל דעם גאַנצן „רוסישן פאָלק־עלעמענט", וועט מוזן גיין פאָרויס אין אַ זייער פאַרשנעלערטער טעמפּאָ, אויב עס וועלן באַזייטיקט ווערן אַלע דרויסנדיקע מניעות, ד"ה די רעכטלעכע באַגרענעצונגען.

„עס איז נייטיק, — שרייבט אַרשאַנסקי, — אָפּצושאַפן די יידן אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי זאָלן זיך דערפילן און זיך באַטראַכטן ווי פרייע בירגער פון אַ פריי און ציוויליזירט לאַנד. דעמאָלט וועט דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג דער־גרייכט ווערן פון זיך גופא."

ביי אַזאַ אינטענסיוון שטרעבן צו „מאַכן אייגן דאָס רוסישע פאָלקסטום" האָט אַרשאַנסקי געגלויבט, אַז מען דאַרף דערוואַרטן זייער אַ סך פון דעם „אָנטייל פון יידן אין דער רוסיפיקאַציע פון דעם מעריב־געגנט."

אַנאַליזירנדיק די פּאָליטישע באַדייטונג פון די יידן אין פּוילן, מאָלט אַרשאַנסקי די איינגעפונדעוועטע באַציאונגען פון פעאָדאַלן פּוילן צו די יידישע קאָלאָניסטן אין אַזעלכע טונקעלע פאַרבן, ווי עס האָט דאָס געטאָן לעוואַנדאַ.

די רעדאַקציע פון „דיען" האָט אַפילו געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַמערקן, אַז אין איין פּרט שטימט זי ניט איין מיט איר חשובן מיטאַרבעטער.

„מען טאָר ניט פאַרגעסן, — שרייבט די רעדאַקציע, — אַז פּוילן האָט געגעבן די יידן אַ מקום מקלט אין אַ צייט, ווען אין גאַנץ אייראָפּע האָט מען זיי געברענט."

די פּובליציסטן פון „דיען" זיינען געווען איבערצייגט, אַז זיי זיינען ערב דער גרויסער רעוואָלוציע פון זייער אַלטן חלום — פון באַקומען עמאַנציפּאַציע פאַר יידן.

„די ידיעות וועגן די וויכטיקע באַשטימונגען וואָס דאַרפֿן אָנגענומען ווערן בנוגע די רוסישע יידן, — האָט דער „דיען" געמאָלדן אין זיין לעצטן נומער פון יאָר 1870, — הייבן אָן אָננעמען אַלץ מער און מער אַ קאָנקרעטע פאָרם. מען רעדט שוין אַפילו וועגן דעם טערמין, ווען די נייע תקנות, וואָס ווערן דערמאָנט מיט אומגעדולד, זאָלן מגלה ווערן."

אין יענעם מאָמענט פון גרויסע דערוואַרטונגען האָט זיך אויף דער אָדעסער יידישער באַפעלקערונג פלוצלונג אָנגערוקט אַ קאַטאַסטראָפע. פסח 1871 איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם. דעם סאַמע דערשיטערנדיקסטן איינדרוק האָבן געמאַכט ניט אַזוי די רויבערייען פון צעווילדעוועטע אונטערוועלט־מענטשן, ווי די הסכמה וואָס די דאָזיקע פאַרברעכנס פון המון האָט געפונען אין די רייען פון דעם קריסטלעכן מיטלשטאַנד און אַפילו אינטעליגענטן. אָרשאַנסקי, וואָס איז געווען צייטווייליק דער רעדאַקטאָר פון „דיען", האָט אָנגעשריבן אַ פּראָטעסט־אַרטיקל אין שייכות מיטן פּאָגראָם. דער דאָזיקער אַרטיקל האָט אָבער צוליב „סיבות, ניט אָפּהענגיק פון דער רעדאַקציע", ניט געקענט דערשיינען, כדי ניט „אַרויסצורופן קיין קלאַסן־אַנטאַגאָניזם", האָט דער „דיען" זיך געמוזט באַגנוגענען מיט אַ טרוקענער כראָניקאַלישער נאָטיץ און מיט אַ רשימה פון מנדבים „לטובת די געליטענע פון די יום־טובדיקע אומרוען."

„כמעט דריי וואָכן זיינען פאַרביי זינט אין אָדעס זיינען פאָרגעקומען אומדערהערטע געשעענישן, — האָט דער „דיען" געשריבן (16טער אַפּריל, 1871). — די אייגענע און אויסלענדישע בלעטער זיינען פול מיט פּרטימדיקע באַשרייבונגען וועגן דעם. אונדזער אייגענע אויסגאַבע אָבער, וואָס דאַרף דינען ווי די טריבונע פון די רוסישע יידן און זיין דער אויסדרוק פון זייערע נויטן, וואונטשן, כוונות, פרייד און טרויער — האָט וועגן דעם קוים געקענט מרמז זיין. דאַרפן מיר זיך אַנטשולדיקן פאַר אונדזערע לייענער פאַר אונדזער שווייגן, וואָס קען קוים באַרעכטיקט ווערן. אפשר גאָר אַרויסברענגען די סיבות פון דער דאָזיקער איבערראַשונג, וואָס האָט אונדז געצוואונגען צו שווייגן?"

אומזיסט האָט דער „דיען" זיך באַמיט אָנווייזן די אָדעסער יידן, אַז מען דאַרף אָנקלאָגן אין געריכט די שולדיקע אין פּאָגראָם און זוכן אַ געזעצלעכע אַנטשעדיקונג לטובת די אומשולדיק־געליטענע. אין שייכות מיט די אָדעסער געשעענישן האָבן אייניקע בלעטער אין

די הויפטשטעט פון רוסלאַנד בכלל און אין דרום־רוסלאַנד בפרט, אָנגעהויבן אין יענער צייט אַ ביטערע אַטאַקע אויף דער „עקספּלו־אַטירנדיקע" ראָל פון יידן. דער „דיען" האָט צוליב די שווערע צענזור־מניעות ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן אָפּצושלאָגן די דאָזיקע אַטאַ־קעס. נאָך אַ קורצן קאַמף איז דער גורל פון „דיען" געווען אַ פאַר־חתמעטער. אין דעם נומער 28, וואָס איז דערשינען דעם 8טן יוני 1871, איז געווען אָפּגעדרוקט אַזאַ מודעה פון דער רעדאַקציע:

„צוליב ניט־פאַרויסגעזעענע סיבות ווערט די צייטונג „דיען" אויף אַ צייט אָפּגעשטעלט. וועגן דעם טערמין פון באַנייען וועט מען באַצייטנס לאָזן וויסן די אַבאָנענטן."

אָבער צו אַזאַ באַנייאונג איז קיינמאָל ניט געקומען.

5.

דער „וויעסטניק רוסקיך יעווריעוו" פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים. — מען זוכט אַ רעדאַקטאָר. — דער פּראָגראַם פון זשורנאַל. — זיין סוף. „די יידישע ביבליאָטעק" פון אַדאָלף לאַנדוי. — איר פּראָגראַם. — די היסטאָרישע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. — לעוואַנדאַ'ס „הייסע צייט". — יהודה־ליב גאָרדאָן, דער טריבון פון רוסיפיקאַציע. — אַסימילאַ־טאָרישע טעאָריעס. — דאָס רוסישע פאָלק דאַרף פאַרשלינגען די רוסישע יידן". — דער שטאַנדפּונקט פון דעם אַרויסגעבער.

אָנהייב 1869 איז אַלעקסאַנדער צעדערבוימען געלונגען צו באַ־קומען אַ דערלויבעניש אויף אַ רוסישן זשורנאַל פאַר יידן א"נ „פּאָ־סרעדניק" (דער פאַרמיטלער). היות ווי דעמאָלט האָט אָנגעהויבן אַרויס־צוגיין אין אָדעס דער „דיען", האָט דער אומדערמידלעכער צעדער־בוים זיך גענומען משתדל צו זיין, אַז מען זאָל אים דערלויבן איבער־צוטראָגן קיין פּעטערבורג זיינע צוויי זשורנאַלן (דעם „המליץ" און דעם „קול מבשר"). ביי דער געלעגנהייט האָט ער געענדערט דעם נאָמען פון דעם רוסישן זשורנאַל אויף „וויעסטניק רוסקיך יעווריעוו" (דער מבשר פון די רוסישע יידן).

יאַנואַר 1870 האָט צעדערבוים ענדלעך באַקומען די דערלוי־בעניש. עס איז אים אויך געלונגען צו באַקומען פון אייניקע יידישע מעצענאַטן אין פּעטערבורג אַ וואַגיקע סובסידיע. די דאָזיקע מעצע־נאַטן זיינען געשטאַנען זייער נאָענט צו דער „חברה מפיצי השכלה". עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די הויפּט־מניעה איז געווען

ניט אין געלט, נאָר אין אַ פּאַסיקן רעדאַקטאָר. צעדערבוים איז בכלל געווען אַ ביסל שטומפּיק אויף דער „רוסישער עברי". ווען עס האָט זיך באַוויזן די ידיעה אַז ער ווערט אַ רעדאַקטאָר פון אַ רוסישער אויסגאַבע, האָט דער „דיען" געשריבן מיט פאַרוואונדערונג אַזוי:

„מענטשן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן ניט אָנגעשריבן קיין איין שורה אויף רוסיש, נעמען זיך אונטער, פון דער העלער הויט, רעדאַקטירן רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן."

אָבער צעדערבוים האָט זיך ניט מיאש געווען. מיט דער זעלבער לייכטזיניקער זיכערקייט מיט וועלכער ער האָט זיך אונטערגענומען איבערצייגן רבנים מכוח דער נויטווענדיקייט פון רעפאָרמען, האָט ער זיך אויך איינגערעדט, אַז ער איז דער פּאַסיקער מענטש צו פירן און צו אינספּירירן אַ רוסישן אָרגאַן. ער האָט גאַנץ ענערגיש אָנגעהויבן זוכן פאַר זיך אַ געהילף. צווישן די יידישע ליטעראַטן האָט ער אָבער קיין בעלנים ניט געקענט געפינען. דעריבער האָט ער געזוכט מזל ביי רוסישע ליטעראַטן. קודם־כל האָט ער אָנגעהויבן פירן אונטער־האַנדלונגען מיט א. געאָרגעווסקי, וואָס איז געווען אַמאָל אַ מיטאַרבעטער פון „ראַזסוויעט" און שפּעטער דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל פון דעם רוסישן בילדונג־מיניסטעריום. יענער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט. צעדערבוים האָט דעמאָלט איינגעלאַדן דעם זשורנאַ־ליסט יעווגעני קאַרנאָוויטש, אויך אַ געוועזענער מיט־אַרבעטער פון „ראַזסוויעט" און דער מחבר פון אַ בוך וועגן דער יידן־פראַגע אין רוסלאַנד, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1863.

אָקטאָבער 1870 האָט זיך באַוויזן אַ פּראָספּעקט געחתמעט פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים'ען און זיין איידים אהרן יצחק גאָלדענ־בלום (1827—1913).

אין דעם דאָזיקן פּראָספּעקט ווערט זייער אומגעלומפּערט פאָר־מולירט די פּלאַטפאָרמע פון דעם נייעם אָרגאַן.

„דער נאָמען גופא פון דעם בלאַט, — לייענט זיך אין פּראָספּעקט, — באַווייזט, אַז די צייטונג וועט דינען ווי אַן אָרגאַן פון די רוסישע יידן. הגם באַשטימט נאָר פאַר זיי, וועט די רעדאַקציע אָבער האָבן אין זינען ניט נאָר די יידישע, נאָר אויך די רוסישע לייענער. דערפאַר שטעלן מיר זיך פאַר אַ ציל אויפצוקלערן פאַר די יידן־לייענער די מאָדערנע פּראָבלעמען און געשעענישן פון דעם שטאַנדפּונקט, ווי די געבילדעטע רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט קוקט אויף זיי. גלייכצייטיק ווילן אָבער רוסישע לייענער געפינען אין אונדזער בלאַט די בליקן

אויף די זעלבע פראָבלעמען און געשעענישן. עס וועט אויפגעקלערט ווערן די סיבה פון דער הייניטיקער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער און פון זייערע רעליגיעזע און סאָציאַלע באַגריפן. אַזאַ קאָמבינאַציע פון ביידע שטאַנדפּונקטן אין דעם אָרגאַן פון רוסי־שע יידן, האַלטן מיר פאַר דעם בעסטן מיטל כדי אויפצוקלערן די דאָזיקע פּראָבלעמען, לגבי וועלכע עס קענען אַמאָל זיין פאַרשיידענע און אַפילו היפּוכדיקע מיינונגען ביי די יידן, אַזוי גוט ווי ביי די רוסן. אַ קעגנזייטיקער אויסטויש פון די דאָזיקע מיינונגען, אָנווענדן אַ אָביעקטיוון פועל־יוצא געמאַכט אויפן סמך פון פאַרשיידענע טעאָ־רעטישע בליקן מכח רעכט און דעם שטייגער פון יידן אין שייכות מיט די אמתע נויטן פון אונדזער צייט — דאָס וועט הויפּטזעכלעך זיין דער ציל פון אונדזער אויסגאַבע."

די צייטונג גופא, וואָס איר ערשטער נומער איז דערשינען דעם 3טן יאַנואַר 1871 איז געווען פונקט אַזוי מטושטש און צע־שוואומען, ווי עס איז דער אויבן־ציטירטער פּראָספּעקט. אַפילו נאָך דעם ווי דער „דיען" האָט זיך פאַרמאַכט איז קיין איין חשובער מיט־אַרבעטער ניט אַריבער פון דאָרטן צו צעדערבוימען. מען האָט אָנגע־פילט דעם זשורנאַל מיט צופעליק־צונויפגעשטשאַבעטן מאַטעריאַל. די הויפּט־טעמע פון דעם דאָזיקן אָרגאַן איז געווען חקירות מכח „דערנענטערונג" און „צונויפגיסן זיך". דער לייט־אַרטיקל פון דעם ערשטן נומער איז געווען אַן ענטפער אויף אַ באַמערקונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַ רוסישע צייטונג, אַז „די עקזיסטענץ אין רוסלאַנד פון אַ באַזונדערן יידישן אָרגאַן אין דער רוסישער שפּראַך איז אומנויטיק, און אַפילו שעדלעך, ווייל דאָס איז אַ פאַקטאָר, וואָס סעפּאַרירט יידן פון קריסטן. אויף די טענה ענטפערט דער „וויעסטניק" אַז וואָס איז שייך יידן גופא, איז דאָס טאַקע זייער וואונטש, אַז דער דאָזיקער געדאַנק זאָל וואָס שנעלער מקוים ווערן, דאָס מיינט, אַז יידן זאָלן נאָר קענען אָפּהיטן זייער אמונה און בירגערלעך און סאָציאַל זיך איינגאַנצן דערנענטערן צום רוסישן פאָלק.

„דעמאָלט, — שרייבט די רעדאַקציע, — וועט טאַקע אין דער אמתן זיין לחלוטין אומנויטיק צו האָבן אַ ספּעציעלן רוסיש־יידישן אָרגאַן, ווי אַ ליטעראַריש־פּאָליטישע צייטונג, ווייל די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד וועלן זיין איינגאַנצן אידענטיש מיט די אינטערעסן פון דער גאַנצער קריסטלעכער באַ־פעלקערונג."

דער „וויעסטניק“ האָט ליב געהאַט ציטירן דעם ליבעראַלן „גאָלאָס“ (די שטימע), וואָס האָט געשריבן, אַז יידן דאַרפן זיך ניט קלאַמערן צו זייער אייגנאַרטיקן לעבן נאָר, פאַרקערט, זיין גרייט פרייוויליק מקריב זיין די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט און אַזוי אַרום „זיך צונויפגיסן אין אַלע ענינים מיט אַנדערע רוסישע בירגער, חוץ אפשר דער רעליגיע.“

„פון אונדזער צד, — מאַכט דער „וויעסטניק“ אַ באַמערקונג, — דאַרף אָבער קלאָר געזאָגט ווערן, אַז מיר זיינען מסכים אַריינ־נעמען אין אונדזער פּראָגראַם די דאָזיקע שורות פון דעם „גאָלאָס“, נאָר מיט אַ קליינעם קאָרעקטיוו: אַנשטאָט „חוץ אפשר דער רע־ליגיע“, דאַרף מען אַריינשטעלן „חוץ אוודאי די רעליגיע“. מיר האָבן קיינמאָל ניט געטראַכט און האָבן ניט בדעה צו טראַכטן, אַז מען דאַרף פאַרטיידיקן די ספּעציפישקייטן פון דעם יידישן לעבן, וואָס שאַפן די מחיצה צווישן ייד און רוס. די רעליגיעזע פראַגע דאַרף אָבער אויסגעשלאָסן ווערן.“

„דער סימן מובהק פון אַ פּראָגרעסיווער ריכטונג, — האָט די רעדאַקציע דערקלערט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, — באַשטייט אין דער שטרעבונג אַפּצוהיטן אומבאַרירט די אמונה פון די אבות. וואָס איז שייך דאָס איבעריקע, איז דער איינציקער אידעאַל — זיך צונויפ־גיסן, אָן שום תנאים, מיטן רוסישן פאָלק. מיר סימפּאַטיזירן מיט אַזאַ ריכטונג, ווייל מיר זעען די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון אַן ענלע־כער ריכטונג אין אַ סך לענדער פון מעריב־אייראָפּע, וואו אין איצ־טיקן מאָמענט אונטערשיידט זיך דער ייד פון דעם ניט־ייד נאָר לויט אמונה.“

צעדערבוים האָט גערעכנט, אַז ער וועט אַריינבאַקומען יידישע און רוסישע לייענער. דאָס איז אָבער ניט מקוים געוואָרן. יידן האָבן ווייניק געלייענט זיין בלאַט, אַ פּשיטאַ — רוסן. די שוועריקייטן וואָס ער האָט געהאַט מיטן אַריבערפאָרן קיין פּעטערבורג און אָרגאַ־ניזירן דאָרטן אַ נייע דרוקעריי, האָבן אים געבראַכן פינאַנסיעל. סוף 1871 האָט ער געמוזט, חוץ דעם „המליץ“, צייטווייליק אָפּשטעלן אויך דעם „וויעסטניק“.

מיט זעקס חדשים שפּעטער האָט ער אים באַנייט. דאָס איז געווען אין יולי 1872. אָבער דער זשורנאַל האָט שוין קיין אריכת שנים ניט געהאַט. אין יאָר 1873 האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם 25־טן נומער. ערשט מיט זעקס יאָר שפּעטער איז דער זשורנאַל

באַנייט געוואָרן אונטער אַן אַנדער נאָמען און אויך אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען.

אין משך פון די דאָזיקע זעקס יאָר איז די איינציקע רוסיש־יידישע אויסגאַבע געווען דער יאָרבוך „יעווריעיסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ“, וואָס אַדאָלף לאַנדוי (1842—1902) האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין יאָר 1871 און וואָס האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן דערפאָלג.(9)

„מיר ווילן דאָ דערקלערן, — שרייבט לאַנדוי אין דער הקדמה צום צווייטן באַנד — אַז אונדזער זאַמלבוך איז ניט קיין אָרגאַן פון וועלכער עס איז יידישער פּאַרטיי, כדי צו פירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן. מיר האָבן בדעה, הויפּטזעכלעך, באַקענען דעם רוסישן לייענער מיט דעם, וואָס זיינען יידן געווען, וואָס זיינען זיי איצט און וואָס קען פון זיי ווערן ביי געוויסע תנאים. אויב די לייענער וועלן קענען, אויפן סמך פון די געבראַכטע פאַקטן, קומען צו אַן אויספיר וועגן דעם, וואָס יידן זיינען געווען, דאַן וועלן זיי קענען אין הסכם מיט אונדזער אינטערפּרעטאַציע אורטיילן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ מיינונגען און בליקן עס הערשן היינט־צו־טאָג ביי יידן און וואָס עס ווילן און שטרעבן פאַרשיידענע יידישע פאָר־שטייער.“

די הויפּט־וויכטיקייט פון די ערשטע בענד פון דער רוסישער „יידישער ביבליאָטעק“ באַשטייט אין דער אמתן אין די אַרטיקלען וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דעם „וואָס יידן זיינען געווען“. די פּרעכטיקע שטודיען פון אָרשאַנסקין, די אַרטיקלען פון מנשה מאַרגוליס צו דער געשיכטע פון בילדונג ביי רוסישע יידן, שלמה מיימאָנ׳ס אויטאָביאָגראַפיע און אייניקע איבערזעצונגען פון דייטשישע מחברים אויף יודאַאיסטישע טעמעס — שטעלן מיט זיך פאָר אַ ווערטפולן צושטייער פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט אַן אינטערעס אין דער יידישער געשיכטע און קולטור. די עניני דיומא האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די דאָזיקע יאָרביכער נאָר אין אויסנאַם פאַלן און בדרך כלל דורך זייטיקע וועגן. לעוואַנדאַ, למשל, האָט אין זיין ראָמאַן „די הייסע צייט“, וואָס האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין די ערשטע

---

9) כך-הכל זיינען דערשינען צען בענד. דער ערשטער באַנד איז אַרויס אין 1881 אין אַ צווייטער אויפלאַגע. צווישן פינפטן און זעקסטן באַנד איז געווען אַן הפסקה פון דריי יאָר (1875—1878). נאָך דעם אַכטן באַנד, וואָס איז דערשינען אין 1880 האָט זיך די „יעווריייסקאַיאַ ביבליאָטעקאַ“ פאַרוואַנדלט אין דעם חודש-זשורנאַל „וואָסכאָד“. צוואַנציק יאָר שפּעטער זיינען דערשינען די לעצטע צוויי בענד (9 און 10).

פיר בענד פון דער „יידישער ביבליאָטעק", אַרויסגעבראַכט אַן אַקטועלן מאָמענט. דער העלד פון זיין ראָמאַן, סאַרין, דער פאַרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ, זאָגט אַז „מיר דאַרפן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז דאָס באַרבאַרישע רוסלאַנד און ניט דאָס ציוויליזירטע פוילן האָט אָנגעהויבן זאָרגן מכח אונדזער בילדונג און דערציאונג. די דערוואַכונג פון אונדזער אַליינבאַוואוסטזיין האָבן מיר צו פאַרדאַנקען רוסלאַנד, און ניט פוילן."

„אונדזער פּראָגראַם, — זאָגט ווייטער סאַרין, — באַשטייט אין דעם, אַז מען זאָל פון יידן מאַכן רוסן. אונדז אינטערעסירט לגמרי ניט, וועמענס ציוויליזאַציע איז אַ העכערע. עס האַנדלט זיך לעת־עתה ניט וועגן אַ ציוויליזאַציע, נאָר וועגן פאַלקסטום, ד"ה וועגן גייסט און שפּראַך. מיר לעבן אין רוסלאַנד, און דעריבער דאַרפן מיר ווערן רוסן."

יהודה־ליב גאָרדאָן האָט אין זיין „איבערבליק פון דער יידישער ליטעראַטור" דורך אַגבדיק אויסגעדריקט די מיינונג, אַז „אים וועט מען זיכער ניט קענען באַשולדיקן אין קעגנערשאַפט צו אַ תיכּפדיקער און פולשטענדיקער רוסיפיקאַציע פון אונדזערע אמונה ברידער." אין אַן אַנדער אַרטיקל האָט דער זעלבער מחבר אונטערגעשטראָכן דעם „אמת", אַז „בילדונג וועט אומבאַדינגט פירן די רוסישע יידן צו אַ פולשטענדיקער רוסיפיקאַציע."

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין דער „יידישער ביבליאָטעק" אַן אַנאָנימער אַרטיקל א"נ „די יידישע פראַגע און די אינטערעסן פון רוסלאַנד". דער דאָזיקער אַרטיקל איז געווען געשריבן אין 1862, אין שייכות מיט דעם ויכוח, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין אַקסאַקאָוו'ס ציַיטונג „דיען". אין יענעם ויכוח איז אָנגערירט געוואָרן די שייכות צווישן בירגער־רעכט און דער מאָראַל פון תלמוד — אַ באַליבטע טעמע, אַגב, אין די אַנטיסעמיטישע קרייזן. צופעליק איז דער דאָזיקער אַרטיקל בשעתו ניט געווען געדרוקט. היות ווי די פראַגע פון יידישער מאָראַל און עטיק טאַקע אין שייכות מיטן פּראָבלעם פון עמאַנציפּאַציע פון יידן איז אָפּטמאָל באַרירט געוואָרן אין דער רוסישער פּרעסע, האָט דער מחבר באַשלאָסן צוועלף יאָר שפּעטער מגלה זיין פאַר דער עפנטלעכקייט זיין אַרטיקל. עס איז כמעט ווי זיכער, אַז דער לעצטער קאַפּיטל א"נ „וואָס פאָדערט מען פון אונדז און וואָס ווילן מיר ?" איז ניט אָפּגעדרוקט געוואָרן אַזוי ווי ער איז געווען אָריגינעל געשריבן, נאָר איז איבערגעאַרבעט געוואָרן פון דעם מחבר גופא. אַנדערש קען מען ניט פאַרשטיין די פּלאַסטישע און לעבעדיק־

איבערגעגעבענע שטימונגען און פראגראמען פון דער דיפלאמירטער יידישער אינטעליגענץ פון די 70־ער יארן, וואס מען געפינט אין דעם ארטיקל, און וואס שטימען ניט מיט דער תקופה פון „ראזסוויעט" און „סיאן". דער דאזיקער קאפיטל איז אזוי כאראקטעריסטיש, אז עס איז כדאי ציטירן אייניקע שטעלן.

„מיר האלטן, — שרייבט דער אנאנימער מחבר, — אז יידן, ווען דער גורל פון דער געשיכטע האט פארשלעפט אויף דער ארענע פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע, פעלן און האט תמיד געפעלט יענע עיקרדיקע סימנים און תנאים, אן וועלכע מען קען ניט זיין א לעבעדיקע, זעלבסטשטענדיקע און עכטע נאציע."

„בעת מען רעדט וועגן א יידישער נאציאנאליטעט, — איז ער ממשיך, — שטעלט מען זיך בדרך כלל תמיד אפ מיט גרויס ליב־שאפט אויף דעם רעליגיעזן מאמענט. דער דאזיקער מאמענט איז אבער ווי א נאציאנאלער עלעמענט, ניט מער ווי א היסטארישער אנאכראניזם. דאס איז, פשוט גערעדט, א מסירה פון די לומדים."

ווייטער דערקלערט דער מחבר, פארוואס ער זעט אין אזא צוגאנג א „לומדישע מסירה". — „מיט צוואנג קען מען קיין נאציא־נאליטעט ניט שאפן. אפילו לומדים קענען זי ניט אויסטראכטן. דאס איז יעדן איינעם גוט באוואוסט. אבער ניט אלע ווייסן אז געשיכטע צווינגט ארויף אויף מענטשן צו שאנד און צו שפאט אזעלכע עקלדיקע פארמען און שמידט זיי צו אויף לאנגע דורות. אבער אין הונדערטער אדער טויזנטער יארן ארום וועט אפילו דער דילעטאנ־טיזם און דער סענטימענטאליזם ניט קענען די דאזיקע פארמען אנרופן: נאציאנאלע. גאר פארקערט. מיר זעען גאר קלאר, אז די פאר־שיידענע אומגינסטיקע היסטארישע תנאים האבן גורם געווען אז יידן זאלן פון א רעליגיעזער פארם שאפן עפעס אזוינס, וואס האט, לויט איר אויסטערלישקייט, ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע. דאס קען מען ניט אנרופן נאציאנאליטעט. דאס איז עפעס ווי א בייזער חלום, מער א י מ י ט א צ י ע אויף א פאלק, ווי פאלק גופא. יידן האבן ניט געהאט קיין שפראך. איז געבוירן געווארן דער פארמלאזער זשארגאן, אן שום ערבות אויף אן עוואלוציע, א שפראך, וואס האט פאר אונדז קיין שום ווערט ניט, פשוט דערפאר ווייל זי שטאמט אפ פון דייטש. די יידן זיינען געשטאנען מחוץ פון דער פאליטישער ארגאניזאציע פון יענע פעלקער, וואוהין דער גורל האט זיי ארייג־געווארפן. זיי האבן אריבערגעטראגן די גאנצע גרויזאמקייט פון

דרויסנדיקע פאָרמען אויף דער אָרגאַניזאַציע פון זייער רעליגיעזן לעבן.״

דער מחבר האַלט, אַז ווי אַ נאַציע „האָבן יידן שוין אויף אייביק פאַרלאָרן זייער אָרט אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.״ ער ווייזט אָן, אַז בעת דער ענדציל פון היינטיקע פעלקער איז אַ פולשטענדיק־פּאָליטישע זעלבסטשטענדי־קייט, איז פאַר יידן געבליבן נאָר איין ציל: „דערשלאָגן זיך צו אַן אמתער און ניט צו קיין אויסגעטראַכטער נאַציאָנאַליטעט.״

פאַר אים איז אַן אקסיאָמע, אַז די רוסישע יידן, כדי זיי זאָלן קענען באַקומען אַן „אמתע נאַציאָנאַליטעט״, מוזן זיי זיך קודם צונויפ־גיסן אינגאַנצן מיטן רוסישן פאָלק. דאָס איז דער תמצית פון זיין אַרטיקל, וואָס דער הויפּט־געדאַנק ווערט אַרויסגעבראַכט אין די ווייַ־טערדיקע, ביז גאָר כאַראַקטעריסטישע שורות:

„רוסלאַנד דאַרף ווערן אַ רוסישע מלוכה. די רוסישע מלוכה נייַ־טיקט זיך אין אַ רוסיש פאָלק, וואָס זאָל זיין גאַנץ און געזונט, און ניט זיין דורכגעמישט מיט פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע עלעמענטן, וואָס זיינען פאַרמלאָז, ווייל עס פעלט זיי טאַקע די נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן. דאָס רוסישע פאָלק דאַרף פאַרשלינגען די רוסישע יידן און די יידן גופא דאַרפן אומבאַדינגט אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם כלומרשט־נאַציאָנאַלן לבוש, וואָס איז אַ געוויקס פון דורות דערנידערונג און קנעכטשאַפט. די רוסישע יידן מוזן זיך פאַרוואַנדלען אין ר ו ס ן פ ו ן י י ד י ש ן ג ל ו י ב ן. אין דעם ליגט זייער אויפגאַבע. אין דעם זין, און נאָר אין דעם איז די יידנפראַגע אַ נאַציאָנאַלע פראַגע.״

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז לאַנדוי, דער אַרויסגעבער פון דער „יידישער ביבליאָטעק״, וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דער געשיכטע פון דער רוסיש־יידישער פּובליציסטיק, איז ווייט ניט געווען איינשטימיק מיט די אויספירונגען פון דעם אַנאָנימען מחבר. דאָס קען מען זען פון דער אויבן־ציטירטער הקדמה זיינער צום צווייטן באַנד פון דער „יידישער ביבליאָטעק״. שעמעוודיק און מיט פאַרשיידענע באַוואָרענישן פאַרזיכערט ער, אַז ער, גופא, איז ניט קיין „פּלאָמיקער פאַרטיידיקער פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט״, ווייל דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז, אַז „אַלע מענטשן זאָלן זיין גע־בילדעט און גלייכבאַרעכטיקט.״ לאַנדוי האַלט אָבער פאַר נייטיק צו דערקלערן, אַז ער זעט ניט קיין שום סיבות „פאַרוואָס זאָלן גלייכע רעכט און בילדונג גורם זיין דעם טויט פון דעם יידישן פאָלק.״

„אויב, — טענהעט ער, — נאַציאָנאַליטעט איז ניט פאַרבונדן

דווקאַ מיט אַ באַזיץ פון אַ טעריטאָריע און דער בעסטער סימן איז אַז יידן ווי אַ נאַציע עקזיסטירן איבער 1500 יאָר, נאָר עס דריקט זיך אויס אין פיזאָלאָגשע און קולטורעלע אייגנשאַפטן — דאַן זעען מיר ניט קיין שום סיבות פאַר וואָס זאָלן יידן זיין אַ יוצא מן הכלל, בפרט אַז זיי באַזיצן אין גאָר אַ הויכער מאָס דווקא די דאָזיקע אייגנשאַפטן."

אין די דאָזיקע אומזיכערע ווערטער הערט זיך בולט דער ווידער־קול פון יענע שטימונגען וואָס זייער פאָרשטייער איז געווען פּרץ סמאָלענסקין, דער רעדאַקטאָר פון „השחר" און דער טריבון פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק.

.6

דער אויפקום פון „ראַזסוויעט". — זיין פּראָגראַם. — משה מענדעלסאָן ווי אַ סימבאָל. — דער צויבער פֿון דער אידעאָלאָגיע פון אַסימילאַציע. — דער חילוק צווישן „ראַזסוויעט" און „דיען". — דער „ראַזסוויעט" ווי אַן אָרגאַן פון דער יידישער אינטעליגענץ. — ד'י פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַגריקולטור. — דאָס וועקן פון נאַציאָנאַלער חשיבות.

אין דער תקופה פון אויפוואַכן פון נאַציאָנאַלע שטימונגען אין רוסלאַנד איז געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ נייעם רוסיש־יידישן זשורנאַל, וואָס זאָל זיין דער אויסדרוק פון די דאָזיקע נייע שטימונגען. די איניציאַטאָרן פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג אברהם אליהו האַרקאַווי (1835—1919) און אליהו קויפּמאַן זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן ווי די אָפיציעלע רע־דאַקטאָרן. מען האָט גערעכנט, אַז אַזעלכע צוויי פאַרלאָזלעכע מענטשן, דערצו נאָך מלוכה־באַאַמטע, וועט מען אַזאַ דערלויבעניש ניט אָפּזאָגן. גרויס איז אָבער געווען די איבערראַשונג, ווען אַן אָפּזאָג איז געקומען. דעמאָלט האָבן די איניציאַטאָרן זיך צונויפגעבונדן מיט צעדער־בוימען, ביי וועמען עס האָט זיך אויפגעהיט די דערלויבעניש, וואָס איז נאָך אַלץ געווען גילטיק, אויף אַרויסגעבן דאָס וואָכנבלאַט „וויעסטניק רוסקיך יעווריעוו". היות ווי די ליטעראַרישע רעפּוטאַ־ציע פון דעם דאָזיקן אָרגאַן איז ניט געווען קיין געהויבענע, האָט מען זיך קודם־כל אָפּגערעדט מיט צעדערבוימען אַז מען זאָל משנה שם זיין דעם „וויעסטניק" אויף „ראַזסוויעט". צעדערבוים אַליין האָט געוואָלט בלייבן נאָר דער נאָמינעלער רעדאַקטאָר. דער פאַקטישער רעדאַקטאָר איז געווען מיכל קולישער (1847—1919). די רע־

דאַקציע־קאָלעגיע איז באַשטאַנען פון: ב. באַגראָוו(?), יעקב ראָזענפעלד, מאַרק וואַרשאַווסקי, ג. איטעל־זאָן, נ. מ. ווילענקין (נ. מירסקי), ד״ר יצחק אָרשאַנ־סקי און פ. לעווענזאָן.

די פינאַנציעלע שטיצע האָט געגעבן דער באַנקיר און כלל־טוער אברהם זאַק, וואָס האָט געגעבן ביז 25 טויזנט רובל. (10)

דער ערשטער נומער האָט געזאָלט דערשיינען דעם 1־טן אָקטאָבער 1879. געמוזט האָט מען אָבער צוטרעטן צו דער אויסגאַבע שוין אין סעפּטעמבער צוליב אַזאַ סיבה. אין דער צייט ווען די גרופּע אינטעליגענטן־ליטעראַטן האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט צע־דערבוימען, איז לאַזאַר בערמאַנען, דעם פאַרוואַלטער פון די יידישע שולן אין פּעטערבורג, געלונגען צו באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ נייעם וואָכנבלאַט א״נ „רוסקי יעווריי״ (דער רוסישער ייד). מען האָט תיכף מודיע געווען, אַז דער זשורנאַל וועט אָנהייבן דער־שיינען אין אָקטאָבער 1879. כדי צו פאַרלויפן דעם וועג דעם „ראַז־סוויעט״, האָט בערמאַן און זיין מיטרעדאַקטאָר הירש ראַבי־נאָוויטש, אַ באַקאַנטער העברעאישער שרייבער און אַ פּאָפּולאַרי־זאַטאָר פון נאַטור־וויסנשאַפטן, אַרויסגעלאָזט דעם 31־טן אויגוסט דעם ערשטן נומער פון „רוסקי יעווריי״. דעמאָלט האָט מען אויך געמוזט זיך צואיילן מיט דער אויסגאַבע פון „ראַזסוויעט״. אַזוי אַרום איז דער ערשטער נומער פון „ראַזסוויעט״ דערשינען דעם 13־טן סעפּטעמבער. (11) צו דעם דאָזיקן נומער האָט מען בייגעלייגט משה מענדעלזאָנ׳ס אַ בילד, לכבוד זיין 150־טן געבוירנטאָג. דער דאָזיקער פּאָרטרעט, בייגעלייגט צום ערשטן נומער פון אַ נייעם זשורנאַל פון דער יידישער אינטעליגענץ האָט געטראָגן אַ סימבאָלישן כאַראַק־טער. אויף דעם האָט די רעדאַקציע אָנגעוויזן אין איר ערשטן פּראָ־גראַם־אַרטיקל, וואָס ענדיקט זיך מיט אַזעלכע ווערטער:

„דער שאָטן פון דעם גרויסן קעמפער פאַר קולטור, דער אָנדענק פון מענדעלזאָן זאָל זיין אונדזער ערבות און משכן פון דערפאָלג. דעם וועג אויף וועלכן מיר קלייבן זיך צו גיין, האָט ער אויסגע־

---

10) אין מערץ 1880 איז קולישער אַרויסגעטראָטן פון דער רעדאַקציע און מאַרעק וואַרשאַווסקי איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר. צעדערבוים האָט באַקומען 6,000 רובל פאַר דאָס רעכט פון דער אויסגאַבע.

11) די ערשטע צוויי נומערן פון „ראַזסוויעט״ האָט מען געמוזט דרוקן אין צוויי אויפלאַגעס. דער טיראַזש האָט די ערשטע חדשים דערגרייכט 3,400. זען: מרדכי בן הלל הכהן, מערב לערב, I, 70.

פלאַסטערט, און דאָס בלענדענדיקע ליכט, וואָס רינגלט אים אַרום, וועט אויך באַלויכטן אונדזער וועג.״

די גרופּע אינטעליגענטן וועמענס טריבונע דער „ראַזסוויעט״ איז געווען, איז געווען אין אַ גרויסער מאָס שוין אַסימילירט. מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, זיינען זיי געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור. זיי אַלע — ווער מער און ווער ווייניקער — האָבן זיך געפונען אונטער דער השפעה פון דער אידעאָלאָגיע פון די נאַראָדניקעס, די פּראָגרעסיווסטע רוסישע אינ־טעליגענץ פון יענער צייט. די נאַציאָנאַליסטישע היסטעריע און די ווילדע געשרייען, אַז דער ייד גייט! — פון איין זייט — און דער אויסערגעווייינטלעכער דלות אין דער יידישער באַפעלקערונג — פון דער אַנדערער זייט — האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף דער סענסיטי־ווער גרופּע פון דער רוסיפיצירטער יידישער אינטעליגענץ. דער גאַנ־צער ענין איז פאַר איר געוואָרן אַ פראַגע פון נאַציאָנאַלן כבוד און פערזענלעכער חשיבות. זיי זיינען געווען גרייט אָפּגעבן זייערע יונגע כוחות פאַר די אייגענע, די אומשולדיק־געדרודפטע מיטברידער.

„די עיקר־כוונה און די אויפגאַבע פון אונדזער זשורנאַל — איז צו זיין אַן אָרגאַן פאַר די נויטן און באַדערפענישן פון די רוסישע יידן״, — ווערט געזאָגט אין דעם פּראָגראַם־אַרטיקל.

„מיר רופן און פאַרבעטן דעם אינטעליגענטן טייל פון רוסלענ־דישן יידנטום. מיר האָפן און זיינען בטוח, אַז זיי וועלן זיך אָפּרופן אויף אונדזער רוף און צושטיין צו אונדז, אַז זיי וועלן ניט שפּאָרן ניט קיין כוחות און ניט קיין מי, אַלץ וואָס איז נייטיק כדי אויפוועקן די גרויסע מאַסע רוסישע יידן פון גייסטיקן שלאָף און ראַטעווען זי פון דער זייער שווערער מאַטעריעלער לאַגע.״

דער מחבר (מ. קולישער) האַלט אָבער פאַר נייטיק מוסיף זיין, אַז „אַזאַ אַרבעט איז נייטיק ניט נאָר צוליב דעם וואוילזיין פון די רוסישע יידן״. דאָס פאָדערט אויך דער וואוילזיין פון רוסלאַנד. דורך אָפּגעבן צייט אויף באַפרידיקן די נויטן און באַדערפענישן פון די רוסישע יידן, שיילט זיך דער אינטעליגענטער טייל פון די רוסישע יידן ניט אַרויס פון דער סביבה פון די רוסישע בירגער. זי דערפילט נאָר אויס אַן אַרבעט, וואָס איז דער חוב פון יעדן רוסישן בירגער בכלל. די יידישע אינטעליגענץ נעמט זיך צו דעם נאָר דערפאַר, וואָס אַדאַנק איר לאַגע און דער בלוט־פאַרוואַנדשאַפט מיט דער

יידישער מאַסע, קען זי די דאָזיקע אַרבעט דורכפירן בעסער און די רעזולטאַטן פון אירע באַמיאונגען קענען זיין אַ סך דערפאָלגרייכער."

ריידנדיק וועגן דער נויטווענדיקייט גרינדלעך צו שטודירן די איצטיקע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און רעכטלעכע לאַגע פון די יידן, האַלט דער מחבר פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז אַזאַ אויספאָרשונג איז דער תנאי פון מעגלעך מאַכן וועלכע עס איז טעטיקייט לטובת יידן און אין דער זעלבער צייט "לטובת דער מאַסע פון ר ו ס י ש ן פ אָ ל ק, וואָס צווישן אים וואוינען יידן."

הגם די אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דעם "ראַזסוויעט" האָט זיך געפונען ראשו ורובו אונטער דעם כישוף פון דער אַלטער אידעאָלאָגיע, דאָך האָט זי זיך שוין ניט געקענט צופרידנ־שטעלן נאָר מיט אַן אוטיליטאַרן אָדער פּאַטריאָטיש־מלוכהשן שטאַנד־פּונקט. מיט דער אויפריכטיקייט, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער דאָזיקער אינטעליגענץ, האָט זי געמוזט אַריינברענגען געוויסע אידעאָלאָגישע קאָרעקטיוון אין איר אייגענער דעקלאַראַציע. דאָס ווערט קלאָר פון דער פראַזע, אַז "אָפּגעבנדיק צייט אויף צו באַ־פרידיקן די נויטן און די באַדערפעניש̈ן פון די רוסישע יידן", דער־פילט מיט דעם די יידישע יוגנט יענע אַרבעט "וואָס איז אַ חוב פון אַ רוסישן בירגער בכלל", זי איז זיך מודה, אַז אין דעם איצטיקן פאַל פאָדערן אירע רעכט אויך אַנדערע "פליכטן".

"די אינטעליגענטע יידן, — ווערט געזאָגט אין דעם פּראָגראַם־אַרטיקל, — נעמען זיך פאַר דער דאָזיקער אַרבעט דערפאַר, ווייל צו דער דאָזיקער טעטיקייט פאַרפליכטעט זיי דער עבר פון די יידן, די גאַנצע געשיכטע פון יידישן פאָלק. פאַר אָט דעם עבר זיינען אונדזערע ברידער געשטאָרבן אויף די שייטערהויפנס פון מיטלעלטער. פאַרן פרייז פון בלוט פון זייערע אמונה־ברידער איז אויסגעקעמפט געוואָרן און געקויפט געוואָרן דאָס רעכט צו לעבן בשלום און זיך רואיק אַנט־וויקלען אין איצטיקן מאָמענט. דערפאַר דאַרפן מיר (די יידישע אינ־טעליגענטן) עפּעס צוריקצאָלן פאַר די חסדים, וואָס מיר האָבן באַ־קומען אָן מי און אָן קרבנות."

אין דער דאָזיקער אַרגומענטאַציע פילט זיך בלי ספק אַ שטאַרקע השפעה פון דער אידעאָלאָגיע פון די נאַראָדניקעס מיט זייער לערע וועגן דעם ניט־אויסגעצאָלטן חוב לגבי דעם פאָלק. דאָ קען נאָך ניט זיין די רייד פון אַ קלאָר אויפגעפאַסטן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. ניט אין נאָמען פון אַ נאַציאָנאַלער אידייע, נאָר אין נאָמען פון דעם אייגענעם געוויסן און אייגענעם כבוד, האָט די אינטעליגענץ וואָס

אַרום דעם „ראַזסוויעט“ באַשלאָסן אָפּצוגעבן אירע כוחות לטובת דעם רוסלענדישן יידנטום. דאָס שטרייכט אונטער זייער בולט דער „ראַז־סוויעט“ גופא.

אליהו אָרשאַנסקי, איינער פון די נאָענטסטע מיט־אַרבעטער פון „ראַזסוויעט“, האָלט פאַר נייטיק אָפּצולייקענען אין אַ זייער קאַטעגאָרישער פאָרם די טענות פון אייניקע רוסישע פובלי־ציסטן, אַז די איינציקע טעטיקייט פון דעם זשורנאַל קען זיין נאָר „די פאַרטיידיקונג פון וועלכע עס איז ספּעציפישע יידישע אינ־טערעסן.“

„מיר לייקענען דאָס קאַטעגאָריש אָפּ, — שרייבט אָרשאַנסקי. — מיר אָנערקענען ניט קיין שום ספּעציעל־יידישע אינטערעסן, אויב דאָס זיינען ניט אין דער זעלבער צייט די אינטערעסן פון דעם רוסישן פאָלק. איז דען די יידנפראַגע אַ פראַגע פון דעם מין, ווי די באַלטישע אָדער די פינלענדישע? דאָרטן האַנדלט זיך וועגן אויפהיטן אַלטע פריווילעגיעס, בעת יידן האָבן צו טאָן מיט אַלגעמיין מענטשלעכע רעכט, וואָס זיינען אַ פריווילעגיע פון אַלע בירגער פון דער רוס־לענדישער מלוכה. דאָרטן שלאָגט מען זיך פאַר אַ בירגערלעכער, פּאָליטישער און קולטורעלער מחיצה; יידן באַמיען זיך אָבער אַז מען זאָל אָפּשאַפן די מחיצה. אין דעם זין איז ביי די רוס־לענדישע יידן ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע פראַגע און זי קען ניט זיין. די אַלע וואָס מישן צונויף נאַציאָנאַליטעט מיט מלוכה, ווילן אונדז איבעראַשן מיט דעם, וואָס זיי ווייזן אָן אַז מיר פאַרמאָגן ניט די עיקר־תנאים וואָס זיינען נייטיק אַז אַ נאַציאָנאַליטעט זאָל זיך קענען אַנטוויקלען, ד״ה אַ באַזונדערע טעריטאָריע און אַ בשותפותדיקן לשון. אין איצטיקן פאַל איז דאָס ניט מער ווי אַ קאַמף מיט ווינדמילן. בכלל טאָר מען ניט פאַרגעסן וועגן דעם עיקרדיקן חילוק צווישן דער יידישער פראַגע און וועלכער עס איז אַנדער נאַציאָנאַלער פראַגע. זי באַשטייט אין דעם שטרעבן צו פאַרניכטן, אַרויסרייסן פון לעבן פון דער רוסלענדישער מלוכה די גאַנצע פראַגע בכלל.“

די רעדאַקציע פון „ראַזסוויעט“ האָט זיך אין דער פראַגע אַרויס־געזאָגט נאָך בולטער:

„נאָר אין אַסימילירן זיך מיט די פעלקער צווישן וועלכע יידן לעבן, — ווערט געזאָגט אין אַ לייט־אַרטיקל (1880, נומ׳ 403), — ליגט זייער ישועה. אָננעמען די פרעמדע מנהגים, דעם פרעמדן אופן פון לעבן און די בליקן, וואָס אַנדערע קולטור־אומות האָבן אויסגע־

אַרבעט, צופּאַסן זיך צו די תנאים פון לעבן פון אַנדערע פעלקער — דאָס דאַרף זיין זייער אויפגאַבע.״

אין אַן אַנדער לייט־אַרטיקל א״נ „דער תמצית פון דער יידנ־פּראָגע״, ווערט אַזוי געזאָגט:

„די דייטש־קריסטלעכע פּאַטריאָטן שרייען, אַז דייטשלאַנד איז „פאַריידלט״. מיט דעם זעלבן רעכט וואָלטן די יידן געקענט באַוויינען די „גערמאַניזאַציע״ פון יידנטום. אין דער אמתן, סיי די און סיי יענע געפינען זיך אויפן וועג פון אַ קעגנזייטיקער פאַראייניקונג, אָדער, בעסער געזאָגט, אויפן וועג צו שאַפן אַ נייעם נאַציאָנאַלן טיפּ אין וועלכן דער דייטשישער פלעגמאַטיזם וועט זיך פאַראייניקן מיט דער יידישער נערוועאישקייט און עלאַסטישקייט. די פאַראייניקונג פון ראַסן, בפרט פון אַזעלכע צוויי ווי די דייטשישע און די יידישע, וואָס זיינען אָן ספק די סאַמע באַגאַבסטע, וועט לעתיד ברענגען פּרעכטיקע פּירות. נאָר טעמפּע, ענגע נאַציאָנאַליסטן קענען זיך באַקלאָגן אויף דעם אומפאַרמיידלעכן, נאַטירלעכן אויסגאַנג.״

ניט געקוקט אויף דעם, אָבער, וואָס דער פּעטערבורגער „ראַז־סוויעט״ איז טעאָרעטיש געווען אַסימילאַטאָריש, פּונקט ווי דער אָדעסער „דיען״, איז דאָך צווישן די דאָזיקע צוויי אָרגאַנען פאַראַן אַ שאַרפע מחיצה, וואָס אַפילו דאָס אָפטע איבערחזרן פון די אַלטע לאָזונגען קען בשום אופן ניט פאַרווישן. דער „ראַזסוויעט״ האָט אין טעאָריע פאַרטיידיקט דעם פּראָגראַם פון אַסימילאַציע און האָט אַליין זיך ניט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, אַז ער גייט ניט אויפן וועג וואָס פירט צו אַסימילאַציע, נאָר דווקא אויפן וועג וואָס פירט צום דער־וואַרטן נאַציאָנאַלן אַליינבאַוואוסטזיין.

דער „ראַזסוויעט״ ווענדט זיך ניט צו דער דרויסנדיקער וועלט, נאָר אויסשליסלעך צו דער יידישער, און בפרט צו דער יידישער אינ־טעליגענץ. ער גיט זיך אָפּ גאָר ווייניק מיט אַפּאָלאָגיעס. ער איז ניט קיין פאַרטיידיקער פון סתם יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. מיט אַ געפיל פון באַליידיקטער חשיבות רופט ער אויס:

„ווי לאַנג וועט אונדז נאָך אויסקומען וואַרטן אויף דעם פּאָ־זיטיוון געזעץ, וואָס וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּשאַפן די באַ־גרענעצונגען פאַר יידן צו וואוינען אין דער גאַנצער אימפּעריע?״

דער „ראַזסוויעט״ גופא האַלט, אַז זיין אויפגאַבע איז צו זיין „דער וועקער פון אַליינבאַוואוסטזיין און אַליינרעספּעקט ביי אונדזערע אמונה־ברידער.״

„מיר, — דעקלאַרירט דער „ראַזסוויעט“, — אַפּעלירן צום אינ־טעליגענטן טייל פון יידנטום, מיר ריידן מיט אים, אָבער מיר ריידן ניט וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן דער יידישער מאַסע, וועגן זיין דלות און וועגן זיינע נויטן.“

„יאָ, — באַקלאָגט זיך דער זשורנאַל, — ווען מיר וואָלטן כאָטש געקענט האָבן אַביסל דרך־ארץ פאַר זיך גופא, דעמאָלט וואָלט אונדזער אינטעליגענץ אַליין געקומען העלפן דעם פאָלק, דער דאָזיקער פינצטערער מאַסע, וואָס וואַרט אויף מיטגעפיל, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן דורך אַ טויזנטיאָריקער געשיכטע און אַן אַלגעמיינער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט. דעמאָלט וואָלט זי אויך תופס זיין, אַז אַ ייד, כּל־זמן ער בלייבט אַ ייד, קאָן בשום אופן ניט איבעררייסן די לעבע־דיקע פעדים וואָס בינדן אים מיטן אייגענעם פאָלק, ווייל אַנדערש וואָלט ער געזינדיקט לגבי דער געשיכטע, לגבי דעם לעבן און אויך לגבי זיך גופא.“

דער „ראַזסוויעט“ ווערט ניט מיד רופן די יידישע אינטעליגענץ און פאָדערן, אַז זי זאָל זיך אַריינוואַרפן מיט לייב און לעבן אין דער אַרבעט לטובת דעם פאָלק.

„וואַכט אויף! גיט נאָר אַ טראַכט: דריי מיליאָן יידן און אַזוי ווייניק, אַזוי פיינלעך ווייניק אַקטיווע אינטעליגענטע מענטשן! אַרבעט איז דאָ לרוב. און די צייט שטייט ניט אויף איין אָרט!“

„מען דאַרף טאָן אַרבעט, טאָן תיכף ומיד, ניט אָפּלייגן אין וויטן קאַסטן אַריין. מען דאַרף תמיד געדענקען, אַז אין איצטיקן מאָמענט דערלויבן צייט און באַדינגונגען טאָן כך וכך. דאָס איז דער דיקטאַט פון שכלדיקער פּאָליטיק!“

מען קען אָנפילן גאַנצע בלעטער מיט אַזעלכע ציטאַטן, אַרויסגע־נומען פון דעם ערשטן יאַרגאַנג „ראַזסוויעט“.

אין וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען די דאָזיקע רעאַלע, אַקטועלע אַרבעט צו וועלכער דער „ראַזסוויעט“ האָט אַזוי ענערגיש און אַזוי סיסטעמאַטיש גערופן די יידישע אינטעליגענץ?

דאָס איז געווען באמת אַ גראַנדיעזער, אויסערגעוויינטלעך צוצי־ענדיקער פּלאַן, וואָס האָט, ליידער, ניט געקענט פאַרווירקלעכט ווערן. די אינטעליגענץ פון „ראַזסוויעט“ האָט געוואָלט העלפן פּראָדוקטי־וויזירן די יידישע פאָלקס־מאַסן אין רוסלאַנד. זי האָט ניט געוואָלט זען אין די יידן נאָר אַ „סוחרישן“ עלעמענט! די פּויפּעריזירטע יידישע מאַסע האָט זיך צום מסחר סיי ווי ניט געקענט נעמען.

די אויפגאַבע וואָס האָט אַזוי שטאַרק אַפּעלירט, אימפּאָנירט און באַלעבט דעם ענטוזיאַזם פון די „ראַזסוויעט"־פּובליציסטן איז געווען, צו פאַרוואַנדלען דעם „פּאַרדלותדיקן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט" אין אַ קלאַס פון ערד־אַרבעטער.

אין דעם פּראָגראַם־אַרטיקל פון „ראַזסוויעט" ווערט שוין בפירוש געזאָגט, אַז „אויפלעבן אַגריקולטור צווישן די רוסישע יידן איז נייטיק און אַפילו מעגלעך." די דאָזיקע זיכערקייט איז געוואָרן דער יסוד און דער עיקר פאַר אַלע אַנגעזעענע מיטאַרבעטער פון „ראַזסוויעט".

מנשה מאַרגוליס שרייבט אין שייכות מיט דער פראַגע: „וואָס זאָל מען פאַרט טאָן מיט די רוסישע יידן?" אַזוי:

„פאַר דער רוסיש־יידישער מאַסע מוז מען שאַפן די מעגלעכקייט זיך פאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער אַרבעט, וואָס אונטער דעם פאַרשטייען מיר ערד־אַרבעט און מלאָכה."

„מיר האָבן געשלאָסן מיט דער רוסישער ערד אַ בונד פון לעבן און טויט, — שרייבט מיט פּאַטאָס נאָרד־וועסט (נ. מינסקי). לאָמיר אויך שליסן מיט איר דעם לעצטן און סאַמע הייליקסטן בונד — דעם בונד פון אַרבעט! שאַפן ביי יידן אַ פּויערים־קלאַס, מיינט לייזן די יידנפּראַגע."

„מיר דאַרפן, — שרייבט מיכל קולישער אין אַ לייט־אַרטיקל, — צוריקגיין צו אַגריקולטורעלער פּראָדוקטיוויטעט. אין דעם דאָזיקן גרויסן לאַנד פון אַקערער־פּויערים דאַרף דער ייד אויפּס־ניי ווערן אַן אַקערער, אַ פּויער, ווי ער איז דאָס געווען אַמאָל. נאָר דורך ווערן אַקערער אין אַ גרויסער צאָל, וועט די יידישע מאַסע ווערן אַ פולער בירגער פון דער רוסישער ערד. אַזאַ באַנייאונג, אַזאַ רעגענעראַציע איז מעגלעך פונקט אַזוי ווי אין אַמאָליקע צייטן איז געווען מעגלעך דאָס היפּכדיקע. דער נייער שינוי איז אויך אַזוי ווייט וויכטיק, אַזוי אומפאַרמיידלעך פאַר די רוסישע יידן פון אונדזער צייט, אויף וויפל עס איז געווען נייטיק און אומפאַרמיידלעך דער פריער־דיקער שינוי. אויב מיר וועלן ניט גיין מיט גוטן ווילן אויף דעם דאָזיקן דרך וועלן אונדז סוף־כל־סוף ליידן אַרויפשטויסן אויף אים. דאָס איז דער וועג פון גוטסקייט, דער וועג פון מאָראַלישער שלימות און מאַטעריעלן פאַר־בעסערן פון אונדזער לעבן."

דער ערשטער עטאַפּ וואָס פירט צו דעם דרך איז, לויטן „ראַז־סוויעט", געווען — עפענען אַ נעץ עלעמענטאַרע אַגריקולטור־שולן,

וואָס זאָלן אַרויסברענגען פּיאָנערן־ערדאַרבעטער. פאַר דעם ציל דאַרף מען קודם־כל שאַפן אַ ספּעציעלע חברה.

„זאָל זיך שאַפן אַ צענטער, — האָט געשריבן דער „ראַזסוויעט״, — וואָס זאָל פירן די אַרבעט; זאָל זיך, מיט דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג, שאַפן אַ חברה; זאָלן זיך אין דער דאָזיקער חברה פאַראייניקן די אַלע, וואָס זיינען גרייט מקריב צו זיין געלט און אַרבעט כדי די גרויסע און הערלעכע זאַך זאָל רעאַליזירט ווערן!״

כידוע, איז די אידייע פון שאַפן אַזאַ חברה טאַקע כמעט ווי רעאַליזירט געוואָרן. אַ גרופּע פּעטערבורגער קאַפּיטאַליסטן און כלל־טוער, מיט שמואל פּאָליאַקאָוו בראש, האָט זיך משתדל געווען מכח אַ דערלויבעניש צו מאַכן אַ געלט־זאַמלונג צווישן די יידן פאַר „צדקה און נוצלעכער אַרבעט״. תיכף נאָך דעם ווי מען האָט באַקומען די דערלויבעניש, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ צירקולאַר־בריוו אַז יידן זאָל מנדב זיין פאַר אַ פאָנד, באַשטימט פאַר פאַרשפּרייטן צווישן דער יידישער מאַסע ידיעות וועגן מלאָכה און ערד־אַרבעט.

דער „ראַזסוויעט״ האָט מיט גרויס באַגייסטערונג באַגריסט דעם דאָזיקן געדאַנק.

„אין פּעטערבורג, — האָט ער געשריבן, — איז געבוירן געוואָרן אַ וואונדערלעכער געדאַנק וועגן גרינדן אַ פאָנד כדי צו העלפן יידן זיך נעמען אַגריקולטור. מלאָכה און ערד־אַרבעט — דאָס זיינען צוויי מיטלען, וואָס קיין בעסערע פון זיי קען מען אין איצטיקן מאָמענט ניט צוטראַכטן פאַר דעם צוועק צו ראַטעווען אונדזער מאַסע, פאַרן כבוד פון אונזער פאָלק און אויך כדי אויסצוקעמפן פאַר זיך אַ פאָטערלאַנד און דאָס רעכט צוריק וואַרפן אין פּנים אַריין פון אונדזערע פאַרלוימדער זייערע אומפאַרשעמטע טענות.״

סעפּטעמבער 1880 נאָך דעם ווי עס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אַ פאָנד פון 200,000 רובל, איז קאָנסטיטואירט געוואָרן אַ צייטווייליקער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו גרינדן „אַ חברה פאַר מלאָכה און ערד־אַרבעט צווישן יידן אין רוסלאַנד.״

מיט טריאומף האָט דער „ראַזסוויעט״ מודיע געווען:

„מיר באַגריסן דעם דאָזיקן מאָמענט און מיר זיינען בטוח, אַז צוזאַמען מיט אונדז וועלן פאַרשטיין די וויכטיקייט פון דער זאַך אויך די אַלע, וועמען עס איז באמת טייער דער כבוד און די אינטערעסן פון אונזער פאָלק און די מאָראַלישע עליה פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע.״

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען פון דער

דעמאָלטיקער פּראָגרעסיווער יידישער אינטעליגענץ, אַז אין שאָפן אַ יידישן ערד־אַרבעטער־קלאַס, האָט זי געזען ניט נאָר אַ סאָציאַלע פּראָבלעמע, נאָר אויך אַ פראַגע פון נאַציאָנאַלן כבוד. דער וועג וואָס פירט צו ערדאַרבעט איז געווען פאַר איר „אַ וועג פון גוטס, אַ וועג פון מאָראַלישער שלימות".

עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך פאַרוואָס דער „ראַזסוויעט" האָט געהאַלטן, אַז פון די צוויי אויפגאַבעס, וואָס די חברה האָט זיך געשטעלט — פאַרשפּרייטן ערד־אַרבעט און מלאָכה — איז דווקא ערד־אַרבעט דאָס וויכטיקסטע. ער רופט אָן די דאָזיקע אַרבעט אַ „פּאַטריאָטישע זאַך" און אַפּעלירט, אַז די אָנגעזאַמלטע געלט־מיטלען זאָלן באַשטימט ווערן פאַר אויסלערנען יידן ערד־אַרבעט.

נאָך איידער עס האָט זיך איינגעגעבן דעם „צייטווייליקן קאָמיטעט" צו רעאַליזירן זיין פּראָגראַם, איז געקומען די קאַטאַסטראָפע. די פּאָגראָמען פון יאָר 1881 האָבן אַוועקגעשטעלט אויפן סדר־היום גאָר נייע פּראָבלעמען. אין די שטימונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער איבערברוך, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם „ראַזסוויעט". די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן זיינען אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן געוואָרן. די חיבת־ציון באַוועגונג האָט פאַרנומען די אָרענע.

7.

„רוסקי יעוורעי" און זיינע רעדאַקטאָרן. — אַ פּאַרבלאָזער אָנהייב. — „איינגעהאַלטנקייט און קאַלטבלוטיקייט". — קאַנטאָר, דער נייער רעדאַקטאָר. — אַפּאָלאָגעטישער טאָן. — דער קאַמף מיט די ניהיליסטן. — די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

לאַזאַר בערמאַן, וואָס האָט באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן דעם „רוסקי יעוורעי" האָט צו ליטעראַטור ניט געהאַט קיין שום שייכות. דער מיטרעדאַקטאָר הערש ראַבינאָוויטש, אַ טאַלאַנטירטער און ענערגישער מענטש, האָט זיך אויך ווייניק אויסגעצייכנט פאַר אַ רעדאַקטאָר פון אַ רוסישן זשורנאַל. דערצויגן אויף דער „בערלינער השכלה", האָט ער ניט געקענט גוט קיין רוסיש און האָט אַפילו מיט זיינע באַקאַנטע פון צווישן די הויכע מלוכה־באַאַמטע גערעדט דייטש. עס האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע וואָס האָט דערמאָנט צעדערבוימען און זיין „וויעסטניק". אמת, עס איז

געלונגען צוציען צו דער רעדאַקציע לעוואַנדאַן. האָט אָבער לע־וואַנדאַ געוואוינט אין ווילנע און האָט דעריבער, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט אָנפירן מיט אַ צייטונג, וואָס דערשיינט אין פעטערבורג. די בעסערע יידישע ליטעראַרישע כוחות, וואָס פעטערבורג האָט פאַרמאָגט, זיינען אַוועק צום „ראַזסוויעט". דעם „רוסקי יעוורעי" איז געלונגען צוציען נאָר צופעליקע מיטאַרבעטער. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס די ערשטע נומערן זיינען געווען פאַרבלאָז און מטושטש.

אין דער ערשטער מודעה פון דעם נייעם בלאַט ווערט אָנגע־וויזן, אַז זיין הויפּט־כוונה וועט זיין „גורם זיין אַ קעגנזייטיקע דער־נעענטערונג פון יידן און רוסן". צו דער דאָזיקער צעשוואומענער פאָרמולע האָט דאָס פּראָגראַם־אַרטיקל, אָפּגעדרוקט אין ערשטן נומער, קיין שום חידושים ניט מוסיף געווען.

„באַוואָפנט אין איינגעהאַלטנקייט, קאַלבלוטיקייט און אמת — ווערט דאָרטן געזאָגט, — מאַכט די רעדאַקציע פון „רוסקי יעוורעי" איר ערשטן שריט מיט אַ פעסטער אַנטשלאָסנקייט."

„איינגעהאַלטנקייט און קאַלטבלוטיקייט" — דאָס זיינען אין דער אמתן געווען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם „רוסקי יעוורעי". אין דער זעלבער צייט, ווען דער „ראַזסוויעט" האָט מיט־געריסן מיט זיין פּאַטאָס און יוגנטלעכער ענערגיע, איז דער „רוסקי יעוורעי" געווען אַן טעמפּעראַמענט און אַן אַ ברעקל ליידנשאַפט.

עס איז קיין שום ספק ניט, אַז דער „רוסקי יעוורעי" האָט לכתחילה געהאַט אַ טענדענץ אַריינצוברענגען וועזנטלעכע קאָרעק־טיוון אין דעם לאָזונג, וואָס די טוער פון די 60־ער יאָרן האָבן אַרויס־געוואָרפן, אַז יידן דאַרפן ווערן "רוסן פון משה׳ס גלויבן". עס האָט אָבער דעם נייעם זשורנאַל געפעלט מוט אַרויסצוגיין און פאַרטיידיקן עפנטלעך אַזאַ אַלטן שטאַנדפּונקט. צווישן די אומצאָליקע דעקלאַ־ראַציעס אין דעם נוסח, אַז „מיר גלויבן, גלויבן פעסט אין אַ מעגלעכער דערנענטערונג צווישן יידן און רוסן" און אַז „אַלע אינטערעסן פון רוסישן פאָלק (חוץ קירכלעכע) זיינען אין דער זעלבער צייט די אינ־טערעסן פון די רוסישע יידן" — האָט דער „רוסקי יעוורעי" זיך דערלויבט אויף אַן איינגעהאַלטענעם אופן אָנצואווייזן אַז „די רוסישע אונטערטאַנער פון יידישן אָפּשטאַם" האָבן פולע רעכט זיך צו באַ־טראַכטן פאַר רוסישע יידן. אין מלוכהשן זין האָט דאָס געמיינט, אַז יידן זיינען פונקט אַזעלכע רוסן, ווי אַנדערע, ד"ה בירגער פון דעם לאַנד, הגם אַנטראָפּאָלאָגיש און רעליגיעז זיינען זיי יידן.

דער „רוסקי יעווריי" וואָלט אָן ספק לאַנג ניט געקענט עקזיס־טירן, ווען ניט דאָס, וואָס אויף דער עצה פון לעוואַנדאַן, האָבן די אַרויסגעבער איינגעלאַדן אין נאָוועמבער 1879 ד"ר ל. קאַנטאָר פאַר אַ רעדאַקטאָר.(12) קאַנטאָר איז געווען אַ טאַלאַנטירטער מענטש. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך ליטעראַרישן וויסן און ניט ווייניקער געשמאַק. אין אַ גרויסער מאָס איז אים געלונגען פאַרבעסערן דאָס בלאַט ליטעראַריש. ער האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן זיין צו שוואַך כדי קענען פאַרוואַנדלען אַ פלעגמאַטישע צייטונג אין אַן ענער־גישן און עקספּאַנסיוון אָרגאַן. דאָ האָט, לויט אַלע וואַרשיינלעכ־קייטן, געווירקט די מעסיקע איינשטעלונג פון די אַרויסגעבער גופא, וואָס האָבן ניט דערלאָזט אויף וויטגייענדיקע שינויים. ביידע אַרויס־געבער האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט פאַר אַפּאָלאָגעטיק. דער „רוסקי יעווריי", אונטער קאַנטאָרס רעדאַקציע, האָט אָפט געשריבן אַז „רו־סיש־יידישע אָרגאַנען דאַרפן קודם־כל זיין אָרגאַנען פון רוסישע יידן אין פולסטן זין פון דעם וואָרט." זייער אויפגאַבע דאַרף זיין „משפיע זיין אויף דעם דור, וואָס קומט אונדז צו פאַרבייטן, אויף די „קינדער", וואָס זיינען דורכגענומען מיט פּראַקטישער חכמה." די צייטונג האָט צוגעגעבן אַז „אָרגאַנען פון רוסישע יידן דאַרפן זיך קודם־כל פאַר־נעמען מיט באַלייכטן די אינעווייניקסטע זייטן פון יידישן לעבן." פאַרטיידיקן יידן און זייערע אינטערעסן כלפי חוץ — דאָס איז פאַר „אונדז אַ זייטיקער ענין."

דער „רוסקי יעווריי" האָט אָבער פּאַרט אָפּגעגעבן אַ סך אָרט דעם דאָזיקן „זייטיקן ענין." באַזונדער שטאַרק האָט ער זיך גענומען צום האַרצן די באַשולדיקונגען פון דער רעאַקציאָנערער פּרעסע, אַז יידן זיינען די הויפּט־פאַרשפּרייטער פון „קראַמאָלע און ניהיליזם."

די „נאָוואָיע וורעמיאַ" האָט אָנגעהויבן אַ ויצעקו אַז די „זשידעס בונטעווען זיך." אַ רוסישער פּראָפעסאָר, וואָסיליעוו, האָט דאָרטן געשריבן, אַז עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז „די זשידעס זיינען פון אַלטע צייטן די פאַרשטייער פון רעוואָלוציאָנערן גייסט און אַז זיי שטייען איצט בראש פון די רוסישע ניהיליסטן."

דער „רוסקי יעווריי" איז אַרויס מיט אַ הייסן פּראָטעסט קעגן אַזאַ באַשולדיקונג.

„יידן, — האָט ער געשריבן, — ליידן גלייך מיט אַלע רוסן, פּילן, ניט ווייניקער פון אַנדערע, דעם גאַנצן אומגליק פון די גע־

12) מרדכי בן הלל הכהן: מערב לערב, I, 136.

שעענישן. זיי טראָגן אין זיך ניט קיין קלענערע שנאה צו די שולדיקע אין די איצטיקע געשעענישן, ווי די אַנדערע — די ניט־יידן. שוין אָפגערעדט דערפון, אַז יידן, ווי בכלל בירגער פון אַ לייטישער מלוכה, ווי בירגער־אייגנטימער, קענען זיי ניט סימפּאַטיזירן מיט די מטורפדיקע שטרעמונגען פון אונדזערע אַנאַרכיסטן, וואָס אויף זייער פּאַן איז אויסגעשריבן דער לאָזונג פון פולשטענדיקער פאַרלייקענונג פון פּריוואַט־אייגנטום און פון אומברחמנותדיקן חורבן. פון דעם איז געדרונגען, אַז יידן פילן דעם יאָך פון דער רעוואָלוציע צוגלייך מיט אַנדערע פעלקער פון רוסלאַנד. פרעגט זיך: וואו איז יושר, אַז יידן זאָלן, חוץ די אַלגעמיינע רוסישע צרות, נאָך האָבן אויסצושטיין די באַזונדערע צרות, די ספּעציפיש יידישע?"

דער „רוסקי יעוורעי" לייקנט ניט, אַז צווישן רוסישע רעוואָלו־ציאָנערן געפינען זיך אויך יידן. די דאָזיקע דערשיינונג באַמיט ער זיך אויפקלערן אויף אַזאַ שטייגער:

„אַ שטאַרקע און ספּאָנטאַנע נייגונג צו אַן אַנדער צענטער, וואָס איז מחוץ דעם יידישן לעבן, האָט, צום באַדויערן, געשאַפן אַ טיפע און ברייטע מחיצה אין דעם בנין פון אונדזער שבטישער סאָלידאַריש־קייט. עס האָבן זיך געפונען אויסגעגליטשטע מענטשן וואָס זיינען אָפּגעפאַלן פון יידן און זיינען אַזוי אַרום געבליבן מחוץ דעם גדר און אָן שום תכלית בכלל. מיט זייער אייגן פאָלק האָבן זיי אַלע פאַר־בינדונגען איבערגעריסן. זיי שעמען זיך מיט דעם, וואָס זיי שטאַמען פון אַזאַ אַלטן פאָלק, וועמעס געשיכטע אין איצטיקן לעבן פאַסט זיך שוין ניט אַריין אין זייערע אומזיניקע, ניט־ממשות׳דיקע, פאַלשע, נאָכגעמאַכטע, כאַאָטישע שטרעבונגען. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, אַז אַזעלכע נפשות ווערן אָפטמאָל קרבנות פון די טאָמע געפעדע־לעכסטע און טרויעריקסטע פאַלשקייטן. אַנדערע שטויסט אויף די דאָזיקע פאַלשקייטן אַ נאַרישער חשק צו באַווייזן, אַז זייערע חשבונות מיטן „אויסגעלאָכטן און באַשפייטן" יידנטום זיינען שוין פאַרענ־דיקט. לויט דער מיינונג פון אָט די דאָזיקע איבערבויערס פון דער וועלט פלאַדיען זיך ביי יידן רק וואוכערער און בטלנים — כלי קודש. אַנדערע וואַרפן זיך אין די אָרעמס פון די געפערלעכסטע פאַרברע־כערס, פּשוט צוליב נאַרישקייט און קליינקעפּיקייט. די דאָזיקע משוגעים האָבן ניט געפונען עפּעס בעסערס, ווי נאָכמאַכן דאָס, וואָס אַלע געזונטע עלעמענטן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע וואַרפן אָפּ מיט דער טיפסטער פאַראַכטונג." (1880, 323).

די רעדאַקציע רופט דעריבער דעם יידישן קהל אַנצוהייבן אַן ענדגילטיקן קאַמף מיט דעם דאָזיקן „רשעות".

„אויסערגעוויינטלעכע באַדינגונגען פאָדערן אויסערגעוויינט־לעכע מיטלען, לייגן אַרויף אויסערגעוויינטלעכע פליכטן. די רעגירונג, די פּאַטריאָטישע פּרעסע, די געזעלשאַפט — זיי זיינען אַלע אַרומ־געכאַפּט פון איין געפיל, פון איין פאַרלאַנג. דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז: מאַכן אַ תיכפדיקן סוף צו דער אומעגלעכער, אומגלויביקער לאַגע, אַרויסרייסן מיטן שורש די „קראַמאָלע", וואָס וויל אַריינ־ברענגען אין רוסישן לעבן וואָס מער חושך, וואָס מער אומגליק. זי וויל אַפּווישן פון דער ערד די דאָזיקע בלוטדאָרשטיקע חיה, פאַר וועמען עס עקזיסטירט ניט קיין משפחה, ניט קיין מלוכה, און ניט קיין פּרינציפּן פון ציבור־לעבן."

דער „רוסקי יעוורעי" קען ניט דערלאָזן אַז דער יידישער קהל זאָל „שטיין אַן אַ זייט אין דעם קאַמף מיטן שטן, וואָס אין אים באַטייליקט זיך אַלץ וואָס איז געזונט אין דער רוסישער געזעלשאַפט". דאָ גייט אין אַפּראַטעוּוען אַלע ברכות פון שלום־בית, וואָס די „קראַמאָלע" וויל אינגאַנצן חרוב מאַכן."

דאָס דאַרף געטאָן ווערן, בפרט אַז מען וואַרפט אַרויף אויף יידן די שולד פון פאַרברעכנס פון אַלע די, וואָס „ווילן מיט יידן קיין מגע ומשא אַפילו ניט האָבן."

„דאָס יידנטום, — שרייבט דער „רוסקי יעוורעי", — וואָס איז אויסגעלאַכט און פאַרלייקנט פון זיינע בלאַנדזשענדיקע זין, דאַרף נאָך זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע פאַררעטער! אָט־פאַרוואָס מיר זיינען מחויב ענערגיש אָנטייל צו נעמען אין דעם קאַמף מיטן שונא פון דעם אַלגעמיינעם שלום און זיכערקייט. אָט פאַרוואָס דאַרפן מיר מיט אַלע אונדזערע כוחות קעמפן קעגן דער „קראַמאָלע", וואָס אירע געפערלעכע רעזולטאַטן פאַלן אויף אונדז פונקט ווי זיי פאַלן אויף אַלע אַנדערע בירגער פון אונדזער פאָטערלאַנד און דאָן ווי אַ ריקאָשעט ווייטער אויף אונדז."

דער „ראַזסוויעט" איז געווען דער אָרגאַן פון דער פּראָגרעסיווער רוסיפיצירטער אינטעליגענץ. דער „רוסקי יעוורעי" איז אָבער, לויט זיין טאָן און שטימונג, געשטאַנען נענטער צו די קליינבירגערלעכע און טיילווייז אויך צו די פילאַנטראָפּיש־קאַפּיטאַליסטישע קרייזן. מיר זאָגן ט י י ל ו ו י י ז, ווייל אַדאַנק קאָנטאַרן ווערן אין דעם „רוסקי יעוורעי" אַלץ בולטער די סימנים פון יענער אידייאישער באַוועגונג, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט פּרץ סמאָלענסקין. דאָס האָט

געמוזט קומען צום אויסדרוק, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די אַרויס־געבער זיינען געווען קעגן דעם. דאָס כאַראַקטעריסטישע אָבער פאַר די דעמאָלטדיקע גוזעלשאַפטלעכע שטימונגען איז, וואָסביידע זשור־נאַלן, הגם אין אַ סך פרטים פאַרשיידן, זיינען זיי אין איין פרט געווען פולשטענדיק סאָלידאַריש. דאָס איז געווען אין דער פראַגע פון סאָ־ציאַלן איבערבוי פון דער באַזע פון דעם רוסלענדישן יידנטום, די פראַגע פון שאַפן אַ יידישן ערד־אַרבעטער קלאַס. ווען עס קומט צו דער דאָזיקער פראַגע ווערט אַפילו דער פלעגמאַטישער „רוסקי יעווריי״ פאַטעטיש.

„קודם־כל, — שרייבט ער, — דאַרפן יידן אַ טראַכט טאָן מכח דעם, אַז צווישן זיי מוז זיין אַ קלאַס ערד־אַרבעטער. דאָס פּאָסיקסטע וואָרט איז: פּראָדוקטיווע אַרבעט! דאָס איז דער לאָזונג פון מאָ־מענט אין דעם איצטיקן לעבן פון די רוסלענדישע יידן. קיין זאַך קען ניט לייכטער מאַכן די לאַגע פון דער יידישער מאַסע, ווי נאָר אַ ריכ־טיקע און סיסטעמאַטישע אַנטוויקלונג פון מלאָכה און ערד־אַרבעט. צו דער דאָזיקער איבערצייגונג זיינען געקומען אונדזערע פּראָגרע־סיווע מענטשן און מיר ווייסן, אַז די דאָזיקע אויפריכטיקע ווערטער האָבן טיף אַנגערירט ניט איין יידיש, סענסיטיוו האַרץ.״

אין דער פראַגע פון קאָלאָניזאַציע שטרייכט דער „רוסקי יעווריי״ אונטער, פונקט ווי עס האָט עס געטאָן דער „ראַזסוויעט״, ניט נאָר דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן, נאָר אויך דעם מאָראַלישן מאָמענט. דער „רוסקי יעווריי״ רוקט אַרויס די נויטיקייט צו פאַרשטאַרקן און אויפלעבן צווישן יידן פיזישע אַרבעט, ווייל דאָס איז דער איינציקער אויסוועג פון דער „איצטיקער טרויעריקער און נעבעכדיקער עקזיס־טענץ און איז אויך אַ וואָגיקע ערבות פון דעם מאָראַלישן כוח פון פאָלק.״

„אַרבעט, — שרייבט דער „רוסקי יעווריי״, — פאַרזאָרגט מאַטעריעל און איידלט מאָראַליש. דורות־לאַנגע היסטאָרישע סיבות האָבן יידן אָפּגעריסן פון פיזישער אַרבעט בכלל און פון ערד־אַרבעט בפרט. אונדזער אויפגאַבע באַשטייט איצט אין דעם, אַז מען זאָל יידן געבן אַ מעגלעכקייט זיך אויפסניי צוגעוואוינען צו דער מאַמע־ערד. דער מעמד פון אַן ערד־אַרבעטער איז אַן אַן ערך חשובער, מאָראַלי־שער און באַקוועמער פון דעם מצב פון אַן אביון, אַ געשעפטמאַכער. עס וועט קיין יידן ניט שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט ווען עס וועט אים אויסקומען אויסצוקלייבן צווישן דעם שטאַטישן לומפּן־פּראָלעטאַריאַט און דעם דאָרפישן, באַשיידענעם לעבן.״

דאָס שאַפן פון דעם „צייטווייליקן פאָנד" האָט דער „רוסקי יעוורעי" באַגריסט פונקט אַזוי וואַרים, ווי עס האָט אים באַגריסט דער „ראַזסוויעט".

„דאָס רוסלענדישע יידנטום, — רופט אויס מיט התפעלות דער „רוסקי יעוורעי", — איז נאָך קיינמאָל ניט אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַזאַ הערלעכער, דערהויבענער און אין דער זעלבער צייט שווערער אויפגאַבע, ווי אין דעם איצטיקן מאָמענט."

דאָס איז געשריבן געוואָרן אין שייכות מיטן פאָנד פאַר פאַר־שפרייטן מלאָכה און ערד־אַרבעט צווישן יידן אין רוסלאַנד.

„ביי אַן ערנסטער און פלייסיקער באַציאונג צו דער זאַך, — שרייבט די צייטונג, — קען דער דאָזיקער פאָנד באמת אויפטאָן זייער אַ סך. ער קען ווערן דער אַנקער וואָס ראַטעוועט אונדזער אָרים פאָלק פון זיין מאָראַלישער און מאַטעריעלער דערדריקונג."

אויך דער „רוסקי יעוורעי" האָט געהאַלטן אַז ערד־אַרבעט איז וויכטיקער פון מלאָכה.

„ערד־אַרבעט פאַר יידן, — האָט ער אָנגעוויזן, — האָט אַ נאַ־ציאָנאַלע חשיבות. דאָ גייט ניט וועגן הונדערטער אָדער טויזנטער מענטשן, וועמענס גורל מיר ווילן פאַרבעסערן; דאָ גייט וועגן עפענען נייע געביטן פאַר פאָלק־אַרבעט, וועגן צוציען לעתיד אַ גרויסע מאַסע פון פאָלק צו אַזאַ אַרבעט, וואָס אין פאַל פון הצלחה, איז איר באַשערט צו עפענען אַ ניי בלאַט אין דעם לעבן פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד."

„דער סאַמע ראַציאָנעלער מיטל צו פאַרקלענערן דעם יידישן פראָלעטאַריאַט דאַרף זיין נאָר קאָלאָניזאַציע. אויב מלאָכה ווירקט זייער אָפט לטובת דעם געזונט פון מענטשן, גיט אָבער ערד־אַרבעט עפּעס מער. זי שטאַרקט דאָס געזונט, האַלט אונטער דעם כוח."

אויב אין דער פראַגע זיינען די ביידע זשורנאַלן געווען מסכים, איז אָבער אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע געווען צווישן זיי אַ גרויסער אונטערשייד. אין דעם פרט איז דער פאָרזיכטיקער און לאַנגזאַמער „רוסקי יעוורעי" געווען מער פעסט און זעלבסטשטענדיק, איידער דער „ראַזסוויעט."

דער „ראַזסוויעט" האָט פאַרטיידיקט די אַלטע אַסימילאַציע און זיך באַמיט פאַרווישן די קולטור־נאַציאָנאַלע אַספעקטן אין דער יידי־שער פראַגע. דער „רוסקי יעוורעי" איז אין אָנהייב געגאַנגען מיט דער זעלבער שיטה, און גערעדט וועגן אַן „ענדגילטיקער רוסיפיקאַציע פון יידן."

אָבער בהדרגהדיק האָבן אַלץ בולטער אָנגעהויבן קלינגען נייע

טענער. עס האָט דרייסטער זיך געלאָזט באַמערקן די טענדענץ אָפּן און מוטיק אַוועקשטעלן די יידנפראַגע אין שייכות מיט דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם און קריטיש איבערשאַצן די אַלטע פּרינציפּן.

„פון דעם כאַראַקטער פון אונדזער אויפגאַבע, — איז מודיע דער „רוסקי יעוורעי" אין דעם פּראָגראַם־אַרטיקל פון צווייטן יאָרגאַנג, — איז קלאָר, אַז קודם־כל זיינען פאַר אונדז וויכטיקער די אינעוויי־ניקסטע אינטערעסן פון אונדזער פאָלק, דאָס מיינט, די תנאים אין וועלכע עס לעבט אונדזער אייגענע אינדיווידואַליטעט, דאָס אַלץ, וואָס מאַכט פון אונדז דאָ אין לאַנד פאַר אַ באַזונדערע נאַציאָנאַליטעט פון שטאַנדפּונקט פון ראַסע און רעליגיע."

דער יונגער פּ י י וו ו ל ג ע ט ץ האָט אין „רוסקי יעוורעי" פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל א"נ „אונדזערע ניט־באַרופענע מדריכים". ער רופט אָן די אידעאָלאָגן פון אַסימילאַציע „אומבאַרופענע מדריכים", ווייל זיי זעען די לייזונג פון דער יידנפראַגע אין דעם שנעלן פאַרניכטן פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון יידן.

„אין דעם עצם עקזיסטענץ פון אַ נאַציע און איר פעאיקייט צו לעבן ליגט איר רעכט אויף עקזיסטענץ, איר רעכט צו לעבן. דאָס בשותפותדיקע פון אַ שבט איז ניט קיין אַקציען־געזעלשאַפט, איר קראַפט און פעאיקייט צו לעבן איז ניט נאָר אַ פיזישע, נאָר על פי רוב אַ גייסטיקע און אַ מאָראַלישע."

געטץ באַמיט זיך דורכפירן אַ שאַרפע ליניע צווישן די צוויי באַגריפן: מלוכה און נאַציע. אין יענע צייטן, — זאָגט ער ווייטער, — ווען כוח האָט געמיינט אַלץ, איז געווען נייטיק, אַז „יעדע נאַציאָ־נאַליטעט זאָל האָבן איר אייגענע טעריטאָריע, איר אייגענע מלוכה." אָבער פאַקטיש זיינען טעאָריע און מלוכה קיינמאָל ניט געווען און זיינען היינט ניט דער תמצית פון אַ נאַציע.

„דער תמצית פון אַ פאָלק ליגט אין געמיינזאַמקייט פון בלוט, שכל, כאַראַקטער, נטיעות, — לויט וועלכע איין פאָלק אונטערשיידט זיך פון אַ צווייטן. דאָס איז אַ נאַטירלעכער אונטערשייד, וואָס גיט יעדן פאָלק דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו לעבן און צווינגט אויף אים אַרויף אַ חוב צו פאַרנעמען אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט דעם אָרט „וואָס עס קומט אים און אויך שפּילן אַ באַשטימטע ראָל אין דער קולטור פון דער מענטשהייט."

„דאָס רעכט אַז נאַציאָנאַלע אונטערשיידן זאָלן עקזיסטירן, קען פון דער קולטור־געשיכטע ניט פאַרלייקנט ווערן, אויך ניט פון דעם קאָסמאָפּאָליטיזם און אוודאי ניט פון די היינטיקע מלוכהשע סיסטע־

מען. עס איז אמת, אַז קולטור אין איר אייביקן פּראָוויס־מאַרש פאַר־גלעט די שאַרפע קאַנטורן און אונטערשיידן צווישן פעלקער, נאָר דעם תוך פון דעם תמצית־אונטערשייד קען זי קיינמאָל ניט בטול מאַכן. עס וועט קיינמאָל אויף די חורבות פון נאַציאָנאַליזם ניט אויפגע־בויט ווערן אַ טעמפּל פון קאָסמאָפּאָליטיזם, פונקט ווי עס וועט קיינ־מאָל די משפחה ניט געבראָכט ווערן ווי אַ קרבן אויפן מזבח פון דער מלוכה!

„אויב, — זאָגט געטץ, — דער נאַציאָנאַליזם איז וויכטיק פאַר אַלע נאַציעס און רעליגיעס, איז ער באַזונדער וויכטיק פאַרן יידנטום. קיין פאָלק האָט אין משך פון טויזנטער יאָרן ניט געלעבט אין אַזוי פיל פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, צווישן פאַרשיידענע אומות, אין די סאַמע פאַרשיידנסטע קולטור־פאַרמען, אין די סאַמע אַנטקעגנגעזעצטע שיטות פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיק — ווי דאָס יידישע פאָלק, און דאָך, ניט געקוקט אויף די רדיפות און גגישות, האָט ער אָפּגעהיט זיינע טראַדיציעס, זיינע נאַטירלעכסטע סימנים און מיט דעם אַליין באַקומען דאָס רעכט אויף עקזיסטענץ."

„די אינדיווידואַליטעט פון דער יידישער נאַציע, — שליסט געטץ, — האַרמאָניזירט גוט מיט דער אַלגעמיינער קולטור, אמתן קאָסמאָפּאָליטיזם און מאָדערנעם מלוכה סיסטעם. עס איז ניטאָ קיין שום סיבות צו דענקען, אַז דווקא יידן זאָלן זיין די ערשטע איבערצו־רייסן די פעדים מיט זייער גרויסן עבר, מיט זייער לאַנגער געשיכטע און זיך אָפּזאָגן פון דער פאָן, צוליב וועלכער אונדזערע אָבות האָבן געליטן מיט אַזוי פיל מסירת הנפש."

אַן ענלעכן געדאַנק האָט אין אַן אַרטיקל א"נ „עפּעס וועגן דעם פּרינציפּ פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט" אַנטוויקלט דער יונגער ברוך בראַנדט (1860—1907). ער איראָניזירט איבער יענע אינטעליגענטן, וואָס באַמיען זיך אין אַן איבערפלוס פון הכנעה אַלעמען צופרידנשטעלן און סטאַרען זיך האַלטן וואָס ווייטער פון דעם געדאַנק, אַז עס איז פאַראַן אַ יידישע נאַציע.

„די דאָזיקע אינטעליגענטן, — שרייבט בראַנדט, — ווילן באַ־רואיגן זייער געוויסן און דערפאַר באַמיען זיי זיך גופא צו איבער־צייגן, אַז אַ יידישע נאַציאָנאַליטעט איז סתם אַ פיקציע, אַן היסטאָ־רישער אַנאַכראָניזם, וואָס האָט ניט קיין ממשות און ניט קיין וויטאַ־ליטעט־עלעמענטן."

בראַנדט, פאַרשטייט זיך, איז ניט מסכים מיט די דאָזיקע אינטע־ליגענטן. ער דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז דער „פּרינציפּ פון אַ יידישער

נאַציאָנאַליטעט איז אַ היסטאָרישער און אַנטראָפּאָלאָגישער פּאַקט, וואָס קען ניט געשטעלט ווערן אין אַ ספק.״

בראַנדט איז געווען באַאיינפלוסט פון פרץ סמאָלענסקין, און פּונקט ווי זיין רבי, טענהט ער אויך, אַז דאָס יידישע פאָלק איז קודם־כל אַ גייסטיקע נאַציע.

„פאַרשטייט זיך, אַז יידן האָבן ניט קיין טעריטאָריע, — זאָגט ער, — אָבער די אַנדערע צוויי עלעמענטן, וואָס זיינען נייטיק פאַר דער אַנטוויקלונג און אונטערשטיצן פון דעם נאַציאָנאַלן גייסט — רעליגיע און שפראַך — האָבן די יידן און זיי פאַרמאָגן אַפילו אַן אומגעהויערע וויטאַליטעט.״

בראַנדט קלערט אויף, אַז מיטן באַגריף „יידישע רעליגיע״, פאַרשטייט ער „די רעליגיע פון גייסט.״

„דער אינעווייניקסטער אינהאַלט פון דער יידישער רעליגיע וועגט איבער זיין דרויסנדיקן שטייגערישן לבוש.״

„מען קען זיין אַן אמתער ייד און אין דער זעלבער צייט זיין אַן איינראָפּעער און אַ גאַר געטרייער בירגער פון וועלכער עס איז מלוכה, ווייל דער יסוד פון דער יידישער רעליגיע און פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט איז ניט דער מנהג, נאָר דער גייסט, דער באַוואוסטזיין, אַז יידן זיינען אַן אומה וואָס איז פאַרבונדן מיט שטאַרקע, גייסטיקע פעדים. דער באַוואוסטזיין פון דעם דאָזיקן פאָלק־בונד האָט גובר געווען דעם ביטערן גורל פון יידן, דעם פייער און שווערד, די אינקוויזיציע און האָט דאָך זיין מאָראַלישן כוח ניט פאַר־לאָרן. דער דאָזיקער באַוואוסטזיין, דער דאָזיקער גייסט — דאָס איז דער הויפּט־יסוד פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט און פון דער יידי־שער רעליגיע.״

בראַנדט באַטאָנט זייער שטאַרק ווי וויכטיקייט פון דעם עלע־מענט פון נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און ניט פון די רעליגיעזע איבער־צייגונגען און האַלט, אַז אין דעם באַוואוסטזיין שטעקט די הויפּט־סיבה, דער צעמענט וואָס פאַראייניקט דאָס גלות יידנטום.

„קיין ייד, — זאָגט ער, — וועט זיך אויף אַ מינוט ניט קווענקלען אָנערקענען אין אַ צווייטן יידן זיינעם אַ ברודער, אַפילו ווען זיי וועלן האָבן גאָר היפּוכדיקע איבערצייגונגען און בליקן בנוגע וועלט און רעליגיע. אַ חסיד, אַ מתנגד, אַ „בערלינער משכיל״, אַפילו אַ קאַראַאים, ניט געקוקט אויף די פאַרשיידענע וועלט־קוקן און גלויבונגען זייערע וועלן זיך ערגעץ־וואו צונויפקומען אין איין פונקט, וואָס וועט זיי אַלע פאַראייניקן. דער דאָזיקער פונקט איז דער באַוואוסטזיין אַז זיי זיינען

די זעלבע ברידער, גלידער פון איין און דערזעלביקער משפחה, פאַר־בונדן מיט אַ בשותפותדיקן גורל און מיטן גאַנצן היסטאָרישן עבר.״

צו די וואָס מישן צונויף מלוכה און נאַציאָנאַליטעט זאָגט בראַנדט אַזוי:

„די באַגריפן מלוכה און נאַציאָנאַליטעט שליסן זיך בשום אופן ניט אויס, נאָר, פאַרקערט, זיי לעבן זיך צונויף אויף דעם אידעאַלסטן אופן. אַ מלוכה קען צונויפגעשטעלט ווערן פון די סאַמע פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און פאַרשיידענע אמונות — און דאָך שטערט עס ניט דעם נאַטירלעכן וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון דער מלוכה.״

דער „ראַזסוויעט״ האָט געוואָלט זיין דער „וועקער פון אַליינ־באַוואוסטזיין און דרך ארץ פאַר זיך גופא״, בעת דער „רוסקי יעווריי״ האָט געקעמפט פאַר אַ „נאַציאָנאַלן אַליינבאַוואוסטזיין״.

דעם דאָזיקן געדאַנק האָט סיסטעמאַטיש אַנטוויקלט דער „השחר״ פון פרץ סמאָלענסקין און האָט אַזוי אַרום משפיע געווען די רוסיש־יידישע פרעסע.

אין משך פון צוואַנציק יאָר האָט דער יידישער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק פאַרענדיקט זיין קרייז. פון דעם ערשטן „ראַזסוויעט״, וואָס האָט ניט געלייקנט די ראָל פון נאַציאָנאַלע עלעמענטן, דורך דעם בולט אַסימילאַטאָרישן „דיען״ האָט דער קרייז זיך געשלאָסן מיטן „רוסקי יעווריי״, וואָס האָט געוועקט „דעם נאַציאָנאַלן אַליינ־באַוואוסטזיין״ פון די רוסישע יידן.

דער „קול מבשר" און זיין צייט

.1

שטיל און אומבאַמערקט איז אין סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָר די יידישע פרעסע אין רוסלאַנד איבערגעגאַנגען אינם צווייטן יובל פון איר עקזיסטענץ. דעם עלפטן אָקטאָבער איז געוואָרן פופציק יאָר, זינט אַלכסנדר צעדערבוים האָט אין אָדעס אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער פון וואָכנבלאַט „קול מבשר" אַלס „יידיש־דייטשע ביילאַגע" צום „המליץ". אָט די דאָזיקע דאַטע באַדייט אַ גאַנצע עפּאָכע ניט בלויז אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער יידישער פרעסע, נאָר אויך פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

אַ שטיפקינד איז געווען די יידישע שפּראַך ביי דער יידישער אינטע־ליגענץ פון דער השכלה־צייט, אַ שטיפקינד, וואָס מען האָט זיך פאַר־האַלטן צו אים מיט שנאה און פאַראַכטונג. אַ מערקווירדיק בלעטל אין דער יידישער קולטור־געשיכטע פאַרנעמט אָט דער פאַרהאַלטן פון דער יידישער אינטעליגענץ צו דער געבּרויכס־שפּראַך פונם איי־גענעם פאָלק, נאָר בכדי וואָס גיכער צו מיין הויפּט־טעמע צו קומען, וועל איך וועגן דעם פּרט ניט צופיל מאַריך זיין איך וועל נאָר אָנ־ווייזן, אַז די גאַווהדיקע פאַראַכטונג און שטאַרקע שנאה צום „זשאַר־גאָן" האָבן אונדזערע יידיש־רוסישע אינטעליגענטן, אונדזערע ערשטע משכילים, באַקומען בירושה פון דער „בערלינער השכלה", פון די מאָספּימס חדר. ביי די ערשטע יידישע „אויפקלערער" אין פּרייסן, ביי די אַזוי גערופענע „מענעדעלסאָנס תלמידים", איז דער זשאַרגאָן, וואָס זיי האָבן אין אים געזען ניט מער ווי אַ פאַרדאַרבענעם און פאַר־אומרייניקטן דייטש — געוואָרן דער סימבאָל פון פינצטערן גלות, פון קנעכטישן לעבן. און וואָס 'מער זיי האָבן געשטרעבט צו אייראָפּעאי־שער קולטור, צו אַ נייעם, פרייען לעבן — אַלץ שטאַרקער איז ביי זיי געוואָרן דער וואונטש אָוועקצוואַרפן די שפּראַך, וואָס זיי האָבן באַ־קומען בירושה פון דעם אָפּגעזונדערטן און פאַרהאַסטן געטאָ, און איי־בערצוגיין צו דער שפּראַך פון דער קולטורעלער סביבה. ביי די יידי־

שע אויפקלערער אין די אויגן איז די געטאָ־שפּראַך געוואָרן אַ מין געלע לאַטע, וואָס זייערע זיידעס האָבן זי געטראָגן אין מיטל־אַלטער. עס איז דערפאַר קיין שום חידוש ניט, וואָס מיר באַגעגענען די שנאה צום זשאַרגאָן כמעט ביי אַלע בעסטע פּראָגרעסיווע פאַרשטייער פון די דייטשע יידן זינט מענדעלסאָנען אָן ביז גרעץ און שטיינשניידער.

אונדזערע רוסישע משכילים האָבן צוזאַמען מיט די אויפקלערונגס־אידעען איבערגענומען ביי די דייטשע אויפקלערער אויך זייער שנאה און פאַראַכטונג צום זשאַרגאָן. נאָר ביי די דייטשע משכילים איז די זאַך געווען גאַנץ גלאַט און פשוט: מען דאַרף דעם פאַרדאָרבענעם דייטש פאַרבייטן דורך ריין ליטעראַרישן דייטש, דורך דער שפּראַך פונם פאָטערלאַנד. ביי די רוסישע און פּוילישע משכילים איז שוין אָבער די שפּראַך־פראַגע געווען אַ ביסל מער פאַרפּלאָנטערט: דייטש איז דאָך ניט געווען די לאַנדס־שפּראַך ניט אין וואַרשע, ניט אין ווילנע צי בערדיטשעוו. נאָר דאָס האָט כלל ניט אויסגעמאַכט ביי אונדזערע משכילים, וואָס זיינען, אין גרונד גענומען, געווען ניט ווייניקער אָפּגע־ריסן פון רעאַלן לעבן, ווי זייערע קעגנער די „מורדי אור", די אָר־טאָדאָקסן. על כל פנים, האָבן זיי געטענהט, דער מיאוסער זשאַרגאָן, וואָס מאַכט אונדז צו שפּאָט און צו געלעכטער ביי די אומות העולם, מוז אַראָפּ פון דער בימה, און מען דאַרף אים פאַרבייטן דורך אַן אָנשטענדיקער שפּראַך; עס איז קיין נפקא מינה ניט, צי דורך ריין דייטש, צי אפשר גאָר דורך רוסיש אָדער פּויליש. און אין וואַרשע איז טאַקע אין די צוואַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט איינער פון די אויפגעקלערטע משכילים, אַנטאָן אייזענבוים, וואָס איז דער־נאָך געווען דירעקטאָר פון דער דאַרטיקער ראַבינער־שול, געפאַלן אויף אַ המצאה און געפּרואווט אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג „דער בעאָבאַכ־טער אַן דער ווייכסעל" אויף דייטש (מיט יידישע אותיות) און אויף פּויליש, בכדי אויף דעם אופן אָפּגעוואוינען די וואַרשעווער יידן פון זייער זשאַרגאָן. איין חסרון איז נאָר געווען, וואָס די וואַרשעווער יידן האָבן די צייטונג ניט געוואָלט לייענען, פשוט מחמת דעם, וואָס זיי האָבן נעבעך אייזענבוימס דייטש ניט פאַרשטאַנען; זיי זיינען זיך גע־בליבן ביי זייער אַלט־מאָדישן זשאַרגאָן, און אייזענבוימס צייטונג איז אין משך פון אַ יאָר (דעצ. 1823 — סעפּט. 1824) אונטערגעגאַנגען.

.2

דאָס לעבן איז אָבער דאָך פיל שטאַרקער פון כל המינים דאָקט־רינעס און טעאָרעטישע המצאות. הגם די משכילים אין רוסלאַנד, פון טביה פעדער און יצחק בער לעווינזאָן אָן ביז גאָרדאָן און סמאָ־

לענסקין, האָבן געהאַלטן מלחמה אַקעגן „דער שפּראַך פון די דינסטן" — האָבן דאָך פיל פון די דאָזיקע משכילים־ליטעראַטן גופא, קעגן זייער ווילן און ווילן, מיטגעהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור. וואָרעם יענע פון די משכילים, וואָס האָבן ניט געוואָלט פאַרמאַכן די אויגן פאַר דערווירקלעכקייט און האָבן אויפריכטיק געשטרעבט ברענגען נוצן זייער פאָלק, האָבן סוף־כל־סוף אין זייער קאַמף פאַר אויפקלערונג און בילדונג, געמוזט זיך ווענדן צו דער הילף פון דער פאָלקס־שפּראַך. מער פון אַלץ האָט זיי דערצו גע־צוואונגען די חסידות, וואָס קעגן איר האָבן די משכילים געפירט דעם פאַרביטערטסטן קאַמף. די חסידות, אַלס עכטע פאָלקס־באַוועגונג, האָט פון אָנהויב אָן באַנוצט די שפּראַך פון דער מאַסע, אַלס דעם בעסטן אַגיטאַציאָנס־ און קאַמפּס־מיטל. איינער פון די משכילים פון יענעם דור, אַלכסנדר צעדערבוים, דערציילט דעריבער מיט גרויס באַדויערן:

„זייט אַ צייט האָט אָנגעהויבן דער חסידיזמוס זיך צו באַדינען מיט דעם מיטל צו פאַרברייטן אונטער דעם פאָלק פאַנאַטישע שריפטן, ניסים פון צדיקים, איין ליגן גרעסער פון דעם אַנדערן. די דרוקער האָבן געמאַכט דערפון אַ גאַנצע שפּעקולאַציע, מען דרוקט אָפּ צו 80,000 עקזעמפּלאַרן אַזעלכע שמאַטעס אויף ביבולע פּאַפּיר און דער המון־עם קויפט דאָס וואָלוול ווי הייסן פלאָדן... („קול מבשר" 1869 נומ' 22, ז' 147)."

אָט די דאָזיקע פאָלקס־ליטעראַטור האָט באַשאַפן אַ גרויסן לעזער־פּובליקום, בפרט צווישן די פרויען; און כדי צו קעמפן קעגן דעם איינפלוס פון די חסידישע „פאַנאַטישע שריפטן" האָבן די משכילים קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אָנווענדן דעם אייגענעם כלי־זיין, וואָס אים האָט די חסידות באַנוצט — די פאָלקס־שפּראַך, דעם פּשוטן זשאַרגאָן.

„אין אַ סך שטעט פון אונדזער פאָטערלאַנד, דערציילט אַ שריפט־שטעלער פון יענער תקופה (טאַרנאָפּאָל), ווי למשל, וואַרשע, ווילנע, אָדעס, מאָהילעוו, באַרדיטשעוו וכדומה, וואו עס געפינען זיך גאַנצע גרופּעס גע־בילדעטע יידן, עקזיסטירט אין די דאָזיקע אויפגעקלערטע קרייזן אַ באַזונדער מין ליטעראַרישע אונטערהאַלטונג: מען פאַרברענגט די צייט אין פאַרלעזן אויפן פּשוטן פּויליש־יידישן זשאַרגאָן דערציילונגען, דראַמאַטישע סצענעס, גאַנצע בראָשורעס אין לידער אָדער פּראָזע, אין די דאָזיקע ביכלעך, וואָס מ'לייענט פאַרן גאַנצן צונויפגעקליבענעם עולם, ווערן אין אַ זייער שאַרפער פאָרם אויסגעלאַכט מערערע נאַרישע מנהגים, פאַרעלטערטע אָבערגלויבנס און פאַלשע חסידישע „אַנשי־אונגען".

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער, וואָס אַט די דאָזיקע משכּילישע זשאַרגאָן־ליטעראַטור איז אין גרעסטן טייל געבליבן אַ געשריבענע ליטעראַטור. דרוקן זייערע ווערק אויף פּראָסט מאַמע־לשון, עפנטלעך אַרויסטרעטן אַלס מחבר פון זשאַרגאָנישע ביכער — דאָס האָבן די דעמאָלטיקע משכּילים ניט געקאָנט ביי זיך פּועלן. און טאַקע דער זעלבער צעדערבוים, וואָס מיר האָבן אים שוין פריער ציטירט, ווייזט אָן דעם טעם, אָדער ריכטיקער די טעמים, פאַר דער דאָזיקער דער־שיינונג:

„טייל, שרייבט ער, האָבן דאָס געמאַכט פאַר אַ שפּאַס און האָבן גאָרנישט געדענקט אַזעלכע שריפטן אַרויסצוגעבן; טייל האָבן זיך פּשוט געשעמט פלוצים מחברים צו ווערן אין דעם אָרעמען זשאַרגאָן, וואָס עס איז צו ווינטשן, עס זאָל גאָר פאַרגעסן ווערן פון אונדזערע רוסישע ברידער, אַזוי ווי עס עקזיסטירט שוין ניט אין דייטשלאַנד. טייל האָבן גאָר געפייערט, עס זאָל חלילה, ניט אויסבילדן דעם שעדלעכן זשאַרגאָן, די שרייבער אין דעם לשון האָבן גאָר געגילטן פאַר מאַרשאַ־ליקעס, וועמען גלוסט זיך אַזאַ ראָל צו שפּילן“.

צו זיין אַ מחבר פון אַ העברעאישן ווערק, זיין איינער פון די כּהנים, ווי מען פלעגט זיך דעמאָלט אויסדריקן, וואָס ווײַרויכן דער „איינציקער און שיינער“ שפה העבריה, האָט מען אין יענער צייט געהאַלטן פאַר אַזאַ מין כּבוד, אַז יעדער משכּיל, וואָס האָט אַפילו ניט געהאַט קיין שום ליטעראַרישן טאַלאַנט, איז געווען מוכן ומזומן דאָס לעצטע אָפּצוגעבן, אַבי זוכה זיין זען זיין חיבור געדרוקט. זאָלן אַלע וויסן, וואָס פאַר אַ „בעל לשון“ ער איז, ווי קונציק ער קאָן שרייבן „מליצה“. זיין אָבער אַ פאַרפאַסער אין פּשוט מאַמע־לשון איז קיין שום כּבוד ניט געווען. „עס איז קיין גרויסער כּבוד, שרייבט נאַאיוו דער זעלבער צעדערבוים, אַז מען קאָן שוין יאָ שרייבן אין דעם גאַלאַמאַגנען לשון, וואָס מען דאַרף ניט לערנען און האָט קיין שפּראַך־לערע, אַ לשון, וואָס מיר אַליין האַלטן עס פאַר אַן אומגליק („קול מבשר“, 1869, נומ' 48).

עס איז כּלל קיין וואונדער ניט, וואָס דער רוב פון די שריפט־שטעלער, וואָס וועגן זיי דערמאָנט טאַרנאָפּאָל, האָבן זייערע יידישע ווערק ניט געדרוקט, אַפילו ווען זיי זיינען געווען זיכער, אַז די דאָזיקע ווערק וועלן האָבן גרויס דערפאָלג. יצחק בער לעווינזאָנס „הפקר־וועלט“ האָט זייער אויסגענומען ביים פּובליקום, עס איז אָבער פאַרשפּרייט געוואָרן בלויז אין כּתב־יד, און דעריבער האָט עס דערשיינט אין פופ־ציק יאָר אַרום. ד"ר עטינגערס טעאַטער־שטיק „סערקעלע“ איז אויך ניט געדרוקט געוואָרן ביים לעבן פונם מחבר, און ערשט נאָך זיין טויט האָט עפּעס אַן אומבאַקאַנטער בגנבה, אָן דערלויבעניש פון די יורשים,

אָפּגעדרוקט אין פּרייסן עטינגערס ווערק, ניט פונם עכטן אָריגינאַל, נאָר פון אַ זייער פאַרגרייזטער קאָפּיע. די לידער און פּאָעמעס פון אברהם בער גאָטלאָבער זיינען אויך אַ לאַנגע צייט געבליבן ניט געדרוקט, און זיי פלעגן פאַרשפּרייט ווערן בלויז אין האַנטשריפטן; ערשט אַז עפּעס אַ ספּעקולאַנט האָט אַן דעם וויסן פון מחבר אָפּגעדרוקט אַ פּאָר זיינע פּאָעמעס, פול מיט גרייזן, האָט שוין גאָטלאָבער קיין ברירה ניט געהאַט, זיך געמוזט אַננעמען פאַר זיין אייגנטום און האָט אָפּגעדרוקט זיינע פּאָעמעס „דער גלגול", „דער סיים" אונטער זיין אייגענעם נאָ־מען. ישראל אַקסענפעלד האָט ביז זיינע לעצטע יאָרן קיין איינס פון זיינע פיל ווערק ניט אָפּגעדרוקט. האָט שוין אימיצער פון יענע משכילים זיך יאָ איינגעשטעלט צו דרוקן זיינס אַ יידיש ווערק, האָט ער עס פאַר־עפנטלעכט אָדער אַנאָנים, ווי למשל, פּאַלקאָוויץ זיין „ר' חיימל דער קצין", אָדער אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען, ווי אליעזר צווייפל זיין „מוסר השכל".

3.

עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס בעת אין אָנהויב פון די זעכציקער יאָרן איז אַ דאַנק די גרויסע שינויים, וואָס זיינען דאַן פאַר־געקומען אין רוסלאַנד, געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעל יידישע פּרעסע, האָבן קודם כל דערשיינט העברעאישע („המליץ", „הכרמל", „הצפירה") און רוסישע („ראַזסוויעט", „סיאָן") צייטונגען, אָבער ניט אויף פּראָסט יידיש.

די ערשטע צען יאָר פון אַלכסנדר דעם צווייטנס ממשלה האָבן געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש, ניט בלויז אין רוסישן, נאָר אויך אין יידישן לעבן אין רוסלאַנד. די גרויסע רעפאָרמעס, וואָס זיינען דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד, בפרט די באַפרייאונג פון די פּויערים, וואָס האָט אַרויסגערופן אַן אמתע מהפכה אין עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד, די אייזנבאַן־פאַרבינדונג, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען אין רוסלאַנד אין די זעכציקער יאָרן — דאָס אַלץ האָט גע־מוזט אויך אַרויסרופן שטאַרקע שינויים הן אין עקאָנאָמישן, הן אין גייסטיקן לעבן פונם יידישן תחום. דער ייד האָט ביי די אומגעביטענע אומשטאַנדן שוין ניט מער געקאָנט פירן זיין אַמאָליק אָפּגעזונדערט לעבן. פיל אַלטע לעבנסקוואַלן זיינען מיטאַמאָל אויסגעטריקנט געוואָרן, און אויף זייער אָרט זיינען באַשאַפן געוואָרן שפּאָגל־נייע; דער ייד האָט דערפילט, אויף וויפיל ער איז דורך פאַרשיידענע עקאָנאָמישע פעדים פאַרבונדן מיט דער קריסטלעכער סביבה, און אַלץ מער האָט ביי אים אָנגעהויבן צו וואַקסן דער אינטערעס צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין

דער אויסוויינקסטער וועלט. די אַלע אומשטאַנדן האָבן אין דעם יידן פון תחום נאָך מער געשטאַרקט דעם חשק צו לייענען אַ צייטונג, וואָס עס האָט אין אים צום ערשטן דערוועקט די גרויסע קרימער מלחמה. באַלד נאָך דער מלחמה, ווען עס איז נאָך שווער געווען צו באַקומען אין רוסלאַנד אַ דערלויבעניש אויף אַ יידישער צייטונג, האָט צווישן די רוסישע יידן געפונען אַ געוויסע פאַרשפּרייטונג דער העברעאישער „המגיד״, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען לעבן דער רוסישער גרענעץ אין פּרייסישן שטעטל ליק. אין יאָר 1858 האָבן יוסף ראַבינאָוויטש און חיים טאַרנאָפּאָל דערלאַנגט אַ בקשה, מען זאָל זיי דערלויבן אַרויסצו־געבן אין אָדעס אַ וועכנטלעכע יידישע צייטונג אין רוסיש: „ראַזסוויעט״. הגם זייער בקשה האָט שטאַרק אונטערשטיצט דער באַרימטער פּיראָגאָוו, וואָס איז דעמאָלט געווען קוראַטאָר איבער אָדעסער לער־קרייז, דאָך האָט מען תחילת ראַבינאָוויטשן און טאַרנאָפּאָלן ניט דערלויבט אַרויס־געבן אַ צייטונג אין רוסיש, נאָר אין „העברעאישער אָדער אויף דער פון די רוסישע יידן געברויכטער יידיש־דייטשער שפּראַך״.

ראַבינאָוויטש און טאַרנאָפּאָל האָבן אָבער געשטרעבט דווקא צו אַ רוסישער צייטונג, וואָס דורך איר זאָלן זיי קאָנען זיך צונויפרעדן מיט דער רוסישער געזעלשאַפט; זיי האָבן דערפאַר כלל ניט בדעה געהאַט אויסצונוצן די באַקומענע דערלויבעניש. דערפאַר האָט זיך אָבער איינגעגעבן אויסצונוצן זי אַן אַנדערן אָדעסער ליטעראַט — אַלכסנדר צעדערבוימען.

אַ מערקווירדיקע דערשיינונג איז געווען אָט דער מענטש, וואָס מיט אים איז אַזוי ענג פאַרבונדן די געשיכטע פון דער יידיש־העברעאי־שער פּרעסע אין רוסלאַנד. אַ מענטש מיט אַ גאַנץ קנאַפּער בילדונג, האַלב פאַקטאָר, האַלב שתדלן פון אַלטמאָדישן שניט, און אַ גרויסער באַרימער דערצו. און אָט דער דאָזיקער ווייניק קולטורעלער און ניט באַזונדערס סימפּאַטישער כלל־טוער איז געווען באַגאַבט מיט אַן אייזערנער אומ־דערמידלעכער ענערגיע, און אין אים האָט תמיד געברענט אַ הייסער פונק פון ליבע און איבערגעגעבנקייט צום יידישן פאָלק און צו זיינע אינטערעסן. צעדערבוימס אומגעלומפּערט לאַנגע אַרטיקלען זיינען גע־שריבן אָן אַ שום סיסטעם, און פאַר אַ לעזער מיט עפּעס אַן אַנטוויקלטן געשמאַק זיינען זיי זייער שווער צו פאַרדייען, דאָך איז אין אַ פּולע פון זיי בולט דער חוש פון אַן אמתן פובליציסט, וואָס דערפילט תמיד דעם פּאַסנדסטן מאָמענט צו באַרירן די אָדער יענע פראַגע.

ס׳זיינען פאַראַן אַ סך לעגענדעס וועגן דעם, ווי אַזוי צעדערבוים פלעגט אָפּשלאָגן די שוועלן ביי „נאַטשאַלסטוואָ״ מיט זיינע שטענדיקע „כאָדאַטאַיסטוועס״. מען דערציילט אַפילו, ווי אַזוי ער איז דורך אַ צופאַל

געוואָרן אַ גאַנצער חשוב ביי „נאַטשאַלסטווא": ער האָט אַמאָל געראַטעוועט דאָס לעבן אַ קריסטלעכער מיידל, וואָס איז שיר ניט דערטרונקען געוואָרן, און די מיידל איז גראָד געווען אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם באַאַמטן. ווי די מעשה איז, אַזוי ווי ראַבינאָוויטש און טאַרנאָפּאָל האָבן כלל קיין חשק ניט געהאַט אויסצונוצן די דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין העברעאיש, צי אין יידיש, האָט צעדערבוים געבעטן, מען זאָל די דאָזיקע דערלויבעניש אים איבערגעבן.

דער פאַרשטאַרבענער אלעזר שולמאַן דערציילט אין נאָמען פון צעדערבוימען גופא, אַז לכתחילה האָט צעדערבוים זיך פשוט געשעמט אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויף פּראָסט זשאַרגאָן, דערפאַר האָט ער טאַקע געבעטן, מען זאָל אים דערלויבן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אין העברעאיש און אין דייטש מיט יידישע אותיות. דורך דער מיטווירקונג פון פּיראָגאָוון האָט צעדערבוים די דאָזיקע דערלויבעניש באַקומען, און דעם 29טן סעפּטעמבער 1860 איז דערשינען דער ערשטער נומער „המליץ" — „איין צענטראַל אָרגאַן פאַר יידישע אַנגעלעגנהייטן אין העברעאישער און דייטשער שפּראַך".

די ערשטע צוויי יאָר איז דער „המליץ" טאַקע דערשינען איןביידע שפּראַכן, ד"ה צווישן די העברעאישע אַרטיקלען האָבן זיך צייטנווייז געדרוקט אויך דייטשע מיט יידישע אותיות. דער פּראַקטישער צעדערבוים האָט אָבער באַלד איינגעזען, אַז די דייטשע אַרטיקלען אין בלאַט, זיינען ממש אַ ברכה לבטלה: קיינער דאַרף זיי ניט און קיינער לייענט זיי ניט. דעמאָלט איז צעדערבוים געקומען צום געדאַנק אוועקלייגן די בושה אין אַ זייט און, אויפן אָרט פון דייטשע אַרטיקלען פּרוּוון אַרויסגעבן צום „המליץ" אַ ביילאַגע אויף פּראָסט מאַמע־לשון. מיטן 42טן נומער „המליץ" אין יאָר 1862 האָט צעדערבוים צעשיקט אַ גרויסע מודעה אויף גאַנצע פיר זייטן אין זשאַרגאָן, וואו ער זאָגט אָן די בשורה, אַז ער האָט בדעה, צוזאַמען מיטן „המליץ" אַרויסצוגעבן אַ באַזונדער בלאַט „קול מבשר" „אויף פּראָסט יידיש כדי דער פּראָסטער עולם און אַפילו ווייבער זאָלן וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט".

נאָר צעדערבוים האָלט פאַר נויטיק זיך תיכף צו פאַרענטפערן פאַר די קעגנער פון יידיש. „מיר ווייסן דאָך, שרייבט ער, אַז די היינטיקע אויפגעקלערטע שרייען מען זאָל דאָס פאָלק אָפּגעוואוינען יידיש רעדן, און זיי געוואוינען צו רעדן דאָס לשון פון דער מדינה; אפשר זיינען זיי אויך ניט אין גאַנצן גערעכט, וואָרעם אין דער מדינה, וואו מען לעבט דאַרף מען פאַרשטיין דאָס לשון; נאָר אויף וואָס פאַר אַ לשון זאָל מען מיט דעם פּראָסטן עולם רעדן זיי זאָלן לערנען וואָס נויטיק איז פאַר איטלעכן מענטש, אַז זיי פאַרשטייען דאָרט ניט מער נאָר יידיש".

.4

דעם עלפטן אָקטאָבער 1862 איז דערשינען דער ערשטער נומער „קול מבשר" אַלס ביילאַגע צום „המליץ" אין יידיש־דייטשער שפּראַך. נאָר די „יידיש־דייטשע שפּראַך" פון „קול מבשר" איז כלל ניט געווען ענלעך צו דער שפּראַך פון „בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל", וואָס אַ פּשוטער ייד איז ניט געווען אימשטאַנד זיך משיג צו זיין, אויך ניט צו דעם דייטשמעריש פון אייזיק מאיר דיק — דאָס איז געווען אַן אמתע פאָלקס־טימלעכע שפּראַך, פּשוט, פּראָסט, כדבר איש אל רעהו, יעדע מאַרק־יידענע האָט געקאָנט פאַרשטיין. שפּעטער מיט עטלעכע יאָר האָט צע־דערבוים דערציילט, ווי שווער דאָס איז אים לכתחילה אָנגעקומען:

„די ערגסטע צרה איז, האָט צעדערבוים געשריבן אין יאָר 1870, אַז דער זשאַרגאָן אַליין האָט אונטער זיך עטלעכע זשאַרגאָנישע מונ־דאַרטן, וואָס לאָכן איינס פונם אַנדערן און פאַרשטייען זיך כמעט ניט: ליטע, וואָלין, אוקראַינע, פּאָדאָליע, פּוילן, ניי־רוסלאַנד און בעסאַראַ־ביע האָבן יעדע אַן אַנדערע אויסשפּראַך, אַן אַנדער קאָנסטרוקציע, מאַנ־כע אַנדערע ווערטער און אויסדרוקן גענומען פון די פעלקער אונטער וועלכע זיי לעבן — היינט גיי שרייב אַ צייטונג וואָס זאָל אָנגענומען זיין ביי אַלע! דערצו האָט דאָך דער זשאַרגאָן קיין גראַמאַטיק און קיין אָרטאָגראַפיע, די ספּעקולאַנטן פון בבא־מעשיות האָבן פאַרדאָרבן דאָס לשון און דעם געשמאַק פונם פאָלק, ווידער יעדער מחבר פון די נייע האָט זיך געמאַכט אַ נייעם אַרט אויסצולייגן, און דאָס אַלץ צו ברענגען אונטער איין סיסטעם איז שווערער געווען, ווי אַן אייראָפּעאישע צייטונג צו פירן".

דאָס „איין סיסטעם", וואָס אונטער אים האָט צעדערבוים די ער־שטע צייט „געבראַכט" די שפּראַך פון זיין צייטונג, איז געווען די וואָ־לינער אויסשפּראַך; און לויט ווי יעדעס וואָרט ווערט דאָרט אויסגערעדט, אַזוי איז עס אין „קול מבשר" אויך אויסגעלייגט. אין יעדן נומער „קול מבשר" פלעגן געבראַכט ווערן ידיעות פון אויסלאַנד און פון אינ־לאַנד, אויך קאָרעספּאָנדענציעס פונם יידישן תחום. פון צייט צו צייט פלעגן אויך געדרוקט ווערן פּאָליטישע איבערזיכטן און לעבנסבאַשריי־בונגען פון גרויסע מענטשן, נאָך אָפטער — פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען וועגן יידישער געשיכטע, וועגן פּעדאַגאָגיק און דערציאונג און איבערהויפּט וועגן נאַטורוויסנשאַפטן, וואָס זיינען דעמאָלט אין די זעכציקער יאָרן שטאַרק געווען אין דער מאָדע. צום שוואַכסטן איז די ערשטע צייט געווען די אָפּטיילונג פון דער שיינער ליטעראַטור: די לידער און דערציילונגען, וואָס זיינען דאָרט געדרוקט (על פּי רוב אי־

בערזעצונגען פון דייטש) האָבן כמעט אַלע קיין שום ליטעראַרישן ווערט ניט. בכלל איז לויט דעם אינהאַלט דער „קול מבשר" די ערשטע צייט געווען זייער ענלעך צו זיין עלטערן ברודער — דעם „המליץ". נאָר דאָך איז פון די ערשטע נומערן אָן געווען צו באַמערקן אין „קול מבשר" עפּעס אַזוינס, וואָס איז כלל ניט געווען צו באַמערקן אין די העברעאישע בלעטער: דאָס איז דער גייסט פון אמתער פאָלקסטימלעכקייט, די קרבות און פאַרבונדנקייט מיט די ברייטע שיכטן פונם פאָלק, זייער אינטערעסאַנט זיינען אין דעם פּרט די בריוו, וואָס עס האָבן באַלד אָנ־געהויבן אָנקומען אין דער רעדאַקציע פון דעם פשוטן לעזער. עפּעס איינער אַ הערשעלע קצב פון בערדיאַנסק האָט צוגעשיקט אַ גאַנצן שיר לכבוד דעם רעדאַקטאָר. ער איז מלא שמחה, וואָס עס

האָבן זיך אָפּגעזוכט טייערע מענטשן
גאָט זאָל טאָקע זייערע מעשים בענטשן
און האָבן אויף אונדז רחמנות געהאָט
פאַר אונדז צו דרוקן דעם „קול מבשר" בלאַט.

יעדער לעזער, און נאָך עפּטער — יעדע לעזערין, איז געקומען מיט איר עצה וועגן דעם, וואָס מען דאַרף שרייבן אין איר בלאַט. עפּעס אַ יוסטע באַלעבאָסטע האָט געפונען פאַר נייטיק, אַז אין „קול מבשר" דאַרף געדרוקט ווערן וואָס מער אַרטיקלען וועגן זאַכן, וואָס האָבן אָן אינטערעס פאַר באַלעבאָסטעס, און טאָקע דערביי באַהאַנדלט זי די פראַגע, ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוהג זיין ביי חלות באַקן, בכדי די חלות זאָלן זיין געראָטן.

צעדערבוים מיט זיין פּראַקטישן קוק האָט באַלד איינגעזען, אַז ער גייט אויף דעם ריכטיקן וועג, כאָטש אַ טייל משכילים האָבן אויף אים שטאַרק פאַראיבל געהאַט, וואָס ער גיט אַרויס אַ צייטונג אויף זשאַרגאָן. שוין אין עטלעכע חדשים אַרום האָט צעדערבוים מיט שטאָלץ אָנגעוויזן, ווי פּאָפּולער און באַליבט זיין בלאַט איז אין די ברייטע שיכטן פונם פאָלק. ער דערציילט, ווי בעת ער האָט נאָר אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „קול מבשר", איז אים אויסגעקומען אויסצוהערן פאַרשיידענע מיינונגען: „טייל שרייען געוואַלד און אַפילו געשריבן, אַז מיר טוען אומרעכט, וואָס מיר דערהאַלטן די פאַרדאָרבענע שפּראַך, וואָס וואָלט שוין צייט געווען לאַנג זי צו פאַרגעסן, וואָרעם זי מאַכט אָן אַלע צרות, איבער איר קען קיין ייד ניט רעכט ריידן קיין שום לשון און ניט לערנען קיין שום חכמה; איבער איר איז ער מבוזה ביי אַנדערע נאַציעס און איז אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. אַנדערע ווידער האָבן זייער געלויבט אונדזער מי, זיי מיינען, אַז דאָס איז זייער נוצלעך צו בילדן

דאָס פּראָסטע פאָלק, וואָס וועלן שוין נישט גיין אין שול אַריין לער־נען אַנדערע לשונות, מען עפנט זיי די אויגן אין דעם לשון, וואָס זיי פאַרשטייען...״

„נאָר איצט, דערקלערט צעדערבוים, זעען מיר לויט די אַבאָנענטן, אַז דער עולם איז מיט אונדז צופרידן, אויך האָבן מיר זיך אַליין אי־בערצייגט און אַנדערע האָבן אונדז דערציילט, ווי מיטעלע מענטשן און פּראָסטאָקעס, אַלטע לייט און ווייבער זיצן אויפן מאַרק אָדער פּריי־טיק צונאַכטס אין שטוב, אָדער בעלי־עגלות, לאַפּאַטניקעס, בעלי־מלאכות אין טשאַינעס; מענטשן, וואָס קענען קיין אַנדער לשון ניט לייענען, ניט פאַרשטיין, און זיי לייענען דעם „קול המבשר״ מיט אַזאַ הונגער, שטעלן אויף מויל און אויערן, האָבן הנאה פון אַלעס וואָס זיי לייענען („קול מבשר״ 1, נומ׳ 24).

דער אינטערעס צום „קול מבשר״ האָט נאָך פיל מער געשטייגט, ווען אויפן אָרט פון איבערזעצטע, על פּי רוב טאַלאַנטלאָזע און קינדער־שע מעשיות, האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אָריגינעלע בילדער, סצע־נעס און דערציילונגען פון יידישן לעבן. אין סוף יאָר 1864 האָט אין „קול מבשר״ זיך אָנגעהויבן צו דרוקן דאָס ערשטע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים „דאָס קליינע מענטשעלע״, וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביים לעזער־עולם. אַ גוואַלדיקן רושם האָט געמאַכט דאָס באַוואוסטע ווערק פון יצחק יואל לינעצקי: „דאָס פּוילישע יינגל״. די פאָלקס־טימלעכע שפּראַך, דער ווייכער גוטמוטיקער הומאָר האָבן צוגעצויגן דעם ווערק אַן אומגעוויינלעכע באַליבטקייט און פּאָפּולאַריטעט ביים פּובליקום, און דער יונגער לינעצקי איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ מפורסם.

די דאָזיקע צוויי ערשטע ווערק פון מענדעלען און לינעצקין, זיינען ענג פאַרבונדן מיט דעם „קול מבשר״ ניט בלויז דערמיט, וואָס זיי זיינען דאָרט צום ערשטן געדרוקט, נאָר דער עיקר דערפאַר, וואָס זיי האָבן גע־האָט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם „קול מבשר״ גופא, אויף דער אַנטווי־קלונג פון זיין שפּראַך און פון זיין גאַנצן ליטעראַרישן אויסזען. ניט בלויז די פעלעטאָנען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין „קול מבשר״ אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָר אַפילו מערערע קאָרעספּאָנ־דענציעס פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך טראָגן אויף זיך דעם חותם פון דעם דעמאָלטיקן מענדעלעס און לינעצקיס נוסח: מיט פאָלקס־טימלעכן הומאָר ווערן אין די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענציעס אויסגעלאַכט די פינצטערע זייטן פונם יידישן לעבן, די שטיקלעך און המצאות פון די יידישע בעלי־טובות, די משונהדיקע הנהגות פון אַלע מיני יידישע חברות און אַנשטאַלטן. האָט מען ערגעץ אין אַ שטאָטישן בקור חולים ניט געוואָלט אַריינגעמען אַ קראַנקע דינסטמיידל, און די מיידל,

נעבעך, איז אונטער דעם אָפענעם הימל אויפן וואָגן געשטאָרבן, איז באַלד אינם „קול מבשר" געווען אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון יענער וועלט („אַ יידיש בריוול פונם גיהנם", „קול מבשר", 1869, נומ׳ 43), וואו עס ווערט אינם נאָמען פון דער פאַרשטאָרבענער מיידל דערציילט, ווי אַזוי איבער די שיינע פּאַראַנדקעס אין דעם בקור חולים איז איר די נשמה אויסגעגאַנגען. האָט ערגעץ אין אַ שטעטל די חברה קדישא זיך שענדלעך באַצויגן צו אַ בר־מינן, איז באַלד די גאַנצע מעשה אין אַ הומאָריסטישער פאָרם באַשריבן געוואָרן אין אַן אַרטיקל „געוואַלד מען שמייסט". אַ ציטאַט אַט פון דעם דאָזיקן אַרטיקל וועט אונדזער לעזער געבן אַ באַגריף, אין וואָסער פאָרם אַזעלכע קאָרעספּאָנדענציעס זיינען געשריבן:

„אין דער שטאָט מיט אַזעלכע סימנים איז אַנדערהאַלבן יאָר צוריק געשטאָרבן אַ פּרוי פון דעם סאָרט פרויען, וואָס אַז זיי ווערן אַלט הייבן זיי אָן צו שפּינען ציצית און זיינען מנדר דאָס פאַרטוך אויף אַ פּרוכת, שלאָגן זיך צו מיט דער צייט צו אַ שטאָט ביי דער מזרח־וואַנט, כלי קודש האָבן זיי מער ווי אַלע גרעסטע באַלעבאַסטעס, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז זיי ווערן טאַקע אמתע גאַבאַ־טעס; זיי קלייבן נדבות פאַר אָרעמע קימפּעטאָרינס, טאַנצן אויף אַ קאַטשערע פאַר דער כלה נאָך דער חופּה, מאַכן פּיסקעס ביי פעלד־מעסטן, קנייטלעך לייגן און אזכרות נשמות, מער פון אַלע אַנדערע ווייבער. אַלע ביקור חולימס געהערן צו זיי; זיי דערשמעקן אַ גוסס אין עק וועלט און יאָגן זיך באַלד מיט אַ מעבר יבק, וואָס איז אַזוי גראָב ווי אַ פּראָגער פּנקס; זיי קומען שוין מיט אַן אייגן שפּיגעלע און אַ פעדער וכדומה אַזעלכע מכשירים. מיט איין וואָרט דאָס איז געווען אַ פּרוי פון די פרויען וואָס פון זיי קוועלן אַן גאָט און לייט אין דער יוגנט און אויף דער עלטער, און אַז זיי שטאַרבן הייסט עס אויף חברה־קדישא לשון: מיר האָבן אַ העכט..."

דער זאַפטיקער און געזונטער, הגם ווייניק געשליפענער סטיל, וואָס אין אים זיינען געשריבן פיל פון די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענציעס און פעליעטאָנען, האָט אַ באַדייטנדן אינטערעס פאַר יעדן, ווער עס וויל נאָכפאָרשן די ליטעראַרישע אַנטוויקלונג פון דער יידישער פאָלקס־שפּראַך. אַט די דאָזיקע אַרטיקלען, און דער גאַנצער „קול מבשר" בכלל, בילדן די איבערגאַנגס־בריק פון דיקס בלאַסן און בלוטלאָזן סטיל צום פאַרבנרייכן און וויציקן סטיל פונם זיידן מענדעלען און זיין איניקל שלום־עליכם.

עס איז קיין שום ספק ניט, אַז אונטער די פּסעוודאָנימען, וואָס מיט זיי זיינען אונטערגעצייכנט דער רוב קאָרעספּאָנדענציעס און פעליעטאָנען, האָבן זיך ניט זעלטן פאַרבאָרגן באַקאַנטע שריפטשטעלער, ווי

אַבראַמאָוויץ, לינעצקי און אפשר אויך אליעזר צווייפעל. נאָר פיל אַר־טיקלען שטאַמען אויך פון פשוטע באַלעבאַטים, פון מענטשן פון פאָלק, וואָס האָבן אין זייער צייטונג געהאַט די געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט די קהלשע בעלי־טובות און רעדל־פירער.

דעם „קול מבשרס" געווער — שפּאָט און הומאָר, איז געווען אַזוי שאַרף און קרעפּטיק, אַז מען האָט געמוזט זיך אָנהויבן מיט אים צו רעכענען.

„די גרעסטע עזות פנימער, שרייבט איינער אַ קאָרעספּאָנדענט, ציטערן אימת מות אַז מען סטראַשעט זיי מען וועט זיי באַשרייבן אין „קול מבשר"... דווקא דאָס קוידער וועלט, דער זשאַרגאָן, וואָס אונדזערע פּראָגרעסיסטן חלשן אַז זיי הערן מען רעדט דערפון, דווקא די קאָ־ליקע טוט וואונדער, און די געשיכטע וועט ערשט שפּעטער וויסן צו שעצן זיין ווערט און זיין ווירקונג.

מער פון אַלעמען האָט געהאַט אויסצושטיין פונם „קול מבשר" דער פאַרביסנסטער קעגנער פון דער השכלה — די חסידות. אינטערע־סאַנט איז, וואָס צעדערבוים האָט די ערשטע צייט געפּרוּווט פאַרהאַלטן זיך נייטראַל צו דער חסידות, געפּלייסט זיך, ווי ער אַליין איז זיך מודה, „ניט רייצן די חסידים", כאָטש אין דעם העברעאישן „המליץ" פּלעגט ער זיי דעמאָלט יאָ ניט זעלטן „רייצן". באַלד איז ער דאָך געווען גע־צוואונגען אַרויסצוטרעטן קעגן די צדיקים און רביים, און דאָס, ווי ער אַליין דערציילט, מחמת צוויי טעמים: ערשטנס, האָבן זיך דעמאָלט אין די זעכציקער יאָרן זייער געשטאַרקט די מחלוקתן צווישן פאַרשיי־דענע רביים, די רדיפות קעגן די בראַסלאַווער חסידים האָבן אָנגענומען מיאוסע פאָרמען, עס זיינען פאָרפירט געוואָרן גאַנצע פּראָצעסן און מען האָט וועגן דעם געשריבן אין דער אַלגעמיינער רוסישער פּרעסע. צעדערבוים האָט קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט אַרויסטרעטן אַקעגן די מחלוקתן, וואָס האָבן, נאָך זיין מיינונג, געמאַכט יידן צו שפּאָט און צו געלעכטער ביי „נאַטשאַלסטוואָ" און סתם ביי קריסטן אין די אויגן. די צווייטע און וויכטיקסטע סיבה איז פּשוט די, וואָס צעדערבוים איז געצוואונגען געווען אַרויסצוטרעטן אַקעגן די חסידים, און געצוואונגען דערצו האָבן אים די משכילים. „מען האָט, קלאָגט זיך צעדערבוים, אונדז שוין גענוג געשמירט פאַר דער רעגירונג, אַז מיר האַלטן מיט די פאַנאַטיקער, שטיצן חסידים, און געראַטן די רעדאַקציע צו שליסן".

צעדערבוים האָט דעמאָלט געמוזט עפענען די טויערן פונם „קול מבשר" פאַר בייסנדע סאַטירעס קעגן די רביים און זייערע אָנהענגער. ניט אומזיסט האָבן די חסידים געטענהט, אַז זיי אַרט ווייניק, ווען מען שרייבט וועגן זיי אין רוסישע בלעטער, אָדער אַפילו אין „המליץ",

אַבי נאָר ניט אין „קול מבשר“. וואָרעם די הומאָריסטישע פעלעטאָנען, וואָס אין זיי פלעגן אין „קול מבשר“ אויסגעלאַכט ווערן די רביים מיט זייער התנהגות, האָבן געלייענט די ברייטע שיכטן פון פאָלק. דער „קול מבשר“ איז געוואָרן איינער פון די געפּערלעכסטע קעגנער פון דעם צדיקיזם. וואָרעם ער האָט מלחמה געהאַלטן מיטן שאַרפסטן געווער — מיט פיילן פון שפּאָט און געלעכטער.

5.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די פּראָגראַם פון דעם „קול מבשר“ איז, ווי ביי די העברעאישע בלעטער פון יענער צייט, געווען געבויט אויף די צוויי הויפּט־יסודות, וואָס כאָר זיי האָבן די משכילים פון די זעכציקער יאָרן ממש מרעיש עולמות געווען: ראשית — רעפאָרמירן די קינדער־דערציאונג און געבן איר אַ מער אייראָפּעאישן שניט, והשנית — למען השם רוסיש לערנען, און זען וואָס גיכער צו פאַרבייטן יידיש, דעם „זשאַרגאָן“, אויף דער פאַטערלאַנדס־שפּראַך. ביי די משכילים פון דעם פריערדיקן דור, פון די פערציקער יאָרן, איז, ווי מיר ווייסן שוין, ניט געווען קיין מוז־זאַך, אַז דער זשאַרגאָן זאָל אומבאַדינגט פאַרביטן ווערן דווקא דורך רוסיש. די משכילים פון יענער צייט זיינען דאָך דערצויגן געוואָרן אויף דער אויפקלערונגס־ליטעראַטור פון מענדעלסאָנס חדר, און די ערשטע באַגריפן פון איי־ראָפּעאישער קולטור, האָבן זיי באַקומען אין אַ דייטשן לבוש, אין דייטשער שפּראַך. פון רוסישער קולטור האָבן זיי געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן באַגריף, ראשית שוין דערפאַר, וואָס דווקא אין די ערטער, וואו עס האָבן גע־וואוינט דער רוב בנין און רוב מנין פון די רוסישע יידן, האָבן גע־וועלטיקט פאַרשיידענע אַנדערע שפּראַכן, אָבער ניט רוסיש: אין קור־לאַנד — דייטש און לעטיש, אין ליטע און ווייסרוסלאַנד — פויליש, וואַסער־פּאָלאַקיש וכדומה, אין דרום־מערבדיקן קאַנט — פויליש און קליין־רוסיש. חוץ דעם, איז די רוסישע קולטור און ליטעראַטור אין ניקאָלאַיס צייטן געווען נאָך כמעט דורכאויס אַן אַדעליקע, ד. ה. זייער כמעט איינציקער טרעגער און פאַרשטייער איז געווען דער רוסישער אַדל־שטאַנד, און דווקא מיט אים האָבן די רוסישע יידן געהאַט זייער אַ קנאַפּן מגע ומשא.

עס איז דערפאַר כלל קיין וואונדער ניט, וואָס הגם אונדזערע משכילים פון יצחק בער לעווינזאָנס דור זיינען געווען פייערדיקע פאַטריאָטן, נאָר אין רוסישן זיינען זיי געווען שטאַרק שטומפּיק, און אַפילו זייערע בקשות און פּראָיעקטן, וואָס זיי פלעגן אַזוי אָפט דער־לאַנגען דער רעגירונג, זיינען געשריבן געווען דווקא אויף דייטש.

נאָר אין די ערשטע צען יאָר פון אלכסנדר דעם צווייטנס ממשלה איז אויך אין דעם פּרט געוואָרן אַ געוואַלדיקער שינוי. אַלץ מער איז געוואַקסן די צאָל פון די משכּילים, וואָס האָבן שוין באַקומען סיסטע־מאַטישע בילדונג אין די ראַבינער־שולן און אין די אוניווערסיטעטן; זיי זיינען שוין דערצויגן געוואָרן ניט אויף שילערס „גלאָקע" און אויף לעסינגס „נאַטאַן דער ווייזע", נאָר קודם כל אויף די רוסישע קלאַ־סיקער. חוץ דעם זיינען דאָך צו דער זעלבער צייט פאָרגעקומען זייער גרויסע שינויים אויך אין רוסישן לעבן גופא. אין ניקאָלאַיס צייטן האָט דאָס רוסישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אויסגעזען ווי אַ בית הקברות. די שרעקלעכע מפלה אונטער די ווענט פון סעוואַסטאָפּאָל האָט אָבער אויפגעוועקט די וועלט פון לעטאַרגישן שלאָף. עס איז אויפגעשטאַנען אַ גאַנצער דור פון נייע מענטשן מיט נייע פאָדערונגען און שטרע־מונגען. שטאָלץ און זיכער זיינען אַריינגעטראָטן אין דער רוסישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק פאָרשטייער פון פּשוטע בירגערלעכע קרייזן, און אָט די דאָזיקע אַזוי גערופענע „ראַזנאָטשינצעס" זיינען באַלד געוואָרן די ראשי המדברים, וואָס צו זייער שטים האָבן זיך צו־געהערט די בעסטע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דער אויפגעוואַכטער רוסישער געזעלשאַפט...

און דווקא פיל פון די „ראַזנאָטשינצעס", פּראָגרעסיוו־געשטימטע תּלמידים פון כל המיני סעמינאַריעס, אוניווערזיטעטן און אַנדערע שולן, פלעגן זייער אָפט קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט אונדזער יידישער יוגנט און האָבן זיי „געעפנט די אויגן", אַנטפּלעקט פאַר זיי נייע וועלטן און באַקאַנט געמאַכט מיט די נייע תּביעות און שטרע־מונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געוועלטיקט אין די פּראָגרעסיווע קרייזן פון דער רוסישער אינטעליגענץ.

אָט אַזוי האָבן די רוסישע קולטור און ליטעראַטור ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט פון דער יידישער גאַס די „בערלינער" השכּלה, און די הויפּט־ראָלע האָבן אין דער סביבה פון דער יידישער אינטעליגענץ אָנגעהויבן צו שפּילן ניט די „בערלינטשיקעס", נאָר די „רוסאַקעס", וואָס זיינען געווען שטאָלץ אויף זייער רוסיש רעדן.

נאָר מער פון אַלץ האָט אין דעם פּרט געווירקט גאָר אַן אַנדער סיבה — דער פּוילישער אויפשטאַנד פון יאָר 1863. נאָך דעם אויפ־שטאַנד האָט די רוסישע רעגירונג אָנגעהויבן צו פירן אַ שאַרף נאַציאָ־נאַליסטישע פּאָליטיק און האָט געפּרואווט אָנווענדן אַלע מיטלען, בכדי וואָס גיכער צו רוסיפיצירן ליטע און די גאַנצע געגנט אַרום. די רע־גירונג האָט דערביי גלייך איינגעזען, אַז די יידישע באַפעלקערונג פון יענעם קאַנט קאָן דערביי שפּילן אַ געוויסע ראָל. אויב פריער, בעת די

יידישע שולן זיינען אָקאָרשט געגרינדעט געוואָרן, איז געווען די רייד נאָר מכוח בילדן און „אויסבעסערן" די יידישע באַפעלקערונג, איז איצט, אין די זעכציקער יאָרן, שוין געשטעלט געוואָרן אַן אַנדער ציל — רוסיפיצירן די יידן. תחילת האָט די רעגירונג גופא געדרוקט פאַר די יידישע שולן דייטשע לערביכער, נאָך דעם פוילישן אויפשטאַנד אָבער האָט די רעגירונג פעסט באַשלאָסן, אַז דער גרונד־שטיין, וואָס אויף אים דאַרפן געבויט ווערן די שולן פאַר „אינאָראָדצעס", מוז זיין קודם כל — די רוסישע שפּראַך. דערפאַר האָבן זיך שטאַרק אָנגע־כאַפּט אונדזערע פאַטריאָטיש־געשטימטע משכילים. זיי זיינען געווען אַזוי זיכער, אַז די רעגירונג איז מוכן ומזומן צו טאָן אַלע הנחות און טובות פאַר יידן, אַבי יענע וועלן נאָר באַווייזן, אַז זיי קאָנען זיין נוצ־לעכע בירגער פאַרן לאַנד. זיי זיינען דערפאַר געוואָרן פייערדיקע חסידים פון דער רוסישער שפּראַך, זיי האָבן פעסט געגלויבט, אַז אין איר ליגט די גאַנצע ישועה, אַז זי איז דער איינציקער און זיכער־סטער מיטל פאַר יידן צו באַקומען בירגער־רעכט.

עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס דער „קול מבשר" האָט כמעט אין יעדן נומער געפּלייסט זיך צו באַווייזן זיינע לעזער, ווי וויכטיק עס איז רוסיש צו לערנען.

„נאָר דורך רוסיש, שרייבט דער „קול מבשר", קענען מיר געווינען די רעגירונג, דאָס רוסישע פאָלק, זיי זאָלן אונדז באַטראַכטן פאַר אמתע לאַנדסקינדער פון דער יידישער רעליגיע, וואָס נאָר דאַדורך קאָן אונד־זער מזל אין לאַנד דערהויבן ווערן" („קול מבשר", 1866, ז' 607).

„אַז מיר וועלן זיך געוויינען מיט דער לאַנדסשפּראַך, לייענען מיר אויף אַן אַנדער אָרט, וועט ערשט די רוסישע רעגירונג, די רו־סישע נאַציע זיך איבערצייגן, אז מיר זיינען אמתע רוסישע אונטער־טאַנען, רוסישע יידן". („קול מבשר", 1866, נומ. 45).

און ניט בלויז די משכילים זיינען דעמאָלט געווען אַזוי זיכער, אַז דורך דער רעגירונג וועט באַלד זייער „מזל דערהויבן ווערן", נאָר אויך די ברייטע שיכטן פון פאָלק זיינען דעמאָלט געווען אין דערוואַר־טונג; זיי האָבן אויך געגלויבט אין באַלדיקע ישועות און נחמות אויף יידן, אַז אין גיכן וועט זיי די רעגירונג מזכה זיין מיט מענטשן־רעכט. און אָט דער פעסטער בטחון, וואָס די רוסישע יידן האָבן אין די זעכצי־קער יאָרן געשפּירט צו דער רעגירונג, איז דעם פאָלקסטימלעכן „קול מבשר" נאָך ווייט מער בולטער, ווי אין די העברעאישע בלעטער פון יענער צייט.

„די רעגירונג, שרייבט דער „קול מבשר", האָט צוטרויען צו יידן, ווינטשט זיך אויך פון זיי זיך טרייע בירגער צו מאַכן, און וועט

זיי דערפאַר געוויס זייער באַגינסטיקן. הייַנט פאַרשטייט אום וויפיל מער מיר מוזן זיך באַשטרעבן אונדזער ליבן רעגירונג און אונדזערע רוסישע לאַנדסבירגער צו ווייזן אַז מיר ווילן זיין נוצלעכע און טרייע רוסישע אונטערטאַנען״.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער תקופה זיינען די שורות, וואָס מיט זיי האָט דער „קול מבשר״ זיך אָפּגערופן אויף דער וויכטיקער פאַראָרדענונג, אַז יידישע האַנטווערקער האָבן דאָס רעכט צו וואוינען אויך חוץ לתחום. די דאָזיקע שורות זיינען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ נאַאיוו־קינדערשער אמונה, אַז, לייענענדיק זיי, ווערט דעם איצטיקן לעזער עפּעס אַזוי מאָדנע טרויעריק און שווער אויף דער נשמה...

דער „חובות הלבבות״ זאָגט, פירט אויס דער „קול מבשר״, אַז עס ליגט קליינע קינדער אין דער נאַטור זיי זאָלן זיך פרילאַסקען צו די עלטערן כדי זיי זאָלן זיי דערציען. דאָס דאַרפן מיר אויך טאָן, מיר זיינען אויך יונגע קינדער ווי ערשט ניי געבוירן אין דער מדינה; מיר מוזן זיך צולאַשטשען צו דער רעגירונג, אונדזער מאַמע, וועט זי אונדז אָנזויגן מיט איר גוטער מילך, און אָפּהיטן און דערציען. איט־לעכער וועט איצט איינזען ווי וויכטיק עס איז יעדעס קינד זאָל פון קינדווייז אָן לערנען רוסיש... דעריבער זעט פאָלגט די רעגירונג און שיקט אייערע קינדער אין די שולן״ („קול מבשר״, 1865, נומער 30).

די אמונה, אַז דער יידישער „מזל״ וועט באַלד „דערהויבן ווערן״, איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ מינדסטע קלייניקייט איז געווען גענוג, אונדזערע משכילים זאָלן מיט גרויס התלהבות גלייך צעפּויקן בכל תפוצות ישראל וועגן די גרויסע גענאָדן, וואָס די רעגירונג טוט אָדער האָט בדעה צו טאָן פאַר יידן.

אָט מעלדעט דער „קול מבשר״ מיט גרויס שמחה אין אַנהויב נומער: „אונזער רעגירונג מיינט טאַקע ערנסט מיט אונדז יידן״. באשר בכן עפּעס איינער אַ יאָזעף לעווינזאָן, קאַנדידאַט פון דער קייזערלעכער מאָסקווער אוניווערזיטעט, איז ביז איצט געווען מלאַדשי טשינאָווניק אָסאָביך פאָרוטשעניע ביים כערסאָנער גובערנאַטאָר, איצט איז ער שוין סטאַרשי טשינאָווניק און איז באַשטעטיקט געוואָרן אין טשין קאָלע־זשעסקי סעקרעטאַר״ („קול מבשר״, 1866, נומ׳ 12). אָט איז ווידער דער „קול מבשר״ מכריז און מודיע, אַז „אַלע טעג זעען מיר מער און קריגן נייע באַווייזן״ אאַז״וו. און דער „נייער באַוויין״ באַשטייט דערין, וואָס עפּעס אַ סוחר שטיינפינקל האָט מען אָנערקענט פאַר אַן ערן־בירגער. (דאָרט, נומ׳ 31). עפּעס אַ יידישע ווייבל האָט באַקומען אַ מע־דאַל דערפאַר, וואָס זי האָט געראַטעוועט דאָס לעבן אַ קריסטלעכער

מיידל, בעת יענע האָט זיך געטרונקען. דער קאָרעספּאָנדענט, וואָס ברענגט די דאָזיקע ידיעה, האַלט פאַר נויטיק דערביי צו באַמערקן: „פאַר יידן בכלל וועט זיין אַ כבוד אַז זי וועט פון גאָטס געוועלטן אין אונדזער לאַנד האָבן אַ צייכן, אַז ער ווייסט, וואָס אַ יידיש האַרץ איז אימשטאַנד צו טאָן פאַר אַ מענטשנסוועגן אַפילו פון אַן אַנדער נאַציע („קול מבשר“, 1867, נומ. 36).

די דאָזיקע פּרטים זיינען אָבער כאַראַקטעריסטיש ניט אַזוי פאַר דעם „קול מבשר“ גופא, ווי פאַר דער גאַנצער עפּאָכע. די אייגענע התפעלות ביי יעדער קלייניקייט האָבן אַרויסגעוויזן ניט בלויז די העברעאישע בלעטער פון יענער צייט, נאָר אַפילו דער מער אייראָפּע־אישער „סיאָן“.

6.

הגם דער „קול מבשר“, ווי מיר האָבן געזען, איז געווען געטריי דער פּראָגראַם פון די משכילים און האָט געטראָגן הויך די פאָן פון דער השכלה, דאָך האָבן זיך אין אים גאַנץ אָפט זייער בולט אַרויס־געוויזן אַזוינע שטרעמונגען, וואָס האָבן געמוזט דערוועקן דעם גרימ־צאָרן פון די דעמאָלטיקע משכילים. דער רעדאַקטאָר פונם „קול מבשר“, צעדערבוים, האָט טיילוויז מחמת אידעאַליסטישע, נאָר נאָך מער מחמת ריין פּראַקטישע טעמים, געהאַלטן, אַז אין זיין בלאַט קאָנען זיך באַ־טייליקן מענטשן מיט גאַנץ פאַרשיידענע דעות, און וועגן איין און דער זעלבער פראַגע קאָנען אויף די שפּאַלטן פון דעם „קול מבשר“ אַרויסגעזאָגט ווערן אַנטקעגנגעזעצטע מיינונגען. אמת, צעדערבוים האָט געהאַט אַ שטיקל חולשה און האָט שטאַרק ליב געהאַט די אַרטיקלען פון זיינע מיטאַרבעטער צו באַצירן מיט „באַמערקונגען פון דער רעדאַק־ציע“, וואָס פלעגן זיין לאַנג, ווי דער יידישער גלות. דאָס האָט אָבער קאַרג וואָס אויסגעמאַכט, וואָרעם די אומגעלומפּערט לאַנגע „באַמער־קונגען“ פלעגן באַגלייטן ניט נאָר די אַרטיקלען, וואָס מיט זיי איז דער רעדאַקטאָר ניט געווען אינגאַנצן איינשטימיק, נאָר אויך אַפילו אַזוינע, וואָס צעדערבוים גופא האָט געלויבט אין טאָג אַריין. יעדנפאַלס דער „קול מבשר“ איז געווען אָפן און צוגענגלעך פאַר מענטשן פון אַלערליי ריכטונגען, און אָט ביי אַזוינע אומשטענדן פאַרשטייט זיך ממילא, אַז אין אַ צייטונג, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פאַר די ברייטע שיכטן פון דער פאָלקסמאַסע אויף דער שפּראַך פון דער מאַסע גופא, האָבן גאַנץ אָפט געקאָנט אַרויסגעזאָגט ווערן אַזוינע מיינונגען, וואָס האָבן כלל ניט געקלעפּט מיט די אידעאַלן פון דער „געטלעכער טאָכטער“ — דער

השכלה. און דאָס האָט טאַקע געטראָפֿן אין „קול מבשר" כמעט אויף יעדן טריט און בנוגע צו יעדער פראַגע.

איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, ווי אַזוי דער „קול מבשר" האָט זיך פאַרהאַלטן צום חסידיזם. נאָר אַפילו אין דעם ענין איז דאָס אויך ניט אַזוי גלאַטיק צוגעגאַנגען, אַט האָט, למשל, אַ פריש־געבאַקענער משכיל, וואָס ביי אים האָבן זיך נאָר וואָס „געעפנט די אויגן", מיט שמחה מודיע געווען אין „קול מבשר", אַז ער איז „אויס חסיד, ווידער אַ מענטש" („קול מבשר", 1866, נומ. 28). אגב אורחא, בכדי צו באַווייזן, צו וואָס פאַר אַ הויכער מדרגה פון השכלה ער האָט שוין דערגרייכט, זאָגט ער אַרויס זיין מיינונג, אַז „זיי, די חסידים, פאַרדינען אַפילו ניט דעם נאָמען מענטש צו טראָגן". באַלד אָבער איז אין דעם „קול מבשר" אַלס ענטפער דעם געוועזענעם חסיד אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ בייסנדיקער אַרטיקל אונטער דעם קעפּל: „ביסטו ניט קיין חסיד, טאַ זיי זשע אַ מענטש" (דאָרט. נומ. 38).

דער פאַרפאַסער פון דעם דאָזיקן אַרטיקל, שלום יצחק ראַפּאַפּאָרט, פרעגט אַ שאלה:

„באמת, לאָמיר נאָר קלערן, וואָס ווילן מיר פון די חסידים, זיי זאָלן אונדז גלויבן, אַז די בילדונג שאַדט ניט צום גלויבן, זיי זאָלן די געבילדעטע ניט האַלטן פאַר זייערע קעגנער, און דורך דעם זאָלן זיי זיך צולאָזן צו דער בילדונג אַליין. נו, ווי זשע קענען מיר דאָס דערלאַנגען מיט כעס, מיט זידלען?... די חסידים האַלטן די געבילדעטע פאַר קיין יידן ניט, און די געבילדעטע האַלטן זיי אָפּט ניט פאַר קיין מענטשן. אייניקע קאָרעספּאָנדענטן דערלויבן זיך אָפּט קעגן חסידים אַזעלכע אויסדרוקן, וואָס ווען אַ קריסט זאָל זיך אַזוי אויסדריקן קעגן יידן אין אַ רוסיש בלאַט וואָלטן זיי אַליין אויף אים אָנגעפאַלן."

דער „קול מבשר" האָט זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגנט. עס פלעגט ניט זעלטן טרעפן, אַז די פיילן פון שפּאָט און געלעכטער פלעגט ער וואַרפן ניט אין צד פון די „פאַנאַטיקער", די מורדי אור, נאָר טאַקע אין זיין אייגענער מחנה גופא, אין די משכילים און אויפגעקלערטע. עפּעס איינער אַ קאָרעספּאָנדענט, וואָס חתמעט זיך „אַ בעל הבית אַסטראָווסקי" דערציילט אין „קול מבשר" גאָר ניט קיין שיינע מעשה, וואָס עס האָט אין זיין שטעטל אָפּגעטאָן איינער אַן אויפגעקלערטער יונגערמאַן, וואָס האָט געענדיקט די ראַבינער־שול („קול מבשר", 1870, נומ. 6). דאָס גיט דעם דאָזיקן באַלעבאָס די געלעגנהייט זיך צו ווענדן צו די משכילים מיט אַזאַ טענה:

„איר מעגט אונדז אַוודאי גלויבן, וואָרעם איך זאָג אייך דעם גאַנצן אמת, אַז מיר זיינען גאָר ניט אַזוי שולדיק ווי איר שרייבט אין

אייערע גאַזעטן אויף אונדז, אַז מיר ווילן אונדזערע קינדער ניט בילדן: באַרעכנט דאָס אַליין, אַז אַרום אונדז זיינען דאָ געשטודירטע לעת עתה זייער ווייניק, ובכל זאת זיינען זיי פאַרט גענוג אָפּצושרעקן דעם עולם, מען זאָל ניט וועלן די קינדער אויף אַזאַ מין מדרגה ברענגען. עס איז ביי מיר גאַנץ זיכער אַז ווען עס זאָל זיך ביי אונדז טרעפן טאַקע אַזוינער ער זאָל זיין גוט צו גאָט און צו לייט, דאָס פאָלק זאָל זיך אין אים מתקנא זיין ווי אין אַ פיינעם אָרנטלעכן מענטשן, וואָלטן פיל חשק געקראָגן זייערע קינדער אויך לאָזן שטודירן. דעריבער דאַרפט איר זען פריער די לייט צו שטראָפן און אויסצובעסערן, וועלן מיר שוין בעצמו בעסער ווערן" (דאָרט נומ. 12).

ניט ווייניק פלעגט דער „קול מבשר" אָפּלאַכן פון די ניי־געבאַקענע פרעדיקער, וואָס האָבן זיך נאָך דעם יאָר 1863 געפּרוּכפּערט אין יידישן תחום, ווי שוועמלעך נאָך אַ זומער־רעגן. בכל תפוצות ישראל אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך האָבן די קאַזיאָנע רבנים און זייערע פאַרטרעטער אָנגעהויבן צו האַלטן אום שבת און יום־טוב־טעג אָדער אַזוי אין אַ יומא דפגרא העכסט פּאַטריאָטישע רעדעס אין די בתי־מדרשים, און דווקא אין רוסיש. עס האָט ניט אויסגעמאַכט, וואָס דער רוב פון דעם פאַרזאַמלטן פּובליקום האָט במחילה קיין רוסיש ניט פאַרשטאַנען; דער עיקר איז געווען, וואָס בעת די פּאַטריאָטישע רעדעס פלעגט ניט זעלטן זיין דערביי די „נאַטשאַלסטוואָ". ניט זעלטן פלעגן זיך צום פייערדיקן פּאַטריאָטיזם ביימישן גאָר פּראָזאַאישע מאָ־טיוון: אַזוינע רעדעס האָבן געקאָנט זיין ניט קיין שלעכטע סגולה צו מאַכן אַ קאַריערע, אָדער ווערן אַ חשוב ביי נאַטשאַלסטוואָ... עס פלעגט ניט זעלטן טרעפן, אַז די פרעדיקער גופא האָבן במחילה קיין רוסיש ניט געקאָנט, און זייערע רעדעס זיינען געווען אַ געמיש פון באַרדי־טשעווער רוסיש און קאָדנער דייטש. פלעגט טאַקע דער „קול מבשר" מאַכן פון די דאָזיקע אימשטיינס געזאָגט פרעדיקערס אַ חוכא וטלולא. דער „קול מבשר" האָט דערביי אַפילו געפרעגט אַ שאלת תם: נאָך וואָס אייגנטלעך, דאַרף מען האַלטן רעדעס אויף רוסיש, וואָס כמעט קיינער פאַרשטייט עס ניט, צי וואָלט דען ניט גלייכער געווען האַלטן רעדעס אויף פשוט מאַמע לשון? („קול מבשר", 1865, נומ. 9).

דאָס האָט שוין געשמעקט מיט אמתער אַפּיקורסות; דער „קול מבשר" איז אָבער געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט אויך אָפן באַרירט איינע פון די טונקלסטע דערשיינונגען, וואָס האָט ניט זעלטן באַשמוצט און באַפלעקט די גאַנצע אויפקלערונגס־באַוועגונג. ווער עס איז באַ־קאַנט מיט דער דאָזיקער באַוועגונג אין גאַליציע און רוסלאַנד, דער ווייס זייער גוט, ווי אָפט די משכילים פלעגן אין קאַמף מיט די „פאַנאַטיקער"

זיך ווענדן נאָך הילף צו דער רעגירונג און פון אירע פּאָליציי־אַגענטן. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז די ספּעציעלע ליכט־שטייער, וואָס איז צום ערשטן איינגעפירט געוואָרן אין גאַליציע, די גזירה וועגן הלבשה, וואָס איז אַרויסגעקומען אין רוסלאַנד בימי ניקאָלאַי, און נאָך פיל אַנדערע גזירות — האָט מען ספּעציעל צו פאַרדאַנקען די קעמפער פאַר אויפקלערונג. דאָס, וואָס אויך יענער צד, בפרט די חסידים, פלעגן אויך ניט זעלטן זיך באַנוצן מיט דעם שמוציקן געווער פון מסירות און רכילות, פאַרקלענערט דאָך ניט די שולד פון די אויפ־געקלערטע.

„קיינער, לייענען מיר אין „קול מבשר" (1866, נומ. 10), טוט יידן ניט אַזוי פיל שלעכטס, ווי זייערע אייגענע ברידער, און צום מייסטן דורך זייערע אייגענע מסירות: וויל איינער אַ חשוב ווערן ביי דער רעגירונג, זיך אַ שטעלע זוכן דורך חניפות, באַלוינונג, אויסצייכענונג באַקומען, איז דאָס ערשטע, ער מסרט זיינע ברידער, גיט אויף פלעגער יידן צו דריקן, גזירות אַרויסצוגעבן... עס דאַרף אונדז אין רוסלאַנד צו קיין גנאַי ניט זיין, וואָס אַזעלכע מענטשעלעך האָבן אונדז ניט איין מאָל אין די גרעסטע צרות געבראַכט, מיר געפינען דאָס אויך ביי אויסלענדישע יידן וואָס האַלטן זיך פאַר פּראָגרעסיסטן".

און דער „קול מבשר" דערציילט טאַקע דערביי צוויי זעער פּיקאַנטע אויפטוען פון עסטרייכישע „פּראָגרעסיסטן". נאָך דער שרעקלעכער מפּלה, וואָס עסטרייך האָט אין יאָר 1866 געהאַט פון פּרייסן אין דער שלאַכט ביי קעניגגרעץ, האָט איינער פון די פּאַטריאָטיש געשטימטע אויפגעקלערטע יידן פאָרגעלייגט דער רעגירונג, זי זאָל צווינגען די גרויסע יידישע געמיינדעס אין עסטרייך, אַז יעדע פון זיי זאָל אַלס באַווייז פון איר פּאַטריאָטיזם שטעלן אַ באַטאַליאָן סאָלדאַטן, באַוואָפנט און פאַרזאָרגט מיט אַלץ. דער רעגירונג איז לכתחילה דער פּלאַן זייער געפעלן, און ערשט ווען די עסטרייכישע פּרעסע האָט געמאַכט דעריבער אַ גרויסן ליאַרעם, איז די רעגירונג אָפּהענטיק געוואָרן. אַן אַנדער אויפגעקלערטער, דערציילט ווייטער דער „קול מבשר", האָט געמאַכט דער רעגירונג אַ פאָרשלאָג, זי זאָל אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע שטעמפּל־מאַרקע פון 15 קרייצער, און יעדער ייד זאָל זי מוזן קויפן, בעת ער דאַרף אַ טלית אָדער אַ פּאָר תפילין... „די רעגירונג, איז מוסיף דער „קול מבשר", האָט אין איר אַרכיוו זייער פיל אַזעלכע פּראָיעקטן, וואָס יידן שלאָגן פאָר גזירות אויף יידן".

בכן, איז כלל קיין וואונדער ניט, וואָס דער „קול מבשר" האָט מיט דער צייט באַקומען אַלץ מער קעגנער אין לאַגער פון די משכילים. פיל פון זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר צו „אָבסקוראַנטיש" און האָבן גערעכנט,

אַז ער איז מער נוטה צו זייערע קעגנער, ווי צו „אַנשי שלומנו“. נאָר מער פון אַלץ האָט אויפגעבראַכט די משכּילים דער פאַרהאַלטן פונם „קול מבשר“ צו דער „זשאַרגאָן“־פראַגע. דערמיט האָט זיך דער „קול מבשר“ איינגעקויפט פאַרביטערטע קעגנער, וואָס ביי זיי איז רעכט געווען די צייטונג מיט גוואַלד צו אונטערדריקן.

7.

בכדי באַקאַנט צו מאַכן דעם לעזער מיט דעם פאַרהאַלטן פונם „קול מבשר“ צו דער „זשאַרגאָן“־פראַגע, מוזן מיר זיך קודם־כל אָפּשטעלן ביי איין אייגנאַרטיקער פיגור, וואָס איז דעם איצטיקן פובליקום לחלוטין אומבאַקאַנט. דאָס איז יהושע ליפשיץ פון בערדיטשעוו. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ געוויסער אייראָפּעאישער בילדונג, נאָטירלעך, על פּי נוסח אשכּנז, אויפן דייטשן שניט, ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די משכּילים פון יענעם דור. ווי פיל אַנדערע משכּילים־ליטעראַטן, האָט אויך ליפשיץ אין די זעכציקער יאָרן געשריבן פּאָפּולערע אַרטיקלען מכּח נאַטור־וויסנשאַפטן. נאָר אין איין פּרט האָט זיך ליפשיץ מאָדנע אויסגענומען פון דעם רוב זיינע חברים משכּילים: דאָס איז בנוגע צום „זשאַרגאָן“. און דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס ליפשיץ איז צו דער זשאַרגאָן־פראַגע צוגעטראָטן ניט נאָר מיט ריין־פּראַקטישע חשבונות; די פאָלקס־שפּראַך האָט ער באַטראַכט נישט נאָר אַלס באַקוועמען און נוצלעכן מיטל צו פאַרשפּרייטן בילדונג — ער האָט אין איר אויך געזען אַ באַדייטנדן נאַציאָנאַל־קולטורעלן ווערט. ניט גאַנץ בולט, פאַרוואָסערט מיט משכּילישע פראַזעס פון יענער צייט, דאָך האָט ליפשיץ דערוועגט זיך אַרויסצוזאָגן שוין אין יענע יאָרן דעם געדאַנק, אַז דער פון די משכּילים אַזוי פאַרהאַסטער זשאַרגאָן, איז דער יסוד, וואָס אויף איר קאָן מען און דאַרף מען בויען אַן אייגענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. דערצו האָט ליפשיץ גערעכנט, מוז מען קודם־כל זען דעם „זשאַרגאָן“ אַנטוויקלען און אויסבילדן צו אַ ליטעראַרישער שפּראַך, וואָס אין איר זאָל מען זיין אימשטאַנד פריי אויסצודריקן אַלע פאַרשטעלונגען און באַגריפן פון דער אייראָפּעאישער קולטור און וויסנשאַפט. אַלס ערשטע תּרופה דאַרף מען, לויט ליפשיצעס דעה, „איבערוואַרפן אַ בריק“ פונם זשאַרגאָן צו די אייראָפּעאישע שפּראַכן, ד״ה, פאַרפאַסן אַ יידישן ווערטער־בוך. און ליפשיץ האָט זיך טאַקע גענומען צו דער אַרבעט און פאַרפאַסט אַ דייטש־יידישן ווערטער־בוך. אויף דעם ווערק האָט ער געאַרבעט עטלעכע יאָר; נאָר אין משך פון אַט דער צייט איז דערווייל ביסלעכווייז אַלץ בולטער געוואָרן דער

קולטורעלער שינוי, וואָס וועגן אים האָבן מיר שוין געשמועסט אין די פריערדיקע פרקים: די רוסישע שפּראַך האָט ביי די יידישע אויפגעקלערטע אַלץ מער אַרויסגעשטופּט די דייטשע שפּראַך און פאַרנומען איר בכבודיקן אויבנאָן. האָט זיך דעמאָלט ליפשיץ ניט געפוילט און איבערגעאַרבעט זיין ווערק אויפסניי. אָט אַזוי האָט אין יאָר 1869 דערשיינט ליפשיצעס רוסיש־יידישער ווערטער־בוך, וואָס איז אין יענער צייט שטאַרק אָנגענומען געוואָרן.

נאָך אינם יאָר 1861, איידער דער „קול מבשר" האָט דערשיינט, האָט ליפשיץ באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ ציַיטונג אין יידיש, און ער האָט זיך געווענדט צום באַוואוסטן פּיראָגאָוו, יענער זאָל אים דערין באַהילפיק זיין. פּיראָגאָוו האָט זיך אָבער, בלי ספק ניט אָן דער השפּעה פון זיינע באַקאַנטע יידישע אינטעליגענטן, זייער שלעכט פאַרהאַלטן צום יידישן זשאַרגאָן, און דערפאַר האָט ער ליפשיצן זיין בקשה אָפּגעזאָגט, ווייל ער האָט „ניט געפונען פאַר נוצלעך צו אונטערשטיצן דעם דאָזיקן לעכערלעכן דיאַלעקט".

ווי נאָר דער „קול מבשר" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, האָט ליפשיץ גלייך אויסגענוצט די געלעגנהייט שאַרף און דייטלעך אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג צו דער זשאַרגאָן־פראַגע אין אַ לאַנגן אַרטיקל „די פיר קלאַססן" („קול מבשר" 1, נומ. 21). דער דאָזיקער אַרטיקל פאַרמאָגט בלי ספק אַ באַדייטנדן היסטאָרישן ווערט, און פאַרן היינטיקן לעזער וועט עס זיין אַ שטיקל איבערראַשונג, בעת מיר וועלן אָנווייזן, אַז פיל פון די טענות און ראיות, וואָס עס באַנוצן די איצטיקע קעמפער פאַר דער יידישער שפּראַך, זיינען שוין גאַנץ דייטלעך אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון דעם אַלטן, לאַנג געשטאָרבענעם ליפשיצן.

קודם כל באַטראַכט ליפשיץ די יידישע פאָלקס־שפּראַך כלל ניט ווי אַ „זשאַרגאָן", נאָר ווי אַ „גאַנץ באַזונדער לשון", ווי „אונדזער מוטער שפּראַך". ליפשיץ פאַרשטייט גאַרניט, ווי אַזוי „קאָן מען עס מסופּק זיין, אַז אונדזער בילדונג איז נאָר געווענדט אין דער בילדונג פון אונדזער זשאַרגאָן". ער קאָן עס דערפאַר גאָר ניט משיג זיין, ווי אונטערשטייט מען זיך ביי אַזוינע אומשטאַנדן „מבזה זיין" די יידישע שפּראַך און „פון איר חוזק מאַכן".

„מען זאָגט אַלץ, טענהט ליפשיץ, זי איז פאַרדאָרבן. איך מוז מודה זיין, אַז איך פאַרשטיי איבערהויפּט גאַרניט מיט וואָס פאַר אַ רעזאָן מען קאָן אויף אַ שפּראַך, וואָס עס לעבן, האַנדלען און וואַנדלען אין איר אַזוי פיל טויזנטער מענטשן, אַ גאַנץ פאָלק — זאָגן:

זי איז פאַרדאַרבן. פאַרדאַרבן געשיקט זיך נאָך צו זאָגן אויף אַזאַ זאַך וואָס איז בעסער געווען און קאַליע געוואָרן. נאָר פון וואַנען איז עס אַזוי געדרונגען אַז אַנדערע שפּראַכן זיינען פון דעם גרונט אַן בעסער געוועזן? זיינען זיי דען אַזוי מסיני געגעבן געוואָרן? זיי קומען דאָך אויך אַרויס, ווי אונדזער לשון פון אַנדערע פאַרשיידענע לשונות, נאָר פאַרוואָס הייסן זיי ניט פאַרדאַרבן?"

אַנווייזנדיק, אַז „אויף אַ פאָלק בכלל קאָן מען נאָר דורך זיין מוטערשפּראַך אָדער זיין דערציאונגס־שפּראַך ווירקן", פירט ליפשיץ אויס: „דעריבער זיינען, דאַכט מיר, אַלע טרחות, יידן בכלל צו בילדן גאָר אומזיסט: כל־זמן מען וועט אונדז ניט מיט דער דאָזיקער זאַך צו אַלע אומות גלייך מאַכן: אַז אונדזער נאַטירלעכע שפּראַך, ד"ה, די שפּראַך וואָס מיר רעדן אין איר אין דעם נאַטירלעכן און ווירקלעכן לעבן, זי זאָל פאַר אַ שפּראַך גילטן, זי זאָל אויסגעבילדעט ווערן"...

אינטערעסאַנט איז אויך זיין ענטפער אויף די טענות פון די דעמאָלטיקע הייסע חסידים פון רוסיש, וואָס דאַרף, לויט זייער דעה, וואָס גיכער אַרויסשטופן דעם זשאַרגאָן:

„אַז מען וועט מיך וועלן פרעגן: עס וואָלט זיך אַ סך גלייכער געוועזן אַז מיר זאָלן גאָר פאַרגעסן אַן אונדזער זשאַרגאָן און זאָלן זיך בעסער געוואוינען מיט דער געבילדעטער שפּראַך פון דעם פאָלק וואָס מיר לעבן צווישן דעם. קאָן איך ענטפערן אַז מען דאַרף נישט קוקן אויף דעם וואָס וואָלט גלייכער געווען, נאָר אויף דעם וואָס עס איז; מעגלעך עס וואָלט אויך גלייכער געווען אַז די גאַנצע וועלט זאָל גאָר רעדן איין לשון, עס זאָל זיין איין מלוכה און אמונה... מאַלע וואָס עס וואָלט בעסער געווען... מע מוז דעריבער קוקן אויף דעם וואָס עס איז, און מע זאָל בעסער אויסבילדן די יידישע שפּראַך"...

בכדי באַקאַנט צו מאַכן מיט דער דאָזיקער פראַגע דעם גאָר פּשוטן לעזער, וואָס איז נאָך ניט געוואוינט צו לייענען פּובליציסטישע אַרטיקלען, האָט ליפשיץ וועגן דעם זעלבן ענין פאַרעפנטלעכט אין „קול מבשר" (1, נומ. 9) אַ דיאַלאָג צווישן יידל (דאָס יידישע פאָלק) און זיין ווייב יהודית (די יידישע שפּראַך). דער דיאַלאָג איז געשריבן בדרך שיר. די גראַמען הינקען אַפילו אַ ביסל אונטער, פון משקל און צעזור איז אויך קיין רייד ניט, נאָר ליפשיץ איז דאָך ניט אויסן געווען אַ פּאָעטיש ווערק צו שרייבן, דער עיקר איז ביי אים געווען דער מוסר השכל, דער אויספיר.

יהודית איז זיך שטאַרק מתרעם אויפן מאַן דערפאַר, וואָס פון

איר „קוקט ער אַלץ אָוועק" און פון „אַנדערע" האַלט ער גאָר עולם זמלואו. דער מאַן פאַרענטפערט זיך דערמיט, וואָס

אויף אַנדערע איז אַ תענוג צו קיקין...
זייא שיט זיך דעך פעריל פין מויל,
פאַר דיין רעדין געהט זיך אָן אַ גרויל.

יהודית פאַלט ביי זיך כלל ניט אַראָפּ: „דאָס איז דעך טאַקע, טענעט זי, שוין איין אַלטע מכה, אַ פרעמד ווייב געפעלט מיין, זיא איז קלוג און שעהן". און זי וויזט אָן איר מאַן, אַז „זיי (די אַנדערע) זיינען מיאוסער געוועזן ווי איך אַצינד... נאָר זיי האָבן געהאַט גוטע דאַליעס, מען האָט זיי געפּיצט טאָג און נאַכט"

„פריוו נאָר מיך שעהן אויספּיצען...
ווערסט אפשר תחלת אַביסעל שוויצען
דערנאָך ווערסטו תענוג האָבען...
ווילסט דיא גלייך זיין מיט לייטען
זיי פין מיר ניט פין ווייטען
פוטץ מיך אויס, מאַך מיך ריין
וועל איך אויך זיין גאַנץ שיין...

און די ווייב שטרייכט דערביי אונטער, אַז דער עיקר מיינט זי דאָס אים, דעם מאַן, לטובה:

איך מיין אסור ניט, אַזוי מיך
איך בעדויער אַ סך מעהר דיך.

די רעדאַקציע פונם „קול מבשר" האָט געפונען פאַר נייטיק אַרויסצוזאָגן אויך איר מיינונג וועגן ליפשיצעס דיאַלאָג, און אַלץ כדרך שיר. די רעדאַקציע איז ביי זיך גאַנץ זיכער:

...איך קען מיך מיט אייך וועטען
יודעל וועט יהודית'ען ניט גט'ין,
ווי לאַנג עס איז איר באַשערט צו לעבען
וועט ער איהר תמיד כבוד אָפּגעבען.

8.

באַלד האָט די רעדאַקציע געהאַט נאָך אַמאָל די געלעגנהייט שאַרף און באַשטימט אַרויסצוזאָגן איר מיינונג מכח דער זשאַרגאָן־פּראָגע. די חברה מפיצי השכלה האָט זיך געווענדט צו צעדערבוימען מיט דעם פאָרשלאָג, ער זאָל זען אינם „קול מבשר" די שפּראַך וואָס מער „ריי־ניקן פון זשאַרגאָן" און אויף אַזאַ אופן זי ביסלעכווייז „מאַכן צו איין

איינפאַכער דייטשער שפּראַך". די חברה מפיצי השכלה האָט, הייסט עס, פאָרגעלעגט צעדערבוימען, ער זאָל פּרוּוון גיין אין אַנטאַן אייזענבוימס דרך און מאַכן דעם „קול מבשר" פאַרן צווייטן גילגול פונם „בעאַ־באַכטער אַן דער וויכסעל". דער פּראַקטישער צעדערבוים האָט אָבער געדאַנקט פאַר דער עצה און האָט איידל געגעבן דער פּעטערבורגער חברה צו פאַרשטיין, אַז די זאַך איז כלל ניט אַזוי פּשוט, ווי איר דאַכט זיך.

„דאָס איז, האָט צעדערבוים געענטפערט, אַ גרויסער טעות... אַ שפּראַך וואָס ווערט געברויכט פון קעגן צוויי מיליאָן יידן אין רוסלאַנד, חוץ אין שכנותדיקע מדינות... אַזאַ לשון, עס מעג זיין ווי פאַרדאַרבן, געוואוינט מען ניט אָפּ אפילו אין הונדערט יאָר".

דער משכיל צעדערבוים, וואָס פלעגט נאָך דערצו אַלס רעדאַק־טאָר פונם „המליץ" קריגן געוויסע שטיצע פון דער חברה מפיצי השכלה, האָט איר, ווי געזאָגט, אָפּגעענטפערט אויף אַ זיירע בכבודן אופן: נאָר איינעם פונעם „קול מבשרס" לעזער, עפּעס אַן עזריאל הויזירער, האָט געפונען פאַר נויטיק זייער שאַרף אַרויסצוטרעטן קעגן דער פּעטערבורגער חברה פאַר איר פאַרשלאַג. דער דאָזיקער ענטפער איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז מיר דערלויבן זיך ברענגען אַ פּאָר גרעסערע ציטאַטן:

„איך באַגרייף נישט, חידושט זיך הויזירער, — ווי די חברה מפיצי השכלה אין פּעטערבורג פאַרשטייט ניט דאָס (די יידישע שפּראַך) צו שעצן. מען קען נישט זאָגן, סטודענטן אונטערשטיצן איז אַוודאי אַ גרויסע מצווה, רוסישע לערנביכלעך אַרויסצוגעבן איז זייער נוצלעך, מחברים אונטערהעלפן איז זייער רעכט; נאָר דאָס אַלץ הייסט די בילדונג אונטערשטיצן ניט פאַרברייטן. אַנצינדן סטעאַרין ליכט, גאַז דאָרט וואו עס ברענט שוין אַפילו אַ חלבין ליכטל, הייסט נאָך ליכטיקער מאַכן, אַנגענעמער, גרינגער צום אַרבעטן; נאָר דער עיקר איז פאָרט וואו עס איז שטאָק פינצטער העל צו מאַכן, לאָז זיין מיט אַ קאַניץ, אָבי מען זאָל נישט טאַפּן אין דער פינצטער; העלער, באַקוועמער — וועט זיך שוין איטלעכער זוכן אַליין צו מאַכן..."

„זאָגט אייך וואָס איר ווילט, טענהט ווייטער הויזירער, אַז איר מיינט נאָר נישט צו פראַלן פאַר קריסטן און זאָרגט מאמת אונטער יידן בילדונג צו פאַרשפּרייטן, האָט איר קיין בעסער מיטל ווי דעם „קול מבשר" („קול מבשר" 1866, נומ. 29).

דאָס, שטרייכט ער אונטער, איז באַזונדערס וויכטיק פאַר פרויען, וועלכע זיינען דאָך דער יסוד פון הויז און פון דער גאַנצער פאַמיליע. דעם דאָזיקן פּונקט האָט באַרירט אין „קול מבשר" אויך אַן

אַנדער קאָרעספּאָנדענט, וואָס חתמעט זיך מיטן פאַרשטעלטן נאָמען „אַ יידנפריינד“. אויך ער ווייזט אָן, אַז דער עיקר דאַרף מען זען בילדן די פרויען, די דערציערינס און משגיחים פון אונדזערע קינדער, און עפּענען זיי וואָס מער די אויגן. דערצו גיט ער פּאָר אַ פּלאַן, מען זאָל גרינדן אַ חברה, וואָס „זאָל זיך אָפּגעבן דערמיט פאַלקסביכער אויף פּראָסט יידיש צו וואָלוועלע פרייזן אַרויסצוגעבן און די מחברים צו אונטערשטיצן...“

„דאָס, פּירט אויס דער קאָרעספּאָנדענט, איז נאָך מיין מיינונג, דאָס איינציקע מיטל וואָס קען אַרויספירן אונדזערע יידן אויפן רעכטן וועג, וואָרעם נאָר מיט פּראָסט יידיש קאָן מען לע"ע עפּעס ווירקן“ („קול מבשר“ 1869, נומ. 40).

אָט דער שטענדיקער אונטערשטרייכן די וויכטיקייט פון יידיש האָט נאָך מער אויפגעבראַכט פיל אויפגעקלערטע קעגן דעם „קול מבשר“. מען דאַרף דערביי געדענקען, אַז גראָד צום סוף פון די זעכציקער יאָרן האָט זיך אין געוויסע קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ באַזונדערס געשטראָקט די ריין אַסימילאַטאָרישע טענדענץ. זיי, די דאָזיקע אינטעליגענטן, זיינען שוין אויסן געווען ניט נאָר די רוסישע שפּראַך, נאָר טאַקע אין גאַנצן זיך רוסיפיצירן, ווערן „רוסאַקעס פון דת משה וישראל“.

„עס איז ידוע לכל, האָט מכריז ומודיע געווען די חברה מפיצי השכלה אין איר באַריכט פון יאָר 1866, און קיינער צווייפלט מער נישט אין פעסטן היסטאָרישן אמת, אַז יידן זיינען מחויב זיך צונויפשמעלצן (слиться) מיט דער באַפעלקערונג פון דער מלוכה, וואו זיי וואוינען און דאַרפן זיך אונטערשיידן אויסשליסלעך נאָר מיט זייער אמונה.

„אַלץ שטרעבט איצט, האָט פון דער בימה געפּרעדיקט איינער פון די באַוואוסטע ראַבינער פון יענער צייט, זלקינד מינאָר, צו דעם העכסטן ציל, ווי עס שטייט געשריבן: זיי אַ רוס פון משה רבינוס גלויבן“.

און צו דער זעלבער צייט גייט אַרויס אַ צייטונג אין דעם פאַרהאַסטן זשאַרגאָן, וועלכער איז דאָך פון אַלעמען אָנערקענט אַלס די גרעסטע מניעה, אַלס דער געפערלעכסטער אבן־נגף, וואָס ליגט אויפן וועג פון דער אַזוי שטאַרק געוואונטשענער רוסיפיקאַציע. און די דאָזיקע צייטונג לאָ די וואָס זי העלפט מיט דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג פונם שעדלעכן דיאַלעקט, דערוועגט זי זיך נאָך אַמאָל אָפּצולאַכן און אָפּצושפּאָטן פון די, וואָס שטייען אונטער דער פאָן פון אַסימילאַציע. דער אייגענער ליפשיץ, וואָס וועגן אים האָבן מיר שוין גערעדט באַריכות,

האָט פשוט אויסגעלאַכט אין זיין אַרטיקל „די דייטש־יידישע בריק", די „רוסיפיציסטן" מיט זייער אַני־מאמין צוזאַמען, און ער האָט זיך גע־פלייסט צו באַווייזן, אַז יענע וועלן כלל „ניט אויספירן... יידן זאָלן צווישן זיך רעדן רוסיש".

דערביי דאַרף מען אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער „קול מבשר" איז אַרויסגעגאַנגען אין אָדעס, וואו די אַסימילאַטאָרישע טענדענץ איז געווען באַזונדערס שטאַרק בולט, און אויך אין דער אייגענער מאָס איז גם כן באַזונדערס גרויס געווען די שנאה צו יידיש. עס איז דערביי כדאי צו דערמאָנען, אַז גראַד אין אָדעס האָט מען נאָך אין יאָר 1862 אין די דאָרטיקע יידיש־פּראָגרעסיווע קרייזן געפּרואווט אָננעמען ראַדיקאַלע מיטלען, בכדי מיט געוואַלד צו פאַרצוימען פאַר יידישע ביכער דעם וועג צו די ברייטע שיכטן פון פאָלק. דער אָדעסער תושב מאַרקוס הורוויץ, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט אַלס „אוטשאָני יעווריי" ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר פון בעסאַראַבער און ניי־רוסישן קאַנט, האָט אין דעם דאָזיקן יאָר פאָרגעלייגט אַ פּלאַן, „מען זאָל פאַרבאָטן צו דרוקן ביכער אין יידישן, בכדי עס זאָל לייכטער זיין צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן די רוסישע און דייטשע שפּראַך". מחמת דעם דאָזיקן פאָר־שלאַג איז אַרויס אַ גאַנצער וויכוח צווישן דעם בילדונגס־מיניסטער און דעם אינערן־מיניסטער, און הורוויצס פאַרשלאַג איז סוף כל סוף דורכגעפאַלן.

דאָס, וואָס עס האָט זיך דעם „געלערנטן יידן" הורוויץ ניט איינגעגעבן אין יאָר 1862 בנוגע צו יידישע ביכער בכלל, האָבן שפּע־טער מיט עטלעכע יאָר אַנדערע יידישע אינטעליגענטן פון הורוויצעס חדר געפּרואווט אָנווענדן קעגן דעם „קול מבשר" בפרט. אַ געלעגנהייט דערצו האָט זיי געגעבן צעדערבוים גופא. דער „קול מבשר" פלעגט דערשיינען און צעשיקט ווערן מיטן „המליץ" צוזאַמען אין איין און דעם זעלבן טאָג. צעדערבוים האָט אָבער געפונען, אַז עס וואָלט געווען אַ סך באַקוועמער פאַר די לעזער באַקומען די צוויי צייטונגען אין פאַר־שיידענע טעג. די אָרטיקע צענזור האָט תחילת דערויף מסכים געווען, זי האָט אָבער באַלד חרטה געקראָגן און באַשלאָסן אָנצופרעגן וועגן דעם אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פאַר דרוק־אָנגעלעגנהייטן. אין עט־לעכע חדשים אַרום איז פון דאָרט אָנגעקומען אַ באַפעל פאָדערן ביי צע־דערבוימען נייע פּראָגראַמעס אויף ביידע בלעטער באַזונדער. דאָ האָבן זיך אָבער אַריינגעמישט די קעגנער פונם „קול מבשר", און באַלד האָט מען פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג געמאַכט אַן אָנפראַגע אין אָדעס, צי האָט עס דערלויבט צו מאַכן פון דעם „קול מבשר" אַ רעגול־מעסיקע באַזונדערע ביילאַגע, בעת אין די ערשטע צוויי יאָר זיינען

דאָך געגאַנגען צוזאַמען אויפגעמישט אין איין בלאַט העברעאישע און דייטשישע אַרטיקלען.

„מען האָט, דערציילט וועגן דעם צעדערבוים גופא, זייער פיל אָנגערעדט, און אָנגעשריבן המנס מסירות אויף דעם זשאַרגאָן און באַהויפּטעט אַז ער איז אין גאַנצן שולדיק וואָס יידן שטייען אָפּגעזונדערט און לאָזן זיך ניט רוסיפיצירן, און דער „קול מבשר" אונטערשטיצט און דערהאַלט דעם זשאַרגאָן און מאַכט אים צו אַ ליטעראַטור־שפּראַך; האָט מען זיך באַדינט מיט דעם אויסרייד, דער „קול מבשר" האָט קיינע געזעצלעכע באַשטעטיקונג, און געוואָלט אים גאַנץ פאַרבייטן" („קול מבשר" 1869, נומ. 9).

נאָר אַזוי ווי צעדערבוים האָט דאָך באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצוגעבן דעם „המליץ" „האַלב־העברעאיש און האַלב יידיש־דייטש. בכן האָט מען געמאַכט אַ פּשרה, עס זאָל בלייבן ביים אַלטן, און דער „המליץ" זאָל זיך דרוקן אויף ביידע שפּראַכן צוזאַמען, ווי די ערשטע צוויי יאָר.

צעדערבוים איז דעמאָלט גלייך אַוועק קיין פּעטערבורג, און ווי ער אַליין דערציילט, האָט ער זיך געפּלייסט צו איבערצייגן „די העכסטע באַאַמטע און געלערטע", אַז ער, צעדערבוים גופא, ווייס אויך, ווי דרינגנד נויטיק עס איז פאַר דעם לאַנד און פאַר יידן אַליין, זיי זאָלן זיך געוואוינען צו רעדן די לאַנדספּראַך". מער ניט ער גייט זיך אויסאַנאַנדער אין די מיטל וואָס מען דאַרף געברויכן דיזעס געווינטשטע ציל צו דערגרייכן".

צעדערבוים, וואָס איז געווען אַ גרויסער מומחה אין עניני „כאַדאַטאַיסטוואַ" ביי „נאַטשאַלסטוואַ", האָט זיך געפּלייסט צו באַווייזן אין פּעטערבורג, אַז ער גופא איז אויך אַ קעגנער פון זשאַרגאָן, מער ניט ער איז איבערצייגט, „אַז עס גיט קיין אַנדער מיטל נאָר דער זשאַרגאָן אַליין וואָס קען זיך אַליין פאַרמיאוסן און באַווייזן יידן וויפיל ער שאַדט זיי אויף יעדן שריט", און טאַקע אויסשליסלעך צוליב דעם צוועק גיט ער כלומרשט אַרויס דעם „קול מבשר". און אגב אורחא האָט צעדערבוים אָנגעוויזן, ווי אומגערעכט עס זיינען זיינע קעגנער, וואָס ווילן, מען זאָל דעם „קול מבשר" פאַרבאָטן. די וואָס שטייען אויף דעם שטאַנדפּונקט האַלט צעדערבוים פּשוט פאַר „לייכטזיניקע", ווייל זיי נעמען, זאָגט ער, „אַ מאָס פון זיך, ווי שנעל זיי האָבן זיך אַנגעהיינגט די רוסישע שפּראַך ווי אַ מוטערשפּראַך, קען מען אויך אַ גאַנצע נאַציע אין אַ קורצער צייט אויסלערנען אַ נייע שפּראַך, מען דאַרף נאָר אַ ביסל שטרענגערע מאָסרעגעלן געברויכן און דעם זשאַרגאָן אונטערדריקן ווען מען וועט ניט לאָזן קיין צייטונגען אין אים דערשיינען".

צעדערבוימען איז ניט שווער געווען צו באַווייזן, אַז אַזוינע מאָס־רעגעלן קאָנען נאָר שאָדן ברענגען. סוף־כּל־סוף האָט דער ענערגישער צעדערבוים געפּועלט אין פּעטערבורג נאָך פּיל מער, ווי ער האָט זיך אפשר אַליין געריכט. ראשית, האָט מען אין אינערן־מיניסטעריום „אויסנאַמווייזע", ווי צעדערבוים דערציילט, באַוויליקט דעם „קול מבשר" אַלס זעלבשטענדיקע בלאַט דערשיינען צו לאָזן, גאַנץ באַזונדער פונם „המליץ"; והשנית האָט מען אים דערלויבט אַרויסצוגעבן אַ יידיש בלאַט אויך אין רוסישן אונטערן נאָמען «Посредникъ»

אַט אַזוי איז אינם יאָר 1869 דער 29טער נומער „קול מבשר" אַרויס שוין נישט אַלס „ביילאַגע צום המליץ אויף יידיש־דייטשער שפּראַך", נאָר אַלס זעלבסטשטענדיקע „יידישע פאָלקס־צייטונג אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך". אַפילו דער דעוויז איז אומגעביטן געוואָרן. פריער פלעגט אונטערן קעפּל פון „המליץ" און אויך פונם „קול מבשר" שטיין דער פּסוק פון תהילים: „שלח אורך ואמתך המה ינחוני". זינט דער „קול מבשר" איז אָבער געוואָרן אַ בלאַט פאַר זיך. האָט ער אויך אַ באַזונדערן דעוויז באַקומען: „אוהב מוסר — אוהב דעת".

.ט

אַלס זעלבסטשטענדיקע בלאַט האָט אָבער דער „קול מבשר" ניט מאריך ימים געווען. בעת צעדערבוים איז געזעסן אין פּעטערבורג, איז ביי אים נולד געוואָרן אַ פּלאַן איבערצופירן זיינע צייטונגען פון אָדעס קיין פּעטערבורג; ראשית איז דאָך פּעטערבורג דער וויכטיקסטער פּאָליטישער צענטער פון דער מלוכה, והשנית האָט גראָד דעמאָלט אין אָדעס אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ יידישע צייטונג אין רוסיש: „דיען", האָט צעדערבוים דערפאַר גערעכנט פאַר פיל פּראַקטישער אַרויסגעבן זיין „פּאָסרעדניק" אין אַן אַנדער שטאָט. צעדערבוים האָט וועגן דעם דערלאַנגט אַ בקשה, בעטנדיק אָגב אורחא, מען זאָל אים אויך דערלויבן אומצוביטן דעם נאָמען פון זיין רוסישער צייטונג אויף „וועסטניק רוסקיך יעווריעוו". דאָ איז אָבער ווידער אַרויס אַ סכסוך צוליב דעם „קול מבשר". מען האָט אויסגעפונען, אַז עס איז כּלל ניט פּאַסיק אַז אין אַ רעזידענץ־שטאָט זאָל אַרויסגיין אַ זשאַרגאָן־צייטונג. וועמעס אויפטו דאָס איז, בעצם, געווען, איז אונדז אומבאַקאַנט, נאָר ווי די מעשה איז, צעדערבוימען איז דערלויבט געוואָרן אַריבערצוטראָגן קיין פּעטערבורג בלויז זיין רוסישע און העברעאישע צייטונג, און אויפן „קול מבשר" איז נגזר געוואָרן, ער זאָל בלייבן אין אָדעס.

צעדערבוים איז איבערגעפאָרן אָנהויב 1871 קיין פּעטערבורג,

וואו ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם „המליץ" און דעם „וועסט־ניק". אויף דעם „קול מבשר" האָט ער ביי די אומשטאַנדן געקאָנט האָבן שוין אַ קנאַפּע השפעה. אמת, דער הויפּט־מיטאַרבעטער איז גע־ווען דער באַוואוסטער העברעאישער פּובליציסט משה ליב ליליענבלום, דאָך האָט די באַדייטונג פון „קול מבשר" אָנגעהויבן צו פאַלן. דערצו האָט נאָך צעדערבוים ביים איינאָרדענען זיינע צוויי צייטונגען און אַ ספּעציעל יידישע דרוק אין פּעטערבורג געהאַט זייער גרויסע שוועריקייטן, און אין אָקטאָבער 1871 איז ער אַפילו געווען געצוואונגען צו פאַרמאַכן דעם „המליץ" אויף גאַנצע ניין חדשים. ער האָט דעמאָלט געלאָזט דעם „קול מבשר" איינגאַנצן פאַלן, און דערמיט האָט זיך די ערשטע תקופה פון דער יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד געענדיקט.

דער „קול מבשר" איז אַנטשוויגן געוואָרן. די קעגנער פון זשאַרגאָן האָבן אָבער דערביי גאָרניט געוואונען, נאָר דאָס יידישע לעזער־פּובליקום זייער פיל פאַרלוירן. מיר האָבן שוין פריער באַרירט די גרויסע עקאָנאָמישע און אויך קולטורעלע שינויים, וואָס זיינען אין די זעכציקער יאָרן פאָרגעקומען אינם אַלגעמיין רוסישן און אין ספּעציעל־יידישן לעבן; מיר האָבן אויך אָנגעוויזן, ווי אַזוי אין יידישן תחום איז אַלץ שוואַכער געוואָרן זיין אָפּגעזונדערטקייט פון דער אויסנוועלט, און אַלץ פעסטער זיינען געוואָרן ניט נאָר די עקאָנאָמישע, נאָר אויך די קולטורעלע פעדים, וואָס האָבן אים פאַרבונדן מיט די אומות העולם, מיט דער אַרומיקער סביבה. דער דאָזיקער שינוי האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַפילו ביי די ברייטע שיכטן פון פּשוטן פאָלק. די יידישע פרוי, די יידישע מיידל, וואָס פריער איז זייער איינציקע גייסטיקע שפּייז געווען דער מנורת המאור און צאינה וראינה, פון איין זייט, און כל המיני „בבא־מעשיות" פון דער אַנדערער — האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַווייזן אַן אינטערעס אויך צו מער מאָ־דערנעם לעזע־מאַטעריאַל. ניט נאָר די ספּורי מעשיות פון גרויסע צדיקים און גאָטספאָרכטיקע לייט, נאָר אַפילו די פאַנטאַסטישע העלדן פון די אַלטע בבא־מעשיות האָבן ביים יידישן מיידל פון פאָלק עפּעס אָנגעוואָרן דעם חן, און זי האָט גאָר אָנגעהויבן צו חלומען וועגן מער מאָדערנע העלדן, וואָס האָבן געשוועבט פאַר איר יונגער פאַנטאַזיע, באַגאָסן מיט גלאַנץ און שיינקייט. אויך דער „קול מבשר" גופא האָט ביים יידישן פּובליקום געשטאַרקט דעם חשק צו אַ פּשוט בוך, וואָס האָט צו טאָן מיט דער ערד, ניט מיט הימל־זאַכן, מיטן היינט, ניט מיטן אַלטן עבר. אַז דער „קול מבשר" איז אַנטשוויגן געוואָרן, איז דער דאָזיקער דראַנג צום „וועלטלעכן" בוך פון מאָדערנעם שניט גע־בליבן אומבאַפרידיקט. דאָס האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט געדויערן.

האָט די יידישע אינטעליגענץ ניט געוואָלט געבן דעם פאָלק געזונטע נאַרהאַפטע שפייז, זיינען באַלד אַרויף אויף דער בימה גע־שיקטע געשעפטמאַכער, וואָס האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, ווי אויס־צונוצן דעם דאָרשט פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן נאָך נייעם לעזע־שטאָף. דער יידישער מאַרק איז באַלד פאַרפלייצט געוואָרן פון אַ גאַנצן מבול שונד־ליטעראַטור. ווי שוועמלעך נאָך אַ זומער־רעגן זיינען גע־וואַקסן די „העכסט־אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען, וואָס עמי־הארצים טאַנ־דעטניקעס האָבן מיט זייערע גראָבע אומגעשיקטע הענט איבערגעניי־צעוועט פון פראַנצויזישע בולוואַר־ראָמאַנען פון ערגסטן סאָרט. די יידישע מיידלעך האָבן ממש געשלונגען די אומגעלומפּערטע ראָמאַנען, וואו באַהעלפערס פלעגן פלוצים מגולגל ווערן אין הערצאָגן, שמשים אין פרינצן, וואו בלוט פלעגט זיך גיסן ווי וואַסער, גיפט און שטעכ־מעסער האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע, און אַלץ אויס ברענענדיקער ליבע צו דער „געטלעך" שיינער העלדין. אָט די דאָזיקע שונד־ליטע־ראַטור פלעגט פאַרשיכורן דאָס ווייניק אַנטוויקלטע לעזער־פּובליקום, פאַרסמען די נשמה פון דער יונגער אומוויסנדער יידישער מיידל; און די פיינט פונעם זשאַרגאָן האָבן געהאַט אַ נייעם באַווייז, ווי „שעדלעך" אָט דער דאָזיקער זשאַרגאָן איז...

ערשט ווען די פּאַגראָמען פון די אַכציקער יאָרן האָבן חרוב געמאַכט די השכלה־אידעאַלן, און די יידישע אינטעליגענץ איז גע־שטאַנען מיט אַ פּאַריואשטן האַרץ ביי אירע צעבראָכענע לוחות — האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע תקופה פאַר דער יידישער ליטעראַטור. און קודם כל איז דער „קול מבשר" תחית המתים אויפגעשטאַנען. דער אַלטער צעדערבוים האָט ווידער געגרינדעט אַ יידישע צייטונג („יידי־שעס פאָלקס־בלאַט"), און דאָס מאָל דווקא אין פּעטערבורג.

די מחלוקות צווישן די ראשי־הקהל און דעם רב אין ווילנע אין דער צווייטער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט

(דער ווילנער „לעצטער רב")

.1

אין יענער צייט (אין 18טן יאָרהונדערט), ווען די יסודות פון דער פוילישער מלוכה זיינען צעטרייסלט געוואָרן דורך דער ממשלה פון דער גדלנישער שליאַכטע און די אַנאַרכיע אין לאַנד האָט זיך פאַר־שטאַרקט, זיינען אויך די סדרים אין „קהל" געוואָרן אַ בייטש פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. די יידישע אויטאָנאָמע אָרגאַנען האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט דער זעלביקער צרעת, וואָס האָט געפירט צו דעם אונטערגאַנג פון פוילן, — די דעספּאָטיע און חוצפה פון די תקיפים. נאָך דעם גרויסן חורבן אין 17טן יאָרהונדערט איז דער מעמד פון די יידישע קהילות אין פוילן און ליטע שטאַרק געפאַלן. זיי זיינען געווען איינגעטונקען אין חובות, די מלוכה־מאַכט האָט געמאָנט און געדריקט. די ראשי־הקהל און די רייכע פרנסים האָבן זיך אָפּגעלערנט פון די פוילישע פריצים; זיי האָבן געזען, אַז דער מלוכה־אויטאָריטעט און געזעץ אין לאַנד איז געפאַלן, און האָבן גענומען געוועלטיקן מיט אַ שטאַרקער האַנט איבער דער יידישער מאַסע און די שווערע משא פון שטייערן האָבן זיי אַריבערגעלייגט אויף די פלייצעס פון פשוטן המון.

עס איז געווען נאָר איין עלעמענט אין די קהילות, וואָס האָט גע־האַט די מעגלעכקייט אַקעגנצושטעלן זיך דער רשעות פון די תקיפים, — דאָס זיינען געווען די רבנים. לויטן געזעץ האָט קיין איין באַשלוס פון קהל ניט געקענט דורכגעפירט ווערן אָן דעם הסכם פון רב. די תקיפים האָבן דעריבער געוואָלט אַריינבאַקומען די אייבערהאַנט אויך איבער דעם רב, און מחמת דעם האָט אויסגעבראָכן אין כמה קהילות אַ קאַמף צווישן די פרנסים און רבנים. שוין דער באַרימטער רב און

מקובל צבי־הירש קאַידאַנאָווער, דער מחבר פון „קב הישר״ 1), קלאָגט זיך ביטער אין זיין באַרימטן ספר, אַז די „בעלי קרנים״ און די „בעלי זרוע״, וואָס איבער זיי איז ניטאָ קיין „שר ומושל״, האָבן אים גערודפט און פאַריאָגט, און ער האָט געמוזט לסוף פאַרלאָזן זיין היים און אַרי־בערפאָרן קיין אויסלאַנד. לערך מיט 70 יאָר נאָך אים האָט איינער פון די באַרימטסטע און אויפגעקלערטע רבנים אין פוילן י. ל. מרגליות געגעבן אַ טרויעריק בילד פון דער אינעווייניקסטער צעפוילטקייט און שפלות, וואָס הערשט אין „קהל״ אַדאַנק די תקיפים, וואָס שאַלטעווען אומגעשטערט איבער דער יידישער עדה, איבער די „עניים האומללים״, באַלאַסטן זיי מיט שווערע שטייערן, עקספּלואַטירן זיי, שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר מסירות צו דער מאַכט און אַנדערע פאַלשקייטן — און ס׳איז ניטאָ קיינער, ווער עס זאָל זיך זיי אַקעגנשטעלן. אַפילו די רבנים העלפן די תקיפים, און די בעסערע פון זיי (פון די רבנים) האַלטן דאָס מויל פאַרמאַכט און שווייגן 2).

•2

אָט אין יענער צייט, ווען י. ל. מרגליות האָט געשטראָפט מיט האַרבע רייד די תקיפים און די רבנים, וואָס גייען מיט די רשעים, האָט זיך אין דעם גרויסן יידישן צענטער — אין ווילנע — פאַנאַנ־דערגעפלאַקערט די גרויסע מחלוקת צווישן די פּרנסים און דער רבנות, צווישן די קהלשע תקיפים און דעם לעצטן רב. 25 יאָר אָן ערך האָט זיך געצויגן די דאָזיקע מחלוקת, וואָס שוין ש. י. פין האָט בשעתו אָנגעוויזן אויף איר, אַז זי האָט געבראַכט דערצו, אַז „עס איז אונטערגעגראָבן געוואָרן דער אינסטיטוט פון די פּרנסים און דער אינסטיטוט פון דער רבנות אין אַלע יידישע קהילות אין דער ליטע״. די פּרנסים האָבן אמת אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער דער רבנות, אָבער אין איר פאַל האָט די רבנות מיטגעשלעפּט אויך דעם פּרנסים־אינסטי־טוט, די גאַנצע מאַכט פון קהל איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָט שוין ניט געקאָנט קומען מער צו זיך.

ש. י. פין, וואָס איז געווען דער ערשטער צו פאַרעפנטלעכן איי־ניקע פראַגמענטאַרישע ידיעות וועגן דער „מחלוקת מיטן רב״ 3), באַמערקט מיט רעכט: „אַזוי ווי די מחלוקת צווישן די ווילנער פּרנסים און דעם רב איז ניט געווען נאָר זייער אייגענע מחלוקת, נייערט אַ מחלוקת צווישן דעם אינסטיטוט פּרנסים און צווישן דעם אינסטיטוט רבנות, און די סיבות אירע זיינען ניט קיין אָרטיקע, נאָר אַלגעמיינע, — אַזוי זיינען אויך די רעזולטאַטן אירע געווען אַלגעמיינע און ניט נאָר

אַרטיקע, און מען דאַרף די דאָזיקע מחלוקת באַטראַכטן ווי אַן אַלגע־מיינע זאַך, וואָס איז נוגע צו דער געשיכטע פון יידן אין ליטע".

אָבער ביז היינט האָט מען נאָך אויף אָט דער „אַלגעמיינער זאַך" קיין אַכט ניט געלייגט. נאָך ש. י. פינען איז דער רוסישער היסטאָ־ריקער ס. בערשאַדסקי געווען אין משך פון איבער פופציק יאָר דער איינציקער, וואָס האָט געווענדט זיין אויפמערק צום קאַמף צווישן די פּרנסים און דער רבנות אין ווילנע, און אין זיין באַוואוסטן ווערק „די ליטווישע יידן" 4) האָט ער צוגעגעבן צו די ידיעות, וואָס ווערן געבראַכט אין „קריה נאמנה", נאָך אייניקע פּרטים 5).

אָבער ניט פין און ניט בערשאַדסקי האָבן ניט אויסגענוצט דעם וויכטיקסטן מקור, וואָס לויט אים קאָן מען אורטיילן וועגן דער גאַנצער מחלוקת און איר געשיכטע — דאָס איז אַ געשריבענער פּנקס, „וואָס נעמט אַריין כתבים און כרוזים בנוגע דער מחלוקת וועגן דעם לעצטן רב אין ווילנע", און די דאָזיקע „כתבים און כרוזים" זיינען וויכטיק ניט בלויז דערמיט, וואָס זיי באַלייכטן די דערמאָנטע מחלוקת, נאָר אויך דערמיט, וואָס מיר געפינען אין זיי אַ בולט בילד פון דעם קול־טור־לעבן פון אונדזערע עלטער־זיידעס אין די לעצטע צענדליקער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט 6).

פון דעם דאָזיקן פּנקס ווערן מיר געוואָר, אַז שוין אין אָנהויב 18טן י"ה האָבן די „רוזנים וקצינים ראשי מנהיגי הקהל" אין ווילנע זיך געקליגט און געזוכט זיך צו באַוואָרענען, אַז ביים רב זאָל אָפּגענומען ווערן יעטווידער מאַכט, אַז ער זאָל זיך נישט מישן אין קהלשע ענינים, בפּרט אין דעם אויפמאָנען און פאַנאַנדערלייגן די שטייערן, און ער זאָל זיין געצוואונגען מסכים צו זיין צו אַלצדינג, וואָס די פּרנסים באַשטי־מען און טוען. אין יאָר 1708 האָבן די ראשי־הקהל זיך געווענדט צו ר' ברוך כ"ץ ראַפּאָפּאָרט מיטן פאָרשלאָג, ער זאָל אָננעמען די ווילנער רבנות, אָבער איידער זיי האָבן אים איבערגעגעבן דעם כתב־הרבנות, האָבן זיי מיט אים אויסגערעדט אַזעלכע „פּונקטן":

פּונקט ב'. „מען זאָל אים אָננעמען פאַר אַ רב פון דער קהלה ניט מער ווי אויף דריי יאָר, און נאָכן משך פון דריי יאָר... אויב די מיט־גלידער פון דער אַסיפה וועלן אים אָננעמען אויך אויף להבא, טאָר ער ניט בעטן, אַז מען זאָל אים אָננעמען אויף מער ווי דריי יאָר, נייערט דעם גאַנצן משך צייט, ווען ער וועט זיין רב אין דער קהילה, וועט מען נאָר אויף אַ משך פון דריי יאָר און ניט מער. און אַזוי אויף אַלע מאָל, אים אָננעמען נאָר אויפן משך פון דריי יאָר, ווען זיי וועלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג".

פּונקט ג'. „ווען די פירער פון קהל וועלן רופן דעם רב צו קומען

צו אַן אַסיפה צוליב וואָסער עס איז ענין, זאָל זיין וואָס עס וויל, איז ער מחויב צו קומען באַלד ניט אָפּצולייגן, און אַפּשיטא אַז ער טאָר זיך באין אופן ניט אָפּזאָגן פון קיין שום משפט און עסק פון קהל, און טאָר ניט זאָגן: ביי דער זאַך וועל איך זיצן און ביי דער וועל איך ניט זיצן, און ער מוז מאַכן אַ פּסק און גמר תיכף, כדי עס זאָל ניט קומען צו קיין פאַרגוואַלטיקונג פון רעכט, און ער מוז אַכטונג געבן, אַז עס זאָלן ניט זיין קיין טענות פון יחידים קעגן דעם קהל און קעגן די דיינים"...

פונקט ד'. „אין די עסקים פון קהל, אויך אין די ענינים פון מאַ־נונגען און נתינות און אַרענדעס פון קהל טאָר דער רב אינגאַנצן זיך ניט אַריינמישן, מער ניט ביים צושלאָק פון דער אַרענדע זאָל אויך דער רב זיין אויף דער זיצונג פון קהל און אַלץ זאָל באַשטימט ווערן לויטן רוב שטימען, און ער זאָל חתמען צוזאַמען מיט קהל"... (7)

אַזוי שטאַרק איז געווען דער חשק פון די ראשי־הקהל אַראָפּצוזעצן די חשיבות פון דעם שטאָטישן רב, אַז זיי האָבן צו אָט די „פונקטין" צו־געגעבן נאָך אַזאַ „פונקט": „דער בעל־תפילה טאָר ניט וואַרטן אויפן רב אָנצוהייבן די תפילה, ביז דער רב וועט אַריינקומען אין שול, און ערב שבת אום ווינטער זאָל דער רב אָנזאָגן און באַפעלן דעם חזן, ער זאָל ניט וואַרטן"...

און די תקיפים האָבן זיך נאָך אַלץ ניט צופרידן געשטעלט, ביז דער רב האָט ניט געחתמעט, „אַז ער (דער רב) איז מחוייב צו שווערן, אַז ער וועט אָפּהיטן אַלע פונקטן, וואָס ווערן אונטן דערמאָנט און מקיים זיין אַלע תקנות פון דער קהילה און ער וועט כולל זיין, אַז ער וועט ניט בייטן און ניט טאָן וואָסער עס איז טועכץ ניט אַליין און ניט דורך אַנדערע, צו בעטן פון די פירער פון קהל אָדער פון דער גאַנצער אַסיפה, אַז זיי זאָלן נאָכלאָזן אַנטקעגן אים אַפילו איין אות פון אַלע פונקטן אויף אַלע מאָל דעם גאַנצן משך צייט, וואָס ער וועט זיין רב און ראש־ישיבה דאָ אין דער קהילה, און ער זאָל זיך אויף זיך נעמען מיט אַ שבועה און מיט אַ חרם איןביידע וועלטן, אַז באם ער וועט חס ושלום עובר זיין דערויף, דעמאָלט איז ער מחויב צו געבן קנס פון זיין קעשענע טויזנט ר"ט (רייכס־טאַלער) אויף קהל און טויזנט ר"ט אויף דער גרויסער שול אין ירושלים"... (8

סך־הכל דריי יאָר איז דער רב כ"ץ־ראַפּאַפּאָרט געזעסן אויפן כסא־הרבנות אין ווילנע, דערנאָך איז ער פון דאָרט אַוועק און האָט זיך באַזעצט אין פירט, דייטשלאַנד, וואו ער איז געוואָרן אויפגענומען פאַר אַ רב און ראש־ישיבה. און אַז אין 1715 האָט זיך צו אים געווענדט די גראָדנער קהילה מיטן פאַרשלאָג צו ווערן דאָרט אַ רב, האָט ער זיך

דערפון אָפּגעזאָגט. קענטיק, ער האָט מותר געווען אויפן כבוד צו זיין אַ רב אין ליטווישע קהילות און איז געבליבן אין דייטשלאַנד. נאָך דעם רב ראַפּאָפּאָרט איז אין יאָר 1712 אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין ווילנע ר׳ יהושע־העשיל בן שאול, און אויך ער איז געווען געצוואונגען „צו שווערן און אויך צו באַשטעטיקן און מקיים צו זיין אַלע די דערמאָנטע פּונקטין״, אָן שום אויסנאָם.

אָבער אויך די שבועה איז דעם נייעם רב ניט בייגעשטאַנען. שוין אין צווייטן יאָר אַרום איז דער רב געווען געצוואונגען צו בעטן הילף ביים קיניג אַליין. אין דעם „שוצבריוו״, וואָס איז אים אַרויסגעגעבן אין נאָמען פון קיניג אויגוסט 2, שטייט געשריבן אַט וואָס: „דער אומגלויביקער ייד, אָבער אונדזער געטרייער קנעכט, העשיל בן שאול, האָט זיך ביטער באַקלאָגט אויף די יידן פון ווילנער קהל, וואָס ניט גענוג וואָס זיי ווילן אים ניט פאָלגן און זיך אונטערגעבן אונטער זיין פּסק־דין, נאָר זיי רודפן אים ביז לעצט און סטראַשען אים, אַז אויב ער וועט ניט אַראָפּגיין פון כסא־הרבנות, וועט ער מוזן באַצאָלן אַ גרויסע שטראָף, און פאַר זיין פאַרטרעטער האָבן זיי אויסגעקליבן איינעם אַן אַריינרייסער (intuzora). דער קיניג האָט איינגעפונעז, אַז דורך די מעשים פון ווילנער קהל זיינען אָנגערירט געוואָרן די רעכט פון זיין קיניגלעכער מאַיעסטעט, דעריבער האָט ער באַשטימט, אַז דער קהל איז מחויב צו באַצאָלן שטראָף צען טויזנט גילדן, אויב זיי וועלן ניט שלום מאַכן מיטן רב און וועלן אים ניט לאָזן זיצן רואיק אויף דעם כסא־הרבנות און פירן די שאָף פון זיין עדה. זיי זאָלן אויך זיך ניט דערוועגן צו באַשטימען אַן אַנדערן, זאָל זיין ווער עס וויל, פאַר אַ רב אויף זיין אָרט״ 9). דאָס מאָל האָט ד׳ער רב געקראָגן די אויבערהאַנט איבער די פּרנסים: די ראש־הקהל האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם באַשלוס פון דער מאַכט, און דער רב ר׳ יהושע־העשיל איז געזעסן רואיק אויפן כסא־הרבנות זיין גאַנץ לעבן, און איז געשטאָרבן אַ זקן אין יאָר 1749.

אין אַ יאָר אַרום איז אויסגעקליבן געוואָרן אויף זיין אָרט אַן אַנדערער רב. דער אופן, ווי אַזוי דער רב איז געקליבן געוואָרן, איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז עס איז כדאַי צו דערציילן וועגן דעם באַריכות.

אין יענער צייט איז געווען קהלשער שרייבער אין ווילנע (ספרא ודיינא דק״ק ווילנא) דער גביר און נדבן און ענערגישער טוער יהודה בן אליעזר, וואָס איז באַרימט אונטערן נאָמען יסו״ד (יהודה ספרא ודיינא) 10). דער דאָזיקער נדבן, וואָס האָט אויסגעגעבן אַ פאַרמעגן אויף צדקה, האָט געהאַט אין זיך אַ סך מעלות פון די שתדלנים פון

דעם טיף ווי יאָסלמאַן ראַסהיים. ער האָט ניט איין מאָל אַרויסגעהאָלפן יידן אין אַן עת צרה, געשטעלט זיך פאַר דער רעגירונג, זיך משתדל געווען צו פאַרגרינגערן זייער מצב, מבטל צו זיין שלעכטע גזירות. אין יאָר 1742 האָט דער ווילנער מאַגיסטראַט באַשלאָסן אָפּצונעמען ביי די ווילנער יידן זייערע אַלטע פּריווילעגיעס און האָט געצוואונגען די ראשי־הקהל צו חתמען אַ דעקרעט, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ מיטן גוטן ווילן פון זייערע אַלטע באַשטעטיקטע פּריווילעגיעס און זיי וועלן ניט אַפּעלירן אויפן באַשלוס פון מאַגיסטראַט ביים מלוכה־געריכט. דעמאָלט האָט דער יסו״ד זיך איינגעשטעלט, „אָנגעגורט ווי אַ העלד זיינע לענדן״, ניט גערוט און געראַסט, זיך משתדל געווען ביי די „גרויסע אַדונים״, „די דוכסים און ביסקופּן״, ביז דער דעקרעט איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, און ווילנער יידן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט 11). דער יסו״ד איז געווען אויך אַ למדן, גרויס אין „תלמוד און פוסקים״, אַזוי אַז ער איז געווען ראוי צו זיין אַ רב. און עס פאַרשטייט זיך, אַז אין דער קהילה האָט מען פון אים שטאַרק געהאַלטן, און די ראשי־הקהל האָבן אים געפאָלגט אין אַלץ.

אין יאָר 1745 האָט דער יסו״ד זיך געווענדט צו די ראשי־הקהל מיט אַזאַ פאַרשלאָג: זיין יונגער איידעם שמואל, אַ זון פון ראַזאַנאָווער רב אַביגדור, איז גרייט אַריינצוטראָגן אין קאָסע פון ווילנער קהל טויזנט זעקס הונדערט גילדן בתנאי, מען זאָל אים באַשטימען פאַר אַ דיין. „האָבן זיך צונויפגעקליבן די פירער פון פאָלק — אַזוי דערציילט איינער פון די „כתבים״ אין פנקס — און אין ביייזיין פון די זקנים און פון די עלטסטע פון דער אסיפה פון די רח״ש (רבנים, חזנים, שמשים)... אין קהל־שטיבל... האָבן אַלע מסכים געווען איינשטימיק, אַז היות ווי איצט איז אַן ענגע צייט, די קרעדיטאָרן פון דער קהילה איילן און טרייבן, און די קאָסע פון קהל קלעקט ניט מסלק צו זיין די דאָזיקע קרעדיטאָרן, און דער רבני מר שמואל איז געווען אַזוי גוט און האָט געגעבן אויף מסלק צו זיין די דאָזיקע קרעדיטאָרן טויזנט מיט זעקס הונדערט גילדן מזומנים... דעמאָלט האָבן מיר געזאָגט... אַז דער רבני מורנו הרב שמואל זאָל וואוינען פון היינט אָן און גאָר זיין לעבן לאַנג אין אָרט פון חכמים דאָ אין אונדזער קהילה... און מען זאָל אים מכבד זיין מיט דער קרוין פון תורה, דער רבני מו״ה שמואל זאָל זיין אַ שטענדיקער דיין אין אונדזער קהילה ווייל ער וועט לעבן, צו זיצן אין דעם זיץ פון די עלטסטע... די דיינים, וואָס זיינען דאָ געוויינלעך אין אונדזער קהילה, מיט אַלע הכנסות און מיט יעטווידער אַנטייל אין כבוד, וואָס געהערן צו די דיינים אין אונדזער קהילה, דאָס הייסט אַז

דער רבני מו״ה שמואל זאָל זיין אַ צוגעקומענער דיין צו די צוועלף דיינים, וואָס זיינען געוויינטלעך פאַראַן אין אונדזער קהילה״ 12).

נאָכן טויט פון דעם רב יהושע־העשיל האָט דער יסו״ד זיך ווידער געווענדט צו די ראשי־הקהל מיט אַ פאָרשלאָג, אַז ער וועט איינצאָלן אין דער קהלשער קאָסע פיר און צוואַנציק טויזנט פוילישע גילדן מזומן, בתנאי מען זאָל באַשטימען זיין איידעם ר׳ שמואלן פאַר אַ רב און ראש־ישיבה. די ראשי־הקהל האָבן אויך דערזיף באַשטאַנען. דער דיין שמואל איז אָבער אין יענער צייט געווען נאָך צו יונג, און עס ווייזט אויס, אַז אויך דער שווער זיינער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ יונגער מענטש איז נאָך ניט ראוי צו זיין ווילנער רב. „דער גאון מוהר״ש — שטייט געשריבן אין דעם כתב, וואָס עס האָבן געחתמעט די ,ראשי רוזני קציני מנהיגי קהלת ווילנא׳ — איז יונג, אַ נייער קרוג פול מיט אַלטן וויין, ווי עס איז באַוואוסט און מפורסם, און אַלע וואָס זעען אים דערקענען, אַז ער איז דער קאָפּ און דער ערשטער, און אין אַלע חכמות הערט מען פון אים זיין גרויס חריפות און בקיאות, און געוויס אַז עס וועט קומען די רעכטע צייט, ווען ער וועט לאַנג זיצן אויף זיין שטול, וועט ער פון זיך אַליין שטייגן העכער און העכער״... דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן אים אַרויפצוזעצן אויפן כסא־הרבנות, אָבער בתנאי אַז עטלעכע יאָר זאָל ער נאָך זיצן ביי זיין פאָטער דעם רב און ביי אים לערנען פון „זיין תורה און חריפות, ביז ער וועט זיין ראוי צו זיין אַ רב. אין משך פון דער צייט זאָל זיין שווער דער יסו״ד זיין זיין ממלא־מקום״.

28 טעג אין אדר שני פון יאָר תק״י (1750) איז געחתמעט געוואָרן „למז״ט רשימה בנידון קבלות רבנות של הרב הגאון שמואל... על כל האופנים דלמטה״. אין דעם ערשטן „אופן״ שטייט געשריבן, „אַז הרב שמואל איז אָנגענומען געוואָרן פאַרן אב־בית־דין און ראש־ישיבה און רב פון קלויז פון אונדזער קהילה אויפן גאַנצן לעבן פון גאון מר שמואל״. און מכוח זיין „ממלא מקום״ ווערט דערקלערט אין 15טן „פונקט״ באַריכות: „אין משך פון דריי יאָר זינט עס הייבט זיך אָן די דערמאָנטע רבנות... ווען דער גאון מוהר״ש וועט פאָרן צו זיין פאָטער דעם רב דעם גאון מ׳ אַביגדור צו לערנען ביי אים תורה, ווערליק דאָס איז דערמאָנט, אָדער אין אַנדערע ערטער, אָדער ער וועט לעבן דאָ ביי אונדז, זאָל זיין אַנשטאָט אים זיין שווער דער רבני מו״ה יסו״ד אויף די וויטערדיקע תנאים, דהיינו ער זאָל זיך ניט פירן ווי אַ רב פון אַזאַ געהויבענער קהילה, חלילה זאָל אים זיין צו געוועלטיקן איבערן הייליקן פאָלק און איבער די אויסגעצייכנטע רבנים צווישן דעם, און אַפשיטא שוין, אַז די מענטשן פון אונדזער קהילה טאָרן אים ניט אָנרופן

מיטן נאָמען רב הקהילה, נייערט נאָר מיט זיין ערשטן נאָמען הרבני מ׳ יסו״ד דקהילה קדושה יצ״ו. בלויז דעריין זיינען מיר מסכים, אַז היות ווי מיר זעען זיינע גרויסע אויפטוען לטובת דעם כלל פון אונדזער קהילה, וואָס פון שטענדיק אָן ביז איצט האָט ער זיך מיט זיין גוף און מיט זיין געלט ממש דאָס לעבן איינגעשטעלט אין די ענינים פון דער קהילה, און היות ווי ער קען די ענינים פון אונדזער קהילה, דעריבער איז פּאַסיק און ריכטיק אים אָפּצוגעבן דעם כבוד אין משך פון צוויי אָדער דריי יאָר זינט דעם אָנהייב פון דערמאָנטער רבנות, ביז זיין איידעם דער גאון מוהר״ש וועט זיין ראוי צו הוראה, אַז זיין שווער זאָל זיין אויפן אָרט פון דעם רב פון דער קהילה, אָבער ניט אין די ענינים פון הוראה... נייערט נאָר אין די ענינים פון דער קהילה און צו זיצן און אַכטונג צו געבן בנוגע דער קהילה מיט די פירער פון קהל אין קהל־שטיבל אויפן אָרט פון רב, ווי דער מנהג איז, אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג אַנשטאָט דעם רב, און זיין שטים זאָל ווערן גערעכנט פאַר צוויי שטימען, ווי דער מנהג איז״ 13).

עס איז קיין ספק ניט, אַז ניט נאָר די השפעה פון דעם תכיף דעם שתדלן יסו״ד, נייערט אויך די צענדליקער טויזנטער גילדנס, וואָס ער האָט אַריינגעטראָגן אין דער קהלשער קאַסע, האָבן גורם געווען דערצו, אַז די „אופנים״, וואָס אויף זיי איז דער יונגער ר׳ שמואל אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין ווילנע, זיינען גאָר אַנדערע ווי די „פונקטן״, וואָס אויף זיי האָט בשעתו געחתמעט דער רב כץ־ראַפּאָפּאָרט. דער לעצטער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ רב נאָר אויף דער באַגרענעצטער צייט פון דריי יאָר, בעת ר׳ שמואל איז אָנגענומען געוואָרן אויף זיין גאַנצן לעבן; דער רב ראַפּאָפּאָרט האָט מסכים געווען דערויף, אַז „ווען די פירער פון קהל וועלן רופן דעם רב צו אַ זיצונג פון קהל אָדער צו אַן אַסיפה צוליב וואָסער עס איז באַדערפעניש, זאָל זיין וואָס עס וויל איז ער מחויב צו קומען באַלד ניט אָפּצולייגן, און אַפּשיטא אַז ער טאָר זיך באין אופן ניט אָפּזאָגן פון קיין משפט און עסק פון קהל, און טאָר ניט זאָגן: „ביי דער זאַך וועל איך זיצן און ביי דער זאַך וועל איך ניט זיצן״, אָבער אין די „אופנים״ ביים אויפנעמען ר׳ שמואלן פאַר אַ רב שטייט געשריבן פאַרקערט: „באַם דער רב וועט וועלן זיצן ביי וואָסער עס איז משפט אין בית־דין, סיי אין ענינים פון יחידים און סיי אין ענינים פון די קהלשע. פירער, דעמאָלט זאָל מען זיצן דווקא אין רבס שטוב, און ער האָט רשות אָפּצוזאָגן זיך פון צו זיצן״, אאַז״וו 14).

רב שמואל איז זיך געזעסן רואיק אויף זיין כסא־הרבנות איבער צען יאָר אונטערן שוץ פון זיין שווער דעם גביר. אַז דער יסו״ד איז עלטער געוואָרן און האָט געשפּירט, אַז עס קומט די צייט צו שטאַרבן,

האָט זיך ביי אים דערוועקט די מורא, אַז נאָך זיין טויט וועלן די קהלשע תקיפים וועלן אָפּנעמען ביי זיין אידעם זיינע רעכט, דעריבער האָט ער אין זיין צוואה זיך געווענדט מיט אַ בקשה „צו אַלע לייט פון אונדזער קהילה פון קליין ביז גרויס, אַז עס זאָל זיין איינגעקריצט אויפן טאָוול פון זייער ריינעם האַרץ אַלדאָס גוטס, וואָס איך האָב געטאָן פאַר אונדזער קהילה מיט מיין נשמה און מיט מיין אייגנס, פון זינט איך בין געקומען צו מיין באַוואוסט, וואָס איך האָב אָנגעגזרט ווי אַ העלד מיינע לענדן און מיט מיין גאַנצן כוח האָב איך געאַרבעט סיי אין שטאָט סיי חוץ דער שטאָט". און נאָכדעם ווי ער רעכנט אויס אַלע די טובות און הנחות, וואָס ער האָט אויסגעפּועלט פאַר דער קהילה, חזרט ער איבער זיין בקשה: „דעריבער זאָל דאָס אַלץ דערמאָנטע זיין איינגע־קריצט אויף זייער ריינעם האַרץ אָפּצוצאָלן דערפאַר מיין אידעם דעם רב דעם גאון גר"י און זיינע קינדער נאָך אים, און ניט צו געבן זיי חס ושלום אַ מתנה אומזיסט, נאָר אָפּצוהיטן די כתבים (אָפּמאַכן) פון מיין אידעם דעם רב דעם גאון פאַר מיין פרוי נעבעך, וואָס איז געקריינקט מיט דער קרוין פון יחוס... און איך בעט איבערצושרייבן דעם דאָזיקן פּונקט און נאָך מיין פּטירה אַריינצוגעבן אין קהל־שטיבל, כדי זי זאָל שטענדיק נעמען צום האַרצן אַלץ דאָס אויבן געזאָגטע" 15).
אין קהל־שטיבל האָט מען אָבער גאָרניט „גענומען צום האַרצן" די צוואה פון דעם אַלטן שתדלן, און אין צוויי יאָר אַרום נאָך זיין טויט איז טאַקע געשען דאָס, פאַר וואָס ער האָט מורא געהאַט.

.3

אַ פּאָר יאָר זיינען אַריבער נאָכן טויט פון דעם שתדלן יסו"ד, און די „רוזני הקהל" האָבן זיך אויפגעהויבן קעגן דעם רב. זיי האָבן גע־וואָלט האָבן דווקא די גאַנצע דעה אין די קהלשע ענינים, און דער רב זאָל זיין נכנע צו זיי, האָבן זיי גענומען מיט אים איינטענהן, ער זאָל מוותר זיין אויף זיינע פּריווילעגיעס, ער זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן אויפן זעלביקן גראַד ווי די פריערדיקע רבנים (כץ־ראַפּאָפּאָרט און ר' יהושע־העשיל), פּונקט ווי זיי זאָל ער אויך „ניט טאָרן זיך אָפּזאָגן פון קיין משפט און ענין פון קהל" און זאָל קיין רעכט ניט האָבן צו זאָגן „ביי דער זאַך וועל איך זיצן און ביי דער וועל איך ניט זיצן".

נאָך אַ סך איבעררייד איז מען סוף־כל־סוף געקומען צו אַ גמר, אַז „דער רב האָט רשות אָוועקצוזעצן דריי דיינים... און זיי זאָלן איינזען, צי ער האָט רשות לויט זיינע פּונקטן זיך אָפּצוזאָגן פון צו זיצן ביי אַ דין־תורה אין געלט־זאַכן צווישן אַ יחיד און אַ יחיד, און אַזוי ווי זיי

וועלן אַרויסגעפינען, אַזוי זאָל דאָס בלייבן גילטיק לויטן דין פון דער תורה״.

די דיינים האָבן געפּסקנט (אין חשוון פון יאָר תקכ״ח — 1767), אַז דער רב איז גערעכט, ווייל לויט די פּונקטן, וואָס זיינען געחתמעט געוואָרן דעמאָלט, בעת ער האָט געקראָגן דעם כתב־הרבנות, „איז אויפן רב ניטאָ קיין שום חיוב צו זיצן ביי אַ דין־תורה, און ער האָט רשות זיך אָפּצוזאָגן פון זיצן ביי אַ דין־תורה לויטן כ״ד, און קיין יחיד און קיין קהל האָט ניט ביד צו צווינגען דעם רב דעם גאון צו זיצן ביי אַ דין־תורה״.

אָבער די קהלשע תקיפים האָבן ניט נאָכגעלאָזט. זיי און זייערע אָנהענגער „האָבן געשלאָסן אַ בונד״ און האָבן געצוואונגען דעם רב, ער זאָל מוותר זיין אויף די פּונקטן, וואָס מען האָט אויסגערעדט מיט זיין פאַרשטאָרבענעם שווער, און זאָל חתמען און שווערן אויף די פּונקטן, וואָס זיינען אָפּגערעדט געוואָרן בשעתם מיט די פריערדיקע רבנים. די ראשי־הקהל זיינען אַזוי שטאַרק צוגעשטאַנען צו רב שמואלן, אַז סוף־כל־סוף האָט ער זיי נאָכגעגעבן (אין חודש אב תקכ״ח), אָבער צוגלייך האָט ער זיך געווענדט מיט אַן אָנקלאָג צו אַלע „מדינות וועד דליטא״, ד״ה צו די קהילות פון גראָדנע, סלוצק, פּינסק און בריסק 16).

און די הויפּט־קהילות האָבן זיך אָנגענומען פאַרן באַוואוּלטן רב. 14 טעג אין אב תק״ל האָבן די גראָדנער ראשי־הקהל אָנגעשריבן צו די ראשי־הקהל אין ווילנע אַ בריוו מיט אַן אויפפאָדערונג צו שטעלן זיך צו אַ דין־תורה מיטן רב אין איינער פון די הויפּט־קהילות. די מחברים פון דעם בריוו גיבן איבער דעם אינהאַלט פון ר׳ שמואלס אָנקלאָג מכוח דעם, אַז די ווילנער קהלס־לייט רודפן אים און האָבן אים געצוואונגען זיך אָפּצוזאָגן פון יענע „פּונקטן״, וואָס זיינען אויסגענומען געוואָרן, בעת ער איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ רב, און אָנצונעמען נייע תנאים, וואָס די ראשי־הקהל האָבן אים געשטעלט. ווי אַ ראיה דערויף האָט ער געבראַכט גבית־עדות 17) מכוח דעם, אַז די קהלשע תקיפים האָבן זיך באַרימט — ווי עס שטייט אין אָריגינאַל: „און מיר האָבן גינייט להרב הגאון אַז ער האָט גימוזט שווערין אויף אַלע פּונקטין וואָס מיר האָבין גימאַכט״. די גראָדנער ראשי־הקהל וויזן אָן, אַז דער־מיט האָבן די ווילנער עובר געווען אויף אַ בפירושן דין, און אַז דעם רבס שבועה, וואָס איז געגעבן געוואָרן על פּי אונס, איז בטל ומבטל. לויט די תקנות פון דעם פּנקס המדינה זיינען די מנהיגים פון דער קהילה מחויב צו פאָלגן דעם רב און צו שטעלן זיך מיט אים צו אַ דין־תורה פאַר איינער פון די הויפּט־קהילות, וואָס ער וועט אויסקלייבן.

די גראָדנער וואָרענען דעריבער די ווילנער ראשי־הקהל, זיי זאָלן אויסקלייבן פון זיך טוענים און צושיקן צום זעלוועד יריד „ניט שפּעטער ווי מאָנטאָג פון פּרשת ראה" אַ הסכם צו שטעלן זיך צום דין־תורה, און טאָמער ניט, וועלן זיי אַרויסטראָגן אַ פּסק־דין הינטער זייערע אויגן, לויט ווי עס באַשטימען די תקנות פון דעם פּנקס־המדינה.

די ווילנער ראשי־הקהל האָבן אָבער קיין אַכט ניט געלייגט אויף דער דאָזיקער וואָרענונג. בכדי זיך אַרויסצומאַכן פון אַ דין־תורה, האָבן זיי דעם גראָדנער קהל אָפּגעשטופּט מיט פוילע תירוצים. אין פינף חדשים אַרום איז אָנגעקומען צו די ווילנער ראשי־הקהל אַ צווייטער התראה־בריוו פון גראָדנע: „עס זעט זיך אָן — באַקלאָגן זיך די גראָדנער 'אלופים', — אַז אייער גאַנצע כוונה איז אָפּצושלעפּן די זאַך אָן אַ סוף און איר ווילט ניט שיקן קיין טוענים. רק תירוצים זוכט איר אויס אָפּצושטופּן פון טאָג צו טאָג, וויבאַלד אַז דער רב אַליין האָט געמאָנט, איר זאָלט אויסקלייבן טוענים ווען איר ווילט, זאָלן זיך שטעלן מיט אים צו משפּט ווער עס איז פון די ראשי־הקהל. דעריבער קומען מיר דאָס לעצטע מאָל מיט דער וואָרענונג. באם איר וועט אויף אונדזערע רייד ניט קוקן, וועלן מיר זיך שטאַרקן צו העלפן דעם רב, ווען ער וועט אַרויסטרעטן קעגן אייך סיי אין יידישן בית־דין סיי אין קריסטלעכן געריכט, און מיר וועלן זען זיך צוצוהערן צו זיינע רייד און אַרויסצוגעבן אַ פּסק־דין הינטער אייערע אויגן, און אַלע הוצאות און הזיקות וועלן פון אייך אויפגעמאָנט ווערן". אין גראָדנע האָט מען משמעות געוואָלט זיך באַוואָרענען, אַז די ווילנער תקיפים זאָלן ניט געפינען פאַרשיידענע אויסריידן, ווי אַ שטייגער אַז עס זיינען שולדיק די שליחים און שמשים, וואָס זיי האָבן ניט איבערגעגעבן דעם בריוו צו דער צייט. דעריבער האָבן די גראָדנער ראשי־הקהל און די רבנים אָנגעזאָגט די שמשים „בחרם לויט די תקנות פון פּנקס־המדינה, אַז זיי זיינען מחויב אָפּצוגעבן דעם כתב אין די הענט צו די רוזנים און צו געבן אַ כתב מיט אַ חתימה דעם גאון".

נאָך דער דאָזיקער התראה האָבן די ווילנער קהלשע תקיפים שוין נאָכגעגעבן און האָבן אַוועקגעשיקט קיין גראָדנע צוויי „טוענים", שמואל ב"ר ברוך און שמואל ב"ר אליעזר, און ראש־חודש טבת תקל"א זיינען זיי געשטאַנען פאַר די „דייני צדק" אין גראָדנע צו אַ דין־תורה.

אין דעם דערמאָנטן פּנקס ווערט איבערגעגעבן באַריכות דער גאַנצער גאַנג פון דער דין־תורה מיט אַלע טענות פון די צוויי צדדים, מיט די גביות־עדות אאַז"וו. מיר ברענגען דאָ דעם תמצית פון דער זאַך.

דער רב האָט געטענהט, אַז די ראשי־הקהל האָבן זיך צונויפגע־רעדט אים צו רודפן און האָבן אים אָנגעטאָן בזיונות און גורם געווען אַ סך הזיקות אין געלט, און ער האָט געוויזן די אַלטע און די נייע כתבים און קאָפּיעס געחתמעט דורך די שמשים און דורכן שרייבער. די טוענים ווידער האָבן געענטפערט, אַז דער רב האָט מיטן גוטן ווילן מסכים געווען אויף די נייע פונקטן און זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע אַלטע פונקטן און זכיות, און האָבן דערויף געוויזן כתבים. דערויף האָט דער רב געטענהט, אַז די כתבים, וואָס די ראשי־הקהל האָבן געשריבן, זיי־נען געשריבן געוואָרן קעגן זיין ווילן, איבער גוואַלד און מיט צוואַנג, די זיבן טובי העיר מיט נאָך אַנדערע באַלעבאַטים האָבן שטילערהייט וועגן דעם זיך צונויפגערעדט. דער רב האָט געבראַכט גביות־עדות צו באַשטעטיקן זיינע רייד.

דער גראָדנער בית־דין האָט געפסקנט, אַז ר' שמואל איז גע־רעכט, און די ווילנער קהלשע תקיפים זיינען אומגערעכט: „... מכוח די טענות פון דעם גאון וועגן דעם היזק, וואָס ער האָט געהאַט, וואָס די ראשי־הקהל האָבן אים נישט געלאָזט זיצן אין די אַסיפות פון די דיינים, פסקענען מיר: אַז פון דעם טאָג ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רדיפה זיינען די ראשי־הקהל מחויב אים צו באַצאָלן פאַר יעדער יאָר, וואָס ער איז ניט געזעסן מיט די דיינים, זעקס הונדערט פוילישע גילדן. און בנוגע די נייע פונקטן און די שבועות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן קעגן דעם גאון, הגם דאָס איז שוין בטל געוואָרן דורכן פסק־דין פון דעם בית־דין פון אונדזער קהילה, נאָר צוליב מער היזק... באַשטעטיקן מיר ווידער יענעם פסק־דין, און איטלעכע פאַרבינדונג און די נייע פונקטן זיינען בטל ומבטל, נאָר די אַלטע פונקטן און כתבים און זכיות, חוץ די דיני ממונות, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן דעם גאון, בעת ער האָט איבערגענומען די רבנות, סיי די כתבים אין יידיש און סיי די כתבים אין פויליש, זיינען גילטיק, עס טאָר פון זיי ניט אָפּפאַלן אַפילו אַ קוצו של יוד. מיר באַשטימען אויך, אַז איטלעכע תקנה פון דער קהילה קעגן דעם גאון, וואָס ווערט געמאַכט נאָכן באַשטימען דעם גאון פאַר אַ רב, איז בטל ומבוטל, און אַפשיטא דאָס, וואָס איז קעגן די אַלטע פונקטן און רעכט, וואָס דער גאון האָט".

אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש זיינען די באַווארעניש, וואָס מיט זיי ענדיקט זיך דער פסק און וואָס פון זיי דערגייען מיר אַגב, ווי שטאַרק די יידישע סוחרים פון ליטע זיינען געווען פאַרבונדן אין זייער האַנדל מיט די פרייסישע שטעט, ווי קעניגסבערג, דאַנציק און אַנדערע:

„און אַלע, וואָס וועלן ניט פאָלגן — פאַרענדיקט דער פסק פון גראָדנער בית־דין — אָפּצוהיטן דעם פסק, האָט דער גאון רשות זיי

צו רודפן, ער אָדער זיין פאַרטרעטער אָדער זיין שליח, ביז וואַנען זיין האַנט גרייכט, סיי לויט יידישע דינים און סיי לויט דינים פון די פעלקער, און אַלע הוצאות אָדער היזקות... וואָס דער גאון וועט האָבן, וועלן פאַלן אויפן יחיד, וואָס פאָלגט ניט, אָדער אויף די יחידים, וואָס פאָלגן ניט, און עס איז בחרם לויטן פנקס המדינות, אַז די ראשי־הקהל זאָלן דעם יחיד ניט געבן קיין שטיצע פון קהל, נאָר דווקא פון אים אַליין וועט דאָס אויפגעמאָנט ווערן... און דער גאון האָט דאָס רעכט... אויפצומאָנען פון דעם ניט פאָלגער און פאַרהאַלטן און סעקוועסטרירן זיין פאַרמעגן סיי אין אונדזער מדינה אויף די ירידים און ניט אויף די ירידים און סיי מחוץ פון אונדזער מדינה אין קיניגסבערג און דאַנציק, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט אַ ריכטיקן שטר־חוב געחתמעט דורכן ניט־פאָלגער". געחתמעט זיינען די דיינים פון גראָדנע צוזאַמען מיטן שטאָטישן רב און אַכט ראשי־הקהל. דעם פסק האָבן באַשטעטיקט אויך די איבעריקע הויפט־קהילות בראש מיט דער בריסקער קהילה.

אָבער ווייזט אויס, אַז עס האָבן זיך געפונען צווישן די ווילנער ראשי־הקהל עקשנים, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן דעם פסק־דין. אַן אָנצוהערעניש דערויף געפינען מיר אין דער התראה, וואָס די סלוצקער קהילה האָט געשיקט קיין ווילנע 7 טעג אין אייר תקל"ב (1772). דאָרט באַקלאָגן זיך די סלוצקער דערויף, וואָס „עס זיינען אויפגעשטאַנען די איבעריקע פון די פירער און האָבן זיך פאַרגונען אויסצושטרעקן אַ האַנט איינצוברעכן און צו שיסן אין דער פינצטער אויף אָרנטלעכע לייט, אויף דעם בכבודיקן רב". דעריבער זאָגן אָן די רבנים און ראשי־הקהל פון סלוצק די ווילנער תקיפים: „מיר באַקרעפטיקן די פסקים פון די פירער פון גראָדנער קהילה און פון זייער בית־דין הן בנוגע די געלטזאַכן און הן אין ענין אָפּגעבן כבוד דעם גאון, עס זאָל ניט געמינערט און פאַרפעלט ווערן אפילו אַ קוצו של יוד פון די אַלטע פונקטין ביים אָננעמען דעם גאון, און מיר זיינען געקומען אַרויסצוזאָגן אַלץ, וואָס מיר האַלטן פאַר ריכטיק דעם גאון, אַז ווער עס איז פון די יידן, די לייט פון דער ווילנער קהילה, וואָס וועט פעלשן קעגן גאון מיט אַ קליינער אָדער גרויסער זאַך צו פאַרמינערן זיין רעכט אין אַ וואָסער עס איז געלט־זאַך אָדער פון דער הכנסה פון גאון אָדער וואָס וועט טראַכטן אַ פאַלשן געדאַנק צו מינערן כאָטש איין פונקט פון די אַלטע פונקטן, — וועט ער זיין אין חרם און אָפּגעשיידט פון אַלע יידישע קהילות, און דער גאון האָט רשות צו רודפן אים מיט גאָר דער האַרבקייט פון צוואַנג לויט דער באַשטימונג פון פנקס המדינות, צו פאַרנעמען זייער אייגנס, דער גאון זאָל מעגן איינמאָנען פון זיי טויזנטער און צענדליקער טויזנטער אָן אַ צאָל און אומעטום,

וואו עס וועט זיך געפינען, אין פרייסן, אין דאַנציק און אין קיניגסבערג און אין ברעסלע, אויף די ירידים און ניט אויף די ירידים, אין איטלע־כער שטאָט, וואו עס גרייכט דעם גאונס רייד לויט אָט דעם כתב אָדער אָן אָפּשריפט פון אים״ 18).

נאָך דער דאָזיקער וואָרענונג איז די מחלוקת איינגעשטילט געוואָרן. די קהלשע תקיפים אין ווילנע האָבן אויף אַ ווײַלע זיך אונ־טערגעגעבן דעם פסק פון גראָדנער בית־דין. אָבער די רואיקע צייט פאַר ר׳ שמואלן האָט ניט לאַנג געדויערט.

.4

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט, און דער קריג האָט זיך אויפסניי צעפלאַקערט, ביז מען איז אין יאָר תקל״ז (1777) געקומען צו אַ **פשרה**, און 12 טעג אין ניסן האָבן די ראשי־הקהל איינגעלייגט ביי ר׳ שמואלס איידעם, דעם גביר יוסף בן אליה פעסעלעס 19), „אַ שטר־חוב גע־חתמעט דורך דער האַנט פון דעם גאון מהו״ר שמואל אב״ד און ראש־ישיבה אויף דער סומע פון טויזנט רויטע רענדלעך״. און דער שטר־חוב האָט געדאַרפט זיין איינגעלייגט ביי יוסף פעסעלעסן „אויף דעם אופן: כל זמן עס וועט ניט אויפגעקלערט ווערן, אַז דער גאון און זיי־נע פאַרטרעטער האָבן עובר געווען און אָנגעהויבן מיט מעשים צו צעשטערן דעם אָפּמאַך, וואָס איז געמאַכט געוואָרן צווישן דעם גאון און די ראשי־הקהל... דאַרף דער שטר־חוב אין גאַנצן ניט איינגעמאַנט ווערן״. און עס איז בפירוש אויסגענומען געוואָרן, אַז אויב איינער פון די צדדים וועט עובר זיין אויפן פשר, „דעמאָלט זאָל מען פסקענען לויטן דין־תורה״ און מען זאָל אויסקלייבן צו זיצן ביי דעם דין־תורה נאָר דיינים פון ווילנע און ניט פון קיין אַנדער שטאָט, „און ווי זיי וועלן זאָגן, אַזוי זאָל זיין גילטיק״.

פון אונדזער פּנקס זיינען די פרטים פון דעם אויסגלייך צווישן די צוויי צדדים ניט קלאָר 20). אָבער אויך דער אויסגלייך האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ר׳ שמואל זיך ווידער גע־ווענדט צו די הויפּט־קהילות, זיי זאָלן משפטן צווישן אים און זיינע קעגנער, און אויך דאָס מאָל זיינען אים די קהילות אַנטקעגנגעקומען. די סלוצקער קהילה האָט געפאָדערט פון דער ווילנער ראש־הקהל, זיי זאָלן זיך צואיילן און שיקן „טוענים״ קיין סלוצק, כדי צו קומען צו אַ גמר אין דעם דין־תורה מיטן רב. אָבער די ווילנער ראשי־הקהל האָבן זיך לחלוטין ניט געאיילט און האָבן גאָרנישט ניט געענטפערט, אַפילו נאָך דעם ווי זיי האָבן געקראָגן אַ צווייטן בריוו. דעמאָלט זיינען די

סלוצקער ראשי־הקהל אין כעס געוואָרן אויף די ווילנער, ווייל זיי האָבן איינגעזען אין זייער שווייגן אַ פחיתת־הכבוד פאַר זיך, און האָבן אין חודש אָב תקמ״ב (1782) אָפּגעשיקט צו די ראשי־הקהל אין ווילנע אַ שטרענגע התראה, אַז אויב זיי וועלן אין משך פון צוויי וואָכן ניט צושיקן קיין „טוענים״, וועלן זיי לויט די תקנות פון דעם פּנקס המדינות אַרויסגעבן דעם רב אין דער האַנט אַ פּסק־דין, וואָס וועט זיין גילטיק סיי לויטן יידישן און סיי לויטן ניט־יידישן געזעץ.

די ווילנער ראשי־הקהל האָבן אויף די דאָזיקע התראה פאַרשוויגן, זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר זייערס, אַז דער רב מוז זיין אונטערטעניק די ראשי־הקהל, און זיי זאָלן קאָנען שאַלטעווען איבערן פאָלק לויט זייער אייגענעם ווילן. היות אָבער ווי די הויפּט־קהילות האָבן זיך פאַר־רופן אויף די תקנות פון דעם פּנקס־המדינות, דעריבער האָבן זיי באַ־שלאָסן צו דערקלערן, אַז די דאָזיקע תקנות זיינען פאַר זיי ניט גילטיק. אַ גאַנץ יאָר איז פאַרביי, זינט עס איז געשיקט געוואָרן די לעצטע התראה פון סלוצק, און ערשט דעמאָלט האָבן די ווילנער ראשי־הקהל געענטפערט: „אַז אין דעם בייזיין פון אַלע אלופים ורוזנים אין קהל־שטיבל איז אויף דער זיצונג באַשלאָסן געוואָרן צו ענטפערן די רוזנים פון סלוצקער קהילה אויף דער דערמאָנטער התראה, אַז עס איז אויפ־געקלערט, אַז דער דין פון די רבנים איז אַנדערש ווי ביי אַנדערע פון פאָלק, וואָס קאָנען זיך אויסקלייבן איינע פון די הויפּט־קהילות. מיר האָבן געזוכט אין אַלע פּנקסים און מיר האָבן אין ערגעץ ניט געפונען אַזאַ תקנה. עס קאָן זיין, אַז די דאָזיקע תקנה איז געמאַכט געוואָרן אין דער אַסיפה פון וועד אין סלוצק, און דאָס איז אַלעמען באַוואוסט, אַז די תקנות פון דעם דאָזיקן וועד זיינען ניט באַשטעטיקט געוואָרן. אין אונדזער מדינה באַשטעטיקט מען ניט קיין שום תקנה, וויבאַלד מיר קאָנען אויפקלערן, אַז די תקנות פון וועד זיינען בטל גע־וואָרן״. דערצו זיינען די ראשי־הקהל מוסיף: בעת דעם אויס־גלייך מיטן גאון איז פוןביידע צדדים באַשלאָסן געוואָרן „צו משפּטן זיך דווקא פאַר די דיינים פון אונדזער קהילה״, און איצטער זיינען שוין אויסגעקליבן בוררים פון ביידע צדדים, „און די צדדים האָבן שוין אַרויסגעשטעלט זייערע טענות, ווי מיר קאָנען אַלצדינג אויפקלערן״.

און די תקיפים האָבן טאַקע אָפּגענאַרט דעם רב. זיי האָבן זייער שנאה אויסבאַהאַלטן פון אים, האָבן געלאָזט אים אָנזאָגן, אַז זיי ווילן מיט אים דורכקומען מיט גוטן. און אום ווינטער תקמ״ד האָט דער

רב זיך ווידער אויסגעגלייכט מיט די ראשי־הקהל, און מען איז דורכ־געקומען, אַז „איינער אויפן אַנדערן האָט ניט קיין שום טענה ומענה" און אַז „זיי זיינען מחויב אומצוקערן אַלע כתבים, און די גביות־עדות, וואָס איינער האָט אויפן צווייטן ביזן היינטיקן ווינטער, ווערן אַלע בטל ווי אַ צעבראָכן שערבל", און אַז „זיי האָבן מוחל געווען איינער דעם אַנדערן אַלע תביעות מיטן גוטן ווילן מיט אַ פולער מחילה".

אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן די קהלשע תקיפים, בראָש מיט פרץ ב"ר אברהם, משה ב"ר יוסף סלוצקער, יהודה וועליס און ר' אַבעלע ב"ר זאב, זיך געגרייט אָפּצורעכענען זיך מיט זייער געגע־נער און אים אַראָפּצוזעצן פון דעם כסא־הרבנות.

די מיאוסע גענג, וואָס די קהלשע תקיפים האָבן אויסגענוצט כדי צו קומען צו זייער ציל, ווייזן אונדז אַ שוידערלעך בילד פון דער גאַנצער שמוץ, וואָס דאָס קהל־שטיבל איז געווען אין איר פּאַרזונקען. זיי האָבן אויסגעשמידט אַ גאַנצע אינטריגע, אונטערגעשטעלט קעגן רב פאַלשע עדות, וואָס זאָלן זאָגן, אַז ער איז ניט אָפּגעהיט אין דינים, אַז ער איז אַ פאַרשטעלטער, אַ שיכור, אַז ער נעמט שוחד און איז ניט ראוי צו זיין קיין רב.

איינער פון די דאָזיקע עדות האָט אויסגעזאָגט: „דער רב פירט זיך ווי אַ קל, שמועסט בעתן דאַוונען פאַר ברכו און אויך נאָך ברכו. שמיני־עצרת רייסט מען אַראָפּ פון דעם סכך פון דער סוכה כדי אויסצושפרייטן אין שטוב. מען פאַרדעקט די סוכה מיט דאַכעוועס. אַלע שבת לעשט אָן ערל אויס די ליכט". אַ צווייטער עדות האָט געזאָגט, אַז בעת זשעז־מערער יידן זיינען געקומען פאַר די דיינים צוזאַמען מיטן רב בעטן, מען זאָל פון זיי אַראָפּנעמען דעם חרם, ביז מען וועט דאָ ניט אַוועק־לייגן הונדערט רובל, היינו פופציק רובל פאַר אים און פופציק רובל פאַר די דיינים". און אַ דריטער איז געקומען און האָט צוגעגעבן: איט־לעכס מאָל פאַר אַ דין־תורה קומט איינער פון די בעלי־דין צום רב, און דער בעל־דין לייגט אויס די טענות פאַר אים, און דער רב פאַר־זיכערט אים: איך וועל אַלצדינג משנה זיין, איך נעם אַלץ אויף זיך". און ווידער איז געקומען איינער „און האָט עדות געזאָגט, אַז ער (דער רב) פירט זיך אויף בכלל ניט אָרנטלעך ביי דין־תורות און נעמט געלט"... נאָך אַן עדות האָט עדות געזאָגט: „אַז יעדער מאָל, ווען איך בין געקומען צו אים, האָב איך ניט געזען אים לערנענדיק וואָסער עס איז ספר". ווידער איינער איז געקומען און האָט געזאָגט, אַז ער האָט געזען פיל מאָל, אַז ווען די דיינים זעצן זיך אַוועק משפטן, שמועסט ער מיט איינעם פון די בעלי־דינים, און בשעת דער פאַרהאַנדלונג מיט די דיינים האַלט ער שטענדיק מיט דעם בעל־דין, וואָס ער האָט מיט

אים פריער גערעדט. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן עדות געזאָגט, „אַז וויפיל מאָל ער איז געזעסן מיט די דיינים אין אַ דין־תורה, איז ער געווען מבוסם", דאָס מיינט אויסגעטרונקען, און אַז אין דער צייט ווען מען האָט פאַרהאַנדלט ביים דין־תורה, איז ער אַוועקגעגאַנגען אין „קאַנטאָר" טרינקען, און עס שמעקט פון אים בראַנפן. „און אַ סך דיינים האָבן געזאָגט, אַז זיי קאָנען ניט אַריבערטראָגן דעם ריח פון בראַנפן", „און איין מאָל האָט געטראָפן, אַז ער איז געווען שיכור בעת אַ דין־תורה", אאַז"וו אאַז"וו.

אַלע די דאָזיקע עדות האָבן זיך צונויפגעקליבן אין קהל־שטיבל און האָבן עדות געזאָגט פאַר די דיינים. „מאָנטאָג י"ג שבט תקמ"ה — דערציילט דער פנקס — האָבן די ראשי־הקהל זיך צונויפגערעדט צו־נויפקלייבן אַלע דיינים אין קהל־שטיבל, קיינער זאָל ניט פעלן, און אַז אַלע וועלן קומען, זאָל מען אַרויסנעמען אַ ספר־תורה פון אָרון און מען זאָל אַרויפלייגן אַ חרם אויף יעדן איינעם פון זיי, וואָס וויס עפּעס וועגן גאון, ער זאָל אויסזאָגן און קיין זאַך ניט פאַרלייקענען, און יעדער איינער פון זיי, וואָס וועט ניט געדענקען אויף קלאָר אין דער זיצונג, איז מחויב צו זאָגן שפּעטער, ווען ער וועט זיך דערמאָנען. און דערנאָך האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע דיינים און מען האָט אַרויסגע־מען אַ ספר־תורה און עס איז אויסגערופן געוואָרן דער גרויסער חרם, ווי דערמאָנט, און עס איז צוגענומען געוואָרן פון זיי די עדות. און דערנאָך האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן נאָך אַ מאָל און האָבן גענומען אויף זיך מיט אַ חרם, אַז אויב עמעצער וועט זיך דערמאָנען עפּעס אַן עדות, זאָל ער קומען נאָך אַ מאָל אויסצוזאָגן".

נאָך איידער די תקיפים האָבן אויסגעפירט זייער פּלאַן, האָבן זיי זיך צונויפגעקליבן בשתיקה און האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז זיי אַלע טראָגן צוזאַמען די אַחריות פאַר דער זאַך און זיינען ערב איינער פאַרן צווייטן, דאָס האָט ביי זיי געהייסן „חטאת־הקהל" 21). וואָס דאָס איז אַזוינס אַ „חטאת־הקהל", ווערט אונדז קלאָר פון דעם, וואָס איז פאַרשריבן אין פנקס:

„עס איז מוסכם געוואָרן צווישן די אלופים ממלא צו זיין מיט נאָך 19 מענטשן, און צווישן זיי זיינען געווען צוועלף מענטשן כשרע שטי־מען לויט די תקנות, אַז אויב עס וועט אויסקומען ח"ו עפּעס אַ רעה אַפילו אין אַ לאַנגער צייט אַרום פאַר איינעם פון די ראָשים ומנהיגים פון דעם יאָר אָדער פון איינעם פון די דיינים פון דעם יאָר און פאַר דעם רבני דעם שטאָט־שרייבער און פאַרן סופר פון די דיינים און פאַר די קהלשע שמשים און פאַר די בית־דין־שמשים און פאַר דעם רבני

דעם שתדלן און פאַר דעם רב דעם מורה־צדק און אויך פאַר איינעם פון די אַכט מענטשן, וואָס זיינען אויסגערעכנט אונטן, וואָס זיינען געזעסן אין דער דאָזיקער מסיבה פון וועגן דעם רב פון אונדזער קהילה אין דעם באַוואוסטן ענין, — אַזוי איז דאָס אַ חטאת הקהל, און אויך באם עס זאָל אויסקומען אַ רעה, ווי דערמאַנט, פאַר איינעם פון די עדות, וואָס האָבן עדות געזאָגט קעגן דעם רב, און אויך פאַר די, וואָס ווילן נאָך להבא עדות זאָגן, און אויך פאַר די, וואָס האָבן אָנגענומען די עדות און ווילן להבא אויפנעמען די עדות, זיי גייען אויך אַריין אין כלל פון חטאת הקהל, עס זאָל זיי ניט טרעפן קיין רעה, ווי דערמאַנט. און דער חטאת־הקהל זאָל זיין אויף אַזאַ אופן: באם עס וועט אַרויס־קומען אַ רעה פאַר איינעם פון אַלע אויבן דערמאַנטע, דעמאָלט איז ווי־באַלד אַז ביי דעם נרדף וועט זיין אַ פסק פון אַ דיין, אַז די דאָזיקע רעה איז ניט מחמת דעם, וואָס ער איז געזעסן אין דער דערמאַנטער מסיבה און מחמת דער עדות אָדער מחמת די אויפנעמען פון דעם עדות, נאָר עס וועט זיין לויטן איינזען פון בית־דין, לויטן אָפּשאַץ פון דיין, אַז די דאָזיקע עלילה איז, מחמת ער איז געווען פאַרמישט אין די ענינים פון רב מכוח דער באַוואוסטער זאַך — דעמאָלט איז נאָך דעם ווי דער מענטש וועט שווערן, וויפיל ער האָט דערויף אויסגעגעבן, איז דער רבני דער שרייבער מחויב אויסצושרייבן אַ כתב־הלוואה לויט דער סומע, וואָס דער מענטש וועט שווערן, און די שמשים זאָלן חתמען, און עס זאָל אויפגעמאַנט ווערן פון דער קהל־שער קאַסע, ווי אַלע כתבי־הלוואות מיט אַלע באַוואָרענישן"...

און אין דעם זעלביקן טאָג, ווען די קהלשע תקיפים האָבן זיך צונויפגערעדט מיט זייערע אָנהענגער מכוח דעם „חטאת הקהל", האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל די שמשים „אויסצורופן אין די שולן און בתי־מדרשים, אַז ווער עס גייט אַריין אין דער אַסיפה פון די רח"ש, זאָל קומען מאָרגן באַלד נאָכן גיין פון שול אין קהל־שטיבל, און ווער עס וועט ניט קומען, ווערט אַריינגעלייגט אין חרם, דהיינו אַז נאָך דעם ווי מען וועט אים אָנזאָגן דורך אַ משרת, און ער וועט ניט קומען, ווערט ער אַריינגעצויגן אין חרם. און ווער עס וועט קומען אין קהל־שטיבל און וועט ווילן שטערן און וועט ניט דערלאָזן אָפּשטימען, דע־מאָלט איז דער מענטש אין חרם, און דער רבני דער שרייבער וועט אים אַריינשרייבן אין שוואַרצן פנקס, און מען וועט תיכף אַרויסוואַרפן זיין צעטל פון דער קלפי און מען וועט אַרויסגעבן אויף אים אַ כתב־חוב לויטן דין פון הפקר־בית־דין, ווערליק עס איז באַשטימט דורך די רוזנים דורך צופעסטיקן די נחלאות, און זיין פאַרמעגן איז הפקר,

און ער מוז געבן צינז צו דער קאַסע פון דוכס, און איטלעכער מענטש האָט רשות אים צו מסרן״.

צוליב וואָס ווערט אָט די אַסיפה גערופן, וואָס איז אַזוינס דער איינציקער ענין — דאָס האָבן די ראשי־הקהל מיט אַ כיוון ניט אויס־געזאָגט. דער גאַנצער גאַנג פון דער אַסיפה, דער אויפפיר פון די ראשי־הקהל און פון זייער גאַנצער כנופיא איז ממש אַ קייט פון פעלשונג און שקר, פון חוצפה און גוואַלד. שפּעטער האָט וועגן די אַלע מעשים גע־האַנדלט אַ בית־דין פון דריי רבנים — וועגן דעם וועט נאָך זיין די רייד ווייטער — און אָט וואָס ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער אַסיפה:

„פלוצים אין מיטן דרינען האָט מען געלאָזט אויסרופן אונטער אַ חרם אין דער היגער שול אין דער פרי, אַז באַלד נאָכן דאַווענען און נישט שפּעטער פון דעם זעלביקן טאָג דווקא זאָלן קומען אַלע מיט־גלידער פון דער אַסיפה פון רח״ש אין קהל־שטיבל אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג וועגן דעם, וואָס עס וועלן ביי זיי פרעגן די אויסגעקליבענע פון קהל, און זיי האָבן ניט געלאָזט וויסן, צוליב וואָס מען קלייבט זיך צונויף, ווי מען איז זיך נוהג אין דער היגער קהילה, אַז מען רופט אויס וועגן וואָס מען וועט פרעגן, בכדי יעדער איינער זאָל אַרויסזאָגן זיין באַטראַכטע מיינונג, און ניט ראַפּטום מיט אַמאָל, און בפרט וועגן אַזאַ גרויסן ענין, וואָס איז נוגע געלט און בלוט... און בפרט וועגן אַזאַ ענין, וואָס די רודפים האָבן אויסגעקלערט שלעכטע פּלענער טעג און נעכט, ווי אַזוי זיי זאָלן פאַנגען מענטשן, וואָס ווייסן גאָר ניט וועגן זייערע שלעכטע מעשים און מחשבות. און די וואָס דער קהל האָט אויס־געקליבן זיינען געווען דריי מענטשן... צוויי פון די אויסגעקליבענע זיינען נאָענטע קרובים — וואָס זיינען לויט דער תורה פסול — מיטן מסור, וואָס האָט געמסרט... דעם דוכס יר״ה אויפן רב, און דאָרט זיינען געווען אויסגערעדט חירופים וגידופים און בזיונות אויפן רב, וואָס עס איז געווען אַ חילול־השם, און אויך דער כבוד פון די וואָס פירן דעם דין־תורה איז פאַרמיאוסט געוואָרן, און דער דריטער פון די אויס־געקליבענע איז אַ פסול על פי תורה פון דעם מנהיג, וואָס רודפט דעם רב, און ממילא איז צו פאַרשטיין, אַז די כוונה און דער ווילן פון די אויסגעקליבענע, וואָס זיינען קרובים מיט די רודפים, איז צו טאָן דאָס, וואָס זייערע קרובים פאַרלאַנגען... און די שנאה האָט געבראַכט דער־צו, אַז זיי האָבן אָנגעשריבן אַ נוסח צו ווייזן פאַר די אַסיפה־לייט אַזעלכן, וואָס מען באַדאַרף אויף אים קריעה רייסן, אַזוי ווי דער רב וואָלט ח״ו געהאַט עובר געווען אויף עבירות פון דער תורה. און בפרט אַז אַ סך מענטשן פון די פאַרזאַמלטע האָבן געטענהט: ווייזט אונדז נאָר

די גבית־עדות, אפשר וועלן מיר געפינען עפעס אַ זכות. און מיר וועלן זען און מיר וועלן זיך מיישב זיין, צי זיי זיינען געמאַכט לויטן יידישן דין, און זיי האָבן אויך געפרעגט, צי זיינען די גבית־עדות גע־מאַכט געוואָרן פאַר אים אין די אויגן, און וואָסערע דיינים האָבן די גבית־עדות קעגן אים אָנגענומען, און מען האָט זיי גאָרנישט ניט געוויזן. און דער ענטפער פון די דערמאָנטע אויסגעקליבענע איז גע־ווען: אויף אונדז איז אַרויפגעלייגט צו פרעגן ביי יעדן איינעם זיין מיינונג וועגן יאָ אָדער ניין, און ניט אַז יעדער איינער זאָל פרעגן דעם טעם, פאַרוואָס און ווי אַזוי און וואָס איז דער ענין. און פאַרקערט, די אויסגעקליבענע האָבן איינגערעדט די פאַרזאַמלטע און צוגעוואוּנ־קען זיי, זיי זאָלן זאָגן ניין. און אַ ספר־תורה איז געלעגן פאַר די אויס־געקליבענע, ווער עס האָט געזאָגט אויפן רב יאָ, האָט געמוזט שווערן, אַז ער זאָגט אַרויס זיין מיינונג לשם שמים, און ווער עס האָט געזאָגט זיין מיינונג ניין, האָט ניט באַדאַרפט שווערן, און הגם אַ סך פון די פאַר־זאַמלטע האָבן געשריען: זאָל געמאַכט ווערן אַ דין־תורה, צי עס איז גערעכט אַזוי צו טאָן, האָט מען דערויף ניט געקוקט און מען האָט אָפּגעשטופּט די וואָס בעטן אַ דין־תורה".

מיר ברענגען דאָ די שילדערונג פון דער אַסיפה מיט די ווערטער פון עד־ראיה אין יידיש, אַרויסגענומען פון אונדזער פנקס:

„מען האָט איין כרוז געטאָן בבה"כ (בבית הכנסת) בידיעת אַלופי הקהל... בחרם אַז ווער עס וועט אַרוש מבה"כ לביתו גיין דער איז מוחרם ומנודה. רק איטלכער מוז גיין גלייך מבה"כ לבית הקהל זיין דעה זאָגין אויף הרב הגאון הן או לאו. אַזוא בין איך גיגאַנגין לבית הקהל האָב איך אַן גיטראָפין הנבחרים מהקהל דהיינו ר' משה פאייס הסופר דמתא ור' דוד מץ ר' חיים שמש. וספר תורה היה מונח אַז ווער עש וועט זאָגין הן על הרב זאָל שווערין אַז ער זאָגט לשם שמים און ווער עש וועט זאָגין לאו זיין דער בדאַרף ניט צו שווערין. אַזוא האָב אַנגיטראָפין פיל לייט שם, אַזוא האָבין מיר אַן גיהייבין צו שרייאַן וואָס טוט איר דאָ, איר ווילט מחריב זיין די קהילה בחנם בלא דבר? אַזוא האָט ר' משה הסופר הנ"ל הנבחר זיך אַן גירופין: איך האָב איין אורדינעץ מהדוכס יר"ה, ווער עש וועט דער קייגין מסרב זיין מוז געבין אלף אדומים קנס על הדוכס יר"ה. אַזוא האָב איך זיך מיישב בלבי גיוועזין מחמת הפחד של אלף אדומים הנ"ל ומחמת הפחד מהדוכס יר"ה ומחמת שלא אשבע שאסור לישבע אפ"י בחנם, האָב גיזאָגט לאו על הרב".

ביי אַזאַ מין סדר איז קיין חידוש ניט, וואָס דער באַשלוס פון דער אַסיפה איז אויסגעקומען פונקט אַזעלכער, ווי די תקיפים האָבן געוואָלט: אַז לויטן דין איז דער רב ר' שמואל ניט ראוי צו זיין קיין

רב. די החלטה איז פֿאַרשריבן געוואָרן און אונטערגעחתמעט האָבן זי די דריי אויסגעקליבענע: משה דער שטאָט־שרייבער, דוד מ״ץ און חיים דער שמש.

און אויף צו מאָרגנס האָבן די „אלופים ורוזנים״ אַריינגעשיקט צום רב אַזאַ מין התראה: „היות ווי די רוזנים האָבן אַ סך גביות־עדות אויפֿן רב דעם גאון, און עס איז שוין פֿירגעבראַכט געוואָרן אַ טייל פֿון די זאַכן, וואָס זיינען אויסגערעכנט אין די גביות־עדות, פֿאַר דער גאַנצער אַסיפה פֿון די רח״ש, און פֿון דער אַסיפה איז שוין אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ געוויסע החלטה, שיקן היינט די רוזנים צוויי שמשים צום רב, ער זאָל תיכף קומען אַליין אין קהל־שטיבל, מחמת די אַלופֿי־הקהל ווילן זיך אויסטענהן מכוח די גביות עדות, וואָס זיי האָבן אויף אים, און באם ער האָט עפּעס צו ענטפֿערן, זאָל ער קומען דווקא אַליין אין קהל־שטיבל, און אויב ער וועט ניט קומען, וועלן זיי זיין געצוואונגען צו משפּטן אים אונטער די אויגן״.

וועגן באַזוך פֿון די שמשים ביים רב דערציילט איינער, וואָס איז דערביי געווען, אָט וואָס (אין יידיש):

„איך בין גיוועזן בבית הרב הגאון... אַזוי זענען געקומען שני שמשים מקהל... צו גיין, דהיינו ר׳ מרדכי שמש ור׳ איצק שמש, להרב הגאון און האָבין גיזאָגט להרב הגאון הנ״ל בזה״ל: מיר זענין גישיקט גיוואָרין מקהל איר זאָלט גיין לבית הקהל לפני הקהל זיי זאָלין אייך משפּטן. האָט הרב הגאון משיב גיוועזין: זיא האָבין מיך שוין אַמאָל גימשפּט: אָבער ווען זי האָבין איין אורדינעץ מהאדה״ג הדוכס יר״ה אַז זי זאָלען מיך משפּטן אַזוי וועל איך גיין למשפּט און וועל נעמען אַנפּילאַטציאָן להדוכס יר״ה; און ווען ניט, האָב איך איין קהלה וואָס זי זאָל מיך משפּטן כפי תיקון המדינה. אַזוי האָט גיזאָגט הרב הגאון לשמשים הקהל הנ״ל: איך בין אויף אייך גוזר בחרם, איר זאָלט מתרה זיין לקהל אַז זיא זאָלען מיט מיר שטיין לאיזה קהלה. וואָס זי האָבין צו מיר, וועט די קהלה משפּטן. אַזוי האָבין השמשים הנ״ל משיב גיוועזין: מען האָט אונז אָן גיזאָגט מקהל אַז מיר זאָלין פֿון אייך קיין תשובה צו האָרכין, און ווען איר וועט ניט גיין לקהל צו משפּט וועט מען אייך משפּטן שלא בפניו. האָט הרב הגאון משיב גיוועזין צו זי: איר זאָלט גידענקין אַז איך זאָג אייך בחרם און איר זאָלט זיי מתרה זיין אַז זיא זאָלין מיט מיר שטיין לאיזה קהלה כפי תיקון פּנקס המדינה״.

דערויף האָבן די ראשי־הקהל נאָך אַמאָל געשיקט די שמשים צום רב מיט דער פֿאָדערונג, ער זאָל קומען פֿאַר זיי זיך משפּטן. און ווידער אַמאָל זיינען די שמשים געקומען צוריק מיט אַן ענטפֿער: מיר האָבן געטאָן אונדזער שליחות, זיינען באַלד אַוועק צום רב און האָבן

אים מתרה געווען, אָבער ער האָט אין קהל־שטיבל אַריין ניט געוואָלט קומען; מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מען וועט אים משפטן אונטער די אויגן, און פאַרט האָט ער אין קהל־שטיבל אַריין ניט געוואָלט קומען.

זונטאָג כ״ו שבט תקמ״ה (1785) האָבן די ראשי־הקהל געשיקט דריי שמשים צום רב, אים אָנצוזאָגן, אַז ער איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון כסא־הרבנות, און אַז פון היינט אָן און ווייטער איז ער אויס ווילנער רב. פון די דריי שמשים איז געבליבן אַ גבית־עדות אין יידיש וועגן דעם, ווי אַזוי זיי האָבן אויסגעפירט זייער שליחות, און די גבית־עדות לייענט זיך אַזוי:

„איך בין גיוועזין ביום א׳ כ״ו שבט תקמ״ה בבית הרב הגאון אב״ד, אַזוא זענין געקומין לפני שלשה שמשים מאלופי הקהל דקהלתנו, ר׳ חיים שמש ור׳ מרדכי שמש זר׳ איציק שמש. אַזוא האָט זיא הרב הגאון גיפרעגט: וואָס בדארפט איר? האָט ר׳ מרדכי שמש גיזאָגט: לא טובה השמועה. ור׳ חיים שמש האָט גיזאָגט להרב: אין משיבין על הקלקלה, האָט הרב זיא גיפרעגט: וואָס מיינט איר דערמיט? האָבען זיא משיב גיוועזין: מיר זענין גישיקט צו אייך גיוואָרן מאלופי הקהל, מיר זאָלין אייך אָפּ זאָגין מרבנות דפה ק״ק ווילנא מהיום; מיר זענין שמשים, מיר מוזן פאָלגין וואָס זיא הייסין. איר זאָלט אוף אונז נישט פאַריבעל האָבין. האָט הרב הגאון הנ״ל גיזאָגט להשמשים הנ״ל: איר זאָלט זיא, דהיינו לקהל, זאָגין איין תשובה: ווען זי זאָגין מיר אָפּ דאָס רבנות, בין איך דאָך איין רב אב״ד דווילנא מחמת הקאָנסיס שיש לי מהאדון הגדול הדוכס יר״ה. אַזוא האָבין השלשה שמשים הנ״ל משיב גיוועזין: מען האָט אָן געזאָגט מקהל בחרם, מיר זאָלין אייך נישט האָרכין קיין תשובה, רק מיר זענין געשיקט גיוואָרין מקהל צו אייך אָפּ צו זאָגין דאָס רבנות דפה מהיום און מתחלה ועד סוף״.

דעם זעלביקן טאָג האָבן די ראשי־הקהל צוזאַמען מיט דריי דיינים אָנגעשריבן און געחתמעט דעם פסק וועגן דעם, אַז דער רב ווערט אַראָפּגעזעצט פון דער רבנות. דעם פסק האָט מען איבערגעזעצט אין פויליש, בכדי אים אָוועקצושיקן צום ווילנער וואָיעוואָדע, דאָס איז געווען דער פירשט קאַראָל ראַדזיוויל, וואָס האָט באַדאַרפט באַשטעטיקן די החלטה פון קהל *).

5.

אָבער אויך דער רב ר׳ שמואל האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דער טיראַניע פון די קהלשע תקיפים **). ער האָט זיך משתדל געווען פאַרן דוכס דעם וואָיעוואָדע און האָט געבעטן, ער זאָל אים דערלויבן אַריינצוטראָגן זיין משפט מיט די מנהיגים פון קהל, פאַר „די גערעכטע

דיינים און אויך די גערעכטע מנהיגים פון דער סלוצקער קהילה און פון דעם רב דעם גאון, זייער אב־בית־דין". הגם די ראשי־הקהל האָבן אים געשטערט דעריין, דאָך איז ר׳ שמואלן געראָטן צוצופאָרן קיין סלוצק, און פון דאָרט האָבן די דיינים און פרנסים געשיקט אַ התראה צו די ווילנער ראשי־הקהל, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן פאַר זיי צו אַ דין־תורה מיטן רב, „ווי דאָס דאַרף זיין לויטן דין און לויט די תקנות פון דער הנהגה פון דער־מדינה און די איבעריקע זכיות, וואָס עס האָט דער רב דער גאון".

אין דערזעלביקער צייט האָבן איניקע פערזאָנען פון ווילנער קהילה אַוועקגעשיקט אין די הויפּט־קהילות פינסק, בריסק און סלוצק פּראָטעסט־בריוו, וואו זיי בעטן ביי די קהילות, מען זאָל זיי געבן אַ „דין־תורה מיט די רודפים מכוח דעם געלט, וואָס מען גיט אויס אויף אַ מחלוקת, וואָס איז ניט לשם שמים", און מען פּטרט אַוועק יידיש געלט צווישן ערלים, „און אויב זיי האָבן עפּעס אַן עוולה אויפן רב דעם גאון, זאָלן זיי ברענגען זייער משפט פאַר אַ דין־תורה לויט די תקנות פון דער הנהגת־המדינות".

אָבער די ווילנער ראשי־הקהל האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די התראות און האָבן ניט געאַכט אויף די אָנקלאָג־בריוו. בכדי אויסצו־פירן זייער פאַרלאַנג, האָבן זיי זיך ניט אָפּגעשטעלט פון צעשטערן דעם פונדאַמענט, וואָס אויף אים האָט זיך אָנגעשפּאַרט די גאַנצע יידישע אויטאָנאָמיע, — דעם יידישן בית־דין, וואָס ער האָט געמשפּט אין סיכסוכים און קריגערייען צווישן יידן. זיי האָבן געוואוסט, אַז אין אַ יידישן בית־דין קאָנען זיי ניט געווינען, דעריבער האָבן זיי געוואָלט זיך ווענדן בעסער צום געריכט פון וואָיעוואָדע. אין דעם הויף פון וואָיעוואָדע האָבן די קהלשע תקיפים געהאַט אַ צד, און דורך אונטער־קויפן דעם פירשטס באַאַמטע *) האָבן זיי זיך געמיט אויסצופועלן אַ רעסקריפּט פון וואָיעוואָדע, אַז עס זאָל באַשטימט ווערן אַ „סקאַרבאָווע קאָמיסיע", און פאַר איר משפט זאָלן זיך שטעלן דער רב און די ראשי־הקהל, און ווי די קאָמיסיע וועט באַשטימען, אַזוי זאָל זיין. „זאָלן מיר אַפילו דאַרפן באַצאָלן טויזנט גילדענע רענדלעך — האָט געטענהט איינער פון די קהלשע תקיפים, ר׳ אָבעלע בר׳ זאב — מוז די קאָמיסיע זיין". אָבער די קהלס־לייט האָבן נאָך דערמיט אויך זיך ניט צופרידנ־געשטעלט; זיי האָבן געוואָלט, אַז פון איצט און ווייטער זאָל זיי באַזונ־דערס געגעבן ווערן רשות אויסצוקלייבן אַ שטאָט־רב וועמען זיי ווילן, און ניט אויף זיין גאַנצן לעבן, נייערט נאָר אויף דער צייט, וואָס זיי וועלן באַשטימען, און זיי זאָלן אין דעם פּרט ניט דאַרפן אָנקומען צו דער באַשטעטיקונג פון דער רעגירונג.

פיר טעג אין אדר תקמ״ה האָבן די ראשי־הקהל אויסגעקליבן דריי מענטשן פון זייער צד, „זיי זאָלן פאָרן צום האַר דעם דוכט ירום הודו אין די הצטרכותן פון אונדזער קהילה, און זייער מאַכט זאָל זיין ווי די מאַכט פון די זיבן טובי־העיר. און נאָך דעם, ווי זיי ווילן מיט גאָטס הילף אויספירן, — אויסצופועלן אַ באַשטעטיקונג פון דעם דוכס יר״ה אויף דעם, וואָס עס האָבן באַשטימט די פאַרזאַמלטע און די מנהיגים פון קהל קעגן דעם גאון, דעמאָלט זיין פאַרבאָטן די דאָזיקע אויסגעקלי־בענע אויסצופועלן אַזאַ קאָנסעס (קאָנסענס) פון דוכס צו באַשטימען אַ שטאָט־רב, וואָס זאָל זיין אויסגעשריבן אויף אַ נאָמען פון אַ וואָסער עס איז מענטש, סיי פון די איינוואוינער פון אונדזער קהילה און סיי פון אַן אַנדער אָרט, בשום ענין ואופן אין דער וועלט; נאָר זיי דאַרפן פועלן, אַז דער קאָנסעס זאָל אויסגעשריבן ווערן אויפן נאָמען פון די מנהיגים און די מיטגלידער פון דער אַסיפה, זיי זאָלן אויסקלייבן לויט זייער ווילן דעם, ווער עס וועט זיין פאַסיק אין זייערע אויגן. און אַז זיי וועלן אי״ה קומען צוריק בשלום, דעמאָלט וועט עס וועט באַפוילן כּאַטשבי איין מנהיג פונם ריינעם טיש פון דעם יאָר צונויפצורופן אַן אַסיפה, דעמאָלט זיינען די שמשים מחויב צונויפצורופן אַן אַסיפה און צו פרעגן ביי דער אַסיפה נאָר דריי פונקטן: א) אַז מען זאָל ניט באַשטימען פאַר אַ גאון אין אונדזער קהילה קיין שום מענטשן פון די איינוואוינער פון אונדזער קהילה, נייערט נאָר פון אַן אַנדער אָרט מחוץ פון אונדזער קהילה, ב) ניט אָנצונעמען אויפן גאַנצן לעבן, נייערט נאָר אויף אַ משך... ג) אַז איטלעכער מענטש האָט דאָס רעכט צו פסלען דעם גאון פון צו זיצן ביי אַ משפט סיי צווישן אַ יחיד און אַ יחיד, סיי צווישן אַ יחיד און קהל״ *).

און די תקיפים האָבן טאַקע געפועלט, אַז דער פירשט האָט אָפּגע־שאַפט די דערלויבעניש, וואָס ער האָט געגעבן ר׳ שמואלן צו ברענ־גען זיין משפט פאַרן סלוצקער בית־דין; דעם 11טן אַפּריל 1785 האָט דער פירשט אונטערגעחתמעט אַ רעסקריפּט וועגן דער קאָמיסיע, אַז דריי קאָמיסאַרן, באַשטימט פון דער רעגירונג, דאַרפן משפטן אין דעם פּראָצעס צווישן דעם רב ר׳ שמואל בן אַביגדור און צווישן די ראשי־הקהל.

„און די ראשי־הקהל האָבן געפועלט ביי דער קאָמיסיע — אַזוי דערציילן די דריי רבנים אין זייער דין־וחשבון — אַז די אָרדענאַנץ וועגן דער קאָמיסיע, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך פון דעם דוכס יר״ה, זאָל אויסגערופן ווערן אין שול פאַרן עולם, און דאָרט זיינען געווען אַרויסגעזאָגט די גרויסע זידלערייען און לעסטערונגען (ושם

היה מבואר גודל חרופת וגדופת), וואָס זיי האָבן גערעדט אויפן רב דעם גאון, דעריבער זאָל זיין אַ משפט פאַר דער קאָמיסיע, און זיי האָבן דאָס געטאָן נאָר כדי מבזה צו זיין דעם רב דעם גאון; און די דאָזיקע קעגנער האָבן געשטעלט אַן אַדוואָקאַט (פטרין אחד), מיטן נאָמען פ. לוקאַשעוויטש, וואָס ער זאָל שטיין פאַר זיי צום משפט מיטן רב דעם גאון פאַר דער קאָמיסיע און ער זאָל אונטערברענגען דעם מעמד פון דעם רב דעם גאון, און ער זאָל ריידן בייזע רייד מיט חירופים וגידופים און בזיונות אויפן רב דעם גאון, און האָבן באַשטימט פאַרן אַדוואָקאַט די סומע פון הונדערט רזיטע רענדלעך. און אַזוי האָט דער אַדוואָקאַט געטאָן און האָט גערעדט שלעכטס אויפן רב דעם גאון פון דער קעל אַרויס פון די קעגנער פאַר דער קאָמיסיע און פאַר די קריסטן און האָרן (לפני העמים והשרים), וואָס זיינען געזעסן אין דער געריכטס־שטוב. עס לאָזט זיך גאָרניט אויסשרייבן דעם גרויסן חילול־השם, וואָס איז אַרויסגעקומען דורך דעם, וואָס עס האָט גערעדט דער אַד־וואָקאַט פון זייער קעל אַרויס... און דער רב איז געווען געצוואונגען צו נעמען אויך פון זיין צד אַן אַדוואָקאַט, כדי צו ענטפערן אויף די טענות פון זייער אַדוואָקאַט".

נאָך די קהלשע תקיפים האָבן שוין געהאַט אַריבערגעכאַפּט די מאָס, און דער גרעסטער רוב פון דער קהילה האָט שוין מער ניט גע־קאָנט אַריבערטראָגן זייערע עוולות. לויט דעם פנקס פון דער ווילנער קהילה איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז "דעם ערשטן טאָג חול־המועד פסח אין דער פרי נאָכן דאַוונען זיינען מחוייב זיך צונויפצוקלייבן דער קהל און דער שרייבער און אַלע וואָס געהערן דערצו אין קהל־שטוב און צו מאַכן אַ נייע קלפי". און אַט דעם דריטן טאָג פסח פון יאָר תקמ"ה (1785) האָט די אַסיפה זיך אָפּגערעכנט מיט די קהלשע תקיפים.

"דעם דריטן טאָג — לייענען מיר אין דעם דין־וחשבון פון די דריי רבנים — האָבן זיך צונויפגעקליבן די מיטגלידער פון דער אַסיפה, כמעט דער רוב מנין ורוב בנין, און אַז זיי האָבן געזען, אַז די פּאַראַ־יאָריקע ראשים, וואָס אַנשטאָט וואָס זיי האָבן באַדאַרפט זיין די שטאָט־היטערס (נטורי קרתא) זיינען זיי פאַרקערט געוואָרן די שטאָט־צעשטע־רערס (חרובי קרתא), אַז לא די וואָס זיי האָבן ניט אַכטונג געגעבן אויף אַ סך ענינים, וואָס מען האָט באַדאַרפט מתקן זיין אין יענעם יאָר בעת דעם ועד און אין אַנדערע צייטן, נאָר זיי האָבן זיך גענומען יענע טייערע צייט צו טאָן אין איר די אַרבעט פון אַן עבד כנעני, אויף מקיים צו זיין דעם פסוק "ועבדתם", וואָס וויזט אויף אייביק, דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט (אשר היה בלבבם) זינט אַ לאַנגער צייט, און איצט האָבן זיי געפונען די געלעגנהייט, ווען זיי זיינען גע־

זעסן ביים טיש און האָבן טאָג ווי נאַכט רק געקלערט, ווי צו דערוועקן קריגערייען מיט די האָרן פון לאַנד און מיט דעם גאון ב״י, און דאָס האָט אויך גורם געווען אַ סך צרות, — האָט די הייליקע עדה געציילט די טעג, ביז עס איז געקומען די צייט פון אונדזער באַפרייאונג. און אַז עס איז געקומען דער דערמאָנטער דריטער טאָג פסח האָבן כמעט אַלע מיטגלידער פון דער אַסיפה געעפנט זייערע מיילער צו זאָגן: געבענ־דיקט איז דאָס יאָר מיט זיינע קללות״.

אַז די קהלשע תקיפים האָבן דערזען, אַז עס איז געקומען אַן ענדע צו זייער גדולה, האָבן זיי גענומען זוכן תחבולות, אַז מען זאָל די קלפי ניט מאַכן און מען זאָל די וואַלן אָפּלייגן, און דעמאָלט וואָלט די מאַכט געבליבן ביי זיי אויך אויפן קומענדיקן יאָר. נאָר דאָס האָט זיי ניט אָפּ־געגליקט, און אַלע זייערע דרייערייען האָבן ניט געהאָלפן. די מיט־גלידער פון דער אַסיפה האָבן זיך איינגעשפּאַרט און מען האָט סוף־כל־סוף דורכגעפירט די וואַלן, און די פאַראַיאָריקע ראשי־הקהל זיינען דורכגעפאַלן. דער גרעסטער טייל פון די אויסגעקליבענע זיינען געווען פון זייערע קעגנער און צווישן זיי אויך דער גביר יוסף פעסעלעס, דעם רב ר׳ שמואלס איידעם *).

אויף דער דאָזיקער אַסיפה זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דיינים דריי רבנים, ניט קיין ווילנער, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן צייטווייליק אין ווילנע: ר׳ דובער בר׳ מאיר כץ פון יעראָסלאַוו, שטאָט־רב פון בוסק ביי לעמבערג, ר׳ משה בר׳ אהרן הלוי הורוויץ, אַ מורה־הוראה פון איישישאָק, און ר׳ אברהם בר׳ צבי־הירש פון פּויזן. די מיטגלידער פון דער אַסיפה האָבן געבעטן, אַז די דאָזיקע דריי רבנים זאָלן אויספאָרשן אַלע פרטים פון דער מחלוקת „און זאָלן פאַרשרייבן (וחקקו בעט סופר), כדי עס זאָל פאַרבלייבן אויף לאַנג, די גאַנצע מעשה... פולקום קלאָר און ריכטיק״.

די דריי דערמאָנטע רבנים האָבן אויסגעפירט זייער שליחות בשלמות. אין משך פון עטלעכע וואָכן האָבן זיי נאָכגעזוכט און אויס־געפאָרשט איטלעכן פרט, און אַלץ איז גענוי פאַרשריבן געוואָרן. זיי האָבן קלאָר אויפגעדעקט אַלע עוולות פון די פאַראַיאָריקע ראשי־הקהל; דורך גביות־עדות איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז די קהלשע תקיפים האָבן געשטעלט פאַלשע עדות, וואָס האָבן אויסגעזאָגט אויפן רב נישט־געשטויגענע זאַכן; *) די גאַנצע בייזוויליקייט און טיראַניע פון די ראשי־הקהל אויף די צוויי דערמאָנטע אַסיפות, ווי אַזוי זיי האָבן פאַר־תכליוועט קהליש געלט און האָבן דורך דער מחלוקת חרוב געמאַכט דעם וואוילשטאַנד פון דער קהילה — דאָס אַלץ איז געוואָרן אויפגע־קלערט און באַשטעטיקט דורך באַגלייבטע עדות.

„און מיר, דער אונטערגעחתמעטער בית־דין — שרייבן ווייטער די רבנים אין זייער אויספירלעכן דין־וחשבון — האָבן אַליין איינגעזען, אַז דאָס איז אמת, אַז זיי טוען אַלץ מיט אָפּנאַרעריי, כדי צו בלייבן אין זייער תקיפות און מאַכט קעגן דעם רב דעם גאון און צו צעשטערן דעם מעמד און מצב פון דער קהילה, ווערדליק מיר האָבן געהערט פון באַוואוסטע מענטשן, וואָס זיינען ראוי עדות צו זאָגן, אַז דער קהל איז זיך באַגאַנגען דאָס יאָר מיט אַכזריות קעגן אַלע מענטשן פון דער הייליקער קהילה, און זיי האָבן געמאַכט אַ בונד פון פעלשונג און האָבן אָנגעהויבן אַ גרויסע מחלוקת מיט דעם רב דעם גאון, און עס איז געקומען צו אַ חילול־השם פאַר די פרעמדע גרויסע שרים, און חוץ דעם וואָס זיי האָבן געטאָן קעגן דעם רב דעם גאון, ווערדליק עס איז באַוואוסט גאָר דער וועלט זייער גרויסע פאַרשייטקייט, האָבן זיי נאָך אייגנוויליק געבאַלעבאַטעוועט (והיו עבדין דינא לנפשייהו) אָן צו וויסן דעם דין פון דער תורה און אָן דעם וויסן פון דעם דוכס יר״ה, ווערדליק עס זיינען פאַראַן אויף אַלע גביות־עדות, און זייערע לעצטע מעשים באַווייזן אויף זייער אָנהויב, וואָרעם זיי זיינען נאָך אַלץ איינגעעקשנט און פטרן דאָס געלט פון דער קהילה, ווי זיי האָבן זיך צוגעגרייט פון פאַראַיאָרן״.

און טאַקע, די פאַראַיאָריקע קהלשע תקיפים, בראש מיט פרץ ב״ר אברהם, אַבעלע ב״ר זאב און משה סלוצקער „זיינען נאָך אַלץ געווען איינגעעקשנט״. זיי האָבן נאָך ניט געהאַלטן דעם ענין פאַר פאַרשפּילט און זיינען געווען זיכער, אַז זיי וועט געראָטן ווידער צו פאַרכאַפּן די ממשלה. זיי האָבן געפאָדערט פון די ראשי־הקהל, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער אַסיפה אין בית־המדרש, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן פאַר דער קאָמיסיע צו משפטן זיך מיט זיי וועגן דער קלפי, ווייל זיי האָבן געטענהט, אַז די קלפי איז ניט דורכגעגאַנגען כשר, נאָר זי איז געמאַכט געוואָרן דורך פאַלשקייט און צוואַנג. דער ניי אויסגעקליבענער קהל האָט געענטפערט: „אויב איר האָט טענות קעגן אונדז, לאָמיר גיין פריער צו אַ יידישן דין־תורה, און ניט צו אַ משפט פון גויים״. אָבער די תקיפים האָבן דערויף ניט מסכים געווען, ווייל די קאָמיסאַרן, וואָס זיינען געזעסן אין דער קאָמיסיע, זיינען געווען גוט אויפגעטראָגן מיט זיי, און זיי זיינען געווען זיכער, אַז זיי וועלן טאָן לויט זייער פאַרלאַנג. און ווי אַזוי די דאָזיקע „גערעכטע שופטים״ פון דער קאָמיסיע האָבן זיך אויפגעפירט און וואָס פאַר אַ יושרדיקן פסק זיי האָבן אַרויסגעטראָגן, וועלן מיר דערגיין פון דער גבית־עדות פון דעם גביר יוסף בר׳ אליהו פעסעלעס. איידער ער איז אַוועק, זיבן טעג אין חודש אייר, צו דער קאָמיסיע, כדי זיך צו שטעלן צום משפט פון וועגן זיין שוועָר דעם רב, איז ער געקומען צו די דריי פרעמדע

רבנים און האָט צו זיי געזאָגט בזה הלשון: „...זיי (דער פּאַראַאַריקער קהל) האָבן זיך געשטעלט מיט תקיפות קעגן מיין שווער דעם גאון און קעגן די ראשי־הקהל, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין כשרות חול־המועד פּסח תקמ״ה, וואָס איך בין אויך איינער פון די דאָזיקע ראָשים. און זיי האָבן געשיקט אַ „פּאַזיוו״ (לאַדצעטל) פון די קאָמיסאַרן, מיר זאָלן זיך שטעלן צום משפּט מיט זיי פאַר דער קאָמיסיע מכוח דער קלפּי און האָבן אונדז מיט קיין שום התראה ניט אויפגעפאָדערט, מיר זאָלן זיך שטעלן מיט זיי צו אַ (יידישן) דין־תורה מכוח די קלפּי. פאַרקערט, מיר, די ראשי־הקהל פון חול־המועד פּסח, האָבן זיי אָנגעזאָגט, אַז מיר ווילן זיך שטעלן צו אַ דין־תורה פון וועגן דער קלפּי; נאָר זיי האָבן ניט געוואָלט הערן און האָבן זיך איינגעשפּאַרט און האָבן געזאָגט, אַז דער דאָזיקער משפּט מוז זיין דווקא פאַר די קאָמיסאַרן, ווייל זיי זיינען געווען זיכער אין די קאָמיסאַרן, אַז זיי וועלן משפּטן לויט זייער ווילן, ווי עס באַווייזט דער סוף; און נאָך אין געריכטס־שטוב האָב איך זיי געוואָרנט, אַז מיר זאָלן זיך שטעלן צו אַ דין־תורה פון וועגן דער קלפּי... און זיי האָבן זיך פאַרעקשנט און האָבן ניט געוואָלט הערן... און איצט בין איך מוסר מודעה פאַר אייך דיינים: אפשר וועל איך זיין געצוואונגען דורך די דערמאָנטע קאָמיסאַרן אָדער דורך אַן אַנדער אָדון (צו זאָגן), אַז איך בין מרוצה זיך צו משפּטן פאַר זיי, אָדער אַז איך בין מוחל אויף מיין פאַרשעמונג ח״ו, אויף מיינע הוצאות, אָדער אויף דער פאַרשעמונג פון מיין שווער דעם גאון, אָדער אויב איך וועל אפשר געבן חס־ושלום מיין אונטערשריפט, אָדער אַ גאַנצן שטר־חוב... אין דער קאַנצעלאַריע, אָדער אַז איך וועל זיי געבן אַ פולע באַפרייאונג סיי אין יידישן בית־דין און סיי להבדיל אין געריכט פון די אומות־העולם, אָדער אפשר וועל איך מאַכן אַ פּשרה מיט די דאָזיקע קעגנער, אָדער מיט וואָסער עס איז מענטש סיי אַ ייד סיי אַן ערל, סיי אין יידישער שריפט און סיי אין פּוילישער שריפט, און אפילו ווען עס וועט שטיין געשריבן אין דעם פּשרה־כתב, אַז איך בין מבטל... אויפן שטייגער ווי מען איז מבטל אַזױ, אָדער עס וועט שטיין געשריבן בקגא״ס (בקנין גמור אגב סודר) און אויף וואָסער לשון און יפּוי־כוח, אַז עס זאָל זיין גילטיק מבטל צו זיין די דאָזיקע מודעה פון אַלץ, וואָס דאָס מויל און אַזוי ווייטער, און אויך מיט אַ שבועה און מיט אַ האַרבן חרם, — וועל איך דאָס אין האַרצן מבטל זיין לויטן דין פון דער תורה, וואָרעם אַלץ איז לחלוטין געצוואונגען מחמת פּחד פאַר די אָדונים דורך דער ווירקונג פון די דאָזיקע קעגנער, וואָס באַגייען זיך מיט גרויס אַכזריות קעגן מיין שווער דעם גאון, און די זאַך איז אויך נוגע צו דער גאַנצער

קהילה און צו כלל ישראל, און בפרט פאַר אַ מענטשן ווי איך איז דאָ געננוג בזיון און פאַרדראָס".

די פאַראַיאָריקע ראשי־הקהל האָבן ניט אומזיסט אויסגעשטעלט אויף די קאָמיסאַרן, אַז זיי וועלן טאָן לויט זייער ווילן. אין דעם זעלביקן טאָג, זיבן טעג אין אייר, איז אַרויס דער פסק פון דער קאָמיסיע, אַז די וואַלן, וואָס זיינען פאַרגעקומען חול־המועד פסח, ווערן אָפּגעשאַפט, און עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז מאָרגן זאָל מען מאַכן אַ נייע קלפי מיט נייע בוררים, און עס זאָל באַשטראָפט ווערן מיט אַ האַרבער שטראָף (טויזנט רזיטע רענדלעך) איטלעכער, וואָס וועט דעם פסק ניט פאָלגן און וועט ניט לאָזן מאַכן די קלפי מאָרגן. אויך איטלעכער, וואָס וועט פאָדערן פון די פאַראַיאָריקע ראשי־הקהל, אַז זיי זאָלן גיין צו אים מיט אַ דין־תורה „סיי דאָ אָדער אין אַן אַנדער קהילה", וועט אויך באַשטראָפט ווערן מיט געלט־שטראָף און מיט פעסטונג.

אויף מאָרגן האָט מען געמאַכט אַ נייע קלפי לויטן פסק, און דאָס מאָל האָט די פאַראַיאָריקע ראשי־הקהל און זייער צד זיך איינגעגעבן צו באַזיגן זייערע קעגנער, און זיי זיינען ווידער אויסגעקליבן געוואָרן. נאָך דעם ווי די תקיפים זיינען ווידער געוועזן אויפן פערד, זיינען צו זיי געקומען חשובע לייט רודפי־שלומניקעס און האָבן זיי געבעטן, זיי זאָלן קומען צו אַן אויסגלייך מיטן רב און זאָלן מיט אים מאַכן שלום, כדי „עס זאָל ניט קומען צו אַ גרויסער און אויסטערלישער מחלוקת און צו גרויסע הוצאות, און דורך דעם וועט חס־ושלום צעשטערט ווערן דער מעמד און מצב פון דער „קהילה". אָבער די תקיפים האָבן זיך אַרויס־געמאַכט פון דעם פאָרשלאָג, און איטלעכס מאָל האָבן זיי צוגעגעבן אַלץ נייע פונקטן אין די תנאים מיטן רב, וואָס ער האָט זיי ניט געקאָנט אָננעמען. און אַז די סלוצקער דיינים האָבן זיי אויפגעפאָדערט צו קו־מען קיין סלוצק זיך צו משפטן מיטן רב לויט די תקנות פון דעם ועד־המדינה, האָבן די קעגנער געענטפערט, אַז זיי זיינען מסכים זיך צו שטעלן צו אַ דין־תורה מיטן רב, אָבער ניט אין סלוצק, נאָר אין נעש־וויז, וואָס איז געווען די רעזידענץ פון דעם וואָיעוואָדע ראַדזיוויל. קיין סלוצק וועלן מיר פאָרן צום משפט — האָבן די תקיפים געטענהט מיט חוזק — נאָר „באם אַז איר האָט איין אָרדאָנאַנס מאַדוננו הדוכס יר"ה, אַז איין משפט זאָל זיין דווקא מק"ק סלוצק. אַזוא ווישט (ווייזט) אונז דעם אָרדינגץ, זיינן מיר מוכן לקיים תוקף האָרדינגץ".

אין דער זעלביקער צייט האָבן די תקיפים געשיקט זייערע שלוחים צום הויף פון „אונדזער האַר דעם דוכס יר"ה", וואָס דאָרט האָבן זיי געהאַט אַ צד צווישן דעם פירשטס באַאַמטע און בעלי־יועצים. און סוף־כל־סוף האָבן זיי זייערס אויסגעפירט: דעם 29טן נאָוועמבער

1785 איז אַרויס אַ דעקרעט פון פירשט ראַדזיוויל, אַז פון היינט און ווייטער ווערט דער רב ר׳ שמואל בן אביגדור אָפּגעזאָגט פון דער ווילנער רבנות *).

6.

אָבער מיט דעם האָט די מחלוקת זיך נאָך ניט געענדיקט. פאַר־קערט, ערשט איצט האָט זי זיך רעכט צעפלאַקערט. אויף ר׳ שמואלס צד זיינען געשטאַנען ניט נאָר זיינע גוטע פריינד און מקורבים, נייערט אויך אַ סך מענטשן פון דעם המון (פּאַספּולסטוואַ), וואָס האָבן שוין מער קיין כוח ניט געהאַט אַריבערצוטראָגן די טיראַניע פון די קהלשע תקיפים און האָבן געקרעכצט אונטער דער משא פון די פּאַדאַטקעס, וואָס האָבן זיך געמערט בעת דער מחלוקת דורך דער שולד פון די ראשי־הקהל. די מחלוקת האָט זיך ניט באַגרענעצט בלויז מיט דער יידי־שער קהילה אין ווילנע, אויך די „שרי המדינה האָבן זיך צעטיילט", איינע האָבן געשטיצט איין צד און די צווייטע — דעם אַנדער צד. בעת דער פירשט וואָיעוואָדע האָט אונטערגעהאַלטן די ראשי־הקהל און האָט געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן ביי אים געבעטן, איז דער ביסקופּ גראַף מאַסאַלסקי געשטאַנען אויפן צד פון רב און האָט געשטיצט זיינע גוטע פריינד און באַשיצער *).

די שטאָט ווילנע און אירע פאָרשטעט זיינען דעמאָלט געווען איינ־געטיילט אין צוויי יוריסדיקציעס. איין יוריסדיקציע איז געשטאַנען אונטער דער מאַכט פון דעם ביסקופּ און איינע — אונטער דער ממשלה פון וואָיעוואָדע. האָבן דעם רבס אַנהענגער, וואָס האָבן געוואוינט אין דער וואָיעוואָדישער יוריסדיקציע, געהאַט אויסצושטיין רדיפות פון דעם וואָיעוואָדעס באַאַמטע און זיינען געווען געצוואונגען „עוקר דירה צו זיין" און אַריבערצוקלייבן זיך אין דער יוריסדיקציע פון ביסקופּ, און דאָס אייגענע פאַרקערט. ווער עס האָט דאָס ניט באַוויזן צו טאָן, פלעגן די מענטשן פון דעם צד שכנגד דורך פאַרשיידענע בלבולים דער־גיין אים די יאָרן; מען האָט אים אַריינגעזעצט אין תפיסה און אָנגע־טאָן כלערליי נגישות. דער רב ר׳ שמואל גופא האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אין פאָרשטאָט אַנטאָקאָליע, וואָס איז געווען דעם ביסקופּס יוריסדיק־ציע, ווייל אין שטאָט האָט ער מורא געהאַט צו בלייבן *).

סוף 1785 — נאָך דעם ווי עס איז אַרויס דעם פירשט ראַדזיווילס דעקרעט, אַז ר׳ שמואל ווערט אַראָפּגעזעצט פון דער כסא־הרבנות — האָט זיך געשטעלט בראש פון די קעגנער פון די קהלשע תקיפים אַן ענערגישער מענטש — אַ געוויסער שמעון בן זאב (שיימעל וואולפאָ־וויטש), און מיט אים נאָך צוויי מענטשן, תנחום בר׳ פנחס און יצחק

בר׳ ליב. זיי זיינען געוואָרן די פירערס פון דעם „המון", וואָס האָבן אונטערגענומען אַ פּאַרביסענעם קאַמף קעגן דער טיראַניע פון די דעה־זאָגערס אין קהל־שטיבל. זיי האָבן געחתמעט און אַוועקגעשיקט קלאָג־שריפטן צו דער צענטראַלער רעגירונג, וואו זיי גיסן אויס זייער ביטער האַרץ אויף די עוולות פון די קהלשע תקיפים, וואָס דריקן און שטיקן אָן רחמנות די אָרעמע לייט. אין די דאָזיקע קלאָג־שריפטן געפינען מיר אַ שרעקלעך בילד פון דער קאָרופּציע, וואָס האָט געהערשט אין קהל־שטיבל דורך דער שולד פון די פירערס און ראשי־הקהל *). די קהלשע תקיפים — באַקלאָגן זיך די פירשפּרעכער פון „המון" — האָבן מחמת גרויס שנאה צום רב, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן המון, און מחמת זייער גלוסט נאָך געלט און נצחון אויסגעליידיקט די קהלשע קאַסע, און די חובות זיינען אויסגעוואַקסן ניט צו דערטראָגן. דערביי דערציילן זיי אייניקע אינטערעסאַנטע פּרטים: די ראשי־הקהל האָבן אַנטליען אין קעניגסבערג די גוואַלדיקע סומע פון 140 טויזנט גילדן, פון די באַזיליאַנער מאָנאַכן — 10 טויזנט, פון דעם דאָקטאָר כמיעלסקי — אויך 10 טויזנט, פון ד״ר קלאָץ — 20 טויזנט; דער מעקלער אַבעל, וואָס איז געווען דער פאַרמיטלער צווישן דעם דאָזיקן דאָקטאָר און צווישן די ראשי־הקהל, האָט געקראָגן פאַר מעקלעריי אַליין 1600 גילדן, אאַז״וו און אַז״וו. און אַלץ דורך פאַלשקייט און אָפּנאַרעריי, — באַקלאָגן זיך די שרייבערס פון דער קלאָג־שריפט, — מען האָט געחתמעט אין נאָמען פון קהל אויף וועקסלען אָן אַ נאָמען און אָן אַ טערמין (וועקסלואוו נאַ אָקאַזיציעליאַ), און די דאָזיקע וועקסלען האָבן צווישן זיך צעטיילט די קהלשע תקיפים. בכדי צו דעקן אָט די גוואַלדיקע הוצאות, האָט מען אַרויפגעלייגט אָן אַ שיעור אָפּצאָלן, און דאָס פאָלק קרעכצט אונטער זייער משא. *)

אין די דאָזיקע קלאָג־שריפטן געפינען מיר נאָך איין זייער אינ־טערעסאַנטן פּרט, וואָס איז פון קיין אַנדער אָרט ניט באַוואוסט און וואָס איז עד היום נאָך ניט אויפגעקלערט.

אין דער קלאָג־שריפט, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם 23טן פעברואר 1786 דורך שמעון וואָלפאָוויטשעס אַנהענגער, וואָס וואוינען אין דעם ביסקופּס יוריסדיקציע, וואָס דאָרטן האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די קהלשע תקיפים, ווערט צווישן אַנדערע עוולות פון די ראשי־הקהל דערציילט אַזאַ מעשה: „זיי (די ראשי־הקהל) האָבן געגעבן יאָר־יערלעך צו אליהו בן זלמן, וואָס ווערט אָנגערופן פּאַ־טריאַרך" אָדער אין יידיש „חסיד", 1400 גילדן, און גיבן אים אויך אַ סך מתנות און אַ פיינע דירה. זיי האָבן אים אויך באַפרייט פון אַלע אָפּ־צאָלן" *). עטלעכע מאָל דערמאָנען די שרייבערס פון דער קלאָג־שריפט

דעם נאָמען „אליהו בן זלמן", וואָס ווערט אָנגערופן „פּאַטריאַרך", אַז ער „באַקומט מיט אומרעכט אַ היפּשן סכום פון דער קהלשער קאַסע און איז פריי פון צו צאָלן קאָפּשטייער און אַלע מינים אָפּצאָלן, וואָס דער איבעריקער המון קרעכצט אונטער זיי" *).

אָט דער ר' אליהו בן זלמן איז דאָך ניט קיין אַנדערער ווי דער ווילנער גאון, וואָס אַלע זיינע בני־דור האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ הייליקן. איז דאָס אַ גרויסער חידוש, ווי אַזוי פאַרשטייער פון דער „פּאַספּולסטוואָ", דאָס הייסט פון אַ גרויסן טייל פון דער יידישער קהילה, האָבן זיך איינגעשטעלט צו רעדן אַזוי מיט אַ ווינציק אויסבאַהאַלטענער שנאה קעגן אַזאַ מאַן, וואָס איז געווען אַלעמען באַקאַנט ווי אַ נחבא אל הכלים, איז געזעסן איינגעשלאָסן ביי זיך, איז טאָג ווי נאַכט געווען אַריינגעטאָן אין לערנען און האָט אין וועלטזאַכן זיך ניט אַריינגעמישט. ניט אַנדערש, אַז דאָ מוז שטעקן די האַנט פון די חסידים. מען מעג משער זיין, אַז בעת דער דאָזיקער מחלוקת, ווען די ווילנער קהילה איז צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי קעגנערישע פּאַרטייען, האָבן די חסידים געפונען די געלעגנהייט צו זאָגן זייער וואָרט. די גרופּע חסידים אין ווילנע איז געווען קליין און שטענדיק אַ גערודפטע; אין דער פירונג פון דער קהילה האָבן זיי קיין חלק ניט געהאַט, די קהלשע תקיפים האָבן זיי שטאַרק צוגעדריקט און האָבן דאָס געבראַכט דערצו, אַז־דער ווילנער גאון איז געוואָרן דער ערגסטער שונא פון די חסידים, אַזוי אַז ער האָט אין זיין גרויסן פאַנאַטיזם אויסגערופן: „אויב איך וואָלט געהאַט רשות צו משפטן, וואָלט איך זיי געמשפט, אַזוי ווי אליהו הנביא האָט געמשפט די כוהנים פון בעל". אין יאָר תקל"ב (1772) איז, ווי באַקאַנט, אויסגערופן געוואָרן אין ווילנער שול דער „גרויסער חרם" קעגן די חסידים, און אין חודש אב תקמ"א איז ווידער אַמאָל אויסגערופן געוואָרן, אַז עס האָבן זיך אויפגעוועקט די „אלופי רוזני נגידי קציני" פון ווילנער קהל „בצירוף מיטן גאון דעם אב־בית־דין יצ"ו און בצירוף מיטן גאון דעם חסיד יצ"ו"... „און האָבן זיך געשטאַרקט אונטערצוהאַלטן אונדזער הייליקע תורה און אויסצואוואָרצלען די דערנער פון וויינגאָרטן פון דער יידישער עדה און האָבן באַנייט דעם דערמאָנטן חרם אויף איטלעכן אָרט, וואו עס זיינען פאַראַן חברותות פון די דאָזיקע מענטשן און פון די, וואָס פירן זיך אויף לויט זייערע מעשים און פירעכצן" *).

אמת, דער חרם איז באַנייט געוואָרן, ווערליק מיר זעען אויך „בצירוף מיטן אב־בית־דין", דאָס הייסט דעם רב ר' שמואל, אָבער ניט ער איז געווען דער אָנפירער אין דעם קאַמף קעגן די חסידים, נייערט „ דער גאון דער חסיד", דער גרויסער פאַנאַטיקער. און אַז עס

האָט זיך צעפלאַקערט די מלחמה אין דער ווילנער קהילה, און דער „המון“ האָט זיך געשטעלט צוזאַמען מיט ר׳ שמואלן און זיינע אָנהענגער קעגן די ראָשי־הקהל, זיינען קענטיק אויך די חסידים צוגעשטאַנען צו די קעגנער פון די קהלשע תקיפים, און זייער שנאה צו זייער גרויסן קעגנער אַנטפּלעקט זיך דאָ אין דער אויבן דערמאָנטער קלאָגשריפט. און אין דעם פּרט איז דאָ אַן אָנהאַלט משער צו זיין, אַז עס איז פאַראַן אַ שטיק אמת אין דער מסורה, וואָס עס דערציילן אַלטע ווילנער, אַז אין יאָר תקמ״ח, בעת עס איז געשטאָרבן ר׳ שלמה־זלמן וואָלאָזשינער (וואָס איז געווען באַוואוסט אונטערן נאָמען ר׳ זלמעלע), איז דער ווילנער גאון געווען איינגעשפּאַרט אין ווילנער תפיסה און איז דאָרט אָפּגעזעסן זעקס וואָכן *). עס איז אַ שאָד, וואָס אין אונדזער פּנקס האָבן מיר ניט געפונען קיין איין פאַרצייכעניש, וואָס זאָל קאָנען אויפקלערן אָט די פראַגע.

שמואל וואָלפאָוויטש (שימל וואָלפּס) און זיין צד האָבן געוואוסט אויף קלאָר, אַז זייערע קעגנער די תקיפים, וואָס דער וואָיעוואָדע ראַדזיוויל האַלט זיי אונטער, וועלן רודפן זיי אָן רחמנות. דעריבער האָבן זיי אָנהויב 1786 זיך געווענדט צום קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט מיט אַ בקשה, ער זאָל זיי אַרויסגעבן אַן „אייזערנעם שוץ־בריוו“ (ליסט זשעליאַזני), וואָס זאָל זיי באַשיצן קעגן זייערע טיראַנישע קעגנער. און דעם 19טן יולי 1786 איז אַרויס אַ באַפעל מיטן קיניגס שטעמפּל, אַז עס זאָל געגעבן ווערן אַ שוץ־בריוו „צו די באַקרעפטיקטע באַפולמעכטיקטע פון דער געמיינדע און פון דעם גאַנצן יידישן המון, וואָס וואוינען אין דער הויפּט־שטאָט ווילנע,*) מחמת „די פירער פון קהל האָבן קיין גלייכן ניט צו זיך לויט זייער טיראַניע און עוולות, און דאָס פאָלק ליידט שוין זינט אַ צייט לאַנג אונטערטעניק פון זייער ווילדווילן און פון זייער שווערן יאָך, ווייל די געדרודפטע און אונטערגעדריקטע האָבן מורא פאַר זייערע אונטערדריקער און שרעקן זיך פאַר זייער שטאַרקער האַנט; און די טיראַנען האָבן אַרויפגעלייגט אַ שווערן יאָך אויפן פאָלק, האָבן אָנגעטאָן פיל חורבנות און צעשטערונגען אין דער קהילה, האָבן אָנגעלאָדן שטייערן און פּאָדאַטקעס, וואָס וואַקסן פון טאָג צו טאָג, אַזוי אַז מען קען שוין ניט אויסהאַלטן; ביים אויפמאָנען די שטייערן טרייבן זיי און דריקן, ווייסן פון קיין רחמנות ניט און די וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן רודפן זיי ביז לעצט, זיי קאָנפיסקירן זייער אייגנס אָדער זעצן זיי אַריין אין תפיסה, און עס איז ניטאָ קיין ראַטונעק און קיין העלפער“. דעריבער — שטייט ווייטער אין דעם דעקרעט — „האָט דער קיניג מיט זיין גרויס גענאָד באַשלאָסן און באַשטימט, אַז די פירער פון ווילנער קהל, סיי זיי אַליין

און סיי זייערע באַפולמעכטיקטע, זאָלן זיך ניט דערוועגן און ניט אונ־טערשטיין צו טאָן עוולות און גוואַלד־מעשים, צו פטרן און אויסצו־געבן מיט אונטערדריקונג און ניט מיטן גוטן ווילן די הכנסות פון דער קהילה, צו רודפן וועמען עס איז, צו באַשטראָפן מיט מלקות, צו שלאָגן, צו זעצן אין תפיסה און נאָך אַזעלכע זאַכן *). און ווער עס וועט עובר זיין אויף דעם באַפעל — וועט באַשטראָפט ווערן לויט די געזעצן פון דער רעגירונג און לויט דעם רעכט פון קיניג״ *).

אָבער אין יענע צייטן האָט דער פּוילישער קיניג שוין גאָר ווינציק מאַכט געהאַט; איטלעכער מאַגנאַט און שררה האָט זיך געטאָן אין לאַנד אַלץ, וואָס אים איז געפעלן געווען. אָט דער „אייזערנער בריוו״ איז געווען ניט מער ווי אַ שטיק שערבל און איז שימל וואָל־פאַוויטשן מיט זיין פאַרטיי ניט געווען בכוח צו באַשיצן. לויטן באַ־פעל פון די ראשי־הקהל האָט מען שימעלען אַריינגעשריבן אין „שוואַרצן פנקס״ און מען האָט אין שול ניט געוואָלט אים געבן קיין כיבודים. *) און די קהלשע תקיפים האָבן זיך ניט באַרואיקט, ביז זיי האָבן 21 טעג אין אלול תקמ״ו אַרויסגעטראָגן אַזאַ החלטה:

„מיר, די אויסדערוויילטע פירער האָבן דערזען, אַז עס זיינען אויפגעשטאַנען מוסרים נחותי־דרגאַניקעס, דאָס זיינען שמעון בר וואָלף, תנחום בר מנחם, יצחק בן ליב און פירן מחלוקתן מיט די ראשים פון קהל אין די ניט־יידישע געריכטן און רופן זיך אָן מיטן נאָמען פלייעפּטעננין *) פון דעם המון (אין טעקסט שטייט פאַרגרייזט: „הגאון״), דעריבער האָבן מיר באַשטימט אויסצוקלייבן פון אונדז צוויי מענטשן, יחזקאל בה״ר ליב און מורנו ר׳ אַבעלע במ״ה מנשה, זיי זאָלן פאַר אונדז, די אונטן געחתמעטע, שטיין פאַר דער סקאַרבאָווע קאָמיסיע און די אַסעסאָרן צו טענהן קעגן זיי, אַז מיר זיינען מיט זיי ניט מסכים און ניט מרוצה מיט דער מחלוקת קעגן די דערמאָנטע ראשי־הקהל. פאַרקערט, אַלע הוצאות וואָס די פירער האָבן אויסגעגעבן, איז אַלץ געווען צום וואויל פון כלל־ישראל פון אונדזער קהילה יצ״ו און צו שטאַרקן אונדזער אמונה, און עס איז געגעבן פון אונדז די דאָזיקע מענטשן דער כוח, אַז זיי זאָלן טאָן, וואָס זייער גוט האַרץ וועט וועלן, בכדי אַרויסצוראַטעווען די פירער פון זייערע לעסטערער, וואָס האָבן אָפּגעמסרט פאַר דער קאָמיסיע אויף זיי. און חלילה אַז מיר זאָלן געבן די מעגלעכקייט יענע, וואָס וועלן צעשטערן און איבערבייטן דעם מצב פון דער קהילה, וואָס איז איינגעשטעלט פון שטענדיק אָן, און אויסצוּוואָרצלען אַלע פריערדיקע תקנות, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צו שטאַרקן אונדזער גרויסע אמונה״ *).

געחתמעט זיך האָבן אַן ערך צוויי הונדערט באַלעבאַטים פון די אַנהענגער פון די קהלשע תקיפים.

און טאַקע אַט די צוויי אויסגעקליבענע „האָבן געטאָן, וואָס זייער גוט האָרץ האָט געוואָלט, בכדי צו ראַטעווען די פירער פון זייערע לעסטערער"; זיי זיינען דאָך געווען אָנגענומען אין דעם פירשטס הויף. עס האָט לאַנג ניט געדויערט און שימל וואולפאָוויטשן האָט מען גע־כאַפּט, געשמידט אין קייטן און אַריינגעזעצט אין דעם פירשטס פעסטונג אין נעשוויז (אין יאָר 1788). דאָרט איז ער געזעסן אויף שווערער אַרבעט אַ צוויי יאָר. אָבער אַט דער דרייסטער מאַן האָט אַפילו אין פעסטונג זיך ניט דערשראָקן פאַר זיינע שונאים און האָט ווייטער געפירט זיין קאַמף. אין דעם זעלביקן יאָר האָט זיך צונויפגעקליבן דער לעצטער פוילישער סיים, וואָס איז באַוואוסט אין דער געשיכטע אונ־טערן נאָמען „פיר־יאָריקער סיים". צווישן די רעפאָרמען, וואָס אַט דער סיים האָט געוואָלט אַריינפירן אין דער מלוכה־אָרדענונג, זיינען אויך געווען פּראָיעקטן ווי אַזוי צו רעפאָרמירן דעם לעבן־שטייגער פון די יידן. אויך „דער נעשוויזער תופס" האָט אַריינגעשיקט אין סיים אַן אויספירלעכן מעמאָראַנדום אין פויליש אונטערן נאָמען: ??

אין דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום לאָזט דער שרייבער אויס גאָר זיין ביטער האַרץ צו דער הערשאַפט פון קהל און צום פיר פון די פרנסים; ער „רעכנט אויס אַלע די פעלערן, וואָס זיי מאַכן, און גיט עצות, ווי אַזוי אויסצובעסערן דעם געפאַלענעם מעמד, דורך דעם וואָס מען וועט אָפּשאַפן דעם אַמט פון די פרנסים און מען וועט איבער־געבן די פאַרוואַלטונג פון די יידן אין רשות פון דער אַלגעמיינער מלוכה־פאַרוואַלטונג, כדי די יידן זאָלן ניט זיין אָפּגעשיידט פון די פעלקער, וואָס צווישן זיי וואוינען זיי" *).

און דער „נעשוויזער תפוס" האָט טאַקע געפונען אַנהענגער צווישן די פוילישע אַדלליט, דעפוטאַטן פון סיים, ווי טאַדעאוש טשאַצקי, מאַצעי בוטרימאָוויטש א"אַנד; די אַלע, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן געדאַנק אַריינצופירן רעפאָרמען אין יידישן לעבן, זיינען געקומען צום אויספיר, אַז מען באַדאַרף אָפּנעמען ביים קהל דאָס רעכט אויפצומאָנען שטייערן און צו האָבן אַ דעה אין געריכטלעכע ענינים.

אין יענער צייט איז די מחלוקת אין ווילנער קהילה שטילער גע־וואָרן. שימל וואולפאָוויטש איז געזעסן אין תפיסה, דער רב ר' שמואל איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, און אויך די ראשי־הקהל האָבן אָפּ־געלאָזן פון זייער תקיפות — עס האָט ביי זיי שוין ניט געקלעקט מער קיין כוח אַריבערצוטראָגן אַלע טרדות פון די פּראָצעסן אָן אַ סוף. די

קהלשע קאַסע איז געווען ליידיק, און חובות זיינען געווען איבערן קאָפּ. אין דעם פּרט איז אינטערעסאַנט אַ פאַרצייכעניש אין פּנקס פון ט׳ תמוז תק״ן: „די שלוחים, וואָס וועלן פאָרן קיין וואַרשע צוליב די ענינים פון דער קהילה, *) זיינען מחויב צו בעטן צווישן די איבעריקע בקשות... אַז יענע פּערזאָנען, וואָס זיינען געווען ראשים און מנהיגים אין פאַרשיידענע יאָרן, וואָס האָבן געחתמעט זייערע נעמען אויף וועקסלען, זאָלן זיי אויפקלערן, אַז פאַר יענער סומע פון דער הלוואה, וואָס זיי האָבן געליען, האָבן זיי געסילוקט אַלטע חובות פון קהל, וואָס קומען ניט פון דער באַוואוסטער מחלוקת. און ווידער זאָלן זיי פּועלן, אַז די גרויסע סומע, וואָס עס קומט אין קעניגסבערג אויף אַ וועקסל אונטער דער חתימה פון איינציקע פּערזאָנען, אַז די דאָזיקע חובות, דאָס הייסט וואָס זיי האָבן זיך געחתמעט אויפן דער־מאָנטן וועקסל און דער חוב פון קעניגסבערג — זאָל דאָס אַלץ גע־סילוקט ווערן דווקא פון דער קאַסע פון די פּרעווענטין פון קהל, און אַלע די געחתמעטע זאָלן זיין פּטור פון צו צאָלן עפּעס פון אַלע דער־מאָנטע חובות״.

אויך מיטן אַלטן רב איז מען סוף־כל־סוף געקומען צו אַ פּשרה אין חשון תקנ״א (1791). „מחמת די אַלע צרות, וואָס ער איז אויסגע־שטאַנען,ווייל מען האָט ביי אים צוגענומען דעם כתב הרבנות״, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז „ווייל ער וועט לעבן, זאָל אים געגעבן ווערן 54 גילדן שכירות״ און אויך „„צען רויטע רענדלעך אויף אַ דירה״. „ווידער זיינען די פירער געקומען צו אַ הסכם, אַז ווען עס וועט קומען די צייט פון דעם דערמאָנטן גאון צו גיין אין וועג פון גאָר דער וועלט, דעמאָלט זאָל אויסגעבויט ווערן אַ ציון (אַ מצבה) אויף זיין קבר, ווי אויף אַלע קברים פון די פריערדיקע גאונים, וואָס האָבן געדינט אין דער רבנות פון אונדזער קהילה״.

און אין צוויי חדשים אַרום, 21 טעג אין טבת, איז דער רב גע־שטאָרבן. מען האָט נאָך אים געזאָגט הספדים, ווי דער מנהג איז, מען האָט טאַקע געשטעלט אויף זיין קבר אַ מצבה, „ווי אויף אַלע קברים פון די גאונים״, און אויף דער מצבה האָט מען אויסגעקריצט שבחים אָן אַ שיעור (דער נוסח פון דער אויפשריפט איז אָפּגעדרוקט אין „קריה נאמנה״, ז׳ 132). דעמאָלט האָט דאָס דער קהל אַרויסגעטראָגן די החלטה, אַז מען זאָל אין ווילנע מער ניט אויפנעמען קיין רב ראשי. ר׳ שמואל איז בכן געווען דער לעצטער רב (הרב האחרון) אין ווילנע. אָבער אויך די מאַכט פון קהל איז געווען געבראָכן, און די פּרנסים זיינען שוין

צו דער פריערדיקער גדולה ניט געקומען. עס איז געווען די גסיסה־צייט פון דער אַלט־פּוילישער מלוכה, און אין צוויי יאָר אַרום האָבן די גרויסע שכנישע מלוכות אָפּגעריסן שטיקער פון איר לאַנד. דאָס גרויספירשטנטום ליטע איז אַרונטער אונטער דער רוסישער מאַכט, און אין דער געשיכטע פון די יידישע קהילות אין ליטע הויבט זיך אָן אַ נײַ קאַפּיטל.

*) עס פעלן אַלע הערות צו דעם אַרטיקל.

טעאַטער ביי יידן אין דער תקופה פון רענעסאַנס

דער רעליגיעזער קולט מיט וואָס עס איז געווען אַזוי ענג פאַרבונדן דער אַנטיקער און מיטלאַלטערלעכער טעאַטער, האָט יידן שטאַרק געשטערט אין שאַפן אַ רעליגיעזע דראַמע: דער „לא תעשה לך פסל“ האָט ניט דערלויבט די לירישע דיפיראַמבן זיך אַנטוויקלען אין קאָנקרעטע פאָרשטעלונגען: דאָס וואָרט האָט זיך ניט געקענט פאַרוואַנדלען אין מעשים (1). דאָס אייראָפּעאישע יידנטום האָט דעריבער געקענט האָבן אַ שייכות מיט טעאַטער ערשט דאַן, בעת דער טעאַטער האָט איבערגעריסן זיין פאַרבינדונג מיט דער קירך און די וועלטלעכע הומאַניסטישע דראַמע האָט אַרויסגעשטופּט די מיראַקלשפּילן און מיסטעריען פון מיטלאַלטער. ווי אַ פאַרלויפער פון דער דאָזיקער עפּאָכע מאַכנדיקן שינוי איז געווען דער איטאַליענישער רענעסאַנס, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט די באַפרייאונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט פון דעם אַפּוטרופּס פון דער קירך.

בכדי איבעררייסן מיט דער סכאָלאַסטיק און אַסקעטיזם פון מיטלאַלטער, האָט די הומאַניסטישע באַוועגונג פון רענעסאַנס זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן די קלאַסישע אַלטערטימלעכקייטן, ווייל אין דער היינטיקער ציוויליזאַציע האָט דער רענעסאַנס דערזען דעם שטאַרקן כלי־זיין קעגן פאַרגליווערטע, מיטלאַלטערע, טעאָלאָגישע פאָרמען פון לעבן. די דאָזיקע באַוועגונג האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער אַנטוויקלונג פון טעאַטער, שאַפנדיק אויף די חורבות פון גייסטלעך־רעליגיעזע מיסטעריען — די הומאַניסטישע דראַמע. דער אויפקום פון

---

1) אין אונדזער אַרבעט וועגן „דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער“, וואָס איז פאַרטיק צום דרוק, ווערט אויספירלעך באַהאַנדלט די פראַגע, פאַרוואָס האָבן זיך די ערשטע זאָמען פון טעאַטראַלישקייט ביי יידן ניט געקענט פאַרוואַנדלען אין אמתע טעאַטער פאָרשטעלונגען, ווי דאָס איז געווען ביי די אַלטע גריכן, און בעתן מיטלאַלטער ביי די אייראָפּעאיש פעלקער.

אַ טעאַטער וואָס איז פריי פון דעם קריסטלעך־טעאָלאָגישן צודעק שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווענדפונקט אין דער באַציאונג פון די אייראָפעאישע יידן צו טעאַטראַלישע ספּעקטאַקלען. זינט דעמאָלט ווערן יידן כהנים אין דעם טעמפּל פון מעלפּאָמענע, דער געטין פון טעאַטער.

די מאַטעריעלע און סאָציאַלע לאַגע פון די יידן אין איטאַליע איז ביז דער תקופה פון רעאַקציע, ד. ה. ביז דער צווייטער העלפט פון 16טן י"ה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון דעם קאַטאָליציזם קעגן רעפאָרמאַציע — געווען זייער אַ גינסטיקע. אין איטאַליע האָט מען ווייניג געפילט די קלאַסן אונטערשיידן און די השפעות פון דער אַריסטאָקראַטישער שיכט. דאָס אינטענסיווע פּאָליטישע לעבן אין די באַזונדערע שטעט און רעפּובליקן, דער פּאַרטיי־קאַמף, די שאַרפע שינוים אין אינסטיטוציעס און רעגירונגען — האָט גורם געווען דאָס באַזייטיקן פון קלאַסן מחיצות און אַזוי אַרום געשאַפן ברייטע מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּערזענלעכקייט. די סעניאָרן און הערשער פון 14טן און 15טן י"ה, אַליין אָפטמאָל מענטשן אָן יחוס, האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער מאַכט זיך גופא, זייער טאַלאַנט און ענערגיע. מען האָט זיך גערעכנט ניט אַזוי מיט יחוס אבות, נאָר מיט יחוס עצמו מיט דער וואָגיקער, ניט דורכשניטלעכער אינדיווידואַליטעט און געזעלשאַפטלעכע פּערזענלעכקייט גופא. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזעלכע תנאים האָבן אויך יידן געהאַט אַ חלק אין דער פרייהייט, וואָס איז געווען אַ יוצא מן הכלל אין דעם אייראָפּעאישן מיטלאַלטער. זיי האָבן שטודירט נאַטור־וויסנשאַפטן, אַסטראָנאָמיע, מעדיצין, בפרט דאָס לעצטע. יידישע רופאים זיינען געווען באַרימט אין גאַנץ איטאַליע. על פי רוב פלעגן פּויפּסטן און פירשטן אַנגאַזשירן דאָקטוירים טאַקע פון צווישן די יידן. קריסטלעכע געלערנטע האָבן געפירט אַ פריינטלעכע קאָרעספּאָנדענץ מיט זייערע יידישע קאָלעגן. צווישן די איטאַליענישע יידן זיינען אויך געווען אַ סך רעפּרעזענטאַנטן פון דער גרויסער פינאַנס וועלט. אין רוים, דער וועלט־שטאָט, האָט די יידישע פינאַנס אַריסטאָקראַטיע געשפּילט אַ גרויסע ראָל. יידישע סוחרים און באַנקירן זיינען געווען אין קאָנטאַקט מיט די גייסטלעכע און וועלטלעכע פירשטן און זיך באַמיט ניט אָפּשטיין פון זיי וואָס איז שייך, דער יאָגעניש נאָך וואויל־טאָג און הנאות פון לעבן. די יידישע „גאָלדענע יוגנט", קינדער פון אָט די דאָזיקע רעפּרעזענטאַנטן פון קאַפּיטאַל און מאַכט, האָבן מיט אַ באַזונדערע התמדה געזוכט אַלע תענוגים פון לעבן און זיך באַמיט איבעראַשן מיט דער איבערגעטריבענער אויסגעפּוצקייט און פאַר־

שייטקייט פון טומלדיקע שמחות (2). עס האָבן זיך אָפּגעהיט אַ סך דאָקומענטן וואָס באַשטעטיקן אַז אין דער רוימישער און אַנדערע קהילות האָט מען געפירט אַ פריילעך, זאָרגלאָז לעבן, אַז מען האָט געפּראַוועט פריילעכע סעודות, טומלדיקע שפּילן, זיך אָנגעטאָן אין רייכע בגדים און געגעסן טייערע, אויסערגעוויינלעכע שפּייזן (3).

דער ווידערקול וואָס די הומאַניסטישע ריכטונג האָט געפונען אין דער יידישער סביבה קען זייער לייכט אויפגעקלערט ווערן. די דאָזיקע ריכטונג האָט דאָך איבערגעריסן מיטן אַסקעטישן לעבנסקוק פון מיטל־אַלטער, וואָס האָט זיך פרייוויליק אָפּגעזאָגט פון עולם הזה און נסיונות. דאָס הויך קולטורעלע איטאַליענישע יידנטום וואָס האָט געלעבט אונטער דער געבענטשטער השפעה פון די גייסטיקע ריכ־טונגען פון די פּראָוואַנסאַלישע און שפּאַנישע אמונה־ברידער, האָט באַגריסט די גייסטיקע באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין איטאַליע. זי האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט דאָס דערוואַכן פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, וואו עס האָבן שטאַרקער אָנגעהויבן קלינגען די טענער פון עולם הזה. ביסלעכווייז איז רייף געוואָרן דאָס באַוואוסטזיין אַז דאָס לעבן איז ניט קיין זינד. פּאַראַלעל מיט דעם הימלישן און טראַנסצעדענטאַלן האָט די וועלט, דער מענטש אָנגעהויבן ווערן דער צענטער פון אינ־טערעס. דאָס איטאַליענישע יידנטום, הגם קליין אין צאָל, האָט אָנגעהויבן אַקטיוו זיך באַטייליקן אין דער אַנטוויקלונג פון קונסט, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אין איטאַליע.

באַזונדער חשוב איז געווען דער יידישער אָנטייל אין דער מוזיק. דער באַרימטער פלעטיסט און קאָמפּאָזיטער, דער ייד ד ז ש אָ ו אַ נ י מ אַ ר י אָ איז געווען דער ליבלינג פון דעם אויפגעקלערטן פּויפּסט לעאָן (דזשאָוואַני דעמעדיטשי), ער האָט דעם יידישן קינסטלער געשאָנקען דעם טיטל גראַף און דעם שלאָס ווערוטיני, שפּעטער האָט זיך

---

2) אין דער אינטערעסאַנטער סאַטירע „משא גיא חזיון" באַשרייבט בנימין בן אברהם פון דער משפחה ענוים, די יעמאָלטדיקע מנהיגים ביי יידן אין איטאַליע. (צום ערשטן מאָל געדרוקט אין 1560. איבערגעדרוקט אין 1860, אין לעמבערג. זען: ציננבערג, „געשיכטע פון דער ליטע־ראַטור ביי יידן", II, 243—248).

3) Vogelstein–Rieger: *Geschichte der Juden in Rom,* 1896, 280–285, 307–308.

מאַריאָ באַזעצט אין ווענעדיק, און געוואָרן דער הויף פלעטיסט פון דעם דאָזשע. לעאָן האָט געבעטן דעם דאָזשע לאָזן דעם באַרימטן שפּילער קומען אויף אַ קורצע צייט קיין רוים. דער דאָזשע האָט אויסגעפּילט די בקשה פון פּויפּסט, וועלכער האָט אָבער זיך מער ניט געוואָלט שיידן מיט זיין ליבלינג. דער ווענעציאַנישער פּאַרטרעטער אין רוים האָט עטלעכע יאָר שפּעטער געשריבן צום דאָזשע, אַז דער ייד דזשאָוואַני מאַריאָ האָט מיט נאָך דריי מוזיקער געשפּילט אויף אַ סעודה ביים פּויפּסט אַזאַ וואונדערבאַרן קוואַרטעט, אַז דער גאַנצער עולם איז אַריין אין אַן אומבעשרייבלעכן התפעלות. מאַריאָס קאָמפּאָזיציעס האָבן געהאַט אַ שם ווייט איבער די גרענעצן פון איטאַליע. דער מוזיקער האַנס הער פון נירנבערג האָט אין זיין מוזיקאַלישער זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1552, אָפּגעדרוקט אַכט קורצע קאָמפּאָזיציעס פון דעם יידישן קאָמפּאָזיטאָר און זעקס טענץ קאָמ־פּאָזיציעס פאַר אַ לוטנע (4).

ניט ווייניקער באַרימט איז געווען אַ צווייטער יידישער קינסטלער. ער האָט געהייסן יאַקאָפּאַ (יעקב) סאַנסעקאָנדאָ. דער באַרימטער הומאַניסט באַלטאַזאַרע קאַסטילאָנע, רפאל'ס פריינט, באַשרייבט די חתונה פון לוקרעצי באָרדזשיאַ, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1502. אויף דער דאָזיקער חתונה האָבן זעקס כלי־זמרים געשפּילט אַ פידל־קאָנצערט. קאַסטילאָנע דריקט אויס זיין באַוואונדערונג אַלמאַי די דאָזיקע קינסטלער האָבן געהאַט די מוט צו שפּילן אין דער אָנוועזנהייט פון אַזאַ באַרימטן מייסטער, ווי „אונדזער יאַקאָפּאָ סאַנסעקאָנדאָ". „ראַפאַעל" גופא האָט אים פאַר־אייביקט ווי דעם אַפּאָלאָ אויף זיין בילד „פּאַרנאַס". די דאָזיקע קינסטלער זיינען אָבער ווייט ניט געווען קיין יוצא מן הכלל. דזשאָווין פּאַוולאָ לאָמאַצאָ האָט אין זיין ווערק וועגן מאָלעריי, וואָס איז דערשינען אין מילאַן אין יאָר 1584, דערמאָנט זייער אַ סך יידן צווישן די באַרימטע מוזיקער און מאָלער פון זיין דור (5). אויך אין דער טאַנץ קונסט האָבן איטאַליענישע יידן אַרויסגעוויזן אַ סך התמדה. ניט נאָר מיידלעך האָט מען געלערנט טאַנצן, נאָר אויך יינגלעך. אַ יידישער טאַנץ מאַעסטראָ, וואָס האָט געלעבט אין 15טן י"ה, דער פּיסאַרער ייד

---

4) Vogelstein—Rieger, II, 434—435.
(דאָרטן ווערן רעפּראָדוצירט צוויי קאָמפּאָזיציעס פון Joan Maria אײנע הייסט Preambel; די צווייטע: Saltarello)

5) Lomazzo: Trattato dell arte della pittura, Milano, 1584.

דזשוליעמאָ (6) האָט אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן טראַקטאַט וועגן דער טאַנץ־קונסט. די דאָזיקע קונסט — זאָגט ער — איז „איידל און זייער מאָראַליש״. פון זיינעם אַ טאַנץ האָט אַ ייִדישער כלי־זמר דזשוזעפּע העברעאָ (יוסף דער ייִד) (7), פאַרשריבן די נאָטן (סוף 15טן י״ה).

דוד ראובני באַשרייבט אין זיינע זכרונות, ווי אַזוי ער איז אַמאָל זייענדיק צוגאַסט ביי אַ חשובן ייִדן, אַריינגעפאַלן אין מרה שחורה. כדי פאַרטרייבן דעם גאַסטס אומעט, האָט די בעל־הבית׳טע פון דער הויז און איר טאָכטער מיט אַ גרופּע ייִדישע מיידלעך פאַר־ווילט אים מיט טענץ (8). אפילו אין מאָלעריי, אַ געביט וואָס איז ביז צו יענער צייט געווען ייִדן פרעמד — האָט דאָס איטאַליענישע ייִדנטום אָנגעהויבן אַרויסשיילן טאַלענטירטע מייסטערס. אַזוי, למשל, איז באַרימט געוואָרן דער מאָלער משה דניאל קאַסטעלאַצאָ און יקותיאל בן שלמה פון רימיני, באַשאַפער פון די וואונדערלעכע מיניאַטורן פון דער הגדה של פסח, וואָס איז געווען אין דער זאַמלונג פון דעם פאַריזער ראָטשילד און פון אַנדערע אילומנירטע כתבי־יד (9).

אויף דעם געביט פון סקולפּטור האָבן די איטאַליענישע ייִדן אין דער תקופה פון רענעסאַנס ניט אַרויסגערוקט קיין איין אָנזעעוודיקן נאָמען. דערפאַר אָבער האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַ סך חוש און געפיל פאַר דער שיינקייט פון סקולפּטורישער אַרבעט. דער מיטצייטלערישער ביאָגראַף פון איטאַליענישע קינסטלער, דזשאָרדזשאָ וויזאַרי, דערציילט וועגן דעם ענטוזיאַזם, וואָס די באַרימטע סקולפּטור פון מיקל־אַנדזשעלאָ „משה״ האָט אַרויסגערופן ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג (10).

6) Guglielmo Ebreo' Pesarese, Trattato dell arte del ballo, Bologna, 1873.

(וועגן אים האָט אויספירלעך געשריבן Otto Kinkeldey אין זיין אַרבעט: A Jewish Dancing Master of the Renaissance. (Guglielmo Ebreo). Studies . . . in Memory of A. S. Freidus, 1929, 329—372.)

7) Guiseppe Ebreo.

8) דער ספר הזכרונות פון דוד הראובני, ייִדיש פון א. י. גאָלדשמידט, ווילנע, 1927, 86. דאָס איז געווען אין פּיזא ביי ר׳ יחיאלן נסים ב״ר שמואל״, דעם מחבר פון דעם ספר „מנחת קנאות״.

9) D. Kaufmann: *Die Haggadah von Sarajevo,* 302-303.

(זיין איטאַליענישער נאָמען איז געווען Mose dal Castellazzo, אויף העברעאיש פלעגט ער זיך חתמענען: קשטילאץ. וועגן אים איז פאַראַן אַן אַרבעט פון דוד קויפמאַן אין *Gesammelte Schriften,* I, 1908, 169—173.)

10) Le vite de piu excellenti pittori, scultori e architeti, 1550.

„יעדן שבת — שרייבט ער — פלעגן יידישע מענער און פרויען מחנותוויז עולה רגל זיין צו דער סקולפטור און מיט התלהבות און גרויס יראת הכבוד באַוואונדערן די משה־פיגור. זיי האָבן זיך אַנטציקט מיט דעם, ווי מיט עפּעס וואָס איז ניט פון דער וועלט, נאָר ממש געטלעך״.

דעם אינטערעס פאַר שיינקייט און פיינקייט באַשטעטיקט דער קוריאָזער פאַקט, וואָס דער באַוואוסטער היסטאָריקער יוסף הכהן האָט אין יאָר 1515 אָנגעשריבן אַ טראַקטאַט, אין וועלכן ער רעכנט אויס 33 תנאים, וואָס מאַכן פרויען שיין (11).

דאָס מאַכט ממילא פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס האָט דאָס איטאַליענישע יידנטום ארויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקן אינטערעס אויך פאַר דער טעאַטער קונסט.

קודם־כל האָט אין דעם פּרט משפּיע געווען די יידן דער קאַרנאַוואַל מיט זיינע שרייענדיקע, קאָלירפולע מאַסקעראַדן, וואָס איז געווען אַזוי באַליבט ביי די איטאַליענער. געטע האָט דאָס שפּעטער פּרעכטיק באַשריבן אין זיין בוך „איטאַליע״. די קירך, וואָס האָט גענומען אין אירע הענט די הנהגה איבערן טעאַטער, האָט אָנגעהויבן האָבן אַ דעה איבער די פאָלקס־יום־טובים. זי האָט געוואָלט אַרויפלייגן דעם חותם פון קריסטלעכקייט, אָדער לכל הפּחות פון קירכלעכקייט אויף דעם איטאַליענישן קאַרנאַוואַל, דעם דאָזיקן ריין נאַציאָנאַל ווידערקול פון די רוימישע סאַטורנאַליען. דער קאַרנאַוואַל האָט זיך אָבער שטאַרק אָנגעשפּאַרט אויף די אורשפּרינגלעכע, ריין פאָלק־פאָרמען, מיט זייערע בפירושדיקע געצנדינערישע עלעמענטן. אין דער תקופה פון רענעסאַנס, בעת די ליבע פאַר דער אַנטיקער קולטור איז געווען זייער שטאַרק, האָבן זיך די דאָזיקע שפּילן איינגאַנצן באַפרייט פון דעם קירכלעכן צודעק. די אַנטיקע העלדן האָבן באַזייטיקט די הייליקע פון דער קירך. אויף די איטאַליענישע גאַסן האָבן זיך שוין אָפטער באַוויזן פּרעכטיקע קאַרנאַוואַל־פּראָצעסיעס מיט סצענעס, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט די גרויסקייט פון די אַמאָליקע רוימישע קיסרים. דער קאַרנאַוואַל האָט ביסלעכווייז פאַרלאָרן זיין קירכלעכן כאַראַקטער, דאָס האָט גורם געווען אַז ער האָט נושא חן געהאַט ביי די איטאַליענישע יידן. האָבן זיי אויך, פּונקט ווי זייערע קריסטלעכע מיטבירגער, אַראָנ־

(11 Revue des Etudes Juives XVI, 29. (יוסף הכהן האָט דעם דאָזיקן טראַקטאַט א. נ. תנאי יופי האשה ל״ג וסימנם, געשריבן אין דער שטאָט Voltaggio בעת ער איז געווען קראַנק)

זשירט פייערלעכע קאַרנאַוואַלן; פריער נאָר פורים־צייט, שפּעטער אויך ביי אַנדערע יום־טובים, ווי, למשל, שמיני עצרות (12).

די ערשטע ידיעות וועגן יידישע מאַסקאַראַדן שטאַמט פון אָנהויב דעם 15טן י״ה. אין איינער פון זיינע שאלות ותשובות, באַריכט דער רב ר׳ יהודה מינץ וועגן דעם פאַרשפּרייטן מנהג פון פאַרשטעלן זיך פורים, בעת „יונג און אַלט, קינד און פרוי פאַרשטעלט זיך מיט מאַסקעס״. דער דאָזיקער רב דערקלערט אַז דאָס מעג מען, ווייל דאָס ווערט געטאָן כדי פאַרשטאַרקן די פריילעכע יום־טוב שטימונג. ער באַרופט זיך אויף דעם אויטאָריטעט פון זיינע לערערס „ביי וועלכע ער איז אויס־געוואַקסן און דערציילט, אַז יענע האָבן ניט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס זייערע זין און טעכטער, איידימס און שניר האָבן אַראַנזשירט מאַסקאַראַדן״ (13). לויט שטיינשניידערן זיינען „דראַמאַטישע פאַר־שטעלונגען, באַזירט אויף מגילת אסתר, געווען ביי יידן מסתמא עלטער, ווי די מאַסקאַראַדן (14). די דאָזיקע מיינונג פון דעם באַרימטן ביבליאָ־גראַף איז בפירושדיק ניט ריכטיק. דראַמאַטישע פאַרשטעלונגען ביי אייראָפּעאישע יידן זיינען בשום אופן ניט עלטער, ווי די מאַסקאַראַדן. אמת, די אַזיאַטישע יידן האָבן אין 5טן י״ה פון דער קריסטלעכער ערע געהאַט פורים־צייט שפּילן וואָס האָבן פאַרמאַגט אין זיך עלעמענטן פון אַ מאַריאָנעטן טעאַטער. לויט אַ ידיעה פון דעם קירכן־היסטאָריקער סאָקראַטעס, איז אין יאָר 415 פאַרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף יידן אין אַ שטעטל אינמעסטאַר. דאָס איז געווען פורים־צייט. די דאָרטיקע יידן האָבן געקרייציקט אַ המן־פיגור און שפּעטער זי פאַרברענט. די קריסטן האָבן חושד געווען, אַז דאָס איזדיעקוועזן זיי זיך איבער יעזוסן און דעריבער באַשלאָסן זיך נוקם זיין פאַר דעם „חלול השם״.

אין בבל אין דער תקופה פון גאונים פלעגט מען הענגען אויף אַ רייף אַ קוקלע, וואָס שטעלט פאָר המנען. די דאָזיקע רייף פלעגט מען וואַרפן איבער אַ ברענענדיקער שייטער אַזוי לאַנג, ביז די שטריק האָט זיך איבערגעברענט און די הילצערנע קוקלע איז פאַרשלונגען געוואָרן פון פייער. אין יעמען פלעגט מען פורים־צייט פירן איבער די גאַסן אַ המן־פיגור געפאַרבט אין שרייענדיקע קאָלירן, נאַטירלעך גרויס. נאָך אים איז געפאָרן מרדכי רייטנדיק אויף אַ פערד. אויף דעם שול־

---

12) שו״ת ר׳ שמואל אבוהב, סימן רמז.

13) שו״ת מהר״ם מינץ. ווענעדיק, 1553, דף 35-36.

14) MGWJ, 1902, 181

הויף פלעגט מען די קוקלע הענגען אויף אַ בוים געוואָרפן אין איר פיילן און שטיינער ביז מען האָט זי אינגאַנצן פאַרניכטעט (15).

די דאָזיקע שפּילן זיינען בלי־ספק איבערגענומען געוואָרן פון די ביבלישע און יעמעניטישע יידן פון זייערע מזרח־ברידער אין אינדיע. כידוע, האָבן די יידן אין בבל געהאַט אין 9טן י״ה אַ מגע־ומשא מיט די יידן פון דעם מאַלאַבאַרישן ים־ברעג. אין אינדיע זיינען פאָלק־דראַמעס געווען אויפגעפירט אין גאָר אַלטע צייטן. זיי האָבן געמוזט משפּיע זיין די יום־טובים פון די דאָרטיקע יידן שוין צוליב דעם טעם, וואָס די דאָרטיקע באַפעלקערונג האָט זיך באַטייליקט אין דעם פּורים יום־טוב באַגלייך מיט די יידן. כידוע, פלעגן יידן אין אינדיע בכלל, און אויף דעם מאַלאַבאַרישן ים־ברעג בפרט, פייערן פּורים צוזאַמען מיט די תושבים. מען פלעגט נעמען צוויי פּרעכטיק אויסגעפּוצטע מאַריאָנעטן פיגורן און שלאָגן איינע אָן דער צווייטער אַזוי לאַנג, ביז איינע פון זיי איז געפאַלן אַ צעבראָכענע. דער קרבן האָט געהייסן המן, דער זיגער — מרדכי (16).

אויפן ערשטן קוק זעט אויס זייער מאָדנע, וואָס תושבים — ניט יידן—באַטייליקן זיך אין אַ פּורים יום־טוב. אַ האָלענדישער משומד, איינער לעאָפּאָלד יעקב פאַן דאָרט, קלערט אָבער אויף דעם דאָזיקן ענין. אין יאָר 1757 האָט ער באַזוכט די שטאָט קאָטשין, אין מאַלאַבאַריע, וואו יידן וואוינען פון גאָר אַלטע צייטן. דער דאָזיקער דאָרט האָט שפּעטער אָפּגעדרוקט אַ באַריכט וועגן די מאַלאַבאַרישע יידן, וואָס איז לויט זיין פאַרזיכערונג צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון דעם פּנקס פון דער דאָרטיקער קהילה (17). לויט מגלת אסתר איז דער מערבדיקער ברעג פון אינדאָסטאַנישן האַלב אינזל אייגנטלעך די סאַמע וויט פאַררוקטע מזרח־גרענעץ פון אַחשורוס מלוכה. לויט דאָרטס באַריכט געפינען זיך ביי די יידן אין קאָטשין „עד היום צוויי בריוו געשריבן אין דעם לשון טאַמיל, וואָס מלך אַחשורוש האָט געשיקט בנוגע המן און מרדכי (18).

(15 Mitt. f. jüd. Volkskunde, I, 106. III, 35.

16) (וועגן דעם פּורים־ספּעקטאַקל „משוררתא דפוריא" איז פאַראַן שוין אַ ליטעראַטור. זען: י. שאַצקי, „טעאַליט", 1924, העפט 3; י. שיפּער: געשיכטע פון יידישער טעאַטער קונסט און דראַמע, וואַרשע, 1928, III, זז' 7—13.)

17) „מאסף", 1790, זז' 138—144.

18) טאַמיל איז אַ דיאַלעקט פון דעם צווייג פון די הינדוסישע לשונות.

„קאָפּיעס פון די דאָזיקע בריוו — גיט צו דאָרט — ווערן אָפּגעהיט אין די טעמפּלען פון דער היגער באַפעלקערונג פון שבט ק א נ א ר ו נ ז, וועלכע פייערט דעם טאָג פון פורים דעם זעלבן טאָג וואָס די יידן. ביי דעם דאָזיקן שבט איז פאַרשפּרייט אַ מסורה, אַז זיי זיינען די אָפּשטאַמלער פון אחשדרפנים „וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין מגלת אסתר, און דעריבער פייערן זיי זינט אחשורושס צייט אײן טאָג פורים".

אין יאָר 1767 האָט דער יידישער סוחר טוביה באָאז, פון האַאַג (האָלאַנד) זיך געווענדעט מיט אַ בריוו צו אַ יידן אין קאָטשין, איינעם יחזקאל ר ח ב י, מכח די מנהגים פון די דאָרטיקע יידן. רחבי, וואָס האָט געפירט מסחרים מיט באָאַזן, האָט אים געענטפערט מיט אַן אויס־פירלעכן בריוו, אין וועלכן ער פירט אַריין זיין קאָרעספּאָנדענט אין דער געשיכטע פון דעם יידישן ישוב אין מאַלאַבאַר, ווי אויך וועגן דעם מעמד פון דער קאָטשינער קהילה (19). צווישן אַנדערע ענינים שרייבט ער אַזוי:

„אַכט טעג חנוכה זיינען מיר זיך משמח, ווי דאָס ווערט ניט געטאָן אין קיין שום לאַנד. דאָס זעלבע אויך פורים־צייט. פון ערשטן טאָג אין חודש אדר ביז דעם 16־טן טאָג אַראַנזשירן מיר פריילעכע שפּילן, טענץ און ק אָ מ ע ד י ע ס".

ליידער פעלן פּרטים וועגן די דאָזיקע „קאָמעדיעס", וואָס דער ייד פון קאָטשין באַשרייבט. ממילא איז שווער צו זאָגן וואָס פאַר אַ כאַראַקטער זיי האָבן געטראָגן און וואָס איז זייער אָפּשטאַם.

בכל אופן — עס איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז די אייראָפּעישע יידן האָבן בעת דעם מיטלאַלטער ניט געמאַכט אין טאָג פון פורים קיין דראַמאַטישע פאַרשטעלונגען. עס איז נאָר באַקאַנט דער מנהג פאַר־שפּרייט ביי די פראַנצויזישע און דייטשע יידן פון 13טן י"ה פון קלאַפּן אין שטיין אויף אַ צווייטן, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעצייכנט המנס נאָמען, ביז די אויפשריפט איז פאַריבן געוואָרן (20). אויף אַזאַ אופן האָט מען אויסגעדריקט די פאַראַכטונג פאַר המנס אָנדענק. אָפילו עמנואל הרומי און קלונימוס בן קלונימוס, דער מחבר פון דער פּאַראָדיע „מסכת פורים" און פון דער סאָציאַלער סאַטירע „אבן בוחן" (ביידע געלעבט אין רוים אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון 14־טן

---

19) „מאסף", 1790, זז' 258—263.
(צינבערג שרייבט בטעות אַז באָאַז איז געווען אַ פּראַגער. ער איז געווען אַ האָלענדישער ייד, אַ באַרימטער סוחר, באַנקיר און כלל־טוער.)

20) Johann Buxdorf: *Synagoga Judaicta*, 1643, 564.

אין הסכם מיטן פּסוק אין דברים, כה, יט.

יאָרהונדערט) האָבן גאָרנישט ניט געוואוסט וועגן דראַמאַטישע פאַר־שטעלונגען ביי יידן, אַז ניט וואָלטן זיי דאָס דערמאָנט אין זייערע ווערק (21).

עס איז מעגלעך, אַז פורים־צייט פלעגט מען מאַכן קליינע, אימ־פּראָוויזירטע סצענקעס, ווי דאָס פלעגט געטאָן ווערן פסח־צייט.

אַזאַ סצענע באַשרייבט דער היסטאָריקער אייבערהעמס (22). ביי דעם סדר בעת מען פלעגט האַלטן ביים זאָגן „שפוך המתך״, עפנט זיך די טיר. איינער פון דער משפחה, על פּי רוב, אַ יינגל, וואָס האָט זיך באַהאַלטן, פלעגט זיך אַריינרייסן אין צימער מיט אַ וואַנדערשטאָק אין האַנט און אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס. דער ראש פון דער משפחה פרעגט: פון וואַנען ביסטו, וואַנדערער? יענער ענטפערט: פון מצרים.

— ביסטו אַרויס פון קנעכטשאַפט אין פרייהייט?

— יאָ, איך בין אַ באַפרייטער!

— וואוהין גייסטו דאָס איצט?

— קיין ירושלים!

— זעץ זיך אַוועק מיט אונדז און לאָמיר צוזאַמען זאָגן די הגדה.

דאָס פעלן פון אַ דראַמאַטישער „האַנדלונג״ אין דעם פורים־יום טוב פלעגט קאָמפּענסירט ווערן מיט אַן עודף פון אַ לירישן עלעמענט. יידן אין מיטלאַלטער האָבן געשאַפן אַ גאַנצע ליטעראַטור פון הומאָ־ריסטישע שירים און פּאַראָדיעס צוגעפּאַסט פאַר פורים און געזונגען יענעם טאָג דורך דער יוגנט (23). אַ שאַרפע ענדערונג איז פאָרגעקומען ערשט סוף 16טן יאָרהונדערט. די צווייטע העלפט פון יענעם יאָר־הונדערט שטעלט מיט זיך פאָר אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון דעם איטאַליענישן טעאַטער, ממילא אויך אין דעם אייראָפּעאישן. אין יאָר 1427 האָט דער באַרימטער ניקאָליי קוזאַנוס אַנדעקט 12 לכתחילה אומבאַקאַנטע קאָמעדיעס פון דעם רוימישן שרייבער

---

21) זייער עלטערער בן־דור שלמה בן אדרת (רשבא) דערמאָנט וועגן אַ שטראָף וואָס דער בישאָף פון מאַרסיי האָט אַרויפגעלייגט אויף די דאָרטיקע יידן, דערפאַר וואָס זיי האָבן פורים־צייט איינגעאָרדנט אַ שפּיל, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ באַליידיקונג פון רעליגיע. לײדער ווערט ניט אויפגעקלערט, וואָס פאַר אַ שפּיל דאָס איז געווען. זען: שו״ת רשבא, III, סימן 289.

22) Israel Abrahams: *Jewish Life in the Middle Ages*, Philadelphia, 1917, 154.

23) אַ קלאַסישער מוסטער איז די פריער־דערמאָנטע פּאַראָדיע „מסכת פורים״ פון קלונימוס בן קלונימוס. (זען: צינבערג, „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, II, זז׳ 297—306.)

פּלאַווטוס. צווישן זיי איז די סאַמע וויכטיקסטע געווען Menechmi (צווילינג). מען האָט תיכף אין אַלע איטאַליענישע אוניווערסיטעטן איינגעאָרדנט ספּעציעלע קורסן וועגן פּלאַווטוסן און צום סוף באַשלאָסן שפּילן זיינע פּיעסן אויף דער בינע. דער דאָזיקער געדאַנק איז געקומען פון קאַרדינאַל טעגנאַאום. דער הומאַניסט פּאָמפּאָנוס לעטאָ האָט דאָס דורכגעפירט און איז געוואָרן ביי די רייכע פּרעלאַטן דער רעזשיסאָר פון פּלאַווטוסן און אַפילו טערענציען.

דער דאָזיקער פאַקט איז געוואָרן דעצידירנדיק ניט נאָר אין באַשאַפן די הומאַניסטישע דראַמע, נאָר אויך דער ערשטער שטויס צו שאַפן דעם נייעם אייראָפּעאישן טעאַטער.

לכתחילה האָט מען זייערע קאָמעדיעס געשפּילט אויף לאַטיין, שפּעטער האָט מען זיי געשפּילט אין באַאַרבעטונגען אויף איטאַליעניש. אונטער דער השפּעה און לויטן מוסטער פון די אַלט־רוימישע קאָמע־דיעס, האָט זיך גאָר שנעל אַנטוויקלט די נאַציאָנאַל־איטאַליענישע קאָמעדיע. זי איז באַאַרבעט געוואָרן פון אַזעלכע טאַלענטירטע שרייבער ווי אַריאָסטאָ מאַקאַוויעלי און אויך פּיעטראָ אַרעטינאָ. דאָס האָט גורם געווען, אַז שוין אין די צוואַנציקער יאָרן פון 16טן י״ה איז דער נצחון פון דער מוטער שפּראַך אין דער טראַגעדיע און קאָמעדיע שוין געווען כמעט אַ פאַרזיכערטער, וואָס איז שייך דעם איטאַליענישן טעאַטער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די הומאַניסטן איז דאָס ניט געווען שטאַרק צום האַרצן.

די קאָמעדיעס פון פּלאַווטוס און טערענץ — באַקלאָגט זיך דער הומאַניסט פּאַאָלאָ דזשאָוואָ — וואָס איז אַמאָל געווען אַ שול פאַר לאַטיינישע געניטונגען פאַר די חשובע רוימער, זיינען איצט פאַרטריבן געוואָרן דורך איטאַליענישע קאָמעדיעס. עס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש און וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון דער קולטור פון איטאַליענישע יידן, אַז גראַד צו יענער צייט געהערן די ערשטע ידיעות וואָס זיינען אונדז דערגאַנגען וועגן דעם יידישן טעאַטער אין איטאַליע.

2

אין זיין טאָג־בוך האָט דער היסטאָריקער מאַרינאָ סאַנוטאָ פאַרנאָטירט, אַז אין אָוונט פון 4טן מערץ 1531, האָט ער געזען אין ווענעציאַנישן געטאָ אַ „פּרעכטיקע קאָמעדיע״, געשפּילט פון יידן (24).

יענעם יאָר איז דער 4 מערץ אויסגעפאַלן דעם פּופצנטן טאָג

(24 Una belissima comedia

אין חודש אָדר, ד. ה. שושן פורים. דאָס איז די סאַמע עלטסטע ידיעה, וואָס איז פאַראַן וועגן אַ יידישן פורים־שפיל אין אייראָפּע. די רייכע ווענעציאַנישע קהילה האָט שוין אין 15־טן יאָרהונדערט געשמט מיט איר ליבע פאַר קונסט.

יידישע מוזיק־שולן האָבן געהאַט אַזאַ שם, אַז די יוגנט פון דעם ווענעציאַנישן יחוס האָט גערן זיי באַזוכט און זיך געלערנט זינגען און שפּילן אויף פאַרשיידענע אינסטרומענטן. די שטאָט־טאַטעס איז דאָס שטאַרק ניט געפעלן. כדי אָפּהיטן די יוגנט פון אַ נסיון, האָט דער סענאַט אין יאָר 1434 פאַרבאָטן יידן זיך לערנען אין שולן שפּילן, זינגען און טאַנצן און בכלל קומען אין אַ מגע ומשא מיט קריסטלעכע פרויען. אָבער ווי עס פלעגט אָפט טרעפן דווקא אין איטאַליע, זיינען די גזרות געבליבן מער אויפן פּאַפּיר, ווי אין לעבן, די מוזיקאַלישע שולן האָבן ווייטער געבליט אין דער יידישער קהילה פון ווענעציע, ניט געקוקט אויף דעם פאַרבאָט.

אין די דרייסיקער יאָרן פון 16־טן י״ה איז שוין, הייסט עס, געווען אַ יידישער טעאַטער אויף איטאַליעניש, אויף דער שפּראַך, וואָס איז געווען ניט נאָר די גערעדטע שפּראַך פון די דאָרטיקע יידן, נאָר אויך אין אַ גרויסער מאָס זייער קולטור שפּראַך. וואָס איז געווען דער רעפּערטואַר פון דער יידישער טרופּע אין ווענעציע? וועגן דעם איז, ליידער, קיין ידיעות ניט פאַראַן. עס איז ניט קיין צופאַל אָבער, וואָס גראַד אין ווענעציע האָט אַ שפּאַנישער ייד, שלמה אושקווע, אָנגעשריבן בשותפות מיט אַ צווייטן דיכטער אליעזר גראַציאַניאַ, אַ ביבלישע דראַמע „אסתר״ (25). די דאָזיקע דראַמע איז ניט געווען געדרוקט און איז, משמעות, אָנגעשריבן געוואָרן נאָר פאַר דער בינע. מען קען דעריבער זיך משער זיין, אַז הגם די יידישע טרופּע האָט־געוויינלעך געשפּילט איטאַליענישע פּיעסן, האָט זי אין אויסנאַם פאַלן, ווי למשל, פורים, געשפּילט ריין ביבלישע פּיעסן.

---

25) דאָ קומט אַ לענגערע הערה פון צינבערגן, אַז די פאָרשער האָבן געמאַכט אַ טעות מיינענדיק אַז די דאָזיקע דראַמע איז געשריבן אויף שפּאַניש. עס איז ריכטיק, אַז די דאָזיקע דראַמע איז געווען געשריבן אויף איטאַליעניש. סעסיל ראָט (Venice, 199) שרייבט, אַז שלמה אושקווע אָדער דאָרטע גאָמעץ ווי ער האָט געהייסן אין פּאָרטוגאַל האָט „אַנטוויקלט אַ פּרימיטיוון פּורים-שפּיל אין אַ דראַמע „אסתר״. פון וואַנען האָט געשטאַמט דער דאָזיקער „פּרימיטיווער פּורים-שפּיל״ קלערט ער אָבער ניט אויף. אושקוועס „אסתר״ איז געווען געשפּילט אין 1559, 1592, און אַפילו אין 17-טן יאָרהונדערט.

די ידיעות וועגן דער יידישער טעאַטער טרופּע אין וועגעדיק זיינען זייער מאָגערע און צופעליקע. דערפאַר פאַרמאָגן מיר אָבער אַ סך מער פאַקטן וואָס איז שייך דער יידישער טרופּע אין דער שטאָט מאַנטוא (26).

אין 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט איז מאַנטוא געווען דער צענטער פון דער געבילדעטער אַריסטאָקראַטיע אין איטאַליע. די סאַמע פּראָמינענטע פאַרטרעטער פון דער דעמאָלדיקער קולטור־וועלט זיינען געווען שטאַמגעסט פון דער פירשטלעכער דינאַסטיע ג אָ נ ־ צ א ג אָ. די גרעסטע פּאָעטן פלעגן שיקן דעם פירשטלעכן הויף זייערע ווערק, הגם דער דאָזיקער הויף האָט זיך ניט געבאָדן אין עשירות. אָפט האָט געטראָפן אַז דער מלוכה־אוצר איז געווען פּשוט ליידיק.

אויף יענעם הויף אין מאַנטוא — איז אין יאָר 1472 געשפּילט געוואָרן די ערשטע איטאַליענישע טראַגעדיע געבויט לויט די אַלטע גריכישע פאָרמען. דאָס איז געווען „אָ ר פ ע א ו ס פון אַ נ ד ז ש ע ל אָ פּ אָ ל י צ י א נ י". די פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע יידישע קהילה אין מאַנטוא האָט זיך אין 16־טן י"ה געפונען אין אַ גוטן מצב.

„מיר ווילן — האָט געשריבן דער פירשט אין יאָר 1545 — אַז אין זייערע עסקים אין פּרנסות זאָלן די יידן פון אונדזער שטאָט זיין אַזוי פריי און זיכער, ווי עס זיינען דאָס די קריסטן".

אַ פראַנצויזישער רייזענדער פון סוף 16־טן י"ה שרייבט, אַז די יידן אין מאַנטוא פילן זיך אַזוי פריי, אַז מען אונטערשיידט זיי ניט פון די קריסטן, חוץ אפשר דעם געלן אָדער אָראַנזשעווען סימן וואָס זיי טראָגן אויף דעם אויבערשטן בגד.

די קהילה אין מאַנטוא איז געשטאַנען קולטורעל זייער הויך און האָט זיך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג פון די איטאַליע־נישע הומאַניסטן. פון איר סביבה איז אַרויס דער סאַמע געלערנטער און פרייער פאָרשטייער, וואָס דאָס איטאַליענישע יידנטום האָט אַרויס־געגעבן, ד"ה ע ז ר י ה ד ע ר אָ ס י. (מן העדומים), אין מאַנטוא האָט דער רופא אברהם כונת (קאָנאַט) געעפנט אין יאָר 1476 די ערשטע דרוקעריי. די גרויסע תלמודיסטן, דוד פּראָוואַנסאַל און זיין זון אברהם, האָבן געגרינדעט אַ ישיבה און אַפילו זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק עפענען אין מאַנטוא אַ ספּעציעלן יידישן אוניווערסיטעט, וואו די יוגנט זאָל קענען גלייכצייטיק לערנען תורה, מעדיצין און אַנדערע

(26 Alessandro d'Ancona: Origini del Teatro Italiano, Torino, 1891, II, 398—429.

וועלטלעכע זאַכן. דאָרטן האָט מען אויך געהאַט בדעה צו לערנען לאַטיין, פילאָסאָפיע אאַז״וו (27).

די קהילה אין מאַנטוא האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט קונסט. שוין אין די ערשטע צענדליק יאָרן פון 16־טן י״ה האָבן די דאָרטיקע יידישע קינסטלער זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין טעאַטער־קונסט, אַז דער הערצאָג גאָנצאַגאַ האָט זיך געווענדעט צו דער קהילה און פאָרגעלייגט אָרגאַניזירן פאַרן הויף־טעאַטער אַ טרופּע פון יידן־אַקטיאָרן. די קהילה איז תיכף אַנטקעגן געקומען דעם הערצאָגס פאַרלאַנג און האָט גלענצנד דורכגעפירט איר שליחות.

די יידישע טעאַטער טרופּע האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער געשיכטע פון איטאַליענישן טעאַטער. זי האָט עקזיסטירט גאַנצע הונדערט יאָר, ביז דעם אָפּשטאַרבן פון דער גאָנצאַגאַ דינאַסטיע אין מאַנטוא.

אין ליכט פון די היסטאָרישע דאָקומענטן לאָזט זיך כאַראַקטעריזירן די טעטיקייט פון דער יידישער טרופּע, וואָס האָט געשפּילט אין הויף־טעאַטער אין יאָר 1525—1605.

די הויף אַדמיניסטראַציע איז געווען זייער טאָלעראַנט צו די יידן אַקטיאָרן. פרייטיק, למשל, האָט מען אָנגעהויבן די פאָרשטעלונגען אַזוי פרי ווי מעגלעך, כדי די אַקטיאָרן זאָלן קענען פאַרענדיקן דאָס שפּילן פאַר ליכט־בענטשן. עס פלעגט טרעפן, אַז דער ספּעקטאַקל האָט זיך פאַרשפּעטיקן און די פרומע אַקטיאָרן פלעגן איבעררייסן די פאָרשטעלונג אינמיטן. איינמאָל האָט די טעאַטער פאַרוואַלטונג אַפילו געלאָזט וויסן דעם הערצאָג, אַז דער ספּעקטאַקל, וואָס ער האָט באַשטימט, קען בשום אופן ניט פאָרקומען און אויך ניט אַ טאָג שפּעטער, ווייל גראָד אין יענע טעג פאַלן אויס יידישע יום־טובים. אַ צווייט מאָל ווערט אָנגעוויזן, אַז די אַקטיאָרן קענען שבת ניט שפּילן, ווייל אין דער פּיעסע דאַרף מען שיסן, וואַרפן פייער, שפּילן אויף אינסטרומענטן א. ז. וו.

די הויף פאַרוואַלטונג פלעגט דערלויבן דער יידישער טרופּע גאַסטראָלירן אין ווענעציע. פאַר יעדן גאַסטראָל האָט מען אָבער געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש. די מאַכט אין ווענעציע איז

---

27) די ליטעראַטור וואָס צינבערג גיט אָן וועגן דעם ענין איז שוין טייל־ווייז פאַרעלטערט. אין זיין „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, IV, 133, א. וו. ווערן אָנגעגעבן מער פּרטים. אויך די פּאָלעמישע באַמערקונג וועגן דעם וואָס מיינט „בתי קרקסאות״ איז שוין פאַרעלטערט. היינט איז שוין פעסטגעשטעלט אַז דאָס מיינט אוניווערסיטעטן און לאַבאָראַטאָריעס און ניט קיין טעאַטערס.

תמיד געווען גרייט געבן אַזאַ דערלויבעניש בתנאי אַז קריסטן וועלן ניט באַזוכן די דאַזיקע ספּעקטאַקלען. אַזוי אַרום איז די יידישע הויף־טרופּע געפאָרן אויף ספּעציעלע גאַסטראָלן אין דעם ווענעציאַנישן געטאָ. ליידער, לאָזט זיך ניט פעסטשטעלן דער רעפּערטואַר פון די דאַזיקע שפּילער: האָבן זיי געשפּילט פּיעסן פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער אָדער פון יידישן אינהאַלט?

אין די 10 יאָרן פון 16־טן י״ה האָט די דאָזיקע טרופּע דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון דערפאָלג. דאָס איז געווען אין זכות פון אַן אויסערגעוויינלעך פעאיקן רעזשיסאָר און אָרגאַניזאַטאָר, וואָס האָט זיך געשטעלט בראש פון דער דאָזיקער טרופּע, זיין נאָמען איז געווען: יהודה לעאָנע בן יצחק סאָממא (28). געבוירן אין מאַנטוא. אין יאָר 1527, האָט סאָממא אנגעהויבן זיין טעטיקייט אין דער שטאָט פעראַרא. דאָרטן האָט געהערשט די דינאַסטיע עסטע, וואָס איז געווען אַ משפחה צו די מאַנטואַנער גאָנצאַגאָס. די עסטעס האָבן זיך קונה־שם געווען מיט זייער אינטערעס פאַר דער טעאַטער קונסט אין זייער טעאַטער, ספּעציעל אויפגעבויט פאַר דעם צוועק. האָט מען נאָך אין יאָר 1486 געשפּילט די קאָמעדיעס פון פּלאַוטוסן.

סאָממא איז געווען אַ בקי אין דער רבנישער ליטעראַטור. עזריה די ראָסי האָט אים גערופן „טייערער פריינט“ (דוד אדוד) און זייער געלויבט זיין בקיאות. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער סטיליסט, ווי דאָס איז צו זען פון זיין העברעאישן פּאָעמע „גו נשיין“. וואָס איז געווידמעט חנה ריעט (29). אָבער הויפּטזעכלעך האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט טעאַטער און דער איטאַליענישער ליטעראַטור. ער האָט געהאַט זייער ברייטע באַקאַנטשאַפטן אין דער קינסטלערישער וועלט. עס האָבן זיך אָפּגעהיט זיינע איטאַליעניש באַשריבענע סאָנעטן,

---

28) פאַקטיש האָט ער געהייסן: Leone de Sommi Partaleone — אויך da Sommi; Leone Ebero — זען וועגן אים די אַרבעט פון דוד קויפמאַן: Gesammelte Schriften, III, 303—318.

(מיר ליגן אויס זיין נאָמען פאָנעטיש. אויף העברעאיש האָט ער זיך געשריבן: „יהודה סומו משער אריה“. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1527 און איז געשטאָרבן אין 1592.)

29) זינט ציננבערגס אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן איז צוגעקומען אַ סך נייע ידיעות וועגן סאָממי. אַזוי, למשל, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז ער האָט אָנגעשריבן אויף העברעאיש אַ קאָמעדיע א. נ. „צחות בדיחותא דקדושין“. זען: MGWJ, 1931, 97—117.

(אַרטיקל פון י. שירמאַן) און ציננבערג: געשיכטע פון ליטעראַטור, VI, זז׳ 246—347.

געווידמעט דער באַרימטסטער שוישפּילערין פון יענער תקופה, פלאמענגאַ. עס האָבן זיך אויפגעהיט זיינע כתב־ידן אין אַ צאָל פון 16 בענד. פון זיי איז צו זען אַז ער האָט געשריבן אַ סך פּאָעטישע ווערק און אויך פּיעסן. די דאָזיקע פּיעסן זיינען על פּי רוב געווען געלעגנהייט־שטיק, געשריבן לכבוד די מיטגלידער פון דער פירשטלעכער משפחה און אויפגעפירט ווי פּראַכטפולע ספּעקטאַקלען. אייניקע פּיעסן זיינען פון אים אָנגעשריבן געוואָרן אויף דער בקשה פון מאַנטואַנער אַקאַדע־מיע. אין יאָר 1515 האָט סאָממאַ אָנגעשריבן אַ פּיעסע אין שייכות מיטן טויט פון דעם הערצאָג, זיין ציל איז געווען — ווי ער דריקט זיך אויס — „לייכטער מאַכן דעם שאַרפן טרויער פון דער אַקאַדעמיע". פּאָר זיינע פאַרדינסטן לגבי דער אַקאַדעמיע און דעם הויף איז סאָממאַ אויסגעוויילט געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע. היות אָבער ווי אַ מיטגליד פון אַן אַקאַדעמיע האָט באַקומען דעם טיטל „קאַוואַלער". וואָס דאָס איז געווען די חזקה פון קריסטן, האָט מען דעם יידן־אַקאַדע־מיקער געגעבן אַ טיטל פון ד"ה סעקרעטאַר־מיטאַרבעטער.

בדרך כלל זיינען סאָממאָס פּיעסן על־פּי־רוב געווען פּאַרטאַראַלן און אַלעגאָריעס אויף אַלט־גריכישע טעמעס און געווען ווייט פון קינסטלערישן ווערט. אָבער זיין באַדייטונג איז ניט ווי אַ פּיעסן־שרייבער, נאָר ווי אַ טעאָרעטיקער פון טעאַטער. זיינע פיר דיאַלאָגן וועגן טעאַטער קונסט (30 זיינען געוואָרן קלאַסיש. דער ערשטער דיאַלאָג גיט אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער דער טראַגעדיע, אירע פאָרמען און עיקרדיקע סימנים. סאָממאַ, למשל, האַלט, אַז משה רבינו איז אייגנטלעך געווען דער פאָטער פון דער דראַמע, ווייל אים שרייבט ער צו די מחברשאַפט פון איוב. ער שטעלט זיך אָפּט אָפּ אויף דעם דראַמאַטיזם פון יידישע אגדות און מסורות. אַזאַ אַלטע אַראַמעאישע אגדה האָט סאָממאַ אַליין איבערגעזעצט אויף איטאַליעניש.

אין דעם צווייטן דיאַלאָג באַהאַנדלט ער די קאָנסטרוקציע פון דער דראַמע, די פאַרטיילונג אויף אַקטן און סימעטרישע צוגלידע־רונגען פון די אַקטן, די ראָל פון גרים, קאָסטיום אאַז"וו. סאָממאָס דיאַלאָגן האָבן קודם־כל געצילט קעגן דער ריכטונג, וואָס האָט גע־הערשט אין איטאַליענישן טעאַטער און וואָס האָט געהאַלטן, אַז טעאַ־טער איז קודם־כל אויסערלעכער גלאַנץ און פּראַכט. די איטאַליענער

(30 Dialoghi sull arte Representativa.

זיי ווערן אַנאַליזירט אין די אַנקאָנאַס בוך וועגן טעאַטער אין איטאַליע. (שפּעטער זיינען די דאָזיקע דיאַלאָגן געווען איבערגעדרוקט עטלעכע מאָל.)

האָבן זיך געקוויקט מיט בענגאַלישע פייערן, רייכע דעקאָראַציעס און קאָסטיומען, גרויסע מאַסן־סצענעס און וואולגאַרן רעאַליזם.

דער מחבר פון די פיר דיאַלאָגן האָט קודם כל דערפילט, אַז דרויסנדיקער גלאַנץ איז דער גרעסטער געפאַר אין טעאַטער און אַז פון צו שיינע דעקאָראַציעס ליידט קודם כל דער דראַמאַטישער עלעמענט, וואָס איז לויט אים געווען דער עיקר אין טעאַטער. דערפאַר ווערט סאָממא ניט מיד אונטערצושטרייכן אַז אין צענטער פון טעאַטער שטייט דאָס שפּילן פון די אַקטיאָרן און ניט דעקאָראַציעס. ער גיט די אַקטיאָרן זייער פּרטימדיקע אָנווייזונגען מכח אַ ריינער אויסשפּראַך און קונסט צו רעציטירן, ער טרעט אַרויס זייער שאַרף קעגן מאַסקעס, וואָס זיינען דעמאָלט באַנוצט געוואָרן אין טעאַטער. מאַסקעס און צוגעטשעפּעטע בערד — האָט ער געשריבן — זיינען אַ גרויסע מניעה פאַר אַ קלאָרער דיקציע, ער לאַכט אויס די פאַראורטיילן פון דער דעמאָלטיקער טעאַטער פּראַפּעסיע, וואָס האָט ניט געגלויבט, אַז מען קען שפּילן די ראָלע פון אַ זקן אָן אַ צוגעטשעפּעטער באָרד.

„גיט מיר אַ ווייסן פּאַרוק און בליי צום גרימירן — האָט סאָממאָ געשריבן, — און איך וועל אייך ווייזן ניט נאָר אַ בכבודיקן, פיינעם זקן, נאָר אויך אַ עבר בטל טיפ". סאָממא האָט געלערנט, אַז דער אַקטיאָר דאַרף זיך אַ סך אָפּגעבן מיט שטודירן זשעסטיקולאַציע.

די מימיק פון דעם אַקטיאָר דערגאַנצט דעם געדאַנק פון דעם פּאָעט, דערפאַר דאַרף די באַוועגונג גיין האַנט אין האַנט מיטן געהערטן וואָרט.

אויב אימיצער שפּילט די ראָלע פון אַ נאַר — שרייבט סאָממא — דאַרפן וועגן דעם ריידן ניט נאָר די ווערטער, וואָס דער פּאָעט האָט אַריינגעלייגט אין זיין מויל אַריין, נאָר עס דאַרף וועגן דעם ריידן אַלץ: זיין פּנים, זיינע אויגן, זיינע בעוועגונגען.

אָבער — וואָרנט סאָממא — מען דאַרף ניט שאַרזשירן. דער גרים דאַרף נאָר בייטן דעם פּנים, אָבער ניט מאַכן פון אים אַ מיאוסקייט. ווי צוגאָב צום גרים האַלט ער דעם קאָסטיום. סאָממא באַמיט זיך אויפקלערן זיינע מיטצייטלער, אַז דער קאָסטיום גיט צו ניט נאָר חשיבות און גלאַנץ דער פאָרשטעלונג, נאָר ער איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם גרים, וואָס דאַרף כאַראַקטעריזירן די פּערזענלעכקייט און אויף אַזאַ אופן זיין איר סימן מובהק. אויך וואָס איז שייך ליכט עפעקטן, איז סאָממא דערפאַר, אַז מען זאָל זיי ניט באַנוצן כדי צוגעבן גלאַנץ און פּראַכט דעם ספּעקטאַקל, נאָר כדי פאַרשטאַרקן די דראַמאַטישע ווירקונג אויף דעם צוקוקער. דער יידישער רעזשיסאָר פון 16־טן י"ה דערציילט סודות פון חדר, וואָס פאַר אַ מיטלען האָט ער

אַנגעווענדעט כדי מיט הילף פון ליכט שאַפן אַ נויטיקע שטימונג ביי די צוקוקערס. נאָר די בינע פלעגט באַלויכטן ווערן מיט אַ שנעלער טעמפּאָ, בעת דער זאָל איז געווען איינגעטונקען אין אַ בין־השמשות. איניקע מיטלען זיינען פאַר דעם היינטיקן געשמאַק אַ ביסל צו פּרימיטיוו.

„צווישן די פּיעסן, וואָס איך האָב געשטעלט — דערציילט ער — איז געווען אַ טראַגעדיע. ביים אויפפירן איז די בינע געווען זייער שטאַרק באַלויכטן. אָבער פּלוצים, אין פּראָצעס פון דער האַנדלונג, קומט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע: עס שטאַרבט אומדערוואַרטעט די יונגע מלכה. אין דעם מאָמענט בעת דער כאָר שרייט אויס מיט אַ ביטערן צער: „ווי אַזוי קען די זון צוקוקן זיך צו אַזאַ אומגליק?" — האָב איך אַזוי געמאַכט, אַז דער פייער איז תיכף פאַרלאָשן געוואָרן, אַלע האָבן געהאַלטן, אַז דאָס האָט געמאַכט אַן אויפטרייסלדיקן איינדרוק".

סאָממאָס קאַמף קעגן זייטיקע אינטערפּאָלאַציעס אין טעקסט און קעגן די אינטערמעדיעס פון די בופאָנאַדן זאָגן עדות אויף זיין איידעלן חוש פאַר טעאַטער. „קאָמעדיעס — האָט ער דערקלערט — וואָס ווערן איבערגעריסן דורך זייטיקע, באַנאַלע אינטערמעדיעס, שוואַכן אָפּ דעם ווערט פון דעם שפּילן". סאָממא האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס פּובליקום האָט אַ שוואַכקייט פאַר ספּעקטאַקלען מיט כלערליי אינטער־מעדיעס און דעריבער האָט ער פאָרגעלייגט אַזאַ פּשרה: אַז מען זאָל לכל הפּחות אַריינשטעלן אַזעלכע אינטערמעדיעס, וואָס זיינען געבויט אויף סצענעס פון דער וועלט פון דער אַנטיקער מיטאָ־לאָגיע.

„די וואונדער פון דער מיטאָלאָגיע — האָט ער געקלערט — פאַרכאַפּט דעם דמיון, און שאַפט אַ פייערלעכע שטימונג. ווער עס זעט אַזעלכע סצענעס מיטן דמיון און העלדישע געשטאַלטן — וועט ממילא געפינען זייער באַנאַל און פלאַך די קונצן און שטיק פון איטאַליענישע לצים."

עס איז פאַראַן אַ דאָקומענט פון אַ בן־דור פון וועלכן מען דער־וויסט זיך, אַז סאָממא האָט אין דער אמת געשטעלט קאָמעדיעס אָן אַריינגעשטעלטע אינטערמעדיעס און בופאָנאַדן.

אין יאָר 1579 האָט אַ גרופּע דייטשע פירשטן באַזוכט איטאַליע. זיי זיינען געווען אין ווענעדיק, פערארא און שפּעטער אויך אין מאַנטוא, הגם די פירשטן האָבן געמאַכט זייער נסיעה אינקאָגניטאָ, דאָך האָט מען זיי אומעטום געגעבן אַ גרויסן קבלת־פּנים. איינער פון זיי, הערצאָג פערדינאַנד פון בייערן האָט געפירט אַ טאָג־בוך, אין וועלכן ער פלעגט יעדן טאָג פאַרשרייבן זיינע איינדרוקן פון דער

נסיעה. די דאָזיקע הויכע געסט האָבן פאַרבראַכט אין מאַנטוא זעקס טעג. לכבוד זיי האָט מען געמאַכט זייער רייכע פּייערונגען. פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די דאָזיקע פייערונגען איז אויך געווען אַ טעאַטער פאַרשטעלונג.

דעם 5־טן פעברואַר 1579 פאַרשרייבט פּרינץ פערדינאַנד אין זיין טאָג־בוך אַזוי: „נאָכן עסן האָבן יידן אויפגעפירט אַ קאָמעדיע, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע פינף שעה. דאָס איז געווען אַ געוויינלעכע איטאַליענישע קאָמעדיע, אָבער אָן באַמבאַסטיק און לצנות. די דעקאָראַציעס זיינען געווען זייער שיין צוגעפּאַסט" (30).

סאָממא איז אין די טעאַטער קרייזן באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אויטאָריטעט. דאָס קען מען זען פון דעם בריוו, וואָס הומאַניסט־דראַמאַטורג מוציא מאַנפרעד האָט אים געשיקט. אין דעם דאָזיקן בריוו (דאַטירט: 18טן נאָוועמבער 1591), האָט מאַנפרעד אים געשריבן פון נאַנסי און געבעטן, אַז ער זאָל רעזשיסירן זיינע אַ פּיעסע, ווייל אַן אַנדערן וויל ער ניט געטרויען. הגם סאָממא גופא האָט געשריבן נאָר אַלעגאָרישע דראַמעס און פּאַסטאָראַלן, דאָך האָט ער ליב געהאַט רעזשיסירן נאַציאָנאַל־איטאַליענישע קאָמעדיעס, וואָס האָט צו יענער צייט ערשט אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען. סאָממא האָט אַפילו זיך באַמיט אויסבויען אַ טעאַטער־בנין פאַר די גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס. דער הערצאָג איז אָבער אויף דעם ניט איינגעגאַנגען.

די גרויסע פּאָפּולאַריטעט אין דער וועלט פון טעאַטער, האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט לייכט מנצח זיין די מניעה, וואָס כמעט יעדער רעזשיסאָר פון יענער צייט האָט באַגעגנט. די דאָזיקע מניעה האָט געשטעקט אין דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דעם דראַמאַטישן רעפּערטואַר פון דער דאַמאָלטיקער איטאַליע בעת מען האָט געשטעלט אַלעגאָרישע דראַמעס אויף גריכישע טעמעס מיט כאָרן און מוזיקאַלישע זינגער און מוזיקאַנטן. נאָך מער מוזיקאַלישע כוחות האָט געפאָדערט די פּאַסטאָראַלע דראַמע, וואָס די איטאַליענער פון יענער תקופה האָבן אַזוי ליב געהאַט. די ערשטע פּאַסטאָראַלע פּיעסע, „דער קרבן", פון אגוסטינא בעקארי, האָט געהאַט איר פּרעמיערע אין פעראַראַ, אין יאָר 1554. אין אַט דער דאָזיקער שטאָט איז סאָממא געווען טעטיק ווי אַ רעזשיסאָר (32). סאָממא גופא האָט אויך ליב געהאַט שרייבן

(31 Rieger—Vogelstein, o.c. II, 122.

דער גאַנצער באַריכט איז אָפּגעדרוקט אין (Archivio storico di lett. italiana, V, 44—72).

32) דעמאָלט (1556) האָט סאָממאַ אָנגעהויבן שרייבן זיינע דיאַלאָגן וועגן טעאַטער. זען: צונץ אין „כרם נחמד" X, 155.

פּאַסטאָראַלן. אין זיין צייט האָט דער דאָזיקער דראַמאַטישער זשאַנר זיך אויך זייער אַנטוויקלט. די באַרימטע פּאַסטאָראַלע דראַמע „דער געטרייער פּאַסטוך”, פון דזשאַמבאַטיסטאַ גוואַריני, איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון דער דאָזיקער פאָרמע טעאַטער־קונסט. „דער געטרייער פּאַסטוך” איז לויט אַ טרעפיקער אָפּשאַצונג פון אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער געווען אַ סינטעז פון „דער אַנטיקער מיטאָלאָגיע, ראָמאַנטישער פּראַכט, טראַגישן פּאַטאָס, אינטריגע פון אַ קאָמעדיע און פּאַסטאָראַלער עראָטיק” (33).

אין דער פּאַסטאָראַלער דראַמע האָט די איטאַליענישע בינע זיך ענג פאַרבונדן מיט מוזיק, ווייל צו די סאַמע וויכטיקסטע לירישע נומערן האָט מען געשריבן מוזיק. אַזוי אַרום איז דער דאָזיקער מין פּאָעזיע געוואָרן דער יסוד פון דער אָפּערע, וואָס איז סוף 16־טן י״ה געבוירן געוואָרן אין איטאַליע.

די יידישע טרופּע אין מאַנטואַ, האָט אַ דאַנק די דאָזיקע חידושים געמוזט האָבן אַ פּילזייטיקן פּערסאָנאַל. חוץ דראַמאַטישע שפּילער, האָט זי געמוזט האָבן זינגער, מוזיקאַנטן, טענצער און קאָמפּאָזיטאָרן. סאַממאָס גרויסער אויטאָריטעט אין דער וועלט פון טעאַטער האָט אין דעם פּרט געבראַכט אַ סך נוצן. אין די יאָרצענדליקער, וואָס ער האָט רעזשיסירט אין מאַנטואַ, איז די דאָזיקע שטאָט געוואָרן דער צענטער, וואוהין עס פלעגן קומען יידישע כלי־זמרים און אַקטיאָרן פון גאַנץ איטאַליע (34).

אברהם דעל ארפא, אָדער אברהם המנגן ממנטוא, ווי מען האָט אים גערופן אין די יידישע קרייזן און זיין אייניקל האָבן זיך באַרימט געמאַכט מיט שפּילן אויף אַ האַרף. יצחק מיאפּאַראַנאַ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שפּילן אויף אַ לויט — חוץ דעם איז ער געווען באַקאַנט ווי אַ זינגער און טענצער. שלמה ראָסי, אַ גרויסער למדן, איז געווען הויף־זינגער אין מאַנטואַ. ער איז באַפרייט געוואָרן צו טראָגן דעם געלן צייכן אויף דעם אויבערשטן בגד. ער איז באַרימט געוואָרן ווי אַ פּעאיקער קאָמפּאָזיטאָר, ער האָט אָנגעשריבן אַן אָפּערע „מאַגדאַלענאַ” און אַ סך וועלטלעכע און רעליגיעזע לידער

---

33) צינבערג ווייזט אָן אויף גוואַריניס פּאַסטאָראַלע פּיעסע וואָס האָט באַאיינפלוסט משה חיים לוצאטאָ צו שרייבן זיין „מגדל עוז”; זען:
Simon Ginzburg: The Life and Works of Moses Hayyim Luzzato, 1931, 99–107,
שאַצקי אין „ייוואָ-בלעטער”, 8, 172—179.

34) E. Birnbaum: Jüdische Musiker am Hoffe zu Mantua, von 1542–1628. Wien, 1893.

און תפלות. זיין שוועסטער עוראָפּא איז געווען אַ זינגערקע. אירע זין: אנזעלמא און דוד שטיוויטא — זיינען געווען קאָמפּאָזיטאָרן (35).

.3

ווען די גאנצאגא דינאַסטיע איז אויסגעשטאָרבן און דער קעניג פערדינאַנד האָט פאַרנומען מאנטוא, האָט מען יידן פון דאָרטן פאַרטריבן (אין יאָר 1628). די יידישע זינגער און כלי־זמרים האָבן עמיגרירט קיין ווענעציע, וואו סאַממא פלעגט אָפּט גאַסטראָלירן מיט זיין טרופּע.

אין ווענעציע איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסער יידישער ישוב. די רייכע יידן, וואָס זייער צאָל איז געווען זייער באַדייטנדיק, האָבן זיך, פּונקט ווי זייערע קריסטלעכע מיט־תושבים, שטאַרק אינטערעסירט מיט קונסט. אין יידישן טעאַטער פלעגט זיין תמיד געפּאַקט. דער עולם איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע עלעמענטן, פון מענער און פרויען, פון יונג און אַלט. די יידישע יונגוואַרג פלעגט מען גאָר פרי אָנהויבן לערנען מוזיק, טאַנצן און נגינה.

אָנהויב 17־טן י״ה איז די באַרימטע יידישע זינגערין ר ח ל געווען דער ליבלינג פון די ווענעציאַנישע יידן. די נגידים פון דער שטאָט פלעגן זי איינלאַדן „אַהיים״, וואו זי פלעגט געבן קאָנצערטן (36). צו יענער צייט איז אין דער ווענעציאַנישער קהילה געווען רב דער באַרימטער ר׳ יהודה דע מאדענא,(37) אַ גרויסער למדן, דרשן און אין דער זעלבער צייט אַ ליידנשאַפטלעכער טעאַטראַל און מוזיקער. דעם כסא הרבנות האָט מאדענא קאָמבינירט מיט אַ שטעלע פון אַ מוזיק־

---

35) שיר השירים אשר לשלמה (די רוס) וויניציאַ, 1622, אַרויסגעגעבן פון דאָס ניי אין פּאַריז אין 1877 פון ש. נומעורג א. נ.:
Catiques de Solomon Rossi.
(וועגן די נייע מקורים וועגן די רוסי און זיין משפּחה זען: פּ. גרדנויץ: המוסיקה בישראל, ירושלים, תש״ה.)

36) Heb. Bibliographie, XV, 93.

37) וועגן אים איז פאַראַן אַ גרויסע ליטעראַטור. צינבערג איז זיך סומך נאָר אויף דער אויסגאַבע פון זיינע בריוו
L. Blau: Leo Modenas Briefe und Schriftstücke, Strassburg, 1907.
און זיין אויטאָביאָגראַפיע „חיי יהודה״ (קיעוו, 1919, אַרויסגעגעבן פון אברהם כהנא). מער פּרטים וועט דער לייענער געפינען אין צינבערגס געשיכטע פון דער ליטעראַטור, IV, 169—205. די נייע אַרבעטן פון שמעון בערנשטיין: ד״ר סאָנע, סעסיל ראָט און אַנדערע זיינען אים משמעות ניט געווען צוטריטלעך, אַפילו ביים שרייבן די מאָנומענטאַלע ליטעראַטור-געשיכטע.

דירעקטאָר און טעאַטראַלן רעזשיסאָר. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע קאָ־מעדיעס און פּאַסטאָראַלן, צווישן זיי אויך אַ־ף ביבלישע סוזשעטן, ווי „יוסף און רחל". ער האָט באַאַרבעט פאַר דער בינע אושקוועס טראַגעדיע „אסתר". די דאַזיקע באַאַרבעטונג האָט ער אין יאָר 1619 געווידמעט דער העברעאישער פּאָעטעסע שרה סולאם (38).

אַ סך חשובע מיטגלידער פון דער דאָרטיקער קהילה האָבן געטאָן דאָס זעלבע. ישראל אלאַטינא, למשל, האָט אָנגעשריבן אַ פּאַסטאָראַלע פּיעסע א. נ. „טריומפן" (אין יאָר 1611). מאָדענעס שוואָגער, האָט ניט נאָר געשריבן טעאַטער פּיעסן, נאָר האָט זיך אויך אין זיי באַטייליקט, ווי אַ זינגער (39).

ווי אַזוי די משפּחה מאָרענא איז געווען פאַרקאָכט אין טעאַטער, קען מען צום בעסטן זען פון אַ בריוו, וואָס דעם רבס זון, מרדכי, אַ בחור פון 14 יאָר, האָט געשריבן אין יאָר 1605. דער דאָזיקער בריוו איז געווען געשריבן צו זיין פעטער משה.

„איך ווייס — שרייבט ער — ווען מען גייט שפּילן דיין קאָמעדיע. אַז עס וועט קומען צו דעם, האָב מיך אין זינען און לאָז מיר וויסן, איך בעט דיך, וועלכער בחור וועט שפּילן די ראָלע, וואָס דו האָסט לכתחילה באַשטימט פאַר מיר".

דער דאָזיקער בחור דערלויבט זיך אַפילו צו ווייזן, אַז ער איז אַ שטיקל אַפּיקורס. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן פאַר „שבת שירה". דער יונגער מאָדענא פאַראַפראַזירט די ערשטע ווערטער פון „אז ישיר" און דאַטירט זיין בריוו בזה הלשון:

„פּיריורה פ" אז ישיר משה באינטר מידיאה השס"ה" (40).

אין יאָר 1628 זיינען קיין ווענעציע געקומען יידישע קינסטלער פּליטים פון מאַנטוא. יהודה דע מאָדענא האָט באַשלאָסן אויס־נוצן די דאָזיקע רייכע כחות און עפענען אַן אַקאַדעמיע פאַר מוזיק. ער גופא האָט זיך געשטעלט בראש פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע. דער משומד דזשוליא מאראָסיני דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז די אַקאַדעמיע האָבן געשטיצט די חשובסטע יידן פון

(38 M. A. Levy: Saria Copia Sullam. Lebnsbild einer jüdischen-italienischen Dichterin aus dem Ziebzenten Jahrhundert. (Jahrbuch f. d. Geschichte der Juden, 1863, III. 65—93. Steinschneider, M.G.W.J., 1890, 318.

(39 חיי יהודה, 1912, 44 (העברעאישער טעקסט).

(40 Blau, o.c. 115.

שטאָט (41). קאָנצערטן פלעגן פאָרקומען צוויי מאָל אַ וואָך. די אַקאַ־דעמיע האָט זיך אויך אַ סך אָפּגעגעבן מיט סינאַגאָגאַלער מוזיק. דער דאָזיקער משומד און מיסיאָנער באַשרייבט מיט גרויס באַגייסטערונג, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָבן געמאַכט די קאָנצערטן שמחת־תורה, בעת עס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מאדענאַ'ן פייערלעכע אָראטאָריעס. אין אַזאַ אָראטאָריע האָבן זיך באַטייליקט צוויי כאָרן. איין כאָר האָט פאַרטראָטן דעם „חתן תורה", און אַ צווייטער „חתן בראשית". די גאַנצע קאָמפּאָזיציע איז געווען געשריבן אין זייער אַן ערנסט־נוסח. וואָס האָט אויסגעדריקט דעם אינהאַלט, פאַרבונדן מיט משה'ס טויט. די שול איז געווען געפּאַקט. ניט נאָר יידן האָבן געוואָלט הערן די דאָזיקע שמחת־תורה אָראַטאָריע, נאָר אויך די ווענעציאַנישע אדללייט, די באַרימטע און די עלעגאַנטע דאַמען. ביי די טויערן פון דער שול איז געשטאַנען אַ ספּעציעלע יידישע וואַך, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דער אָרדענונג. ווי מאראָסיני גיט איבער, איז אין דער שול געווען אַן אָרגל. היות ווי פרומע יידן זיינען געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל שפּילן אויפן אָרגל, איז ער טאַקע קיינמאָל ניט באַנוצט געוואָרן (42).

אין מאָדענאס צייטן האָט אַ רייכער ווענעציאַנער ייד אויסגעבויט אין צענטער פון דעם געטאָ אַ שיינעם בנין, ספּעציעל פאַר טעאַטער פאָרשטעלונגען. דער עולם האָט אָנגעהויבן לויפן זען די פאָרשטעלונגען. די פרומע יידן האָבן אין דער טעאַטראָמאַניע דערזען אַ סכנה פאַר דער יידישער אמונה. דער באַרימטער דרשן ר' עזריא פיגו (43) פון ווענעציע האָט זיך געווענדעט צום גאון ר" ש מ ו א ל אבוהב אין וועראָנע מיט אַ שאלה וועגן דעם דאָזיקן ענין. דער גרויסער און פרומער רב האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיטן מקיל י ה ו ד ה מ י נ ץ, וואָס האָט געהאַלטן, אַז עס איז ניט קיין עברה פּורים זיך פאַרשטעלן. די שאלה פון דעם פרומען דרשן פיגו האָט אים שטאַרק דערשראָקן.

„איך בין קראַנק געוואָרן פון צער — שרייבט דער רב אין זיין

---

41) Giulio Morosini. Via della Féda. (זיין יידישער נאָמען איז געווען שמואל נחמיאש.) אויסצוגן פון דעם וויכטיקן מקור זיינען געדרוקט אין Festschrift Berliner, 1903, 337—344.

42) אויך אין אַנדערע איטאַליענישע שטעט זיינען געווען מוזיקאַלישע חברות, ווי, למשל, פלאָרענץ. אין 1670 האָט מען דאָרטן געשפּילט אַ קליינע פּיעסע פון יעף פראַנסעס. דער טעקסט איז געדרוקט אין „קבץ על יד", 1885, 129-131.

43) וועגן אים: צינבערגס ליטעראַטור-געשיכטע באַנד IV.

תשובה, — ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דער דאָזיקער מענטש פאַרפירט אַנדערע און מיט אַ כיוון פירט ער אַראָפּ פון דרך הישר... גרויס איז זיין עברה. מ׳האָט דערנידעריקט צו דער ערד די תפארת און שטאָלץ פון דער יידישער תורה, מיט דעם, וואָס ער האָט אין דער הייליקער יידישער גאַס אויסגעבויט טעאַטערס און צירקן, וואָס זיינען באַשטימט פאַר דעם, אַז מענער, פרויען און קינדער זאָלן זיך צונויפ־קומען כשרע יידישע טעכטער מיט אויסגעלאַסענע, וואָס זיינען עובר אויף יידישע דינים״ (44).

„וואָלטן אַהין געקומען נאָר דערוואַקסענע — שרייבט דער רב מיט ווייטיק — אָבער מען נעמט מיט קינדער. צו וואָס טוט מען דאָס? אַ גרויסע שטראָף וועלן באַקומען די, וואָס ברענגען אַהין די קינדער. זיי פירן אַריין די קינדער אין אַ גרויסן נסיון, ווען מען זעצט זיי לעבן די אַקטיאָרן און צווינגט זיי הערן די שענדלעכע רייד, וואָס פאַרסמען זייערע יונגע נשמות״ (45).

למען האמת דאַרף אָבער געזאָגט ווערן, אַז אין די מוסר־רייד פון אבוהב איז דאָ עפּעס מער, ווי סתם פאַנאַטישקייט פון אַ פרומען רב. די איטאַליענישע קאָמעדיע האָט געהאַט אַ סך עלעמענטן פון לייכטער עראָטיק. זי האָט אָפּגעשפּילט די פריידן און די תאוות פון דער רענעסאַנס תקופה. עס האָט אין איר אויך ניט געפעלט קיין ווולגאַ־ריטעט און נבול־פּה. אַ סך פון די דאָזיקע קאָמעדיעס זיינען געווען קינדער פון באַקאַטשיאָס פאַרשייטן גייסט פון עראָטיק, גענוג צו דערמאָנען מאַקאַוועליס קאָמעדיע „מאַנדראַגאָראַ״ און אַפילו די פּיעסע פון דעם גרויסן דזשאָרדאַנאָ ברונאָ „דאָס ליכט״, וואָס איז פול מיט נבול פה. אין דעם פרט האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט די איטאַליענישע פאָלקס־קאָמעדיעס, פון דער „קאָמעדיע דעל אַרטע״.

און געווען איז דאָס אַ צייט, וואו דאָס יידיש לעבן איז געווען פול מיט טרויער. פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון כמעלניצקיס שחיטות (גזירת ת״ח), האָבן געפונען אַ מקום מקלט אין איטאַליענישע יידישע צענטערן. די גרויסע קאַטאַסטראָפע וואָס האָט געטראָפן די פוילישע יידן האָט פאַרשטאַרקט די משיחישע בענקשאַפט ביי די יידן אין גלות. אין די דאָזיקע בלוטיקע געשעענישן האָט מען געזען סימנים פון חבלי־משיח. מיט גרויס שפּאַנונג האָט מען דערוואַרט דעם קץ.

44) דבר שמואל, סימן צ. (וועגן דעם אויספירלעך אין שיפּערס געשיכטע פון יודישן טעאַטער, באַנד I, 146—148.)

45) פּעלט.

אַפילו אין דעם פריילעכן און פאַרשייטן ווענעציאַנישן געטאָ איז דער געלעכטער אָפּגעשטאָרבן. אין יאָר 1648 איז לעא דע מאָדענא געשטאָרבן. דער גרויסער אַסקעט ר׳ שמואל אַבוהב איז פאַרבעטן געוואָרן פון דער קהילה אין ווענעציע צו ווערן איר רב און מנהיג. דער דאָזיקער גרויסער קעגנער פון טעאַטער האָט די פאַרבעטונג אָנגענומען, ביז זיין פטירה אין יאָר (1694) איז ער געווען דער ראש און דער וואָרט־זאָגער פון די יידן אין ווענעציע. עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט אַז דאָס יידישע טעאַטער לעבן אין ווענעציע איז געקומען צו אַ סוף און אַז מער קיין ידיעות וועגן טעאַטער פאַרשטע־לונגען אין ווענעציאַנישן געטאָ — זיינען שוין ניט דערגאַנגען.

צו דער געשיכטע פון דער יידישער פאָלקס־דראַמאַטיק

1.

אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון זיין אינטערעסאַנטער פאָרשונג וועגן דער יידישער פאָלקס־דראַמאַטיק (1) שטעלט זיך ד״ר שיפּער אָפּ אויף די שפּורן פון אַלטער פּרימיטיווער דראַמאַטיק ביי יידן. די דאָזיקע שפּורן זעט ער קודם־כל אין די אַלטע פּורים־מנהגים און זייערע דראַמאַטישע עלעמענטן. ער שטעלט זיך אָפּ באַריכות אויף דעם שוין אין דער תלמודישער תקופה גילטיקן מנהג, אַז אין די פּורים־טעג פלעגן יונגוואַרג אַרומטראָגן אַ המן־פיגור און מיט פאַרשידענע צערעמאָניעס און שטיפעריען אַריינוואַרפן דעם מאַנעקען אין אַ צעלייגטן שייטערהויפן. ד״ר שיפּער פאַרזיכערט דערביי, אַז דאָס איז די ע ל ט ס ט ע פאָרם פון אַ פּרימיטיווער דראַמאַטיק, וועלכע מיר געפינען ביי יידן בעת דער „דיאַספּאָרע״. מיר וועלן ווייטער זען, אויף ווי ווייט די דאָזיקע באַהויפּטונג שטימט מיט די היסטאָרישע פאַקטן. דערווייל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף י. שיפּערס אויספיר, אַז די דראַמאַטישע עלעמענטן, וואָס זיינען פאַראַן אין דעם אַלטן „פּורים מנהג״, שטעלן פאָר „נישט מער ווי אַ טאַנץ־פּאַנטאָמימע מיט אַ קאָנקרעטן אינהאַלט, וועלכע באַלאַנגט צו המנס מפּלה. ווייטער איז די אַנטוויקלונג נישט געגאַנגען״ (ז. 17). ערשט מיטן מאָמענט, ווען די טאַנץ־פּאַנטאָמימע ווערט דערלייזט פון איר שטומקייט, און די טענצער וועלן אָנהויבן מיט ו ו ע ר ט ע ר צו דערקלערן זייערע ראָלן און האַנדלונגען, ערשט מיטן דאָזיקן מאָמענט דערגרייכט די אַנטוויקלונג די העכסטע מדרגה: די ד ר אַ מ ע. די פּורים־פּאַנטאָמימע, פאַרזיכערט שיפּער, האָט אָבער די דאָזיקע מדרגה ניט דערגרייכט, זי איז פון איר שטומקייט ניט

(1) ד״ר יצחק שיפּער, יידישע פאָלקס-דראַמאַטיק ביז 1750, פאַרלאַג „קולטור-ליגע״, 1928 (דריטער באַנד „געשיכטע פון יידישער טעאַטער-קונסט און דראַמע״).

אויסגעלייזט געוואָרן. אמת, ווייזט ווייטער אָן שיפּער, „מיר דערוויסן זיך ווייטער, אַז די נקמה איבער המנען ווערט פון דער „ווייסער חברה“ אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון שפּאָט־ווערטער, זידלערייען און וויצן“. וואָלט מען אויפן ערשטן קוק געקאָנט מיינען, אַז די שטומקייט פון דער פּאַנטאָמימע איז צעשטערט, די דערלייזונג פון שטומקייט „איז אָבער אַ האַלבע, ניט קיין פולקומע“ און דאַדורך איז עס צו דער מדרגה פון דראַמע נישט געקומען, וואָרום, פירט אויס דער פּראָפעסער, „אויב די דראַמע זאָל זיין אַ פאַרטיקע, מוז זיך דאָס לשון אַנטפּלעקן אין דער פאָרם פון װ א ָ ר ט און ק ע ג נ ־ װ א ָ ר ט, דהיינו, אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג.ביידע צדדים מוזן רעדן! אין אונדזער פאַל אָבער בלייבט דער הויפּט־ראָליסט פונם שפּיל, ווי אין די אַלטע צייטן, אַ ש ט ו מ ע ר“ (ז. 18).

„וואָלט טאַקע — שרייבט ווייטער י. שיפּער — געווען אינטע־רעסאַנט צו וויסן די סיבות פון דער דאָזיקער דערשיינונג. צוליב וועלכע סיבות האָבן די קערנדלעך פון דראַמע, וואָס זיינען געווען פאַרזייט אין דעם באַהאַנדלטן פורים־מנהג, נישט געקאָנט אויסרייפן ביזן סוף, הגם ס׳האָט נישט ווייט געהאַלטן ביז צום דראַמאַטישן בליעכץ?“

די פראַגע איז געוויס אַן אינטערעסאַנטע און זייער אַ וויכטיקע. זי דאַרף אָבער פיל ברייטער געשטעלט ווערן, נישט נאָר אין פאַרבינדונג מיטן פורים־מנהג אַליין: אויס וואָסערע סיבות האָבן די קערנדלעך פון דראַמע, וואָס זיינען געווען פאַרזייט אין דעם קולטורעלן יידישן לעבן זייט די קדמונישע צייטן—ניט געקאָנט אויסרייפן ביזן סוף? פאַרוואָס זענען אַזוי שווער געווען די „חבלי לידה“ פון דער דראַמע ביי יידן? ד״ר שיפּער האַלט אָבער נישט פאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער דאָזיקער פראַגע און באַגנוגנט זיך בלויז מיט דער אָנווייזונג, אַז די יידן פונם מיטלאַלטער זיינען אין פאַרגלייך מיט די ראָמאַנישע און גערמאַנישע פעלקער „געווען זייער שטאַרק הינטערשטעליק אין זייער דראַמאַטישער שאַפונג“. אַ געשיכטס־פאָרשער פון דער יידישער פאָלקסדראַמאַטיק טאָר אָבער נישט פאַרביילאָזן די דאָזיקע קאַרדינאַלע פראַגע און נישט פּרוּוון אויפדעקן די גרונט־סיבות פון דער דאָזיקער דערשיינונג. און וואָלט ד״ר שיפּער דערמיט זיך יאָ פאַראינטערעסירט און געפּרוּווט זוכן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע דירעקט אין די יידישע מקורים — דאַן וואָלט ער נישט [illegible]

זייער שטום־לשון (ז. 227־229). שיפּער וואָלט דאַן געוואוסט, אַז דווקא דער דיאַלאָג, „די פאָרם פון וואָרט און קעגן־וואָרט", וואָס איז לויט שיפּערס מיינונג די גרונט־באַדינגונג „די דראַמע זאָל זיין אַ פּאַרטיקע", איז שוין געווען גוט אַנטוויקלט ביי יידישע פאָלקס־פייערונגען נאָך אין די ביבלישע קדמונישע צייטן און דאָך איז די יידישע דראַמע „אַ פּאַרטיקע" נישט געוואָרן. די זאַך איז משמעות פיל קאָמפּליצירטער, ווי שיפּער שטעלט זיך עס פאָר.

ד״ר שיפּער באַגייט פון דער התחלה אָן אַ מעטאָדאָלאָגישן פעלער, דערמיט, וואָס ער טיילט אַרויס פון אַלע אַלטיידישע פאָלקס־פייערונגען בלויז דעם „פּורים־מנהג", וועלכער שטאַמט גראָד פון אַ בערך שפּעטערער תקופה, און עס איז בכלל נישט אויפגעקלערט נישט דער מקור פון וואַנען ער שטאַמט, און נישט די אומשטענדן, ביי וועלכע ער האָט זיך איינגעבירגערט ביי יידן. שיפּער וויל דרינגען, אַז „די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונם פּורים־מנהג, וואָס ווערט געשילדערט אין אַ ריי היסטאָרישע קוועלן, אַנהויבנדיק נאָך פון אַלטערטום, באַווייזן, אַז דער מנהג איז פאַרוואָרצלט אין אַ דעמאָנען־גלויבן, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט צווישן די פּרימיטיווע יידישע פאָלקסמאַסן" (ז. 14). מיר האבן איז אונדזער אפהאנדלונג וועגן דעם יידישן טעאטער איז איטאַליע

איז געווען רייך דורכגעוועבט מיט טעאַטראַל־דראַמאַטישע עלעמענטן. אין דעם קלאַסישן לאַנד פון דעם אַנטיקן טעאַטער און דער אַנטיקער טראַגעדיע — אין גריכנלאַנד, איז דער טעאַטער, ווי באַקאַנט, געווען ענג פאַרבונדן מיטן רעליגיעזן קולט; זיין וויג איז געשטאַנען ביים מזבח, וואו מען פלעגט ברענגען קרבנות דעם גאָט פונם לעבנזאַפט און פרוכטבאַרקייט, דעם דיאָניזיוס מיט דעם געשטאַלט פון אַ ציגן־באָק. אין פריידיקן ראָד האָט מען געטאַנצט אַרום מזבח און געזונגען ליב־לידער אין פאָרם פון דיאַלאָגן צווישן דעם ערשטן פאַרזינגער (קאָרי־פעאָס) און דעם כאָר. און דער נאָמען „טראַגעדיע" שטאַמט טאַקע פון די צוויי גריכישע ווערטער: טראַגאָס — ציגן־באָק, און אָדע — ליב־געזאַנג.

אָט די לעבעדיקע זאַמען, די געזונטע קערנדלעך פון טעאַטראַלישע פאָרשטעלונגען, אויס וועלכע עס האָט אויפגעבליט דער קלאַסישער גריכישער טעאַטער—האָבן אויך ניט געפעלט ביי אונדזערע אבות־אָבותינו, ביי די יונגע יידישע שבטים. סימנים און זכרונות וועגן די דאָזיקע מיט טעאַטראַלישע מאָמענטן אָנגעזעטיקטע פאָלקס־שפּילן, זיינען טאַקע אויפגעהיט געוואָרן אין אונדזערע עלטסטע ליטעראַרישע דענקמעלער. מיר ווייסן, למשל, וועגן דעם שטורמישן יובעלטאַנץ־געזאַנג־שפּיל, מיט פּויקען און טרומייטערן, אין וועלכן יידישע פרויען מיט מרים הנביאה בראש האָבן אויסגעגאָסן זייער דאַנק און לויב דעם מעכטיקן יהוה־גאָט, דעם גאָט פון די מדבריות, פון דונער און שטורם, פון פייער און וואַסער... און זייערע מענער און ברידער האָבן מיט אַהרן הכהן בראש באַגריסט מיט טאַנץ און געזאַנג דעם „עגל" — דעם סימבאָל פון מעכטיקן נאַטור־גאָט...

מיר ווייסן זייער גוט אויס דער קולטור־געשיכטע פון די אייראָ־פּעאישע פעלקער, ווי אַזוי די פאַרשטייער פון דער נייער, אויס רוים אימפּאָרטירטער אמונה, האָבן זיך געפלייסט איינהילן אין אַ קריסטלעכן לבוש די אַלטע, ריין געצנדינערישע פאָלקס־מנהגים, און צופּאַסן צו די אַמאָליקע, ביים פאָלק באַליבטע פייערונגען, דעם קריסטלעכן קולט און די קירכלעכע ימים טובים. דאָס אייגענע איז אויך פאָרגעקומען ביי יידן, ווען אַפילו אין אַביסל אַנדערע פאָרמען. די פאָלקס־פייערונגען און מנהגים, וואָס זיינען בשעתם געווען צוגעפּאַסט צו געוויסע מאָמענטן פונם נאַטור־לעבן, פאַרבונדן מיט דער אַרבעט אין פעלד און וויינגאָרטן — האָבן מיט דער צייט באַקומען אַ שטרענגן רעליגיעז־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די אַמאָליקע כאָר־געזאַנג־שפּילן לכבוד די פּרימיטיווע נאַטור־געטער זיינען מגולגל געוואָרן אין ליב־געזאַנגען פון די לויים

אין דעם בית־המקדש. די דאָזיקע לויב־געזאַנגען, וואָס זיינען דער גאַנצער קולטור־וועלט באַקאַנט אַלס „תהלים" אָדער „פּסאַלמען", פלעגן באַגלייט ווערן מיט טאַנץ און מוזיק, און ביי דעם רוב קאַפּיטלעך תהלים איז אַפילו אָנגעצייכנט דער נאָמען פונם מוזיק־אינסטרומענט, מיט וועלכן מען פליגט זיך דערביי באַנוצן. און ווי דעם דיאָניזיום־מזבח, אַזוי פלעגן אויך אין דעם בית־המקדש די לויב־לידער געזונגען ווערן אין פאָרם פון ד י אַ ל אָ ג ן , אַמאָל צווישן פאַרשידענע טיילן פון כאָר, אַמאָל צווישן דעם כאָר און דעם קאָריפעאָס, וועלכער הייסט אין העברעאישן „מנצח". און דערפאַר טאָקע טראָגן פילע קאַפּיטלעך תהלים (ווי, למשל, קאַפּ. 84, 85, 109 און אַנדערע) דאָס איבערקעפל „למנצח מזמור", ד. ה.: „אַ קאָריפעאָס־ליד מיט דער באַגלייטונג פון אַ מוזיק־אינסטרומענט". דאָס וואונדערשיינע קאַפּיטל 107 פלעגט, ווי עס שיינט, פאַרזינגען דער ערשטער פאַרזינגער און דער כאָר פלעגט בלויז פאַרענדיקן מיטן שלוספערז: „יודו לד' חסדו, ונפלאותיו לבני אדם". אינם קאַפּ. 113 בייטן זיך די ראָלעס: דער „מנצח" פאַנגט בלויז אָן מיט דעם ערשטן פערז: לויבט גאָט, לויבט, איר גאָטס קנעכט, לויבט גאָטס נאָמען!... (הללויה, הללו עבדי ד', הללו את שם ד') און דער כאָר זינגט דאַן דאָס גאַנצע לויבגעזאַנג. דאָס באַרימטע ליד „על נהרות בבל שם ישבנו" (קאַפּ. 137) איז בלי ספק געווען איינגעטיילט צווישן דעם מנצח און ביידע טיילן פונם כאָר. דעם ערשטן טאָג סוכות, בשעת מ'האָט געגאָסן וואַסער אויפן מזבח (שמחת בית־השואבה), פלעגט פאָרקומען אַן עפעקטפולער פאַקעל־טאַנץ, וועלכער האָט גע־טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אמתן פאָלקס־שפיל, ווייל ס'האָבן אין אים זיך באַטייליקט די ברייטע פאָלקס־מאַסן. דאָס פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט ביים היכל אויפן הויף, וואָס האָט געפירט צו דער עזרת־נשים, וועלכע איז געווען פול געפאַקט מיט פרויען. באַלויכטן איז דער הויף געווען מיט ריזיק־הויכע פיר מנורות, וואָס האָבן געלייכט איבער דער גאַנצער שטאָט. אויף הויכע לייטערס זיינען געשטאַנען יונגע בחורים און מיט אַלערליי צערעמאָניעס געגאָסן אייל אין די מנורות. אַרום יעדער מנורה האָבן זיך געדרייט אין ווילדער ווירבל־טאַנץ מיט ברענענדיקע פאַקעלן אין די הענט „חסידים ואנשי־מעשה", וואָס פלעגן דערביי וואַרפן די ברענענדיקע פאַקעלן אין דער לופטן, און טאַנצנדיק, זיי אונטערכאַפּן מיט די הענט. פיל פון די טענצער זיינען אין דעם געווען אַזוי געאיבט, אַז זיי פלעגן וואַרפן צו פיר און צו אַכט ברענענ־דיקע פאַקעלן אין דער לופט און גלייך פלינק זיי אונטערכאַפּן איינעם נאָכן אַנדערן און קיין איינעם דערביי צו דער ערד נישט געלאָזט פאַלן.

דערביי פלעגן זיי נאָך זינגען כאָר־לידער. די „חסידים ואנשי־מעשה" פלעגן זינגען:

אשרי ילדותנו
שלא ביישה את זקנותנו:

די „בעלי־תשובה" פלעגן גלייך אונטערהאַלטן:

אַשרי זקנותנו
שכפרה את ילדותנו,

און אַלע צוזאַמען (אלו ואלו) פלעגן דאַן אונטערכאַפּן:

אשרי מי שלא חטא
ומי שחטא ימחל לו.

און דערביי פלעגן גאַנצע מחנות לויים מיט אַ געוואַלטיקער צאָל כל המיני כלי־זמר (והלויים בכנורות ובנבלים ובמצלתים ובחצוצרות ובכלי שיר בלא מספר) באַזעצן אַלע פופצן ריזיק־ברייטע טרעפּ (המעלות), וואָס פירן פון דער מאַנסבילשער אָפּטיילונג צו דער עזרת־נשים, און זינגען זייערע „טרעפּן־געזאַנגען" (שיר המעלות) (2). „מי שלא ראה בית־השואבה — רופט מיט התפעלות אויס דער תלמודישער געשיכטסבאַריכטער — לא ראה שמחה מימיו" — ווער ס'האָט שמחת־בית־השואבה נישט בייגעזען, דער האָט אויף זיין לעבן קיין אמתע שמחה נישט געזען!

די שמחה איז געווען אַזוי גרויס, ווייל ס'האָבן אין איר זיך באַטייליקט די ברייטע פאָלקס־מאַסן. ביי די אָפיציעלע, רעליגיעז־נאַציאָנאַלע ימים־טובים פלעגט אָבער דאָס „פאָלק" מייסטענס שפּילן בלויז אַ פּאַסיווע ראָלע פון צוזעערס, די אַקטיווע ראָלע האָבן געשפּילט דער עיקער די כהנים און לויים. די פאָלקס־מאַסע האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַגנוגען מיט דער פּאַסיווער ראָלע פון צוזעערס, זי האָט געגאַרט נאָך פייערונגען, אין וועלכע זי גופא זאָל קאָנען אַנטפּלעקן איר פּאַטאָס, אירע שטורמישע געפילן; מיט פולער מאָס געניסן דעם זיסן שכרות פון ריטמישע באַוועגונגען און טענער. חוץ די אָפיציעלע „שלש רגלים" זיינען דערפאַר געווען נאָך אַ גאַנצע צאָל מיטישע פאָלקס־פייערונגען, אין וועלכע עס פלעגן זיך באַטייליקן די ברייטע פאָלקס־מאַסן: און טאַקע די דאָזיקע פייערונגען זענען געווען באַזונדערס רייך מיט טעאַטראַליש־דראַמאַטישע מאָמענטן. די דאָזיקע פאָלקס־ימים־טובים זיינען געווען פון צוויי אַרטן: 1) צופעליקע און 2) פעסט־

(2) ז. תלמוד בבלי, מס' סוכה, פרק חמישי, דף נ"צ—נ"ג.

געזעצטע, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן טערמין. דער ערשטער אַרט פייערונגען איז געווען פאַרבונדן מיט אוסערגע־וויינלעכע געשעענישן, ווי, למשל, מיט אַ נצחון איבער דעם שונא. נאָך דעם נצחון איבער גלית הפלישתי האָט אַ פרויען־כאָר באַגעגנט דודן מיט טאַנץ און געזאַנג: „הכה שאול באלפיו ודוד ברבבותיו!" דער צווייטער מין פייערונגען איז געווען פאַרבונדן מיטן „לוח", ד. ה. מיט באַשטימטע תקופות פונם יאָר. דער וואונדערבאַרער „שיר השי־רים", דאָס „געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען", וואו עס איז אַזוי האַר־מאָניש צונויפגעוועבט דער צווייפאַכער פרילינג: דאָס אויפבליען פון דער נאַטור אום פרילינג נאָך דעם ווינטער־גליוועער, און דער פרילינג־אויפבוי פון צוויי ליבנדיקע הערצער — דאָס איז אַ זאַמלונג פון טאַנץ־כאָר־לידער (מחולת המחנים), וועלכע מ׳פלעגט זינגען אום פרילינג, אַרום פסח־צייט. אין די דאָזיקע כאָר־געזאַנגען האָבן זיך, ווי עס שיינט, באַטייליקט צוויי כאָרן: אַ פרויען־כאָר און אַ מענער־כאָר, און יעדער כאָר האָט געהאַט זיין קאָריפעאָס (מנצח). די ערשטע צוויי לידער זיינען אַ דיאַלאָג צווישן דעם געליבטן און געליבטער, אין דעם דריטן זינגט די שלוס־סטראָפע דער כאָר, אין דעם פירטן באַטייליקט זיך ווידער בלויז דאָס פאַרליבטע פאָר, אין דעם פינפטן גיט דער כאָר אויך זיין רעפליק (דער פערז 9), דער כאָר פאַנגט אויך אָן דאָס זעקסטע און דאָס זיבעטע ליד, און נעמט אַנטייל אינם אַכטן.

אַ ריין פאָלקסטימלעכער יום־טוב׳ איז אויך געווען דער פופצנטער אב, וואָס האָט געהייסן, ווי דער תלמוד בבלי דערציילט (3) „יום תבר מגל" — דער טאָג פון דער צעבראָכענער האַק, ווייל דאָס איז געווען דער לעצטער טאָג אין יאָר, ווען די האָלץ־העקער פלעגן האַקן די בוימער אין וואַלד; פונם שפּעטערדיקן געהעק פלעגט דאָס האָלץ שלעכט טריקענען, וואָרום, דערקלערט ר׳ אליעזר הגדול, „ממ"ו ואילך תשש כחה של חמה", ווערט אָבגעשוואַכט דער כוח פון דער זון און די נעכט הויבן אָן צו וואַקסן. אָט אין דעם טאָג, ווען די זון פאַנגט אָן זיך דערווייטערן פון דער ערד, איז געווען אַ גרויסער פאָלקס־יום־טוב ביי יידן. דאָס איז געווען איינער פון די שענסטע טעג ביים פאָלק ישראל, דערציילט מיט התפעלות דער תנאי רבן שמעון בן גמליאל. אַלע יידישע מיידלעך פלעגן טאַנצן און זינגען אין די וויינגערטנער, און בכדי איינע זאָל נישט שטאָלצירן פאַר דער צווייטער מיט אירע קליידער, און די רייכע זאָלן נישט פאַרשעמען די אָרעמע, פלעגן אַלע זיין אָנגעטאָן אין גלייכע ווייסע קליידער, וואָס איינע פלעגט לייען ביי

(3) בבא בתרא, דף קכ"א; תענית דף ל"א.

דער אַנדערער. די דאָזיקע טאַנץ־געזאַנג־שפּילן אין די גערטנער האָבן, ווי עס שיינט, געטראָגן אַן עראָטישן כאַראַקטער. דאָס פלעגן עס די מיידלעך טאַנצן פאַר די בחורים, און אין רעשיקן כאָר פלעגן זינגען די טעכטער פון ירושלים: „בחור, שא נא עיניך!" בחור, הויב אויף דיינע אויגן, און קוק זיך גוט צו, וועמען דו קלויבסט אויס! פאַרלאָז זיך נישט אויף שיינקייט, האָב אין זין די משפחה פון וואַנען דיין אויסדערוויילטע שטאַמט (4). דער פרויען־כאָר איז באַשטאַנען פון אייניקע באַזונדערע טיילן, און יעדער פון זיי האָט געזונגען באַזונדערע סטראָפן, וואָס זיינען אַפילו טיילווייז אויפגעהיט געוואָרן אין תלמוד. ר' אליעזר הגדול דערציילט, אַז די „יפפיות" (די שיינע מיידלעך) פלעגן טאַנצנדיק זינגען צום מענער־כאָר:

תנו עניכם ליופי, אין אשה אלא ליופי.

די פונם גרויסן יחוס (מיוחסות) פלעגן זינגען:

תנו עיניכם למשפחה, אין אשה אלא לבנים.

און די מיאוסע, נעבעך, פלעגן זינגען:

קחו מקחכם לשם שמים, בלבד שתעטרונו בזהובים.

און אַלע צוזאַמען פלעגן אויסלאָזן מיט דער שלוס־סטראָפע:

בחור! שא נא עיניך, וראה מה אתה בורר לך! (5).

2.

פרעגט זיך אַ שאלה: מה נשתנה? פאַרוואָס האָבן די רייכע טעאַטראַל־דראַמאַטישע קערנער, מיט וועלכע די פאָלקס־ימים־טובים זיינען געווען אָנגעזאַפּט ביי אונדזערע אָבות־אבותינו, — דאָך ניט זוכה געווען, עס זאָל אויס זיי אויסוואַקסן די רייפע דראַמע־פּרוכט, ווי מיר זעען דאָס ביי די גריכן אין דער היינטיקער וועלט, אָדער ביי די קריסטלעכע פעלקער אין מיטלאַלטער? פאַרוואָס זיינען עס גראַד די יידן געבליבן „זייער שטאַרק הינטערשטעליק אין זייער דראַמאַטישער שאַפונג"?

נישט נאָר ד"ר שיפּער, נאָר אויך די פאָרשער פאַר אים, באַגנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי ווייזן בלויז אָן אויפן פאַקט גופא, האַלטן אָבער נישט פאַר נויטיק צו פּרוואון אויפדעקן זיינע סיבות. פ ר אַ נ ץ ד ע ל י ט ש, אַ שטייגער, שטעלט בלויז פעסט, אַז „די דראַמאַטישע

(4) תענית, דף כ"ו.

(5) תענית, דף ל"א.

פּאָעזיע איסט די יעניקע, דערען אַנבוי דורך דען גייסט דעם איזראַע־ליטיזמוס... אַם וועניגסטען בעגינסטיגט וואורדע (6). אויך שטיינ־שניידער וויזט בלויז אָן אין זיין „פורים א. פּאַראָדיע" ווי אויף אַ דבר ידוע: „בעקאַנטליך, האַט דיע סעמיטישע ליטעראַטור ביז אויף דיע נייציט ניכטס דראַמאַטישעס אויפצואווייזען" (7).

איז טאַקע אינטערעסאַנט צו וויסן, פּאַרוואָס איז „דער גייסט דעם איזראַעליטיזמוס" געווען אַזוי „נישט פריינטלעך" צו דער דראַ־מאַטישער קונסט? און ווען ד"ר שיפּער זאָל זיך געווען פאַראינטערע־סירן מיט דער דאָזיקער פראַגע, וואָלט דאָס אים געוויס געווען אָפּ־געהיט פון אייניקע פאַלשע השערות. זייער באַלערנדיק איז אין דער הינזיכט אין יידישער פאָלקס־יום־טוב פון קדמונישע צייטן, וועלכן מיר האָבן מיט אַ כיוון ביז איצט נישט דערמאָנט. טאַנצן אין די גערט־נער און זינגען עראָטישע כאָר־לידער פלעגן די יידישע טעכטער נישט נאָר חמשה עשר באב, נייערט אויך — אין יום־כפּור. אמר רבן שמעון בן גמליאל — דערציילט די מסכת תענית (פרק רביעי, דף כ"ו)—לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים שבהן בנות ירושלים... יוצאות וחולות בכרמים" אאז"וו. משמעות, אין אַמאָליקע צייטן איז דער יום־הכיפּורים געווען נישט נאָר אַ טאָג פון פאַסטן און געבעט, נייערט דער פריילעכסטער יום־טוב ביי יידן, ווען יונגוואַרג פלעגט טאַנצן און זינגען אין די וויינגערטענער. אויסער דעם, און וואַרשיינלעך — פאַרבונדן מיט דעם, פלעגט אויך אין דעם דאָזיקן טאָג פאָרקומען אַ גראַנדיעזע צערעמאָניע, וואָס איז ממש איבערלאָדן מיט פילפאַרביקע טעאַטראַלישע און העכסט דראַ־מאַטישע מאָמענטן. דער ספר „ויקרא" דערציילט וועגן דעם גאַנץ טרוקן: ויאמר ד' אל משה — „האָט גאָט געזאָגט צו משהן: רעד צו אהרן דיין ברודער... ער זאָל נעמען פאַר דער עדה פון די בני־ישראל צוויי ציגן־בעק אַלס קרבן חטאת און איין ווידער אַלס בראַנד־אָפּפער... און זאָל ער נעמען די צוויי בעק און זיי אַנידערשטעלן פאַר גאָטס אַנ־געזיכט לעבן דער טיר פונם אוהל־מועד. און זאָל אהרן איבער די צוויי בעק וואַרפן גורל, איין גורל פון גאָט־וועגן און איינעם פאַרן עזאזל. און דעם שעיר, וואָס זיין גורל איז געפאַלן פון גאָט־וועגן, זאָל אהרן מקריב זיין פאַר אַ קרבן חטאת, דעם צווייטן אָבער וואָס זיין גורל איז געפאַלן לעזאזל, זאָל ער אים אַ לעבעדיקן שטעלן פאַר גאָט, דורך אים וועט מען דאַרפן גערייניקט ווערן, און אים אַוועקשיקן אין דעם מדבר

(6) פּעלט.
(7) פּעלט.

לעזאזל... און זאָל אהרן אַרויפלייגן זיינע ביידע הענט אויף דעם קאָפּ פונם לעבעדיקן ציגן־באָק און זאָל ער זיך מתוודה זיין פאַר אַלע זינד פון די בני־ישראל, פאַר זייערע חטאים און שלעכטע מעשים, אַלע זאָל ער אַרויפלייגן אויפן קאָפּ פונם ציגן־באָק און אים אַוועקשיקן דורך אַ באַשטימטן מענטש אין מדבר אַריין; און דער ציגן־באָק וועט אויף זיך טראָגן אַלע זייערע זינד אין דעם וויסט־פאַרשניטענעם לאַנד (ארץ גזרה) ; און ער וועט אַוועקלאָזן דעם ציגן־באָק אין דעם מדבר... און זאָל דאָס זיין אַ געזעץ אויף אייביק: ריין מאַכן די בני ישראל פון זייערע זינד איין מאָל אין יאָר״.

אין פיל לעבעדיקערע פאַרבן ווערט באַשריבן די יום־כפור־פייערונג אין דעם תלמוד: שני שעירי יום הכפורים — ווערט דער־ציילט אין מסכת „יומא״ — די צוויי בעק פון יום־כפור דאַרפן זיין גלייך אין דער פאָרם, אין וואוקס און אין ווערט. דער כהן גדול טרעט אַרויס אין מזרח פון דער עזרה לעבן דער צפון־זייט פונם מזבח, דער סגן באַגלייט אים פון דער רעכטער און דער ראש־בית־אב פון דער לינקער זייט. דאָרט זיינען געשטאַנען די צוויי ציגן־בעק און דאָס קלפּי־קעסטל מיט צוויי גורל־טאָוולען. (אַמאָליקע צייטן זיינען זיי געווען פון קיפּאַריסן־האָלץ, שפּעטער — אויס גאָלד). שטעקט דער כהן גדול אַריין ביידע הענט אין קלפּי־קעסטל און נעמט אַרויס אין יעדער האַנט אַ גורל־טאָוול; אויף איינעם איז געווען אויסגעקריצט: „צו גאָט״ און אויפן צווייטן: „לעזאזל״. איז דער טאָוול מיט גאָטס נאָמען געווען אין דעם כהן גדולס רעכטער האַנט, האָט דער סגן אויסגערופן: אישי כהן גדול! הויב אויף דיין רעכטע האַנט! איז דער טאָוול מיטן שם געווען אין דער לינקער האַנט פונם כהן גדול, האָט דער ראש בית אב אויסגע־רופן: אישי כהן גדול! הויב אויף דיין לינקע האַנט! און דער כהן גדול האָט דאַן אויסגעשטרעקט זיינע הענט מיט די טאָוולען איבער די צוויי בעק און אויסגערופן : לד׳ חטאת! — צו גאָט דער זינד־אָפּפער! און אַלע אַרום פלעגן ענטפערן: ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד! דער כהן גדול פלעגט דערנאָך אַרומבינדן די הערנער פונם שעיר המשתלה מיט אַ העלרויטן באַנד (לשון של זהורית) און דעם באָק אַנידערגע־שטעלט קעגן דעם מויער, דורך וועלכן מ׳וועט אים אַוועקשיקן; און דעם ציגן־באָק, וואָס מ׳דאַרף ברענגען פאַר אַ קרבן צו גאָט, פלעגט דער כהן גדול מיטן רויטן באַנד אַרומבינדן דעם האַלדז. נאָכדעם ווי דער כהן גדול ברענגט פאַר אַ קרבן חטאת דעם ציגן־באָק און דעם רינד־קאַלב (פר בן בקר) און באַשפּריצט מיט זייער בלוט דעם גאָל־דענעם מזבח אחת ואחת, אחת ושתים אאז״וו — טרעט צו דער כהן גדול צום שעיר המשתלה, שפּרייט אויס איבער אים זיינע הענט, און

פונקט ווי פריערביים קרבן חטאת, טוט ער ביים שעיר המשתלח זיך מתוודה זיין פאַר גאָט, און פלעגט אַזוי זאָגן: אנא השם! געזינדיקט, געפרעפלט און שלעכטס געטאָן האָט פאַר דיר דיין פאָלק, בית־ישראל! אנא השם! פאַרגיב די זינד, די שלעכטע מעשים און חטאים, וואָס סהאָט געזינדיקט, געפרעפלט און שלעכט געטאָן דיין פאָלק בית־ישראל; ווי עס שטייט געשריבן אין דער תורה פון משה דיין קנעכט: כי ביום הזה יכפר עליכם וכו׳. און די כהנים און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס זיינען פאַרזאַמלט אין דער עזרה, ווי נאָר דער כהן גדול האָט אַרויסגעזאָגט גאָטס נאָמען, פלעגן זיי קניען, זיך בוקן און פאַלן אויף די פנימער און אויסרופן: ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד! און דער כהן גדול פלעגט דאָן איבערגעבן דעם שעיר המשתלח דעם באַשטימטן משולח (איש עתי) ער זאָל אים אָפפירן אין מדבר אַריין. די ראָלע פון דעם „איש עתי" האָט געקאָנט אויספירן יעדער ייד, נאָר די כהנים פלעגן נישט דערלאָזן, אַז אַ פשוטער ישראל זאָל אָפפירן דעם שעיר המשתלח. דעם באָק פלעגט מען נישט אַרויספירן איבער דעם געוויינלעכן וועג, נאָר מ׳פלעגט אויפבויען אַ ספּעציעלע הויכע עסטראַדע („כבש"), וואָס האָט געפירט פון דער עזרה ביז אַרויס פון דער שטאָט. דאָס איז דער־פאַר — דערקלערט דער תלמוד — ווייל דער פאַרגרעבטער טייל פונם פאָלק, די בבליים, פלעגן רייסן דעם באָק פאַר די האָר און אים נאָכשרייען: טול וצא, טול וצא! — נעם וואָס גיכער צו אונדזערע זינד, און גיי אַוועק מיט זיי! די חשובסטע איינוואוינער פון ירושלים פלעגן באַגלייטן דעם שעיר המשתלח ביז צום ערשטן געצעלט (סוכה ראשונה); און צען אַזוינע געצעלטן זיינען געווען ספּעציעל אויפגעבויט פון ירושלים ביז צום עק „צוק" — דעם שאַרף שפּיציקן באַרג וואוהין מען פלעגט אָפפירן דעם שעיר המשתלח. ביי יעדן געצעלט פלעגט מען אָקעגן רופן דעם „איש עתי" מיטן שעיר המשתלח: „הרי מזון, הרי מים!" — אָט איז שפּייז און אָט איז וואַסער! אַזוי פלעגט מען אים באַגלייטן פון איין געצעלט ביז צום אַנדערן; נאָר פון לעצטן געצעלט ביזן צוק (דעם שאַרף־שפּיציקן באַרג) פלעגט מען אים שוין נישט באַגלייטן, נאָר פון וויטן צוזען וואָס ער טוט. און וואָס פלעגט טאָן דער „איש עתי" וואָס פירט דעם שעיר המשתלח? ער צעטיילט דעם רויטן באַנד אויף צוויי, איין העלפט פלעגט ער צו־בינדן צום שפּיץ פונם שטיין (צוק) און די צווייטע צו די הערנער פונם באָק, און פלעגט אים שטופּן ריקווערטס ביז יענער האָט זיך איבער־געקערט און אָנגעהויבן אַראָפּקייקלען זיך פונם שפּיץ באַרג, און ביז ער האָט דערגרייכט די העלפט פונם באַרג, איז ער שוין געווען צע־שיט אויף אייניציקע ביינער. האָט מען דעמאָלט מודיע געווען דעם

כהן גדול: „הגיע שעיר למדבר!" — דער באָק האָט שוין דערגרייכט דעם מדבר! ווי אַזוי האָט מען זיך אָבער דערוואוסט אין בית המקדש, אַז דער שעיר האָט שוין דערגרייכט דעם מדבר? מ'פלעגט אויסשטעלן וועכטער פון ירושלים ביז צום צוק, און מיט פענדלעך אין די הענט פלעגט איינער דעם אַנדערן איבערגעבן דעם צייכן, אַז דער באָק האָט שוין דעם צוק דערגרייכט (8).

שוין די אַלטע ביבל־מפרשים האָבן זיך געפלייסט צו געפינען אַ פּאַסיקע דערקלערונג פאַר אָט דער אויסטערלישער צערעמאָניע מיטן ציגן־באָק אין הייליקן טאָג יום־הכיפורים, און נאָכגעפאָרשט וואָס זאָל זיין דער באַטייט פונעם עזאזל. דער שאַרפזיניקער אברהם אבן עזרא האָט גלייך אָנגעוויזן, אַז דאָס געבאָט וועגן דעם שעיר המשתלח, וואָס פאַרענדיקט זיך אין ספר „ויקרא" מיט דער וואָרעניש: „והיתה זאת לכם לחקת עולם" — געפינט זיין דערקלערונג גלייך אין דעם וויטערן קאַפּיטל פונם ספר „ויקרא", וואו עס ווערט שטרענג פאַרבאָטן: „ולא יזבחו עוד את זבחיהם ל ש ע י ר י ם אשר הם זונים אחריהם, חקת עולם יהיה לכם" — און זיי זאָלן מער נישט אָפּפערן זייערע קרבנות די באָק־געשטאַלטיקע געטער וואָס זיי גלוסטן נאָך זיי. זאָל דאָס זיין פאַר אייך אַ געזעץ אויף אייביק! אויך וועגן ירבעם בן נבט „שחטא והחטיא את הרבים" — וואָס האָט אַליין געזינדיקט און אַנדערע געמאַכט זינדיקן, ווערט דערציילט אין „דברי הימים (ב' קאַפּ. 11, 51) אַז ער האָט ביי זיך אַנידערגעשטעלט כהנים צו די במות, צו די ציגן־בעק און צו די קעלבער, וואָס ער האָט געמאַכט (ולשעירים ולעגלים אשר עשה). עס איז קלאָר, אַז אין די קדמונישע צייטן האָבן אויך די בני ישראל געדינט צו ש ע י ר י ם , ד"ה צו געטער, וואָס זייער עמבלעמע איז געווען דער ציגן־באָק; און דער עזאזל איז טאָקע אַ צווילינגסברודער פון ד י אָ נ י ז י ו ס. און דאָס פלעגן עס פון כבוד וועגן די יידישע טעכטער טאַנצן אין אַ באַשטימטן טאָג (אין צענטן טאָג תשרי) אין די ווייגערטענער און זינגען עראָטישע לידער ווי די גריכישע טעכטער בשעת די דיאָניזיעס...

דער באַקאַנטער טעאַטער־פאָרשער ג. נ. י ע ו ו ר ע א י נ אָ ו ו, וואָס פירט דורך אין זיין אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג (9) אַ שאַרפזיניקע, ווען אַפילו נישט אין אַלע פּרטים געלונגענע פּאַראַלעל, פלייסט

(8) יומא, פּרק III—VI.
(9) פּעלט.

זיך צו דערוויזן, אַז דער גריכישער דיאָניזיוס־קולט, ווי אויך דער יידישער שעירים־קולט שטימען ביידע פון איין מקור — פון בבל (10).

די גריכישע טראַגעדיע אָבער, נישט נאָר זי שטאַמט פון רעליגיעזן דיאָניזיוס־קולט, נייערט זי גופא איז אין באַוואוסטזיין פונם פאָלק באַטראַכט געוואָרן אַלס רעליגיעזער אַקט, אַלס גאָטעסדינסט. דער פאָלקס־מיטאָס, געקלאָרט און געלייטערט דורך דעם גאונישן שאַפן פונם דיכטער, האָט בלוט און לייב באַקומען, איז אויף דער בינע פאַרקערפּערט געוואָרן אין רעאַלע ממשותדיקע פאָרמען און אַנטפּלעקט זיך פאַרן צושויער — פאַרן גאַנצן קיבוץ, אין לעבעדיק־צאַפּלדיקן וואָרט און בילד. און טאַקע מהאי טעמא האָטביים יידישן פאָלק אויס דעם עזאזל־ און שעירים־קולט די דראַמאַטישע קונסט נ י ש ט געקאָנט געבוירן ווערן, נישט געקוקט דערויף, וואָס די יום־כפורדיקע צערעמאָניע מיטן שעיר המשתלח איז אַזוי רייך אין טעאַטראַלישע עפעקטן, און מיר באַמערקן שוין אין איר אַפילו די וויכטיקסטע קערנער פון דער שפּעטער אַזוי שוין אויפגעבליטער גריכישער טראַגעדיע: די הויכע עסטראַדע, איבער וועלכער עס שפּאַנט דער „איש עתי" מיטן שעיר המשתלח, די סצענע אין געשטאַלט פון צען געצעלטן (סוכות); אין הינטערגרונט דער כאָר (הכהנים והעם) און אין פאָדערגרונט די דריי שוישפּילער — אין ערשטן אַקט פון דער צערעמאָניע: דער כהן גדול, דער סגן און דער ראש־בית־אב, און אינם לעצטן: דער כהן גדול, דער „איש עתי" און דער שעיר המשתלח. און צולעצט — דער וויכטיקער אַקסעסואַר פון דער גריכישער טראַגעדיע — דער בשורה־זאָגער, דער שליח, דער לויפער, וואָס קומט פון דער גאַס, פון יענער זייט סצענע, און זאָגט אָן די בשורה, אַז דאָס טראַגישע איז שוין געשען — דער שעיר המשתלח, וואָס טראָגט אויף זיך די זינד פון דער גאַנצער אומה — האָט באַצאָלט מיט זיין לעבן, און איז טראַגיש אומגעקומען. די יידישע רעליגיעז־דראַמאַטישע קונסט האָט אָבער נישט געקאָנט געבוירן ווערן, ווייל טאַקע אין דער יום־כפור־צערעמאָניע זעען מיר גאַנץ בולט די שקיעה פונם עזאזל־קולט, פון דעם בילדלעכן פאָלקס־מיטאָס. דער עזאזל־קולט האָט נאָך געלעבט אין דער פאָלקס־פּסיכיק, אים האָט שוין אָבער גובר געווען דער יהוה־קולט. נישט דעם עזאזל, נאָר דעם יהוה־גאָט איז מען מקריב קרבנות אויפן גאָלדענעם מזבח, און דעם שעיר המשתלח, דעם עזאזל־קרבן, וואָס ווערט דער סימבאָל פון דער פאָלקס־זינדיקייט און באַשולדיקטקייט —

---

(10) דאָרטן, 113, 117 און ווייטער.

שיקט מען אַוועק מחוץ למחנה אין דעם מדבר, צום שאַרף געשפּיצטן באַרג. ס'האָט גובר געווען דער יהוה־גאָט, דער גאָט פון די נביאים, וואָס איז פון אַ נאַציאָנאַלן גאָט געוואָרן דער אוניווערסאַל ער גאָט, וואָס קאָן נישט ליידן לעבן זיך קיין שום אַנדערע געטער; דער גאָט, וואָס איז אומפאַסבאַר, וואָס מ'קאָן, און מ'טאָר אים נישט דענקען אין וועלכן ס'איז בילד אָדער פאָרם, דער גאָט, וואָס פאַרבאָט אָמשטרענגסטן: לא תעשה לך כל תמונה...

דערמיט וואָס דער אומפאַסבאַרער און אומענדלעכער גאָט פון די נביאים האָט פאַרדרענגט אין דעם פאָלקס־באַוואוסטזיין אַלע אַנדערע געטער און מיטן, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן די מעגלעכקייט, די ליי־רישע דיטיראַמבן, אַז די תהלות ותשבחות צום אלהי ישראל, דער דיאַלאָג און כאָר־געזאַנג זאָלן באַקומען מער קאָנקרעטע, מיט מימיק און זשעסטן פאַרבונדענע, פאָרמען און מגולגל ווערן אין אַ בילדלעך־פּערסאָניפיצירטע טעאַטראַליש־דראַמאַטישע רעליגיעזע פאָרשטעלונג. דער רעליגיעזער פּאַטאָס, דאָס ליבע־ און פאָדערונג־געפיל צום אוניווערסאַלן גאָט, צום גאָט דעם באַשעפער, וואָס וויל נישט וויסן פון באַגרענעצטע, מענטשלעך־קערפּערלעכע פאָרמען — האָט נישט געקאָנט זיך אויסגיסן און אַנטפּלעקן אין טעאַטראַלע, סקולפּטור־בולטע בילדער און פיגורן, נייערט אין דעם וואָרט, אין דעם צאַפּל פון דער מענטש־לעכער נשמה... זייער באַלערנדיק איז אין דער הינזיכט דאָס וואונדער־באַרע טיפע בוך „איוב". דווקא דאָס ווערק, וואָס איז אַזוי רייך מיט טעאַטראַלע עלעמענטן, און איז געשאַפן אין דראַמאַטישע פאָרמען, באַווייזט אָמבולטסטן, אַז אין דער דורך די נביאים באַגרינדעטער עטיש־מאָנאָטעאיסטישער וועלט־אָנשויאונג האָט געפעלט דער וויכ־טיקסטער לעבנס־מאָמענט פון דער גריכישער טראַגעדיע: דער גלויבן אינם בלינדן פאַטום, אין דעם פאָראויס־באַשטימטן גזר־דין, וועלכן דער מענטש איז נישט אימשטאַנד אָפּצוואווענדן; און וואָס עקשנותדי־קער ער קעמפט קעגן זיין פון פרעמדע אומברחמנותדיקע כוחות פאָר־אויס־באַשטימטן מזל, — אַלץ אומפאַרמיידלעכער, אַלץ טיפער וועט זיין די מפלה. און טאַקע דערפאַר, וואָס אין ספר „איוב" פירט גאָט אַ געשפּרעך מיטן שטן און גאָטס שטים לאָזט זיך הערן „מן הסערה", — האָט שוין דאָס ווערק געמוזט בלייבן אַ בוך בלויז צום לייענען, און נישט געקאָנט פאָרגעשטעלט ווערן אין לעבעדיקן דיאַלאָג אויף דער בינע. דער גאַנצער וועלט־באַנעם פונם מאָנאָטעאיסטישן יידן מיט זיין פעסטן גלויבן אין דעם אומפאַסבאַרן און פאַרבאָרגענעם גאָט, „שאין לא דמות הגוף ואינו גוף", האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם געדאַנק, צו

מאַכן דעם בוך „איוב״ אַ „טעאַטער־שפּיל״, מאַכן פון דער דערציילונג וועגן דעם גרויסן געראַנגל פונם מענטשנס נשמה, פון דער שטאָלצער, נאָך יושר בענקענדיקער, מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — אַ דראַ־מאַטישע „פאַרשטעלונג״.

3.

ד״ר שיפּער האָט דערפאַר אַ גרויסן טעות בעת ער וויל באַווייזן, אַז דאָס „ליד פון שמחת תורה״, וואָס נ. פּרילוצקי האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין ערשטן באַנד „יידישע פאָלקס־לידער״ (נומ. 69), איז „אַ קאָמ־פּילאַציע פון דריי שפּיל־טעקסטן״: צוויי וואַריאַנטן פון אַ מיסטעריע „משה רבינו מיט די לוחות״, און אַ וואַריאַנט פון אַ צווייטער מיסטעריע „תורה־שפּיל״, וואו עס טרעטן אַרויס אויף דער סצענע צווישן אַנדערע פּערסאָנאַזשן: גאָט, מלאכים און די תורה. מיר רעדן שוין נישט וועגן דעם, וואָס דער טעקסט גופא ווייזט דווקא באַשיימפּערלעך, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ טיפּיש־רעליגיעז פאָלקס־ליד, אָדער אַ קאָמפּילאַציע פון אייניקע פאָלקס־לידער, אָבער בשום אופן נישט מיט אַ „מיסטעריע־שפּיל״. די ערשטע צוויי און צוואַנציק סטראָפן פונם ליד זיינען געבויט שטרענג נאָכן אלף־בית. ד״ר שיפּער מאַכט זיך אָבער נישט דערפון — עס מוז ווערן אַ מיסטעריע־שפּיל, און ער צערייסט אָן רחמנות דאָס געוועב פונם ליד, וואַרפט אַרויס די פערזן, וואָס זיי־נען צו בולט סותר זיין סכעמע, און עס אַרט אים כלל נישט, וואָס דאָדורך בלייבן פיל פערזן נישט געגראַמט. ד״ר שיפּער באַמערקט אָבער דערביי נישט דאָס וויכטיקסטע: דווקא דערפאַר, וואָס אין דעם ליד „רעדט הקב״ה צו דער הייליקער תורה״ און עס ווערט אַזוי אָפט איבערגעחזרט „דאָ רופט גאָט צו משה״ — האָט אַזאַ „מיסטעריע־שפּיל״ נישט געקאָנט עקזיסטירן ביי יידן...

אַ טעות האָט אויך ד״ר שיפּער בעת ער רעכנט אַריין אין דעם אַלטן יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר די „וויכוח־לידער״, און באַטראַכט זיי אַלס „אַלעגאָרישע דראַמעס״ לויטן מוסטער פון די קריסטלעכע „געלערטע דיאַלאָגן אָדער מאָראַליטעטן. ד״ר שיפּער מאַכט דאָ ליי־דער אַ געוויסן פּלאָנטער הן בנוגע דעם טעאַטער־רעפּערטואַר גופא, הן בנוגע די מוסטערן, לויט וועלכע דער רעפּערטואַר איז געשאַפן גע־וואָרן. ווייל די דאָזיקע פראַגע האָט אַ געוויסן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס, איז כדאי אויף איר זיך עפּעס לענגער אָפּצושטעלן.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, אויס וואָסערע סיבות די דראַמאַטישע קונסט האָט זיך נישט געקאָנט נאָרמאַל אַנטוויקלען ביי יידן. עס האָט

זיך דאָ איבערגעחזרט כמעט דאָס זעלבע, וואָס מיר קאָנען באַאָבאַכטן ביי אַן אַנדער קונסט, וועלכע איז אויך פאַרבונדן מיט פאַרקערפּערונג אין בולטע דריי־שטחדיקע געשטאַלטן — ביי סקולפּטור־קונסט. ביים שטרענגן פאַרבאָט: „לא תעשה לך כל תמונה" — האָט דער יידישער קינסטלער נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו שאַפן אין בולטע פאָרמען נישט נאָר מענטשלעכע, נייערט אַפילו חיות־געשטאַלטן, מען זאָל פון זיי קיין געצן נישט מאַכן. האָט דער יידישער קינסטלער מיט זיין גראָבשטיכל זיך אין דעם האָלץ און אינם שטיין איינגעקריצט, מיטן צאַרטן פּענזל די וואונדערבאַרסטע אַראַבעסקעס געציקלט, געפלאָכטן און געשפּונען קונציקע אָרנאַמענטן אויס געוויקסן, חיות און פייגל צוזאַמען; און אַזוי איז דאָס דעקאָראַטיווע געוואָרן דאָס היימישע און באַליבטע געביט, אויף וועלכן די יידישע קונסט האָט געקאָנט אָמ־גלענצנדסטן איר אייגענעם מהות, איר אייגנאַרטיקן נוסח אַנטפּלעקן...

מיט דער דראַמאַטישער קונסט איז עס אויך אַזוי צוגעגאַנגען. ווייל דאָס דראַמאַטישע האָט זיך נישט געקאָנט נאָרמאַל אַנטוויקלען אין „שפּיל" און „פאָרשטעלונג", האָט זיך עס אַנטפּלעקט אין וואָרט, אין דער דערציילערישער פאָרם. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט געשאַפן אַ געוואַלטיקע מענגע לעגענדעס און אגדות, וואָס באַוואונדערן ממש מיט דער רייכער שפע דראַמאַטישע מאָמענטן. גענוג צו דערמאָנען דעם וואונדערבאַרן ציקל לעגענדעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן „קלוגסטן פון אַלע מענטשן" — מיט שלמה המלך, וועלכער זיצט אויף זיין פּראַכטפולן טראָן, דעם אַלעמען אַזוי גוט באַקאַנטן טראָן, וואָס ווערט אין דער מדרש־ליטעראַטור געשילדערט כמעט מיט נישט ווייניקער מייסטערשאַפט ווי אַכילס שילד אין האָמערס פּאָעמע. אָדער צ. ב. די לעגענדעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן חורבן בית המקדש: דאָס שרעקלעכע איז שוין געשען: פאַרברענט איז גאָטס היכל, חרוב איז גאָטס שטאָט און דאָס גאַנצע לאַנד, די בעסטע קינדער פון ירושלים פירט דער שונא אין קייטן און טויט זיי פאַר קנעכט פאַרקויפן. אויפ־געשטאַנען זיינען פון זייערע קברים די אבות ווי נאָר זיי האָבן די ביטערע בשורה דערהערט. עס קומען פאַרן כסא הכבוד בעטן רחמים אברהם, יצחק און יעקב. עס קומט אויך דער הייליקער פאַסטוך משה רבינו און בעט פאַר זיינע שאָף, וואָס ער האָט זיי פערציק יאָר אין דעם מדבר געהיט. די אבות מאַכן שוייגן די צוויי־און־צוואַנציק אותיות פון דער תורה, וואָס זיינען געקומען עדות זאָגן פאַרן כסא הכבוד, ווי גרויס ס'איז די זינד פונם פאָלק ישראל, וואָס האָט עובר געווען אויף די גע־באָטן פון דער הייליקער תורה. נאָר נישט געשטילט בלייבט דער צאָרן פון גאָט און נישט געמילדערט איז דער שטרענגער גזר. דאַן קומט די

מוטער רחל, דער סימבאָל פון מוטער־ליבע און מוטער־שמאַרץ; זי טוט איר גרויסן צער פאַרן כסא הכבוד אויסגיסן, און קעגן די מוטער־טרערן קאָן דער כביכול נישטביישטיין, און עס לאָזט זיך פון די הימלען הערן די געטלעכע שטים: „וויין נישט רחל! איך וועל דיינע קינדער פונם גלות אומקערן!"

דער דיאַלאָג, דער וויכוח, איז די באַליבטסטע פאָרם געוואָרן פון פיל מדרש־ און תלמוד־לעגענדעס, וואָס ווערן אָבער בלויז דערציילט און איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. דער דיאַלאָג ווערט אויסגענוצט בלויז אַלס אָרנאַמענט, אָבער נישט אַלס „שפּיל". און די בעסטע העברעאישע דיכטער פון מיטלאַלטער, פון שלמה אבן גבירול ביז ישראל נאגארה (נאַדזשאַרע), האָבן געשאַפן אין די הונדערטער דיאַלאָגן־לידער — צוויי געשפּרעכן צווישן דער פאַרוואָגלטער געליבטער, די כנסת ישראל, און איר געליבטן, וואָס צאַרנט אויף איר, נאָר קאָן זי נישט פאַרגעסן — דעם רבונו של עולם...

עס איז טאַקע דערפאַר כלל קיין חידוש נישט, וואָס אין דער העברעאישער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור האָט אַזוי אויסגענומען די „מאקאמות"־דיכטונג־פאָרם, וועלכע די יידישע דיכטער האָבן איבערגענומען ביי זייערע קרובים און שכנים — די אַראַבער, ביי וועלכע די טעאַטער־ און דראַמע־קונסט האָט אויך נישט געקאָנט אויפבליען, און טאַקע אויס ענלעכע סיבות ווי ביי יידן. וואַנדערנדיקע בעדואינער, פרייע קינדער פון די ברייטע מדבריות — זיינען די אַראַבישע שבטים נישט געווען פעסט איינגעוואָרצלט אין אַ באַשטימטן שטח ערד מיט זיין „בעל", דעם האַר און באַפעלער, וועלכן מען דאַרף פאַרגיטיקן מיט קרבנות, באַדינען מיט אַלערליי צערעמאָניעס פון אַ פעסטגעשטעלטן קולט. זייער גאָט איז געווען דער גאָט פון די ברייטע וויטן, פון די שטורמישע זאַמדן, דער גאָט פון די ברענענדיק־הייסע ווינטן, וואָס טראָגן זיך איבער די אומבאַגרענעצטע וויסטענישן, דער איינציקער און אומפאַסבאַרער, וואָס האָט נישט קיין בילד און קיין פאָרמען, און שוועבט אַרום ווי דער ברענענדיקער אָטעם פון דעם אינסופדיקן מדבר. די איבערהיצטע מזרחישע פאַנטאַזיע פון די דאָזיקע בעדואינען־קינדער נויטיקט זיך נישט אין בולטע קאָנקרעטע פאָרמען און ביל־דער — דאָס וואָרט גופא, דאָס אומפאַסבאַרע, פליסנדיק־באַוועגלעכע און צאַפּלדיק־לעבעדיקע וואָרט — דאָס אַליין פאַקט מיט גוואַלדיקער קראַפט זייער רייכע פאַרשטעלונגס־קראַפט, ווערט גלייך פאַרקערפּערט אין לעבעדיקע בילדער, אין פילפאַרביקע, טעאַטראַלישע „פאַרשטע־לונגען".

אָט אויף אַזאַ אופן האָט זיך ביי די אַראַבער געבילדעט אַן אייגנ־אַרטיקע דיכטונגס־פאָרם, וואָס קיין אַנדער אייראָפּעאישע ליטעראַטור פאַרמאָגט זי נישט — די מאקאמע. דאָס איז אַ מין נאָוועלן־דראַמע, וואו עס טרעטן אַרויס צוויי פערזאָנען, וואָס פירן די גאַנצע צייט אַ צוויי־געשפרעך (דיאַלאָג): די הויפּטפּערזאָן, וואָס דערציילט וועגן אירע מעשים, גבורות און קונדסישע שטיק, און דער בעל־הספור גופא — אַ מין בת־קול, וואָס שטעלט פראַגן, מאַכט באַמערקונגען, און דאַדורך ווערט די גאַנצע דערציילונג ווי אויך די אויפפירונג פון דער הויפּט־פּערזאָן פיל בולטער און לעבעדיקער. יעדער עפּיזאָד פון דעם העלדס ספור־המעשה ווערט געשילדערט אין אַ באַזונדערער מאקאמע, וואָס ווערט אָבער בלויז דעקלאַמירט (אָדער געלייענט) אָבער נישט „גע־שפּילט". דער סטיל פון דער מאקאמע איז אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער: די מאקאמע ווערט געשריבן אין אַ גערייםטער פּראָזע, די פּראָזן זיינען קורץ, פול מיט לעבן און באַוועגונג, רייך מיט ריטמישע צוזאַמענקלאַנ־גען. פיל פון די העברעאישע מאקאמען, באַזונדער פון דעם באַרימטן מאקאמען־דיכטער יהודה אלחריזי, זיינען זייער רייך מיט וויכוחים. עס פירן ביי אלחריזין וויכוחים הן לעבעדיקע נפשות, הן אַבסטראַק־טע באַגריפן: דער מאמין מיטן מין, דער מאַן מיטן ווייב, דער טאָג מיט דער נאַכט, די יבשה מיטן ים, די שווערד מיט דער פען, קאַרג־שאַפט מיט מילדקייט. אין איניקע מאקאמען, ווי צום ביישפּיל אין דער דרייצנטער פון זיין „תחכמוני", פירן אַ וויכוח גאַנצע פיר מיט־אַמאָל: דער גוף, די נשמה, דער שכל און דער יצר הרע. ספּעציעל וויכוחים־לידער האָבן אויך געשריבן פיל העברעאישע דיכטער, ווי אברהם אבן עזרא און אַ סך אַנדערע, וועגן וועלכע עס דערמאָנט טאַקע ד"ר שיפּער, וואָס איז זיך דערביי סומך אויף צונצס „ליטעראַטור־גע־שיכטע". פיל פון די דאָזיקע לידער זיינען איבערגעזעצט אויף יידיש אָדער פאַרפאַסט לויט זייער מוסטער. די דאָזיקע לידער זיינען אָבער פאַרפאַסט געוואָרן בלויז צום לייענען אָדער דעקלאַמירן, נישט צום „שפּילן". און דאָס טיילט זיי אָפּ מיט אַ שאַרפער מחיצה פון די קריסט־לעכע מיטלאַלטערלעכע Moralité אַלעגאָרישע טעאַטער־שטיק, וואָס פלעגן טאַקע געשפּילט ווערן גלייך ווי די איבעריקע מיטל־אַלטערלעכע מיסטעריעס.

4.

נישט באַגרינדעט רעכענען מיר אויך ד"ר שיפּערס אויספיר, אַז שוין אינם 14טן י"ה שטייט די יידישע דראַמאַטיק אונטערן איינפלוס

פון דער דייטשער מיסטעריע (רעליגיעזע שפילן). מיר ווייסן זייער גוט, אַז ווי ביי די אַנטיקע גריכן, אַזוי אויך ביי די קריסטלעכע פעלקער פונם אייראָפּעאישן מיטלאַלטער, זיינען די טעאַטראַלישע פאָרשטעלונגען געווען ענג פאַרבונדן מיטן רעליגיעזן קולט: ביי די גריכן מיטן דיאָניזיוס־יום־טוב, און אין קריסטלעכן מיטלאַלטערלעכן אייראָפּע איז די וויג פון דער טעאַטער־קונסט געשטאַנען אין דער קירך, און דער גלח מיטן קרייץ איז איר פאָטער געווען. די טעאַטראַלישע פאָרשטעלונגען (מיסטעריען, מיראַקלען) האָבן זיך אַנטוויקלט פון דר קריסטלך־קאַטוילישער גאָט־דינסט. די קריסטלעכע באַפעלקערונג, וואָס איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ גאַנץ נידעריקן קולטורעלן מצב, און נאָך נישט איינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם פייערדיקן געצנדינסט — האָבן די גייסטלעכע באַקאַנט מיט די יסודות פון דער אמונה און מיט דער געשיכטע פון קריסטוסעס לעבן אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן. זיי פלעגן דעם עוואַנגעליום־טעקסט נישט פאָרלעזן אָדער דערציילן, נאָר פאָרשטעלן אין בילדער, אין מאַסן־פּראָצעסיעס. נישט מיטן וואָרט, נישט מיט אַבסטראַקטע באַגריפן האָט מען דעם פּשוטן אומגעבילדעטן המון באַקאַנט מיטן תוך פון דער קריסטלעכער אמונה, נייערט מיט בולטע קאָנקרעטע סימבאָלן, וואָס מען האָט זיי געקאָנט זען און אָנטאַפּן מיט די הענט. די געשיכטע פון קריסטוסעס געבורט, קרייציקונג און זיין תחית המתים פלעגט אין דער קירך פאָרגעשטעלט ווערן אין דראַמאַטישע סצענעס, אַלס פירוש צום ווייניק פאַרשטענדלעכן לאַטיינישן טעקסט. די דאָזיקע דראַמאַטישע סצענעס, וואָס זיינען געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון דער קאַטוילישער גאָט־דינסט, זיינען ביסלעכוויז אויסגעוואַקסן אין גאַנץ גרויסע ליטורגישע דראַמעס, אין וועלכע עס פלעגן זיך שוין באַטייליקן נישט בלויז גייסטלעכע, נאָר אויך פּשוטער עולם. די קירך ווערט שוין צו ענג פאַר די מיסטעריעס, קלייבן זיי זיך אַריבער אין קירך־הויף, און שפּעטער — אַפילו אויסער דעם קירך־הויף. אָבער דער לעבנס־נערוו פון די דאָזיקע דראַמעס בלייבט אַלץ ווי פריער דער שאַרף אויסגעפּרעגטער רעליגיעזער, גאָט־דינסטלעכער מאָמענט. צווישן די פּערסאָנאַזשן פון די שווער־וואַגיק און אָפט אומגעהויער לאַנגע מיסטעריע־שפּילן. פלעגן זיך באַטייליקן נישט נאָר הייליקע, נביאים און אַפּאָסטאָלן, נייערט „גאָט דער פאָטער" בכבודו ובעצמו, זיין „זון" און די הייליקע מוטער.

אַזעלכע דראַמעס וואָס האָבן געטראָגן אַזאַ טיפּיש קריסטלעך־רעליגיעזן כאַראַקטער, זיינען געווען גאַנץ ווייניק מסוגל אויף אַזוי ווייט פאַראינטערעסירן די יידישע באַפעלקערונג, אַז עס זאָל מיטאַמאָל דורכגעבראָכן ווערן די אַזוי פיל דורות דויערנדיקע מחיצה, און יידן

זאָלן באַקומען שטאַרקן חשק נאָכטאָן די אומות העולם און איינפלאַנצן אין זיך דאָס פרעמדע געוויקס — די טעאַטער־קונסט. מען דאַרף נאָך דערביי געדענקען, אַז גראַד אין דייטשלאַנד האָט די שכנות פון דעם מיסטעריע־שפּיל מיטן קירך־הויף געדויערט אַמלענגסטן, ביז טיף אין 15טן י״ה. די מיסטעריעס פלעגן געשפּילט ווערן דער עיקר אין דער וואָך פאַרן קריסטלעכן פּסח־יום־טוב, ווען יידן, די „קריסטוס־שונאים״, האָבן זיך געמוזט אין זייערע געטאָס פאַרשפּאַרן, זיי זאָלן זיך אין די אויגן נישט וואַרפן. דערצו מוז מען נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז די מיסטעריעס זיינען געווען נישט נאָר קריסטלעך־רעליגיעז, נאָר אויך שטאַרק יידן־פיינטלעך. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די דייטשע מיסטעריעס, וואָס האָבן דערגרייכט זייער בלי־תקופה ערשט נאָך די קרייצצוגן, זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ גיפטיקער שנאה און קאַלטן ביטול צו אַלץ, וואָס ס׳האָט אַ שייכות צום יידנטום. אין די פּסח־ און ווייַנאַכט־מיסטעריעס זיינען געווען נישט ווייניק סצענעס, וואו צווישן די פּערסאָנאַזשן האָבן פיגורירט אויך יידן, און אין די סצענעס פלעגט זיך אַנטפּלעקן די שנאה און פאַראַכטונג צו יידן אין איר אמת מיטלאַלטערלעכער גראָבקייט. ווי נאָר עס פלעגט אויף דער בינע פאַרגעשטעלט ווערן דער גיהנם, האָט דעם בכבודסטן אָרט דאָרט פאַרנומען דער קעסל ספּעציעל פאַר Judaei בכדי צו דערוויזן דאָס נבזהקייט און לעכערלעכקייט פון דעם „ליגנערישן״ יידנטום, פלעגט מען שטעלן אַ ספּעציעל אַלעגאָריש שפּיל „די קירך און די סינאַגאָגע״. זייט דעם האָבן אין די רעליגיעזע שפּילן אָנגעפאַנגען זיך צו באַטייליקן נישט בלויז גייסטלעכע, נייערט אויך דאָס פּשוטע פאָלק, האָבן צוזאַמען מיט דער פאָלקס־שפּראַך, וואָס האָט ביסלעכווייז פאַרדרענגט דעם לאַטיין, זיך אַריינגעריסן אין דער פרומער מיסטעריע אויך עלעמענטן פון דעם וואָכעדיקן לעבנשטייגער. צוזאַמען מיטן דידאַקטיש־רעליגיעזן, באַווייזט זיך אויך דאָס קאָמיש־היציקע, דאָס וואולגאַר־פאָלקסטימלעכע. צווישן די ערנסטע און פרום־רעליגיעזע סצענעס שפּאַרן אַריין קאָמישע סצענקעס, די אַזוי גערופענע „פאַרסען״, אינטערמעדיעס און אינטערלוידיעס, מיט דעם גראָב־וויציקן און פריילעכן געלעכטער. און דאָס „כפרה־הינדל״, דער ציל־שייב פאַר די אַלע שפּאַסן און קאָמישע שטיק, פלעגט אַממייסטן דינען דער ייד. אין פראַנקפורט, אַשטייגער, האָבן די יידן, וואָס פלעגן אַרויסטרעטן אויף דער בינע אין באַשטימטע סצענעס פון די מיסטעריעס — געטראָגן די פאַמיליע־נעמען פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דער אָרטיקער קהילה. די סצענע, וואו עס טרעט אַרויס אויף דער בינע יהודה איש־קריות, פלעגט אויסגענוצט ווערן דעם עולם צו אָמו־

זירן, און די יידן פלעגן דאָרט פאַרגעשטעלט ווערן אַלס די נידער־טרעכטיקסטע שווינדלער און אויסוואורפן. די באַליבטסטע „נומערן״ פריילעך צו מאַכן דעם עולם, זיינען געווען די סצענעס מיט יידישע טענץ און געזאַנג. אויף דער בינע פלעגט אין דער יידישער „לאָזשע״ שטיין אַ קאַלב־פיגור אָנגעפילט מיט ביר, און די יידן פלעגן טרינקען דאָס ביר נישט אויס דעם קאַלבס מויל, נאָר דורך דעם אַנדערן חלל. אין אַן אַנדער מיסטעריע־שפּיל ליגן יידן אויסגעשטרעקט און זויגן ביי די אייטערס פון אַ חזיר. אָט די דאָזיקע „גייסטרייכע״ אַנטפּלעקונג פון מיטלאַלטערלעכן שענק־וויץ און מגושמדיקער ווילדקייט איז פאַר־אייביקט געוואָרן לדורי דורות אויף איינעם פון די פראַנקפורטער שטאָט־מויערן, און דער געשמאַקלאָזער שודט האָט מיט דעם דאָזיקן בילד באַצירט זיין דיקבייכיקן „כל־בו״ (11).

דאָס אַלץ האָט נאַטירלעך גאַנץ ווייניק געקאָנט דערוועקן אין דער יידישער באַפעלקערונג דעם חשק גובר צו זיין די מחיצה, וואָס האָט זייט לאַנגע דורות אָפּגעזונדערט די יידישע קולטור פון דער דראַ־מאַטישער טעאַטער־קונסט; און מיר געפינען טאַקע נישט דערפאַר אין די יידישע קוועלן קיין שום סימנים, וואָס זאָלן באַשטעטיקן ד״ר שיפּערס באַהויפּטונג, אַז נאָך אינם 14טן י״ה „שאַפט זיך אַ בריק צווישן דעם אַלט־דייטשן מיסטעריע־שפּיל און דער יידישער דראַמאַטיק״ (דאָרטן, 121). דערפאַר שפּירט זיך אָבער אין דעם יידישן געטאָ זייער שטאַרק די השפעה פון דער קריסטלעכער סביבה בנוגע צו אַלטע מנהגים, חתונה־ און ימים־טובים־פאַרווייליונגען, טענץ, געזאַנג, וויצן און לצנות. אַ סך פון די דאָזיקע מנהגים און פאַרוויילונגען זיינען אַפילו בשעתם געווען ענג פאַרבונדן מיט געצן־דינסט און דעמאָנען־קולט. דער רעליגיעזער מהות איז אָבער אין משך פון דורות אויסגעוועפּט געוואָרן, און די מנהגים זיינען פאַרבליבן אינם באַוואוסטזיין פון פאָלק בלויז אַלס לעבנסשטייגער. די „קאַליאַדעס״ און „קאַלענדעס״, למשל, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט פאַרשטעלן זיך פאַר חיות, אָדער מיט פאַר־בייטן די הלבשה פון מענער און פרויען, זיינען טאַקע אין פריערדיקע דורות געווען פאַרבונדן מיט רעליגיעזן קולט און מיט עראָטישע מאָ־מענטן אין דער געצן־דינסט, און דערפאַר טאַקע שטאַמט דער פאַר־באָט אין דער תורה פון „לא תלבש בגדי אשה״; מיט דער צייט האָט אָבער דער לעבעדיקער סימבאָל זיין רעליגיעזן תוך פאַרלוירן און איז מגולגל געוואָרן אין פשוטן פאָלקלאָר, אין אָקסעסואַרן פון פאָלקס־טימלעכער „געזעליקייט״. און טאַקע אָט די קאַפּיטלעך אין ד״ר שיפּערס

(11) יודישע מערקווירדיקייטן II, 257.

ווערק (ז. 100—26), וואו דער פּראָפעסער ווייזט אָן אויף דער גרויסער השפעה, וואָס די קריסטלעכע סביבה האָט געהאַט אויף די פּיאָנערן פון „גערזעליקייט" אין די מיטלאַלטערלעכע געטאָס, אויף די אַלע יידי־שע לצים, „נאַרן", בדחנים מיט זייער טאַנץ, געזאַנג און שפּיל — זיי־נען די אינטערעסאַנטסטע אינם גאַנצן בוך: מיט גרויס מי און פלייס האָט דער פּראָפעסער געזאַמלט אויס פאַרשיידענע אייראָפּעאישע קוועלן דעם נויטיקן מאַטעריאַל, און עס געלינגט אים אויפן פאָן פון דער קריסטלעכער סביבה צו געבן אַ לעבעדיק פיל־פאַרביק בילד פון דער יידישער „גערזעליקייט" אין מיטלאַלטער.

ווען איז אָבער ווירקלעך „געשאַפן געוואָרן אַ בריק" צווישן דעם יידישן געטאָ און דעם אייראָפּעאישן טעאַטער, און עס זיינען געלייגט געוואָרן די ערשטע גרונט־שטיינער פון יידישער טאַעטראַל־דראַמאַ־טישער קונסט? אין אונזער אויבן־ציטירטער אָפּהאַנדלונג וועגן יידישן טעאַטער אין דער רענעסאַנס־תקופה, האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז ערשט אויפן שוועל פונם 16טן י"ה, ווען ס'איז אין איטאַליע געשאַפן געוואָרן אַ נאַציאָנאַל־טעאַטער מיט זיין וועלטלעכן רעפּערטואַר, און די רייך־הומאַניסטישע דראַמע האָט גובר געווען די קריסטלעך־רעליגיעזע מיסטעריעס, — ערשט דעמאָלט איז געשאַפן געוואָרן די פּאַסיקע סביבה, אַז אויך יידן זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיט מעלפּאָמענאַס קונסט. און עס איז כלל נישט קיין צופאַל, וואָס טאַקע די ערשטע ידיעה וועגן יידישן טעאַטער־שפּיל שטאַמט אויס איטאַליע אויס דעם יאָר 1531.

דאָס אייגענע איז אויך פאַרגעקומען אין דייטשלאַנד. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז בעת אַ גאַנצער קייט קולטורעלע, סאָציאַלע און פּאָליטישע סיבות האָבן אַרויסגערופן די ברייטע רעליגיעז־רעפאָרמיסטישע באַ־וועגונג, האָט זי זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס דייטשלאַנד האָט זיך אָפּגעטיילט נישט נאָר פון דער אויסלענדישער פּויפּסט־קאַטוילישער קירך, נייערט אויך פון דער לאַטיינישער. דער קולטורעל אויסגע־וואַקסענער שטאַטישער בירגערשטאַנד האָט געפאָדערט, אַז זיין גייס־טיק־ רעליגיעזע נאַרונג, די ביבל, זאָל זיין פאַר אים צוטריטלעך אויף זיין מוטערשפּראַך. די באַרימטע דייטשע ביבל־איבערזעצונג איז נישט געווען קיין גאונישע המצאה פון מאַרטין לוטער — נאָר אַ לאָגישער פועל־יוצא פון אַ לאַנגן און וויכטיקן קולטור־פּראָצעס. און טאַקע דער זעלבער קולטור־פּראָצעס האָט עס אויך גורם געווען, וואָס לזטערס בן־דור און פייערדיקער חסיד, דער באַרימטער האַנס זאַקס, זאָל אויך אַרויס־טרעטן אַלס רעפאָרמאַטאָר פון דייטשן פאָלקס־טעאַטער, אַלס אמתער באַגרינדער פון אַ **וועלטלעכן** טעאַטער. אַ דאַנק אים זיינען די גראָבע אויסגעלאַסענע פאַרנאַכט־קאַרנאַוואַלן און שפּילן

דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון טאַלענטפולע פאָלקס־לוסטשפילן, וואָס האָבן נישט נאָר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך וועלכן ס׳איז רעליגיעזן לבוש, און פון דעם קירך־הויף זיך אַריבערגעפּעקלט אין גאַסט־הייזער און ספּעציעלע טעאַטער־געביידעס, נייערט זיינען נישט זעלטן אויס־גענוצט געוואָרן אויך אַלס קאַמף־מיטל קעגן דער קאַטוילישער קירך. נישט אומזיסט האָט טאַקע לוטער צוליב זיינע רעפאָרמאַטאָרישע צוועקן דערקלערט די פאָלקס־קאָמעדיע אַלס אויסגעצייכנט פּעדאַגאָ־גיש מיטל, און טאַקע האַנס זאַקס האָט פאַרפאַסט אַ גאַנצע צאָל אַנטיפּויפּסטישע פאַרסן, אין וועלכע ער שפּאָט אָפּ פון די קאַטוילי־שע גייסטלעכע און אַנטבלויזט זייער מאָראַלישע פוילקייט און אויס־געלאַסנקייט. אַפילו דעם פּויפּסטס הייליקן פּאַטריאָן, דעם אַפּאָסטאָל פּעטרוס, וואָס אין זיינע הענט זיינען איבערגעגעבן געוואָרן די שליסל פון די גן־עדן־טויערן, — אויך פאַר אים האָט האַנס זאַקס גאַנץ ווייניק דרך ארץ, און אין איינעם פון זיינע פאַסט־נאַכט־שפּילן שטעלט דער דיכטער פאַר דעם הימלישן טויער־היטער אַלס פריילעכן צעך־געזעלן, וואָס פאַרברענגט גאַנץ געמיטלעך די צייט מיט אייניקע גוטע ברידער אין אַ שענק ביי פּילע פלאַשן וויין און ביר, און פאַרגעסט באַטרונקע־נערהייט, אַז דאָרט, ביי די טויערן פון גן־עדן, שטייען נעבעך די צדיקים און קאָנען נישט אַריין, ווייל ער האָט דאָך די שליסל ביי זיך. אַדאַנק דעם הומאַניזם און דער רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק דערוועקט דעם אינטערעס צו דער ביבל און אין דער זעלבער צייט שטאַרק פאַרטונקלט דעם אַמאָליקן גלאַנץ פון די קאַטויליש־געפאַרב־טע מיסטעריעס, זיינען אין דער ערשטער העלפט פון 16טן י״ה גע־שאַפן געוואָרן אין רייכער צאָל ביבלישע דראַמעס פון אַ מער־וויניקער עולמישן כאַראַקטער. און טאַקע האַנס זאַקס, דער גרויסער מייסטער פון פאַסט־נאַכט־שפּילן האָט אויך פאַרפאַסט אַ גאַנצע צאָל וועלטלעכע דראַמעס אויף ביבלישע טעמעס: „אסתר“, „יהודית“, „שלמה המלכס משפט“ א״אַנד.

דאָס אַלץ האָט געמוזט מאַכן אַ שטאַרקן רושם אין דעם יידישן געטאָ, וואו מען האָט בכלל מיט פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו דעם אין דער קריסטלעכער וועלט אויסגעבראָכענעם קאַמף, געזען אין דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג די „עקבתא דמשיחא“ און געהאָפט, אַז דעם ווידערשפּעניקן מאַנאַך לוטער וועט געלינגען צו צעשמעטערן דעם געפערלעכסטן פיינט פונם יידנטום — די קאַטוילישע קריסטלע־כע קירך. אָט ביי די צושטאַנדן איז ענדלעך געשאַפן געוואָרן „די בריק“ צווישן דעם יידישן געטאָ און דעם אייראָפּעאישן טעאַטער, און די מחיצה, וואָס האָט אָפּגעטיילט די יידישע באַפעלקערונג פון מעל־

פּאַמענאַס טעמפּל, איז באַזייטיקט געוואָרן. אויך אויף דער יידישער גאַס באַווייזן זיך טעאַטער־שפּילן לויט דעם מוסטער פון די פּאַסט־נאַכט־שפּילן, און דראַמאַטישע שאַפונגען לויט דעם מוסטער פון די ביבלישע דראַמעס, אין וועלכע עס האָבן ענדלעך געקאָנט אויסגע־נוצט ווערן אין טעאַטראַלישער, ווען אַפילו גאַנץ פּרימיטיווער פאָרם, די אויסערגעוויינלעך רייכע דראַמאַטישע קערנער, וואָס זיינען פאַר־שפּרייט אין דער מדרש־ליטעראַטור.

ד״ר שיפּער פּלייסט זיך צו דערווייזן מיט פיל פּאַראַלעלע ציטאַטן אויס דייטשע מיסטעריעס און אַלט־יידישע דראַמאַטישע שפּילן די ריכטיקייט פון זיין אויספיר, אַז די יידישע דראַמאַטיק איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער דייטשער מיסטעריע. נאָר טאָקע די פון אים געזאַמלטע „וויכטיקסטע שפּיל־טעכנישע באַריר־פּונקטן״ (ז. 123 — 134) באַווייזן דווקא, אַז די יידישע פאָלקס־שפּילן זיינען געשטאַנען אונטער דער דירעקטער השפעה נישט פון די מיסטעריעס, נייערט פון די פּאַסט־נאַכט־שפּילן פון נירענבערגער סטיל. און אין אַ פּאָר ערטער איז דאָס טאָקע ד״ר שיפּער אַליין מודה. בנוגע די „באַגרי־סונגס־פאָרמולעס״ אין די אַלט־יידישע פּיעסן באַמערקט ד״ר שיפּער: „ווי ס׳ווייזט אָבער אויס, איז די יידישע פאָרמולע גענומען געוואָרן אויף אַן אומדירעקטן וועג, דורך דער פאָרמיטלונג פון די נירענבערגער פּאַסט־נאַכט־שפּילן״ (ז. 126). דאָס אייגענע חזרט זיך אויך איבער בנוגע צו אַנדערע אין די יידישע שפּילן אַנגענומענע „פאָרמולעס״, ווי אַשטייגער ביי דער פאָרמולע פון בעטן באַלוינונג ביים פּובליקום. ד״ר שיפּער באַמערקט דערביי: „דער לעצטער מאָמענט קומט פאָר דער עיקרשט אין די פּאַסט־נאַכט־שפּילן״ (ז. 132).

מיר קאָנען אויך נישט מסכים זיין מיט אייניקע אַנדערע פון ד״ר שיפּער אַרויסגעשטעלטע השערות, ווי צום ביישפּיל, אַז דאָס אַזוי פּאָ־פּולערע ביי יידן רעטעניש־ליד מיט די קונדסישע פערזן:

נאַרישער בחור, נאַרישער טראָפּ
דו האָסט נישט קיין שכל אין דיין קאָפּ —

„איז אַ פלאַנצונג, וואָס שטאַמט פון דער מיטלאַלטערלעכער הופי־שער דיכטונג און וואָס איז דאָרט פון די עלטסטע ציטן געווען איינגעראַמט אין אַ דראַמאַטישער פאָרם״ (ז. 167). אַזוינע רעטעניש־לידער זיינען פעסט איינגעבירגערט אין פאָלקלאָר פון אַלע אייראָפּע־אישע פעלקער, נישט נאָר גערמאַנישע אָדער ראָמאַנישע, נייערט אויך ביי די סלאַווישע ווי ביי די סערבן, בולגאַרן, טשעכן וכדומה. עס איז

קיין שום ספק נישט, אַז די דאָזיקע לידער שטאַמען פון „פאָלק", נישט פון די „הויפּישע" ספערן...

מיט אונזערע קריטישע באַמערקונגען זיינען מיר אָבער כלל נישט אויסן צו פאַרקלענערן ד״ר שיפּערס גרויס פאַרדינסט אַלס טעאַטער־פאָרשער. יעדער פּיאָנער, וואָס לייגט דורך נייע וועגן, מוז ערטער־ווייז בלאָנדזשען, און ד״ר שיפּער איז דער אמתער פּיאָנער אויפן געביט פון יידישער טעאַטער־פאָרשונג. ער האָט גענומען אויף זיך די שווערע מיזאַמע אַרבעט צונויפצוזאַמלען די ביז אים נאָך נישט אויסגעפאָרשטע מאַטעריאַלן, קריטיש באַלייכטן און מאַכן אויס זיי אַ גאַנצן בנין פון ברייטן פאַרנעם, געגרינדעט אויף וויסנשאַפטלעכע יסודות. קאָן מען דען צו אים טענות האָבן, וואָס נישט אַלע זיינע השערות זיינען געגלונגענדיק באַגרינדעט, און אייניקע פון זיינע אויספירונגען זיינען נישט ריכטיק? און מיר חזרן גערן איבער די ווערטער, וואָס אַן אַנדער קריטיקער (ד״ר י. שאַצקי) האָט אַרויסגעזאָגט בנוגע די ערשטע צוויי בענדער פון ד״ר שיפּערס „געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט": „ד״ר שיפּערס טעאַטער־געשיכטע איז אַ שטופּ פאָראויס פאַר דער יידישער טעאַטער־פאָרשונג, אַ ווינקלשטיין פאַר אַ מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צום עצם ענין אין הסכם מיט די לעצטע מעטאָדעס פון טעאַטער־פאָרשונג בכלל. דערפאַר קומט אים אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און אַ וואָרט פון אָנערקענונג."

„פורים־שפיל" אין פאַרשיידענע צייטן

דער „נס" פון פורים, די מעשה פון דער שיינער אסתר און דעם נאַרישן מלך אחשורוש פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון אַלטן אייראָפּעאישן טעאַטער. דאָס „אסתר דראַמאַ" אָדער „אַקטאַ אחשורוש" איז געווען איינע פון די באַליבטסטע און פּאָפּולערסטע פאָלקס־פּיעסן אין מיטל־אייראָפּע אין משך פון דעם 16טן ביזן 17טן יאָרהונדערט. אייניקע פאַרשער האָבן אַפילו וועגן דעם ספּעציעלע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן געשריבן. (1) אין דער באַקאַנטער פּיעסן־זאַמלונג „קאָמעדיע אונד טראַגעדיע שפּיעלער . . . זאַמפּט דעם פּיקעל־הערינג" (וואָס איז דערשינען אין דייטשלאַנד אינם יאָר 1624) (2) איז פון אויבן אָן אָפּגעדרוקט די „קאָמעדיע וועגן דער קעניגין אסתר און דעם שטאָלצען המן". ווען אין 1672 איז אין רוסלאַנד ביים הויף פונם מלך אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרואוו אַ טעאַטער־בינע אויפצובויען און מען האָט דערמיט באַאויפ־טראַגט דעם געבילדעטן דייטשן פּאַסטאָר יאָהאַן גרעגאָרי — איז די ערשטע „קאָמעדיע" וואָס איז געשפּילט געוואָרן פאַר דעם גאָטס־פאַרכטיקן רוסישן מלך, געווען „אַקטאַ אחשורוש" (אַרטאַסערקסאַוואַ דעיסטוואַ).

נאָך מער איז דאָס „אחשורוש שפּיל" באַליבט געווען ביי אונדז יידן. ווייל ס'איז דאָך געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם יידישן „קאַר־נאַוואַל" — מיט דעם פריילעכן פורים ווען ס'איז אַ מצוה לוסטיק צו זיין. ווי ווייט די דאָזיקע „פּורים־קאָמעדיע" איז אין די פריערדיקע דורות באַליבט געווען אין די ברייטע קרייזן פון פאָלק, קאָן מען זען

(1) זע, למשל: רודאָלף שוואַרץ, „אסתר אום דייטשען דראַמאַ דעס רעפאָרמאַציאָן-צייט-אַלטערס", 1894; ה. האָלשטיינס אַרכיוו פון ליטעראַ-טור-געשיכטע X, 147-54; XI, 442; XII, 46-60.

(2) זע: עד. דעווריענט „געשיכטע דער דייטשען שוישפּיעל קונסט, ב. II—I, 90 (1905).

פון אַזאַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט: נאָך דער גרויסער פראַנקפורטער שרפה אינם יאָר 1711 האָט איינער, דוד זויגרש, פאַרפאַסט אַ ליד אונטער פאָלגנדיקן טיטל: „איין ניי קלאָגליעד פון דער גרויס שרפה בק״ק פראַנקפורט בניגון של המן באחשורוש־שפיל״. (3) עס מוז אָבער אונטערשטראָכן ווערן, אַז דער טעקסט פון דעם יידישן „אחשורוש־שפיל״ איז געווען גאַנץ פאַרשיידן פון די קריסטלעכע אסתר־דראַמען און קאָמעדיען. יענע זיינען געווען קודם־כל „ביבלישע״ דראַמעס, אין וועלכע ס׳איז דראַמאַטיש באַאַרבעט געוואָרן דער טעקסט פון מגילת אסתר. אין די יידישע „אחשורוש־שפילן״ איז אָבער אויסגענוצט געוואָרן ניט אַזוי מגילת אסתר, ווי הויפּט־זעכלעך דער וואונדערלעך־גרויסער לעגענדאַרישער שטאָף בנוגע צום נס פורים, וואָס איז איינגעוועבט אין די פאַרשיידענע אַלטע מדרשים, קודם־כל אינם תרגום שני. דערפאַר אָבער זיינען די טעכנישע טע־אַטראַלע מיטלען, די אַלטע נייטיקע כלי מכשירים, די מוזיק און צווישן־שפּילן (אינטערמעדיעס בלע״ז), אויך אין די יידישע „אחשורוש־שפילן״ אויסגענוצט געוואָרן אין דעם זעלבן מאָס ווי אויף די קריסט־לעכע בינעס. (4).

דאָס, אָבער, וואָס דאָס יידישע „אסתר דראַמאַ״ איז געווען אַזוי ענג פאַרבונדען מיטן „פּורים־שפּיל״, מיט די קאָמישע בדחני־שע שטיק וואָס מען פלעגט, לויט נאָך פון אַלטע צייטן אָנגענומענעם מנהג, טרייבן בכל תפוצות ישראל אין דעם פריילעכן פורים יום־טוב, — דאָס האָט גורם געווען, אַז דער טעקסט און שטאָף פון דער דראַמאַ איז מיט דער צייט שטאַרק פאַרדאָרבן און פאַרגרעבט געוואָרן. „אחשורוש־שפיל״ איז דאָך געשפּילט געוואָרן ניט נאָר פון אמתע אַקטיאָרן אָדער יידישע סטודענטן (בחורים פון די ישיבות) אויף ספּעציעל־איינגעאָרדענטע בינעס, נאָר אויך פון „פּורים־שפּילער״, בעל־מלאָכות און לוסטיקע לערך־יונגען, וואָס פלעגן פורים אַרומ־גיין אין די רייכע הייזער און דאָרט על רגל אחת אויפפירן דאָס

---

(3) דאָס ליד איז פאַרעפנטלעכט אין שודט׳ס „יודישע מערקווירדיג־קייטען״, דריטער טייל, 73-63.

(4) מער באריכות וועגן דעם אין אונדזער נאָך ניט פאַרעפנטלעכטער אַרבעט וועגן „טעאַטראַלישע פאַרשטעלונגען ביי יידן״.

„אחשורוש־שפּיל“.(5) קודם־כל האָבן זיי געמוזט דערביי שטאַרק מקצר־זיין. מיר ווייסן דאָך פון דער טעאַטער־געשיכטע, אַז אין 17־18טן יאָרהונדערט פלעגט אַ „אַקציאָן“־פאַרשטעלונג דויערן בערך פינף שעה; אַזויפיל צייט האָבן די „פורים־שפּילער“ ניט געהאַט. דערצו האָט די שפּיל געמוזט זיין וואָס פרימיטיווער, און די צאָל שוישפּילער — וואָס ווייניקער. דערביי מוז מען אויך געדענקען, אַז דער רוב „פורים־שפּילער“ האָבן דאָך געהערט צו די נידעריקסטע שיכטן פון פאָלק; האָבן ניט געהאַט קיין שום בילדונג און געווען זייער קנאַפּע יודעי ספר. האָבן זיי, נאַטירלעך, איבערגעמאַכט די ראָלן פון „אחשורוש־שפּיל“ לויט זייער גוסט און געשמאַק, שטאַרק זיי געפּעפּערט מיט גראָבע וויצן און פּשוטע ניבול־פּה.

זייער טיפּיש איז אין דער הינזיכט דער „אחשורוש־שפּיל“־טעקסט, וואָס איז דערשינען אין פראַנקפורט אינם אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט (1708) און באַלד איבערגעדרוקט געוואָרן אין שודטס באַקאַנטן ווערק „יודישע מערווירדיגקייטען“ (III טייל, 202־225) (6) שודט גופא דערציילט, אַז די עקזעמפּליאַרן פון דעם „אחשורוש־שפּיל“ זיינען אויפן באַפעל פון די קהלה־פּרנסים פאַרברענט געוואָרן, אַזוי אַז עס איז באַלד געוואָרן אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנקייט און ס׳איז אים מיט גרויס מי געלונגען צו באַקומען אַן עקזעמפּליאַר.(7) בעת מען באַקענט זיך מיט דעם דאָזיקן ווערק וואַרפט זיך קודם־כל אין די אויגן, אַז דער אומבאַקאַנטער (וואַרשיינלעך איינער פון די „פורים־שפּילער“) וואָס האָט „גימאַכט דאָש אחשורוש שפּיל היפּש און פיין“. איז במחילה געווען אַ ווילדער עם הארץ. יעדעס העברעאיש

(5) זע, צום ביישפּיל: מיטטיילונג פון אידישע פאָלקס-קונדע, 2, XI (1908), 15, וואו עס ווערט דערציילט ווי אין יאָר 1703 האָבן אָרעמע יידישע יינגלעך פאָרגעשטעלט אין בערלין אום פורים אין רייכע הייזער דעם „אחשורוש-שפּיעל“.

(6) אויפן שער-בלאַט איז דער אַנאָנימער אַרויסגעבער מזכיר ומודיע: „איין שעהן ניי אחשורוש שפּיל מיט אל די קונטשין אין עש ווארין דער טראַכת, עש ווערט וואול זיין לעב טאָג ניט אַזוי גוט ווערדן געמאַכט. מיט היפּשי שייני קלאָג-לידערן דען רוים נאָך גישטעלט. דאס פרהאָפן מיר ווער עש קויפן ווערט און ווערט אין ניט פּרדריסן זיין געלט, ווייל הש״י ברוך הוא האט אונז אן פרים געבען לושטיג צו זיין, אזוי האָבן מיר דרויף גימאכט דאס אחשורוש שפּיל היפּש און פיין. דרום אויך איר בעלי בתים און בחורים און יונגן קומט איר ביהענד צולויפן, און טוט דאס שיינע אחשורוש שפּיל אָבקויפן. דאס געלט ווערט אייך ניט פּרדריסן, ווען איר ווערט דרינן לעזן ווערט אייער געלת ווירד גניסן“.

(7) „די יודישע מערקווירדיגקייטען“, צווייטער טייל, ז. 316.

וואָרט גייט ביי אים אַרויס בשן ועין. צייטנווייז איז עס ממש שווער צו דערקענען. למשל: „קושה" — מיינט מען „קשיא"; „מיסתמי" — מסתמא; „תנה" — טענה; „ערך עפיים" — ארך אפים; „לייבריס" — לבריית; „שהעכה יאנה" — שהחינו); „קודשנה" — קדשנו; „פאנים" — פנים, א. אַז. וו. בנוגע צום אינהאַלט גופא זיינען קודם־כל אינטערעסאַנט צוויי פרטים. ראשית פאַנגט דאָס „אחשורוש־שפיל" אָן ניט פון מעשה ושתי נאָר גלייך פון מעשה אסתר, והשנית זיינען דאָרט קיין זייטיקע „אינטערמעדיעס" ניטאָ. עס פעלט דאָרט בכלל די קאָמישע פערזאָן פון אַלע „הויפּט־ אונד שטאַטס־אַקציאָנען" פון יענער צייט — דער „פיקעל־הערינג", דער „האַנסווירסט". זיין ראָלע ווערט אין דעם דאָזיקן „אחשורוש־שפיל" פאַרטראָטן דורך איינע פון די הויפּט־פּערזאָנען אינם שטיק — דורך מרדכי היהודי, און אויך ערטערווייז דורך די איבעריקע פערזאָנען: המן, דער שרייבער א.אַז.וו. דאָס איז בלי ספק געטאָן געוואָרן בכדי עס זאָלן זיין וואָס ווייניקער „ראָלען"; און עס איז גאַנץ באַגרייפלעך, אַז מיט דער ראָלע פונם „פיקעלהערינג" האָט מען געמוזט מזכה זיין מרדכין, דעם איינציקן יידן אין דער פּיעסע. ווייל נאָר ער האָט דאָך געקאָנט שיסן מיט יידישע קאַלאַמבורן און וויצן, פאַראַדירן יידישע תפילות, באַווייזן בדחנישע שטיק. און ווייל דער געשמאַק פון דעם באַטרעפנדיקן „פורים־שפּילער", וואָס האָט דאָס „אחשורוש־שפּיל" פאַרעפנטלעכט, ווי אויך פון זיינע חברים, איז געווען זייער גראָב, זיינען מרדכיס וויצן און „בופאָנדערן" אָפּט אַזוי ציניש־אומגעלומ־פערט, אַז עס איז לייכט באַגרייפלעך, אַז די פרנסים האָבן דאָס ווערק אַזוי געערודופט, און אויך שודט, וואָס שטרייכט אונטער, אַז „יודען גופא שעמען זיך מיט דיזער האַנס־קאָמעדיע", האָט פאַרעפנטלעכט דעם יידישן טעקסט אָן אַ דייטשע איבערזעצונג „אום ערגערניס דער אונשולדיגען הערצען צו פערמיידען".

אָט דער דאָזיקער דורך שודט געראַטעוועטער „אחשורוש־שפּיל"־טעקסט האָט געמאַכט פיל עגמת נפש אונדזערע יידישיסטן און אמתע פריינט פון פאָלקס־קולטור. זייערע קעגנער האָבן זיי שטענדיק גע־שטאָכן די אויגן און געטענהט: זעט וואָס פאַר אַ שונד־שטיק מען פלעגט שפּילן אויף דער פאָלקס־בינע. בעת מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַקענט מיט דעם פון שודט פאַרעפנטלעכטן „אחשורוש־שפּיל", האָבן מיר גלייך איינגעזען, אַז מען האָט צו טאָן ניט מיט קיין זעלבסט־שטענדיק ווערק, נאָר מיט אַ גראָב־צינישע באַאַרבעטונג פון אַ פאָ־פּולערער פאָלקס־פּיעסע. ספּעציעל זיך פאַרנעמען מיט דער דאָזיקער

פראַגע האָבן מיר אַלץ קיין צייט ניט געהאַט, און אָפּגעלייגט פון איין מאָל צום אַנדערן. ערשט אינם יאָר 1919, בעת מיר האָבן געזאַמלט שטאָף פאַר אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון „טעאַטראַלישע פאָרשטעלונגען ביי יידן", האָבן מיר באַשלאָסן אין איין וועגס אויך אויספאָרשן די פאַרפלאָנטערטע פראַגע וועגן דעם „אחשורוש־שפיל".

קודם־כל איז דאָ צו־נייטיק געווען פעסטצושטעלן אויב עס זיינען נאָך פאַרבליבן עלטערע טעקסטן פון דעם „אחשורוש־שפיל" וואָס שטאַמען פונם 17־טן יאָרהונדערט בעת אין דייטשלאַנד האָבן די „הויפּט־ און אַקציאָנס־שפּיעלע" דערגרייכט זייער העכסטע מדרגה פון אַנטוויקלונג. דאָס איז אָבער לײדער די שווערסטע אויפגאַבע. די קליינע ביכלעך, וואָס פלעגן געדרוקט ווערן אויף מאַמע־לשון פאַרן פשוטן פאָלק, זיינען, ווי באַקאַנט, ס׳רוב פאַרלאָרן געגאַנגען. אַזאַ פאָלקס־אויסגאַבע האָט מען ניט באַהאַלטן אין ביכער־אַלמער צוזאַמען מיט די העברעאישע מוסר־ספרים און אַנדערע הייליקע ביכער, וואָס, ווען זיי פלעגן אַפילו צעפוילט ווערן אויף איינציקע בלעטער, האָט מען זיי אויך ניט אַוועקגעוואָרפן, נאָר אַלס „שמות" באַהאַלטן פאַר די קומענדיקע דורות אין קאַסטן אונטער דעם ארון קודש. די פאָלקס־ביכלעך, אָבער, פלעגן וואַנדערן פון האַנט צו האַנט, ביז זיי זיינען אינגאַנצן לאבוד געגאַנגען. די ביבליאָגראַפן האָבן בלויז פאַרצייכנט איין איינציקן „אחשורוש־שפיל" עקזעמפּליאַר, און דאָס אין כתב־יד, וועלכער איז נאָך עלטער פון דעם, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין שודטס ווערק. לויט שטיינשניידערס מעלדונג (8) געפינט זיך אין לייפּציקער ראַטס־ביבליאָטעק אַ כתב־יד מיטן שער־בלאַט: „איין שען נייא פורים־שפיל פאַרגעשטעלט, ווי עס איז צוגאַנגען אין דער וועלט צו אחשורוש׳ס צייטען היבש אין ריימען געזעצט". ווי עס ווערט דאָרט אַנגעמערקט, האָט דאָס ווערק איבערגעשריבן פאַר דעם באַוואוסטן געלערנטן וואַגענזייל אינם יאָר 1697 יאָהאַנעס יאַקאָב כריסטיאַנוס לעבער (משה כץ) אויס קראָקע. באַקומען אַן אָפּשריפט פון דעם דאָזיקן כתב־יד איז אונדז ביי איצטיקע אומשטענדן אוממעגלעך געווען. ניט גינסטיקער איז די לאַגע בנוגע צו אַ שפּעטער ווערק: „אַקטאַ אסתר מיט אַחשורוש" (אין יודיש־דייטשע ריימען), וואָס די בחורים פון דוד אָפּענהיימערס ישיבה האָבן אויפגעפירט אין

(8) שטיינשניידער ווייזט נאָר אָן, אַז דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך אין דער באַרימטער באָדלעאַנער ביבליאָטעק.

אַן עפּנטלעך טעאַטער („דעאַטרוס״) מיט מוזיק, אָפּגעדרוקט מיט פינף האַלצשניטן אין פּראַג, 1720. (9) דאָס דאָזיקע ווערק איז פאַר אונדזער צוועק זייער וויכטיק, ווייל עס שטאַמט דאָך ניט פון פּשוטע „פּורים־שפּילער״, נאָר פון ישיבה בחורים. אויך דער נאָמען פון דעם שטיק זאָגט עדות, אַז עס האָט געוויס געטראָגן אַזאַ פּאָעטיש־דראַמאַטישן כאַראַקטער ווי די קריסטלעכע „שטאַאַטס־אַקציאָנען״ פון יענער צייט. ליידער איז אויך פון דעם ווערק אוממעגלעך געוועזן אָן אָפּשריפט צו באַקומען. מיר ווייסן אפילו ניט פון קיין איין איינציקן עקזעמפּליאַר וואָס זאָל איצט נאָך זיין בנמצא. דאָס דאָזיקע שטיק איז אָפילו צום צווייטן מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן אין פּראַג אין יאָר 1763. (10) נאָר אויך בנוגע דער צווייטער אויפלאַגע האָבן מיר בלויז אַ ידיעה וועגן איין איינציקן עקזעמפּליאַר וואָס אַ אַנטיקוואַר־בוך־הענדלער אין בערלין, יוליוס בן־ציון, האָט אים געהאַט צו פאַרקויפן פאַר 18 מאַרק אין יאָר 1875. וואָס מיט דעם עקזעמפּליאַר איז געוואָרן, אין וועמענס הענט ער איז אַריינגעפאַלן, איז אונדז ניט באַקאַנט.

שטיינשניידער דערמאָנט אויך אין זיין אויבן־ציטירטן ווערק אַ לעמבערגער אויסגאַבע פונם „אחשורוש־שפּיל״, געדרוקט אין 1876. אַן עקזעמפּליאַר פון דער דאָזיקער אויסגאַבע באַנוצן מיר שוין זייט אייניקע יאָר. אויפן שער־בלאַט שטייט געדרוקט: „אחשורוש־שפּיל אויף עברי דייטש. יעדער זאָל קענין ליינין גרויס און קליין, כדי יעדער זאָל קענין פאַרשטיין. הובא לבית הדפוס ע״י הרבני מר צבי הירש צוקער נ״י״. דאַן גייט מיט דייטשע אותיות: „יאָזעף (?) שפּיל, דרוק אונד פערלאַג פאָן ב. ל. נעכעלעס, לעמבערג״. (11).

---

(9) „העברעאישע ביבליאָגראַפיע״, ב. 15, 94. אויפן שער-בלאַט שטייט געדרוקט: „אַקטאַ אסתר מיט אחשורוש״.

(10) ווי עס שיינט האָט שטיינשניידערס עקזעמפּליאַר אַן אַנדער שער-בלאַט, ווייל שטיינשניידער ווייזט אָן דעם זעלבן לעמבערגער פאַרלעגער (הירש צוקער), דער דרוק אָבער אַן אַנדערער (צ. בודוויזערס). עס איז אָבער אויך מעגלעך, אַז אונדזער אויסגאַבע איז דערשינען ניט אין 1876 נאָר מיט אַ פּאָר יאָר פריער. ד יציפערן אויפן שער-בלאַט זיינען צופלאָסן, אַז ס'איז ניט מעגלעך פעסטצושטעלן צי איז די לעצטע ציפער אַ זעקס אָדער אַ צוויי. א. לאַנדוי דערמאָנט אין זיין נאָטיץ צו דעם פון ש. ווייסבערג פאַרעפנטלעכטן „פורים-שפיל״, נאָך אַן אַנדערע, אַ טשערנאָוויצער אויסגאַבע פון דעם „אחשורוש-שפיל״, דערשינען אינם יאַר 1863. אויס זיינע, וועןאויך גאַנץ קנאַפּע ציטאַטן, איז אָבער קלאָר, אַז דער טעקסט פון דער לעמבערגער און טשערנאָוויצער אויסגאַבן איז איינע און די זעלבע.

(11) מיר וועלן ווייטער אונדזער לעמבערגער אויסגאַבע ציטירן אונטער (ל).

דאָס ביכעלע פאַרנעמט 48 זייטן. דער טעקסט פון דער דאָזיקער אויסגאַבע איז אַזוי גריילעך פאַרפלאָנטערט, אַז עס איז אין דער התחלה ממש ניט מעגלעך געווען אַרויסצובאַקומען דעם פשוטן פשט. אַ טייל רעדעס פון פאַרשיידענע פּערזאָנען זיינען צענויפגעמישט אין איינעם. און ווען דער ערשטער זאַץ געפינט זיך אויף איין זייט, מוז מען דעם צווייטן זוכן ערגעץ־וואו מיט עטלעכע זייטן ווייטער ביי אַ צווייטער פּערזאָן אין מויל. דאָך איז פאַר אונדז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז אַט דער גריילעך פאַרפלאָנטערטער און אָנטשטעלטער טעקסט איז דאָך דער אמתער שליסל צו דעם אַלטן, אורשפּרינגלעכן „אַחשורוש־שפּיל“. אינטערעסאַנט איז קודם־כל די פּערזאָנען־פאַרצייכעניש. צווישן די פּערזאָנען זיינען אָנגעוויזן, ראשית, „מרדכי דער יידישער פּירשט“, ובשנית, „מאַנדריש, דער הויף־נאַר“. בכן: מרדכי און מאַנדריש זיינען צוויי גאַנץ פאַרשיידענע פּערזאָנען. איינער איז אַ „פּירשט“, דער צווייטער — דער „הויף־נאַר“, דער קלאָון, דער פּיקעל־הערינג. דאָס איז אויך גאַנץ בולט אויס דעם טעקסט גופא אינם משך פון דער ערשטער העלפט פון אונדזער אחשורוש־שפּיל. מרדכי שפּילט דאָרט ווירקלעך די ראָלע פון אַ פּירסט, אַ שררה ביים מלכס הויף, און ווען עס קומט פאַר צווישן אים און המנען אַ צאַנקערייַ, שטילט זיי אחשורוש איין מיט די ווערטער: „וואָס איז ביי מיר איין גוואַלט זאָ שאַרף, דען איך קעניגליכע לייט בדרף, דרום איר ליבע לייטען, לאָזט איך ניט נייטען“. בעת אחשורוש האָט בדעה די קעניגין ושתי צו פאַרמשפּטן צום טויט, האַלט ער אַן עצה מיט ביידע פּירסטן: דעם „פּרינץ פון די עמלקים“ המן, און דעם „יידישן פירשט“ מרדכי. און מרדכי ענטפערט טאַקע דעם קעניג אינם טאָן פון אַן אמתן שררה.

בכדי אַרויסצובאַקומען דעם ריכטיקן טעקסט אין (ל) לעמבערגער אויסגאַבע האָבן מיר זיך באַנוצט, אויסער שודטס „אַחשורוש־שפּיל“ (12) אויך מיט דעם „פּורים־שפּיל פון אַחשורוש און אסתר“ וואָס דער עטנאָגראַף ש. ווייסבערג האָט ביי פּורים־שפּילער אויפגעשריבן און פאַרעפנטלעכט. (13) בנוגע צו דער שפּראַך איז דער דאָזיקער טעקסט שטאַרק מאָדערניזירט. די פּערזאָנען ריידן דאָרט אין אַלגעמיינעם היינטיקן וואָלינעם יידיש. עס איז אָבער קיין שום ספק, אַז דער אורשפּרינגלעכער מקור פון דעם דאָזיקן „פּורים־

(12) מיר וועלן ווייטער שודט'ס אויסגאַבע ציטירן אונטער (ס).

(13) אין „מיטטיילונגען“, 1904, וועט ווייטער ציטירט ווערן אונטער (וו).

שפיל" איז געווען אַ זייער אַלטער טעקסט, און אייניקע פּרטים זיינען דאָרט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, טרייער און ריכטיקער איבערגעגעבן ווי ביי (ס) און אויך ביי (ל). חוץ דעם האָבן מיר זיך אויך באַנוצט מיט דעם וויכטיקסטן און זיכערסטן מקור פון אַלע „אחשורוש־שפּילן" — דעם תרגום שני.

מיט גרויס מי און מאַטערניש איז אונדז סוף־כל־סוף געלונגען פאַנאַנדערוויקלען דעם אומגעהויערן פּלאָנטער פון טעקסט (ל). מיר האָבן דעמאָלט אויסגעפונען, אַז דער טעקסט שטאַמט אייגנטלעך פון צוויי פאַרשיידענע קוועלן: איינע איז אויסגענוצט אין די ערשטע 23 זייטן, דאַן אויך פון זייט 39 ביזן סוף, די מיטלסטע 16 זייטן שטאַמען פון אַן אַנדער טעקסט. די ערשטע קוועלע איז בלי ספק די עלטערע, געוויס באַדייטנדיק עלטער פון שודטס טעקסט, דער־פאַר אָבער שטאַרק פאַרגרייזט, פאַרפּלאָנטערט און מיט פיל הפסקות. אין דעם דאָזיקן עלטערן טייל ריידן די הויפּט־פּערזאָנען ווי אין אַלע „אַקציאָנען" פון יענער צייט אין אַ פּאַטעטיש פּרימיטיוו־דראַמאַטישן סטיל. זייערע רייד, אפילו המגס רייד, זיינען פריי פון קאָמישע עלעמענטן, בפרט פון נבול־פּה און סתם בדחנות. דערפאַר אָבער, ערטערווייז, ווי אין אַלע דעמאָלטדיקע „אַקציאָנען", ווערט די דראַ־מאַטישע האַנדלונג איבערגעריסן דורך ספּעציעלע קאָמישע צווישן־שפּילן (אינטערמעדיעס). עס טרעט אַרויס די לוסטיקע פּערזאָן, דער אייגנאַרטיקער יידישער פּיקעלהערינג — מאַנדריש, און מאַכט אַלער־ליי נאַרישע שטיק: אַמוזירט דעם עולם מיט קאַלאַמבורן און גראָבע בופאָנאַדן. נאָך פּלוצלונג, אויף דער זייט 23, בעת מאַנדריש שיט מיט קאַלאַמבורן און פּאַראַדירט יידישע תפילות — ווערט ער מיט אַמאָל פון דער העלער הויט מגוגול אין מרדכין. מרדכי און מאַנדריש ווערן צונויפגעשמאָלצן אין איין פּערזאָן וואָס טרייבט בדחנישע שטיק און שיט מיט נבול־פּה. עס איז קלאָר, דאָ הייבט זיך אָן אַ גאַנץ אַנ־דערער, שפּעטערדיקער טעקסט, שוין ניט פונם דראמא „אחשורוש־שפּיל, נאָר פונם פּורים־שפּיל. דאָס זעלבע איז נאָך פּאַקטיש צו באַמערקן (אמת, נאָר אין אַ פּאָר שטעלן) אויך אין שודטס אחשורוש־שפּיל. אויף זייט 205 לייענען מיר: „אומר מרדכי", און דאַביי פאָלגט די באַמערקונג: „גייט מרדכי אַרויס און ווידער אַריין און זאָגט". און מרדכי דערקלערט דעם קעניג, אַז ער איז „גילופין טאָג און נאַכט", און האָט פּאַר אים געפונען אַ יונגפרוי וואָס „מיט דעם ערשטען נאָמען הייסט זיא אסתר". און פּלוצלונג, תוך כדי דבור, אין דער מיט פון מרדכיס רעדע, קומט די אומדערוואַרטעטע און גאַנץ

זינלאָזע מעלדונג: „בא מרדכי". נאָר אָט דער מרדכי וואָס „קומט" איצט, איז שוין גאָר אַנאַנדער פּערזאָן — דאָס איז דער מאַנדריש, דער שפּאַסמאַכער וואָס מאַכט לוסטיק דעם עולם, און שיט מיט ציַנישע רייד. דאָס זעלבע חזרט זיך איבער ווייטער אויף זייט 214־5, אין דעם אויפטריט צווישן אסתר המלכה, המן און מרדכי, נאָך דעם ווי המן האָט באַקומען פון דעם קיניג אַ דערלויבעניש צו פאַרטיליקן די יידן. דער גאַנצער אויפטריט פאָלגט געטריי דעם תרגום שני. נאָר אויף זייט 215 נאָך דעם ווי „אומר מרדכי, אַז ער „וויל ליבר אויף קבר אבות אניין גיין", ווערט ווידער אַמאָל גאַנץ אומדערוואַרטעט דערקלערט: „קומט (?) מרדכי אניין". נאָר אויך איצט איז דער מרדכי וואָס קומט אַקערשט „אַניין" ניט דער מרדכי היהודי, אסתרס פעטער, וואָס וויל ראַטעווען זיין פאָלק, נאָר אַ שפּאַסמאַכער, אַן אומ־געלומפּערטער קוני לעמיל, וואָס שיט מיט בדחנישע גראָבע וויצן און נאַרישע המצאות. אויף אַזאַ אופן ווערט דורך דעם „פורים־שפּילער", דעם געשמאַקלאָזן גראָבן יונג, דער דראַמאַטישער אויפטריט פונם פאָלקס־שטים מיט אַמאָל איבערגעריסן, און דער אַלטער פאָלקס־טימלעכער טעקסט ווערט פאַרביטן מיט דעם „פורים־שפּילערס" גראָבע המצאות. מיר ווייסן ווייטער, אַז לויט דעם תרגום שני, זיינען אסתר און מרדכי, נאָך המנס שליחות, ביידע מתפלל פאַר גאָט, און זייערע תפילות זיינען זייער האַרציק, פול מיט פּאַטאָס, און מאַכן אַ שטאַרקן רושם. ביי שודטן פעלט די גאַנצע סצענע — דאָרט שיט מרדכי מיט נבול־פה און מאַכט אָנשטעלן, אַז דער דאָזיקער דראַמאַ־טישער מאָמענט איז אָבער געהעריק אויסגענוצט געוואָרן אין דעם אַלטן אורשפּרינגלעכן טעקסט פון דער פאָלקס־פּיעסע, לערנט אונז דער פון ווייסבערגן פאַרעפנטלעכטער טעקסט (טעקסט וו.). דאָרט ווערן, אָנשטאָט מרדכי מאַנדרישס נאַרישע שטיק, געבראַכט ביידע תפילות אין העכסט פּאַטעטישן סטיל. די שפּראַך פון די תפילות איז שוין היינטמאָדיש, נאָר דער תוך שטאַמט געוויס פון אַ גאַנץ אַלטן טעקסט: פּשוטע פורים־שפּילער וואָלטן ניט געווען אימשטאַנד אַזוי קונציק אויסצונוצן אין מרדכיס תפילה אַ געוויסע לעגענדע פונם תרגום שני.*) דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין דעם אויפטריט וואו המן פאָדערט פון „אַלע הערען" און אויך פון מרדכין, זיי זאָלן זיך

---

*) ווי עס ווערט דערציילט, ווי אין דער גרויסער נאַכט, ווען „נדרת שנת המלך" זיינען דערגאַנגען די געשרייען פון די יידישע קינאָער ביז אין די הימלען אַריין, און פאַר דעם בורא עולם האָבן זיי אויסגעוויזן ווי קולות פון ציגן און ציקעלעך (ואשתמעות לקדם מרי עלמא היך קל גדיא ועזין).

פאַר אים בוקן. אין טעקסט (וו) אַנטוויקלט זיך די אונטערהאַנדלונג אין אַ דראַמאַטיש ערנסטן סטיל. ביי (ס) אָבער, מאַכט מרדכי נאַריש־בטלנישע שטיק. ס׳איז ניט דער הויף־שררה, איינער פון די „פירשטן און גראַבין״, נאָר דער גראָבער שניידער־יונג וואָס וויל פריילעך מאַכן דעם עולם...

מיר האָבן דערפאַר זיך געשטעלט די ניט־לייכטע אויפגאַבע: פּרואוון ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלעך אַרויסבאַקומען פון די דריי פאַרשיידענע שטאַרק פאַרפלאָנטערטע און פאַרגרייזטע נוסחאות דעם אַלטן טעקסט, אַרויסשיילן דעם אורשפּרינגלעכן קערן פון דער פאַרגרעבטער שאָלעכץ, פונם מגושמדיקן לבוש אין וועלכן פשוטע פּורים־שפּילער און לערנייונגען האָבן אים איינגעהילט. און מיר וואָגן צו באַהויפּטן אַז דאָס איז אונז אַמווייניקסטן געלונגען בנוגע צו דער שפּראַך. די שפּראַך איז אין די דריי פון אונז באַנוצטע טעקסטן גאַנץ פאַרשיידן; בפרט אין דעם טעקסט (וו) איז, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ריידן אַלע פּערזאָנען אין אַלגעמיין אַ היינט־מאָדישן יידיש. דערפאַר זיינען מיר אָבער זיכער, אַז בנגע צום תוך, צו דער דראַמאַטישער אַנטוויקלונג, צום גאַנצן בוי, גייסט, כאַראַקטער און אינעווייניקסטן סטיל, און ריטם — איז אונז ווירקלעך געלונגען ווידער אַרויסבאַקומען דעם אַלטן, פאָלקסטימלעכן „אחשורוש־שפּיל״, ווי ער פלעגט געשפּילט ווערן אויף דער יידישער בינע אינם 17טן יאָרהונדערט. מיר שטרייכן דאָביי אונטער, אַז מיר האָבן פון אונזער צד ניט מוסיף געווען קיין איין איינציק וואָרט. און ווייל אין דעם אַלטן טעקסט (ל) זיינען פיל פּערזן פאַרדאָרבן און פאַרגרייזט, ערטערווייז רייסט זיך די האַנדלונג איבער אין דערמיט, האָבן מיר יעדעס מאָל דאָס אָנגעוויזן מיט אַ געפּינטלטע שורה.

די דאָזיקע אַרבעט, דעם „רעטאָווירטן״ אחשורוש־שפּיל, האָבן מיר פאַרענדיקט נאָך צוריק מיט אַ יאָר דריי, נאָר ביי די איצטיקע שווערע פאַרלאַג־צושטענדן איז אונדז עד־היום ניט געלונגען אונדזער אַרבעט פאַרעפנטלעכן. עס איז זייער מעגלעך, אַז עס וועט מיט דער צייט געלינגען אַרויסבאַקומען און געהעריק אויסצופאָרשן די עלטסטע פונם „אחשורוש־שפּיל״, וועלכן אפשר געוויסע פּרטים, ניט ריידנדיק שוין מכח דער שפּראַך, שטאַרק זיך אונטערשיידן פון אונדזער טעקסט. איינס איז אָבער אויסער ספק: אין די אַלע אמת אַלטע טעקסטן וואָס פלעגן געשפּילט ווערן אויף דער בינע, וועט די קאָמישע פּערזאָן פון דער פּיעסע זיין אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיקע, ניט צונויפגעפּאָרט מיט מרדכין און די איבעריקע הויפּט־פּערזאָנען. זי וועט אפשר דאָרט

הייסן ניט מאַנדריש, נאָר גאָר אַן אַנדער נאָמען, פיליכט גאָר פּיקעל־הערינג, ווי דאָס איז דער פאַל אין „מכירת יוסף״ — די דאָזיקע פּער־זאָן וועט אָבער ניט זיין פאַרבונדן מיט דער דראַמע גופא: זי באַ־ווייזט זיך נאָר אין צווישנפעלע, משמח זיין דעם עולם. מיר זיינען אויך גאַנץ זיכער, אַז אַזוי ווי ס׳איז אין אונדזער „רעסטאַוורירטן״ טעקסט, אַזוי איז אויך אין אַלע אַלטע „אחשורוש־שפּילע״ מרדכי היהודי, אין פולן הסכם מיט מגילת אסתר און תרגום שני, דער פרו־מער גאָטס־פאַרכטיקער ייד, דער צדיק וואָס דורך זיין שליחות ראַ־טעוועט גאָט דאָס פאָלק ישראל. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע אסתר המלכה. עס איז גאָר אָן אַ שום ספק, אַז געגוי ווי ס׳איז אין אונדזער טעקסט, אַזוי איז אויך אין די אַלטע נוסחאות אסתר בת אביגול פון איר ערשטן אויפטריט ביז צום סוף — די קיניגין, די שטאָלצע מלכה, וואָס פירט אירע רעדעס אין דעם נאַאיוו־פאָלקסטימלעכן, הויך־פּאַטעּ־טישן סטיל. אָבער ניט נאָר דער צדיק מרדכי און אסתר המלכה — דאָס איז אויך דער פאַל מיט דער דריטער הויפּט־פּערזאָן, ריכטיקער געזאָגט — מיט דער צענטראַלער פיגור פון דער דראַמע, מיט המן בן המדתא. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש וואָס אין דער יידישער מסורה פיגורירט המן אַלס גרויסער רשע, ער איז דער סימבאָל פון האַס און נקמה. ער איז ממש דער טייוול אַליין, אָבער אָן אַ מינדעסטן קאָמישן שטריך, אָן אַ סימן פון קליינלעכער נישטיקייט. אפילו אחשורושס ווערטער אין מגילת אסתר: „הגם לכבוש את המלכה״, דערקלערט אַן אַלטער מדרש אין דעם זין, אַז המן האָט גאָר אפילו ניט בדעה געהאַט די קיניגין צו באַליידיקן, נאָר דער מלאך גבריאל איז געקומען און האָט אים אויפן בעט געשטויסן, וואו אסתר המלכה איז געזעסן. נאָך ווייטער איז געגאַנגען די פאָלקס־פאַנטאַזיע אויף ווי ווייט זי האָט זיך אַנטפּלעקט אין דעם אַלטן פאָלקסטימלעכן „אחשורוש־שפּיל״. דאָס זעען מיר גאַנץ בולט אינם טעקסט „ל״, וואָס שטייט אָם נאָענטסטן צו דעם אורשפּרינגלעכן טעקסט פון דער פּיעסע.

שוין אין ערשטן אויפטריט זיינעם, וואו ער ווענדט זיך מיט אַ געבעט „צום גרויסען גאָט״, דערקלערט ער, אַז שוין פון לאַנגע יאָרן האָט ער געקוקט אין די „ביכער״ און אויסגעפונען, אַז די יידן מוזן דורך זיינע הענט ווערן פאַרלאָרן. זיין שנאה צו יידן — דאָס איז ניט קיין קאַפּריז, דאָס איז ממש אַ השגחה־זאַך, אַ פאַטום; דאָס שטעקט דאָך אין זיין בלוט, ער האָט דאָס בירושה באַקומען פון זיינע עלטער־עלטער זיידעס. ער איז דאָך דער פּרינץ פון די עמלקים, אַן אוראייניקל פון דעם מלך אגג, וועלכן שמואל הנביא האָט אויף

צווייען צעשפּאָלטן. מער ווי אַלץ האָט ער מורא, אַז מען זאָל פון אים ניט לאַכן. און עס איז ממש צו שטוינען ווי אַזוי אין טעקסט (ל), פלייסט זיך דער אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער צו דערפילן דעם דאָזיקן וואונטש פון המן „צורר היהודים". און ווען המן האָט די מפלה, דערלאָזט דער פאַרפאַסער ניט, אַז מען זאָל פון אים לאַכן. אַלע זיינע סימפּאַטיעס זיינען אויף דער זייט פון דעם רשע, און די צושויער דער־זעען אַזוי בולט, אַז דער פרינץ פון די עמלקים איז ניט נאָר דער „צורר היהודים", דער גרויסער רשע, נאָר אויך אַ שטאַרקע פּערזענ־לעכקייט, מיט טיפע געפילן, און צערטלעכער פאַמיליען־פאָטער דאצו. שיין און רירנד זיינען די פערזן וואו המן רעדט וועגן זיינע פאָטער און מוטער, און פול מיט וויינען, האַרציקן טרויער. אין זיין לעצטער רעדע, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט דעם הכנעהדיק־פרומען אַקאָרד:

הויך דאַרף זיך קיין מענש ניט האַלטען
צום לעצט טהוט מען איהם אין אַ פינסטערען גריב
באַהאַלטען.

און בכדי צו האָבן אַ באַגריף אויף ווי ווייט מגושם גראָב די פּורים־שפּילער האָבן דעם „אחשורוש־שפּיל"־טעקסט פאַרדאָרבן, גענוגט צו פאַרגלייכן דעם סוף פון דער פּיעסע לויט (ל) מיט דעם אומגעלומפּערט־נאַרישן סוף פון טעקסט (ס) (ז' 225). אויפגעהאנגען המנען, זאָגט אים נאָך דער שרייבער „איין גוטען זעגען":

אך און ווייא איז ער געוועזן אַזוי שין
ער האָט גערן געסן חזיר־פיסלעך מיט גרין
אך און ווייא איז ער געוועזן אַזוי קלוג
יין נסך האָט ער גערן געטרונקען אויז איין קרוג.
אך און ווייא, ווי האָט ער געסן מיט שיני מעסר
ביי אַ גראַבן און פירשטן האָט ער אויפגעבראַכין
אַלע שלעסער...

אמר מלך לשרייבר: שרייבר, גיב אים איין גלאָז אין
זייני אַרין
פילייכט ווערט ער ווירד ווערן גיבאָרן...

און המן ווערט טאַקע ווידער געבאָרן, און איז מכריז ומודיע:

איך בין געוועזן אויף יענער וועלט
און האָב גישויאַט פיעל געלט.

דער שרייבער פרעגט: „איי דו שעלים, וואָרום כאַשטש ניט
גענומען?" דערקלערט המן:

איך האָב געפּאַרכטן איך ווער אום מיין לעבען קומען.

און דער דאַזיקער נאַרישער סוף „מיט דעם שויען פיעל געלט...
אויף יענער וועלט“, איז דערפאַר צוגעטראַכט געוואָרן, בכדי די פורים־
שפּילער זאָלן זיך גלייך קאָנען ווענדן צום פּובליקום:

דא שטעלן מיר אויף דאש בייטליין
איין פאַר דוציט טוקאַטן צושיטן דריין
איין פאַר דוקאַטן ווער ווער צו פיל.
איין פאַר דוציט טאלר איז דער ציל.

בכלל בעת מיר האָבן פאַרגליכן די דריי פון אונז באַנוצטע טעקסטן, האָבן מיר זייער אָפט גאַנץ בולט אַרויסגעזען וואָסערע גלגול־מחילות געוויסע שטעלן, אָדער יענער פּערז פון דעם „אחשורוש־שפּיל“ האָט מיט דער צייט געהאַט אויסצושטיין. אין ושתיס רעדע, למשל, בעת זי בעט ביי אחשורושן ער זאָל איר שענקען דאָס לעבן, איז לויטן טעקסט (ל) דער פאָלגנדיקער דאָפּל־פּערז:

אָן דיזער צייט דאס איהר האָט גענומען מיין ווייס לייב
ווארום זאָלט איהר מיר דען ניט געדענקען.

די דאָזיקע צניעותדיקע ווערטער באַקומען אין טעקסט (וו) אַזאַ מגושם גראָבע צורה:

פאַר וואָס זאָלסטו פאַרגעסען אַלע דיינע צייטען
אַז דו האָסט באַפּופען מיינע קלורע שנעע־ווייסע
זייטען.

עס מוז אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ניט יעדער אומגע־ענדערטער פּערז האָט געהאַט אַזאַ גורל, ער זאָל ווערן איינגעטונקט אין שמוציקן חומר און אין תאוותשן ציניזם. אַ מאָל באַקומט אַ פּערז אויך אַ תּיקון. אין דעם פורים־שפּילער דערוואַכט דאָס נאַאיווע קינד פון פאָלק, די פאָלקסטימלעכקייט, די פאַרבאַהאַלטענע אינטימע נשמה פונם פּשוטן המון מיט אירע פאַרבאָרגענע, צאַרטע געפילן און האַר־ציקע שטימונגען, וואָס אַנטפּלעקן זיך דעמאָלט אין פּרימיטיווע און אומבאַהאָלפענע אָבער דאָך רירנדיק־שיינע פאָרמען. ניט פאַרגרעבט ווערט דעמאָלט דער באַטרעפנדיקער פּערז, נאָר אדרבה, דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. אין דער נאָר־וואָס ציטירטער רעדע זאָגט ושתי צו אחשורושן:

דרום, פאָטער קיניג, לאָזט אייך דענקען איך בין אין אייערע
אויגען ווי איין יונג פייגליין,
דרום, פאָטער קיניג, שענקט מיר מיין יונג לעבליין.

אַט דער מאָטיוו ווערט אין טעקסט (וו) מגולגל אין אַ גאַנץ ליד, טיפּיש פאָלקס־ליד, פרימיטיוו־נאַאיוו און דאָך עניותדיק צאַרט:

ושתי: פאָטער־קיניג, קיניגלעכער פאָטער,
איך וועל ביי דיר זיין
אַ פייגעלע איין
איך וועל דיר אָנזינגען און אָנשפּילען,
אָבי שענק מיר מיין יונג לעביכען (לעבן)
גאָר גליקליך און גאָר פיין.

דער קיניג: ניין, דאָס קאָן ניט זיין,
דער טויט מוז זיין!

ושתי: פאָטער קיניג קיניגלעכער פאָטער
איך וועל דיר זיין
אַ הינטעלע איין,
איך וועל דיר אָנהאָווקען און אָנבילען
אָבי שענק מיר מיין יונג לעביכען
גאָר ליבליך און גאָר פיין.

דער קיניג: ניין, דאָס קאָן ניט זיין,
דער טויט מוז זיין!

ושתי: פאָטער קיניג קיניגלעכער פאָטער
אך וועל ביי דיר זיין
אַ דיענסטמעדכען איין,
איך וועל דיר אויסקערן און אויסראָמען
אָבי שענק מיר מיין יונג לעביכען
גאָר ליבליך און גאָר פיין.

דער קיניג: ניין, א. אַז. וו.

אייניקע ענדערונגען זיינען זייער אינטערעסאַנט פון ריין־סאָציאַל היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. אין תרגום שני, למשל, ווערט אין המנס מסירה מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן די יידישע קבצנים און אביונים וואָס עס איז אויף דער וועלט זייער גלייכן ניטאָ, דאָן וועגן אידישע שררות, אידישע סוחרים און הענדלער, „מיט וואַקס און מיט ליכט", וואָס זיינען אין מסחר גרויסע באַטריגער. העכסט־וואַרשיינלעך איז אויך אין די אחשורוש־שפּילן וועגן יידישע בעלי־מלאכות קיין זכר ניט געווען. די פורים־שפּילער וואָס זיינען דאָך דאָס רוב געווען בעלי־מלאָכות און לערן־יונגען, האָבן אויס פּראָפעסיאָנעלן

שטאָלץ געזען אין דעם אַ שטיקל פּחיתת הכבוד; האָבן זיי טאָקע דערפאַר שוין גאָרניט, אַז המן זאָל אין זיין מסירה אויך די בעלי־מלאכות צוקלאָגן פאַרן קיניג. אין דעם עלטערן טעקסט (ל) דערמאָנט שוין המן די בעלי־מלאכות אָבער, נאָר פאַרבייגייענדיק, בלויז אין איין דאָפּל פערז:

די אידישע האַנט־ווערקער זיינען שרעקליכע בעטריגער
ס'איז פון זיי גאָר ניט אויסצוהאַלטן.

דערפאַר אָבער, אין דעם שפּעטערדיקן טעקסט (וו), איז שוין וועגן די האַנטווערקער דאָ באריכות (פערזן 509—486). עס ווערט מיט אַלע פּרטים אויסדערציילט וועגן די רמאות פון דעם „גאָלדרינג־מאַכער“, „ראָקמאַכער“, „פּאָדיקמאַכער“, און אַזוי ווייטער.

נאָך פיל אינטערעסאַנטע פּרטים אַנטפּלעקן זיך בעת מען באַטראַכט אויפמערקזאַם די גלגולים וואָס די פּאָפּולערסטע יידישע פּיעסע האָט געהאַט אויסצושטיין. מיר קאָנען זיך אָבער אויף זיי ניט אָפּשטעלן כל־זמן אונדזער רעסטאַווירטער טעקסט איז נאָך ניט פאַרעפנטלעכט. די אַלטע יידישע ליטעראַטור איז נאָך בכלל זייער ווייניק אויסגעפאָרשט, הן אין ריין ליטעראַריש־עסטעטישן, הן אין קולטור־היסטאָרישן זין. דערויף זיינען מיר דאָך דער עם־הספר, דאָס פאָלק פונם בוך, פון דער ביבל, דאָס מיר האָבן נאָך עד־היום ניט קיין איין איינציקע ערנסט וויסנשאַפטלעכע געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור, ניט פון דער העברעאיש־אַראַמעאישער און ניט פון דער יידישער.

(„צוקונפט“, יאַנואַר, 1923)

צו דער „קעניג ליר" פאָרשטעלונג אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער

אין איר אינטערעסאַנטן באַריכט וועגן דעם מאָסקווער טעאַטער־פעסטיוואַל (ליטער. בלעטער, נומ׳ 38), דערמאָנט די אַרטיסטין העלענאַ באַרקאָווסקאַ מיט גרויס התפּעלות אויך די „ליר"־פאָרשטעלונג אינעם יידישן מלוכה־טעאַטער. עס איז אָבער אויסער ספק, אַז די דאָזיקע פאָרשטעלונג האָט פאַרדינט אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג, וואָרעם שעקספּירס מייסטער־ווערק אויף דער יידישער בינע אין מאָסקווע איז ניט בלויז אַ גלענצנדיקער ספּעקטאַקל, נאָר אַ געשעעניש, אַ דערגרייכונג פון גאַנץ ברייטן קולטורעלן באַדייט.

די יידישע בינע האָט זיך פּאַקטיש קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף מאַנגל אין טאַלענטרייכע און טעמפּעראַמענטפולע אַרטיסטן. אַקטיאָריש בלוט פליסט דאָך אין אַ גאַנץ רייכער מאָס אין יידישע אָדערן — דערויף זיינען מיר דאָך קינדער פון דעם אור־אַלטן שבט, וואָס שפּילט מיט אַזאַ עקשנות שוין טויזנטער יאָרן זיין ליידנרייכע טראַגישע ראָל אויף דער ברייטער וועלט־בינע. דער הויפּט־פּראָלאָג פון דעם יידישן טעאַטער אין דעם געוועזענעם צאַרן־רייך איז געווען — קולטורלאָזיקייט, גייסטיקע שפלות און טעכנישע אומבאַהאָלפנקייט. מאַכטלאָז זיינען געווען קעגן דער דאָזיקער פּלאָג די אַלע, וואָס האָבן געפּרואווט שאַפן אַ בעסערן יידישן טעאַטער, ווי הירשביין, א. ווייטער, פּרץ און אַנדערע, וואָרעם די קולטורלאָזיקייט און גייסטיקע שפלות זיינען דאָך געווען אַ פּועל־יוצא פון פיל סאָציאַלע און קולטור־היסטאָרישע סיבות, און זיי צו באַזייטיקן איז געווען איבער די כוחות פון די, וואָס האָבן געחלומט וועגן אַ יידישן קונסט־טעאַטער.

ערשט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט באַזייטיקט די דאָזיקע שטערנדיקע סיבות און האָט אויך געשאַפן די מאַטעריעלע און פּאָליטישע מעגלעכקייטן, אַז אין אַ שטאָט פון אַזאַ קאָלאָסאַלער טעאַטער־קולטור, ווי מאָסקווע, זאָל געשאַפן ווערן אַ יידישער מלוכה־טעאַטער פון אַזאַ קינסטלערישער מדרגה, וואָס זאָל, ווי ה. באַרקאָווסקאַ באַ־

מערקט גאַנץ ריכטיק, „פאַרנעמען אין דער קינסטלערישער מאָסקווע גאָר אַ בכבודיקן אָרט.״

ביז היינטיקס יאָר איז מיר אויסגעקומען צו זען אין דעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער בלויז פאַרשטעלונגען פון יידישן לעבן. בין איך טאַקע אָפנהאַרציק מודה: ביי מיין גאַנץ גרויס התפעלות פון מיכאָעלסן און דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, האָב איך דאָך ניט געגלויבט, זיי זאָל געלינגען צו שאַפן אַ נייעם איבערצייגנדיקן פירוש צו איינעם פון די גוואַלדיקסטע קונסט־ווערק, וואָס דער וואונדערבאַרער וועלט־גאון שעקספיר האָט געשאַפן. גראָד מיט אַ טאָג פריער פאַר דער „ליר״־פאַרשטעלונג האָב איך געזען די מאָסקווער יידישע טרופּע אין מענדעלעס „מסעות בנימין השלישי״, האָט ביי מיר אין מוח געעק־בערט דער אַפּיקורסישער געדאַנק: צי איז עס מעגלעך, אַז די דאָזיקע אַרטיסטן, וואָס שפּילן די גראָטעסקע, אומגעלומפּערטע געשטאַלטן פון מענדעלעס טוניעיאַדעווקע און גלופּסק, וועט עס געלינגען זיך איינלעבן אין דער פרעמדער מיטלאַלטערלעכער אייראָפּעאישער סביבה, און שפּילן מיט דערפאָלג די קרעפטיקע ריטערלעכע פּערסאָנאַזשן פון שעקספּירס רעפּערטואַר? און — איך מוז אויך דאָס מודה זיין: איך בין טאַקע אַן אַלטער קולטור־טוער, וואָס האָט זיין לעבן לאַנג געקעמפט פאַר דעם כבוד און גלייכבאַרעכטיקייט פון יידיש־לשון. אומבאַוואוסט זיינען אָבער, ווי עס שיינט, אין אונדז פאַרבליבן די נאָכקלאַנגען פון דעם אַמאָליקן ביטול־געפיל צום „אָרעמען זשאַרגאָן״, בין איך מיך טאַקע מודה ומתודה, איך בין ניט געווען גאַנץ זיכער ווי ווייט האַר־מאָניש עס וועט קלינגען שעקספּירס אומפאַרגלייכלעכער דיאַלאָג, שעקספּירס פערז און נוסח אין דעם יידישן לבוש... אָט מיט די ספקות בין איך געגאַנגען אויף דער „ליר״־פאַרשטעלונג, און — דאָס אומ־דערוואַרטעטע, דאָס וואונדערבאַרע האָט זיך פאַר מיינע אויגן אַנט־פּלעקט.

צוויי טעאַטער־אָוונטן זיינען מיר פון מיינע יונגע סטודענטן־יאָרן פאַרבליבן אויף מיין גאַנץ לעבן איינגעקריצט אין מיין זכרון: 1) ווען איך האָב געזען צום ערשטן מאָל אויף דער בינע ביזעס מייסטער־אָפּערע „קאַרמען״ און 2) ווען איך האָב צוגעזען דאָס וואונדערבאַרע שפּילן פון דער גאונישער איטאַליענערין עלענאָראַ דוזע. דאָס וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט קאָן אָמבעסטן באַצייכנט ווערן מיטן חסידישן אויסדרוק „התפשטות הגשמיות״. איך האָב פאַרגעסן אין אַלץ אין דער וועלט, איך האָב מיך געפונען אין אַ זיס־שמערציקן פיבער, אַלע רמ״ח אברים זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לויטער

זען און הערן: די אָנשטרענגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך בין נאָך דעם ספּעקטאַקל געווען אויסגעמאַטערט, צעבראָכן, און דאָך איבער־פולט פון גליק, געפיל, באַרוישט פון דעם כישופפולן קונסט־געטראַנק... צענדליקער יאָרן זיינען זינט דעם פאַרגאַנגען, און איך האָב שוין מער אַזוינע אָוונטן ניט איבערגעלעבט. און פּלוצלונג, גאַנץ אומדערוואַר־טעט, שוין אויף דער עלטער האָב איך זוכה געווען איבערלעבן נאָך אַמאָל אַזאַ אומפאַרגעסלעכן אָוונט, איבערפולט מיט דעם וואונדערבאַרן גייסטיקן שיכרות, מיט דעם מתיקות־שמערציקן התפשטות הגשמיות... שוין די ערשטע סצענע, ווי נאָר דער פאָרהאַנג ווערט אויפגעהויבן, איז געווען פאַר מיר ממש אַן אַנטפּלעקונג. איך האָב צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל בייגעוועזענע שעקספּיר־פאָרשטעלונגען, דערזען פאַר זיך דעם אמתן שעקספּיר־טעאַטער, מיט זיין געוואַלדיקער פשטות, מיט זיין פּרימיטיוון חן און אויסטערלישער שיינקייט. ווי שפּינוועבס, ווי שטויבעלעך פאַרן שטורמווינט זיינען זיך צעפלויגן אַלע מיינע ספקות און סקעפּטישע געדאַנקען, אַן אַנציקטער בין איך געזעסן און געגאַפט, און אַלץ ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי איז דאָס וואונדער געשען: די יידישע אַרטיסטן, וואָס זיינען אויפגעוואַקסן אויף דעם מענ־דעלע און שלום עליכם רעפּערטואַר מיט זייערע נעבעכדיקע קאַסריי־לעווקער געשטאַלטן, זאָלן שפּילן מיט אַזאַ גראַנדיעזן, מיט אַזאַ שטאָלצן הדרת־פּנים און דאָך מיט אַזאַ נאַטירלעכער פשטות אָט די מיטלאַל־טערלעכע פירסטן, ריטער און דאַמען. און ווי שיין, ווי פאַרנעם האָט געקלונגען אינעם מויל פון די דאַזיקע שעקספּיר־פּערסאָנאַזשן דאָס יידישע וואָרט, דער יידישער פּערז... און אָט אויף דעם פראַכטפולן, מיט די גרעלסטע פאַרבן שימערירנדיקן פאָן טרעטן אויף די צוויי מכשפים, מיכאעלס און זוסקין, און באַווייזן דאָס גרויסע שעקספּיר־וואונדער. ה. באַרקאָווסקא באַמערקט גאַנץ ריכטיק, אַז מיכאַעלס איז „שוישפּילער ניט נאָר ווען ער רעדט אויף דער בינע, נאָר אויך ווען ער שווייגט". איינע פון די דערשיטערנדסטע סצענעס פון אָט דער גאַנצער פאָרשטעלונג איז דער מאָמענט, וואו דער צעבראָכענער־געפאַנגען־געגומענער ליר פירט שווייגנדיק ביי דער האַנט זיין טאָכטער קאָרדעליאַ. ווער עס האָט נאָר געזען אָט די מיט קלאַסישער שיינקייט באַשיינטע סקולפּטור־גרופּע, דעם אומגליקלעכן פאָטער מיט זיין אומ־גליקלעכער טאָכטער, ווי זיי ווערן געפירט פון דעם נצחונישן שונא, דער קאָן שוין אין איר ניט פאַרגעסן — זי שוועבט שטענדיק פאַר זיינע אויגן... און דאָך מוז איך אונטערשטרייכן, אַז זוסקין דער לץ האָט אויף מיר געמאַכט נאָך אַ געוואַלטיקערן רושם, ווי מיכאַעלס

אין דער ליר־ראָל, דער רושם איז אפשר דערפאַר געווען שטאַרקער, ווייל ער איז געקומען אומדערוואַרטעט. איך האָב אין מיין לעבן, בפרט אין די יאָרן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין אויסלאַנד, בייגעווען פיל ליר־פאַרשטעלונגען מיט באַדייטנדע אַרטיסטן אין דער הויפּט־ראָל, נאָר אין קיין איינציקער פון די דאָזיקע פאַרשטעלונגען, איז דער לץ ניט אַרויסגעטראָטן אויפן פאָדערגרונט. ער האָט שטענדיק זיך געפונען ווייט הינטער לירן, הינטער די הויפּט־פיגורן. אָבער דאָ, אויף דער יידישער שעקספּיר־בינע, וואו עס איז מיט אַזוי פיל גע־שמאַק און גייסט אויסגעהאַלטן דער אמתער נוסח פון דעם אַלטן שעקס־פּיר־טעאַטער, באַקומט לירס לץ אַדאַנק זוסקינען אַ וואונדערבאַרן תיקון. דער לץ ווערט לירס דאָפּלט־בילד, לירס געוויסן און אינטימער פאַרבאַהאַלטענער „איך“ אַלץ וואָס דרימלט אין די טיפענישן פון לירס האַרץ אומבאַוואוסט, פאַרשטיקט דורך פעאָדאַל־דעספּאָטישער גאווה, דורך דיווילדע קאַפּריזן פון דעם אַליינהערשער, וואָס האָט שוין פון לאַנג פאַרגעסן אין די צוימען פון מאָראַלישער אַחריות — דאָס אַנטפּלעקט זוסקין דער לץ מיט אויסעראָרדנטלעכער פּלאַסטיק און אומפאַרגלייכבאַרער פּקחות. עס אַנטשטייט אויף דער בינע אַן אויס־טערלישער וועט־קאַמף צווישן די צוויי ריזן־קינסטלער, צווישן מי־כאָעלסן און זוסקינען — די צוויי העלפטן פון לירס דאָפּלט ווען, איינער דערגאַנצט דעם צווייטן. און ערשט דורך זוסקינס אינטערפּרעטאַציע, אַדאַנק זיין קינסטלערישער אינטואיציע, אַנטפּלעקט זיך אַמבולטסטן שעקספּירס גאונישע המצאה, וואָס ער לאָזט דעם לץ פאַרשווינדן גלייך נאָך דעם דריטן אַקט, נאָך דער שרעקלעכער שטורעם־נאַכט, אין וועל־כער דער אומגליקלעכער, דרוך יסורים געלייטערטער ליר גייט אַראָפּ פון זינען. וואָרעם ערשט דעמאָלט דערוואַכט אין דעם פון צער־גע־בראָכענעם „משוגענעם“ קעניג דער מענטש, דאָס געוויסן. דעמאָלט ווען ליר איבערצייגט זיך אויף אַזאַ טראַגישן אופן, אַז ער איז ניט מער דער גוואַלטיקער דעספּאָט, פאַר וועמעס קאַפּריזן אַלע טוען ציט־טערן, נאָר אַ „שוואַכער, קינדישער אַלטער מאַן, פון אַכציק יאָר מיט נאָך עפּעס“ — פאַרשווינדט די דיסטאַנץ צווישן אים און דעם פּקח, דעם האַרציקן געמיטפולן לץ; זיי ווערן צונויפגעשמאָלצן אין איין טראַגישער פיגור, און דער לץ פאַרשווינדט, פאַרשווינדט אין די טי־פענישן פון לירס צעווייטיקט האַרץ, פון לירס מאַרך און נערוון...

איך האָב דערנאָך נאָכאַמאָל געזען די „ליר“ פאַרשטעלונג, און דער איינדרוק איז געבליבן דער זעלבער. אדרבה, ביים צווייטן מאָל האָב איך נאָך בולטער דערשפּירט אַז די דאָזיקע פאַרשטעלונג איז אַ

גרויסע דערגרייכונג, אַן אויפשטייג פון דעם יידישן טעאַטער אויף אַ העכערער מדרגה פון אוניווערסאַלן פאַרנעם. די „ליר"־פאַרשטעלונג אין דעם יידישן מלוכה־טעאַטער איז אַן אָנזאָג, אַז די יידישע קונסט־בינע איז שוין אין איר וואוקס אַריבערגעשטיגן די ענגע גרענעצן פון דער נאַציאָנאַלער סביבה און איז שוין ביכולת זיך צו פאַרמעסטן אויף דעם קלאַסישן אַלוועלטלעכן רעפּערטואַר, דאָרט אַנטפּלעקן נייע נאָך ניט דערפאָרשטע אוצרות, און אַרויפלייגן אויף זיי איר אייגענעם שטעמפּל, באַהויכן און באַלעבן זיי מיט איר שעפערישן גייסט.

„ליטעראַרישע בלעטער", 16/X 1935.

וועגן וואנדערנדיקע מאָטיוון אין יידישן פאָלקלאָר

.1

אין דער קורצער הקדמה צו זיין קאָלעקציע „וועלטלעכע יידישע פאָלקס־מעשיות", פאַרעפנטלעכט אין אַמעריקאַנער „פנקס", האָלט י. ל. כהן פאַר נייטיק אָנצואווייזן: „אָנרופנדיק די דאָזיקע מעשיות ‚יידישע', האָב איך בעיקר געוואָלט שטעלן דעם טראָפּ אויף זייער יידישער פאָרם, סטיל און נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, ניט אָפּפרעגנדיק דערביי זייער אינטערנאַציאָנאַלן אָפּשטאַם" *).

יעדער עטנאָגראַף און קולטורפאָרשער ווייס פיל צו דערציילן וועגן „וואַנדערנדיקע מאָטיוון", ווי אַזוי מיטאָסן און העלדן, מעשיות און לעגענדעס וואַנדערן פון פאָלק צו פאָלק, בייטנדיק דערביי זייער פאָרם, סטיל און נאַציאָנאַלן קאָלאָריט. אויך דאָס יידישע פאָלק, ניט געקוקט דערויף וואָס עס איז געווען אַן „עם לבדד ישכון" און האָט אין משך פון פיל דורות געפירט אַן אָפּגעזונדערט קולטור־לעבן — איז אין דעם פּרט קיין שום אויסנאַם ניט. אויך דער יידישער פאָלקלאָר איז זייער רייך מיט עלעמענטן, וואָס עס פילט זיך אין זיי גאַנץ בולט זייער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּשטאַם. און טאַקע די דאָזיקע עלעמענטן האָבן פאַרן קולטור־פאָרשער דעם גרעסטן אינטערעס, ווייל אין דעם לבוש, אין דער פאָרם, וואָס דאָס פאָלק הילט אין איר איין דעם פון דער פרעמד אַנטליענעם שטאָף, אַנטפּלעקט זיך צום שאַרפסטן די אייגנאַרטיקייט פון דעם נאַציאָנאַלן קיבוץ און פון זיין וועלט־באַנעם.

דערמיט, אָבער, און דאָס איז טאַקע דאָס וויכטיקסטע, פאַרענדיקן זיך נאָך ניט די גילגולים וואָס די וואַנדערנדיקע מאָטיוון האָבן

*) אַמער' פנקס פון ייוואָ I, ז' 217.

אויסצושטיין. נאָך דעם ווי פון דער פרעמד אימפּאָרטירטע מעשה איז אַ דאַנק דעם איינאָרטיקן סטיל און נאַציאָנאַלן קאָלאָריט, וואָס זי האָט באַקומען, מגולגל געוואָרן אין אַ ריין יידישער מעשה — פאַרבלייבט זי ניט אין פאַרגליווערטע, אומפאַרענדערטע פאָרמען: אויך אין איין און דער זעלבער נאַציאָנאַלער סביבה בייט זי מיט דער צייט איר נוסח, כאַראַקטער און טענדענץ, ווייל אויך זי, די נאַציאָנאַלע סביבה, בלייבט דאָך ניט איינע און די זעלבע, נאָר זי בייט אין משך פון דורות אירע פאָדערונגען, אינטערעסן און טענדענצן.

אָט אַזוי האָבן די וואַנדערנדיקע מאָטיוון אויסצושטיין צוויי מינים „גילגול־מחילות": אַן אינטערנאַציאָנאַלן, פון פאָלק צו פאָלק, און אַ היימיש־נאַציאָנאַלן, אין משך פון דורות. עס איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז מיר פאַרמעסטן זיך ניט אין אונדזער נאָטיץ גרונטיק צו באַהאַנדלען די דאָזיקע קולטורעל און ליטעראַריש זייער אינטערעסאַנטע פראַגע. מיר פּרואוון בלויז זי באַלייכטן און קלאָר מאַכן פאַרן לייענער דורך דעם, וואָס מיר ווילן אילוסטרירן אָט די טאָפּלטע וואַנדערונגען דורך אייניקע קאָנקרעטעביישפּילן.

.2

די אינטערעסאַנטע מעשה פון דער גאַנצער קאָלעקציע וואָס י. ל. כהן האָט אין „פנקס" פאַרעפנטלעכט איז בלי ספק די „מעשה פון אַ געשייטן גנב" (דאָרטן, זז' 369—376). אָט די, לויט איר סטיל און נאַציאָנאַלן קאָלאָריט טיפּישע יידישע פאָלקס־מעשה איז אָבער דאָך פון פרעמדן אָפּשטאַם, און ניט אויף דער יידישער גאַס איז זי געבוירן געוואָרן. זי וואַנדערט שוין איבער דער וועלט גאַנצע טויזנטער יאָרן, און מיר געפינען זי שוין פאַרשריבן ביי דעם באַרימטן גריכישן היסטאָריקער הערָאָדאָט, וואָס האָט געלעבט מיט פיר־פינף הונ־דערט יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג*).

די מעשה קומט ביי אים פאָר אין מצרים, און די שאַצקאַמער ווערט אויפגעבויט לויטן באַפעל פון דעם מלך ראַמפּסיניטעס, „וואָס קיין אַנדער מלך האָט זיך צו אים מיט זיין רייכקייט ניט געקאָנט גלייכן". ווי ווייט און גרויס איז אָבער די דיסטאַנץ צווישן דעם ליטע־ראַרישן אַנטיק־גריכישן נוסח און דעם פאָלקסטימלעך־יידישן. דער

*) מיר ציטירן לויט דער רוסישער איבערזעצונג פון ט. ט. מישטש־ווענקאָ, II, 113—120.

לעצטער איז ניט אין פאַרגלייך פילפאַרביקער, און די פאַבולע איז פיל קאָמפּליצירטער און פאַנטאַזיע־רייכער.

אייניקע דעטאַלן מאַכן אין דעם אַלט־גריכישן נוסח ממש אַן עקלהאַפטן איינדרוק.

אין דעם יידישן נוסח ווערט דערציילט, ווי אַזוי, בכדי צו כאַפּן דעם גנב, האָט דער דערצענטער מלך געלאָזט אויסרופן, אַז ווער עס וועט באַווייזן אַראָפּצוגנבענען ביי דעם מלכס טאָכטער דעם דימענטע־נעם האַלדזבאַנד, וואָס זי טראָגט אויפן האַלדז, דער וועט זי באַקומען פאַר אַ ווייב, און נאָך אַ האַלבע מלוכה דערצו. און בשתיקה האָט דער מלך געהייסן אויסגראָבן אַ טיפן גראָבן אַרום און אַרום דעם פּאַלאַץ וואו די פרינצעסין איז געזעסן, און דערנאָך זאָל מען דעם גראָבן פאַר־דעקן מיט דינינקע ברעטלעך און פון אויבן באַשיטן מיט שטרוי און מיט גראָז, אַז מען זאָל גאָרניט דערקענען. ווייטער ווערט דערציילט, אַז דער געשייטער גנב איז טאַקע אַריינגעפאַלן אין דער וואָלף־גרוב, דאָך גליקט אים אָפּ זיך אַרויסצוראַטעווען פון דאָרט, ער כאַפּט זיך אַריין אין פּאַלאַץ „און אין איינס־צוויי האָט ער שוין געהאַט דער פרינצעסינס האַלדזבאַנד און איז דערמיט אַוועק אַהיים".

ביי העראָדאָטן פאַלט אָבער דער מלך, בכדי דעם גנב צו געפינען, אויף אַזאַ שכל: ער זעצט אַריין זיין טאָכטער אין אַ בית־הזונות, און די פרינצעסין באַקומט דעם באַפעל צו פאָדערן ביי יעדן באַזוכער, איידער זי וועט זיין ווילן טאָן, ער זאָל איר דערציילן וועגן דעם קונ־ציקסטן גניבה־שטיק וואָס ער איז ווען באַגאַנגען אין לעבן. אויף אַזאַ אופן געראָט טאַקע דער פרינצעסין אַרויסצוגעפינען דעם געשייטן גנב. יענער באַווייזט אָבער אין לעצטן מאָמענט אַנטרונען צו ווערן דורך איינעם פון זיינע גנבישע איינפאַלן.

אָבער ניט די פרטים זיינען דאָ דער עיקר: צום טיפּישסטן איז דער גאַנצער דערציילערישער נוסח, דער אייגנאַרטיקער סטיל ווי עס ווערט דערציילט וועגן די קלוגע איינפאַלן פון דעם געשייטן גנב, וואָס איז אַ באַהאַלטענער בן־מלך; אַט זיי שמעלצן עס איבער דעם פרעמדן שטאָף אין אַ טיפּישער יידישער פאָלקס־מעשה.

ניט ווייניקער טיפּיש איז אויך אַזאַ פאַל: די שענסטע פון די יידישע נאָוועלן, אויפגעהיטע פון דעם מיטלאַלטער, איז, בלי ספק, די ליבע געשיכטע „מעשה בריעה וזמרה",*) אַ מעשה וועגן אַ ליבע וואָס איז שטאַרקער פון טויט, איז גובר דעם לעבנסדאַרשט און מאַכט צור־

*) זע: מ. עריק, וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן, 157—171.

נישט די ווילדסטע עקשנות מיט יחוס־גדלות צוזאַמען. אין דעם זעקסטן באַנד „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן" ווייזן מיר אָן אויף די מאָמענטן, וואָס זיינען אין דער דאָזיקער נאָוועלע בלי ספק גענומען פון דער פרעמד. צום כאַראַקטעריסטישסטן איז דער אויס־לאָז פון דער נאָוועלע מיט דער אויסטערלישער „ברייליפט" (חתונה)־באַשרייבונג. עס ווערט דאָרט אין אַ נאַאיוו־פּאַטעטישן סטיל דער־ציילט, ווי די מלאכים מיכאל און גבריאל טראָגן אַוועק דעם אָקאָרשט געשטאָרבענעם זימרה אין גן־עדן אַריין, און דאָרט, אין גן־עדן, ווערט געפּראַוועט מיט גרויס פּאַראַד זיין חתונה מיט „זיינער ליבסטן בריעה":

„הקב"ה מאַכט די ברכה, אונ' די מלאכים וואָרען די לצנים, משה אונ' אהרן פורטן דעם חתן אונ' כלה אונטער חופה. דער נאָך אַס מאַן, אונ' טראַנק, אונ' טאַנץ; אונ' שלמה המלך בענשט די שבע ברכות. עס וואַר איין זאָלכע קעסטליכע ברייליפט די ני איז אין קיינער קהלה געוועזן". און דווקא אָט די דאָזיקע „ברייליפט"־באַשרייבונג, וואָס טראָגט אַזאַ טיפּישן נאַציאָנאַל־יידישן לבוש, איז גענומען פון דער פרעמד, שטאַמט אויך פון דער אַנטיקער רוימיש־גריכישער וועלט. עס איז אויסער ספק, אַז די דאָזיקע סצענע געפינט זיך אונטער דער השפעה פון דער אויסלאָז־סצענע אין דער שוין אין טיפן מיטלאַלטער זייער באַליבטער נאָוועלע „קופּידאָן און פּסיכע", וואָס איז אויפגעהיט אין „גאָלדענעם אייזל" פון אַפּולעיוס.*)

אויך אין דער דאָזיקער נאָוועלע ווערט באַזונגען די ליבע, וואָס איז שטאַרקער פון טויט און איז גובר אַפילו דעם צאָרן פון די געטער. די מעשה פאַרענדיקט זיך דערמיט, וואָס די שיינע פּסיכע ווערט גע־נומען אויפן הימל און עס ווערט דאָרט געפּראַוועט אַ פריילעכע חתונה: „דער גאָט וואולקאַן איז דער סאַרוועער געוועזן, די האָרעס האָבן מיט רויטע רויזן און אַנדערע בלומען באַשיט, די גראַציעס האָבן מיט בשמים און ווייראַכן באַשפּריצט און באַגאָסן, אַפּאָלאָן האָט געזונגען מיט דער האַרפע אין האַנט, די שיינע ווענוס האָט געטאַנצט צום טאַקט פון דער זיסער מוזיק; אַלע האָבן איינער דעם אַנדערן אַקאָמפּאַנירט: די מוזעס האָבן אויף די פלייטן געשפּילט, און די פּאַונען און סאַטירן — אויף שאַלמייען און אַנדערע מוזיק־אינסטרו־מענטן. אָט אַזוי האָט מען עס מיט גרויס שטאַט איבערגעגעבן פּסיכען אין קופּידאָנס הענט."

---

*) געלעבט אין צווייטן י"ה לויט דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. זיין באַרימט ווערק הייסט אין לאַטיין: Metarmorphoseon libri XI (De asino aureo).

.3

שטאַרק אינטערעסאַנט זיינען אויך די גילגולים וואָס מעשיות האָבן אויסצושטיין אין משך פון דורות אין איין און דער זעלבער נאַציאָנאַלער סביבה. מיר וועלן זיך דערלויבן צו באַקענען דעם לייע־נער מיט צוויי אַזעלכע גילגולים;ביידע זיינען זיי פאַרבונדן מיט דער פאָלקס־באַוועגונג וואָס האָט געפונען איר אידעאישן אויסדרוק אין חסידיזם.

אין דער „לאַנגער מגילה" (אַ יידישע פאַראַפראַזע אויף מגילת אסתר), וואָל לייב ב"ר משה מעליר האָט פאַרעפנטלעכט אין דער פראַסניץ־דרוק אין קראָקע (אין 1589), געפינען מיר אַזאַ מעשה ווי אַ פירוש צו מרדכיס וואָרענענדיקע ווערטער, וואָס ער שיקט זאָגן אסתר המלכה: מיין ניט, אַז דיר, דער איינציקער פון אַלע יידן, וועט אַפּגליקן צו ראַטעווען זיך אין קיניגס הויז (מגילת אסתר, 4, 13).

משה רבינו פלעגט אָפט אַרומגיין שפּאַצירן איבער פעלדער און אָפּגעזונדערטע ערטער, וואו ער פלעגט זיך פאַרטיפן אין זיינע גע־דאַנקען, „אָדער די נבואה קאָם אויף אים". איין מאָל זיצט ער אַזוי פאַרטראַכט אונטער אַ בוים ניט ווייט פון אַ ברונעם, זעט ער, ווי איי־נער גייט צו צום ברונעם, טרינקט זיך אָן, דערביי פאַלט אים אַרויס פון בוזעם אַ בייטל מיט געלט; יענער באַמערקט דאָס אָבער ניט און גייט זיך רואיק ווייטער. באַלד קומט צו גיין צום ברונעם אַן אָרעמער מאַן, ער לייגט זיך אָפּרוען, באַמערקט דעם בייטל מיט געלט, הייבט אים אויף און מלא שמחה גייט ער זיך זיין וועג. אין אַ שטיק צייט אַרום קומט צום ברונעם אַ דריטער מאַן, ער טרינקט זיך אָן און לייגט זיך ברייטלעך אָפּרוען.

דערווייל האָט דער ערשטער אונטערוועגס באַמערקט, אַז ער האָט דעם בייטל פאַרלאָרן, דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אים מסתמא ביים ברונעם אַרויסגעפאַלן, בעת ער האָט זיך אָנגעבויגן צום וואַסער. לויפט ער געשווינד צום ברונעם און געפינט יענעם פאַרשוין ברייט־לעך ליגן; פרעגט ער אים: דו האָסט געוויס געפונען מיין בייטל? ענטפערט יענער: „ליבר חבר, איך האב וואָרליך דען בייטל ניט... גע און' זוך אין נייערט אַנדערס וואו... אָדער דו האסט אפשר צו מאָל קיין בייטל פאַרלאָרן".

עס ווערט צווישן זיי אַ קריגעריי וואָס גייט באַלד איבער אין אַ געשלעג. משה רבינו וויל צולויפן בכדי זיי צו צעשיידן, עס איז שוין אָבער געווען צו שפעט: דער וואָס האָט דעם בייטל פאַרלאָרן האָט

דעם אַנדערן דערהרגעט און איז גלייך אַנטלאָפן. משה רבינו איז אויסער זיך, און מיט גרויס צער פרעגט ער ביי גאָט: רבונו של עולם! ווי קאָנסטו עס צוזען אויף דיין וועלט אַזוינע אומגערעכטע מעשים: איינער טראָגט אַוועק פרעמד געלט, דער אַנדערער פאַרלירט אומ־שולדיק זיין לעבן און דער דריטער „איז דערצו איין רוצח דריבר גע־וואָרן אונ׳ ווערט נימר איין כפרה האָבן".

דאָ ענטפערט גאָט יתברך: דו וואָרפסט מיר אויף אומגערעכטע מעשים. עס חידושן זיך אויך אַנדערע איבער וואונדערלעכע מעשים וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט. דו זאָלסט אָבער וויסן, ליבער משה, אַז דער וואָס האָט דעם בייטל פאַרלאָרן איז טאַקע אַן אָרנטלעכער מאַן, נאָר זיין פאָטער האָט דעם דאָזיקן סכום געלט צוגערויבט ביים פאָטער פון דעם וואָס האָט איצט דעם בייטל געפונען. האָב איך אַזוי געפירט, אַז יענער זאָל זיין ירושה צוריק באַקומען. דער דריטער וואָס האָט אַזוי אומשולדיק זיין לעבן פאַרלאָרן, האָט אַמאָל דער־הרגעט דעם ברודער פון בעל־האבידה; קיינער האָט דאָס אָבער ניט געזען, און אַזוי ווי עס איז פאַר יענעם בלוט ניט גענומען געוואָרן קיין נקמה, האָב איך עס איצט אַזוי געפירט, אַז דער רוצח וואָס האָט אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן, זאָל זיין געצאָלט באַקומען. „אַזאָ מאַך איך אַלע דינג פיגן און קיין מענש קאָן מיינע מידות ניט וויסן, דרום נעמט אייך אָפט וואונדר אין דער וועלט, וואָרום עס דעם רשע צו צייטן וואָל געט און איין צדיק איבל געט".*)

די דאָזיקע מעשה איז געווען זייער באַליבט ביים עולם, און מיר געפינען זי אויך, ווען אַפילו אין אַ ביסל געקירצטער פאָרם, איבער־דערציילט אין דעם פאָפולערן „שמחת הנפש" (1707). די חסידישע באַוועגונג האָט געפּראָוווט אויסנוצן די דאָזיקע מעשה פאַר אירע פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, זי האָט אָבער דערביי באַקומען אַ גאַנץ אייגנ־אַרטיקן נוסח:

פעם אחת — דערציילט אַ חסידישע לעגענדע — אַמאָל האָט ר׳ בער, דער מעזעריטשער מגיד, געפרעגט ביים בעש"ט אַ פירוש אויף אַ מימרא אין „זוהר" „ואלה המשפטים — דא רזא דגלגולא". דער בעש"ט האָט געשוויגן און גאָרניט געענטפערט. אין אַ צייט אַרום הייסט דער בעש"ט ר׳ בערן, ער זאָל אַרויספאָרן אויסער דער שטאָט, זיך אַנידערזעצן אונטער אַ בוים און אַזוי אָפּזיצן ביז אין אָוונט. האָט ר׳ בער אַזוי געטאָן. ווי ער זיצט אונטערן בוים, זעט ער ווי אַנט־

*) אָפּגעהיט ווי וויית מעגלעך די קלאַנגען, אָבער ניט דער אויסלייג.

קעגן קומט צו רייטן אַ מאַן אויף אַ פערד, שטעלט זיך אָפּ און זעצט זיך אַוועק אונטער אַ גרויסן בוים, עסט און טרינקט, דערנאָך לייגט ער זיך אָפּרוען. אויסגערוט זיך, זעצט ער זיך ווידער אויפן פערד און רייט ווייטער, און האָט ניט באַמערקט, אַז ער האָט אונטערן בוים פאַר־געסן אַ בייטל מיט געלט. אין אַ צייט אַרום קומט צו אַ צווייטער, לייגט זיך אַוועק רוען אונטער דעם זעלבן בוים, באַמערקט דעם בייטל מיט געלט, הייבט אים אויף און גייט זיך זיין וועג. באַלד קומט ווידער אָן אַן אָרעמער מאַן, ער זעצט זיך אונטער דעם זעלבן בוים, עסט זיין דאַר שטיקל ברויט און לייגט זיך אָפּרוען. דאָ קומט גלייך צו לויפן דער רייטער אויפן פערד, פרעגט דעם אָרעמאַן וועגן דעם בייטל מיט געלט. יענער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן. דער רייטער שלאָגט אים גוט אָן, פאַרבלוטיקט און פאַרוואונדיקט אים, און פאָרט זיך ווייטער. אין אָוונט קומט ר' בער צוריק צום בעש"ט און דערציילט אים אַלץ וואָס ער האָט צוגעזען. זאָגט אים דער בעש"ט: זיי ווייסן, אַז דער דאָזיקער רייטער איז אין ערשטן גילגול שולדיק געווען דעם צווייטן אָט דעם סכום געלט, וואָס איז געווען אין בייטל, ער האָט אים אָבער ניט געהאַט צו באַצאָלן; זיינען זיי געגאַנגען זיך לאָדן אָט צו דעם אָרעמאַן וואָס איז אין גילגול ראשון געווען רב און דיין. דער רב האָט אָבער געפּסקנט שלא כדינו, אָן שום חקירה ודרישה. איז איצט אין נייעם גילגול האָט דער לווה זיין חוב באַצאָלט, און דער ניט־גערעכ־טער דיין האָט זיין שטראָף באַקומען. אָט דאָס מיינט עס דער „זוהר": ואלה המשפטים — דא רזא דגלגולא *).

אין אַ חסידישער לעגענדע איז אויך מגוגל געוואָרן די אויסטער־ליש שיינע מעשה, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון דעם „ספר חסידים" אין צווייטן באַנד פון אונדזער „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן" (זז' 64—65), וועגן אַ יידיש קינד, וואָס איז געווען אַ פּאַסטעך. ער פלעגט פּאַשען בהמות, און איז געווען אַזאַ עם־הארץ, אַז ער האָט אפילו ניט געקענט דאַוונען. יעדן פרימאָרגן פלעגט ער בלויז זאָגן: „רבונו של עולם! דיר איז דאָך באַוואוסט, ווען דו זאָלסט האָבן בהמות און דו זאָלסט זיי מיר איבערגעבן צו היטן, איז אַלעמען היט איך פאַר געצאָלט, דיר אָבער וואָלט איך געהיט גאָר בחינם — אָט אַזוי שטאַרק איז מיין ליבע צו דיר." איז אַמאָל גראָד פאַרביי־געגאַנגען אַ תלמיד חכם, — ווערט דערציילט, — און הערט ווי דער פּאַסטעך דאַוונט אַזוי. האָט דער תלמיד־חכם פאַרבאָטן דעם פּאַסטעך

*) זע הקדמה צו „מגיד דבריו ליעקב", תקס"ח.

צו זאָגן אַזאַ נאַרישע תפילה און לערנט מיט אים איין די נייטיקע תפילות. דער פאַסטעך האָט אָבער באַלד פאַרגעסן די אַלע תפלות וואָס דער תלמיד־חכם האָט מיט אים איינגעחזרט, זיין געוויינטלעכע בקשה האָט ער שוין מורא געהאַט צו זאָגן. האָט ער גאָר אויפגעהערט מתפלל צו זיין פאַר גאָט. האָט דער תלמיד־חכם ביינאַכט אין חלום דערהערט אַ קול: „זיי וויסן, אַז באם דו וועסט ניט גיין צום פאַסטעך און אים דערקלערן, אַז ער מעג זאָגן זיין געוויינטלעכע תפילה וואָס ער פלעגט מתפלל זיין, איידער דו ביסט צו אים געקומען — וועסטו האָבן אַ שלעכטן סוף, וואָרעם דו האָסט פון יענער וועלט צוגעגזלט איינעם פון מיינע געטרייע דינער." איז יענער גלייך אַוועק און גע־פרעגט דעם פאַסטעך וואָסערע תפילות ער זאָגט יעדן טאָג. ענטפערט דער פאַסטעך: „איך דאַוון גאָרניט. די תפילה וואָס דו האָסט מיך געלערנט האָב איך פאַרגעסן, און די תפילה וועגן די בהמות האָסטו מיר דאָך פאַרבאָטן צו זאָגן." האָט אים דער תלמיד־חכם דערציילט וועגן חלום און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ווייטער זאָגן זיין געוויינט־לעכע תפילה. „גאָט זעט, — איז דערביי מוסיף דער „ספר חסידים", — איר האָט דאָ ניט קיין תורה און ניט קיין מעשים טובים, נאָר דעם פשוטן פאַרלאַנג צו טאָן גוטס — און דאָס איז שוין פאַררעכנט גע־וואָרן פאַר אַ זייער וויכטיקער זאַך, וואָרעם די תורה פאַדערט קודם־כל באַוויליקונג פון האַרצן („רחמנא ליבא בעי")."

די מעשה איז פאַרשריבן ניט אין דער געוויינטלעכער אַלטבאַ־קאַנטער ווערסיע פון „ספר חסידים", נאָר אין אַ צווייטן פיל עלטערן וואַריאַנט וואָס איז פאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט צווישן די כתב־ידן פון פּאַרמער־ביבליאָטעק. די מעשה מיטן פאַסטעך*) האָט אָבער גע־לעבט אין מויל פון פאָלק, איבערגעגעבן פון דור צו דור, ביז זי האָט אין דער חסידישער סביבה באַקומען אַזאַ נוסח: **) גלו לו לבהש"ט משמים, אַז ער צוזאַמען מיט ר' מאיר פון פּרעמישלאַן און נאָך איינעם מיטן נאָמען משה פאַסטעך — זיי אַלע דריי וועט געראָטן בייצוקומען דעם פראַנק***) ימ"ש. איז דער בעש"ט אַוועק צו ר' מאירן און ביידע צוזאַמען האָבן זיך געלאָזט זוכן דעם אומבאַקאַנטן מאַן וואָס הייסט משה פאַסטעך. אַז זיי האָבן אים געפונען, האָבן זיי פאַר זיך דערזען

---

*) פאַראַלעלע מעשיות ביי אַנדערע פעלקער זע:
Hebrew Union College Annual, 1927, 370-374.

**) מיר ציטירן לויט ש. א. הורדצקי, חסידות וחסידים, I.

***) דער גרינדער פון דער פראַנקיסטן-באַוועגונג יעקב פראַנק.

א פשוטן פאסטעך וואס פאשעט שאף אויף איינעם פון די בערג. די שאף זיינען צעשפרייט ארום דעם בארג און דער פאסטעך שטייט ביים ברעג פון א גרוב און שרייט אויף א הויך קול: „ליבער גאט! מיט וואס קאן איך דיר דינען? ווען דו זאלסט האבן שאף וואלט איך זיי דיר געהיט גאר בחינם!" און ער שפרינגט פון איין ברעג גרוב צום אנדערן און שרייט: „דאס אלץ טו איך פון זיין געבענטשטן נאמען וועגן!" גייט צו אים צו דער בעש"ט און זאגט: „איך האב מיט דיר וועגן וואס צו ריידן." ענטפערט אים יענער: „איך בין א שכיר יום און איך טאר ניט פטרן די צייט אויף ארייגצולאזן זיך מיט דיר אין א שמועס." זאגט אים דער בעש"ט: „אט שפרינגסטו דאך פון איין ברעג גרוב צום אנדערן, ביסטו זיך דאך דערמיט אויך מבטל פון דיין ארבעט?" ענטפערט אים יענער: „צוליב דעם השי"ת מעג איך." „אויך איך, — ענטפערט אים דער בעש"ט, — וויל מיט דיר ריידן למען שמו יתברך." דער פאסטעך קומט דא דערביי גלייך אריין אין גרויס התלהבות און שפרינגט ווייטער מיט אזא ברען וואס האט קיין שיעור און ערך ניט. נאך דעם ווי זיי האבן זיך אלע דריי טובל געווען, הייבט דער בעש"ט אן צו לערנען מיטן פאסטעך א"ב און אזוי ווייטער. ער דערציילט אים וועגן חורבן בית המקדש, וועגן גלות השכינה און דעם פאלק ישראל, און ווייזט אים אן, אז עס איז שוין געקומען די פאסיקע צייט לבקש עבור גלות השכינה. אלע דריי האבן אנגעהויבן מתפלל צו זיין און געקומען אין אזא התלהבות, אז זייער תפילה האט אנגעמאכט א געוואלדיקן רעש אין הימל. וואס זשע טוט דער שטן מקטרג? מאכט ער אן א שריפה אין שטאט, הייבן אן די גלעקער צו קלינגען, צעלויפט זיך די טשערעדע שאף; איז משה דער פאסטעך אוועק צונויפזוכן די שאף, און אזוי ארום — נתפרדה החבורה, איז צעשיידט געווארן די חברה, ונתבטל התיקון.

װעגן די מקורים פֿונם „מעשה־בוך"

מיט אַ שטאַרקער פֿאַרשפּעטיקונג האָב איך באַקומען די נומערן „ליטעראַרישע בלעטער", וואו ס'איז אָפּגעדרוקט ד"ר י. שיפּערס אינטערעסאַנטער אַרטיקל וועגן מאַקס עריקס בוך. ד"ר י. שיפּער באַרירט דאָרט אויך די פֿראַגע „וועגן דער אַנטשטייאונג פֿונם מעשה־בוך". ער באַווייזט דערביי גרויס בקיאות, מאַכט געלונגענע השערות, און דאָך קומט ער צו אַ ניט גאַנץ ריכטיקן אויספֿיר. דאָס נעמט זיך, לויט מיין מיינונג, דערפֿון, וואָס ד"ר שיפּער באַגייט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל אַ מעטאָדעלאָגישן פֿעלער, וועלכער פֿילט זיך, ליידער, ערטערווייז אויך אין זיין זייער חשוב ווערק וועגן דעם יידישן טעאַטער. ד"ר י. שיפּער שטרייכט מיט גרויס חריפֿות אונטער די שטאַרקע השפּעה פֿון דער אויסערער קולטורעלער סביבה אויף די יידן אין מיטלאַלטער, בעת זיי האָבן זייער „אַלט־יידישע" ליטעראַטור און טעאַטער געשאַפֿן. ער פֿאַרגעסט אָבער, ליידער, צייטנווייז, אַז ער האָט דאָך דאָ צו טאָן מיט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן קיבוץ, מיט אַן אייגענעם לעבנסשטייגער, מיט אַ זייער אַלטער קולטור, וואָס ציט איר שנור שוין אין משך פֿון גאַנצע טויזנטער יאָרן.

לויט ד"ר י. שיפּערס סכעמע ווערט די אַלט־יידישע דיכטונג איינגעטיילט אין צוויי תקופֿות: די ערשטע, וואָס נעמט אַרום די לעצטע דריי יאָרהונדערטן פֿונם מיטלאַלטער און איז „אַדורכגענומען דורך דער הויפֿישער קולטור, וואָס האָט זיך געשפּונען אין די ריטער־לעכע פּאַלאַצן", — דאָס איז די תקופֿה פֿון די יידישע טרובאַדורן און „ג אַ ל י אַ ר ד ן", ווען עס האָט געוועלטיקט הויפּטזאַכלעך דער פּערזן־ראָמאַן און דאָס פֿאָלקסטימלעכע ליד. די צווייטע תקופֿה (פֿונם 16־טן ביז דער מיט פֿון 17־טן יאָרהונדערט) — וואו די אַלט־יידישע ליטעראַטור פּאַסט זיך איינערלעך צו „צום פּאַטאָס פֿון דעם בירגער־קלאַס, ווי אויך צו די שטימונגען פֿון די פּויערן, וואָס זיינען נאָר וואָס איינגעוואַנדערט פֿון די שטעט" און הייבן זיך ערשט אָן צו אַסימילירן מיט די שטאָט־מענטשן, וועלכע „נעמען איצט איבער

די פירער־ראָלע אין דער ליטעראַטור אויפן אָרט פון דעם פריערדיקן ריטער־קלאַס."

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט באַטראַכט אויך ד"ר י. שיפּער די פראַגע וועגן דער אַנטשטייאונג פונם „מעשה־בוך". ד"ר שיפּער שטרייכט אונטער, אַז „די וואָרצלען פון דעם מעשה־בוך געפינען זיך נאָך אין דער מיטלאַלטערלעכער שפּילמאַן־תקופה", באשר ער געפינט דאָרט אייניקע מעשיות, וואָס באַהאַנדלען ביבלשע שטאָפן, ווי אַשטייגער די מעשה פון מגילת אסתר וכדומה, וואָס האָבן לכתחילה קורסירט אין דעם געשטאַלט פון געגראַמטע פּאָעמעס לויטן שטייגער פון די שפּילמאַן־דיכטונג, און ערשט שפּעטער איז דער „לכתחילה שפּילמאַנישער שורש" אונטער דער השפעה פון דעם „בירגערלעכן פּאַטאָס", פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּראָזאַ־דערציילונגען, צו וועלכע עס איז שפּעטער צוגעקומען דער לעגענדן־ציקל, וואָס איז אַנטשטאַנען אַרום דער פּערזאָן פון ר' יהודה חסיד. „די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פונם מעשה־בוך, — פירט אויס ד"ר שיפּער, — ציט זיך מער ווי צוויי און אַ האַלב יאָרהונדערט, פון סוף מיטלאַלטער ביז דער העלפט פון 18־טן יאָרהונדערט."

ד"ר שיפּער האָט אָבער אַ שטיקל טעות. — זי ציט זיך באַ־דייטנד לענגער; אויך איז זי פיל קאָמפּליצירטער, ווי ד"ר שיפּער שטעלט זיך עס פאָר. איך בין אין גאַנצן מסכים מיט ד"ר שיפּערן, בעת ער שטרייכט אַזוי שטאַרק אונטער דעם גרויסן באַדייט, וואָס ס'האָט געהאַט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור דאָס אויפגעקומענע בירגערטום, דער שטאָט־מענטש, וואָס איז צום סוף פונם מיטלאַלטער געוואָרן אַ חשובער סאָציאַלער פאַקטאָר, און דאָס האָט אים געגעבן דעם אימפּעט צו שטרעבן אויך נאָך קולטור־רעלער און פּאָליטישער מאַכט און איבערצונעמען די פירער־ראָלע אויפן אָרט פון דעם פריערדיקן ריטער־קלאַס. נאָר אויך דאָ איז דער פּראָצעס פיל קאָמפּליצירטער, ווי ד"ר שיפּער שילדערט אים אין זיין אַרטיקל; ליידער קאָן איך מיך דערויף ניט אָפּשטעלן. די דאָזיקע פראַגע איז אַ צו וויכטיקע, מ'זאָל זי קאָנען באַהאַנדלען כלאחר יד.*) מ'דאַרף אָבער קודם־כל געדענקען, אַז טאָקע דער ייד איז דאָך געווען דער טיפּישער שטאָט־מענטש אין דעם מיטלאַלטערלעכן דייטשלאַנד. דער ערשטער שטאָט־מענטש, קאָן מען זאָגן. די יידן פון די ריין־פּראָווינצן — זיי האָבן עס אין טיפן מיטלאַלטער געלייגט די

---

*) באַריכות רעד איך וועגן דעם אין מיין „ליטעראַטור־געשיכטע".

ערשטע גרונד־שטיינער פונם שטאָטישן ישוב אין דייטשלאַנד. עס איז גענוג צו דערמאָנען די באַקאַנטע „פּריווילעגיע", מיט וועלכער דער ביסקופּ רודיגער שפּייער האָט אין יאָר 1084 באַשאַנקען די יידן פון זיין פּאַראַפיע: „באשר, — דערקלערט דאָרט דער גייסטלעכער פירסט,—איך וויל אויס מיין שטעטל מאַכן אַ שטאָט, האָב איך איינ־געלאַדן יידן." און ווייטער שטרייכט אונטער דער ביסקופּ: „איך גלויב, אַז איך וועל טויזנטפאַך פאַרגרעסערן דעם כבוד פון אונדזער שטאָט, בעת איך וועל איינלאַדן אין זיינע טויערן יידן."

די יידן זיינען אָבער געווען ניט בלויז די שטאָט־מענטשן, נאָר אויך די וועלט־סוחרים, די גרויס־הענדלער און „יודעי דרכים" (ראַכ־דאַנידן), וואָס פלעגן האַנדלען מיט דער גאַרער וועלט; און ניט נאָר די איטאַליענישע און ספרדישע יידן, נאָר אויך דייטשע יידן פון די ריינישע שטעט, ווי רעגענסבורג, למשל, פלעגן וואַנדלען דורך דעם סלאַווישן מזרח קיין פאָדער־אַזיע און פון דאָרט, פון די רייכע מוסול־מענישע לענדער, ברענגען ניט נאָר טייערע שטאָפן, געווירצן און בריליאַנטן, נאָר אויך קולטורעלע אוצרות בכתב און בעל פה. און נאָך פיל פריער פאַר דער „תקופה פון דעם בירגער־קלאַס פּאַטאָס" אין דער דייטשער ליטעראַטור, ווען עס האָבן, ווי ד"ר שיפּער שטרייכט אונטער, זיך באַוויזן די „ניי־אויפגעקומענע אַנעקטאָדן־שרייבער און נאָוועליסטן" — האָבן די אייראָפּעאישע יידן איבערגענומען מיט גרויס קונץ דעם אייגנאַרטיקן ליטעראַרישן סטיל, וואָס איז זייער באַליבט געווען אין די מדינות הודו און ביי די אַראַבער: אונטער־האַלטן, אַמוזירן און טאַקע דערביי אויך באַלערנען און מוסר זאָגן; און דאָס אַלץ מיט דער הילף פון לייכטע אַנעקדאָטן און שיינע מעשה־לעך. יעדער קולטור־היסטאָריקער ווייסט טאַקע זייער גוט ווי וויכטיק און באַדייטנד ס'איז געווען די פאַרמיטלער־ראָלע פון יידן אויפן געביט פון אייראָפּעאישן פאָלקלאָר. אַליין אַ מזרח־פאָלק, באַקאַנט מיט די אַראַבישע און גריכישע קוועלן, וואָס האָבן אין זיך אויפ־גענומען פיל אָריענטאַל־אינדישע אגדות, משלים און מעשיות, זיינען די יידן אין דעם מיטלאַלטער געווען דער פאַרבינדונגס־רינג און פאַר־מיטלער צווישן דער מזרח־ און דער מערב־וועלט. זיי האָבן עס אפשר מער פון אַלע אַנדערע גורם געווען, וואָס דער אייראָפּעאישער מערב האָט זיך באַקאַנט מיט פיל אָריענטאַלישע מאָטיוון, מיט די אוצרות פון דער אינדישער און פּערסיש־גריכישער אגדות־ און לעגענדן־וועלט. אין יענער פינצטערער תקופה, בעת די קולטורעלע אוצרות פון די אַמאָליקע דורות זיינען געלעגן באַגראָבן און פאַרגעסן, זיינען די דריי

געווען פון די גאַנץ ווינציקע ווערטער, וואָס האָבן טריי געהיט די רייכטימער פון אגדות, פאַבלען און ראָמאַנען פון דעם קלאַסישן מזרח; און אַ דאַנק די דאָזיקע ווערטער איז אַ באַדייטנדער טייל פון די רייכ־טימער, אויף אומוועגן, דורך אַראַביע און שפּאַניע, שפּעטער איינגע־דרונגען אין דער קריסטלעך־אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

ד״ר שיפּער דערמאָנט אגב אורחא דאָס „בוך דער אַלטען ווייזען“ (כלילה ודימנה) און מערקט דערביי אָן, אַז אונטער דעם דאָזיקן טיטול „איז אויפגעהיט אַ יידיש־דייטשע באַאַרבעטונג פון דעם באַרימטן אינדישן משלים־אוצר „פּאַנטשאַטאַנדראַ“, וואָס איז אַריינגעדרונגען קיין אייראָפּע אין דער תקופה פון די קרייצוגגען.“ און אָט טאַקע דאָס דאָזיקע כלילה־ודימנה־בוך*), דער מערקווירדיקער אוצר פון אינדי־שער וועלט־חכמה, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ גוואַלטיקע השפּעה אויפן גאַנצן אייראָפּעאישן פאָלקלאָר — האָבן די קריסטלעך־אייראָ־פּעאישע פעלקער באַקומען אויסשליסלעך דורך יידישע הענט **).

די יידן אין מיטלאַלטער האָבן אָבער ניט נאָר איבערזעצט פרעמ־דע מעשה־ און פאַבעל־ביכער, נייערט געשריבן אויך אייגענע. נאָך אינם עלפטן יאָרהונדערט, אַ סך אַ סך פריער פאַר דער תקופה פון „בירגער־פּאַטאָס“ אין דער דייטשער ליטעראַטור, האָט אַ געטויפטער ייד, משה הספרדי (דער קריסטלעכער נאָמען זיינען איז פּעטער אַלפאָנזי), פאַרפאַסט אין לאַטיין אַ זאַמלבוך פון דריי און דרייסיק מעשיות און דערציילונגען “Disciplina clericalis”. „ווער ס׳וויל, — זאָגט עדות אַזאַ גענייטער פאַכמאַן ווי משה שטיינשניידער, — אויספאָרשן דעם וועג איבער וועלכן די אָריענטאַלישע מעשיות האָבן

---

*) אגב האָט ד״ר שיפּער אַ שטיקל טעות: „כלילה ודימנה“ און פּאַנ־טשאַטאַנדראַ זיינען ניט היינו הך — איינס און דאָסזעלבע. דער פּאַנטשאַ־טאַנדראַ — דאָס איז בלויז אַ קאַליקע, אַ פאַרקריפּלטער גלגול פונם כלילה־ודימנה־בוך. דאָס האָבן עס די בראַמאַנען, די פאַרביטערטע שונאים פון בודאָס אָנהענגער, זיך נוקם געווען אין דעם גייסטיקן קינד פון זייערע קעגנער, און דאָס געוועזענע „געזעצבוך“ און וועגווייזער פאַר מלכים און פירסטן איז מגלגל געוואָרן אין פשוט פאַבעל־בוך.

**) מיט דער העבראַישער איבערזעצונג האָט זיך אַ געטויפטער ייד, יוחנן פון קאַפּואַ, ביי זיין לאַטייניש איבערזעצונג באַנוצט, און דער דאָ־זיקער לאַטיינישער טעקסט איז געווען די קוועלע פאַר דער שפּאַנישער, האָלענדישער, איטאַליענישער און ענגלישער איבערזעצונג. אַלס מקור פאַר די סלאַווישע נוסחאות פון כלילה ודימנה האָט געדינט דער גריכישער טעקסט, וועלכן ס׳האָט אויס דעם אַראַבישן איבערזעצט אינם 11-טן י״ה דער געטויפטער ייד שמעון סעט.

קיין אייראָפּע געוואַנדערט, דער מוז זיך רעכענען מיט אַלפאָנזיס „דיסציפּלינאַ“, ווי מיט איינעם פון די וויכטיקסטע מיילן־שטיינער, וואָס באַצייכענען דעם דאָזיקן וועג.“ און אַלע קולטור־היסטאָריקער שטרייכן טאַקע אונטער די גרויסע השפעה, וואָס אַלפאָנזיס ווערק האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אייראָפּעאישער נאָוועלע*).

אָבער ניט בלויז פאַר די אומות העולם**) האָבן יידן מעשה־ביכער געשריבן. נייערט אויך פאַר זיך גופא. איך רייד שוין ניט וועגן אַזוינע ווערק ווי זאַבאַראַס „ספר שעשועים“, וואו פאַר דעם פאַרגאַפּטן לייענער וויקלט זיך פאַנאַנדער דער פאַנטאַסטישער קנויל פון קונציקע מעשהלעך, משלים, פאַראַבאַלן, גלייכווערטלעך. דאָס בוך איז דאָך אין מאַקאַמען־סטיל געשריבן, ד. ה. אין געגראַמטער פּראָזע מיט שירים אין דער מיט. אָבער אויך פּשוטע מעשה־ביכער, געשריבן אין איינפאַכער פּראָזע, זיינען ביי יידן שוין געווען נאָך אין טיפן מיטלאַלטער. און טאַקע דורך די דאָזיקע ביכער קאָן מען זען, ווי אַזוי די פּרוכטן פון פאָלקס־חכמה און די בלומען פון פאָלקס־טרוימען און חלומות בייטן ביסלעכווייז זייער לבוש, באַרייכערן זיך מיט נייע עלעמענטן און דינען דאַן אַלס נייער מקור פאַר ווייטערדיקן פאָלקסשאַפן.

נאָך אין דער ערשטער העלפט פונם עלפטן י“ה האָט דער באַרימטער רב רבנו נסים אויס קוריאַן פאַרפאַסט אין אַראַביש אַ זאַמל־בוך פון ספּורי מעשיות, און דאָס דאָזיקע זאַמלבוך איז טאַקע באַלד איבערגעאַרבעט געוואָרן אין העבּרעאיש אין צוויי נוסחאות (צום ערשטן געדרוקט אין 1519). ד“ר י. שיפּער ווייזט אָן, אַז די עלטסטע פּראָזע־באַאַרבעטונג אויף ביבלישע טעמעס, וועלכע זיינען אַריין אין דעם ציקל מעשיות פונם „מעשה־בוך“, דאָס איז די מעשה וועגן שלמה המלך, וואָס געפינט זיך אין אַ כתב־יד אויס פּאַרמאַ (געשריבן אין 1511). נאָר טאַקע שוין אין טיפן מיטלאַלטער זיינען ביי יידן געווען ספּעציעלע זאַמלונגען „משלים של שלמה המלך“. און איינע פון זיי איז אַפילו געדרוקט (אין „בית המדרש“ 4). די דאָזיקע מעשה אין פּאַרמער כתב יד, שטרייכט ד“ר שיפּער אונטער, איז געשריבן אינם „נאַאיוו פאָלקסטימלעכן סטיל פונם מעשה־בוך“. נאָר אָט אין

---

*) זע צב“ש: 98—99,
g. Dapping, Les juifs dans les 1845, moyeh age,

**) אַ טייל פון אַלפאָנזיס ווערק איז אַגבֿ נאָך אין מיטלאַלטער איבערזעצט געוואָרן אין העבּרעאיש אונטערן נאָמען „ספר חנוך“ (געדרוקט 1516).

דעמזעלבן פאָלקסטימלעכן סטיל זיינען דאָך אויפגעהיט געוואָרן פיל מעשיות אין דעם אַלטן „ספר חסידים", ניט אין דעם פון לאַנגן באַ־קאַנטן נוסח, וואָס איז געדרוקט אין באלאניא, באַזעל, קראָקע און סלאַוויטא, נאָר טאַקע אויך אין פאַרמער כתב־יד, וואָס איז ערשט צוריק מיט אַ יאָר 35 געדרוקט געוואָרן. עס איז גענוג צו דערמאָנען די אויסטערליש שיינע מעשה וועגן דעם תלמיד־חכם מיטן יידישן פאַסטעך, וואָס האָט קיין איין איינציקע תפלה ניט געקאָנט, אַזאַ איומדיקער עם־הארץ איז ער געווען, פלעג ער יעדן פרימאָרגן מתפלל זיין צו גאָט אויף זיין נאַאיוון שטייגער: „רבונו של עולם! דיר איז דאָך באַוואוסט, ווען דו זאָלסט האָבן בהמות און וואָלסט זיי מיר איבערגעגעבן היטן, איז אַלעמען היט איך פאַר געצאָלט, דיר, אָבער, וואָלט איך געהיט בחינם — אַזוי שטאַרק איז מיין ליבע צו דיר!"*)

עס איז איצט מער קיין ספק ניט, אַז נאָך פריער פאַרן יידישן „מעשה־בוך" האָבן עקזיסטירט אין מאַנוסקריפּטן **העברעאישע** מעשה־ביכער פון דעם זעלבן נאַאיוו פאָלקסטימלעכן שניט. אַ פּאָר פון זיי זיינען אַפילו אין דער נייער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, ווי צב"ש די זאַמלונג, וואָס ישראל לעווי האָט אָפּגעדרוקט אינם פראַנ־צייזישן „רעווי" אין די 90־קער יאָרן**). עס איז פאַר מיר קיין ספק ניט, אַז די דאָזיקע זאַמלונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט דורך לעווי, איז פאַרשריבן געוואָרן אין דייטשלאַנד, און אין דער העברעאישער שפּראַך. פונם זאַמלער פילן זיך אַפילו „גערמאַניזמען" אָדער ריכטיקער — יידישיזמען. און וויל מען אויספאָרשן די מקורים פונם יידישן „מעשה־בוך", דאַרף מען טאַקע קודם־כל פאַרגלייכן דעם מאַטעריאַל, וואָס איז געזאַמלט מיט די אַלע העברעאישע קוועלן; מ'דאַרף אַפילו אויך נעמען אין באַטראַכט אַזאַ ספר, ווי „שלשלת הקבלה" פון גדליה אבן יחיא, וואָס איז דערשינען אין דער זעלבער צייט, ווען עס איז, לויט שטיינשניידערס השערה, צום ערשטן אָפּגעדרוקט געוואָרן די יידישע זאַמלונג פון 302 מעשיות אונטערן נאָמען „מעשה־בוך". אָט שוין פון אבן יחיאס ווערק אַליין (שוין ניט רײדנדיק וועגן „שבט יהודה" און פיל אַנדערע זאַמלביכער) וואָלט ד"ר שיפּער זיך געקאָנט איבערצייגן, אַז אין זעכצנטן י"ה איז די פּערזאָן פון ר' יהודה חסיד

*) ספר חסידים, בערלינער אויסגאַבע, נומ' 6—5.

**) Ad. Neubauer, Catal of the Hebrew Manuscripts, 1, 520-22. Is. Levy, Un recueill de contes juifs inedits (Rev. d. et juives) t.t. 33-36.

ניט געוועז די איינציקע, ארום וועלכער עס איז אַנטשטאַנען אַ „לע־גענדן־ציקל". — פיל אַנדערע גדולי ישראל, ווי רש"י, ר' יהודה הלוי, אברהם אבן עזרא, דער רמב"ם, ר' אלעזר פון וואָרמס וכדומה, זיינען שוין אין מיטלאַלטער געוואָרן באַליבטע העלדן פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע, וואָס האָט זיי אַרומגעשפּינען מיט די גאָלדענע פעדים פון די וואונדערבאַרסטע לעגענדן. די דאָזיקע לעגענדן זיינען גע־גאַנגען פון מויל צו מויל און מיט ליבע אויך פאַרשריבן געוואָרן.

ערשט בעת מען טוט די דאָזיקע פאַרגלייכנדיקע אַרבעט אַנט־פּלעקט זיך דער קוואַל פון פאָלקס־שאַפן, מען זעט באַשיינפּערלעך ווי אַזוי אין איין און דערזעלבער סביבה ווערט דער אייגענער מאָטיוו, די אייגענע מעשה, ביסלעכווייז נשתנה, ווערט באַוואַקסן מיט נייע פּרטים, אַנדערע דעטאַלן ווידער פאַלן אָפּ. לייענט מען, למשל, אין דעם „מעשה־בוך" די מעשה וועגן יוסף מוקיר שבת, דאַרף מען צו פאַר־גלייכן ניט נאָר מיטן נוסח פון מסכתא שבת, נאָר אויך מיט רבנו נסימס זאַמלונג. אין דער מעשה נומ' 222 (לויט דער ווילמערס־דאָרפער אויסגאַבע) זיינען איינגעפלאָכטן אַלס זייטיקע עפּיזאָדן א אגדה פון תלמוד (סנהדרין 104) און אַ מעשה פון רבנו נסימס זאַמלונג,*) אין אַן אַנדער מעשה פונם „מעשה־בוך" (נומ' 144) איז איינגעפלאָכטן אַ דערציילונג פון „משלי שלמה המלך". באַזונדערס אינטערעסאַנט איז איינע פון די שענסטע מעשיות, וואָס „מעשה־בוך" פאַרמאָגט — די מעשה מיטן צדיק ר' חנינה. די מעשה איז אַ זייער קאָמפּליצירטע, פול מיט פאַנטאַסטיק. דער העלד פון דער געשיכטע האָט צו טאָן מיט אַ פאַרכישופטן פראָש, מיט ריידנדיקע חיות און עופות, אַפילו מיט אַ פיש, וואָס רעדט ווי אַ מענטש, דאַן קריגעלעך מיט גיהנם־וואַסער און גן־עדן־וואַסער און נאָך פיל אַנדערע חידושים־דיקע זאַכן. פיל פּרטים זיינען בלי ספק גענומען פונם אייראָפּעאישן פאָלקלאָר, נאָר איבערגעמאַכט גאַנץ יידישלעך. די דאָזיקע שיינע מעשה געפינט זיך אָבער אויך אין דער העברעאישער זאַמלונג, וואָס לעווי האָט פאַרעפנטלעכט (דאָרט הייסט דער צדיק יוחנן) נאָר אין אַן אַנדער נוסח. פיל פּרטים ווערן דאָרט גאַנץ אַנדערש דערציילט ווי אין „מעשה־בוך". אין אייניקע אַנדערע דעטאַלן פעלט לחלוטין זייער יידישער נוסח. דאָס אייגענע חזרט זיך אויך איבער מיט דער מעשה וועגן יידישן פּויבסט. אין צוועלפטן יאָרהונדערט (1130—38) איז אין משך פון אַכט יאָר אויפן רוימישן פּאַבסט־שטול געזעסן

*) חבור יפה, 38 (מיר ציטירן לויט דער אַמסטערדאַמער אויסג. 1740).

אַנאַלעקט דער צווייטער, וואָס האָט געשטאַמט פון יידן. דערצו איז ער נאָך געווען אַ אוהב ישראל און זיינע קעגנער האָבן אים דערפאַר גערופן: יידישער פּויבסט (Judaeo pontifex). דאָס האָט געמאַכט אַזאַ רושם אויף דער יידישער סביבה, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע לעגענדע וועגן אַ יידיש קינד, וואָס מען האָט עס קליינערהייט אוועקגעגנבעט ביי זיינע עלטערן און עס אָפּגעשמדט. דאָס קינד האָט געהאַט גאונישע פעאיקייטן, איז עס מיט דער צייט עולה לגדולה געוואָרן, פאַרנומען די שטעלע פון אַ ביסקופּ און דערנאָך האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר אַ פּויבסט. צום סוף איז ער אַ בעל־תשובה געוואָרן און אַלס פרומער ייד געשטאָרבן. די דאָזיקע מעשה ווערט געבראַכט אין „מעשה־בוך“ (נומ׳ 87, ווילמ. אויסגאַבע), זי געפינט זיך אָבער אויך אין פאַרשיידענע נוסחאות אין העברעאישע קוועלן.*)

עס איז קלאָר: קיינער קען ניט לייקענען, אַז די אַלט־יידישע וועלטלעכע ליטעראַטור האָט זייער פיל גענאַשט פון דער אַלט־דייטשער, און אַ לאַנגע צייט זיך געפונען אונטער איר שטאַרקער השפעה; מען דאַרף אָבער אויך ניט פאַרגעסן אין דעם צווייטן זייער וויכטיקן פאַקטאָר: אין דער השפעה ניט נאָר פון דער אויסערלעכער סביבה, נאָר אויך פון אינעווייניק. דאָס איז באַזונדערס נייטיק ביי אַזאַ קאָלעקטיוו זאַמל־בוך ווי דאָס „מעשה־בוך“ איז. שוין מיט אַ צו־שאַרפער מחיצה צוימען אָפּ אייניקע „יידיש“־פאָרשער די אַלט־יידישע ליטעראַטור פון דער העברעאישער.

לעניגראַד, דעם 20-טן נאָוועמבער, 1926.

(„ליטעראַרישע בלעטער“ נומ׳ 131, 5-טן נאָוו., 1926.)

*) זע צ. ב., בית מדרש, V, 52—148; דאַרטן VI, 9—137.

מאקס עריקס געשיכטע פון דער אלטער ייִדישער ליטעראטור

1

נאָך אייניקע ניט דערפולטע הבטחות און ניט געראָטענע פּרואוון האָבן מיר ענדלעך באַקומען אַ בוך, וואָס טראָגט מיט רעכט דעם אַחריותדיקן נאָמען „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור“, וואו דער מאַטעריאַל איז מיט גרויס מי און ליבע געזאַמלט געוואָרן אויסשליסלעך פון די ערשטע קוועלן און וואו ער ווערט באַלויכטן אויפן וויסנשאַפט־לעכן יסוד פון דער אַלגעמיין־אייראָפּעאישער קולטור־ און ליטעראַטור־פאָרשונג. דאָס האָט זייער פיל צו זאָגן. ווייל דאָס איז אָבער דער ערשטער פּרואוו, *) אויסגעפירט אויף אַזאַ נאָך בערך ווייניק באַאַר־בעטן געביט, דאַרף אונדז דערפאַר נישט חידושן, וואָס דער פאַרדינסט־פולער פּאַרפאַסער גיט אונדז דאָך נישט דאָס, וואָס ער זאָגט אונדז צו, און מיר האָבן אויך אין מאַקס עריקס ווערק אין געוויסער מאָס צו טאָן מיט אַ „נישט דערפולטער הבטחה“.

דער פאַרפאַסער פאַרזיכערט אין דער הקדמה, אַז זיין „בוך איז דער ערשטער פּרואוו פון אַ סינטעטישן גאַנג דורכן גאַנצן שטח פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור“, און ער דערמאָנט גאַנץ אָפט וועגן זיין „סינטעטישער סכעמע“. ליידער איז אָבער דערווייל דער פאַר־פאַסער אַ זייער ווייניק געאיבטער אַרכיטעקטאָר, און די דעטאַלן און פּרטים פון זיין בנין — דער פון אים מיט אַזוי פיל מי געזאַמלטער מאַטעריאַל געפינט זיך גאַנץ אָפט אין פולער סתירה מיט זיין „סינ־טעטישן גאַנג“ און „סינטעטישער סכעמע“.

לויט דער „סכעמע“, וואָס עריק שטעלט אויף אין דעם אַריינפיר, האָט די אַלטע יידישע ליטעראַטור איבערגעלעבט צוויי בלי־צייטן: 1) די שפּילמאַן־תקופה — „דער שווער־פונקט פון דער דאָזיקער תקופה ליגט אין איר עפּיק, וואו ס'דאָמינירט דער פאָלקס־זינגער מיט אַ רעפּערטואַר פון איבערגעאַרבעטע דייטשע און איטאַליענישע

ריטער־ראָמאַנען און זאַגן און מיט אָריגינעלע גרויסע עפּישע איבער־דיכטונגען פון דעם תנ"ך אין וועלטלעכן גייסט... דער כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער דאָזיקער תקופה איז וועלט־לעך. די פרומע טענדענץ האָט ניט קיין איבערגעוויכט און אַפילו דער צוגאַנג צום תנ"ך צייכנט זיך אויס מיט זיין דרייסטער וועלטלעכקייט". די דאָזיקע ערשטע בלי־צייט פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור ציט זיך — לויט עריקס סכעמע — פון דעם 14טן יאָרהונדערט ביז דער העלפט פונם 16טן יאָרהונדערט. 2) די מוסר־תקופה פון דער יידישער ליטעראַטור — פונם 16טן יאָרהונדערט ביז די ערשטע יאָרצענדליקער פון 18טן יאָרהונדערט.

אין הסכם מיט דער דאָזיקער סכעמע האָט טאַקע דאָס ערשטע בוך פון עריקס ווערק דעם שער־בלאַט: „די שפּילמאַן־תקופה פון דער יידישער ליטעראַטור". אָבער שוין דאָס ערשטע קאַפּיטל פון דעם דאָזיקן בוך „די ליטעראַטור פון דער פּאַטראָנעסע" געפינט זיך אין קיין שום איינקלאַנג ניט מיט דעם פאַרפאַסערס סכעמע. מיר ווייסן זייער גוט פון דער געשיכטע פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס פאַר אַ באַדייטנדיקע ראָלע עס האָבן אינם מיטלעלטער געשפּילט די נדבנים און מעצענאַטן. אין יענע צייטן, איידער דער דרוק־וואַרשטאַט און דאָס שמאַטע־פּאַפּיר זיינען אַנטדעקט געוואָרן, האָט דאָס בוך געהערט צו די טייערסטע חפצים, וואָס ס'האָט זיך געקאָנט פאַרגינען בלויז אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער מענטש. אַפילו די ישיבות פלעגן באַ־זאָרגט ווערן מיט די נייטיקע רעליגיעזע און געהייליקטע ספרים נאָר אַ דאַנק גרויסע נדבנים און מעצענאַטן. אין געוויסער, ווען אויך באַ־דייטנדיק קלענערער, מאָס האָט זיך דאָס אויך איבערגעחזרט בנוגע צו דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. עס האָבן זיך געפונען, ווען אויך בלויז געציילטע, רייכע פרויען, וואָס פלעגן זיך פאַרגינען אַזאַ לוקסוס און באַשטעלן ביי אַ „שרייבער" אָפּשרייבן פאַר זיך אַ יידיש בוך. אָבער עריק גופא מוז מודה זיין, אַז „דער קערן פון דער ליטעראַטור פון דער פּאַטראָנעסע איז געווען דער פרומער רעליגיעזער שטאָף" (דאָרטן, 36). די רייכע יידישע פרוי פלעגט באַשטעלן תפילות־ און מחזור־איבער־זעצונגען פון תהילים און אייניקע אַנדערע ביבלישע ווערק, ווי מגלת אסתר וכדומה, דאַן אויך מנהגים־באַשרייבונגען פון דעם אינעווייניקן רעליגיעזן יידישן לעבן. צונויפגעפלאָכטן מיט מוסר — אָבער ניט קיין שפּילמאַן־ליטעראַטור. און דאָס שוין פשוט צוליב דעם, וואָס די עפּישע ווערק פון דעם יידישן שפּילמאַן זיינען, — ווי בכלל די מיטל־עלטערלעכע ריטער־פּאָעזיע — אין זייער עצם געווען ריין־מינדלעכע. ניט לייענען פלעגט דער ריטער און זיין הויזגעזינד לידער און פּאָע־

מען, נאָר צוהערן, ווי דער זשאָנגלער און שפּילמאַן דעקלאַמירט זיי מיט אַ זינגענדיקן רעטשיטאַטיוו, על פּי רוב נאָך מיט דער באַגלייטונג פון **מוזיק *).**

דאָס ענלעכע איז אויך פאָרגעקומען ביי יידן אינם מיטלאַלטער. אויף יידישע שמחות און פאַרזאַמלונגען, אויף חתונות, תנאים, מלווה־מלכהס, אין די „טאַנץ־הייזער" און אכסניות פלעגן די יידישע „גזעלי־קייט־לייט", די בדחנים, לצנים און מער ערנסטע שפּיללייט דעקלאַמירן און זינגען זייערע לידער, פריילעכע און ערנסטע, אויך גאַנצע פּאָעמעס, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע פון העברעאיש אָדער איבערגעמאַכטע פון דייטש און אַנדערע אייראָפּעאישע שפּראַכן. די יידישע „פּאַטראָנעסע" האָט ניט געהאַט דאָס באַדערפעניש צו באַשטעלן אָפּשרייבן פאַר איר אַ וועלכס ס'איז וועלטלעך ווערק פון דעם שפּילמאַן־רעפּערטואַר, ווייל די דאָזיקע ווערק פלעגט מען דאָך ניט לייענען, נאָר צוהערן. ערשט באַדייטנדיק שפּעטער, אינם זעכצנטן י"ה, איז דער **דרוק־וואָר־שטאַט — וואָס האָט דער ערשטער געגעבן די מעגלעכקייט, אַז די פּשוטע** פאָלקס־שפּראַך מיט איר מינדלעכן פאָלקלאָר זאָל **דערהויבן ווערן צו** דער מדרגה פון פאָלקס־ליטעראַטור — אים איז אויך געלונגען צו מאַכן אַ מחיצה צווישן דעם לירישן שאַפן און דער מוזיק, צווישן דעם וואָרט און דעם געזאַנג. ערשט דעמאָלט, נאָכדעם ווי דאָס בוך איז שטאַרק דעמאָקראַטיזירט געוואָרן און פון אַ טייערן לוקסוס־אַרטיקל איז עס געוואָרן אַ ביליקע סחורה, פלעגט מען שוין די ווערק פון דעם שפּילמאַן־רעפּערטואַר נישט נאָר צוהערן, נאָר אויך לייענען. ערשט ביי די דאָזיקע באַדינגונגען האָט אַ יונגע רייכע יידישע פרוי געקאָנט באַקומען חשק צו באַשטעלן ביי אַ שרייבער אַ וועלטלעך שפּילמאַן־ווערק, ווען זי האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען אַ גע־דרוקטן עקזעמפּלאַר. דאָס האָט שוין אָבער ניט קיין שייכות צו דער „ערשטער בלי־צייט", צו דער שפּילמאַן־תקופה פון דער יידישער לי־טעראַטור.

נאָך אַ קלענערן שייכות האָט צו דער „שפּילמאַן־תקופה" דאָס צווייטע קאַפּיטל אונטערן קעפּל „יידישע מיטלעלטערלעכע לעגענדעס". מיר ווייסן גאַנץ גוט דעם אונטערשייד צווישן דער נאַציאָנאַלער ליטע־ראַטור און דעם פאָלקסטימלעכן קאָלעקטיוון שאַפן, וואָס טראָגט ביי די אומות־העולם דעם נאָמען „פאָלקלאָר". די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור ווערט ביי די קולטורעלע פעלקער מיט אַ קאָמפּליצירטן און סאָציאַל־דיפערענצירטן שטייגער־לעבן געשאַפן דורך יחידים, וואָס שטייען איבער דעם פאָלק און שאַפן אויף זייער אייגן אחריות און אונטער זייער איי־גענעם נאָמען, בעת דאָס פאָלק גופא, די שיכטן פון די ברייטע מאַסן,

שאַפן באַזונדער פאַר זיך. פון מויל צו מויל גיט איבער איין דור דעם אַנדערן גאַנצע אוצרות פון אגדות, מעשיות, לידער און משלים, נאָר אַלץ בעל־פה; ניט אין ספר ווערט דאָס אַלץ פאַרצייכנט, ניט אין נאַציאָנאַלן אוצר ווערן זיי געזאַמלט, זיי בלייבן בלויז אין זכרון פונם לעבעדיקן דור. אַ סך גייט דערביי לאיבוד, פיל באַקומט מיט דער צייט אַן אַנדער צורה, שטייט אויס אַ סך גלגולים. אַ טייל באַקומט אויך תיקון: עס ווערט אויסגענוצט פון די אויסדערוויילטע יחידים, די באַשעפער פון די נאַציאָנאַלע אוצרות.

עס איז קלאָר, אַז די לעגענדעס און מעשיות, וואָס גייען איבער פון מויל צו מויל און שטייען אויס אין משך פון דורות אַ סך גלגולים, האָבן אַ דירעקטן שייכות צו דער געשיכטע פון ליטעראַטור בלויז פון זייער ליטעראַריש־קאָנסטרוקטיווער פאָרם. און אָט גראָד די מיטל־אַלטערלעכע לעגענדעס האָבן אין דער יידישער „שפּילמאַן־ליטעראַטור" קיין שום אָפּקלאַנג ניט געפונען. די יידישע אגדות און לעגענדעס, וואָס ווערן יאָ באַאַרבעט אין דער עפּישער און לירישער דיכטונג פונם יידישן שפּילמאַן, זיינען גענומען אויסשליסלעך פון דער פיל עלטערער תלמודיש־מדרשיסטישער תקופה *). די מיטלאַלטערלעכע יידישע לעגענדעס זיינען אָבער ליטעראַריש באַאַרבעט געוואָרן ניט אין די עפּיש דיכטערישע פאָרמען פון דעם יידישן שפּילמאַן, וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק געפונען אונטער דער השפּעה פון דער מיטלאַלטערלעכער ריטער־פּאָעזיע, נייערט אין די ריין־בירגערלעכע פּראָזאַאיש־דערציילערישע פאָרמען פון דער שפּעטערער תקופה, ווען עס הייבט זיך שוין אָן די צווייטע „בלי־צייט", נאָכדעם ווי דער דרוק־וואַרשטאַט האָט אַזוי פיל מיטגעהאָלפן צו שאַפן אַ בירגערלעכע פאָלקס־ליטעראַטור *).

עריק באַמערקט אָבער ניט דעם דאָזיקן אונטערשייד און ער שטעלט זיך דער עיקר אָפּ אין דעם באַטרעפנדיקן קאַפּיטל אויף דער זאַמלונג „מעשה נסים", — וואָס ס'האָט פאַרפאַסט אין דער מיט פונם 17טן י"ה דער וואָרמסער שמש ר' יוזפּא. דער רוב דאָרט באַשריבענע לעגענדעס געהערן טאָקע צום טיפּן מיטלאַלטער. צום ביישפּיל די מעשה, ווי אלעזר דער בעל „הרוקח" פליט אויף אַ וואָלקן לשם מצווה קיין שפּאַניע צום רמב"ן, איז שוין פאַרשריבן געוועזן איין דור נאָכן „רוקח", נאָך ביים רמבנס לעבן דורך דעם מקובל ר' יצחק בן יעקב *). אָבער וואָס, פאַר אַ שייכות האָט די אינטערפּרעטאַציע פון די דאָזיקע לעגענדעס, דער ליטעראַרישער לבוש, אין וועלכע עס האָט זיי אָנגעטאָן דער שמש פונם זיבעצנטן י"ה צו דער שפּילמאַן־תקופה מיט איר דיכטערישער עפּיק?

ערשט אינם דריטן קאַפּיטל (69—129) טרעט ענדלעך דער פאַר־

פאַסער צו צו דער עצם־טעמע פון דעם ערשטן בוך — די ליטעראַטור פון דעם „יידישן שפּילמאַן". אַט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל צוזאַמען מיטן פינפטן „דער לעצטער שפּילמאַן" זיינען דער וויכטיקסטער און ווערט־פולסטער טייל פונם גאַנצן ווערק. אַנווייזונגען אויף דער ראָל פונם שפּילמאַן אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, זיינען שוין, אמת, גע־מאַכט געוואָרן נאָך פאַר עריקן: ווי צום ביישפּיל אין שולמאַנס „שפת יהודית־אשכנזית" (ז' 8), וואו ער שטרייכט אונטער, אַז די קריסטלע־כע ריטער־פּאָעמען, ווי „דיטריך פון בערן", „הערצאָג ערנשט", „הויך ריף דר ועכטיר" און פיל אַנדערע, זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין די ברייטע שיכטן פונם יידישן פאָלק „על ידי להקות הנוגנים הנודדים, הליצנים והבדחנים" (דורך די וואַנדערנדיקע שפּיל־מענער, ליצנים און בדחנים). מאַקס עריק איז אָבער דער ערשטער, וואָס האָט ניט נאָר אַרויס־געזאָגט די השערה, „אַז אין די צוויי לעצטע יאָרהונדערטער פון דעם מיטלאַלטער האָט ביי יידן עקזיסטירט אַ גרופּע פּראָפעסיאָנעלע, מן הסתם וואַנדערנדיקע פאָלקס־זינגערס, וואָס האָבן געזונגען און רעצי־טירט אין פייערלעכן, עפּישן טאָן" — נייערט ער האָט די דאָזיקע השערה אויפן גלענצנדסטן אופן באַשטעטיקט דורך זיין מוסטערהאַפטיקער קריטיש־אַנאַליטישער באַלויכטונג פון אַ גאַנצער מענגע ליטעראַרישע דענקמעלער פון דער אַלט־יידישער פּאָעזיע. דאָס איז בלי ספק אַ ניי בלאַט אין אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג און מיט אים וועט זיך מוזן רעכענען יעדער פאָרשער פון אונדזער אַלט־יידישער ליטעראַטור און איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

צו די דאָזיקע צוויי אויסגעצייכנטע קאַפּיטלעך פון עריקס בוך ווען מיר זיך דערלויבן מאַכן אַ פּאָר באַמערקונגען: בעת עריק שטעלט זיך אָפּ אויף זלמן סופרס וויכוח־לידער („וויכוח צווישן וויין און וואַ־סער", „וויכוח צווישן חנוכה און אַנדערע יום־טובים"), איז ער דערביי מוסיף: „אַזעלכע וויכוח־לידער זיינען געווען פּאָפּולער סוף מיטלאַל־טער, און צו אונדז זיינען זיי געקומען פון דער קריסטלעכער ליטעראַ־טור" (ז' 100 און אויך 265). דער פאַרפאַסער האָט דאָ אַ גרויסן טעות. אַזעלכע וויכוח־לידער זיינען ביי אונדז יידן געווען פּאָפּולער נאָך אַ סך פריער ווי אין סוף מיטלאַלטער. וויכוח־לידער האָט געשריבן ניט נאָר אלחריזי, נאָר אַפילו אברהם אבן־עזרא, וואָס איז געשטאָרבן אין 1167. אין אבן־עזראס דיוואַן קאָן מאַקס עריק געפינען אַזעלכע לידער, ווי „וויכוח צווישן ברויט און וויין", „וויכוח צווישן שבת און יום־טוב", „וויכוח צווישן חיות און דעם מענטשן" אאַז"וו, אאַז"וו. און אַפילו די אַלטע מדרשים דערציילן שוין אויך וועגן אַזעלכע וויכוחים, ווי צום ביישפּיל וועגן אַ וויכוח צווישן די אותיות פון דער תורה, דאָן צווישן

די בוימער אין וואַלד אאַז״ו. ניט ריכטיק איז אויך עריקס השערה אַז דעם ראָמאַן „פּאַריז און וויענאַ״ האָט אליהו לעוויטאַ געשריבן צווישן 1509 און 1514, און צו יענער צייט האָט ער, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז שוין געווען אַריבער פּערציק, נאָך ניט געהאַט חתונה געהאַט. „זיין צונעמעניש „בחור״ — איז דערביי עריק מוסיף — איז מן הסתם געקומען טאַקע צוליב דעם, וואָס ער האָט שפּעט חתונה געהאַט״ (ז׳ 185). און די אַלע השערות זיינע שטיצט עריק אויסשליסלעך אויף אַן איראָנישן פערז אין „פּאַריז און וויענאַ״, וואו דער דיכטער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז נאָך אַ בחור און דאַנקט גאָט דערפאַר:

— געלויבט איז גאָט, איך בין נאָך פריי און ליידיק!

אַ פאָרשער דאַרף זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון דעם דיכטערס אַ שפּאַס און ניט נעמען פּעדאַנטיש ערנסט יעדע איראָנישע גרימאַסע. עס איז קלאָר, אַז די באַטרעפנדיקע שטעל אין „פּאַריז און וויענאַ״ האָט צום דיכטערס ביאָגראַפיע קיין שום שייכות ניט. דעם ביינאָמען „בחור״ האָט אליה לעוויטאַ צו פאַרדאַנקען זיין פילאָלאָגיש ווערק „ספר הבחור״, וואָס האָט בשעתו שטאַרק קונה שם געווען, און חתונה האָט לעוויטאַ געהאַט, ווי אַלע יידן אין יענע צייטן — אין די יונגע יאָרן. און דאָס איז כלל ניט שווער צו דערווייזן: דאָס סוף־וואָרט צום „מתורגמן״ פאַרענדיקט דער אַלטער לעוויטאַ מיט אַ האַרציקן שיר, וואו ער בעט ביי גאָט די זכיה ער זאָל שטאַרבן אין איין צייט מיט זיין אַלטינקער פרוי, „שהיא לא תהיה אלמנה ואני לא אהיה אלמן״. זיינען זיי אַלזאָ געווען אין איין עלטער. אויסער דעם ווייסן מיר דאָך זייער גוט, אַז אין די פופציקער יאָרן פונם 16טן יאָרהונדערט, אַלזאָ, בלויז אייניקע יאָר נאָך לעוויטאַס טויט, האָבן געשפּילט אַ גאַנץ טרויעריקע ראָל אין די רדיפות און גזירות אויף העברעאישע ספרים צוויי דערוואַקסענע אייניקלעך לעוויטאַס, ביידע משומדים, שלמה רומנו און וויטטוריאָ אליאַנו. אַ טעות האָט אויך מאַקס עריק בעת ער שרייבט וועגן לעוויטאַן: „נאָר אַלס רעזולטאַט פון דער הומאַניסטישער איבערצייגונג האָט געקאָנט קומען זיין ביבל־קריטישער אויפטו. אליקו בחור איז נעמלעך דער שאָפער פון דער ערשטער וויסנ־שאַפטלעכער טעאָריע וועגן דעם אַנטשטיין פון דעם תנ״ך (ז׳ 184). אליהו בחור האָט מיט ביבל־קריטיק זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען און וועגן דעם אַנטשטיין פונם תנ״ך קיין שום וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס ניט געשאַפן, ער האָט בלויז אַרויסגעזאָגט (אין דער דריטער הקדמה צו „מסורת המסורת״), אַז די „נקודות וטעמים״ ד״ה די פונקטואַציע און מוזיקאַלישע אַקצענטן זיינען איינגעפירט געוואָרן ניט אין עזרא הסופרס צייטן, נאָר באַדייטנדיק שפּעטער, שוין נאָך חתימת התלמוד.

צווישן דעם דריטן און פינפטן קאַפּיטל, וואָס באַהאַנדלען די עפּי־

שע שפילמאַן ליטעראַטור, האָט דער פּראָפעסער אויסגעטיילט אַ ספּע־ציעל קאַפּיטל (דאָס פערטע) פאַר דער אַלט־לירישער ליריק. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז אָבער ליידער צו כאַאָטיש צונויפגעשטעלט, און אַ באַדייטנדיקער טייל פון דעם דאָרט געזאַמלטן מאַטעריאַל האָט פּאַק־טיש צו ליריק קיין שום שייכות ניט. דער פּראָפעסער גופא ווייזט אָן אין דער הקדמה פון זיין ווערק, אַז „די פּורים־שפּילן און אַנדערע פּרי־מיטיווע סצעניש ווערק״ ווערן אין דעם בוך ניט באַהאַנדלט, ווייל ראשית „זיינען דאָס טעאַטער־שטיק, ניט דראַמאַטישע ווערק אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט״ און זיי געהערן „ניט צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״, והשנית זיינען „דאָך די פּורים־שפּילן שוין אויספירלעך באַהאַנדלט געוואָרן אין שיפּערס טעאַטער־געשיכטע״. ווייל אָבער די יידישע „נאַרן״ און בדחנים פלעגן דאָך זינגען אויך לירישע לידער, האַלט דער פּראָפעסער פאַר נייטיק אין דעם קאַפּיטל וועגן אַלט־יידישער ליריק צו רעדן גאַנץ באריכות וועגן פּורים־שפּילער און פּורים־רב, וועגן די פּיעסעס פון די ישיבה־בחורים, וועגן דעם באַקאַנטן שפּיל „פון טויב יעקליין, זיין וויב קענדליין״; דאָן ווערט דערציילט, אַז די יידישע פּורים־שפּילן שטייען סוף 17טן און אָנהויב 18טן יאָרהונדערט אונטער דער השפּעה פון דעם טעאַטער פון די ענגלישע קאָמעדיאַנטן. און אַז אין דער פאָלקסטימלעכער אָפּערע „אַקטאַ אסתר מיט אַחשורוש״ ווערט די ראָל פון אַ „האַנסט וואורסט״ אַריבערגעטראַגן אויף מרדכי *) און טאַקע דערביי ווערן געגעבן בילדער און רעפּראָדוקציעס פון „אַקטאַ אסתר״, פּראַגער אויסגאַבע. דאָס אַלץ מעג זיין פאַר זיך גאַנץ אינטערעסאַנט, אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט אַלט־יידישער ליריק? מיר וועלן דאָ כלל ניט אָפּלייקענען, אַז די אַלטע פאָלקס־פּיעסעס און פּורים־שפּילן זיינען טאַקע פאַראַן פיל עכט־לירישע עלעמענטן ווי צום ביישפּיל: ושתיס געבעט פאַר דעם קיניג אַחשורוש, המנס ליד פאַרן טויט, יוספס געבעט אויף דער מוטערס קבר און פיל אַנדערע, נאָר דווקא וועגן זיי דערמאָנט דער פּראָ־פעסער גאָרניט. דערפאַר אָבער באַשרייבט ער אויף גאַנצע צוויי זייטן אַ פּאַשקוויל פון אַ געוויסן משה כהן געווענדט קעגן איינעם דוד „פון אושטילוינג״ (ז׳ 151—153). אויך דער דאָזיקער פּאַשקוויל צוזאַמען מיט אייניקע אַנדערע סאַטירעס ווערן אַריינגערעכנט אין דער אַלט־יידישער ליריק. ערשט צום לעצטן טייל פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל גייט דער פּראָפעסער איבער צו דער עצם־טעמע און ער ברענגט דערביי גאַנץ אינטערעסאַנטע אילוסטראַציעס. נאָר אויך דאָ איז ער ניט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן, און אין דער אָפּטיילונג פון „אָריגינעלער יידישער לי־ריק״ באַהאַנדלט ער די יידישע איבערזעצונג פון „בן המלך והנזיר״ (ז׳

173), פאַרגעסנדיק דערביי, אַז וועגן דער זעלבער איבערזעצונג וועט אים נאָך אויסקומען צו רעדן אין דעם צווייטן בוך פון זיין ווערק (334—335).

2

דאָס צווייטע בוך, וואָס באַשטייט אויך פון פינף קאַפּיטלען און באַהאַנדלט די צווייטע „בלי־צייט" — די מוסר־תקופה פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט די זעלבע מעלות, אָבער אויך די אייגענע חסרונות וואָס דאָס ערשטע בוך: אַ רייכער פון די ערשטע קוועלן געזאַמלטער מאַטעריאַל, גרינטלעך און שאַרפזיניק אַנאַליזירט, אָבער אומבאַהאָלפן אין דער אַרכיטעקטאָניק: די פאַרשיידנאַרטיקסטע עלעמענטן ווערן מיט געוואַלט איינגעפּאַסט אין איין ראַם, און דער „סינטעטישער גאַנג" ווערט ניט זעלטן מגולגל אין אַ לאַבירינטישן גאַנג... דאָס ערשטע קאַפּיטל, וואָס באַהאַנדלט „דעם אויפגאַנג פון דעם צאינה וראינה", איז טאַקע גאַנץ זאַכלעך געשריבן*), נאָר צו דעם קאַפּיטל געהערט כלל ניט דער „טייטש זוהר" און נאָך וויניקער געהערט צום „אַריינפיר" די אָפּשאַצונג פון אהרן בן שמואלס „ליבליכה תפילה", וואָס איז דער־שינען אין 1709. נאָך וויניקער באַפרידיקט די קאָנסטרוקציע פונם צווייטן קאַפּיטל, וואָס באַהאַנדלט די אַנטוויקלונג פון דעם יידישן מוסר אין זעכצנטן ביז אַכצנטן יאָרהונדערט. אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל ווערן אַריינגעשפּאַרט אַזוינע ווערק, ווי דער „יידישער טעריאַק" (ז' 266—270) און „די באַשרייבונג פון אַשכנז און פּאָלאַק" (ז' 262—265), וואָס האָבן צו מוסר־ליטעראַטור קיין שום שייכות ניט.

ניט באַפרידיקנדיק איז אויך די „סכעמע", וואָס דער פּראָפעסער צייכנט אָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן מוסר. ער שטרייכט נעמלעך אונטער, אַז די גרויסע צייט פון דעם יידישן מוסר „איז דער־הויפּט דאָס זיבעצנטע יאָרהונדערט און די ערשטע יאָרצענדליקער פון דעם אַכצנטן", און ער פּלייסט זיך צו דערווייזן, אַז דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון „די גרויסע עקאָנאָמישע פאַרענדערונגען", וואָס זיינען פאָר־געקומען אין יענער צייט אין דעם לעבן פון די יידישע מאַסן. „אין דייטשלאַנד ווערט פּאַמעלעך צעריסן דער פאַרכישופטער קרייז, וועלכן ס'שאַפט די וויכטיקסטע און אָפּט אויסשליסלעכע יידישע פּרנסה, דער „וואָכער" און יענע האַנדלסמעגלעכקייטן, וואָס פליסן אַרויס פון ניט אויסגעלייזטע משכנות און חובות... עס דיפערענצירן זיך די יידישע פּרנסות אין דייטשלאַנד, עס וואַקסט אָבער אויס גלייכצייטיק אַ טיפער אָפּשטאַנד צווישן די רייכערע יידן און די אָרעמע, גרויסע מאַסן" (248—249)... נאָך וויכטיקער איז יענע איבערשיכטונג פון דער יידישער באַ־

פעלקערונג און פון די יידישע פרנסות, וואָס שאַפט זיך אין דעם נייעם גרויסן יידישן ישוב אין פוילן, מיר באַגעגענען דאָ די פאַרשיידנסטע שטופן אין דעם סאָציאַלן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג... די שווערע קאָנקורענץ און די ירידה פון דעם שטאָטישן האַנדל ברענגט צו דער פאַראָרעמונג פון דער יידישער מאַסע. עס וואַקסט די צאָל קבצנים, וואָס וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און פאַלן ווי אַ שווערע לאַסט אויף דער באַפעלקערונג. אַ גרויסער טייל יידן ווערט אַרויסגע־שטופּט אין דאָרף, וואו זיי לעבן צווישן די פּויערים, האַלטנדיק קרעטשמעס אאַז״וו און ס׳שאַפט זיך דער טיפּ פון דעם פאַרגרעבטן און פאַרחושכטן פוילישן ישובניק״ (251—252). „אַט אין דער שווערער צייט — פּירט אויס דער פאַרפאַסער — ווען די עקאָנאָ־מישע און פּאָליטישע לאַגע פון די יידן אין מזרח־איראָפּע און אין דייטשלאַנד ווערט שטאַרק פאַרערגערט, און ווען, פון דער אַנדערער זייט, ס׳הויבן זיך אויף די ערשטע באַוועגונגען פון דער יידישער מאַסע און אירע ערשטע פּרואוון צו וויסן צו געבן פון זיך און זיך צו אָרגאַני־זירן, גייט אויף און בליט זיך פאַנאַנדער דער יידישער מוסר״... „אין חושכדיקע צייטן — שטרייכט אונטער דער פאַרפאַסער — איז אויפגע־גאַנגען דער יידישער מוסר, און כמעט אַלע יידישע מוסר־ווערק זיינען טאָקע מעלאַנכאָליש געשטימט״; און „ווייל זייער אָפט שטייט דער מוסר־מחבר נאָענט צו זיין אוידיטאָריע, צום פאָלקס־מענטש״ איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך, וואָס „אין די מוסר־ווערק קלינגט אַמאָל אָפּ דער ווײ־געשריי פון דער אָרעמער יידישער מאַסע, איר פּראָטעסט קעגן די גבירים, קעגן דער הערשאַפט פון די קהילה־תקיפים״, און ווען אויך בלויז „אומדירעקט איז דאָס יידישע מוסר־בוך אָפּט דער קאַנאַל, דורך וועלכן ס׳פליסן, ווען אויך באַשיידן און אָפּגעשוואַכט, די פאָדע־רונגען און וואונטשן פון די יידישע פאָלקסמאַסן״ (ז׳ 55—253).

אין הסכם מיט זיין „סכעמע״ ווייזט אָן דער מחבר, אַז ביז צום סוף 16טן י״ה טראָגט דאָס יידישע מוסר־ווערק בלויז אַ ספּאָראַדישן כאַראַקטער, בעת אין דער „קלאַסישער צייט פון דעם יידישן מוסר״, פון סוף 16טן י״ה ביז לערך 1710, „ווערן געשאַפן די גרויסע אָריגינעלע יידישע מוסר־ענציקלאָפּעדיעס״ — דער „בראַנטשפּיגל״, דער „לב טוב״ און דער „שמחת הנפש״ (ז׳ 345). נאָר — אַ מאָדנע זאַך: אַט טאָקע די דאָזיקע גרויסע „מוסר־ענציקלאָפּעדיעס״ געפינען זיך אין פולער סתירה מיט עריקס „סכעמע״. אינם „בראַנטשפּיגל״ באַמערקט זיך אַמווייניקסטן דער פון עריקן געשילדערטער פּראָצעס, וואָס „ברענגט צו דער פאַראָרעמונג פון דער יידישער מאַסע״. עס הערן זיך דאָרט כלל ניט „די פאָדערונגען און וואונטשן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן״, וואָרעם

עריק גופא קאָן ניט לייקענען, אַז „דער „בראַנטשפּיגל״ איז אַ מוסר־ספר „פאַר דער רייכער, פאַרמעגלעכער יידישער פרוי״ (ז׳ 290). דער „לב־טוב״, וואָס עריק כאַראַקטעריזירט אים ווי דאָס „רעאַקציאָנער־סטע״ בוך פון יענער צייט, ווענדט זיך אויך ניט צו די פאַראַרעמטע פאָלקסמאַסן, ניט צום „פאַרגרעבטן און פאַרחושכטן פּוילישן ישובניק״, נאָר צום יוסטן באַלעבאָס; און וועגן סאָציאַלן קאַמף, וועגן „פּראָטעסט קעגן די גבירים״ איז דאָרט קיין זכר ניטאָ. און די לעצטע פון עריקס אויסגערעכנטע מוסר־ענציקלאָפּעדיעס: „שמחת הנפש״ וויל גאָרנישט וויסן פון די „חושכדיקע צייטן״, אין וועלכע „דער יידישער מוסר איז אויפגעגאַנגען״. עס הערט זיך דאָרט אויך ניט „דער וויי־געשריי פון דער אָרעמער יידישער מאַסע״, וואָרעם דער פרומער מחבר דערשטיקט אים מיט האַרציקער פרייד: „דען ווערט זיין שמחה גאָר גרוש זיין... דרום האָב איך דש ספר איין נמן געבין שמחת הנפש״.

און עריקס „סכעמע״ מוז קומען אין סתירה מיט די רעאַלע פאַקטן, פשוט דערפאַר, ווייל דער „היסטאָרישער שטאַנדפּונקט״, פון וועלכן עריק גייט אַרויס, איז אַ פאַלשער. אמת, עריק איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז „אין חושכדיקע צייטן איז אויפגעקומען דער יידישער מוסר״. די „חושכדיקע צייטן״ האָבן זיך אָבער שוין אָנגעפאַנגען אין דער תקופה פון די קרייץ־צוגן און שוין אין 12—13טן י״ה איז געשאַפן געוואָרן אַזאַ קלאַסישע „מוסר־ענציקלאָפּעדיע״, ווי דער „ספר חסידים״. אמת, דער דאָזיקער מוסר־ספר איז געשריבן אויף העברעאיש, נאָר טאַקע פונם „היסטאָרישן שטאַנדפּונקט״ איז עס גרינטלעך פאַלש אַזאַ אָרגאַניש גאַנצע סאָציאַל־קולטורעלע דערשיינונג ווי די מוסר־ליטעראַטור ביי יידן מיט געוואַלט צו שפּאַלטן און מאַכן אַ שאַרפע מחיצה צווישן דעם יידישן מוסר־ספר בכלל און דעם ספּעציעל יידיש־געשריבענעם. איידער דער דרוק־וואַרשטאַט האָט געגעבן די מעגלעכקייט, ס׳זאָל קאָנען געשאַפן ווערן אַ פאָלקס־ליטעראַטור און דאָס בוך זאָל קאָנען אַריינדרינגען אין די ברייטע שיכטן פון פאָלק, איז דאָס יידישע מוסר־ספר געווען געשריבן דער עיקר אויף העברעאיש, און די פאָלקס־מגידים און דרשנים פלעגן מיט דער מוסר־ליטעראַטור באַקענען דאָס פשוטע פאָלק בעל־פה אין זייערע דרשות אין די בתי־מדרשים, אויף שמחות און סתם פאַרזאַמלונגען. און עריק האָט אַ גרויסן טעות, ווען ער מיינט, אַז די העברעאישע מוסר־ספרים האָבן זיך פאַרנומען בלויז מיט רעליגיעזע נאָרמען און אַבסטראַקטע דאָגמאַטיש־עטישע „באַטראַכטונגען״, און ערשט דאָס יידיש געשריבענע מוסר־ספר האָט אָנגעפאַנגען צו באַאַרבעטן „אַ גרויס געביט פון קאָנקרעטע לעבנס־פראַגן״ (ז׳ 247). עס איז גענוג בלויז דורכצובלעטערן דעם נאָר וואָס דער־

מאַנטן „ספר חסידים“, בכדי זיך צו איבערצייגן, וואָס פאַר אַ „גרויס געביט פון קאָנקרעטע לעבנספּראַגן“ דאָס דאָזיקע ווערק באַאַרבעט, און ווי וויכטיק דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז פאַר דעם פאָרשער פונם סאָציאַלן יידישן לעבן אין דער תקופה פון די קרייץ־צוגן. *) אין קיין שום יידיש געשריבענעם מוסר־ספר ווערט ניט געפירט אַזאַ פאַרבי־טערטער קאַמף „קעגן די גבירים, קעגן דער הערשאַפט פון די קהילה־תקיפים“, ווי דווקא אין דעם העברעאישן „אגרת מוסר“, וואָס דער ספרדי שלמה אלמי האָט פאַרפאַסט אין 1415. ער קעמפט דאָרט ניט נאָר קעגן דער שליטה פון די הויף־יידן און באַנקירן, נאָר אויך קעגן די רבנים, וואָס האָבן ניט די דרייסטקייט צו באַשיצן די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן און האָבן אין זינען בלויז זייערע אייגענע קליינלעכע אינטערעסן.

אָבער נאָך אין דעם מיטלאַלטער, יעדנפאַלס ניט שפּעטער פון דעם 15טן י״ה, האָבן זיך שוין באַוויזן מוסר־ספרים געשריבענע אויף יידיש, פאַר דער „פּאַטראָנעסע“, פאַר „דער רייכער פאַרמעגלעכער יידישער פרוי“, פאַר וועלכער ס׳איז אויך שפּעטער פאַרפאַסט געוואָרן דער „בראַנטשפּיגל“. מיר ווייסן דאָך גאַנץ באַשטימט, אַז דאָס „שען פרויען בוכליין“ (ספר מצוות נשים), און וואַרשיינלעך אויך דער „רויזנ־גאָרטן“ (ספר „הגן“), וואָס זיינען געדרוקט ערשט אין דעם 16טן י״ה, זיינען שוין פאַרפאַסט געוואָרן אין 15טן י״ה. וואָס שייך דעם 16טן י״ה זיינען די יידיש־געשריבענע מוסר־ספרים כלל ניט געווען אַזאַ „ספּאָראַדישע“ דערשיינונג ווי עריק דערציילט. אויסער די נאָר־וואָס דערמאָנטע צוויי מוסר־ביכלעך איז אין דער מיט פונם 16טן י״ה דערשינען אַ גאַנצע „מוסר־ענציקלאָפּעדיע“. דער „ספר מדות“ (צוויי מאָל געדרוקט), דאָן אַ פּראָזאאישע איבערזעצונג און אויך אָן איבער־אַרבעטונג אין פערזן פון יונה גירונדיס „ספר היראה“, דער „מנקת רבקה“ (געדרוקט אָפילו ערשט אין 1609. אָבער געשריבן אין דער מיט פונם 16טן י״ה), דער „סם חיים“ א״אַ. מען דאַרף נאָך דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז פיל פון די פאָלקסביכער, וואָס זיינען דערשינען אין דעם 16טן י״ה, זיינען ניט אויפגעהיט געוואָרן, אָדער זיי וואַלגערן זיך נאָך ערגעץ ניט אויסגעפאָרשטע.

אמת, אין 17טן און אין 18טן י״ה דערשיינען יידישע מוסר־ספרים אין אַ באַדייטנדיק גרעסערער צאָל ווי פריער, דאָס איז אָבער ניט פאַרבונדן — ווי עריק מיינט — מיט „דער פאַראָרעמונג פון דער יידי־שער מאַסע“ און מיט דעם, וואָס „די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע פון די יידן אין מזרח־איראָפּע און אין דייטשלאַנד ווערט שטאַרק פאַר־ערגערט“ (ז׳ 253). די „בלי־צייט“ פון דער יידישער מוסר־ליטעראַטור

איז דער פועל־יוצא פון אַ מער אַלגעמיינעם סאָציאַל־קולטורעלן פּראָ־צעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיטל־אייראָפּע און וואָס אַ דאַנק אים האָט אין דער דייטשער ליטעראַטור און אַגב אויך ביי אונדז יידן די בירגערלעכע פּראָזע־ליטעראַטור אַרויסגעשטופּט די ריטערלעך־עפּי־שע. דער יידישער מוסר־ספר האָט זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט אין דער זעלבער צייט ווען דער „צאינה וראינה" האָט אַרויסגעשטופּט דעם „שמואל בוך"־עפּאָס און די דערציילערישע „מעשה־בוך"־ליטעראַטור האָט געמאַכט פאַרגעסן די אַמאָל אַזוי פּאָפּולערע: „דיטריך פון בערן", „הערצאָג ערנשט" א.פ.אַ.

די עקאָנאָמיש־פּאָליטישע פאַרערגערונג און די פאַרערגערונג פון דער יידישער מאַסע האָט ניט אַרויסגערופן די „בלי־צייט" פון דעם יידישן מוסר־ספר, אָבער אַן אָפּשפּיגלונג האָט זי אין אים געוויס גע־פונען. און ווען מאַקס עריק זאָל ניט זיין אַזוי פאַרבלענדט דורך זיין „סכעמע", וואָלט ער איינגעזען, אַז די „גרויסע צייט פון דעם יידישן מוסר", וואָס ער ווייזט אָן: דאָס זיבעצנטע יאָרהונדערט, געהערט צו צוויי פאַרשיידענע תקופות אין דעם יידישן לעבן. דווקא דער סוף פון דעם 16טן און אָנהויב פון 17טן י"ה זיינען געווען עדות ניט פון דער פאַר־אָרעמונג פונם יידישן קיבוץ אין פוילן, נאָר פון דער בלי־צייט פון יידישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, בעת דער „ועד" האָט דערגרייכט זיין העכסטן גלאַנץ. אין קיין שום יידישן קיבוץ אין אייראָפּע איז ניט פריער ניט שפּעטער געווען אַזוי גרויס די צאָל פון די „יודעי ספר" ווי דווקא אין פוילישן קיבוץ פון יענער צייט; דער „טיפּ פון דעם פאַרגרעבטן און פאַרחושכטן פוילישן ישובניק", וועלכן עריק שילדערט, האָט זיך געשאַפן אין באַדייטנדקיער צאָל ערשט שפּעטער, נאָך דער שרעקלע־כער קאַטאַסטראָפע „גזירות ת"ח.

מיר האָבן שוין מער מאָל אָנגעוויזן *), אַז אויף דער יידישער גאַס האָט דער „מיטלאַלטער", די אמתע מיטלאַלטערלעכע תקופה פון קול־טורעלער פאַרווילדערונג און אָפּגעשטאַנענקייט, אָנגעהויבן זיך ערשט אין דער מיט פונם 17טן י"ה, נאָך דעם דרייסיק יאָריקן קריג אין דייטשלאַנד און נאָך די גזירות ת"ח אין מדינות פוילן. די אַסקעטיש־מרהשחורהדיקע מיסטישע שטרעבונגען פון דעם „אר"י הקדוש" און זיינע אָנהענגער האָבן דאַן פאַרנומען דעם גאַנצן פאָדערגרונד פון דעם יידישן לעבן. דאָס וואָס די רבנים פון די פריערדיקע דורות האָט זיך ניט איינגעגעבן דורכצופירן: די ברייטע שיכטן פון פאָלק זאָלן לעבן לויטן פּרינציפּ פון „אל תשמחו אלי גיל כעמים" — האָבן איצט, נאָך די שרעקלעכע צרות און רדיפות, וואָס דער יידישער קיבוץ איז אויס־געשטאַנען, מיט גרויס דערפאָלג דערגרייכט די בעלי־קבלה פון אר"יס

חדר. אַחוץ די רעאַלע שונאים און פאַרפאָלגער האָט די איבערגעשראָ־קענע פאַנטאַזיע געשאַפן נאָך גאַנצע מחנות מלאכי־חבלה, משחיתים און מקטרגים, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן חלל פון דער וועלט.

דאָס האָט נאַטירלעך זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער יידישער מוסר־ליטעראַטור. דער יידישער לייענער פון פאָלק באַגנוגנט זיך שוין ניט מיטן „דייטש־חומש" אַליין, ער דאַרף אויך האָבן דעם „דייטש־זוהר", ווייל די גאולה קאָן ניט „געכר קומן בייארט דורך דעם זוהר, ווען מן דרינן לערנט איטליכר נאָך זיין השגה און פאַרשטאַנד"; דעם „מעשה בוך" שטופּט אַרויס ביסלעכווייז דער מיסטישער „אביר יעקב" און דער „מעשה ד'"... בעת די מוסר־ספרים פון די פריערדיקע דורות ניט בלויז דער „ספר מדות", נאָר אַפילו דער „לב טוב" האָבן גע־שטרעבט צו זיין וועגווייזער פאַרן פאָלק, לערנען עס, ווי מען דאַרף זיך פירן אין לעבן האָבן די נייע מוסר־ספרים, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן נאָך די גרויסע קאַטאַסטראָפעס, ווי צום ביישפּיל דער זייער פּאָפּולערער „קב הישר" — בלויז געפּלייסט זיך אָנצוּוואַרפן אַן אימה אויפן מענטש אים דערשרעקן, ער זאָל אָנטלויפן פונם זינדיקן לעבן, וואו עס לויערן אויף אים גאַנצע חיילות געפערלעכע שונאים און פאַר־פירער. און עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס צוזאַמען מיטן „קב הישר" האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם די באַלד נאָך אים דער־שינענע יידישע איבערזעצונג פון דעם העברעאישן „שבט מוסר". און די דאָזיקע צוויי מוסר־ספרים זיינען טאַקע ווי „מעור אחד", זיינען ביי־דע געשריבן אין איין און דעם זעלבן נוסח. און טאַקע דאָס, וואָס דער „קב הישר" פונם קיידאַנאָווער פּוילישן רב און דער „שבט מוסר", וואָס ס'האָט געשריבן דער דיין פון סמירנא, אליה בן אברהם הכהן, זיינען צוויי צווילינגס־ברידער און עס רוט אויף זיי איין און דער זעל־בער גייסט — באַווייזט אַמבולטסטן, ווי פאַלש עריקס „סכעמע" איז.

די אָפּשאַצונג פון יעדן מוסר־ספר באַזונדער, וואָס עריק גיט אין זיין ווערק, איז אין אַלגעמיין אַ גאַנץ ריכטיקע. בנוגע צום „ספר מדות" קומט דער פאַרפאַסער צו אַ גאַנץ ריכטיקן אויספיר, אַז דאָס ווערק איז תחילת געשריבן געוווען אין העברעאיש, און דער יידישער טעקסט איז אַ שפּעטערדיקע איבעראַרבעטונג *); מיר קאָנען אָבער דערפאַר כלל ניט מסכים זיין מיט דעם, וואָס עריק פּלייסט זיך צו דערווייזן די ריכטיקייט פון גידעמאַנס השערה, אַז דער פאַרפאַסער פונם העברעאישן „ספר מדות" איז דער פּראָגער רב ליפּמאַן מילהויזן, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין פּאָלעמיש ווערק „הנצחון". די דאָזיקע השערה איז אָבער באַשטימט פאַלש. עריק ווייזט אַליין אָן, אַז אין דעם „ספר מדות" באַמערקט זיך „אַ ניכטערנע באַציאונג צו דער וועלט פון זאַכן

און פּאַקטן״ (ז׳ 278); דער בעל „הנצחון״ איז אָבער געווען אַ מיסטיקער, ווי עס איז דייטלעך צו זען פון זיינע קבלה־ווערק „ספר אלפא בית״ און „ספר האשכול״, און אַ מוסר־ספר פון אַ מיסטיקער קאָן ניט האָבן קיין „ניכטערנע באַציאונג צו דער וועלט״ *). אַ שטיקל טעות האָט אויך מאַקס עריק, ווען ער שטרייכט אונטער ווי אַ ספּעציעלע „אייגנשאַפט פון זיין (דעם בעל „ספר מדות״) מעטאָד״ דאָס „אָפּעררירן מיט קאָנ־טראַסטן, ווייזן מיטן פּאָזיטיון גלייכצייטיק זיין נעגאַטיוו״ (ז׳ 277). דאָס „אָפּעררירן מיט קאָנטראַסטן״ איז אָבער כלל ניט קיין ספּעציעלע אייגנ־שאַפט פונם „ספר מדות״; גאַנץ אָפט באַגעגענען מיר עס אויך אין די העברעאישע מוסר־ספרים פונם מיטלאַלטער. ניט אינגאַנצן ריכטיק איז אויך דעם פאַרפאַסערס אָנווייזונג, אַז אלחנן קירכהאַן האָט פאַרפאַסט דעם ערשטן טייל פון זיין „שמחת הנפש״ אין „הויכן עלטער״ (ז׳ 302). עריק גופא ווייזט דאָך אָן מיט אייניקע שורות פריער, אַז קירכהאַן איז געשטאָרבן „אויף יעדן פאַל נאָך 1731״, און דער באַטרעפנדיקער טייל פון „שמחת הנפש״ איז דערשינען אין 1707.

פון די איבעריקע קאַפּיטלען אין דעם צווייטן בוך איז דאָס אינ־טערעסאַנטסטע דאָס דריטע: „די יידישע דערציילנדיקע דיכטונג אין זעכצנטן ביזן אַכצנטן יאָרהונדערט״. אייניקע ווערק וואָס ווערן באַ־האַנדלט אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, ווי למשל, „זיגמונט און מאַגדאַ־לענאַ״ (ז׳ 326 — 328), די נאָוועלן פונם „פּראַגער אַנאָנים״ (ז׳ 338—342), די „מעשה בריעה וזמרה״ (ז׳ 347—350) זיינען בכלל דורך עריקן צום ערשטן קריטיש אויסגעפאָרשט געוואָרן. צו אויבנאויפיק געפינען מיר בלויז עריקס אָפּשאַצונג פון עמנואל רומיס „מחבר התתופת והעדן״ (332). דער קולטור־היסטאָרישער באַטייט פון דעם דאָזיקן ווערק איז באַדייטנדיק גרעסער ווי עריק שטעלט זיך פאָר.

צו די לעצטע צוויי קאַפּיטלעך פון עריקס ווערק: „עלטערע יידישע היסטאָרישע שריפטן״ און „אַלט־יידישע מעמוארן״ וועלן מיר מאַכן בלויז אַ פּאָר באַמערקונגען. דער אַרויסגעבער פון וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן יצחק עקריש איז ניט געבוירן, ווי עריק מיינט, „אַרום 1530״ (ז׳ 378), נייערט אין די 80־קער יאָרן פון 15טן י״ה, וואָרעם עקריש גופא דערציילט, אַז ער האָט קינדווייז איבערגעלעבט דעם גרויסן „גירוש ספרד״. ניט גאַנץ קלאָר איז אויך, פאַרוואָס עריק האַלט פאַר נייטיק צו ברענגען אַ ציטאַט פון מנשה בן ישראלס „מקוה ישראל״ דווקא אין העברעאישן (ז׳ 381). דאָס ווערק האָט דאָך מנשה בן ישראל פאַרפאַסט אין שפּאַניש און די יידישע איבערזעצונג איז דערשינען מיט זיבן יאָר פריער (אין 1691) פאַר דער העברעאישער (אין 1698).

אין דעם לעצטן קאַפּיטל דערמאָנט עריק ניט צווישן די אַלט־יידישע מעמואַרן אברהם לעוויס גאַנץ וויכטיקע מעמואַרן, וואו יענער באַשרייבט זיין פינפיאָריקע רייזע (1719—1724). ניט ריכטיק איז אויך עריקס אויספיר בנוגע דעם תוספות יום־טובס „מגילת איכה״, אַז „מען קאָן ניט צווייפלען אין דער פּריאָריטעט פון דעם העברעאישן טעקסט; בלי ספק האָט דער תוספות יום־טוב זיין מגילה פאַרפאַסט צוערשט אין העברעאיש״ (ז׳ 417). עריק גופא ברענגט דאָך פּאַראַלעלע ציטאַטן פון דעם געדרוקטן העברעאישן טעקסט און פון דעם יידישן אָקספאָר־דער כתב־יד, וואָס זיינען דאָך סותר דעם דאָזיקן אויספיר. פאַקטיש האָט דער תוספות יום־טוב זיינע מעמואַרן געשריבן תחילת אין יידיש און ערשט שפּעטער זיי איבערגעזעצט אויף העברעאיש. דער מאַנו־סקריפּט פונם יידישן טעקסט האָט זיך געפונען אין די הענט פונם באַקאַנטן פּרעדיקער און געלערנטן א. יעלעניק *).

צום סוף ערלויבן מיר זיך אָנצואווייזן אויך אויף אייניקע סטיליס־טישע בלויזן. די שפּראַך איז ביי עריקן אַ לייכטע און אַ פליסיקע, דאָך באַגעגענען מיר ערטערווייז אַזוינע ניט געלונגענע אויסדרוקן, ווי למשל: „אויספולן דעם גרויסן בלויז, וואָס ליגט אויפגעפּראַלט צווישן אַ ריי וויכטיקע פאַקטן״ (ז׳ 1); „די אויסגעפינס פון דעם דרוק (ז׳ 12); „די צאינה וראינה צוזעצט זיך ערשט רעכט אין דעם יידישן לעבן״ (ז׳ 239); „אַ משומד איז ער געוואָרן צוליב דעם וואָס יידן האָבן אים פיינט געהאַט צוליב זיינע מעשים טובים (ז׳ 267).

---

*) עס פעלן אַלע הערות צו דעם אַרטיקל.

ד״ר מאקס וויינרייך: בילדער פון דער יידישער ליטעראטור־געשיכטע

ד״ר מאַקס וויינרייך. בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע. פאַרלאַג „טאַמאַר״ פון יוסף קאַמערמאַכער, ווילנע 1928, 370 זז'.

ד״ר מ. וויינרייך פאַרמעסט זיך ניט צו געבן אַ „געבונדענע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור״, ווייל ער שטייט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז „לעת עתה האַלטן מיר נאָך ביים צונויפטראָגן די ציגל״ און די צייט פון „סינטעטישע כוללדיקע ווערק איז נאָך נישט געקומען״. גיט ער דערווייל בלויז עטיודן, באַריכטן וועגן אַלט־יידישע ווערק און אַלט־יידישע שרייבער. דערפאַר אָבער שטרייכט מיט פולן רעכט דער פאַרפאַסער אין זיין פאָררעדע אונטער, אַז אין די דאָזיקע באַריכטן איז „נישטאָ כמעט גאָרנישט, וואָס זאָל זיין געגעבן לויט ידיעות פון דער צווייטער האַנט״. אַלץ וואָס וויינרייך ברענגט אין זיינע „בילדער״, גיט ער עס אויפן יסוד פון די ערשטע מקורים. „דאָס מזל, — דערציילט וויינרייך אין דער הקדמה, — האָט מיר געדינט און איך האָב אין משך פון די יאָרן געהאַט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן (וואו לענגער, וואו קירצער) כמעט אין אַלע יידישע ביבליאָטעקן פון אייראָפּע.״ די זעכצן עטיודן, וואָס גייען אַריין אין וויינרייכס ווערק, נעמען פאַקטיש אַרום די גאַנצע אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. פאָלגן איינער נאָכן אַנדערן לויטן כראָנאָלאָגישן סדר, און דער פאַרפאַסער איז פולקום גערעכט בעת ער זאָגט אַרויס זיין האָפענונג, אַז „דער לייענער וועט באַקומען פון זיי (עטיודן) אַ פאָרשטעלונג וועגן דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג פון אונדזער ליטעראַטור״. גיבן די ערשטע צוויי באַריכטן אַן „איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער יידישער שפּראַך״ און איבער „יידישע ביכער־זאַמלונגען און ביכער־באַשרייבער״, באַקאַנט דער פאַרפאַסער אין די ווייטערדיקע מיט „אונדזער עלטסטע ליטעראַטור״. מיט די „גלאָסעס און גלאָסאַרן״, מיט דער שפּילמאַן־ליטעראַטור

(דאָס „שמואל־בוך" און פיל אַנדערע), מיט אליה בחורס „בבא־בוך" און „פּאַריז און וויענע", דערציילט אונדז וועגן „די אוצרות אין פּאַרמאַ" (עטיוד זעקס) און „וואָס קעמברידזש פאַרמאָגט" (עטיוד זיבן); און פאַרענדיקט מיט דריי באַריכטן וועגן שלמה עטינגער, אייזיק־מאיר דיק און „מענדעלעס אָנהויב".

ווײַנרײַך מאַכט ניט קיין געוואָגטע השערות, ער איז אויסערסט פּאַרזיכטיק אין זיינע אויספירן, און דאָס פאַרמערט נאָך מער דעם ווערט פון דעם שלל זייער וויכטיקע ידיעות וועגן דער אַלט־יידישער ליטעראַטור, וועלכע ער גיט אונדז, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, דירעקט פון די ערשטע קוועלן. די פון ווײַנרײַכן „צונויפגעזאַמלטע ציגל" זיינען פון בעסטע קוואַליטעט און וועלן דינען אַלס זיכערסטער מאַטעריאַל פאַר דעם פעסטן בנין פון אונדזער ליטעראַטור־געשיכטע.

איך וועל מיר דאָך דערלויבן מאַכן אייניקע באַמערקונגען צו ווײַנרײַכס גרינטלעכן ווערק. אַלס דעם עלטסטן ד א ט י ר ט ן יידישן מאַנוסקריפּט רעכנט ווײַנרײַך די תהלים־איבערזעצונג פון 1490, וואָס געפינט זיך אין בערלינער ביבליאָטעק. איך רעכן, אַז מען דאַרף דאָ דאָך ניט לאָזן אויסער אַכט דעם התחייבות־בריוו (אורפעהדע), וועלכן די פראַנקפורטער רבנים האָבן אַרויסגעגעבן דער רעגירונג דעם 9־טן מערץ 1372 גלייך נאָך דעם ווי מען האָט אַרויסגעלאָזט פון תפיסה דעם באַרימטן רב ר' מאיר בן ברוך הלוי (דעם בריוו האָט פאַרעפנטלעכט א. פריימאַן אין צייטשריפט פ. העבר. ביבל. 1907, 111—107). אמת, דער דאָזיקער בריוו, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „איך, מאיר פון ערפורט, יוד" איז ניט קיין ליטעראַרישער דענקמאָל, נאָר אָן אָפיציעלער דייטשער דאָקומענט טראַנסקריבירט מיט יידישע אותיות, ער איז אָבער פון באַדייטנדיקן ווערט פאַר דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון יידישן אויסלייג. אויף ז. 190 זאָגט ד"ר ווײַנרײַך אַרויס אַ גאַנץ ריכטיקע השערה, אַז אליה לעוויטאַס בבא־בוך פלעגט געזונגען ווערן מיט אַ ספּעציעלן ניגון, און אַלס ראיה ברענגט ער פאָלגנדיקע שורה פון דער אַרטוס־באַאַרבע־טונג אין „אַכט־געזעץ": „דען ניגון פון בבא־בוך טרעפט זיך דרויף גאר עבן". ד"ר ווײַנרײַך וואָלט אָבער געקאָנט ברענגען אַ פיל זיכערן עדות — אליה לעוויטאַס „בבא־בוך" גופא. ווי עס טיילן מיט מ. שטיינשניידער (מאַנאַטסשריפט, 1898, 422) און כריסטיאַן דוד גינצבורג (אין זיין לעוויטאַס־ביאָגראַפיע צו דער ענגלישער איבערזעצונג פון „מסורת המסורה" 1867), געפינט זיך אין דער פאַררעדע צו דער

ערשטער אויסגאַבע פון „בבא בוך“ פאָלגנדיקע סטראָפע (מיר ציטירן מיט מאָדערניזירטן אויסלייג):

אבר דער ניגון דער דרויף ווירד גיין
דן קאן איך ניט געבן צו פרשטיין,
דען איינר קענט מוזיגאַ אָדר סולפה (סאָלפעדזשיאַן)
זי וואָלט איך אים האבן געאָלפאַ
אבר איך זינג עש מיט אינעם וולשן גזאנג,
קאן ער דרויף מאכן אין בעסערן, זו האב ער דאנק.

עס איז דרויס קלאָר, אַז לעוויטאַס „בבא־בוך“ פלעגט געזונגען ווערן מיט דעם זעלבן „וועלשן“ ניגון, מיט וועלכן מען פלעגט זינגען די איטאַליענישע אָטאַווע־רימאַ־פּאָעמעס.

מיר קאָנען אָבער נישט מסכים זיין מיט ווײַנרײַכס אַ צווייטער השערה (ז. 51), אַז אין טיפן מיטלאַלטער האָט שוין ביי יידן עקזיסטירט אַ פאַרווײַלונגס־ליטעראַטור געשריבן אויף יידיש; און דאָס דרינגט ער דערפון, וואָס אין „ספר חסידים“ ווערט געוואָרנט, אַז מ׳זאָל ניט צודעקן די הייליקע ספרים מיט פאַרמעט־בלעטער „הכתובים בהם רומנץ“. ווײַנרײַך, שטיצנדיק זיך אויף ל. לאַנדוי, רעכנט, אַז דער „ספר חסידים“ מיינט דאָ בלעטער, „אויף וועלכע ס׳זיינען געשריבן ראָמאַנען“. איך בין אָבער אין דעם שטאַרק מסופק. דאָ איז גי־כער צו גלייבן, אַז אונטער „רומנץ“ זיינען גאָר געמיינט ראָמאַנסן, זינג־לידער. און עס איז נאָך כלל נישט געדרונגען, אַז דאָ מיינט מען בלעטער, וואָס זיינען געשריבן דווקא מיט יידישע אותיות, ניט אויף דייטש אָדער פראַנצייזיש.

דאָ מוזן מיר מאַכן אַ באַמערקונג פון מער אַלגעמיינעם כאַ־ראַקטער. עס איז קיין שום ספק ניט, אַז בנוגע צו דער וועלטלעכער דערציילערישער אַלט־יידישער ליטעראַטור מוז קודם־כל באַטאָנט ווערן די גרויסע השפעה, וואָס ס׳האָבן אויף איר געהאַט די אייראָפּע־אישע ריטער־ראָמאַנען און שפּילמאַן־שאַפונג. מען מוז אָבער דאָך דערביי נעמען אין באַטראַכט אויך די השפעה פון די העברעאישע מוסטערן. ד״ר ווײַנרײַך פאַרגעסט אין דעם, ליידער, צייטנווייז, ווערט ער טאַקע דעמאָלט נכשל מיט ניט־ריכטיקע אויספירן. אין זיין זייער גרינטלעכן באַריכט וועגן דעם „שמואל בוך“, למשל, שטעלט זיך מ. ווײַנרײַך אָפּ אויף דעם אינטערעסאַנטן מאָמענט, ווי אַזוי דער דיכ־טער, וואָס האָט געלעבט „אין אַ צייט, ווען יידן זיינען שוין ווייט געווען פון פירן מלחמות“, האָט זיך פאַרהאַלטן צו דער גרויסער צאָל

שלאַכטן, באַלאַגערונגען און ראַבירונגען, וואָס ער האָט געפונען אין זיין ביבלישן „אפיר“. אין דעם, וואָס אינם „שמואל־בוך“ ווערן די „קריגערישע עפּיזאָדן פון תנ"ך אויסגעברייטערט“, זעט ווײַנרײַך — און ער חזרט דאָס מערערע מאָל איבער (ז. 96, 101, 103) — דעם אייראָפּעאישן ניט־יידישן איינפלוס „פון די דייטשע העלדן־לידער, און דערעיקרשט פון דעם גרעסטן דייטשן עפּאָס: פון ני־בעלונגען־ליד“. מיר רעכענען אָבער, אַז קיין יידישער ליטעראַטור־היסטאָריקער טאָר דערביי ניט פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז דער „שמואל־בוך“־דיכטער האָט אויך געהאָט פאַר זיך צוויי קלאַסישע מוסטער־עפּאָסן פון דער העברעאישער מיטלאַלטערלעכער ליטעראַטור — דעם „יוסיפין“ און דעם „ספר הישר“, וואָס זיינען דאָך פול און פול מיט העלדישע מעשים, בלוט־פאַרגיסן, „שלאַכטן און באַלאַגע־רונגען“... עס איז אויך קלאָר, אַז בכדי געהעריק אָפּצושאַצן דעם ליטע־ראַרישן ווערט פון דער „שירה פון יצחק“, וואָס האָט געמאַכט אויף מ. ווײַנרײַכן אַזאַ גרויסן איינדרוק (ז. 134), מוז די דערציילונג פאַר־גליכן ווערן מיט די העברעאישע קוועלן, קודם־כל מיטן „ילקוט שמעוני“ און דעם „ספר הישר“.

מהאי טעמא רעכן איך, אַז מ. ווײַנרײַך האָט צו איבערגעשאַצט דעם באַדייט פון דעם ביכעלע אַ „מעשה פון אַ רוח אין קאָרעץ“ (ז. 61—254). אַזוינע מעשיות וועגן אַ „דיבוק“, וואָס איז אַריין אין אַ פרוי, זיינען דאָ גאַנץ פיל אין דער העברעאישער עלטערער מוסר־ליטעראַטור. אפילו דער ספרדי גדליה אבן יחיא דערציילט אויך אין זיין „שלשלת הקבלה“, ווי ער גופא האָט גערעדט מיט אַ „דיבוק“, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אַ יונגער פרוי און עס איז אים נישט מעגלעך געווען אַרויסצוטרייבן.

אין דעם נישט־געהעריקן אָפּשאַצן די השפעה פון די העברעאישע מקורים אויף די אַלט־יידישע ליטעראַרישע דענקמעלער — ווערט אָבער נכשל ניט נאָר איין ד"ר ווײַנרײַך. דאָס איז ליידער ניט שווער צו באַמערקן אויך ביי אַנדערע יידיש־פאָרשער.

שולמאַנס ווערק און זיין רעדאַקטאָר*)

ווי יעדער מענטש, אַזוי האָט אויך יעדעס בוך זיין מזל, און אלעזר שולמאַנס בוך האָט נעבעך אַ זייער ביטער מזל. צענדליקער יאָרן האָט שולמאַן איבער זיין ווערק מיט גרויס פלייס און ליבע געאַרבעט; דאָס דאָזיקע ווערק איז געוואָרן דער הויפּטציל פון זיין לעבן, אים האָט ער אָפּגעגעבן זיינע בעסטע כוחות. ביז ער האָט ענדלעך אינם יאָר 1903 (שוין דעמאָלט געפערלעך קראַנק) איבער־געשיקט זיין מאַנוסקריפּט אין דער רעדאַקציע פון דער פּעטערבורגער צייטונג „הזמן"; און טאַקע אין דעמזעלבן יאָר האָט שולמאַנס געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור אָנגעהויבן זיך צו דרוקן אין דעם דריי־מאָנאַט זשורנאַל, וואָס האָט דערשיינט אַלס ביילאַגע צו דער דאָזיקער צייטונג. דער זשורנאַל האָט אָבער ניט געהאַט קיין לאַנגע יאָרן, און נאָך אין מיטן יאָר אויפגעהערט אַרויסצוגיין. באַלד נאָך דעם איז אויך שולמאַן געשטאָרבן, און זיין ווערק האָט נעבעך אָנגעהויבן ליידן גלגול מחילות. צען גאַנצע יאָר האָט דאָס פאַר־יתומטע ווערק געדולדיק געוואַרט אויף תיקון; און ענדלעך האָבן זיך אין פאַריקן יאָר אַלע פריינד פון דער יידישער ליטעראַטור מיט פרייד דערוואוסט, אַז שולמאַנס בוך וועט באַלד מיט מזל די וועלט דערזען. מאָדנע איבעררעאַשט האָט אָבער אַלע די ידיעה, אַז שולמאַנס בוך דערשיינט אונטער דער רעדאַקציע פון — י. ח. טביוב!...

דאָס פאַרשטייט דאָך אַפילו יעדער עם־הארץ, אַז כדי צו רע־דאַקטירן אַ וויסנשאַפטלעך בוך פון אַ וואָסער ס'איז בראַנזשע, מוז מען קודם כל זיין אַ מומחה אין דעם דאָזיקן פאַך. דאָס פאַרשטייט מען אומעטום — אָבער ניט ביי אונדז, יידן, בפרט בנוגע צו יידיש. ווארים אַז געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור געהערט אויך צו קולטור־וויסנשאַפט — דאָס איז אַ דבר חדש ניט נאָר פאַר יוסטע בעלי בתים,

---

*) אלעזר שולמאַן, שפת יהודית אשכנזית וספרותה מקץ המאה הט"ו עד קץ שנות המאה הי"ה, יצא לאור בהשגחת י"ט, טביוב, ריגא, תרע"ג.

נאָר אויך פאַר אַ סך פון אונדזערע למדנים. און טאַקע דערפאַר איז ביי אונדז מעגלעך, אַז רעדאַקטירן אַ בוך וועגן דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור זאָל מען אָנפאַרטרויען אַ שריפטשטעלער, וואָס אים איז ניט נאָר די דאָזיקע ליטעראַטור לחלוטין פרעמד, נאָר וואָס האָט נאָך געפונען פאַר נייטיק זיך צו באַרימען בכל עם ועדה, אַז ער האָט אין זיין לעבן קיין מאָל ניט „באַשמוצט" זיין פעדער אין „זשאַרגאָן". ה' טביוב האַלט פשוט פאַר „לא מן הנמוס", אַז יידן וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, זאָלן גאָר ריידן עפּעס אויף „אַ דייטשן דיאַלעקט"; מילא, דאָס איז זיין מיינונג, און קיינער קאָן צו אים גאָרניט האָבן — אָבער מאַכן אַזאַ פאַרביסענעם קעגנער פון יידיש פאַר אַן אַפּוטרופּוס איבער שולמאַנס ירושה, דאָס איז דאָך ממש, ווי די דייטשן זאָגן, אַ „לייכען־שענדונג"!

און ה' טביוב האָט טאַקע באַוויזן, וואָס ער קאָן! קודם כל די הקדמה, מיט וועלכער ער האָט געפונען פאַר נייטיק צו באַצירן שולמאַנס ווערק. שולמאַן פאַרנעמט אַ גאַנץ באַזונדערן אָרט צווישן די פאָרשער, וואָס האָבן שטודירט די יידישע ליטעראַטור. נעמט, למשל, איינעם פון די באַקאַנטסטע צווישן זיי — משה שטיינשניידער. ער האָט זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, אָבער דער עיקר אַלס ביבליאָפיל, אַלס אַלטערטומס־פאָרשער. ניט דערפאַר וואָס דאָס בוך איז אַ יידיש בוך, נאָר דערפאַר, וואָס עס איז אַן אַלט בוך, האָט עס זוכה געווען צוצוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דעם דאָזיקן געלערנטן. צו יידיש גופא האָט ער זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס שנאה און האָט אַליין אונטערגעשטראָכן אין זיין ווערק „פורים אונד פאַראַדיע", אַז „זאַרגאָן איסט פיר מיך עטוואָס ווידערליכעס". אין דער נייערער יידישער ליטעראַטור איז שטיינשניידער דערפאַר געווען אַ פולשטענדיקער עם־הארץ, און עס איז זיך כלל נישטאָ וואָס צו חידושן, אַז אין זיין בוך „געשיכטע־ליטעראַטור דער יודען" ווערט צווישן געשיכטלעך־געאָגראַפישע ווערק גערעכנט אויך — „מסעות בנימין השלישי" פון אונדזער ליבן מענדעלין.

אלעזר שולמאַן אָבער האָט זיך פאַרהאַלטן מיט גרויס ליבשאַפט און וואַרימקייט צו דער יידישער פאָלק־ליטעראַטור; ער האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן איר נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַדייטונג, און האָט זיך זייער אָפּט מתרעם געווען אויף די משכילים פונם אַלטן שניט פאַר זייער שנאה און פאַראַכטונג צו דער פאָלקס־שפּראַך. קומט איצט ה' טביוב און האַלט פאַר פאַסיק אין אַ פאָררעדע צום פאַרשטאָרבענעם

שולמאַנס ווערק גופא דערקלערן אַ קאַמף קעגן די יידישיסטן רחמנא לצלן; אַלס אַפּורטופּוס פון שולמאַנס ירושה פלייסט ער זיך צו באַ־ווייזן, אַז דער „זשאַרגאָן״ איז פרעמד דעם יידישן פאָלק, און „זאָגט גאָרניט אונדזער נאַציאָנאַלער נשמה״, און אַז די, וואָס רעכענען דעם „זשאַרגאָן״ פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, באַליידיקן זיי גראָב און מגושם (מעליכים עלבון גם) אונדזער נאַציאָנאַל־געפיל״. און ה׳ טביוב אונטערשטייט זיך נאָך אין דערזעלבער פאָררעדע צו דער־קלערן, אַז דער פאַרשטאָרבענער שולמאַן איז אים זייער ליב געווען... האַלטן מיר נאָך טאַקע אַזוי ווייט, אַז מען מוז דערקלערן אַן אַלטן העברעאישן שריפטשטעלער, וואָס הייסט דרך ארץ, טאַקט און נימוס ?....

נאָר מילא, מיט דער פאָררעדע קאָן מען זיך נאָך ווי עס איז אַן עצה געבן. יעדער לייענער וועט אויס רעספּעקט צום פאַרשטאָרבענעם שולמאַנען פּשוט אויסרייסן דאָס בלעטל מיט ה׳ טביוב׳ס אומגע־לומפּערטער און טאַקטלאָזער הקדמה, פּונקט ווי מען ווישט אָפּ שפּינוועבס, וואָס האָט צופעליק באַדעקט אַ נוצלעכע כלי. די כלי גופא, אָבער, שולמאַנס ווערק, האָט אָבער ליידער אויך ניט ווייניק געליטן דערפון, וואָס זי האָט געהאַט ה׳ טביוב׳ן פאַר אַ רעדאַקטאָר. ה׳ טביוב דערציילט אין זיין פאָררעדע, אַז שולמאַנס ווערק איז גע־בליבן אין עטלעכע פאַרשיידענע וואַריאַנטן, און פאַרגלייכנדיק זיי איינעם מיטן אַנדערן, האָט ער פעסטגעשטעלט דעם ריכטיקן נוסח. בכדי צו דערפילן אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, ווי געהעריק איז, מוז מען קודם כל זיין אַ מומחה אין דעם פאַך, און דאָס איז דאָך ה׳ טביוב לכל הדעות ניט...

קודם כל זיינען אין שולמאַנס ווערק אַרויס בשן ועין די דאַטן פון די ביכער. אין אַזאַ ווערק, אָבער, וואָס האָט צו טאָן מיט אַזאַ ווייניק באַקאַנטער און אויסגעפאָרשטער ליטעראַטור, ווי די אַלטע יידישע, איז דווקא דער פּרט פון גרויסער וויכטיקייט. איך וועל מיר דערלויבן ברענגען אַ פּאָרביישפּילן. די ערשטע פיר בויגן פון שול־מאַנס ווערק זיינען שוין געדרוקט געווען אינם „הזמן״, און דווקא מיט אַ זייער שלעכטער קאָרעקטור, און פיל דאַטן זיינען אַרויס מיט גרייזן. אויף אייניקע פון זיי האָט מען שוין אַפילו אָנגעוויזן אין דער ליטעראַטור. צום ביישפּיל, אויף זייט פופצן ווערט דערמאָנט אַ יידישע איבערזעצונג פון ספר מלכים. דאָס יאָר, ווען די דאָזיקע איבערזעצונג איז דערשינען, איז אינם „הזמן״ אָנגעגעבן על פּי טעות הבחור הזעצער 1594. אַז די דאַטע איז אַ פאַלשע, איז זייער לייכט צו זען,

וואָרום עס שטייט טאַקע דערביי: „געדרוקט אים יאָר דאַש מן צילט דריי הונדערט אונ׳ דריי אונ׳ווירציג (אַלזאָ 1583) אונטער דעם גיוועלטיגן קיניג שטעפל יר״ה. און דער „גיוועלטיגר קיניג שטעפל״, ד. ה. דער באַוואוסטער סטעפאַן באַטאָרי, האָט דאָך גע־קיניגט ביז דעם יאָר 1586. ה׳ טביוב האָט אָבער איבערגעדרוקט מיט דעם אייגענעם גרייז, און אויך אין דער נייער אויסגאַבע איז אָנגע־געבן די דאַטע 1594.

איינער גרשון הלוי איידלש מפראג האָט אָנגעשריבן אַ ווערק „גלילות הארץ, או קירצי בשרייבונג פון ארץ ישראל״; דער דאָזיקער ספר איז דערשינען אינם יאָר 1635, און אין אַ יאָר אַרום איז דאָס אויפֿן באַפעל פון די קאַטוילישע גייסטלעכע פאַרברענט געוואָרן. ערשט אין אַ יאָר עטלעכע און פופציק אַרום (1691) האָט מען דאָס ווערק נאָך אַ מאָל אָפּגעדרוקט. עס איז נאַטירלעך קיין שום ספק ניט, אַז שולמאַן האָט זייער גוט געוואוסט, ווען גרשון הלוי׳ס בוך איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געווען. אונטער ה׳ טביובס רעדאַקציע איז אָבער אָנגעוויזן, אַז „גלילות הארץ״ איז צום ערשטן מאָל דערשינען אינם יאָר 1691. און ה׳ טבויובן איז כלל ניט קשה געווען, וואָס טאַקע דערביי איז אָנגעוויזן, אַז אויף דעם דאָזיקן ספר האָט געגעבן אַ הסכמה דער באַוואוסטער רב ר׳ יואל סירקיש (בעל הב״ח). ה׳ טביוב איז דאָך אַ ייד פון לערנען, — שוין זשע איז אים אומבאַקאַנט, אַז דער דאָזיקער רב איז געשטאָרבן אַכט יאָר פאַר גזירות ת״ח, אַלזאָ העכער פופציק יאָר פאַר 1691? אַזוינע ניט־ריכטיקע דאַטן זיינען שוין צו בולט, מ׳טאַפּט זיי ממש אָן מיט די הענט. און אויב אַפילו זיי האָט דער רעדאַקטאָר ניט באַמערקט, מוז מען קומען צום טרויעריקן שלוס, אַז אין דעם וויכטיקן פּרט, בנוגע צו דאַטן, קאָן מען זיך אויף שול־מאַנס ווערק אונטער טבויובס רעדאַקציע ניט פאַרלאָזן.

שולמאַנס ווערק האָט אוודאי פאַרדינט, עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן מיט מער אויפמערקזאַמקייט, מיט מער זאַכקענטעניש, און מיט מער ליבע. נאָר ווי ניט ווי, אַפילו אין אַ ניט־געלונגענער רעדאַקציע — שולמאַנס בוך, אויף וועלכן עס האָבן אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט אַלע פריינד פון דער יידישער ליטעראַטור, איז דאָך ענדלעך דערשינען, און יעדער קאָן איצט מער אָדער ווייניקער אָפּשאַצן דעם ווערט פון שולמאַנס ירושה. און איר ווערט איז לכל הדעות זייער באַדייטנט, ווער עס וייס, ווי ווייניק אויסגעפאָרשט ס׳איז נאָך די אַלטע יידישע ליטעראַטור; ווער עס האָט אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ שוועריקייטן עס שטייט פאַר, כדי זיך צו באַקענען מיט די אַלטע יידישע ווערק, ווי די

איינציקע זעלטענע עקזעמפּליאַרן, וואָס זיינען פון זיי צופעליק פאַר־בליבן, זיינען צעזייט אויף שבעה ימים — דער פאַרשטייט, וואָס פאַר אַ ריזן־אַרבעט שולמאַן האָט געמוזט דורכמאַכן ביים קלייבן מאַטעריאַל פאַר זיין בוך. שולמאַן האָט זיך ניט פאַרלאָזן אויף אַנדערע. יעדן ספר, וואָס ער האָט דערמאָנט, האָט ער געמוזט זען מיט זיינע אייגענע אויגן, און ווען דער באַטרעפנדער ספר איז נאָך אַלע מי דאָך ניט געווען צו באַקומען, האָט ער אין פאַרשיידענע אייראָפּעאישע ביבליאָטעקן, וואו עס געפינען זיך זעלטענע עקזעמפּליאַרן פון אַלטע יידישע ספרים און כתבי יד, באַשטעלט ספּעציעלע אָפּשריפטן. אָט אויף אַזאַ אופן האָט שולמאַן פּאַמעלעך אין משך פון צענדליקער יאָרן געקליבן דעם נייטיקן מאַטעריאַל פאַר זיין ווערק, געמאַכט אויסצוגן פון הונדערטער זעלטענע ספרים און מאַנוסקריפּטן, קריטיש אונטער־זוכט אַלץ, וואָס וועגן די דאָזיקע ספרים איז ביז אים געשריבן געוואָרן.

דעם צונויפגעקליבענעם מאַטעריאַל האָט שולמאַן איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילונגען. די ערשטע צוויי פאַרנעמען זיך מיט איבערזע־צונגען פון רעליגיעזע ספרים (כתבי הקדש, תפלות, מדרשים וכדומה), די דריטע — מיט מוסר־ספרים, די פערטע — מיט ספרי תנ״ך, מיט ספרים מיט געשיכטלעכן אינהאַלט, בריוושטעלער וכדומה; די פינפטע — מיט ספרי משלים, ספורי־מעשיות, פּיעסעס, פאָלקס־לידער, ספרי־רפואות, פּאָלעמישע ווערק אאַז״וו. פון יעדן אַלטן און בפרט זעלטענעם ספר ווערט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק, און עס ווערן אויך געבראַכט — און דאָס איז באַזונדערס וויכטיק — גרעסערע ציטאַטן. אין יעדער שורה, אין יעדער באַמערקונג פילט זיך דער גרויסער בקי, דער פאַך־קענער. שולמאַנס ספר איז בלי ספק איינס פון די וויכטיקסטע, ווען ניט דאָס איינציקע וויכטיקע בוך פאַר די, וואָס ווילן זיך באַקענען מיט דער אַלטער יידישער ליטעראַ־טור פונעם 16־טן ביזן 19־טן יאָרהונדערט, און באַקומען אַ באַגריף פון איר קולטורעלן ווערט.

ליידער איז אָבער דאָס דאָזיקע בוך אויך ניט פריי פון חסרונות, ריכטיקער געזאָגט — פון איין גרויסן חסרון. וואָרום שולמאַן האָט געליטן פון דעמזעלביקן חסרון, וועלכער איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר פיל יידישע געלערנטע־אַוטאָדידאַקטן פונעם אַלטן שניט, ווי למשה אליעזר צווייפל וכדומה. אין געוויסע בראַנזשען האָבן זיי פאַר־מאָגט גרויסע בקיאות, זיי זיינען אויך געווען באַגאַבט מיט חריפישע מוחות. איין זאַך האָט זיי אָבער געפעלט — אַרכיטעקטאָניק, ד. ה.

בוי־קונסט. זיי זיינען געווען גרויסע בריה׳ס אויף צו קלייבן ריזיקן מאַטעריאַל פאַר אַ וויסנשאַפטלעך ווערק, האָבן אָבער ניט געהאַט די נייטיקע פעאיקייטן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל ווי געהעריק אויסצונוצן און אויפבויען פון אים אַ גאַנצן האַרמאָנישן בנין. זיי זיינען פשוט ניט געווען אימשטאַנד דעם צונויפגעקליבענעם מאַטעריאַל צו באַ־וועלטיקן, און אַזאַ ספר, ווי, למשל, צווייפלס „שלום על ישראל״, איז אייגנטלעך ניט קיין וויסנשאַפטלעך ווערק, נאָר אַ גאַנצער אוצר פון זייער נוצלעכע מראי מקומות, פון ציטאַטן, פון ניט־באַאַרבעטן בוי־מאַטעריאַל.

אָט דער גרויסער חסרון פילט זיך אין געוויסער מאָס אויך אין שולמאַנ׳ס ווערק. דער מאַטעריאַל, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל ליבע און זאַך־קענטעניש צונויפגעקליבן, וואָלט געוויס געווען די והותר, בכדי פון אים ניט נאָר אויפצובויען אַן אויספירלעכע געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך צו געבן אַ לעבעדיק בילד פונם יידישן קולטור־לעבן פאַר די גאַנצע דריי הונדערט יאָר. שולמאַן האָט דאָס, אָבער, ליידער, אונדז ניט געגעבן. און אנשטאט אַ גאַנצן בנין האָט ער אונדז געגעבן בלויז בוי־מאַטעריאַל. אָבער דער בוי־מאַטעריאַל איז פעסט און מאַסיוו, און ווי שוואַך עס זיינען ניט שולמאַנס אַרכיטעקטאָנישע פעאיקייטן, וועט ער דאָך פאַרנעמען איינע פון די בכבודיקסטע ערטער צווישן די פאָרשער פון אונדזער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

איין יובל — צוויי דורות

פופציק יאָר זיינען פאַרגאַנגען זינט דער אַלטער חיים זעליג סלאָנימסקי האָט אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן נומער פון דער העברעאי־שער צייטונג „הצפירה", וועלכע איז אַזוי ענג פאַרקניפּט מיט דער געשיכטע פון דער יידישער אויפקלערונג אין רוסלאַנד.

„תכלית כונת הצפירה" — „דער הויפּט־צוועק פון ,הצפירה'", — האָט סלאָנימסקי מכריז ומודיע געווען אינם פּראָספּעקט, וואָס ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט אין יאַנואַר 1862, — „איז צו פאַרשפּרייטן דאָס ליכטיקייט פון די נייטיקע חכמות, צו באַווייזן זייער שיינקייט און נוצלעכקייט".

דער פשט פון „נייטיקע חכמות" איז ביי סלאָנימסקין געווען: מאַטעמאַטיק און חכמת הטבע (נאַטור וויסנשאַפט), וואָס מען האָט דאַך דעמאָלט, אין די 60־קער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, געהאַלטן פאַרן זיכערסטן גרונד־שטיין, אויף וועלכן מען קאָן בויען דעם בנין פון מענטשלעכע אויפקלערונג און בילדונג.

אַן אינטערעסאַנטע, אייגנאַרטיקע פיגור איז געווען דער אַלטער סלאָנימסקי. אָן עמיצנס הילף, נאָר אַ דאַנק זיינע אויסערגעוויינטלעכע פעאיקייטן האָט ער, אַ פשוטער ישיבה־בחור, זיך דערוואָרבן אַזוינע גרויסע וויסנשאַפטלעכע קענטעניש, וואָס האָבן געבראַכט אין באַ־וואונדערונג אַזאַ וועלט־באַרימטן געלערנטן ווי אַלעקסאַנדער הומ־באָלדט. פאַר אייניקע פון זיינע דערפינדונגען האָבן סלאָנימסקין פאַר־שיידענע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן באַשאָנקען מיט פּרעמיעס און פּריווילעגיעס; ניט דערין אָבער ליגט די הויפּט־באַדייטונג פון סלאָנימסקין. ניט אַלס דערפינדער, נאָר אַלס טאַלאַנטפולער פּאָפּולאַ־ריזאַטאָר, אַלס טרעגער פון בילדונג און ליכט איז זיין נאָמען אַריינ־געטראָגן אין דער געשיכטע פון דער יידישער אויפקלערונג. זיינע גרויסע קענטענישן האָט סלאָנימסקי, קודם כל, אויסגענוצט צו פאַר־שפּרייטן נוצלעכע ידיעות צווישן דעם יידישן אַלטמאָדישן עולם, וואָס האָט כל ימיו פאַרבראַכט באהלה של תורה, און אין מאָדערנע

וויסנשאַפטן געהאַט זייער אַ קנאַפּן באַגריף. ער האָט זיך כלל ניט געוואָלט באַגנוגענען מיט דעם, וואָס פֿאַר זיינע אויגן זיינען אַנט־פּלעקט געוואָרן די סודות פון די ווייטע הימלען מיט זייערע אומ־ענדלעכע וועלטן און פּלאַנעטן. ער האָט אויך געשטרעבט, אַז דאָס ליכט פון די אַלע אַנטפּלעקטע פרעמדע וועלטן זאָל באַשיינען דעם היימישן יידישן תחום, אַז העל און ליכטיק זאָל ווערן אין אַלע ווינ־קעלעך פונם אַלטן אידישן בית המדרש. און סלאָנימסקי איז כמעט דער איינציקער צווישן די אַלטע משכילים, וואָס איז געווען שטאַרק אָנגענומען ביי אַלע שיכטן פונם יידישן פובליקום. ער איינער האָט פאַרשטאַנען דעם סוד, ווי אַזוי איבערצואוואַרפן אַ בריק פונם אַלטן צום נייעם; אין דער בריק האָבן אַלע געטרויט, — אַזוי זיכער, אַזוי פיין איז זי געווען באַאַרבעט... אַפילו די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך גאָר ניט געקאָנט פאַר׳חידוש׳ן, ווי קונציק סלאָנימסקי האָט אויסגערעכנט „על פי חכמות השיעור" (לויט דער מאַטעמאַטיק, הייסט עס) די „יסודי העבור", ווי ער האָט אַזוי פשוט, אַזוי פאַר־שטענדלעך מסביר געווען זיי, די למדנים, די וואויל־לערנער, — פון וואַנען עס נעמען זיך די „כוכבא דשביט" (קאמעטן, בלע״ז), זיי באַ־קאַנט געמאַכט מיט די „תולדות השמים", מיט דער אַנטוויקלונג און דער באַוועגונג פון די פּלאַנעטן. און סלאָנימסקי האָט מייסטערהאַפט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי דעם אמת־וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט איינצוהילן אין אַזאַ ריין־יידישער פאָרם, דאָס עס איז גאָר ניט געווען צו דער־קענען, אַז דאָס איז עפּעס נייעס, פרעמדס, און ניט אַ פשוטער המשך פון דעם, וואָס שטייט אין די אַלטע הייליקע ספרים...

און בעת די אָרטאָדאָקסן האָבן געקוקט אויף אַנדערע משכילים, ווי אויף צערשטערער, ווי אויף „מרשיעי ברית", איז סלאָנימסקי געווען — זייער סלאָנימסקי, דער פשטן, דער מסביר. סלאָנימסקי האָט קיין מלחמה ניט געפירט מיט די „מורדי אור" (מיט די ווידער־שפעניקער פון ליכט, די אָרטאָדאָקסן, הייסט עס), ניט געהאַלטן שטראָפרייד, און ניט געלויבט אין טאָג אַריין די „געטלעכע טאָכטער" השכלה, נאָר ער האָט די אָרטאָדאָקסן, די מענטשן מיט דער פאַר־עלטערטער וועלטאנשויאונג צו געוויינט, זיי זאָלן אין די חכמות חיצוניות, אין דער אייראָפעאישער וויסנשאַפט זען קודם כל חכמה, און ניט אַפיקורסות.

און אַז סלאָנימסקי האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „הצפירה", זואו ער האָט געדרוקט פאָפולערע אַרטיקלען וועגן וואָס איר ווילט: וועגן טעלעגראַף, וועגן כעמיע, וועגן דאַמפּף־מאַשינען, וועגן לופט־

באַלונען, עלעקטריציטעט אאַז״וו, און דאָס אַלץ נאָך אילוסטרירט מיט „ציורים פּתוחי חותם״ (האַלצשניט בלע״ז) — האָבן דערפון אַנגעקוואָלן און געלעקט די פינגער ניט נאָר יונגע ישיבה־בחורים, וואָס זיינען שוין אַנגעשטעקט געווען מיט אַפּיקורסות, נאָר טאַקע אויך די עמודי־התורה, די למדנים גופא.

⁂

דור הולך ודור בא. עס האָבן זיך אַנגעהויבן די אַכציקער יאָרן, און די אַלטע השכלה־אידעאַלן זיינען אַראָפּ פון דער בימה. דאָס פּאַגראָם־געוויטער האָט זיי אַן רחמנות אַראָפּגעשליידערט פון זייערע פּיעדעסטאַלן, צוגענומען זייער גלאַנץ, זייער חן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די אמת׳ע בהלה־צייט: מענטשן האָבן פאַרלוירן זייער גלייכגעוויכט, מען האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, מען האָט געזוכט ערגעץ־וואו אַן אָנהאַלטעניש, אַן וואָס זיך אָנצוכאַפּן, צו־וואָס זיך צוצוטוליען מיט דער אַנטוישטער פאַר׳יאוש׳טער נשמה. די אויפגאַבן פון דער יידישער פּרעסע זיינען געוואָרן פיל ערנסטער און פאַרוויקלטער. עס זיינען אַנטשטאַנען פיל נייע פראַגן, אויף וועלכע די פּרעסע האָט געמוזט געבן אַן ענטפער. דער עמיגראַציאָנס־שטראָם איז מורא׳דיק געשטיגן, און דער „קורא נכבד״, דער יידישער לייענער, האָט געמוזט זיך אָנהייבן שטאַרק אינטערעסירן, וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע לענדער, אָט אין יענע מקומות, וואוהין עס איז אַוועק זיין קינד אָדער זיין ברודער. דאָס אַלצדינג איז געווען אַ פאַרבאַרייטונג צו דער רעוואָלוציע, וואָס יהודה לייב קאַנטאָר האָט געמאַכט אין דער העברעאישער פּרעסע מיט זיין ערשטער טאָג־צייטונג „היום״. נאָכדעם האָט אויך די „הצפירה״ צוזאַמען מיט דעם „המליץ״, געמוזט מגולגול ווערן אין אַ טאָג־צייטונג. חיים זעליג סלאָנימסקי איז אָבער געווען צו אַלטמאָדיש, צו אומבאַהאָלפן פאַר די נייע אומשטענדן — דער אַלטער רעדאַקטאָר האָט זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, און דער הויפּט־פירער פון דער „הצפירה״ איז געוואָרן דער יונגער, זייער באַגאַבטער נחום סאָקאָלאָוו.

די פאָרם, דער תוך פון דער צייטונג איז ביים נייעם רעדאַקטאָר שטאַרק פאַרענדערט געוואָרן, דער ג ײ ס ט אָבער, די טענדענץ איז די זעלבע געבליבן: ווי ביי סלאָנימסקין, איז אויך ביי סאָקאָלאָוו די „הצפירה״ געווען ניט אַ פאַנען־טרעגער, ניט אַ קעמפער, וואָס האָלט מלחמה, נאָר אַ מסביר, אַ דערקלערער, וואָס גיט צו פאַרשטיין

און מאַכט באַקאַנט ניט מיט דעם, וואָס ד אַ ר ף זיין, נאָר מיט דעם וואָס ס׳א י ז פ אַ ר אַ ן. און אין דערקלערן, אין מסביר זיין אַ זאַך איז סאָקאָלאָוו ממש אַ גאון: ער פאַרמאָגט די וואונדערבאַרע אייגנ־שאַפט צו ריידן מיט יעדן אַרט מענטשן אויף יענעמס לשון, אויף סגנון: מיט דעם משכיל, מיט דעם סתם בעל־הבית. און סאָקאָלאָוו דער חריף איז אַ היימישער אין אַלע עניני־העולם; מיט דער אייגענער גרינגקייט און געניטקייט קאָן ער מיט אייך ריידן אי וועגן אַ האַרבן מהרם־שיף, אי וועגן אַ אייראָפּעאישן שריפטשטעלער, אי וועגן אייראַ־דאָראַ דונקאַן, אי וועגן אַ סכסוך אין עולם הפּאָליטיק..

אין גיכן איז סאָקאָלאָוו אין די ברייטע שיכטן פונם לייענער־פּובליקום געוואָרן נאָך מער פּאָפּולער ווי אַמאָל סלאָנימסקי. פאַרן פּשוטן בעל־הבית איז נחום סאָקאָלאָוו, אָדער בראשי תיבות „נס״, געוואָרן דער גרעסטער אויטאָריטעט אין אַלע אויסערלעכע און אינער־לעכע פראַגן. דורכן סאָקאָלאָוון איז ער געוואָרן אַ גאַנצער ידען אין פּאָליטיק; אַלץ וואָס נאָר ערגעץ האָט פּאַסירט, האָט אים תיכף ימיד סאָקאָלאָוו אַזוי קונציג דערקלערט, טאַקע ממש אַריינגעלייגט אין מויל אַריין. און דער פּשוטער לייענער איז דאַנקבאַר: ער האָט געלעקט די פינגער פון סאָקאָלאָווס יעדעס וואָרט; מויל און אויערן האָט ער געעפנט אויף דאָן, ווען יענער האָט שוין גערעדט ניט נאָר וועגן פּאָליטיק און סתם וועלט־זאַכן, נאָר אַפילו — „למרנן ורבנן״, וועגן יידיש אינערלעכע, זאָגאַר רעליגיעזע אַנגעלעגנהייטן. ביי סאָ־קאָלאָוון איז דאָס געווען אַ תורה; וואָלט עס דעם בעל־הביתשן לייענער אַן אַנדערער געזאָגט, וואָלט ער, דער לייענער, עס געהאַלטן פאַר אַפּיקורסות...

סאָקאָלאָוו האָט זיין פּובליקום דערצויגן ניט נאָר אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן זין, נאָר אויך אין ליטעראַרישן. סאָקאָלאָוו איז דער ערשטער אייראָפּעאישער זשורנאַליסט אין דער יידישער גאַס. נאָר סאָקאָלאָווס אייראָפּעאיזם האָט אַ באַזונדערן טעם: עס איז אייראָפּעאיזם אויף משכילישן אונטערשלאַק, און דווקא דערין ליגט סאָקאָלאָווס שטאַרקייט. זיין אייראָפּעאישער לייענער־פּובליקום האָט געקאָנט פאַרדייען נאָר אַזוינע געקעכטצן, וואָס זיינען צוגעפּראַוועט מיט אַ ריח פון בטלנות, מיט אַ ביסעלע בעל־הבית׳שע און משכיל׳שע חקירות. אַלס ר י י נ ע ר און עכטער אייראָפּעער וואָלט סאָקאָלאָוו פאַרן פּשוטן בעל־הבית, פאַרן יידן פון אַ גאַנץ יאָר, געווען אַ פ ר ע מ ־ ד ע ר, ניט זיין סאָקאָלאָוו — ניט סאָקאָלאָוו דער מושלם, סאָקאָלאָוו דער פּקח, דער ווערטל־זאָגער, דער כל־בו.

מענטשן מיט אַ אינטעליגענטן אייראָפּעאישן געשמאַק זיינען ניט געווען גאַנץ קאָנטענט פון סאָקאָלאָווס „הצפירה": עפּעס צו־ווייניק פּרינציפּן, עפּעס איז די פאַרב פון דער פאָן צו מטושטש, דאָס פּראָגראַם כלל ניט בולט; סאָקאָלאָווס פאַרבנרייכער סטיל, — צו אומהאַרמאָניש, צו מאָזאַאיש, עפּעס אַ געמיש פון כל המינים. נאָר, ווי פריער געזאָגט, טאַקע אין די דאָזיקע חסרונות איז געלעגן דער „הצפירה׳ס" שטאַרקייט. נאָר אין אַזאַ פאָרם האָט זי געקענט ווירקן און פּועל־יוצא זיין ביי איר פּובליקום. און ווען אַפילו די „הצפירה" האָט באַקומען נאָך הערצל׳ס אַרויסטרעטן אַ ציוניסטישע פאַרב, האָט זי אַלץ איר גרונד־כאַראַקטער ניט אָנגעוואוירן: זי איז געבליבן אַ בעל־הביתישע צייטונג, אַ רואיקע, אַ מעסיקע, אַ „יוצא לכל המפלגות".

פלוצלונג האָט אָבער אויסגעבראָכן דער שטורם פון די „באַ־פרייאונגס־טעג", און די בעל־הבית׳שע „הצפירה" איז אונטערגע־גאַנגען. פאַר אַזאַ שעת חירום האָט זי צו ווייניק געפּאַסט. אויפגע־שטאַנען תחית המתמים איז זי שוין ביי גאָר אַנדערע אומשטענדן. אין די פינף יאָר, וואָס די „הצפירה" איז ניט אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך אומגעהויער אַנטוויקלט די יידישע פּרעסע און צו איר איז איבער־געגאַנגען דער באַדייטנסטער טייל פון דער „הצפירה׳ס" לייענער־פּובליקום. די אין סוף 1910 ניי־אויפגעשטאַנענע „הצפירה" האָט שוין פאַר זיך געהאַט אַן אַנדער פּובליקום, מער אייראָפּעאיש, מער אינטעליגענט, און דער קלוגער און גייסטרייכער רעדאַקטאָר האָט דאָס ווי עס שיינט גוט פאַרשטאַנען...

פאַר דער „הצפירה" האָט זיך אָנגעהויבן דער דריטער גלגול, דער דריטער דור. נאָר דאָס איז שוין ניט נוגע צו אונדזער ענין.

אבראמאָוויטש — מענדעלע

(צום צענטן יאָרצייט)

שוין צען יאָר פאַרגאַנגען זייט דער אַלטער מענדעלע האָט אויף אייביק זיינע קלוגע, ליכטיקע אויגן פאַרשלאָסן. ער איז אַוועק פון אונדז אונטער די דונערן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, ווען צוזאַמען מיטן חורבן פונם אַלטן צאַרישן רוסלאַנד איז אויך חרוב געוואָרן די אַלטע יידישע וועלט מיט איר אַלטפרענקישן לעבנס־שטייגער, וואָס אים האָט אַזוי קונציק געשילדערט אין זיינע מייסטערווערק דער קינסטלער מענדעלע.

דאָס איז ממש ווי אַ סימבאָל, אַ טיפער רמז — זאָל פאַר אַלעמען קלאָר זיין, אַז מענדעלע שליסט מיט זיך אָפּ אַ גאַנצע תקופה, מיט אַלע אירע מעלות און עליות און אויך — ח ס ר ו נ ו ת און ס ת י ר ו ת. די לעצטע ווערטער מעג מען גאַנץ רואיק אונטערשטרייכן, וואָרום מענדעלע געהערט שוין צו דער געשיכטע, ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אָביעקטיווער אָפּשאַצונג — ער איז גלענצנד בייגעשטאַנען דעם שטרענגסטן פּרואוושטיין, דעם אומבאַרחמנותדיקסטן ריכטער — די צייט...

לעסינג האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ווען דער גאַונישער קינסטלער ראַפאַעל וואָלט אָן הענט אויף דער וועלט געקומען, וואָלט ער ד א ך אַ גאונישער קינסטלער געווען — ווען אָפילו בלויז ביכולת נישט בפועל. מיר ווייסן דאָך, אַז ב ל י נ ד ע זענען גאונישע קינסטלער געווען — האָמער, מילטאָן א. א. עס זענען אויך ש ט ו מ ע קינסטלער געווען, באַזונדערס ביי אונדז יידן. וואָס ניט זיי גופא, ניט די וועלט האָט געוואוסט פון זיי; בלויז וועגן איינעם פון זיי, און דאָס אויך נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז אַ רבי געווען און אַרום זיך פיל חסידים געהאַט — איך רעד וועגן ר' נחמן בראַסלאַווער — זענען מיר נאָך זיין טויט געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ קינסטלער, אַ ש ט ו מ ע ר קינסטלער געווען... די טראַגישע געשיכטע וועגן שמשון הגבור מיט די געבונדענע

הענט, חזרט זיך אַזוי אָפט איבער ביי אונדז. נאָר אַ געבונדענער שמשון הגבור איז דאָך אַ גבור, און ציטערן דאַרפן פאַר אים די אַלטע אָפּגעטער אין זייערע פינסטערע טעמפּלען... און טאַקע די געשיכטע פון מענדעלעס שאַפן איז די געשיכטע ווי אַזוי שמשון הגבור האָט זיך פון זיינע קייטן באַפרייט, ווי אַזוי דער שטומער קינסטלער האָט זיין לשון באַקומען — מענדעלעס לשון, מענדעלעס נוסח...

מענדעלע גופא דערמאָנט גאַנץ אָפט וועגן זיין צושפּאַלטנקייט. אין זיין „שלמה ר' חיימס" דערציילט ער באריכות ווי אַזוי דער קליינער שלמהלע איז געווען „ווי אַ צענויפגעשטעלטער פון פאַרשידענע מינים, נישט פון איין שטיק מאַטעריע... עפּעס האָבן צוויי נשמות געשטעקט אין אים ביידע אינאיינעם".

מענדעלע דערציילט אונדז וועגן „צוויי מענדעלעך", וואָס פלעגן מאַכן ויתרוצצו — פלעגן זיך בוצקען איינער מיטן אַנדערן. פּאַקטיש האָבן זיך אין דעם „ויתרוצצו" באַטייליקט נישט צוויי מענדעלעך — דאָס האָט דער קינסטלער מענדעלע געפירט אַ קאַמף מיטן משכיל און חריף שלום יעקב אַבראַמאָוויטש. און דורות לאַנג האָט זיך געפירט דער דאָזיקער קאַמף, ביז מענדעלע דער קינסטלער האָט סוף כל סוף גובר געווען דעם משכיל אַבראַמאָוויטש...

מענדעלע גופא דערציילט אונדז אין זיינע זכרונות ווי אַזוי אינם קליינעם שלום יעקבן (שלמהלע) איז שוין געווען וואָך דאָס שאַרפע קינסטלער־אויג. איר געדענקט דאָך די קונציקע באַשרייבונג אין דער פאָררעדע צו „שלמה ר' חיימס", ווי אַזוי ביי אים „אַ ייִנגעלע באָרוועס אין איין העמדל מיט אַ היטעלע אויפן קאָפּ", עפענען זיך אויף צום ערשטן מאָל די אויגן זיינע דאָרטן צווישן די גערטנער אונטערן פרייען הימל: „און איך אַנטפּלעק מיך צו מיר אַליין אינגאַנצן ווי איך בין"; „איך האָב פאַרשטאַנען דעם לשון פון קרייטעכצער און געוויקסן פון גאָרטן, דאָס ליד וואָס די רינעלעך וואַסער פּלאַפּלען, און וואָס פראָש קוואַקעט ליגנדיק אין בלאָטע ביזן האַלז, אויסשטעלנדיק אַ פּאָר גרויסע אויגן — האָב איך גוט פאַרשטאַנען, איך האָב דאָך איר אָפּגעענטפערט, קוואַקענדיק אויך אויף אַ קול ווי זי" (דאָרטן, 21).

און דאָס דאָזיקע קינד מיט די אָפענע קינסטלער־אויגן איז אויס־געוואַקסן אין דער טרוקענער סביבה פונם אַלט־ייִדישן שטעטל, וואו אַלץ איז תכלית, און האָט זיך אויפגעצויגן אין דעם אַלטפרענקישן חדר, געווען פאַרטאָן איין „שור שנגח את הפרה", און געשאַרפט זיך דעם מוח מיט קונציקע קאָפּשטיק פון די בעלי התוספות, מהרשא, מהרם שיף און אַנדערע „עוקרי הרים"... איינגעדרימלט האָט דאָס „קינסטלער־

אויג״; דער עלוי און חריף האָט פאַרגעסן אין די אַמאָליקע „אַנטפלע־קונגען״, פאַרגעסן ווי מען פאַרשטייט דעם לשון „פון געוויקסן אין גאָרטן״... פאַרגעסן אויך שפּעטער, ווען דער עלוי־בחור איז אַ משכיל געוואָרן, אין גאָטלאָבערס חדר געגאַנגען, און אַ קעמפער פאַר השכלה געוואָרן. „אַ ליידיקער, פאַרוויאַנעטער גאָרטן — דערציילט מענדעלע גופא — איז די ליטעראַטור געווען ווען איך בין אַרויסגעטרעטן; נישטאָ קיין בלומען, נישטאָ קיין פרוכט, — אַלץ פוסט און פאַרלאָזן״.

די דעמאָלטיקע השכלה־ליטעראַטור האָט געוואוסט פון איינאיינ־ציקער אויפגאַבע; שטראָפן, מוסר זאָגן. דאָס אַרומיקע לעבן איז דאָך אַזוי פינצטער־אַבערגלויביש, פאַנאַטיש, אַ אמתער תוהו ובוהו — דאַרף מען עס מיט אַלע כוחות באַקעמפן, דערוויזן און אויפקלערן, אַז דער לעבנס־שטייגער מוז געענדערט ווערן. אַקסנפעלד — קעמפט און זאָגט מוסר, ליניעצקי — ווייסט נאָר פון איין פאַרב — סאַזשע, און זיין פּינזעל איז דער קוואַטש. עפּעס אין אַ קליין פויליש שטעטעלע וואוינט יאָ איינער, וואָס פילט אומבאַוואוסט, אינטואיטיוו, אַז טענדענץ־ליטעראַטור איז נאָך ווייט פון אמתער קונסט — ד״ר עטינגער איז זיין נאָמען, — איז ער אָבער אַ נחבא אל הכלים, און קיינער ווייסט פון אים. און ווען עס האָבן זיך יאָ באַוויזן אויף דער יידישער גאַס אַ פּאָר דיכטע־רישע נשמות, אַ מאַפּו, אַ מיכה יוסף לעבענזאָן, האָבן זיי געמוזט אין דער טרוקענער השכלה־אַטמאָספער, ראָמאַנטיקער ווערן, אַנטלויפן וואָס ווייטער פון דער „פינסטער־פאַנאַטישער״ סביבה, זיך איבער־טראָגן אין דער אַלטער ביבל־וועלט, באַזונגען אירע העלדן און שילדערן אין וואונדערבאַרע פראַכט־פאַרבן איר גלאַנץ און שיינקייט...

מענדעלע איז אָבער דער פולער קעגנזאַץ פון ראָמאַנטיזם. מענ־דעלע גייט האַרט ביי דער ערד, ער קען שילדערן בלויז דאָס וואָס ער זעט בחוש, טאַפּט אָן מיט דער האַנט. אַפילו שוין קינדווייז האָט אים געפעלט פאַנטאַזיע און זיין „יש ככאן״ איז געווען בלויז די ר ע אַ ל ע וועלט, דער שטייגער אַרום. מענדעלע גופא דערציילט וועגן דעם קליינעם שלמהלע: „סאיז אין אים געלעגן אַזוינס אויפצוכאַפּן באַלד ביים ערשטן בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט וואָס עפּעס נישט אַזוי, משונה ווי ביי אַנדערע. ער פלעגט וואונדער שיין נאָכמאַכן אַבי וועמען מיט אַלע פּאַסטעמפּקעס — ווי י ע נ ע ר רעדט, ווי יענער שטייט און גייט, אַזוי אַז מען פלעג זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער, זעענדיק און הערנדיק אים״ (שלמה ר׳ חיימס, 25).

מענדעלע קאָן ניט „אויסטראַכטן״. זיין פאַנטאַזיע איז אָן פליגל, זיין קינסטלער־אויג קאָן אויפנעמען בלויז דאָס רעאַלע און ממשותדיקע.

דאָס רעאַלע און ממשותדיקע איז אָבער געווען „ווילד" און „פאַנאַטיש", וואָס האָט קודם־כל געמוזט באַקעמפט ווערן מיט אויפקלערונג און השכּלישע שטראָף־רייד. אַז מען קאָן אויפקלערן און באַקעמפן דורך ריינער קונסט, דורך דעם וואָס דער „אָבערגלויבישער" לעבנסשטייגער ווערט קינסטלעריש געמאָלט און באַלויכטן, אַז דאָס הייסט אמתע קונסט, וואָס האָט פאַר זיך אַ גרויסן ווערט און אויך אַ געוואַלטיקן געזעלשאַפטלעכן באַטייט — דאָס איז פאַר אַבראַמאָוויטש־מענדעלען, פון די זעכציקער יאָרן נאָך בכלל נישט קלאָר געווען...

דאָ מוז מען נעמען אין באַטראַכט אַ זייער כאַראַקטעריסטישן שטריך: הן דער משכיל אַבראַמאָוויטש, הן מענדעלע דער קינסטלער זענען ביידע צוזאַמען זייער קאָנסערוואַטיוו. געוויס נישט דורך אַ צופאַל, און ניט בלויז אויס פּערזענלעכע פּניות איז אין דעם קאַמף, וואָס האָט אין די זעכציקער יאָרן אויסגעבראָכן אין דער העברעאישער ליטעראַטור צווישן די „יונגע" מיט קאָוונער בראש און צווישן די „אַלטע", — דער בעל „תולדות הטבע" אַבראַמאָוויטש איז געגאַנגען מיט די לעצטע און געקעמפט קעגן „יידישן פּיסאַרעוו" און זיינע „ניהיליסטישע" אידעען. וואָרום אַבראַמאָוויטש־מענדעלע איז געווען פון די נאַטורן, וואָס מוזן זיין קאָנסערוואַטיוו, ווייל זיי קאָנען נישט לעבן פונעם געבאָרגטן, זיי מוזן אַלץ טריט ביי טריט דורכמאַכן און דורכלעבן אַליין אויף אייגענער אַחריות און אייגענעם חשבון. אַזוינער איז אויך אין יענער צייט געווען ליליענבלום. ערשט נאָך אַ לאַנגן אינווייניקסטן קאַמף מיט זיך גופא איז ליליענבלום ביסלעכווייז געקומען צום אַנט־שלוס, אַז ער מעג האַלטן אַ לייכטער אום שבת. און ווייל ער איז געווען אַזוי ווייט „קאָנסערוואַטיוו", אַלץ אַליין געמוזט דורכמאַכן דורך אייגענעם חשבון־הנפש, דורך ביטערן שווערן קאַמף — דערפאַר איז ער אָבער געווען קאָנסעקווענט ביז גאַר, און געגאַנגען אָן פּחד אין זיין צעשטערונגס־אַרבעט אַלץ ווייטער, ביז ער איז געוואָרן אַ „כופר־בעיקר", געלייקנט אין אַלץ און אָפּגעוואָרפן אַלע נאַציאָנאַלע קולטורווערטן צוזאַמען. אַזאַ „קאָנסערוואַטיווע" נאַטור איז אויך געווען אַבראַמאָוויטש. און דער דאָזיקער קאָנסערוואַטיזם איז געלעגן אין דעם, וואָס אַבראַמאָוויטש אַלס פּערזענלעכקייט איז געווען צו אָריגינעל, צו זעלבס־שטענדיק, ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף יענעם, אַלץ געמוזט דורכמאַכן אַליין, לאַנגזאַם, טריט ביי טריט...

לאַנגזאַם, פּאַמעלעך קוקט זיך צו אַבראַמאָוויטש דער פּקח מיטן פאַרבאָרגענעם קינסטלער־אויג פון מענדעלען, צום יידישן לעבן, באַטראַכט אויפמערקזאַם דעם משכּילישן „שלחן ערוך" און — ער דערזעט

דאָס, וואָס קיינער פאַר אים האָט ניט געזען. ביסלעכווייז ווערט דער „קאָנסערוואַטאָר" אַבראַמאָוויטש, דער קעמפער קעגן „ניהיליזמוס" — אַ „כופר בעיקר", וואָס צעברעכט אָן רחמנות די משכילישע לוחות מיט זייערע „עשרת הדברות". די משכילים האָבן אַלץ געטענהט, אַז די הויפּט־סיבות פונעם אומנאַרמאַלן אינעם יידישן לעבן איז דער „אָבערגלויבן", דער פאַנאַטיזם און דאָס גלויבן אין רביים. אַבראַמאָוויטשעס רבי, גאָטלאָבער, און פיל אַנדערע השכלה־קעמפער זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז ווען יידן וועלן אַ שטייגער אַראָפּוואַרפן דאָס שטריימל און די לאַנגע קאַפּאָטע מיט סטראַקעס, וועט דערפון אַרויסקומען די גרעסטע ישועה. אַבראַמאָוויטש לייקנט אָבער אין די אַלע „ישועות". ער שטעלט דעם טראָפּ אויף דער סאָציאַלער צעפּוילטקייט און געזעלשאַפטלעכער אומגערעכטיקייט, וואָס הערשט אינעם יידישן לעבן. „וואָס העלפט עס, טענהט פיקהאַלץ אין דער „טאַקסע", אַז זיי האָבן נעבעך נישט קיין מזל, אַז זיי זיינען נעבעך אומגליקלעך און פון כמה שנים שטיקט מען צענייף אַלע אין איינעם אין איין אָרט ווי די שאָף, אַז זיי זעען פאַר זיך נישט קיין וועלט און קאָנען נישט אָטעמען קיין פרייע לופט"...

און אַבראַמאָוויטש דער פובליציסט, דער קעמפער און שטראָף־פּרעדיקער, ענג צענויפגעפלאָכטן מיט מענדעלע דעם קינסטלער, פלייסט זיך צו דערוויזן אין זיינע ערשטע יידישע ווערק ווי נישט דער גלויבן אין רביים, נייערט דאָס קנעכטישקייט און סאָציאַלע אומגערעכטיקייט איז די שרעקלעכע צרעת, וואָס צעפרעסט און פאַרחושכט דאָס יידישע לעבן. „איך קען נישט צוזען — שרייט אויס אַבראַמאָוויטש־מענדעלע — ווי מענטשן פאַרלירן זייער שכל, זייער האַרץ, זייער ווילן, און זייער מענטשלעכע בחירה; איך קען נישט צוזען ווי מע לעקט זיך אונטער, בייגט זיך עפּעס פאַר אַ ליאַדע גבירל, ווי מען סלוזשעט, גייט אויף די שפּיץ פינגער פאַר אַן אויפגעקומענעם משרת וכדומה אַזוינע מיני פאַרשוינען. איך קען נישט צוזען, ווי מען פאַרקויפט דעם אמת, דעם יושר, דעם נוצן און דעם אינטערעס פון דער שטאָט פאַר אַ גלעזל בראָנפן, פאַר אַ קניש"...

און אַבראַמאָוויטש־מענדעלע, ביידע צוזאַמען, האַלב פובליציסטיש, האַלב קינסטלעריש, ווייזן אָן ווי אַזוי אין דער אומגעזונטער, עקאָנאָמיש אומנאַרמאַלער אַטמאָספער מוזן זיך מערן און פּרוכפּערן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן כל המיני עקדעשן, אַנשיקענישן, אַלערליי פּיאַווקעס, וואָס זויגן אויס אָרעם בלוט, אָט די גאַנצע גרויסע „באַנדע שטאָט־בעלי־בתים", די רייכע גאַלעריע פון אַלע סאָרטן תקיפים,

ספּאַדיקעס, פּיאַווקעס, יענקוצן, כל המיני בעלי־טובהניקעס, כּאַדאַ־טאַיעס, דעפּוטאַטן, בעלי־טאַקסעס, סבאַרשטשיקעס, כּאַפּערס, היינט ווייטער גלאַט שיינע יידן, כשרע יידן, מיטן פולן מויל יידן, ברענענדיקע יידן, צעבראָכענע יידן, גאָלדענע־אָדער־יידן, גלאַט יידן, אַזוי זיך יידן און א ו י ך מיר יידן...

די משכילים האָבן אַלץ געטענהט: זייט לייטיש — וועט מען אייך ליב האָבן. מ׳דאַרף באַווייזן, אַז מיר זיינען לייטן גלייך, אַז מיר ווילן זיך בילדן, אַז מיר זענען ווערט מ׳זאָל אונדז מזכּה זיין מיט מענטשלעכע רעכט; זאָל די „לייטזעליקע״ און „מענטשנפריינטלעכע״ רעגירונג זיך איבערצייגן, אַז מיר זענען נוצלעכע בירגער, לייטישע בריות... אַבראַ־מאָוויטש מאַכט אין זיין „קליאַטשע״ די דאָזיקע טענות צו שפּאָט און צו געלעכטער, און דער דאָזיקער סאָציאַלער גרויסער באַטייט פון דער „קליאַטשע״ איז נאָך ביי אונדז געהעריק נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן. די „קליאַטשע״ האָט בשעתו געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם, און געווען באַליבט ביים עולם. דער עיקר — פאַר די אַנצוהערעניש, פאַר די פיינע איינפאַלן, פאַר דעם קונציקן משל: „די קליאַטשע אַ פּירוש אויף „איוב״. דער בית־מדרש־למדן האָט אין איר דערזען פּיל שפּיציקע קאָפּ־אַרבעט. דערביי האָט מען אָבער נישט באַמערקט, אַז די „קליאַטשע״ איז דאָס באַדייטנסטע פּובליציסטישע ווערק פון דער גאַנצער השכלה־תּקופה, וועלכע פאַרמאָגט בלויז נאָך איין איינציק ווערק, וואָס קאָן זיך אפשר גלייכן צו דער „קליאַטשע״ און איז אין געוויסן זין אַ דערגאַנ־צונג צו איר — דאָס איז דעם פריער דערמאָנטן ליליענבלומס „חטאות נעורים״. דער „חטאות נעורים״ — דאָס איז דער געוואַלדיקער אויס־געשריי, דער פּראָטעסט פונם יחיד, פון דער אויפגעוואַכטער און אין זיך באַוואוסטער פּערזענלעכקייט. אויף יעדן בלאַט זיינעם הערט זיך דער דומפּער קלאַפּ פונם האַמער, וואָס שלאָגט אַריין די צוועקעס אינם אָרון פון דער השכלה מיט אירע צעבראָכענע לוחות. די „קליאַטשע״ אָבער איז דער פּראָטעסט פונם קיבוץ, דאָס איז דער וויגעשריי פונם אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין...

„וואָס פאַר אַ שייכות, איך בעט דיך, האָט עסן און דאָס נויטיקע באַדערפעניש מיט בילדונג? מיט וואָס פאַראַ יושר קאָן מען יענעם נישט לאָזן עסן, אָטעמען פריי, סיידן ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּעס קונצן?״ („די קליאַטשע״ 115). „איך וויל גאָרנישט הערן קיין רחמנות, קיין נוצן — רחמנות. און נוצן זיינען אַזעלכע זאַכן, וואָס די וועלט קען זיך אויף זיי נישט האַלטן. איך בין גלייך ווי אַלע... פליישׁ און בלוט זיינען מיר אַלע, אונדזערע באַדערפענישן זענען גלייך,

און איין רעכט אויף צו לעבן האָבן מיר אַלע. האָט יענער אויף מיר רחמנות, הייסט עס אַזוי פיל ווי איך לעב אין זיין זכות, ער האָט יאָ דאָס רעכט צו לעבן און איך — נישט. אינגאַנצן וואָס איך האַלט מיך, וואָס איך זשיפּע, האָב איך עס צו פאַרדאַנקען אים — נאָר אים... איך וויל אָבער לעבן גלייך ווי אַנדערע, גלאַט ווייל איך בין אויך אַ באַשעפעניש פאַר מיר; פאַרשטייסטו מיך, מיין מליץ יושר, מיין באַרמהאַרציקער האַר? אויף אייער באַרמהאַרציקייט און אויף דעם, וואָס איר קאָנט פון מיר האָבן נוצן — דערויף קאָן איך מיך כלל נישט סומך זיין״...

2.

די „קליאַטשע״ איז נישט נאָר די העכסטע שטאַפּל, וועלכע אַבראַמאָוויטש דער פובליציסט האָט דערגרייכט, דאָס איז אויך געווען פאַר אים אַ זעלבסטבאַפרייאונגס־אַקט. און אָט דער פּראָצעס פון זעלבסט־באַפרייאונג, דער איבערגאַנג פון מוסר־זאָגן צום פּראָטעסט און צום סאַרקאַסטישן שפּאָט, איז אויך געווען געוואַלטיק וויכטיק פאַר דער אַנטפּלעקונג פון מענדעלע דעם קינסטלער. אַבראַמאָוויטש דער פובליציסט האָט זיך אין דער „קליאַטשע״ אויסגעשעפּט, ער האָט פאַרברענט הינטער זיך אַלע „משכילישע״ בריקן און דער קינסטלער מענדעלע באַקומט דאָס וואָרט. ער שטופּט אָפּ אין אַ זייט אַבראַמאָוויטשן דעם למדן און אויפקלערער, ער לאָזט אים זיך חקרנען אינם „יידל״, פאַרנעמט אים מיט איבערזעצן „פרק שירה״ און די שבתדיקע זמירות, בעת מענדעלע דער קינסטלער שאַפט זיין „מסעות בנימין השלישי״.

מיר האָבן פריער ציטירט פון דער „קליאַטשע״ דעם שטאָלצן זאַץ: „איך וויל לעבן גלייך ווי אַנדערע!״. בעת אָבער מענדעלע האָט זיך מיט זיין קינסטלעראויג צוגעקוקט צום לעבן אינם יידישן תחום, האָט ער געמוזט לאָכן זיין ביטער געלעכטער. מיר האָבן שוין געזען ווי שטאַרק מענדעלע האָט נאָך קינדערווייז געליבט די נאַטור, ווי ענג פאַרבונדן ער האָט זיך מיט איר געפילט; ער איז געווען דער גרויסער מייסטער פון נאַטור־שילדערן, וואו אַלץ איז אַזוי האַרמאָניש גאַנץ, שפּראָצט מיט לעבן און שימערירט מיט די שענסטע פאַרבן. דערפאַר איז אַזוי גרויס ביי מענדעלען דער עקל צום קאַבצאַנסקער און גלופּסקער לעבנסשטייגער וואו אַלץ איז אַזוי אומגעלומפּערט, ווילד משונה און אומנאַטירלעך. ער איז פול מיט רחמנות צום פאַרחושכטן פאָלק ישראל. פול מיט ליבע צו די יידישע קינדערלעך „פון אָרעמע עלטערן

פייגעלעך, פריטולעטע נעבעך אין קליידלעך", וואָס וואַלגערן זיך נעבעך אין די פינצטערע בלאָטעס פון קאַבצאַנסק און טעטעריווקע... און אָט דער ביטול איינגעטונקט אין פאַרביסענער שנאה צו דעם פאַרשטאַרטן, פון דער נאַטור אָפּגעריסענעם קאַבצאַנסקער לעבנסשטייגער, איז אין ערגעץ ביי מענדעלען ניט אויסגעדריקט מיט אַזאַ בייסנדן סאַרקאַזם ווי אין „מסעות בנימין השלישי".

אַ דאַנק דעם פוילישן שריפטשטעלער קלעמענס יונאָשאַ, וואָס האָט איבערגעזעצט מענדעלעס מייסטערווערק אונטערן נאָמען „דאָן קיכאָט זשידאָווסקי", דערמאָנט זיך נישט ווילנדיק בעת מען רעדט וועגן „בנימין השלישי" — סערוואַנטעסעס דאָן קיכאָט. ווי טרויעריק איז אָבער דער דאָזיקער פאַרגלייך, ווי בולט שטאַרצט דערביי אַרויס אונדזער אָרעמקייט און נישטיקייט. דאָרט איז פאַראַן רחבות, טראַגישע שיינקייט, אין סערוואַנטעסעס העלד פילט זיך דער שטאָלצער ברייטער זשעסט, ער קעמפט נישט נאָר מיט ווינטמילן, נאָר אויך מיט ממשותדיקע לייבן. און דאָ איז אַלץ אַזוי ענג און קאָמיש. גנילאָ־פּיאַטאָווקע איז דער ים־אוקינוס, גלופּסקער פישמאַרק — די גרויסע וועלט־אַרענע, און בנימין — איר גרויסער העלד...

צוריק מיט אַ יאָר פופצן האָט אין דער מוזיקאַלישער וועלט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם דער דעמאָלט יונגער רוסישער מוזיקער סטראַווינסקי מיט זיין אָפּערע „פּעטרושקאַ". דער הילצערנער „פּעט־רושקאַ", דער אויטאָמאַט מיטן שנירל, באַקומט לעבן: ער ליבט און ליידט, ער ווערט אַ טראַגישע פיגור און מיט קלאַפּנדיקע פאַרקלעמטע הערצער הערט זיך צו די אודיטאָריע צו זיינע ליידן, צו די שמאַרץ־געשרייען פון זיי טראַגישער ליבע... אונדזער יידישער קינסטלער אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ טראַגיש בילד פון אַ פיל ברייטערן פאַרנעם: ווי אַזוי אַ גאַנצע אומה, דאָס עלטסטע קולטור־פאָלק אין דער וועלט, „דאָס האַרץ פון דער וועלט" ווי עס הייסט ביי יהודה הלוי, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קיבוץ פון אויטאָמאַטן. סענדערלס מאַרש, מיט וועלכן עס פאַרענדיקט זיך דער „מסעות בנימין השלישי", דאָס איז אַ סימבאָל, דאָס איז דער שלוס־אַקאָרד, דער לעצטער שטריך, וואָס מאַכט אָם בולטסטן דאָס גאַנצע בילד. און אָט דאָס אויטאָמאַ־טישקייט, פאַרגליווערטקייט פונם לעבנסשטייגער ווערט איינער פון די גרונד־מאָטיוון אין מענדעלעס שאַפן און אגב אויך פון די גרונט־אָביעקטן פאַר דעם קינסטלערס איראָניע און גאַליקן סאַרקאַזם.

„איז דען דאָ נאָך אַ אומה אויף דער וועלט — חידושט זיך מענדעלע — וואָס דער גאַנצער שטייגער לעבן פון איטלעכן באַזונדער זאָל זיך ציען פונם געבוירן ווערן ביז דעם שטאַרבן אויף איין נוסח ווי

ביי אונדז יידישע קינדער?... אַפילו עסן און טרינקען האָבן אויך איין נוסח".

„מיר זיינען אַן עדה פון מילבן, וואָס ווי איינע אַזוי די אַנדערע — אַלע גלייך. אין דער נאַטור־געשיכטע, זאָאָלאָגיע, ווערט גערעדט וועגן דעם מין מילבן בכלל, אָבער נישט וועגן איטלעכער מילב באַזונדער".

אמת, מענדעלעס שאַרף אויג באַמערקט, אַז „ביי מענטשן איז נישט אַזוי", ער שטרייכט טאַקע אונטער אַז „איין זאַך וואָס ליגט אין דער טבע פון כלל מענטשן באַקומט ביי יעדערן פון זיי אַ גאַנץ אַנדער פּנים. יעדער טוט זי אויף זיין שטייגער, אַנדערש ווי דער צווייטער, ביי איטלעכן מענטשן לאָזט זיך באַמערקן אַ באַזונדער כאַראַקטער אין דעם רעדן, אין דעם שמייכל, אין דעם ווינקען מיט די אויגן, אין דעם גאַנג, אין דעם שטייגער עסן און טרינקען".

אָט די אָקאָרשט ציטירטע שטעלע איז טאַקע זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדעלען און זיין שאַפן. זיין קינסטלער־אויג איז אָפן פאַרן אויבערפלאַך פונם מענטשן, פאַר זיין לבוש; ער באַמערקט קודם כל די גרימאַסע, די העויה, דאָס קאָמיש־לעכערלעכע, דאָס אומנאַטירלעכע... איר געדענקט ביי גאָגאָלן אין „רעוויזאָר" ווי דער גאָראָדניטשי קלאָגט זיך: „איך זע גאָרניט. איך זע עפּעס חזירישע „רילעס" אָנשטאָט פּנימער, ווייטער זע איך גאָרנישט!" אונדזער גרויסער קינסטלער זעט, חלילה, נישט קיין „חזירישע פּיסקעס" אין אָזעלכע כשרע יידישע קהילות, ווי גלופּסק און קאַבצאַנסק, נאָר אויך ער זעט דאָרט נישט קיין בולטע „פּנימער", קיין שאַרף אויסגעפּרעגטע מענטשלעכע פיגורן. מענדעלע זעט אינם יידישן קיבוץ דאָס אייגענע, וואָס הערשעלע און ביילע האָבן דערזען אויף דער גלופּסקער זאַרגבאַנק — „בשער האשפות", ווי עס הייסט אין העברעאישן „בעמק הבכא":

„די זאַרג־באַנק האָט זיך אינגאַנצן ווי זי איז אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן, געוויזן וואָס זי אַזוינס באַטייט, און מיטאַמאָל ביי זיי צוגענומען דעם חשק צו רעדן. עס האָט זיך אַ ווייז געטאָן אַן אויסמישעניש פון אַלערליי צרות און געשטאַלטן: פאַנפעוואַטע, צוגעפּלאַטשטע און געשוואָלענע נעז, וואָרגעס, לעפצן, באַפּרישטשעטע, שווייסיק־גלאַנצנדיקע שטערנס און שיינע חנעוודיקע פּנימער, געעלטערט, געקנייטשט פאַר דער צייט. אַ קאַשע פון אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע און פון משונה ווילדע מאָדניצעס משטיינס געזאָגט: שמאַטעס, לאַטעס, צעהאַקטע פּיס, נאַקעט לייב, הוילע פון צעפּאַלענע שיך אַרויסקוקנדיקע פינגער, אינאיינעם מיט אָפּגעבלאַקעוועטע, אָפּגע־

פאַרענע, כלומרשט נאָך דער מאָדע געניייטע קליידלעך, ווילדע קרינאָ־לינעס, מגושמדיקע שטיוועלעטלעך, אויף הויכע אויסגעקרימטע קנאָפ־לעך, אַ דור הפלגה פון פאַרמישטע לשונות און געמבעס; גראָבע, דינע, קוויטשעדיקע, הייזערדיקע, כאָרכלענדיקע און זינגנדיקע קולות" (ווינשפינגערל, 155).

נישט נאָר אין חיה־טריינעס קרעטשמע, וועלכע מענדעלע שיל־דערט אַזוי מייסטעריש, נאָר בכלל אין יעדן יידישן קיבוץ, וואו נאָר מענדעלע וואַרפט זיין קינסטלער־אויג, „הויבט אָן אַרויסשווימען פונם טונקלען טומאָן כסדר נעז, בערד, בערדלעך, טשופּרינעס, גאַנצע פּנימער און צורות פון מאַנסבילן און נקבות, עס שווימען אַרויס רעדלעך מענטשן..." (פישקע דער קרומער, 7—56). מענדעלע דער קינסטלער איז זיך טאָקע נוהג ווי די נאַטור־פאָרשער, וואָס רעדן „וועגן דעם מין מילבן בכלל, אָבער נישט וועגן איטלעכער מילב באַזונדער". ער שילדערט נאָר דעם קיבוץ, די מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, די פּסיכאָלאָגיע פון אַ קיבוץ אויטאָמאַטן. „פון אייביק אָן איז שוין אַזוי אין גלופסק געַ־שטעלט: לאָז נאָר איינער דאָרט זיך רירן — רירט זיך מיט אים כסדר איינער נאָך דעם אַנדערן אַ גאַנצע עדה יידן. איין יידן פאַר זיך אַליין איז זעלטן צו באַקומען. יידן גייען דאָרט אויפן צענדליק, מנינימווייז אינאיינעם... פשוט דעריבער, ווייל יידישע נשמות קלעפּן איינע אין דער אַנדערער, ווי הערינג צונויפגעשטיקט אין אַ פעסל פעסט, שווער זיך אָפּצורייסן" (ווינשפינגערל, 283).

אָט דערפאַר טאָקע ווערן ביי מענדעלען אַמקינציקסטן געשילדערט די פאַרשוינען, וואָס זייער פּסיכאָלאָגיע איז וואָס נענטער צום אויטאָ־מאַט, אַ חיים־חנא, אַ חיה־טריינע וכדומה...

3.

„צי איז מענדעלע אַ רעאַליסט? די דאָזיקע פראַגע איז שוין אַמאָל געשטעלט געוואָרן מצד די, וואָס פאָדערן פון רעאַליסטישער קונסט דאָס אָביעקטיווישקייט פון אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, און דערפאַר געפינען זיי מענדעלעס בילדער צי איינטאָניק, צו פיל נוטה צו קאַריקאַטור, צו איבערכאַפּן די רעאַליסטישע פּראָפּאָרציע און מאָס. ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע קאָן מען מיט אַ קעגן־פראַגע: צי איז גאָגאָל אַ רעאַליסט? גאָגאָל האָט אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד געזען נאָר „טויטע נפשות", בלויז סאָבאַקעוויטשעס, נאָזדריעווס און סקוואָזניק־דמוכאַנאָווסקיס. מיר ווייסן דאָך אָבער, אַז אויסער זיי זיינען דאָך בימי ניקאָלאַי געווען אויך אַזוינע קעמפער ווי די דעקאַב־

ריסטן און אַזוגע אינטעליגענטישע קרייזלעך, וואָס האָבן דעם לאַנד געגעבן ביעלינסקיס, סטאַנקיעוויטשעס און הערצענס. און דאָך איז גאָגאָל אַלס קינסטלער געווען גערעכט מיט זיין „איינזייטיקייט" און „נטיה צו קאַריקאַטור". וואָרום געוועלטיקט איבער דעם ניקאָלאַיִשן רוסלאַנד, דעם פאַדערגרונד פונם געזעלשאַפטלעכן לעבן און דעם טאָן האָבן געגעבן טאַקע די סאָבאַקעוויטשעס, די נאָזדריעווס און די גאַנצע גאַלעריי פאַרשוינען, וואָס גאָגאָל האָט פאַראייביקט אין זיינע מייסטער־ווערק. און דאָס, וואָס ער האָט זיין גאוניש קינסטלער־אויג אָפּגעשטעלט אויסשליסלעך אויף זיי און זיי פאַר דער וועלט אַנט־בלויזט אין זייער גאַנצער נישטיקייט און נידערטראַכט — דאָס איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע טאַט פון אַ געוואַלטיקער וויכטיקייט. רוסלאַנדס שוואַרצע שאַנד און ווילדקייט האָט געמוזט אומברחמנותדיק אויפגעדעקט ווערן, באַשפיגן ווערן מיט גאָגאָלס גאַל, באַשפּאָט ווערן מיט זיין אין טרערן געטרענקטן געלעכטער, בכדי די ביעלינסקיס און הערצענס זאָלן קאָנען אויפאָטעמען און באַפרייען זיך און דאָס לאַנד פון דעם גיפטיקן אָטעם און בלייערנער לאַסט פון די „טויטע נפשות"...

גאָגאָל האָט אין ניקאָלאַיִשן רוסלאַנד געזען קודם כל „טויטע נפשות" און „חזירשע פּיסקעס", און אונדזער מענדעלע בעת ער האָט אַלס קינסטלער געוואָלט שילדערן דאָס יידישע לעבן — האָט זיך אים קודם כל געוואָרפן אין די אויגן נישט דאָס, וואָס ער האָט צו טאָן מיט פאַנאַטישע, אבערגלויבישע פאַרשוינען — נאָר מיט בעטלער, קבצנים.

„איך האָב נאָר שטענדיק צו טאָן מיט אביונים, קבצנים, אומגליקלעכע נעבעך; אויך מיט מענטשלעכע דראבעס, פּאַקוסניקעס וכדומה אַזעלכע מיני נפשות, קליינטשיקע, נידעריקע פאַרשוינען. מיר חלומט זיך נאָר בעטלערס, פאַר מיינע אויגן שוועבט תמיד אַ טאָרבע — די אַלטע, גרויסע יידישע טאָרבע הענגט מיר תמיד, ווי ביי יענעם מרה־שחורהניק, אַ לונג און לעבער אויף דער נאָז. וואוהין איך זאָל מיך נישט קערן און ווענדן, זע איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט וועלן עפּעס דערציילן אָדער זאָגן — קומט מיר אפיר די טאָרבע! אוי, אַלץ די טאָרבע, די יידישע טאָרבע!"

דער לייענער געדענקט געוויס, אַז די דאָזיקע ציטאַטע איז אויס דער הקדמה צו „פישקע דעם קרומען" — „אַ מעשה פון יידישע אָרעמע לייט". דער קונץ פון דער דאָזיקער „מעשה" באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס עס איז נישט פשוט אַ מעשה וועגן יידישע קבצנים, נאָר וועגן דעם קבצנישן פאָלק ישראל. כל ישראל איין קבצן! גאָגאָל זעט לויטער סאָבאַקעוויטשעס און טשיטשיקאָווס, און אונזער מענדעלע זעט אויף

דער יידישער גאַס קודם כל „אַלע סאָרטן קבצנים, שטאָטאָרעמע לייט, קבצנים פשוטע, קבצנים כלי־קודש, תורה און מצוה־קבצנים, באַהאַל־טענע קבצנים, האַלבע קבצנים, גמילות־חסד קבצנים".

מענדעלע שטרייכט מיט ביטערער איראָניע אונטער, ווי אַנשטאָט דעם ממשותדיקן פּילפּאַרביקן לעבן, „האָבן מיר אַ מלמד מיט אַ חדר, מיט אַ באַהעלפער, שדכנים, חתנים, כלות מיט ווייבער, קליינוואַרג, חלוצות און עגונות, אַלמנות און יתומים, נשרפים געפאַלענע און אָפּגע־קומענע, אַלע סאָרטן אָרעמע לייט, אַרומגייענדיקע איבער די הייזער ערב שבת, ערב יום־טוב ראש־חודש און גלאַט אַזוי זיך מאַנטיק און דאָנערשטיק, בטלנים, גבאים, מקבלים, און צדקה־פּושקעס, אַלע מיני פּורעניות, דלות, קבצנות און אַלערליי מיני משונהדיקע פּרנסות — אַט דאָס איז אונדזער לעבן, אַז אַך און וויי צו אונדז".

נאָך אין איין פּונקט בעט זיך דער פאַרגלייך צווישן גאָגאָלן און אונדזער מענדעלע — נישט געקוקט דערויף, וואָס זייערע קינסטלערישע נאַטורן אונטערשיידן זיך זייער שטאַרק איינע פון דער אַנדערער. גאָגאָל איז נישט אימשטאַנד געווען צו באַשאַפן פּאָזיטיווע טיפּן, שילדערן פאַרשטייער פונעם נייעם „רוסלאַנד"; און זיין טענטעטניקאָוו איז בלאָס און בלוטאָרם. אונדזער מענדעלעס קאָנסערוואַטיזם באַווייזט זיך אויך אין דעם, וואָס ער איז ניט אימשטאַנד צו שילדערן קיין נייע, היינטוועלטיקע מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין אַרויסגעריסן פונעם אַלטפרענקישן, אויטאָמאַטישן לעבנסשטייגער, זיינע גוטמאַנס און רפאלס זיינען בלאָסע ס כ ע מ ע ס, און זיין הערשעלע האָט בלוט און פלייש כל זמן ער איז קאַבצאַנסקער און גלופּסקער תושב און איז אין איין קאָמפּאַניע מיט די „פון אָרעמע עלטערן פייגעלעך, פּריטולעטע נעבעך אין קלייזעלעך"; קומט ער אָבער צוריק פון דייטשלאַנד אַלס שטודירטער דאָקטאָר — איז פּרחה נשמתו, ווערט ער צעשוואומען און פאַרבלאָזן... עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מענדעלען, — ווי נאָר ער באַרירט אַ טעמע, וואָס איז אַביסל פרעמדלעך דעם קאַבצאַנסקער לעבנסשטייגער, למשל דער ליבע־ראָמאַן צווישן פישקען און דער הארבאַטענקע, אַזוי פאַרלירט מענדעלע זיין זיכערקייט, עס פילט זיך גלייך — ער גייט אויף שטאָלצן, ער ווערט מיטאָמאַל סענטימענטאַל און די פאַרבן ווערן וואַסעריק צעשוואומען... ליבע איז דאָך נישט קיין יידישע זאַך, און דעם פּקח מענדעלע פעלט דער פּאַטאָס צו ליבע. מענדעלען האָט אַפילו גאָר אויפן געדאַנק נישט געקאָנט קומען שרייבן אַ ראָמאַן, וואָס זיין באַוועגונגס־נערוו, זיין חוט־השדרה זאָל זיין געבויט אויף ליבע און ליידנשאַפט. מענדעלע איז בכלל אַ גאַנץ שוואַכער אַרכיטעקטאָר. כמעט אַלע זיינע גרעסערע זאַכן (אַחוץ זיין מסעות

בנימין השלישי) זיינען טעמאַטיש זייער נישט אויסגעהאַלטן: עס גייט ביי אים שטענדיק אַ מעשה איבער אַ מעשה, און נאָך דער מעשה נאָך אַ מעשה. מאַפּו, אַ שטייגער, האָט געבויט זיינע ראָמאַנען לויט אַ באַשטימטן מוסטער — לויט די פראַנצויזישע ראָמאַנען פון דיומאַס שניט. מענדעלע איז אָבער אויך אין דער הינזיכט געווען נאַציאָנאַל־קאָנסערוואַטיוו. ער איז געגאַנגען נאָך די אַלטע יידישע מוסטערס, וואָס זיינען בשעתם באַשאַפן געוואָרן אונטער דער שטאַרקער השפעה פון די אַראַבישע קייטל־ראָמאַנען, וואו איין סיפור המעשה דינט אַלס ראַם, וואָס פאַסט איין און פאַרבינדט אין זיין קייט פילע אַנדערע מעשיות, איין מעשה איבער דער אַנדערער. אין דעם דאָזיקן קאָנסערוואַטיזם און „אַלט־מאָדישקייט" איז געלעגן מענדעלעס באַגרענעצטקייט, אָבער אויך זיין שטאַרקייט. מענדעלע דער קינסטלער איז אימשטאַנד צו שילדערן נאָר דאָס סטאַטישע, דאָס פאַרגליווערטע און לאַנג־אַנעדיקע. זיין אויג נעמט אויף בלויז דאָס וואָס ס'איז, און האָט שוין פעסטע שאַרף באַגרענעצטע פאָרמען, אָבער נישט דאָס דינאַמישע, וואָס האַלט ערשט אין באַשאַפן ווערן, וואָס צאַפּלט נאָך אינם פּראָצעס פון זיין און ווערן...

דער היסטאָריקער דובנאָוו דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן מענדעלע, ווי יענער האָט אים אַמאָל מיט שטאָלץ דערקלערט: „איך בין אויך אַ היסטאָריקער... אַז איר וועט קומען צו דער געשיכטע פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט, וועט איר מוזן זיך באַנוצן מיט מיינע ווערק, כדי צו שילדערן דעם לעבנסשטייגער פון די דאַמאָלסדיקע דורות". און מענדעלע דער „היסטאָריקער" איז געווען פון די תלמידי־חכמים, וואָס די גמרא זאָגט וועגן זיי, אַז וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ געזעצטער ווערט זייער פאַרשטאַנד און שאַרפער זייער אויג. וואָס עלטער מענדעלע ווערט, וואָס מער ער רוקט זיך אָפּ פון די „דעמאָלטיקע דורות" מיט זייער לעבנסשטייגער, וואָס ער האָט פאַראייביקט אין זיין ווערק — אַלץ מער וואַקסט זיין שילדערונקס־קראַפט. דער אַלטער מענדעלע איז סוף־כל־סוף גובר דעם אַמאָליקן אַבראַמאָוויטש דעם מוסר־זאָגער און מוכיח, און ער אַנטפּלעקט זיך אין זיין גאַנצער פּראַכט מיטן שפּאָטישן שמייכל אויף די ליפּן. און מענדעלעס שפּאָט און סאַרקאַזם איז געווען פאַר דער יידישער ליטעראַטור אַ באַפרייאונגס־אַקט ניט פון אַ קלענערער מדרגה ווי פאַר דער רוסישער — גאָגאָלס גאָליקער, אין טרערן־געטובלטער געלעכטער. מענדעלעס שפּאָט און סאַרקאַזם איז געווען אַ מוז־זאַך, בכדי בייקומען און גובר זיין די שליטה פון דעם פאַרגליווערטן לעבנסשטייגער, אַ מוז־זאַך פאַר די שפּעטערדיקע קינ־סטלער, זיי זאָלן אימשטאַנד זיין פריי צו שאַפן און ווערן

פ ע ר ל ז ו כ ע ר דאָרט, וואו מענדעלע האָט געזען בלויז דעם אויטאָ־מאַט, „אַ עדה פון מילבן״... „מסעות בנימין השלישי״ און „פישקע דער קרומער״ האָבן דורכגעטרעטן דעם וועג נישט נאָר פאַר מענדעלעס „איניקל״ שלום עליכם מיט זיין טביהן און מנחם מענדלען, נייערט אויך פאַר פרצס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ און פאַר שלום אַש מיט זיין „שטעטל״. נאָכן צ ע ש ט ע ר נ ד ן סאַרקאַזם פון בנימינס וועלט־באַרימטע אַנדענקונגען און סענדערלס מאַרש, האָט פרץ באַקומען פ ר י י ע ל ו פ ט זיינע שטומע נפשות צו באַזינגען, צו שאַפן זיינע העלדן אַן ווערטער — אברהמל באַס און סאטיע דער פישער, און אַש האָט די פאַסענדע שטימונג באַקומען אויס דעם לעבנסשטייגער פון זיין אַלטפרענקיש שטעטעלע אַ אידיליע צו שאַפן.

מענדעלע האָט אָבער דערצו נאָך געהאַט די גרויסע זכיה פון אריכת ימים, און געהאַט די מעגלעכקייט אַליין מיט זיינע אייגענע אויגן צו זען ווי אויס זיין „עדה פון מילבן״ איז געוואָרן אַ געזעל־שאַפטלעכער קיבוץ מיט קאָמפּליצירטע אינטערעסן, און אַנשטאָט די הכנעהדיקע גרימאַסע, דערזען דעם עקשנותדיקן קאַמף און דעם שטאָלצן רוקן... דער ביטול, דער שפּאָט צום קאַבצאַנסקער לעבנסשטייגער ווערט אָפּגעשטאָרבן. מענדעלע האָט דערזען — עס איז שוין דאָס אַ מ אָ ל ג ע ו ו ע ז ע נ ע, דאָס היסטאָריש פאַרגאַנגענע; מען דאַרף עס שוין ניט אָ פּ ל אַ כ ן, נאָר מ אָ ל ן, אָן כעס, אָן צאָרן, מיט אַ רואיק גלאַסן געמיט, און מיט אַ זיכערער האַנט, און דער „זיידע״ מענדעלע, שאַפט זיין „בימים ההם״, זיין „שלמה ר׳ חיימס״...

און דאָ מוז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן ווערן איין העכסט אינטערעסאַנטע דעטאַל. אין דער גאַנץ גרויסער הקדמה צו „שלמה ר׳ חיימס״ טרעטן צום ערשטן מאָל אַרויס פאַר אונדז מענדעלע און ר׳ שלמה, ד. ה. שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, די זעלבע צוויי, אַלס צוויי ב אַ ז ו נ ד ע ר ע פּ אַ ר ש ו י נ ע ן, צוויי אַלטע גוטע ברידער. מיר ווייסן אַלע גאַנץ גוט, אַז מענדעלע איז נישט סתם אַ פּסעוודאָנים ווי ס׳איז דער מנהג ביי אַנדערע שרייבער — מענדעלע מוכר ספרים איז דאָך די צענטראַלע פיגור אין מענדעלעס ווערק. בכדי דער קינסטלער זאָל קאָנען גובר זיין דעם משכיל, דעם חקרן, האָט זיי אַבראַמאָוויטש צונויפגעשמאָלצן אין איין שפּיגל־בילד — אין דעם מענדעלע, וואָס איז אי אַ פּקח אי אַ תם, אַ ייד אַ חקרן מיט ניין מאָס רייד און בו בעת מיט אַ ניצוץ פון אַ דיכטער, וואָס איז פאַרליבט אין גאָטס שיין וועלטל, אינם געזאַנג פונם פויגל און אינם צניעותדיקן וואַקסן פון אַ בלום... און אָט דאָס טאַקע איז דער גאַנצער קונץ פון מענדעלען אַלס טיפּ און כאַראַקטער־בילד, וואָס מען קאָן קיינמאָל נישט אַרויסבאַקומען

די גרענעץ וואו עס ענדיקט זיך דער יחיד מענדעלע, דער חכם, דער פּקח, דער האַלבער משכיל און האַלבער פרומער ייד, און וואו הויבט זיך אָן אין אים דער סימבאָל פון כלל ישראל, פון דעם יידישן קיבוץ אין תחום...

אין „שלמה ר׳ חיימס״ זעען מיר עפּעס גאָר נייעס. מענדעלע מוכר ספרים און ר׳ שלמה (אַבראַמאָוויטש) טרעטן אַרויס אַלס צוויי באַזונדערע פּערזענלעכקייטן. דער קינסטלער פאַלט דאָ אויף אַ וואונדער שיינער המצאה; ער פאַרבייט קונציק די יוצרות, און נישט דער קינסטלער באַשרייבט מענדעלען מיט זיינע תנועות און הנהגה, נאָר מענדעלע גופא שילדערט דעם קינסטלער, טאַקע ווי מענדעלע קאָן. די דאָזיקע שטעלע האָט אַזאַ אויסטערלישן חן, אַז ס׳איז כדאי צו ברענגען בשלמות.

מענדעלע דערציילט ווי ער האָט זיך געלאָזט מאַכן אַ באַזוך זיין אַלטן באַקאַנטן ר׳ שלמה. אַריין איז ער דורך דער הינטערטיר, זיך „גוט צורעכט געמאַכט״ אין פאָדער־חדר און געבליבן שטיין ביי דער טיר שטילשווייגנדיק.

— ווער איז? ווער איז דאָ? רופט זיך אָן דער אַלטער נישט רירנדיק זיך פונם אָרט.

— גאָרנישט... אַ ייד איז דאָ... גוטן אָוונט! ענטפער איך מיט אַ האַלבן מויל, שטייענדיק אַלץ טאַקע לעבן טיר.

— וואָס זאָגט ער דאָרטן? פרעגט דער אַלטער פאַרוואונ־דערט אויפשטייענדיק שוין פון אָרט, און לאָזט זיך גיין צו מיר.

— וואָס ער זאָגט?... גאָרנישט... „גוטן אָוונט״ זאָג איך.

— „גוטן אָוונט״ איז זייער שיין, זייער גוט, אָבער איך בעט אייך, רב ייד, וואָס ווילט איר?

— וואָס וויל איך? גאָרנישט וויל איך... אַזוי זיך... אַריין; אַז יאָ אַזוי, איך האָלט שוין אין גיין, טראַכט איך מיר, כדאי אַריינצוגיין זעען זיך מיט אַ אַלטן באַקאַנטן. וואָס מאַכט איר, רב שלמה? אוי שוין אַ צייט מיט יאָרן, אַז מיר האָבן זיך נישט געזעען, מיר זיינען ביידע אַלט געוואָרן אין דער צייט. די האָר אייערע זיינען שוין גאָר ווייס געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט איר זיך קיין סך נישט פאַרענדערט, איך האָב אייך באַלד דערקענט אין דעם הויכן שטערן און אייער קורצע ראיה; די זעלביקע אויגן די פייערדיקע, די זעלביקע ליפּן, אויף וועלכע צאַרן מיט שמייכל שוועבן אינאיינעם, דער זעלביקער ברען און דאָס זעלביקע מאַכן מיט די הענט ביים ריידן, אַזוי ווי אין דער יוגנט. איר זייט אייך אַלט־יינגל, איך בעט איבער אייער כבוד! נו, און מיך, מיך דער־קענט איר נישט? — זאָג איך מיט אַ זיס פריינטלעך שמייכעלע, אויסציענדיק זיך פאַר אים ווי גרויס איך בין, אָננעמענדיק זיך פאַרן בערדל.

— האַ, וואַרט נאָר, וואַרט אַ ווײַלע — זאָגט רב שלמה שאַרף אָנקוקנדיק מיך — אָ, דערקענט: רב מענדעלע... אָך, ליבער פֿרײַנט רב מענדעלע מוכר ספֿרים! ברוך הבא!... (שלמה ר' חיימס, 8).

מענדעלע טרעט שוין אָפּ אין אַ זייט — ר' שלמה, דאָס הייסט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש באַקומט דאָס וואָרט. און דער קלוגער מענדעלע איז שוין זיכער, אַז דער אַלטער ר' שלמה וועט שוין נישט זאָגן קיין מוסר. ער וועט נאָר דערציילן און באַשרייבן וואָס ס'איז געשען „בימים ההם", אָן רוגז, אָן שטעכווערטלעך...

און מענדעלע האָט טאַקע קיין טעות נישט געהאַט. שלמהלעס געבורטס־שטאָט אין „שלמה ר' חיימס" איז אַזוי ווייניק ענלעך צו קאַבצאַנסק און טעטעריווקע, עס ווייט דאָרט אַ גאַנץ אַנדער לופֿט. דאָס אַלטפֿרענקישע שטעטל דערשיינט אין אַ גאַנץ אַנדערער באַלייכטונג. מיר זעען איבער אים הענגען אַן אַנדערן הימל. אַפֿילו אין קנייטלעך־לייגן אַנטפּלעקט דער אַלטער ר' שלמה. ווי ער גופֿא דריקט זיך אויס, „אַ לעבעדיקן קוואַל פֿון ליבשאַפֿט צו מענטשן, צו אַ גאַנצער וועלט מענטשן". דער דיכטער פֿון „שלמה ר' חיימס" באַווייזט אונדז ווי אַזוי „די עדה פֿון מילבן" לעבט כּלל נישט אויף איין נוסח ווי אַ קיבוץ אויטאָמאַטן: ער באַקענט אונדז מיט אַ גאַנצער גאַלעריי אייגנאַרטיקע מענטשן. דיכטערישע נשמות, נישט נאָר ליפּאַ ראובן דער מלמד אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז אַ ניצוץ פֿון אַ קינסטלער, נאָר אויך דער סטאָליער הערצעלע קיילעס, וואָס מאָלט ווי אַזוי די שכינה איז „מנהמת כּיונה", און אײַזיק דער שמיד, אַן אַלטער ייִנגל, און דער פֿריילעכער קבצן אײַזיק שניידער מיט זײַנע לידלעך... יאָ, נישט נאָר מען ווײַנט אינעם אַלטפֿרענקישן שטעטעלע, וואו שלמהלע פֿאַרברענגט זײַנע קינדער־יאָרן מען זינגט דאָרט אויך לידלעך, אַפֿילו ליבעלידלעך...

פֿאַרגעסן איז זײַן סאַרקאַזם, און ער ווערט דער דיכטער פֿון אַ אידיליע. דער שפּאָט און ביטול ווערט פֿאַרביטן אויף דעם נוסח פֿון אַן עפּאָס...

דאָס ל ע צ ט ע בלאַט אין מענדעלעס שאַפֿן, זײַן שוואַנען־ליד, איז אַ ניי בלאַט געווען, מיט אַ נייעם נוסח... דאָס באַווייזט ווי ווייט מענדעלע איז טאַקע גערעכט געווען — טאַקע „איין אַלט ייִנגל" מיט דעם יוגנט־אימפּעט צו בויען און צו שאַפֿן...

דער היסטאָריקער דובנאָוו האָט אונדז אַמאָל דערציילט, ווי אַזוי אין 1913 בעת ער איז אין אָדעס געווען, און דעם אַלטן „זיידן" באַזוכט, האָט יענער אין אַ געשפּרעך אים דערקלערט מיט אַ שמייכל: „פֿון הונדערט יאָר וועל איך דעם רבונו של עולם נישט שענקען קיין איין

טאָג אַפילו. וואָס מער פון הונדערט—וועלן מיר שוין ווי עס איז מושוה ווערן״. ביז אין טיפן עלטער, ביז צו דער שקיעה — פול מט לעבנס־קראַפט און מיט שאַפונגס־חשק. אַ שטאַרקער פעסטער בוים, דער ע ר ש ט ע ר קרעפטיקער בוים, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אונדזער „ליידיקן פאַרוויסטן גאָרטן״, צו וועלכן מענדעלע האָט די דעמאָלטיקע ליטעראַטור פאַרגליכן. מענדעלע איז אָבער נישט נאָר דער ע ר ש ט ע ר קלאַסיקער אין אונדזער נייער ליטעראַטור: ער איז די מ אָ ס, דער טרייער ו ו ע ג צ י י כ ן, ווי ווייט מיר גייער פאָרויס און צו מיר גייען אין ר י כ ט י ק ן וועג. און נישט נאָר מיר קומען רוען אונטער דעם ברייטן שאָטן פון דעם קרעפטיקן בוים, הערן די אַ ל ט ע מעשיות, וואָס האָבן פאַסירט „בימים ההם״ דאָרט „בעמק הבכא״, אין גלופּסק און קאבצאנסק, וואו מענדעלע מוכר ספרים איז אַרומגעפאָרן מיט זיין ביידל, — נאָר אויך אונדזערע אייניקלעך, וואָס וועלן וואנדערן אויף פיל ווייטערע און נ י י ע וועגן, וועלן דאָך מיט ליבע און דאַנק ווענדן זייערע בליקן צו דעם אַלטן מיט מאָך באַדעקטן און דאָך שטאַרקן און שטאָלצן ריזן־בוים מיט דער אייביק גרינער קרוין.

מיטן פנים צום טאַלענט

וועגן איציק מאַנגערס פּאַרטראַג „מיטן פּנים צום טאַלענט" ווייס איך בלויז פון מ. קיטאַיס אַרטיקל אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (נומ. 43); קאָן איך דערפאַר נישט אורטיילן, ווי ווייט קיטאַי איז גערעכט מיט זיינע טענות קעגן מאַנגערן. איך האַלט אָבער פאַר זייער כאַראַקטעריסטיש די שטעלע אין קיטאַיס אַרטיקל, וואו דער פאַר־פאַסער שטעלט די פראַגע וועגן „אייביקע ווערטן, וואָס מען קען בכלל נישט באַשטימען, ווייל ווער קאָן זיך מיט זיכערקייט אָננעמען צו זאָגן, וואָס עס וועט פאַרבלייבן אין דער אייביקייט." „קאָן מען, — פרעגט ווייטער מ. קיטאַי, — מעסטן אייביקייטן מיטן מאסשטאַב פון די עטלעכע הונדערט יאָר קולטור־ און קונסט־געשיכטע, וואָס מיר פאַרמאָגן? גייט דאָך בכלל די געשיכטע, די געזעלשאַפטלעכע, ווי די קולטורעלע, מיט זיגזאַגן, און וואָס היינט איז טריף, קאָן מאָרגן געכשרט ווערן, און אויך פאַרקערט."

איך וועל מיך נישט אָפּשטעלן דערויף, וואָס קיטאַי רעדט בלויז וועגן „עטלעכע הונדערט יאָר קולטור־ און קונסט־געשיכטע, בעת די דאָזיקע געשיכטע ציט זיך שוין נישט הונדערטער, נאָר טויזנטער יאָרן, טיפּיש ביז גאָר איז זיין דערקלערונג, אַז אויך בנוגע פראַגן פון קונסט און פּאָעזיע איז גילטיק דער כלל: „וואָס היינט איז טריף, קאָן מאָרגן געכשרט ווערן." און קיטאַי גלויבט אַזוי פעסט אין דער גילטיקייט פון דעם דאָזיקן כלל, אַז ער פאַרזיכערט אַפילו דערביי: „קיין ראיות דערצו דאַרף מען נישט ברענגען." איך געדענק נאָך זייער גוט, ווי צוריק מיט אַ יאָר דרייסיק האָט מען אין געוויסע יידישע ליטעראַרישע קרייזן מרעיש־עולם געווען וועגן „שינוי ערכין" — מען דאַרף איבערשאַצן אַלע ווערטן, איבערשאַצן אונדזער גאַנצע קולטור־ירושה! נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך גענויער אָפּצושטעלן אויף דער דאָזיקער „שטורם־און־דראַנג" באַוועגונג; איינס דאַרף אָבער אָנגע־מערקט ווערן: אַפילו אירע אַנטשיידענע קעגנער האָבן געמוזט אָנער־קענען, אַז די פריידיקער פון „שינוי ערכין" זיינען געווען דורכגע־

דרונגען מיטן פעסטן גלויבן אין דער ריכטיקייט פון זייערע נייע דערוואָרבענע „ערכין“. היינט באַמערקט זיך אין געוויסע יידישע אינטעליגענטע קרייזן אין מערב־אייראָפּע און אויך אין אַמעריקע אַ גאַנץ אַנדערע שטימונג, אַ שטימונג פון צעמישטקייט, פון „ערבוב התחומין“, עס האַנדלט זיך שוין נישט וועגן „שינוי ערכין“, נאָר וועגן „ביטול ערכין“ — מענטשן האָבן בכלל אָנגעוואוירן דעם גלויבן אי־נעם ווערט פון די אַלטע „ערכין“, און אויך פון די נייע. עס פעלט דער בויטיקער מוט און שאַפונגס־לוסט צו באַשאַפן נייע לוחות אויפן אָרט פון די אַלטע צעבראָכענע, וואָרעם — „וואָס היינט איז טריף, קאָן דאָך מאָרגן געכשרט ווערן“...

זיי האָבן אָבער אַ גריילעכן טעות, אָט די פון „ערבוב התחומין!“ און דער טעות נעמט זיך טאַקע דערפון, וואָס זיי פאַרבייטן, במחילה, די יוצרות, מישן צונויף גאַנץ פאַרשיידענע ענינים. די טראַגעדיע פון עווריפּיד און סאָפאָקל, האָמערס איליאַדע, די תהלים־געזאַנגען, די ביבלישע ספרים „שיר־השירים“ און „רות“, די וואונדערבאַרע געטין פון מילאָס, די גאונישע סקולפּטורן פון פידיאס און פאַליקלעט, האָבן געהערט צוריק מיט טויזנטער יאָרן און געהערן אויך איצט צו די העכסטע דערגרייכונגען פון דער מענטשהייט אויפן געביט פון קונסט. און אָט דאָס איז טאַקע דער בעסטער פּראָוושטיין פאַר אמתער קונסט, וואָס דער אומברחמנותדיקער קריטיקער — די צייט, האָט איבער איר נישט קיין שליטה, מער נישט דער מאָדערנער קולטור־מענטש קוקט מיט אַנדערע אויגן אויף דעם אַנטיקן קונסט־ווערק, ער גיט אים אַן אַנדערן פּירוש. סאָפאָקלעסעס אַ דראַמע, אַ שטייגער, איז בשעתה געווען פאַקטיש אַ רעליגיעזער אַקט, געווען פאַרבונדן מיט דעם אַנטיקן גאָטעסדינסט; די ווענוס פון מילאָס איז אַ געטין־בילד. היינט גלויבט מען נישט אין פאַרקערפּערטע געטער, און דאָך האָט דאָס געטלעכע סקולפּטור־בילד זיין גוואַלטיקע מאַכט נישט פאַרלוירן: די צייט האָט דער געטין די הענט אָפּגעבראָכן, און דאָך — אַ קאַליקע, אָן הענט, באַגליקט זי דאָך מיט איר כישוף־שמייכל די מענטשהייט: און ווי גרויס און גוואַלטיק ס'איז די צויבער־קראַפט פון דעם דאָזיקן שמייכל, זאָגט געגנוי עדות גלעב אוספּענסקיס האַרציקע דערציילונג „וויפּראַמילאַ“ (אויסגעגלייכט) און היינעס באַרימטע פאַררעדע צו זיין „ראָמאַנצעראָ“...

אָט טאַקע אין דעם ליגט די גרויסקייט פון אמת: אומשטערב־לעכע קונסטווערק, וואָס יעדער דור זעט אין זיי עפּעס נייס, גיט אויף זיי אַ נייעם פּירוש, זעט אין זיי דעם סימבאָל פון זייערע שטרעבונגען,

פון זייער באַוואוסטזיין און וועלטבאַנעם. אַזוי לייגט אַריין יעדער דור אַן אַנדערן אינהאַלט אין שעקספּירס „האַמלעט“, אין סערוואַנטעסעס „דאָן קישאָט“ און אין געטעס „פּאוסט“.

איך ווייס אָבער, אַז ביי אונדז זיינען פאַראַן אַזוינע פייערדיקע חסידים פון רעאַליזם, וואָס פאַרהאַלטן זיך מיט גרויס חשד צו די ווערטער: סימבאָל, סימבאַליזם, באשר דאָס שמעקט שוין מיט מיסטיק, און מיסטיק קאָן דאָך פאַרפירן צו דער סטרא־אחרא... דאַרף מען אָבער קיין פחדנים ניט זיין, ניט מורא האָבן פאַר געוויסע ווערטער, ווי אָסטראָווסקיס באַוואוסטע פערסאָנאַזש האָט זיך געשראָקן פאַרן וואָרט „זשופּעל“, אמתע קונסט באַגנוגנט זיך קיין מאָל ניט מיטן בלויזן אויבערפלאַך, מיט די צוויי שטחן פונעם ציפערבלאַט, נאָר זי גראָבט אין דער טיף, זוכט נאָר דעם פאַרבאַרגענעם. און אויב אַלץ, וואָס זוכט נאָכן פאַרבאַרגענעם, אַלץ, וואָס איז פילבאַדייטנדיק און אין סוד איינגעהילט, איז מיסטיק — מוז מען מודה זיין, אַז צום געביט פון מיסטיק געהערט דער סודותדיקער שמייכל פון לעאָנאַרדאָס דזשיאָקאָנדאַ, די אַראָפּגעלאָזטע אויגן פון יהודית וואָס טרעט מיטן פוס אויף דעם קאָפּ פון האָליפאָרנוס, אויפן פראַכטבילד פון דעם ווענעציאַנער דזשאָרדזשאָנע, וואָס הענגט אין לענינגראַדער ערמיטאַזש, אויך פּושקינס קלאַסישע דערציילונג „די דאַמע פּיק“ און די גערעאַנגלענישן פון איוואַן קאַראַמאַזאָוו ביי דאָסטאָיעווסקין, נישט בלויז אויף דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע“ און אויף דעם צווייטן טייל „פּאוסט“ שרייבט מען אַלץ נייע פּירושים, נאָר אויך אויף פּושקינס „קופּערנעם רייטער“. קרישטאָל־קלאָר איז פּושקינס מוזע, זי וויל ניט וויסן פון שלייערס און רמזים און דאָך: שוין הונדערט יאָר זיינען פאַרגאַנגען, זינט זי האָט איר מייסטערווערק „דעם קופּערנעם רייטער“ פאַר דער וועלט אַנטפּלעקט, און נאָך איז ניט אויסגעשעפּט זיין טיפער באַדייט, מען זוכט אין אים אַלץ נייע סימבאָלן, נייע אַנטפּלעקונגען. האָט דאָך שוין דער אַלטער יידישער דיכטער, יהודה הלוי, געוואוסט פון דעם סוד, אַז אמתע, פולקאָמע שיינקייט באַווייזט זיך קיינמאָל ניט נאַקעט און אַנטבלויזט...

געוויס איז מ. קיטאַי גערעכט, ווען ער ווייזט אָן, אַז אַ ווינטשעווסקי אָדער אַ באָווּשאָווער, וואָס האָבן אין זייערע פּראָלעטאַרישע דיכטונגען אַזוי אָפּט געזינדיקט „קעגן דער ריינער געטלעכער מוזע“, זיינען דאָך געווען שטאַרק באַליבט ביי דער יידישער מאַסע, ביי די יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געזונגען און זיך געקוויקט מיט זייערע לידער. צי איז דאָס אָבער אַ באַווייז, אַז ווינטשעווסקי און באָווּשאָווער זיינען גרויסע דיכטער? מיר ווייסן דאָך אויך, ווי שטאַרק באַליבט

און פּאָפּולער עס זיינען אַמאָל קאָמפּלידער, וואָס זייערע באַשעפער באַזיצן נאָך פיל וויניקער פּאָעטישן טאַלאַנט, ווי ווינטשעווסקי און באָווּשאָווער. בשעת אַ הונגער־נויט איז דעם מענטשן אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט געוויס וויכטיקער, ווי פּושקינס שענסטע פּאָעמע. ווען דער שונא פאַלט אָן, איז וויכטיקער פון אַלץ די שווערד און די ביקס, און אַ געלונגענע פּראָקלאַמאַציע (אין פּראָזע, צי אין פערזן), איז געוויס אין דעם מאָמענט נויטיקער פון היינעס בעסטן לירישן געדיכט. דאָס אַלץ גיט אָבער כלל ניט קיין רעכט צונויפצומישן גאַנץ־פאַרשיידענע זאַכן, און דערקלערן די פאַרן באַשטימטן מאָמענט אַזוי נויטיקע אין גראַמען געשריבענע פּראָקלאַמאַציע, פאַר אמתע פּאָעזיע. געוויס האָט אַזאַ פּראָקלאַמאַציע אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן באַדייט, און דער צוקונפטיקער קולטור־ און סאָציאַל־היסטאָריקער וועט איר פאַרפאַסער דערמאָנען צום גוטן, אַלס נוצלעכן און מוטיקן און נוצלעכן קעמפער און טוער, וויל מען זיך אָבער דערמיט ניט באַגנוגענען, און מען פּרוּווט די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציע־שרייבער דערקלערן פאַר טרעגער פון עכטער פּאָעזיע, אויף דעם סמך, וואָס זיי האָבן בשעתם נוצן געבראַכט די ברייטע מאַסן פון פאָלק — באַגייט מען דערמיט אַ זינד לגבי די מאַסן גופא. און עס איז דעריבער כלל ניט קיין צופאַל, וואָס דווקא היינע, דער פאַרפאַסער פון אומשטערבלעכן פּראָלעטאַרישן ליד „די וועבער", היינע, וואָס האָט געהייסן, מען זאָל אויף זיין קבר אַרויפלייגן אַ שווערד, ווייל ער איז אַ מוטיקער קעמפער געווען פאַר דער מענטשהייט־באַפרייאונג. דווקא ער האָט אין זיין „אַטטאַ טראָל" מיט די גיפטיקסטע פיילן באַשאָסן די „טאַנץ־בערן" און „טענדענץ־בערן", וואָס האָבן דעמאָלט מיט זייערע „פרייהייטס־לידער" פאַרהילכט דעם דייטשן פּאַרנאַס.

פאַרבייט נאָר ניט די יוצרות, מישט ניט אויס פּובליציסטיק מיט פּאָעזיע. טאָג־אַגיטקעס מיט קונסט־ווערק, און קומט ניט אויף דעם סמך צום קאַסרילעווקער אויספיר, אַז — להד"ם, נישטאָ קיין אייביקע ווערטן, קיין אמתע קונסט־ווערק אַ פאַרבלענדעניש איז דער אידעאַל פון שיינקייט און האַרמאָניע, וואָרעם — עס בייט זיך דאָך אַלץ, און וואָס היינט איז טריף איז מאָרגן כשר!

(„ליטעראַרישע בלעטער" 23/X 1934.)

די גרעסטע ווערק אין דער יידישער ליטעראטור

דר. ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראטור ביי יידן

10 בענד — 45.00 דאָלאַר

ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַבניצקי

די יידישע אגדות

דערציילונגען, זאגן, לעגענדן, משלים, אַפאָריזמען און שפּריכווערטער.

געקליבן פון תלמוד און מדרשים נאָכן העברעאישן „ספר האגדה״.

2 בענד — 7.50 ד.

דע־לוקס — 9.00 ד.

MORRIS S. SKLARSKY

10 Monroe Street, New York 2, N. Y.

ביכער אויפֿן לאַגער

אַדלער, א.—דער זין פֿון לעבן	$3.00
אויערבאַך, א.—לויטער איז דער אַלטער קוואַל	3.00
אַש, שלום—איסט ריווער	5.00
—אָנקל מאָזעס	2.50
—דער ברענענדיקער דאָרן	2.75
—קיין אַמעריקע	2.50
אָשעראָוויטש, מ.—דער סוף פֿון די שונאי ישראל (2 בענד)	10.00
באַדער, ג.—אונזערע גייסטיגע ריזן (באַנד 3)	2.50
באשעווים י.—דער שטן פֿון גאָריי	3.50
בובבינדער, ב.—די געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד	5.00
ביאַליק, ח. נ.—לידער	3.50
—שריפֿטן	3.00
ביאַליק און ראַבניצקי—די יידישע אגדות (2 בענד)	7.50
—די יידישע אגדות (דע-לוקס)	9.00
ביק, א.—וועלט און היים	1.75
בערמאַן, ל. (לייבעטשקע)—אין לויף פֿון יאָרן	3.50
ברייגין, ר.—פֿון מיין לעבנס-בוך	3.00
גאָלדבערג, א.—דערציייל דיין זון	4.00
גאָלדשטיין, ב.—פֿינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ	4.00
גיצים, מ.—די זון אין מזרח	2.00
—דער וועג צום באַרג	2.00
—ליטעראַרישע זאַמלונגען, נ' 2 און 3, צו	2.50
גלאַטשטיין, י.—ווען יאַש איז געקומען	4.00
—עמיל און קאַרל	1.75
—קרעדאָס	1.50
גליקאָווסקי, מ.—דניאל שטאפעלד (2 בענד)	4.50
געלבאַרט, מ.—פֿון משוררים לעבן	2.50
געלבוים, ה.—די פֿאַמיליע שטיינבערג	3.50
דובנאָוו, ש.—יידישע געשיכטע	2.50
דער נסתּר—די משפּחה מאשבער (2 בענד)	7.00
דרוק, ד.—די מפֿרשים פֿון דער תּורה	3.50

הורוויטש, י. א.—ענטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע	3.00
הילפערדינג, ר.—פינאַנס-קאַפּיטאַל (2 בענ)	6.00
הירשביין, פּ.—בבל (3 בענד, דע-לוקס)	15.00
הערץ, י.—די געשיכטע פון אַ יוגנט	5.00
וואלאפסקי, ה.—מיין לעבנס-וועג	3.00
ווייסבוים, א.—מעקסיקאַנער זיגזאַגן	5.00
ווינער, מ.—צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19-טן י. ה. (2 בענד)	6.00
ווינטשעווסקי, מ.—דער משוגענער פילאָזאָף, דראַמען, (3 בענד)	7.50
זינגער, י. י.—די משפחה קאַרנאָווסקי	5.00
זיפער, י.—אויף יענער זייט בוג	3.00
זשיטלאָווסקי, ד"ר ח.—ייד און וועלט	3.50
—דער זין פון אַ מענטשלעכן לעבן	3.00
יהואָש—תנ"ך (2 בענד)	7.50
יידישע פאַמיליעס און פאַמיליען קרייזן אין ניו-יאָרק	2.00
ליטווין, א.—יידישע נשמות (4 בענד) נעט	12.00
לאַנדאָו, דזש.—דער אייזערנער קנאַפּל	2.50
מאַרק, ב.—געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פוילן	3.00
מאַרקס, ק.—דער דלות פון פילאָזאָפיע	2.50
—קאַפּיטאַל (3 בענד)	7.50
מדרש, י.—מאָנטרעאָל פון נעכטן	2.00
מייזיל, נ.—י. ל. פּרץ, זיין לעבן און שאַפן	3.00
—צווישן חורבן און אויפבוי	3.00
—פאַרגייער און מיטצייטלער	4.00
מיללער, ש.—דור הפלגה	3.00
—רויט און שוואַרץ	3.00
מישקאָווסקי—מיין לעבן און מיינע רייזעס (2 בענד)	6.00
עפראָן, מ.—צווישן שאָטנס	2.50
פּאָלישוק, ד"ר י.—די אַנטוויקלונג פון באַוואוסטזיין און פראָצעס פון וויסן (2 בענד)	7.50
—די אַנטוויקלונג פון דעם אייראָפּעאישן דענקען און דער יידישער ביטראָג (2 בענד)	7.50
פיינבערג, ל.—די יורשים פון דער ערד	1.25
פלעכאַנאָוו, ג.—פון אוטאָפּיע צו וויסנשאַפט	3.00
פראַנצוזקי גאָרפינקל—ערב אָקטאָבער	3.50
—רחל	2.50

פרוג, ש.—שריפטן (3 בענד)	6.00
פרץ, י. ל.—די צייט, דראַמען (2 בענד), מגילות, יעדער בוך	2.00
צינבערג, ד"ר י.—די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי ייִדן (10 בענד)	45.00
קאַץ, ל.—נקמה	2.75
קאראנא, מ.—צייטן	2.25
קוסמאַן, ל.—עזרא	2.50
קראָפּאָטקין, פּ.—די פראַנצויזישע רעוואָלוציע (2 בענד)	6.00
ראַבינאָוויטש, י.—מוזיק ביי ייִדן	3.50
ראָזענבערג, ש.—רבי עקיבא	3.50
רבן, ז.—שיר השירים	15.00
—שיר השירים (דע-לוקס)	30.00
רומשינסקי. י.—קלאַנגען פון מיין לעבן	5.00
ריבקין, ב.—די גרונט-טענדענצן פון דער ייד. ליטעראַטור	3.50
—יידישע דיכטונג אין אַמעריקע	3.50
—אַ גלויבן פאַר אומגלויביקע	3.00
שוב, ד.—העלדן און מארטירער (2 בענד)	6.00
שלום עליכם—אַלע ווערק (28 בענד)	45.00
—איינצלנע בענד	2.00
—אַלע ווערק אין 7 בענד	21.00
—בלאָנדזשענדע שטערן	3.50
שמן, נ.—די באַציאונג צום פרעמדן	3.00

MDRRIS S. SKLARSKY

10 Monroe Street, New York 2, N. Y.